STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04403

# IDISHE FOLKS-GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאַג „יהודיה״.

# אידישע פאָלקס-געשיכטע

פון

פּראָפעסאָר צבי גרעטץ.

איבערזעצט דורך י. שפּירא.

פינפטער באַנד

ה

ווארשא, תרע״ז

3/o D

616

*Drukarnia Uniwersalna, Warszawa, ul. Długa 26. Tel. 260-19.*

# אינהאלטס־פערצייכניס פון פינפטען באנד.

## די עפּאָכע פון הורדוס'עס קעניגליכען הויז.

(פאָרטזעצונג).

### פינפטעס קאַפּיטעל.

#### אגריפּא II.

מאַנגעל אין אחדות אַלס סבה פון אידישער שוואַכקייט געגען רוים. — די מאָראַלישע פערדאָרבונג אין דער אידישער אַריסטאָקראַטיע. — די קנאים און די סיקריקון. — די בעוועגונג פון די נייע משיחים. — די לעצטע פינף רוימישע פּראָקוראַטאָרען. — דער קאַמפּף צווישען די אידען און די שומרונים און דער משפּט אין רוים. — די תקנות פון רבן גמליאל און זיין בית־דין וועגען קידוש־החודש. — נירון קיסר און זיינע פּראָקוראַטאָרען. — די אַפּטע טוישונג פון כהנים גדולים. — די גרויסע אידישע פּכה־דעמאָנסטראַציע. — א בלוטיגער צוזאַמענשטויס מיט די גריכען און קיסרין. — די אידישע שלום־ און מלחמה־פּאַרטייען. — דער ערשטער מיט די רוימער און דער אויפשטאַנד. — די אָרגאַניזירונג פון דעם אויפשטאַנד אויף דער פּראָווינץ. — מאַסען־שחיטות אויף אידען אין ארץ־ישראל און מצרים. — די גרויסע מפּלה פון רוימישען פעלדהערר צעסטיוס און דער ערשטער מלחמה מיט די אידען. — די נייע אידישע שטאַטהאַלטערס אין די פּראָווינצען פון ארץ־ישראל. — די סנהדרין אַלס א צענטראַלע רעגירונג — — — — — — — — — — — — — — 1—39.

### זעקסטעס קאַפּיטעל.

#### די מלחמה אין גליל.

יוסף בן מתתיהו אַלס שטאַטהאַלטער פון גליל. — יוסף'ס ביאָגראַפיע און כאַראַקטער. — דער פּירוד צווישען יוסף'ן און די איבעריגע שטאַטהאַלטערס. — די אַנקלאַגע געגען יוסף'ן אין סנהדרין. — יוסף'ס פאַלשע שפּיעל ביי אידען. — אספּסיאַנוס מיט זיין חיל. — די פעסטונג יודפת גמאל און גוש־חלב. — — — — — — — — — — — — — — 40—60.

### זיעבענטעס קאַפּיטעל.

#### דער חורבן פון ירושלים.

די לאַגע און בעפעסטיגונג פון ירושלים. — די ערשטע קאַמפּפען צווישען די קנאים. — די שרעקליכע שלאַכט־נאַכט. — די ראָליע פון די אדומים. — טיטוס'עס אַנקומען קיין יהודה. — שמעון בר גיורא. — די ערשטע שרעקליכע שלאַכטען אַרום ירושלים. — דער גרויסער הונגער אין שטאָדט. — דאָס פאַלען פון דער פעסטונג אנטאָניא. — די פערטיידיגונג פון בית־המקדש. — די בעלאַגערונגס־מאַשינען געגען די טויערען פון בית־המקדש. — טיטוס'עס קריגס־ראַט און רעד משומד טיבעריוס. — די צופעליגע אונטערצינדונג פון בית־המקדש. — די שרעקליכע שרפה פון בית־המקדש. — דער 18־טאָגיגער בלוטיגער קאַמפּף אַרום חורבן — 61—66

# די געשיכטע פון אידישען גלות.

## ערשטעס קאפיטעל.

### די נאכוועהעניִשען פון דער מלחמה און דער רעשט פון יהודה.

די געפאנגענע אידען ווערען אבגעשיקט געשמיעדט אין קייטען קיין רום.— אספסיינוס ערקלערט דאס לאנד יהודה פאר זיין אייגענטום. — טיטוס'עס רציחות און זיין טריאומף־צוג אין רום. — דער סוף פון די אידישע גבורות. — די לעצטע אידישע פעסטונגען הערקאניום, מצדה און מאכערא. — אספסיינוס'עס גרויזאמע נקמה. — די בלוטיגע אידישע מלחמות געגען רוימער און מצרים אין קיראנייקא. — — — — — — — — — — 87—97.

רבי יוחנן בן זכאי און די גרינדונג פון נייעם צענטער אין יבנה. — תורה שבעל־פה — מדרש און אגדה. — די ערשטע תנאים נאכ'ן חורבן. — רבן גמליאל הנשיא. — שמעון הפקולי און דער סדור התפלות. — עמי־הארצים און תלמידי־חכמים. — — — — — — — — — — 97—119.

## צווייטעס קאפיטעל.

### דער אבפאל פון די קריסטען פון אידענטום.

שאול פון תרסוס, אדער אפאסטעל פאאול. — די אידען־קריסטען אדער „אביונים“. — די סבה פון דער ערשטער ענטוויקלונג פון קריסטענטום. — די גוים־קריסטען. — ווי אזוי די סנהדרין אין יבנה האט אנגענומען מיטלען אבצוזונדערען זיך פון קריסטען. — — — — — — —120—133.

## דריטעס קאפיטעל.

### דאס אידענטום אונטער די קיסרים דאמיציאן נערווא און טראיאן.

רבן גמליאל און רבי יהושע בן חנניה. — רבי עקיבא בן יוסף. — רבי ישמעאל בן אלישע. — אונקלוס הגר און די איבערזעצונג פון דער תורה.— דאמיציאן'ס גזרה געגען אידען. — די אידען פון נציבין און זייער מלחמה געגען טראיאנוס. — דער חורבן פון דער אידישער קהלה אין אלעקסאנדריא. — — — — — — — — — — — — — —

## פיערטעס קאפיטעל.

### די בלוטיגע מלחמה אונטער אדריינוס קיסר.

די אידישע הכנות אבצובויען צוריק דעם בית־המקדש. — די אידישע סיבילה און איהרע ליעדער. — אדריינוס האט געוואלט בויען דעם בית־המקדש נישט אויף דעם הר־הבית. — דער אויפשטאנד געגען רום און רבי עקיבא און בר כוכבא. — טורנוסרופוס'עס מפלות געגען די אידען. — די שרעקליכע אידישע מפלה און הריגת ביתר. — די פערניכטונג פון אידען אין ארץ־ישראל דורך אדריינוס'ען. — ירושלים ווערט בעלאגערט. — די עפאכע פון שמד־גזרות. — עשרה הרוגי מלכות. — די בעציהונג פון די אידען־קריסטען צו די הרגנות פון אידישען פאלק — — — — — 160—184.

# די עפּאָכע פון הורדוס'עס קעניגליכען הויז.

(פאָרטזעצונג)

## פינפטעס קאַפּיטעל.

## אַגריפּאַ דער צווייטער און דער אַנפאַנג פון דער מלחמה געגען רוים.

(פון 21 ביז 4 פאַר'ן חורבן אָדער פון 49 ביז 66 נאָך דער געוועהנליכער צייט-רעכענונג)

ווי גרויס עס זענען געוועזען די נצחונות פונ'ם יודענטום אין יענער צייט, ווען די צאָהל פון די געצענדיענער, וואָס האָבען אָנגענומען דאָס יודענטום האָט זיך שטאַרק פערגרעסערט און די הויפט-יסודות פון דער אידישער תורה זענען אַנערקענט געוואָרען, האָטש אפילו אויך אין אַ נייער פאָרם, — אין לאַנד יהודה גופא אָבער, בעזונדערס אין ירושלים, האָט די אידישע נאַציאָן מיט ביטערקייט געשפירט אויף זיך די שווערע קייטען פון רוים, וועלכע זענען, זינט אַגריפּאַ'ס טויט, געוואָרען אַלץ דריקענדער און אונערטרעגליכער. דער שרעקליכער צושטאַנד איז געוועזען אַזוי אונערטרעגליך, די יסורים אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיך אפילו ניט געקאָנט פריידען מיט די נצחונות פון יודענטום און מיט'ן כבוד פון דער אידישער תורה, וועלכע די פעלקער האָבען אָנגעהויבען אָנערקענען. ווי אַ פינסטער, טרויער-בילד האָט אויסגעזעהען די אידישע מלוכה אין די לעצטע צוואַנציג יאָהר, — אַ בילד פון עלענדער שוואַכקייט: דאָס גאַנצע אידישע פאָלק ליעגט געשמיעדט אין קייטען, און זיינע בעדריקער, די אויפזעהער פון זיין פינסטערער תפיסה, פייניגען איהם אונאויפהערליך און שטעכען און שניידען אַזוי לאַנג זיין מיעד לייב, ביז עס הויבט אָן אין געוואַלדיגער פערצווייפלונג צו רייסען זיינע קייטען, וועלכע עס צוברעכט; דערביי אָבער לויפט-אָב דאָס פאָלק מיט בלוט אינגאַנצען. די בלוטיגע מלחמה צווישען רוים און יהודה, — וואָס די ערשטע פון זיי איז געוועזען שטאָלץ און מעכטיג דורך איהרע שטענדיגע נצחונות, דורך איהרע געוואַלדיגע קריעגס-מיטלען און דורך איהר פאַלשקייט, די אַנדערע — שוואַך און בערויבט פון אַלע מיטלען, מיט וועלכע זי זאָל זיך קאָנען פערטיידיגען, און נור שטאַרק מיט איהר ווילען, — אָט די מלחמה דערוועקט אַ בעזונדערס

גרויסען אינטערעס ביי אַלעמען דאַדורך, וואָס די קליינע און שוואַכע טאָכטער ציון וואָלט געווים מנצח געוועזען איהר געוואַלדיג שטאַרקען פיינד, ווען נור אין איהר גופא וואָלט געהערשט אינערליכע אַחדות און ניט שטענדיגע פּאַרטיי־קאַמפּפען און פעררעטעריי.

דער דאָזיגער ריזענקאַמפּף, וועלכער האָט נור וועניג זיין גלייכען אין דער געשיכטע, איז געוועזען ניט בלויז אַ קאַמפּף פאַר דער פריינהייט, ווי עס האָבען אַזעלכען געפיהרט אויך די דאַמאָלדיגע גערמאַנען, גאַליער און בריטען געגען רוים; ניין, דאָס איז געוועזען אויך אַ רעליגיעזער קאַמפּף. דאָס אידישע פאָלק האָט זיך געשפּירט טאָג־טעגליך בעליידיגט אין זיינע רעליגיעזע געפיהלען דורך דער ווילקיר־הערשאַפט פון רוים, און דער הויפּט־צוועק פון דער מלחמה איז געוועזען, אויסצוקעמפפען פאַר זיך פרייהייט, צו קאָנען אָבהיטען די אייגענע רעליגיע. אמת, רוים האָט נור זעלטען אַרויסגעגעבען שמד־גזירות, ווי, למשל, אין קאַליגולאַ'ס צייטען, אָבער בכלל האָט זי תמיד בעליידיגט דאָס אידישע רעליגיעזע געפיהל דורך איהר שטרענגער אויפזיכט אויף ירושלים און דעם בית המקדש. אויסער דעם האָט די אונטערטעניגע בעציהונג צו רוים אויך געבראַכט דערצו, אַז אַ גרויסער טייל פון די בעסטע אידישע משפחות איז אָנגעשטעקט געוואָרען פון דער רוימישער קולטור, און די געטריישע נאַציאָנאַלע אידען האָבען מיט רעכט מורא געהאַט, אַז ס'וועלען געלעהמט ווערען דאַדורך די בעסטע כחות פון דער גאַנצער אידישער נאַציאָן.

אין דער ווירקליכקייט האָט אין די אַריסטאָקראַטישע אידישע משפחות שוין געהערשט אַזאַ מאָראַלישע פערדערבונג, אַז פריהער אָדער שפּעטער האָבען אויך געמוזט דערפון פערגיפטעט ווערען די מיטלערע קלאַסען. דאָס שלעכטע ביישפיעל האָט זיך אָנגעהויבען פון הורדוס'עס משפחה, וועלכע האָט איהרע מיטגלידער ערצויגען שטענדיג אין רוים, אָדער אין די קעניגליכע הויפען פון די מלכים, וואָס זענען געוועזען אונטערטעניג ביי רוים. אַגריפּאַ דער צווייטער (געבוירען 43 פאַר'ן חורבן, געשטאָרבען לערך 22 נאָך איהם), דער זוהן פונ'ם לעצטען ערהאַבענעם אידישען קעניג, אַגריפּאַ דעם ערשטען, איז געוועזען אַלט 17 יאָהר, ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען, און ער איז שוין דאַמאָלס געוועזען אָנגעשטעקט מיט דער גאַנצער מאָראַלישער פערדערבונג, וואָס האָט אין יענער צייט געהערשט אין רוים, וואו קיינער האָט זיך ניט געשעמט מיט דער אונזיטליכקייט. נאָכ'ן טויט פון הורדוס דעם צווייטען, וועלכער האָט געהאַט דאָס רעכט צו בעשטימען כהנים גדולים, האָט דער רוימישער קייזער, קלוידיוס, איבערגעגעבען דאָס דאָזיגע רעכט אַגריפּאַ דעם צווייטען, בעשטימענדיג איהם אויך פאַר אַ קעניג אין דער קליינער מדינה חאַלקיס, וואו הורדוס האָט געקעניגט. אין דער שטיל האָט מען זיך דערצעהלט, אַז אַגריפּאַ דער צווייטער, דער לעצטער יורש פון די חשמונאים און פון הורדוס'עס הויז, איז געשטאַנען אין שענדליכע בעציהונגען מיט זיין איגנע־

דער שוועסטער, דער שענער בערעניקאַ, די אלמנה פון הורדוס דעם צווייטען. ווי עס שיינט, איז דאָס געווען ריכטיג, דען אַגריפּאַ האָט זיך געזעהען געצוואונגען התונה צו מאַכען איהר מיט'ן קעניג פּאָלעמאָן פון קיליקיאַ, וועלכער האָט זיך פערליעבט ניט אין בערעניקאַ'ס שענהייט, נור אין איהר גרויסער עשירות און האָט אויך צוליעב דעם זיך מגייר געווען. באַלד אָבער האָט פּאָלעמאָן אַוועקגעוואָרפען בערעניקאַ'ן און זיך אַריינגעלאָזען אין אַנ'אויסגעלאַסען לעבען מיט אַנדערע פרויען. נאָך מעהר אויסגעלאַסען איז געווען די צווייטע שוועסטער אַגריפּאַ'ס, די שענע דרוזילאַ, וועלכע אַגריפּאַ דער ערשטער האָט פערקנס'ט מיט'ן פּרינץ עפּיפאַנעס, בתנאי אַז ער זאָל אָננעהמען דאָס יודענטום. נאָך אַגריפּאַ'ס טויט האָט עפּיפאַנעס אָבער ניט געוואָלט מקיים זיין די דאָזיגע בעדינגונג און אַגריפּאַ דער צווייטער האָט איהר אויסגעגעבען פאַר'ן קעניג פון עמאַאוס, חזיז, (Aziz), וועלכער האָט געוואָלט זיך מגייר זיין. דרוזילאַ איז אָבער פונדעסטוועגען אונגעטריי געוואָרען נעגען איהר מאַן און האָט זיך פעראייניגט מיט'ן רוימישען שטאַטהאַלטער פון סיריען, דעם געצענדיענער פעליקס, אָננעהמענדיג אויך זיין געצענדיענסט.— האָטש אַגריפּאַ דער צווייטער איז געווען בלויז קעניג פון האַלקיס, האָט מען דאָך איהם אין רוים געהאַלטען אויך פאַר'ן קעניג פון יהודה, אָבער איבערלאָזענדיג איהם דעם דאָזיגען טיטול, האָט מען אין רוים ביי איהם צוגענומען זיין גאַנצע מאַכט און נאָר אָנגעווענדעט איהם אַלס אינסטרומענט צו בעוואַכען נוט דאָס לאַנד יהודה און דאָס יודישע פאָלק, אַז מען זאָל ניט מאַכען קיין אויפשטאַנד נעגען רוים. אַגריפּאַ איז געווען שטאַרק ערגעבען דעם רוימישען קייזער און האָט זיך אויך גערופען „דער פריינד פון קייזער". די איינציגע מאַכט, וועלכע דער קייזער, אָדער פיעלמעהר זיינע שרים האָבען איבערגעלאָזען אַגריפּאַ'ן, איז געווען די השגחה אויפ'ן בית-המקדש און דאָס רעכט צו בעשטימען אַ כהן-גדול. אָבער אַגריפּאַ פלעגט זיך ווייניג קימערן ביים בעשטימען אַ כהן-גדול, אויב ער איז אַ איד, וואָס איז געטריי זיין גאָט און זיין פאָלק; ער האָט נור געקוקט, אויב יענער איז געטריי די רוימער און איז גרייט צו פערראַטען זיין פאָלק. אין אַ משך פון אַ יאָהר צוואַנציג האָט אַגריפּאַ בעשטימט, לפחות, זיבען כהנים גדולים.

פון דער צייט אָן, וואָס די כהונה גדולה איז ערנידעריגט געוואָרען דורך הורדוס'ן און מען האָט זי געקאָנט קויפען פאַר געלד, זענען געווען פינף משפחות, וועלכע האָבען געהאַט אויף איהר אַ געוויסען רעכט. די משפחות ביתוס, קאַנתעראַס (קאַתראַס), פאַבי, קמחית און חנין; נור זעלטען פלעגט בעשטימט ווערען פאַר אַ כהן-גדול עמיץ, וואָס האָט ניט געהערט צו די דאָזיגע משפחות. די מיטגליעדער פון די דאָזיגע משפחות האָבען געפיהרט צווישען זיך אַ קאָנקורענץ און יעדער פון זיי האָט זיך בעמיהט אַרויסצווייזען וואָס מעהר שפלות פאַר די רוימער און פעראַכטונג פאַר אידען; אָפטער נאָך פלעגט צווישען זיי אויסברעכען אַ

קאַמפף אין די גאַסען פון ירושלים, וואו די אָנהענגער פון די משפחות פלעגען זיך ניט שעמען אַרויסצוטרעטען מיט די פויסטען און וואַרפען שטיינער איינע געגען די אַנדערע. יעדער נייער כהן־גדול פלעגט זיך בעמיהען וואָס לענגער צו פערבלייבען אויף זיין שטעלע און אויך אָבגעבען די פערשידענע אַמטען אין בית־המקדש זיינע קרובים און אָנהענגער, ווייל די אַמטען פלעגען ברענגען זיי גרויסע הכנסות. די כהנים, וועלכע האָבען בעדאַרפט דינען פאַר אַ גוטען ביישפיעל פאַר'ן פאָלק, פלעגען נור טראַכטען וועגען הערשאַפט און עשירות און האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער פוסטקייט און פעראַכטונג פאַר דער אידישער מאָראַל און זייערע ציכטיגע מדות. און אָט דערצעהלט די לעגענדע, אַז נאָך פירציג יאָהר פאַר'ן חורבן האָט מען שוין אין בית־המקדש אויפגעהערט צו זעהן געטליכע ערשיינונגען, און די פרומע כהנים האָבען שוין אפילו אויך אויפגעהערט אַרויסצורעדען בוכשטעבליך גאָטעס נאָמען אין בית־המקדש ביי דער עבודה, ווייל זיי האָבען געהאַלטען, אַז די געגענווערטיגע צייט איז דאָס ניט ווערט. אפילו אום יום־כפור ביי דער עבודה פלעגט דער כהן־גדול שוין אַרויסזאָגען גאָטעס נאָמען אַזוי שטיל, אַז נור די נאָהענט שטעהענדיגע כהנים פלעגען דאָס הערען.

ווי אַ פערפעסטעטער קרעבס וואָלט זיך איינגעגעסען אין אידישען אָרגאַניזם און פערגיפטעט אַלע זיינע בעסטע כחות; די מאָראַלישע פערדערבונג פון דער הויכער אַריסטאָקראַטיע איז איבערגעגאַנגען אויפ'ן פאָלק. פון דער צייט אָן, וואָס דער אידישער בית־דין איז געשטעלט געוואָרען אונטער דער רוימישער אויפזיכט, איז אין איהם אַריינגעדרונגען דער פערפוילטער גייסט פון רוים: שוחד, אייגענוציגקייט, רכילות און האַסגלייבען זענען אין איהם געוואָרען אַ געוועהנליכע ערשיינונג. „מען האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך גאָט'ס יאָך, די דינים זענען פערקרימט געוואָרען, די מעשים זענען שלעכט געוואָרען, די אידישע טעכטער זוכען זיך נור בעלי־גאוה פאַר מענער“...— אָט אַזוי קלאָגט דער דאַמאָלדיגער נאַציאָנאַלער אידישער געדאַנק. די לייכטזיניגקייט פון די פרויען און די שענדליכקייט פון די מאַנסבילען האָבען זיך דאַמאָלס אַזוי פערשטאַרקט און געמעהרט, אַז רבי יוחנן בן זכאי האָט געפונען פאַר נויטיג אָבצושטעלען דאָס פרובירען די אויסגעלאַסענע אידישע פרוי (די סוטה) דורך דעם ביטערן וואַסער. די העכער דענקענדע אידען האָבען זיך אין יענער צייט געקלאָגט, אַז אין אַזאַ פערדאָרבענער צייט טראַכט מען וועגען דער אויסערליכער פרומקייט מעהר ווי וועגען דער צניעות און מדות־טובות. אַזוי, למשל, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ מאָרד אין בית־המקדש, וואו איין כהן האָט אַריינגעשטאָכען דעם צווייטען אַ מעסער אין בויך, האָט רבי צדוק אָנגעהויבען שטאַרק צו מוסר'ן דאָס פאָלק און אַלע האָבען זיך צוויינט. באַלד אָבער האָט מען זיך איבערצייגט, אַז דער עולם איז אַזוי שטאַרק אויפגערעגט געווען ניט פונ'ם שענדליכען מאָרד־אָנפאַל, נור דערפון, וואָס מען האָט זיך געשראָקען,

אַז דאָס הייליגע מעסער איי טמא געוואָרען אָן אַ טויטען. ווען מען האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז דאָס מעסער איז ניט טמא, האָט מען זיך בערוהיגט.

אין די נידעריגערע פאָלקס-מאַסען האָט זיך אָנגעהויבען אַן אַנדערע פערדערבליכע בעוועגונג, חאָטש אין גרונד גענומען איז איהר מאָטיוו געווען גראָד אַ הויכער. די פּאַרטיי פון די קנאים איז אויסגעוואַקסען אַלץ מעהר און מעהר, פון דער צייט אָן, וואָס רוים איז בעגאַנגען די פּאָליטישע רציחה, צו ערקלערען יהודה אַלס איהר איינגענומענע פּראָווינץ. פערטוישענדיג די בעגריפען פון פרייהייט מיט אַנאַרכיע, האָבען פיעל קנאים אָנגעהויבען טרעטען יעדעס געזעץ און רעכט מיט די פיס. זיי פלעגען זיך בעהאַלטען צווישען די בערג און אין די היילען און אָבוואַרטען דאָרט די רייזענדער, רוימער אָדער אידען, וועלכע זיי פלעגען אויסהרג'ענען, כדי דאַדורך צו זעטיגען זייער נקמה, אָדער צו בעקומען מיטלען, ווי אַזוי צו פיהרען זייער ווייטערדיגע עקזיסטענץ. איינינע קנאים, אונטער דער אָנפיהרונג פון אלעזר בן דינאי און זיינע חברים, זענען אפילו געווען גרויסע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען געשוואָרען צו קעמפפען געגען די רוימער און פערניכטען זיי, חאָטש זיי וועלען נור האָבען די געלעגענהייט. זייער שבועה האָט זיך אויך בעצויגען אויף אַלע יענע אידען, וואָס זענען געשטאַנען אין פריינדליכע בעציהונגען מיט די רוימער. אויך אָט די אידען האָבען זיי בעשלאָסען צו פערניכטען דורכ'ן שווערד אָהן קיין שום דין און משפט. אָבער אויך די דאָזיגע פּאַטריאָטען האָבען פערלאָרען די ריכטיגע מאָס, געבלענדעט דורך זייער גערעכטער שנאה, און פלעגען אָבטהון שוידערהאַפטע מערדערייען. זיי פלעגען אָנפאַלען אויף די רייכערע און אָנגעזעהענע אידען, רואינירען זייערע הייזער און ברענגען זיי שאָדען, וואו נור זיי האָבען געקאָנט. אלעזר בן דינאי און זיינע חברים זענען ניט געווען קיין געמיינע רויבער, ווי די רוימער מיט זייערע אָנהענגער האָבען זיי אָנגערופען; דאָס זענען געווען פיעלמעהר מוטיגע גבורים, וואָס האָבען געזוכט צו נעהמען נקמה פון די אידישע בעדריקער, פון די בערויבער פון דער אידישער פרייהייט. אויפ'ן אידישען פאָלק אָבער האָבען זיי געבראַכט פיעל גרויסע אונגליקען דאַדורך, וואָס זיי האָבען זיך וועניג וואָס גערעכענט מיט דער צייט, ווי אויך דורך די גרויזאַמע מיטלען, וואָס זיי פלעגען אָנווענדען אין קאַמפף.

עס איז אָבער געווען נאָך אַן ערגערע פּאַרטיי קנאים, וועלכע האָבען נאָר פערגעסען אָן דעם הויפּט-צוועק — דעם פּאַטריאָטיזם, די נקמה געגען דעם פאָלקס-פיינד — און זיי האָבען די רציחות און אָנפאַלען געמאַכט פאַר אַ פּראָפעסיע. די דאָזיגע קנאים האָט מען גערופען סיקריקון (Sicarier), צוליעב דעם, וואָס זיי זענען געווען בעוואָפענט מיט אַ קורצען שווערד „סיקאַ", וועלכען זיי פלעגען טראָגען אונטער זייערע קליידער, כדי אָנצופאַלען אויף זייערע פיינד אין אַן אָפענעם קאַמפף, אָדער אויך ערמאָרדען איהם

אָנפאַלענדיג הינטערוויילעכטס. די סיקריקון האָבען נעשטאַמט פון די עהרליכע קנאים, אָבער זיי זענען געווען זייער פסולת, זייער אויסוואורף. די אָנפיהרער פון די סיקריקון זענען געווען די אייניקלעך פון יהודה הגלילי: מנחם און אליעזר בן יאיר. זייערע באַנדעס האָבען ניט געוואוסט פון קיין שום דיסציפלין, נור זיי פלעגען אַרומשוועבען איבער'ן לאַנד, רויבענדיג און מאָרדענדיג, טיילמאָל, נאָר אַלס געדונגענע פּריוואַטע רויבער. מיט זייערע געהיימע שווערדען פלעגען זיי זיך אויסמישען צווישען דעם המון, בעזונדערס יום=טוב=צייט, אויפ'ן הר הבית און פלעגען דערהרג'ענען אונגעזעהענערהייד, וועמען זיי האָבען געברויכט. אַזעלכע מערדעריייען פלעגען זיי אויספיהרען מיט אַזאַ געשווינדיגקייט און געשיקטקייט, אַז מען פלעגט זיי כמעט קיינמאָל ניט ענטדעקען. אויפ'ן פאָלק האָבען די דאָזיגע געהיימע מאָרדען געוואָרפען אַנ'אמת'ע מורא. אַזעלכע רציחות פלעגען פאָרקומען אַזוי אָפט, אַז מען האָט, לויט רבי יוחנן בן זכאי'ס פערארדנונג, אויפגעהערט צו ברענגען אַנ„אָבגעהאַקטען קאַלב"—אַנ'עגלה ערופה" פאַר'ן אונשולדיג פערגאָסענעם בלוט. ווי עס שיינט, האָט אין יענער שרעקליכער צייט אויך די סנהדרין אָבגעשטעלט איהר טעטיגקייט, ווייל איהרע מיטגליעדער האָבען מיט אַ פערבלוטיגט הארץ איינגעזעהען, דאָס עס איז נישטאָ וועמען צו משפט'ן, דען דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרען מיט רציחות און אונציכטיגקייט. די סנהדרין האָט זיך דאַמאָלס אַרויסגעצויגען פון בית=המקדש (לשכת הגזית) און איז אַריבערגעגאַנגען אין די סוחרישע האַלעס (חנויות) אין בית היני (בית עניה).

אין דער דאָזיגער צייט פון וואַקסענדע מהומות האָבען די בעסערע אידען, יענע, וואָס האָבען געזעהען דאָס גליק פונ'ם יודענטום אין אַ פריעדליכער קולטורעלער טעטיגקייט, זיך צוגעוועהנ'עט מיט נאָך גרעסערער ליעבע צו דער תורה. דאָס אָבהיטען די תורה, די געשריבענע, ווי די אויסווענדיגע, די טראַדיציאָנעלע, איז געוואָרען פאַר זיי די העכסטע אויפגאַבע אין לעבען. דער פאָרשטעהער פון די דאָזיגע אידען איז געווען רבי יוחנן בן זכאי. נאָך דעם נשיא פון סנהדרין, וועלכער איז געווען רבן שמעון בן גמליאל הזקן, איז ער געווען דער ערשטער „מורה הוראָה", אָדער געזעץ=לעהרער, ביי אידען, און, שטעהענדיג אין שפּיץ פון הלל'ס שולע, איז ער אויך אַזוי, ווי הלל, געווען אָנגעזעהען ביים פאָלק. אונטער די קיהלע שאָטענס פון דער מויער פון בית=המקדש, ווייט פונ'ם טומעל פון דער גרויסער שטאָדט, איז ער געזעסען מיט זיינע תלמידים און איבערגעגעבען זיי זיין תורה, וועלכע ער האָט איבערגענומען פון די פריהערדיגע חכמים, לערנענדיג זיי אויך, ווי אַזוי מען דאַרף די תורה ערקלערען.

אַלס צוגאָב צו אַלע פגעים רעים און אונגליקען, וואָס האָבען איד אין יענער צייט אַ שאָט געטהון אויף אידען, איז אויך צוגעקומען די ערשיינונג פון נייע משיחים. דער מורא'דיגער צושטאַנד אין דער געגענוואַרט

יוען די אלגעמיינע אידישע שוואכקייט און די שטארקייט פונ'ם שונא זענען אזוי גרויס געוועזן, אז די פערצווייפלונג האט ארומגענומען דאס גאנצע פאלק, האבען פיעל יודען געזוכט זייער טרייסט און האפנונג אויף אנ'ערלעזער, אדער א משיח, וועלכער זאל ערשיינען מיט איבערנאטירליכע כחות און ברענגען הילף דעם אידישען פאלק. עס האבען זיך אויך געפונען פיעל פרוימער, וועלכע האבען באמת געגלויבט, אז זיי זענען משיחים: די אלגעמיינע פסיכיק פון דער צייט און דער פעסטער גלויבען, אז דאס אידישע פאלק קאן ניט אונטערגעהן, האט מעגליך געמאכט אזא ערשיינונג. אלע משיחים האבען געהאט פאר זיך נור איין ציעל: בעפרייען דאס אידישע פאלק פון רוים. דאס, וואס די אנהענגער פונ'ם גבור יהודה הגלילי האבען געוואלט דערגרייכען מיט זייער שווערד, האבען די אנהענגער פון תודוס געוואלט דערגרייכען מיט אותות און מופתים. כמעט אלע אזעלכע משיחים האבען באמת געגלויבט, אז גאט האט זיי געשיקט, און נור זייער אונגליקליכער סוף האט געבראכט דערצו, אז מען זאל זיי אנערקענען פאר פאלשע משיחים. אזעלכע משיחים זענען געוועזן אויך שמעון פון ציפערן און איינער א איד פון מצרים.—פאר זיך אליין זענען די דאזיגע ערשיינונגען געוועזן גאנץ אונשולדיגע און ניט קיין שעדליכע, אבער די רוימישע שטאטהאלטערם האבען געמאכט פון זיי א טרויעריגע וויכטיגקייט. אויב דאס אידישע פאלק איז אין יענער צייט געוועזן זעהר נערוועז און אונגעדולדיג און האט בעטראכט יעדע קלייניגקייט מצד די רוימער פאר אנ'אטענטאט אויף זיין פרייהייט, פאר וועלכען מען האט בעשולדיגט דעם רוימישען קייזער, זיין שטאטהאלטער און די בעאמטע, זענען אט די לעצטע געוועזן נאך נערוועזער, אונגעדולדיג און פול חשד געגען יעדער וועניג וויכטיגער ערשיינונג אין אידישען לעבען, זעהענדיג אין איהר א סימן פון אנ'אויפשטאנד געגען רוים, און זיי פלעגען דעריבער שטרענג און גרויזאם בעשטראפען סיי די שולדיגע, סיי די אונשולדיגע. אומזיסט האט דער קייזער קלוידיוס און נאך איהם אויך נירון (Nero) ארויסגעוויזען א פריינדליך געמיט פאר אידען: די שטאטהאלטערם פלעגען תמיד איבערטרעטען זייער פאלמאכט און בעגעהען זיך מיט אידען, ווי עכטע טיראנען, ערפילענדיג דערביי זייער תאוה צו הערשאפט און צו געלד.

אין די לעצטע צוואנציג יאהר פאר'ן חורבן האבען געהערשט איבער'ן לאנד יהודה איינער נאך דעם אנדערן פינף פראקוראטארען, וואס איינער פון זיי איז געוועזן מעהר בלוטזויגער און געלד־פרעסער פאר'ן אנדערן. דער ערשטער איז געוועזן דער פראקוראטאר קומאנוס (Cumanus. פון 22 ביז 18 פאר'ן חורבן), וועלכער האט פערנומען די שטעלע פונ'ם פריהערדיגען פראקוראטאר אלעקסאנדער דעם משומד. ער האט פערוואלטעט נור איבער יהודה און שמרון, וועהרענד איבער'ן גליל האט קלוידיוס בעשטימט פאר א פראקוראטאר דעם ברודער פון פאלאס, זיין געליעבטען קנעכט פעליקס. קומאנוס און פעליקס זענען געוועזן איינער דעם אנדערן שונאים

און האָבען דעריבער אָנגערעדט די אידען צו מאַכען אַנ'אויפשטאַנד, אָדער געבראַכט זיי דערצו דורך זייערע מעשים, כדי צו קענען אַרויסטרעטען איינער געגען דעם אַנדערן. קומאַנוס פלעגט אייניפאַך פּראָוואָצירען און אויפרייצען די אידען. ערב פסח, ווען אויפ'ן הר־הבית פלעגען זיך צו זאַמענקומען מאַסען אידען, צו מאַכען דעם קרבן־פסח, האָט ער אַרומגערינגעלט דעם הר־הבית מיט אַ גרויסער וואַך פון סאָלדאַטען, מיט אַ תירוץ: אָבצוהיטען די אָרדנונג. די סאָלדאַטען האָבען זיך דערביי ערלויבט צו מאַכען שענדליכע צייכענס געגען דעם בית־המקדש. די אידען האָבען ניט געקאָנט אַריבערטראָגען די גראָבע בעליידיגונג און געוואָרפען שטיינער אויף די סאָלדאַטען, זידלענדיג דערביי אויך דעם פּראָקוראַטאָר, אַז ער האָט בכיון געוואָלט די אידען פּראָוואָצירען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מהומה, וועלכע האָט געקאָנט איבערגעהן באַלד אין אַנ'אויפשטאַנד. קומאַנוס האָט געשיקט צום הר־הבית נאָך מיליטער און אויך בעזעצט די פעסטונג אַנטאָניאַ (די בירה). פון זיינע אַלע הכנות האָט מען געקאָנט זעהען, אַז ער טראַכט צו מאַכען אַ בלוטיגען אָנפאַל אויף די אידישע מאַסען, און יעדער האָט זיך דעריבער געאיילט צו אַנטלויפען וואָס גיכער אַהיים. פון גרויס לויפעניש איז געוואָרען אַזאַ דערשטיקעניש אויפ'ן הר־הבית, אַז דאָרט זענען אומגעקומען, ווי מען האָט דערצעהלט, העכער צעהן טויזענד אידען.

אַנ'ערנסטערן כאַראַקטער האָט אָנגענומען פאָלגענדער פאַל, וואָס איז אויך פאָרגעקומען אין דער רעגירונג פונ'ם פּראָקוראַטאָר קומאַנוס: די אידען פון גליל, וועלכע זענען עולה־רגל געווען קיין ירושלים אויף פסח, האָבען בעדאַרפט פאַרבייגעהן שמרון. ניט וויט פון שטאָדט איז אויסגעבראָכען אַ געשלעג צווישען די שמרונים און די אידען, און עטליכע אידען זענען דערהרג'עט געוואָרען. צי איז דאָס געווען מצד די שמרונים אַנ'אָנפאַל, צוליעב ראַסען־שנאה, אָדער אַ צופעליגע זאַך, אַלענפאַלס האָבען די אידען פון גליל געהאַט דאָס רעכט, צו פאָדערן ביים פּראָקוראַטאָר, אַז ער זאָל בעשטראָפען די אָנפאַלער. קומאַנוס האָט זיך אָבער בעצויגען צו דער אידישער גערעכטער תביעה גאַנץ גלייכגילטיג, און די אידען האָבען דעריבער געמוזט זעהען זיך אַליין צו פערטיידיגען. די דאָזיגע אויפגאַבע האָט גענומען אויף זיך דער אָנפיהרער פון די קנאים, אלעזר בן דינאי, וועלכען עס האָבען וועגען דעם געבעטען די גאַליליייער און עס האָט איהם אויך בעזונדערס שטאַרק אָנגערייצט דער פּראָקוראַטאָר פון גליל, פעליקס. די קנאים זענען אָנגעפאַלען אויף דער שמרונישער געגענד עקרבה (Akrabatene) און, אויסהרג'ענענדיג איהרע איינוואָהנער אָהן קיין שום רחמנות, האָבען זיי פערוויסטעט די געגענד און די שטאָדט. די שמרונים האָבען זיך בעקלאָגט וועגען דעם ביי קומאַנוס, און ער האָט זיי ערלויבט צו בעוואָפענען זיך און אָנפאַלען אויף די קנאים, דערביי האָט ער זיי נאָך אויך געגעבען פיעל מיליטער צו הילף, וועלכע האָבען גע־

מאַכט צווישען די קנאים אַ גרויזאַמע בלוט-באָד. די דאָזיגע פאַלשקייט און צווייזייטיגקייט פון פּראָקוראַטאָר האָט אַזוי שטאַרק אויפגערעגט דאָס אידישע פאָלק און בעזונדערס די בעפעלקערונג פון ירושלים, אַז מען האָט שוין געוואָלט אָנפאַלען אויף דאָס רוימישע מיליטער. די מלחמה מיט רוים און די שרעקליכע אידישע קאַטאַסטראָפע האָט אַזוי אַרום געקאָנט פאָרקומען נאָך מיט צוואַנציג יאָהר פריהער, אָבער די אָנגעזעהענע מענשען פון ירושלים האָבען בייצייטענס איינגעזעהען, וואָס פאַר אַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע עס האָט געקאָנט ברענגען דיזער באַלדיגער אָנפאַל אויף רוים, און מען האָט בעוויזען צו בערוהיגען אויף דערווייל דאָס פאָלק. מען האָט זיך אַלזאָ געפּרובט משפט'ן: סיי די אידען, סיי די שמרונים האָבען געשיקט דעפּוטאַציעס צום רוימישען שטאַטהאַלטער אין סיריען, אומידיוס קוואַדראַטוס, מיט אַ געגענזייטיגער אָנקלאַגע, בעטענדיג איהם, אַז ער זאָל משפט'ן צווישען זיי. קוואַדראַטוס איז צוליעב דעם געקומען קיין שמרון; זיין משפט איז אָבער געווען אַ פּאַרטייאישער: ער האָט בעפוילען פיעל אידען קודם-כל צו „שלאָגען אויפ'ן קרייץ" (הענגען) און ערשט נאָכדעם האָט ער איינגעלאַדען צו זיך ביידע צדדים קיין לוד. אָבער דאָרט איז די זאַך געוואָרען זעהר פערוויקעלט, צוליעב דעם, וואָס דער גאַליליישער פּראָקוראַטאָר, פעליקס, האָט פערטיידיגט די אידען, און דער פּראָקוראַטאָר קומאַנוס — די שמרונים. דער משפט איז דעריבער איבערגעטראָגען געוואָרען קיין רוים צום קייזער, און קומאַנוס איז דערווייטערט געוואָרען דורכ'ן שטאַטהאַלטער פון זיין שטעלע, ערהאַלטענדיג אַ בעפעהל צו געהן קיין רוים און אָבגעבען דאָרט אַ רעכענונג פאַר זיינע מעשים.

די אידישע און שמרונישע שלוחים זענען געקומען קיין רוים צום משפט, אָבער דאָרט האָבען זיך אָנגעהויבען גרויסע אינטריגעס, ווייל דער פּראָקוראַטאָר קומאַנוס, וועלכער האָט געמוזט אַרויסטרעטען אַלס אָנגעקלאָגטער, האָט געהאַט אַ שטאַרקען צד אין רוים. פון איין זייט האָט קומאַנוס זיך בעמיהט צו ווירקען אויפ'ן קייזער קלודיוס, אַז מען זאָל איהם פריישפּרעכען און בעשולדיגען די אידען, פון דעם אַנדערן צד ווידער האָבען די אידען מיט דער הילף פון אַגריפּאַ דעם צווייטען, וועלכער איז דאַמאָלס נאָך אַלץ געווען אין רוים, זיך בעמיהט צו ווירקען אויפ'ן קייזער אין זייער טובה. דער קייזער האָט בעשטימט אַ געריכט, פאַר וועלכען עס זענען פון אידישען צד אַרויסגעטראָטען יונתן כהן-גדול און אַגריפּאַ. דאָס געריכט האָט פרייגעשפּראָכען די אידען, אָבער ניט דערפאַר, וואָס די ריכטער האָבען זיך באמת איבערצייגט אין דער אידישער אונשולדיגקייט, נור ווייל אַזוי האָט עס געוואָלט די קייזערין, אַגריפּינאַ, וועלכע איז געווען די געליעבטע פונ'ם נעוועזענעם קנעכט פאַלאַס, דעם ברודער פון פעליקס. די שענדליכקייט איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פעליקס, וועלכער איז אין פּראָצעס געווען כמעט ווי אַן אָנגעקלאָגטער, איז בעשטימט געוואָרען טייל-

צונעהמען אין פּראָצעס, אַלס ריכטער. קומאַנוס איז פער'משפט געוואָרען צום פערשיקען, און פיעל שמרונים האָט מען בעשטראָפט מיט'ן טויט. אין דערזעלביגער צייט האָט אַגריפּאַ, ווי עס שיינט, לויט'ן פערלאַנג פון דער קייזערין, בעקומען אַ קעניגרייך אין צפון־מזרח פון לאַנד יהודה, דעם פיער־לאַנד־קאַנט (Tetrarchie), וואָס האָט פריהער געהערט הורדוס'עס זוהן, פיליפּ, די לענדער בשן, אַרגב, גולן און אַבילינה. נור דאָס לאַנד יהודה, דעם צענטער פון דער אידישער מלוכה, האָט רוים געהאַלטען איינגעשלאָסען אין אַזעלכע אייזערנע רינגען, אַז זי האָט אפילו ניט געוואָלט לאָזען דאָרט רעגירען אַזאַ מענשען, ווי אַגריפּאַ, חאָטש ער איז געווען אַנ'ערגעבענער קנעכט ביי רוים און דערצו נאָך אַ מענש מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער, וועלכער האָט בשום אופן ניט געקאָנט ווערען פאַר איהר געפעהרליך. דעם נאָמען „אידישער מלך פון יהודה" האָט רוים געהאַלטען פאַר געפעהרליך פאַר איהר הערשאַפט איבער'ן לאַנד יהודה.

צוליעב דער פערשאַרפטער שנאה צווישען אידען און די שמרונים (כותים) האָט דער דאַמאָלדיגער נשיא פון סנהדרין איינגעפיהרט אַ נייע תקנה וועגען קדוש החדש, דאָס הייסט, ווי אַזוי מען זאָל בעשטימען די חדשים. די אידען פלעגען אין יענער צייט אויך אַזוי, ווי איצט, בעשטימען די חדשים פון יאָהר נאָך דער לבנה, וויל אָבער צוועלף אַזעלכע חדשים זענען קלענער פאַר'ן יאָהר פון דער זון מיט העכער עלף טעג, האָט אין אַ משך פון דריי יאָהר געמוזט אויסקומען דער חדש ניסן פריהער; אין אַ משך פון אַ יאָהר צעהן וואָלט עס אויסגעקומען צו מאַכען פסח אינמיטען ווינטער, ווערהענד, לויט'ן געזעץ פון דער תורה, מוז פסח געפייערט ווערען אין פריהלינג. כדי אַלזאָ צו פערגלייכען די לבנה־חדשים מיט'ן יאָהר פון דער זון, פלעגט מען אַלע צוויי־דריי יאָהר דערלעגען אַ צווייטען חדש (אדר שני). ווי געזאָגט, פלעגט מען בעשטימען יעדען חדש לויט דער לבנה: ווען עס פלעגט זיך בעווייזען צום ערשטען מאָל די לבנה אין יונגחדש, פלעגט זיין ראש חדש, און די סנהדרין פלעגט יעדען ערב ראש חדש אין אָווענד אויפנעהמען עדות, וועלכע פלעגען ערקלערען, אַז זיי האָבען די לבנה געזעהען, און לויט אָט די עדות, פלעגט די סנהדרין אויסרופען: „מקודש מקודש" — ס'הייסט: דער טאָג איז היילינ פאַר אַ ראש חדש. באַלד נאָכדעם פלעגט מען אָנצינדען גרויסע פאַקעלען אויפ'ן אייל-בערט־באַרג (הר הזיתים), כדי מודיע צו זיין, אַז די סנהדרין האָט בעשטימט ראש חדש. ווי נור מען פלעגט די דאָזיגע פאַקעלען דערזעהען אויף די איבריגע בערג אין ארץ ישראל, פלעגט מען אויך דאָרט אָנצינדען פאַקעלען. אַזוי פלעגט מען אָנצינדען פאַקעלען אויף די בערג סרטבאַ (אַלעקסאַנדריאָן), הרפניא (גרופינאַ) און תבור אויף דער זייט ירדן, און אויף יענער זייט ירדן — אויף די בערג פון גלעד: מכור און גדרה, דאַן אויף די בערג פון חורן (Hauran) ביז בית־בלתין (Bet Baltis). פון דאָרט האָט מען די פלאַמען געזעהען אַזש אויפ'ן טייך עפראַט (פרת), האָבען

שוין מטילא געוואוסט אויך די אידען אין גלות, ווען עס קומט אויס ראש חדש. באַלד פלעגען די אידישע קהלות אין בבל אויך אָנצינדען פייערען אויף זייערע דעכער און דאַדורך פלעגען זיך שוין דערוויסען, ווען עס איז ראש חדש, אויך די אידען אין די ווייטעסטע מקומות. ווען אָבער עס האָט זיך פערשטאַרקט די פיינדשאַפט צווישען די שמרונים און די אידען, האָבען די שמרונים אָנגעהויבען אָנצינדען פייערען מיט אַ טאָג-צוויי פאַר דער צייט, כדי דאַדורך אָבצונאַרען די אידען אין גליל און אין בבל, אַז זיי זאָלען מאַכען ראש חדש ניט אין דער צייט. רבן גמליאל מיט זיין בית-דין האָבען דעריבער מבטל געמאַכט די פייערען און מען האָט אָנגעהויבען אַרויסשיקען שלוחים יעדען ראש חדש אין אַלע לענדער, כדי צו לאָזען וויסען די אידען, ווען עס קומט אויס ראש חדש און מטילא אויך יום טוב.

נאָכדעם ווי קומאַנוס איז פערמשפט געוואָרען צום פערשיקען, איז געוואָרען פּראָקוראַטאָר אין לאַנד יהודה דער פריהערדיגער פּראָקוראַטאָר פון גליל, פעליקס, וועלכער איז, ווי שוין דערמאָנט, געווען אַ ברודער פון דער קייזערינס געליבטען פאַלאַס, און אָט די קייזערין האָט איינגעאָרדענט די זאַך אַזוי, אַז אַגריפּאַ און דער אידישער שליח אין רוים, דער כהן-גדול יונתן, האָבען אַליין געבעטען ביים קייזער, אַז ער זאָל דערווייזען זיין „חסד“ דעם לאַנד יהודה און בעשטימען פעליקס'ן פאַר אַ פּראָקוראַטאָר. פעליקס איז געווען פּראָקוראַטאָר זעקס יאָהר (17—11 פאַרן חורבן) און מיט זיין שענדליכקייט און שלעכטסקייט איז ער נאָך אַריבערגעשטיגען קומאַנוס'ן. דאָס איז געווען אַן'אמת קנעכטישע נשמה, אַ רויבער, אַ פּרעסער, אַ נואף, און אין'ם לאַנד יהודה האָט ער געזעהען נור אַ קוואַל פון עשירות פאַר זיך. דאָס פערגיסען בלוט האָט זיך אונטער איהם נאָך מעהר פערשטאַרקט אין לאַנד יהודה, ווייל פעליקס האָט אָבגעטהון די גרעסטע מערדעריען, האָפענדיג, אַז זיין ברודער פאַלאַס וועט איהם פערטיידיגען, אָדער פערדעקען זיינע מעשים אין קייזערליכען הויף. אויף זיין שטעלע איז פעליקס פערבליבען צום אידישען אונגליק אויך נאָך קלוידיוס'עס טויט, ווען אויפ'ן טהראָן איז אַרויפגעשטיגען נירון. דען חאָטש נירון, אָדער ריכטיגער, זיין מוטער אַגריפּינאַ, איז געווען זעהר לייטזעליג פאַר אַגריפּאַ'ן און האָט פערגרעסערט זיין קעניגרייך, צוגעבענדיג איהם נאָך פיער שטעדט אין גליל און אויסערדעם די צוויי שענע שטעדט טבריה און טאַריכעאַ (אויך אין גליל) און די שטעדט יולאַ און אַבילה אויף יענער זייט ירדן (16 יאָהר פאַרן חורבן), האָט ער דאָך אָבער דאָס לאַנד יהודה נאָך אַלץ איבערגעלאָזען אין דער מאַכט פונ'ם בלוטדורשטיגען פעליקס. דער לעצטער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער רודפ'ט נור די „בונטאָוושטשיקעס“ געגען רוים אָדער די, וואָס שטערען כלומר'שט די רוהיגקייט אין לאַנד; אין דער אמת'ן אָבער האָט ער גאָר בשתיקה געמאַכט יד-אַחת מיט די פערווילדעוועטע סיקריקן, כדי צו דער'הרג'ענען יענע אידישע פּאַטריאָטען, וועלכע האָבען וועגען איהם

נערעדט אַ שלעכט וואָרט. צוזאַמען מיט די סיקריקון פלעגט ער טײלנעהמען אינ'ם בערויבען דאָס פאָלק. אונטער איהם האָט מען צושטרייט די מחנה קנאים, וואָס איז געשטאַנען אונטער אלעזר בן דינאי, און אלעזר אַליין איז דורך אַ פאַלשען איבערערעדען גענומען געוואָרען געפאַנגען און צוגעשיקט קיין רוים. אויך די „נביאים און משיחים", וועלכע האָבען, ווי געזאָגט, זיך דאַמאָלס בעוויזען זעהר פיעל ביי אידען, האָט ער שטרענג פערפאָלגט, האָטש ער האָט אַזעלכע געפעהרליכע עלעמענטען, ווי די אמת'ע רויבער-מחנות, די סיקריקון, געלאָזט צו רוה און טיילמאָל זיי נאָך מיטגעהאָלפען בערויבען און מאָרדען דאָס אונשולדיגע פאָלק. וויפיעל אונשולדיגע מענשען פעליקס האָט בעשטראָפט מיט'ן טויט, קאָן מען זעהען הערפון, וואָס אפילו יונתן כהן-גדול, וועלכער האָט זיך אַליין משתדל געווען ביים קייזער קלודיוס, אַז ער זאָל בעשטימען פעליקס'ן פאַר פּראָקוראַטאָר, האָט אויך געמוזט אַרויסטרעטען נעגען איהם איצט און מאַכען איהם אַ פאָרוואורף פאַר זיינע אַכזריות'דיגע מעשים. דערפאַר האָט פעליקס בעשטעלט די סיקריקון, און יענע האָבען דערשטאָכען דעם כהן-גדול אינמיטען העלען טאָג.

די חוצפה פונ'ם רוימישען פּראָקוראַטאָר און די אַכזריות, מיט וועלכער ער האָט בעהאַנדעלט די אידישע בעפעלקערונג, האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס און צוגעגעבען מוט אויך דער ניט-אידישער, בעזונדערס, גריכישער בעפעלקערונג, וואָס האָט געוואָהנט אין ארץ-ישראל אין די שטעדט אויפ'ן ברעג ים. די סירער, די גריכען און די רוימער האָבען אָנגעהויבען אַרויסצוווייזען זייער שנאה צו אידען גאַנץ אָפען אויף שריט און טריט, שפּיעלענדיג די ראָלע פון די אמת'ע בעלי-בתים אינ'ם לאַנד און בעהאַנדלענדיג די אידען, ווי פרעמדע, אין זייער אייגענעם לאַנד. די שרעקליכע קללה פונ'ם גרעסטען איבער אַלע נביאים: „**דער פרעמדער וועט אין דיין לאַנד וואַקסען שטאַרקער און גרעסער, און דו וועסט זינקען אַלץ ניעדעריגער**"—אָט די קללה איז מקוים געוואָרען אויף אַ גרויזאַמען אופן אין וואָרט. שענדליכער און אונפערשעמטער פאַר אַלץ האָבען זיך אַרויסגעוויזען די גריכען אין קיסרין, וועלכע האָבען געהאַט אַ חוצפה צו צונעהמען די אידען די גלייכבערעכטיגונג אין דער שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג, טענ'ענדיג, אַז דער אידישער קעניג הורדוס האָט אויסגעבויט די שטאָדט ניט פאַר די אידען, נור פאַר זיי, פאַר די גריכען. די אידישע בעפעלקערונג, וועלכע האָט זיך אָבער אין קיסרין פערשטאַרקט אין דער רעגירונג פון אַגריפּאַ דעם ערשטען און דורך איהר פלייסיגקייט דערגרייכט צו אַ הויכען וואָהלשטאַנד און אויסגעצייכענט זיך מיט קריעגערישער ענטוויקלונג און שטאַרקען מוט, האָט זיך ניט געוואָלט לאָזען איינשרעקען און בעגרענצען דורך די גריכען. צווישען ביידע טיילען פון דער בעפעלקערונג האָבען זיך אָנגעהויבען טעגליכע רייבונגען און געשלעג אין די גאַסען פון שטאָדט. איינמאָל האָט די אידישע

יענער געוואָלט נעהמען נקמה פאַר אַ שענדליכען אָנפאַל אויף אַ אידען; די אידען האָבען זיך פערזאַמעלט אין די גאַסען, ס'איז אויסגעבראָכען אַ גאַנצע מלחמה, און די גריכען האָבען געהאַט אַ שענדליכע מפלה. דער פראָקוראַטאָר פעליקס האָט זיך אָבער אַריינגעמישט אין דער זאַך און בעפוילען די אידען פונאַנדערצוגעהן זיך; ווען די אידען האָבען איהם ניט געוואָלט געהאָרכען, האָט ער אַרויסגעשיקט געגען זיי זיין מיליטער. פיעל אידען זענען דאַמאָלס אויסגעהרג'עט געוואָרען, אַנדערע געפאַנגען געוואָרען; די היזער פון די רייכע אידען האָט מען צושטערט און בעראַבעוועט. זעהענדיג דעם שרעקליכען חורבן, זענען פיעל רייכע אידישע איינוואָהנער געקומען צום פראָקוראַטאָר און געבעטען זיך ביי איהם, אַז ער זאָל דעם פאָגראָם אָבשטעלען. אין שטאָדט איז געוואָרען דערווייל רוהיג, אָבער דער קאַמפף האָט זיך דערמיט ניט געענדיגט. די אידען און די גריכען האָבען געשיקט דעפוטאַציעס קיין רוים, צו משפט'ן זיך פאַר'ן קייזער נירון. די גריכישע איינוואָהנער פון קיסרין האָבען אָבער אונטערגעקויפט מיט שוחד דעם קייזערס סעקרעטאַר בורוס (Burus), און נירון-קיסר האָט זיך אַרויסגעזאָגט לטובת די גריכען און סירייער. די אידען האָבען פערלוירען זייער גלייכבערעכטיגונג אין זייער אייגענעם לאַנד, אין דער שטאָדט קיסרין. די דאָזיגע אונגערעכטיגקייט האָט פערגרעסערט און פערשטאַרקט די אויפרעגונג צווישען אידען געגען רוים און געבראַכט שפּעטער צום שרעקליכען אויפשטאַנד. איין גוטען רעזולטאַט האָט אָבער דער משפט יאָ געהאַט אויף דערווייל פאַר אידען: דער פראָקוראַטאָר פעליקס איז דערווייטערט געוואָרען פון זיין שטעלע דורך זיין פאַרטייאישקייט אין דער שטרייט-פראַגע צווישען די איינוואָהנער פון קיסרין (אַרום 11 יאָהר פאַר'ן חורבן).

נאָך איהם איז געוואָרען פראָקוראַטאָר אין יהודה דער רוימישער בעאַמטער פעסטוס, וועלכער האָט זיך געהאַלטען ניט מעהר ווי צוויי יאָהר. די לאַגע איז אָבער ניט בעסער געוואָרען. די סיקריקון האָבען ניט אויפגעהערט צו טרייבען זייערע מערדערייען, און פעסטוס איז געווען געצוואונגען מיט זיי צו קעמפפען און פערפאָלגען זיי. צווישען די רוימער און אידען האָט זיך פערשטאַרקט שנאה, קנאה און אונצוטרוי. אַגריפּאַ האָט זיך אין יענער צייט בעזעצט אין ירושלים אין'ם אַלטען חשמונאישען פּאַלאַץ, וועלכען ער האָט איצט אויסגעבויט העכער פאַר'ן בית המקדש, כדי צו קאָנען פון דאָרט אַליין בעאָבאַכטען אַלץ, וואָס עס קומט פאָר צווישען די אידען אויפ'ן הר הבית און אין דער עזרה. דען אין יענער צייט האָבען די דאָזיגע הייליגע מקומות געדיענט פאַר אַן אָרט פון פּאָליטישע בעראַטונגען געגען רוים, און אַגריפּאַ האָט געוואָלט פערהיטען, אַז דער בעשלוס געגען רוים זאָל ניט געמאַכט ווערען פלוצלונג אָהן זיין וויסען. די ממונים איבער'ן בית המקדש האָבען אָבער דערזעהען און אַגריפּאַ'ס הויכער געביידע אַ פערברעכע געגען דעם בית המקדש, ווייל זי

האָבען געהאַלטען פאַר אַ חלול־הקדש, אויב אַ זייטיגע פערזאָן בעאָבאַכטעט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין בית המקדש; זיי האָבען דעריבער אויסגע־בויט אַ גאַנץ הויכע מויער אין מערב־זייט פון בית המקדש, כדי מען זאָל פון קעניגליכען פּאַלאַץ ניט קאָנען אַריינקוקען אין בית המקדש. אַגריפּאַ און דער פּראָקוראַטאָר זענען דערמיט געווען אונצופרידען און האָבען גע־וואָלט לאָזען איינוואַרפען די מויער, וועלכע מען האָט נור־וואָס אויסגע־בויט. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ העפטיגע מחלוקת, אָבער ביידע צדדים זענען געווען נעגוג איינגעהאַלטען, ניט צו דערלאָזען, אַז עס זאָל קומען צו אַ קאַמפף. די פראַגע איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען קיין רוים, וואו נירון האָט געדאַרפט משפט'ן צווישען די צדדים, וועלכע האָבען אַהין געשיקט זייערע שלוחים. די אידישע שלוחים זענען געווען דער כהן גדול ישמעאל און דער ממונה חלקיהו. אָבער גע'משפט האָט דעם ענין ניט דער קייזער, נור זיין געליעבטע פּאָפּעאַ סאַבינאַ (Poppäa Sabina). דאָס איז גע־ווען זעהר אַ שענע פרוי, אָבער אויך אַנ'אונפערשעמט אויסגעלאַסענע, וועלכע האָט זיך געמישט אין אַלע פּאָליטישע ענינים אין נירון'ס קייזער־ליכען הויף, און מיט איהרע אינטריגען פלעגט זי דורכפיהרען אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט. די אידישע שלוחים האָבען זיך דערוואוסט, אַז אָט די פרוי איז נוטה צום יודענטום און האָט, צוליעב אַנ'אונבעוואוסטער סבה, ליעב געהאַט דאָס אידישע פאָלק און זיין תורה, דעריבער האָבען זיי זיך געווענדעט צו איהר מיט אַ ביטע, צו פועל'ן ביים קייזער נירון, אַז די פראַגע זאָל בעשלאָסען ווערען לטובת דעם בית המקדש. די שלוחים האָ־בען זיך דעריבער צוריקגעקעהרט קיין ירושלים מיט אַ גוטער בשורה, אַז נירון האָט בעשלאָסען, דאָס די הויכע וואַנד פון בית המקדש וועט בלייבען שטעהן ניט געריהרט און קיינער וועט ניט קאָנען בעאָבאַכטען, וואָס עס קומט פאָר אין בית המקדש. ישמעאל כהן גדול און חלקיהו זענען אויף דער ביטע פון פּאָפּעאַ פערבליעבען אין רוים, און פאַר אַ כהן גדול איז בעשטימט געוואָרען יוסף בן שמעון הקמחי. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט נירון חתונה געהאַט מיט פּאָפּעאַ און זי איז געוואָרען קיי־זערין פון רוים. אין יענער צייט זענען נאָך געזעסען אין דער רוימישער תפיסה פיעל אָנגעזעהענע אידען, וועלכע פעליקס האָט אָבגעשיקט קיין רוים אַלס פּאָליטישע פערברעכער. די דאָזיגע אידען האָבען בשום אופן ניט געוואָלט עסען קיין טרפות און דעריבער זיך געשפייזט אין תפיסה, ווי אַמאָל דניאל מיט זיינע חברים, נור מיט פרוכטען און קערנער. ווען די נייע קייזערין האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט זי זיך פאַר זיי משתדל געווען ביים קייזער און מען האָט זיי אַרויסגעלאָזט פריי (7 יאָהר פאַר'ן חורבן). ווען פעסטוס איז געשטאָרבען נאָך אַ צוויי־יעהריגען פערוואַלטען איבער יהודה, האָט נירון בעשטימט פאַר אַ פּראָקוראַטאָר דעם רוימישען שר אַל־בינוס, וועלכער איז, אין פערגלייך מיט די פריהערדיגע פּראָקוראַטאָרען, שוין געווען אַ מענש פון גערעכטיגקייט. איידער ער איז געקומען אין לאַנד

יהודה, האָט זיך ביי אידען צוריק דערהויבען די אַמאָליגע פּאַרטיי פון די צדוקים, און דער דאַמאָלדיגער כהן גדול, חנן בן חנניה, האָט זיך גע־שטעלט אין זייער שפּיץ.

פון דער צייט אָן, וואָס עס איז אונטערגעגאַנגען דאָס מלכות פון די חשמונאים, וואָס זייערע לעצטע מלכים זענען געוועזן אָנהענגער פון די צדוקים, האָט די פּאַרטיי פון די צדוקים פערלוירען איהר גאַנצע בעדייטונג. די צדוקים האָבען אַליין איינגעזעהען, אַז ביי'ם פאָלק האָבען זיי קיינע סימפּאַטיע און דורך זייערע אַרויסטרעטען וועלען זיי נור פערגרעסערען די מחלוקת ביי אידען, דעריבער האָבען זיי אויפגעהערט צו מישען זיך אין די עפענטליכע אַנגעלעגענהייטען און זיך געלאָזט געהן מיט די פּרושים צוזאַמען אין אַלע רעליגיאָנס-פראַגען. אפילו ווען איינער פון זיי האָט דערגרייכט צו דער כהונה גדולה, האָט ער אויך ניט געוואַגט אַרויס־צוטרעטען נעגען די פּרושים. דער כהן גדול חנן האָט זיך דערוואַגט דער ערשטער אַרויסצוטרעטען עפענטליך נעגען די פּרושים, אַרויסשטעלענדיג נעגען זיי די פּאַרצייטיגע טעאָריעס פון די צדוקים. עס האָט זיך אַלזאָ צוריק אָנגעהויבען די אַלטע מחלוקת וועגען דעם, ווי אַזוי מען ברויכט צו לערנען און פערשטעהן די תורה; די דאָזיגע מחלוקת האָט זיך אָבער געווייזט צייט נעפיהרט נור צווישען די ווענד פון בית המדרש. דער וועגער פון די פּרושים אין יענער צייט איז געוועזן דער תנא רבי יוחנן בן זכאי, וועלכער איז שטאַרק געווען אָנגעזעהען ביי'ם אידישען פאָלק. ווען אָבער חנן האָט צוזאַמענגעשטעלט אַן איינענע סנהדרין פון צדוקים און אָנגעהויבען צו שטעלען פאַר זיין געריכט נאָר אונשולדיגע מענשען, האָבען די פּרושים ניט געוואָלט און אויך ניט געקאָנט מעהר שווייגען. ווי באַוואוסט, זענען די שטראָף-געזעצען געוועזן פיעל שטרענגער, לויט דער תורה פון די צדוקים, איידער ווי ביי די פּרושים, ווייל די צדוקים האָבען געטייטשט דעם פּסוק וואָרט אין וואָרט, אָהן קיין שום הומאַנישער בע־דייטונג. אַזוי, למשל, „עין תחת עין"—אַן אויג אָנשטאָט אַן אויג, האָבען זיי גע'משפט וואָרט אין וואָרט, אַז מען דאַרף דעם בעשולדיגטען אַן אויג אַרויסנעהמען, און אַזוי האָבען זיי אויך פערשטאַנען פיעל אַנדערע געזעצען. די פּרושים האָבען דעריבער ניט געוואָלט דערלאָזען, אַז אַ סנהדרין פון צדוקים זאָל משפט'ן דאָס פאָלק, און זענען אַרויסגעטרעטען מיט אַ פאָדערונג צו אַגריפּאַ'ן, אַז ער זאָל בעשטימען אַ נייעם כהן גדול. אַ פּרושי. דער נייער רוימישער פּראָקוראַטאָר איז נאָך דאַמאָלס געוועזן אויף דער רייזע פון רוים, און די פּרושים זענען איהם אַרויסגעקומען ענטקעגען, כדי צו בעקלאָגען זיך נעגען דעם כהן גדול חנן, אַז ער האָט פערהאַפט די גע־ריכטליכע מאַכט, וועלכע האָט געהערט צו די רוימער. אַזוי אַרום האָבען זיי געפּועלט, אַז חנן איז דערווייטערט געוואָרען פון זיין שטעלע. זיין מאַכט האָט געדויערט סך הכל דריי מאָנאַט. נאָך איהם האָט מען בעשטימט פאַר אַ כהן גדול יהושע בן דמא, אָדער דמנאי, און אַ קורצע צייט

נאָכדעם — יהושע בן גמלא, אָדער בן גמליאל, וועלכער האָט געקויפט די כהונה גדולה פאַר צוויי טעפּ דינרין (גאָלדענע רענדלעך) ביי אַגריפּאַ'ן. צו די דאָזיגע כהנים גדולים האָט מען אַזוי וועניג צוטרוי געהאַט, אַז מען פלעגט זיי בעשווערען ערב יום כפור, דאָס זיי וועלען טהון די עבודה אין בית המקדש אום יום כפור, ניט ווי די צדוקים האָבען געלערנט, נור ווי די פרושים. דער כהן גדול יהושע בן גמליאל האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייכער אַלמנה מרתא, די טאָכטער פון דער משפחה פון די כהנים ביתוס און אָט זי האָט עס איהם געגעבען דאָס געלד צו קויפען ביי אַגריפּאַ'ן די כהונה גדולה. דער דאָזיגער מסחר מיט דער כהונה גדולה האָט זעהר שטאַרק דערניעדעריגט אין די אויגען פון פאָלק אי דעם כהן גדול, אי דעם מלך. — יהושע בן גמלא איז אָבער נאָך ניט געוועזען דער ערגסטער כהן גדול, דען עס זענען געוועזען אין יענער צייט שוין אויך אַזעלכע כהנים גדולים, וועלכע זענען אפילו ניט געוועזען בעהאַוועזענט אין תנ״ך. וועגען יהושע בן גמלא ווערט אפילו אויך דערצעהלט אַ גרויסע זאַך: ער האָט פיעל געאַרבייט פאַר'ן איינאָרדנען שולען, צו לערנען די אידישע יוגענד תורה, און „ווען ניט ער, וואָלט די תורה פערגעסען געוואָרען ביי אידען". ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרען, האָט דער נשיא פון סנהדרין, דער תנא שמעון בן שטח, געגרינדעט שולען פאַר 16—17-יעהריגע יונגע לייט; ווער פון זיי עס פלעגט ניט מצליח זיין אין זיין לערנען, פלעגט איהם זיין רבי אַרויסטרייבען פון שול. יהושע בן גמלא האָט אָבער איינגעפיהרט אַ תקנה, וועלכע האָט זיך דערנאָך געהאַלטען ביי אידען קנאַפּע צוויי טויזענד יאָהר, דאָס הייסט ביז איצט. אין יעדער שטאָדט האָט ער בעפוילען צו גרינדען שולען (חדרים) פאַר 6—7-יעהריגע קינדער, און, ממילא, זענען שוין ביי אידען מעהר קיין עמי-הארצים ניט געווען, ווייל אַלע אידישע קינדער, אָהן אויסנאַהם, האָבען אין די חדרים געלערנט. — אויך יהושע בן גמלא איז ניט לאַנג פערבליבען כהן גדול, דען אָנשטאָט איהם איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ כהן גדול מתתיהו בן תיאָפיל (פינף יאָהר פאַר'ן חורבן). דאָס איז געוועזען דער לעצטער פון די 27 כהנים גדולים, וועלכע עס האָבען בעשטימט די מלכים פון הורדוס'עס משפחה און עס האָט זיי בעשטעטיגט די רוימישע מלוכה. — די ערניעדעריגונג פון דער כהונה גדולה האָט דערוועקט אין יענער צייט די לויים, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער זיי, צו פערלאַנגען פאַר זיך גרעסערע רעכטע. פון די דריי קלאַסען לויים: די זינגער, די טהיר-שומרים און די בעדיענטע, האָבען די ערשטע געהערט צו דער העכסט פריווילעגירטער קלאַס, ווייל זיי האָבען ערפילט אַ וויכטיגע פונקציע (אויפגאַבע) אין בית המקדש, בעהנ'ענדיג דעם גאָטעס-דיענסט דורך זייער געזאַנג. לויט אַן'אַלטען מנהג, האָבען די לויים ניט געטאָרט פערטוישען זייער בעשעפטיגונג, און אַ לוי — אַ שומר האָט ניט געטאָרט ווערען קיין זינגער. אין דער לעצטער צייט אָבער האָבען די לויים-זינגער געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי אויסגלייכען

אין זייערע רעכטע מיט די כהנים און ערלויבען זיי אנצוטהון א בעזונדער פארם פון הייליגע קליידער ביים זינגען; די אנדערע צוויי קלאסען לויים האבען אויך פערלאנגט, אז מען זאל זיי ערלויבען אריבערצוגעהען אין דער קלאס זינגער. אגריפא האט די דאזיגע פאדערונגען נאכגעגעבען, מעגליך, וויל ער איז געווען בייז אויף די כהנים דערפאר, וואס זיי זענען ארויסגעטראטען געגען איהם, ווען ער האט געוואלט פון זיין הויכען פאלאץ אכטונג געבען אויף אלץ, וואס עס קומט פאר אין בית המקדש. די כהנים האבען אבער געהאלטען פאר זיך פאר א גרויסע בעליידיגונג דאס, וואס מען האט די לויים פערגליכען מיט זיי אין די רעכטע. ווי עס שיינט, האבען די כהנים דערפאר געוואלט נעהמען נקמה אן די לויים און ניט געוואלט זיי געבען דעם מעשר (א צעהענטעל פון תבואות), וואס האט זיי געקומט, לויט'ן געזעץ פון דער תורה. קיין מיטלען, ווי אזוי צו דריקען די לויים, האט בכלל ניט געפעהלט.

דער פראקוראטאר אלבינוס, וועלכער איז געשטאנען אויף זיין שטעלע דריי יאהר (פון 9 ביז 6 פאר'ן חורבן), האט זעהר שטארק געדריקט אידען מיט די גרויסע אבצאהלונגען, וואס ער פלעגט נעהמען ביים פאלק כלומר'שט פאר דער רוימישער מלוכה, און אין דער ווירקליכקייט פלעגט ער א גרויסען טייל אראבלאזען צו זיך אין קעשענע. ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז אנשטאט איהם ווערט שוין בעשטימט א נייער פראקוראטאר, האט ער בעשטראפט מיט'ן טויט די סיקריקון, וועלכע ער האט געהאלטען ביז דאמאלס אין תפיסה פאר שווערע פערברעכען, און יענע סיקריקון, וועלכע האבען געהאט אויף זיך לייכטערע פערברעכען, האט ער ארויסגעלאזען פריי געגען אנ'אויסקויפונג פון געלד. די דאזיגע סיקריקון האבען שפעטער פערגאסען פיעל בלוט ביי אידען, ווען זיי האבען זיך פעראייניגט מיט די קנאים בשעת'ן אויפשטאנד געגען רוים, און דורך זייער אכזריות און מערדערישע מעשים האבען זיי שטארק געשענדעט די הייליגע זאך, פאר וועלכע זיי האבען געקעמפפט.

דער לעצטער פראקוראטאר איז געווען געסיוס פלארוס, וועלכער איז בעשטימט געווארען אויף זיין שטעלע דורך דער קייזערין פאפעא. אט דער פראקוראטאר האט דורך זיין אונפערשעמטער פארטייאישקייט, שוחד נעהמען און בלוט פערגיעסען פראוואצירט ענדליך דאס אידישע פאלק צו מאכען דעם שרעקליכען אויפשטאנד געגען רוים, כדי ארונטערצווארפען דעם יאך פון דער אכזריות'דיגער רוימישער טיראניי. פלארוס איז געווען איינער פון יענע מערדערישע כאראקטערען און פערדארבענע קרעאטורען, פאר וועלכע עס איז קיין זאך אין דער וועלט ניט הייליג, און וועלכע בלייבען אויך ניט געטריי אפילו דער שבועה, וואס זיי האבען געגעבען. די שענדליכע מעשים. וועלכע די פריהערדיגע פראקוראטארען פלעגען אבטהון בשתיקה, אדער, לפחות, אונטער דער מאסקע פון א געזעצליכער פארם, פלעגט פלארוס אבטהון מיט א חוצפה'דיגען שטערען עפענטליך, פאר אלעמען אין

די אוינען, אויסלאַכענדיג זיך פונ'ם געזעץ און רעכט. ניט וויסענדיג פון קיין שום רחמנות, איז ער געווען נאָכגיעביג בלויז פאַר די סיקריקון, ווייל זיי פלעגען איהם איינטיילען אַ חלק פון זייערע רויבערייען. און די צוויי יאָהר פון זיין פערוואַלטונג (פון 6 ביז 4 יאָהר פאַר'ן חורבן) זענען פיעל שטעדט איינגאַנצען בעראַבעוועט געוואָרען דורך די סיקריקון, וועלכע האָבען עפענטליך געקאָנט איצט אָבטהון זייערע מערדערישע מעשים. פיעל אידישע איינוואָהנער, וועלכע האָבען מורא געהאַט פאַר זייער פערמעגען און לעבען, האָבען אויסגעוואַנדערט פון זייער היים און אַ פרעמד לאַנד, כדי דאָרט זיכער צו זיין, לפחות, פון פלוצלונגע אָנפאַלען. די מורא פאַר פלאָרוס'עם גזילות איז אַזוי גרויס געווען, אַז מען האָט שוין מעהר ניט געהאַלטען קיין געלד אין דעם אוצר פון בית המקדש, און דאָס געלד, וואָס פלעגט אָנקומען פון פערשיעדענע ערטער פאַר'ן בית המקדש, האָט מען בעסער באַלד אויסגעגעבען אויף אַ נוצליכע זאַך. אין יענער צייט האָט מען שוין געענדיגט אַלערליי מלאכות אין בית המק־ש, וועלכע מען האָט געפיהרט דאָרט נאָך פון הורדוס'עס צייטען אָן. לערך צוואַנציג טויזענד אַרבייטער זענען געבליעבען אַלזאָ אָהן אַרבייט. דעריבער האָבען די בע־סערע מענשען פון פאָלק געראַטען צו בויען נייע בנינים אויפ'ן הר הבית; אָבער אגריפאַ האָט ניט איינגעשטימט צו בעפעסטיגען נאָך מעהר דעם בית המקדש. און בעשלאָסען בעסער צו לאָזען אויסברוקירען די גרויסע גאַסען פון ירושלים מיט מאַרמאָר־שטיינער, און אַט דערויף האָט מען אויס־געגעבען דאָס געלד, וואָס איז געווען אין אוצר פון בית המקדש, מורא האָבענדיג, אַז פלאָרוס זאָל עס ניט צונעהמען פאַר זיך. קלאָגען זיך גע־נענען פלאָרוס'ן האָט קיינער זיך ניט דערוואַגט, דען דער פראָקוראַטאָר האָט פערשפרייט אַרום זיך אַ שרעקליכע אימה, און ביי'ם סירישען שטאַט־האַלטער צעסטיוס גאַלוס איז אויך ניט אַזוי לייכט געווען צו דער־שלאָגען זיך צו גערעכטיגקייט.

דער צושטאַנד איז געוואָרען אַזוי אונערטרעגליך, אַז אפילו אויך ביי אַ פאָלק אַ פחדן וואָלט די געדולד געמוזט פּלאַצען. די לעצטע פראָקוראַ־טאָרען האָבען די איינוואָהנער פון לאַנד יהודה אַזוי צוגעדריקט, אַז פאַר זיי איז קיין אַנדער מיטעל ניט געבליעבען, ווי צו מאַכען אַנ'אויפשטאַנד געגען רוים. און וואָס האָבען אידען דאַמאָלס אין דער ווירקליכקייט גע־קאָנט טהון? שיקען אַ דעפּוטאַציע קיין רוים צום קייזער נירון, כדי צו דער־וועקען זיין רחמנות אָדער גערעכטיגקייט? — אָבער נירון אַליין איז געווען אַ רוצח, אַ מוטער־מערדער, אַנ'אונטערצינדער, וועלכער האָט געהאַט פער־גניגען צו זעהען, ווי זיין הויפּטשטאָדט ברענט און מענשען פערליערען אין פייער זייער האָב און גוטס און זייער לעבען; נירון איז געווען אַ ווילדער מענש, כמעט אַ משוגע'נער; רוים איז אין יענער צייט גלייך געווען צו אַ משוגעים־הויז, אָדער צו אַנ'אויסגעלאַסענער שענק, וואו דאָס וויסטע לעבען קאָנצענטרירט זיך אַרום שפּיעל, געוועטען און תאוות, און דער

קייזער נירון האָט בעגאַנגען פערברעכען איבער פערברעכען, אין דער זוי=בערהייט, אַז דאָס פאָלק און דער סענאַט וועלען איהם אַפּלאָדירען. עס פערשטעהט זיך, אַז ניט ביי אַזאַ ווילדען מענשען און ניט אין אַזאַ ווילדער צייט און אָרט האָבען אידען געקאָנט האָפען צו געפינען גערעכטיגקייט. אָדער אפשר האָבען אידען זיך געזאָלט ווענדען צו זייער „שאָטען=קעניג", אַגריפּאַ דעם צווייטען, אַז ער זאָל זיך פאַר זיי משתדל זיין? אַגריפּאַ איז אָבער געווען אַ מענש, וואָס האָט נאָר פערשטאַנען צו חנפ'ענען דעם קעניג נירון און זיינע בעאַמטע, אָבער ניט עטוואָס ביי זיי פועל צו זיין. אין דער צייט, וואָס דאָס לאַנד יהודה איז אויסגעגאַנגען אונטער די טעגליכע גזילות און רציחות, האָט אַגריפּאַ קיין אַנדער אויפגאַבע פאַר זיך ניט געזעהען, ווי איבערצובויען אין צפון=ארץ=ישראל די שטאָדט צע=זאַרעאַ=פיליפּי און געבען איהר אַ נאָמען נעראָניאַ, לכבוד דעם „גרויסען קייזער" נירון; אַגריפּאַ האָט זיך אויך עוסק געווען, ווי זיין עלטער=זיידע, הורדוס, אין בעפּוצען די פרעמדע שטעדט מיט'ן שוויים און מאַרך פון זיינע עלענדע אידישע ברידער און לאָזען דאָרט אויסשטעלען מאָנומענטען, גריכישע בילדער און דעסגלייכען, — צי האָט דען אַלזאָ דאָס אידישע פאָלק געזאָלט זוכען זיין הילף ביי אַזאַ מענשען? אַגריפּאַ אַליין איז גע=ווען אַזאַ פּחדן, אַז ער האָט געציטערט דעם קאָפּ אויפצוהויבען, שטעהע=דיג פאַר פלאָרוס'ן. די אידען האָבען דעריבער ניט געהאַט קיין אַנדער וועג, ווי צו געהען העלפען זיך אַליין; דאָס האָבען איינגעזעהען די בעסע=רע אידען, אַלע יענע, וואָס האָבען זיך ניט פערקויפט צו רוים, ניט גע=לאָזט זיך בלענדען פון זיין פאַלשען גלאַנץ אָדער זיך בעטויבען פון זיין גרויסער מאַכט. די מוטיגערע אידען האָבען שוין דאַמאָלס געטראַכט וועגען אַן אויפשטאַנד און זיך געווענדעט צו די מלכים פון אַדיאַבענע, וועלכע האָבען געהאַט אָנגענומען דעם יודענטום, מיט אַ ביטע צו העלפען זיי. די אַדיאַבענער מלכים האָבען זיי צוגעזאָגט צו שטיצען זיי מיט געלד און מיליטער, ווען דער אויפשטאַנד וועט אויסברעכען. דערוויל האָט זיך אָבער דערוואוסט דער סירישער שטאַטהאַלטער צעסטיוס גאַלוס וועגען דער שטאַרקער אויפרעגונג און דער קריגערישער שטימונג פון לאַנד יהודה און ער האָט וועגען דעם מודיע געווען קיין רוים און מזהיר געווען, אַז מען זאָל אָננעהמען מיטלען געגען דעם אויפשטאַנד. אָבער נירון האָט ניט געהאַט קיין צייט אָבצוגעבען זיך מיט אַזעלכע קלייניגקייטען: ער האָט געדאַרפט שפּיעלען אויף אַ האַרפּע, מאַכען ווילדע מאָהלצייטען און אַרויסגעבען מאָרד=בעפעהלען. די אידען=פריינדליכע קייזערין פּאָפּעאַ איז שוין געווען דאַמאָלס טויט.

ווען צעסטיוס גאַלוס האָט דערזעהען, אַז קיינער קימערט זיך ניט אין רוים פאַר זיין הזהרה, האָט ער אויסגעטראַכט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו דערווייזען אין רוים, אַז דאָס אידישע פאָלק איז כלל ניט קיין לייכטער שונא, וועלכען מען וועט קאָנען באַלד איינגעהמען, דען עס האָט זעהר

פיעל מענשען. ער האָט דעריבער אָבגערעדט מיט אַגריפּאַ'ן און דעם כהן־גדול מתתיהו בן תיאָפיל, אַז מען זאָל איינאָרדנען אום פּסח אַ גרויסע אָבער אַ רוהיגע פאָלקס־דעמאָנסטראַציע, כדי צו קאָנען צעהלען אויף אַזאַ אופן דאָס פאָלק. ווי עס שיינט, האָט דער נשיא פון סנהדרין, רבן שמעון בן גמליאל, אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר צו די אידען אין אַלע לענדער, אַז זיי זאָלען קומען קיין ירושלים אויף פּסח, כדי צו דערוויזען די רוימער, אַז אידען זענען אַ גרויס און אַ שטאַרק פאָלק, מיט וועלכען מען דאַרף בעסער ניט אָנהויבען קיין מלחמה, נאָר בענעהן זיך מיט איהם מיט גערעכטינקייט. דער צירקולאַר האָט געווירקט: אַ שטראָם מענשען האָט זיך אַ גאָס געטהון קיין ירושלים פון אַלע שטעדט און לענדער (פיער יאָהר פאַר'ן חורבן), ווי מען האָט עס קיינמאָל פריהער ניט געזעהען; עס זענען געקומען די איינוואָהנער (פויערען) פון אַלע אידישע דערפער און קליינע שטעדטלעך אין ארץ־ישראל, פיעל אידען פון די לענדער אויפ'ן טייך עפראַט, פיעל פון מצרים — אַלע קיין ירושלים — אין אַזאַ גרויסער מעננע, אַז די גרויסע שטאָדט האָט ניט געקאָנט אַלעמען אַריינגעהמען. אויפ'ן הר הבית, וואו מען האָט דעם קרבן־פּסח געמאַכט, איז די ענגשאַפט געוועזען אַזוי גרויס, אַז פיעל מענשען זענען דערשטיקט געוואָרען (צוריבען געוואָרען) און מען האָט דעריבער גערופען דעם דאַמאָליגען קרבן־פּסח: „דער צוריבענער פּסח“. די פאָלקס־צעהלונג האָט מען געמאַכט אַזוי, דאָס פון יעדען קרבן־פּסח האָט דער כהן־גדול בעפוילען צו געבען איין ניער פאַר די כהנים. די דאָזיגע ניערען האָט מען אויסגעצעהלט און געוואוסט, ווי פיעל קרבנות מען האָט דאַמאָלס געבראַכט, און וויל אויף יעדען קרבן האָבען זיך געצעהלט מינדעסטענס צעהן פּערזאָן, האָט מען בערעכענט, אַז יענעם פּסח זענען אין ירושלים געוועזען ניט ווענינער, ווי דריי מיליאָן אידען. צעסטיוס גאַלוס איז אַליין אויך געקומען קיין ירושלים, כדי צו איבערצייגען זיך וועגען דער גרויסער מעננע. די אידען האָבען זיך ביי איהם דאַמאָלס געבעטען רחמים, אַז ער זאָל מאַכען אַ סוף מיט'ן עלענד פון פאָלק און דערווייטערן פלאָרוס'ן, אָדער, ווי זיי האָבען זיך אויסגעדריקט בילדליך, „בעפרייען דאָס פאָלק פון דער מגפה פונ'ם לאַנד“. פלאָרוס איז דערביי געשטאַנען און האָט געלאַכט. דער שטאַטהאַלטער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פּועל'ן ביים פּראָקוראַטאָר, דאָס ער זאָל זיך „בעציהען מיט חסד“ צו אידען. ער האָט, ווי עס שיינט, אויך געשריבען קיין רוים, און דערצעהלט דאָרט, וואָס פאַר אַ גרויסע מעננע אידען ער האָט געזעהען אין ירושלים. ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסען טעות, אויב ער האָט באמת געמיינט, דאָס ער וועט ביי נירון קיסר עטוואָס פּועל זיין אויף אַזאַ אופן. נירון איז דאַמאָלס געשטאַנען אויף דער העכסטער שפּיץ פון זיין גאוה און גדלות; אין זיין שגעון האָט ער זיך איינגעשמועסט, אַז ער האָט בעוויזען גרעסערע נצחונות פאַר פּאָמפּייאוס'ן, צעזאַר'ן און אויגוסט קייזער, — ווי אַזוי אַלזאָ האָט ער זיך געזאָלט קימערן וועגען די אידען, אָדער אפשר

נאך מורא האבען פאר זיי? עס איז אויך גאנץ מעגליך, אז נירון האט גאר ניט געוואלט לייענען צעסטיוס גאלוס'עס בריעף און, אויב ער האט איהם יא געלעזען, האט ער זיך פון איהם אויסגעלאכט.

אין לאנד יהודה און, בעזונדערס, אין דער הויפטשטאדט ירושלים איז דערוייל די יוגענד, ווי אויך די מוטיגערע און קרעפטיגערע בעפעלקערונג בכלל, געווארען אונגעדולדיגער פון טאג צו טאג און מען האט נאר געטראכט וועגען צוברעכען רוים'ס קייטען און אראבווארפען איהר יאך. מען האט נאר געווארט אויף א גינסטיגען מאמענט, וועלכער האט געזאלט פערזיכערן אנ'ערפאלג. אנ'אונבעדייטענדער צופאל, אדער פיעלמעהר: די חוצפה פונ'ם פראקוראטאר, וואס איז שוין אריבערגעשטיגען יעדע מאס, האט פערשטארקט די אונגעדולד און פערהילכט די רייד פון די מיושב'דיגערע מענשען. דאס אונגליק איז אויסגעבראכען ווידער אין קיסרין (צעזארעא), וואו עס האבען זיך אנגעהויבען שטארקע רייבונגען צווישען די אידען און די סיריער, אדער גריכען. כדי צו קרענקען אידען וואס מעהר, האט א געצענדיענערישער גרעק געלאזט פערבויען מיט קראמען דעם פלאץ, וואס האט צו איהם געהערט, פאר דער שוהל, און עס איז געבליעבען נאר א שמאלער צוגאנג צו דער שוהל. די הייס-בלוטיגע אידישע יוגענד האט געוואלט שטערען די ארבייט פון די בויער. פלארוס האט זיך אריינגעמישט אין דער זאך, און די אידען האבען איהם געגעבען פיעל שוחד, כדי ער זאל זיך שטעלען אויפ'ן צד פון די אידען און ניט שטערען זיי. פלארוס האט דאס געלד גענומען, אבער אנשטאט אידען צו פערטיידיגען, איז ער ארויסגעפאהרען פון קיסרין קיין שמרון און איבערגעלאזען די צורייצטע בעפעלקערונג איינע נעגען די אנדערע, געגרייט יעדע מינוט צום אנפאל. אין א געוויסען שבת אין חודש אייר (4 יאהר פאר'ן חורבן), בשעת די אידען האבען געדאווענט אין שוהל, האט א גרעק געבראכט א פייערפאן פאר'ן שוהל און מקריב געווען אויף איהר א קרבן צוויי טויבען, כדי דאדורך אבצולאכען פון אידען, אז מען האט זיי ארויסגעטריבען פון מצרים, וויל זיי זענען קרעציגע. דאס דאזיגע אבשפאטען איבער די אבות פון דער אידישער נאציאן האט די אידישע יוגענד ניט געקאנט איבערטראגען און איז אנגעפאלען אויף די גריכען בעוואפענטערהייד. עס איז אויסגעבראכען א בלוטיגע מלחמה אין די גאסען פון שטאדט, און די גריכען האבען מנצח געווען די אידען. דאן האט די גאנצע אידישע בעפעלקערונג זיך ארויסגעצויגען אום שבת פון שטאדט, פערנעהמענדיג מיט זיך די ספרי-תורה און, בעזעצענדיג זיך אינ'ם קליינעם שטעדטעל נארבאטא, האבען זיי געשיקט שלוחים צו פלארוס'ן קיין שמרון. די שלוחים האבען איהם דערמאהנט, אז ער האט ביי אידען געלד גענומען און צוגעזאגט זיי פערטיידיגען, אבער פלארוס האט זיך פון זיי אויסגעלאכט און אריינגעווארפען זיי אין תפיסה.

ווען מען האט אין ירושלים זיך דערוואוסט וועגען דער דאזיגער גע-

שעהעניש, איז די בעפעלקערונג געוואָרען געוואַלדיג אויפגערעגט, אָבער איידער מען האָט נאָך אָנגענומען אַ וועלכען עס איז בעשלוס, איז פלאָרוס אַרויסגעטראָטען מיט אַ נייער פּראָוואָקאַציע. ער האָט געשיקט אַ בעפעהל צו די ממונים איבער'ן בית המקדש צו שיקען איהם זיבצעהן גאָלד-טאַ-לענטען פונ'ם אוצר פון בית-המקדש, וועלכע ער ברויכט צו האָבען פאַר די „אינטערעסען פון קייזער". די אידען האָבען באַלד איינגעזעהען, אַז פלאָרוס שטרעבט בכיון זיי אויפצורייצען. זיי האָבען זיך אַלע פערזאַמעלט אויפ'ן הר-הבית, אַזוי ווי זיי וואָלטען געוואָלט מיט זייערע לייבער בעשי-צען דאָס היילינטום. די שוואַך-מוטיגערע אידען האָבען אויסגעבראָכען אין אַ ביטער געוויין, די מוטיגערע האָבען אויסגעגאָסען זייער כעס אין זידלע-ריי געגען פלאָרוס'ן און זענען אַרומגעגאַנגען צו די פערזאַמעלטע מיט אַ צדקה-פּושקע, כלומר'שט, צו קלייבען צדקה פאַר'ן אָרימען פלאָרוס'ן. באַלד איז פלאָרוס אַליין געקומען קיין ירושלים, כדי אָנצופאַלען אויף די פערזאַ-מעלטע אידען און, אויס'הרג'ענענדיג פון זיי פיעל מענשען, דערנאָך צו קאָ-נען קאָנפיסקירען זייער פערמעגען, אָדער בעקומען אויסלעז-געלד. דורך זיין אָנקומען האָט ער דאָס פייער פון פאָלקס-צאָרן נאָך מעהר אויפגעבלאָזען. ער האָט זיך בעזעצט אין הורדוס'עס פּאַלאַץ, געשיקט נאָכ'ן כהן-גדול און די אָנגעזעהענע אידען, פאָדערנדיג פון זיי, אַז זיי זאָלען איהם אַרויסגע-בען יענע אידען, וועלכע האָבען זיך דערוואַגט איהם צו לעסטערן. ווען די געקומענע אידען האָבען אָנגעהויבען צו שילדערן פאַר איהם אין גרויס שרעק, ווי אַזוי די זאַך איז פאָרגעקומען, און געבעטען ביי איהם, אַז ער זאָל מוחל זיין דעם פאָלק, האָט ער דערווייל בעפוילען זיינע סאָלדאַטען צו בעראַבעווען די רייכע אידישע הייזער אין אויבערשטען מאַרק, ווי די ווילדע חיות, האָבען זיך געוואָרפען די סאָלדאַטען אויפ'ן מאַרק און אין די אַרומיגע גאַסען . אויסהרג'ענענדיג מאַנסבילען, פרויען און קינדער, בעראַ-בעווענדיג די הייזער און צושטערענדיג זיי. אין יענעם טאָג, (דעם 16-טען אייר) זענען אומגעקומען מעהר ווי דריי טויזענד אידען. יענע אידען, וועל-כע מען האָט דערביי גענומען געפאַנגען, האָט פלאָרוס געלאָזט אַכזריות'-דיג פייניגען און שמייסען און דערנאָך, אויפ'ן רוימישען שטייגער, אָנשלאָ-גען אויפ'ן קרייץ. אומזיסט האָט די אידישע פּרינצעסין, אָדער קעניגין, בערעניקאַ, די טאָכטער פון אַגריפּאַ דעם ערשטען, געבעטען זיך ביי איהם מיט טרעהרען, פאַלענדיג פאַר זיינע פיס, אַז ער זאָל די מערדעריען אָב-שטעלען. ער האָט איהר ניט געוואָלט הערען, און זי איז נאָך געשטאַנען אין געפאַהר געשענדעט צו ווערען דורך איהם. זי האָט געמוזט אַנטלויפען און זוכען שוץ אין קעניגליכען פּאַלאַץ.

אויף מאָרגען האָט זיך פערזאַמעלט אַ גרויסער המון אין דער אוי-בערשטער שטאָדט, אין ציון, און עס האָט אויסגעבראָכען אַ ביטער געוויין איבער די דער'הרג'עטע; עס האָבען זיך פון-דאָס-ניי געלאָזט הערען זיד-לערייען און דראָהונגען געגען דעם מאַסען-מערדער פלאָרוס, און נאָר מיט

גרויסער מיה איז געלונגען די אָנגעזעהענע אידען צו בערוהיגען דעם המון, אַז ער זאָל זיך באַלד ניט וואַרפען אויף די רוימער. פלאָרוס אָבער האָט נאָך פערשטאַרקט זיין חוצפּה און געפאָדערט, אַז די אָנגעזעהענע אידען זאָלען אַרויסוויַיזען זייער אונטערטעניגקייט און אַרויסקומען מיט אַ פריינדליכען קבלת־פּנים דעם רוימישען לעגיאָן סאָלדאַטען, וועלכע קומען אָן פון־דאָס־ניי קיין ירושלים. די אָנגעזעהענע אידען האָבען אויך דאָס מוזל זיך געלאָזט בויגען און, ווי שווער דאָס איז זיי געווען, האָבען זיי איבערגערעדט דעם עולם און מען איז אַרויסגעקומען צו די סאָלדאַטען אויף קבלת־פּנים. באַלד האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען די טייוולאָנישע כוונה פון פלאָרוס׳ן. די אידען זענען אַרויסגעקומען מקבל פּנים זיין די סאָלדאַטען פריינדליך, אָבער די סאָלדאַטען האָבען אויף זיי געקוקט מיט פיינדליכקייט און שפּאָט. ווי נאָר די סאָלדאַטען האָבען דערהערט די ערשטע שטימע פון דער אידישער אונצופריעדענהייט, האָבען זיי זיך אַ וואָרף געטהון אויף דער אונבעוואָפענטער מאַסע; די רייטער האָבען אַריבערגעיאָגט די אַנטלויפענדע אידען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע שטויסעניש אין די טויערען פון שטאָדט. דער וועג פון דער פאָרשטאָדט ביציתא (Bezetha) ביז דער שטאָדט איז געוואָרען בעזייעט מיט צוטרעטענע, דער׳הרג׳עטע און צוקוועטשטע אידען. ווען די פאָרזיכטיגערע אידען האָבען בעמערקט, אַז די סאָלדאַטען לאָזען זיך געהן צו דער פעסטונג אַנטאָניאַ און צום בית־המקדש, האָבען זיי איינגעזעהען, אַז פלאָרוס האָט בדעה צו בערויבען דעם אוצר פון בית־המקדש. זיי האָבען זיך דעריבער געאיילט צו פערלויפען די סאָלדאַטען דעם וועג און געוואָרפען שטיינער אויף די סאָלדאַטען. דעם זיילען־גאַנג, וועלכער האָט פעראייניגט די פעסטונג אַנטאָניאַ מיט׳ן בית־המקדש און דער עזרה, האָבען זיי צובראָכען און אַזוי אַרום אונמעגליך געמאַכט פאַר פלאָרוס׳ן אויסצופיהרען זיין פּלאַן צו בעראַבעווען דעם בית־המקדש, אַ שטיינער, ווי דאָס האָט נאָך פאַר פּאָמפּייאוס׳ן געטהון קראַטוס. אַזוי־אַרום האָבען די איינוואָהנער פון ירושלים אָנגעהויבען דעם אויפשטאַנד, אַליין ניט וויסענדיג עס און אויך ניט פאָראויסזעהענדיג זיינע רעזולטאַטען פאַר׳ן גאַנצען אידישען פאָלק.

ווי נאָר פלאָרוס האָט דערזעהען, אַז די אידען זענען פעסט ענטשלאָסען צו פערטיידיגען זיך, האָט ער דעם מוט פערלאָרען און ערקלערט די פערטרעטער פון שטאָדט, אַז ער וויל צוריקשטעלען די רוהיגקייט און אָרדנונג אין שטאָדט, און דעריבער וועט ער זיך אַרויסציהען מיט׳ן מיליטער, איבערלאָזענדיג דאָרט נאָר אַ קליינע אָבטיילונג. ווען די פאָרשטעהער פון שטאָדט האָבען איהם ערקלערט, אַז דאָס מיליטער האָט זיך זעהר פערהאַסט געמאַכט ביי דער בעפעלקערונג, און כל־זמן די סאָלדאַטען וועלען בלייבען אין שטאָדט, וועט דאָרט די רוהיגקייט תמיד שטעהען אין סכנה, האָט ער פאָרגעלעגט, אַז זיי זאָלען אַליין אויסקלייבען יענע מיליטערישע אָבטיילונג, וועלכע איז דעם פאָלק ליעבער. די אידען האָבען אויס־

געקליבען די אָבטהיילונג פונ'ם אָנפיהרער מעטיליוס, וועלכע האָט זיך וועניגער בעטהייליגט אין די רציחות געגען דער בעפעלקערונג. ווי נאָר דאָס מיליטער האָט זיך אַרויסגעצויגען פון שטאָדט, איז די אַלגעמיינע לאַגע געוואָרען קלאָרער: אָנשטאָט דער גרויסער אויפרעגונג, איז מען איבערגעגאַנגען צום רוהיגערען בעטראַכטען, וואָס צו טהון ווייטער און אָנצונעהמען בעשלוסען. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָבען אין דער בעפעלקערונג געהערשט צוויי פערשיעדענע שטימונגען: פאַר און געגען אַ מלחמה. די יוגענד, ווי אויך די מוטיגערע עלטערע, בכלל די קאַמפפס־פעהיגע מענשען האָבען גע'טענ'עט, אַז מען מוז פון זיך אַראָבוואַרפען דעם יאָך פון די געצענדיענער בכלל און די טיראַניי פון רוים בפרט. די, וועלכע האָבען אַרויסגעזאָגט אָט די מיינונג, האָבען געהערט מייסטענס צו די קנאים, וועלכע זענען געווען באמת בערייט צו קעמפפען מיט מסירת נפש פאַר זייער פאָלק און זיין פרייהייט. דאַגעגען די רייכע משפחות, די מיושב'דיגע מיוחסים, וועלכע האָבען געציטערט פאַר זייער פריווילעגירטער לאַגע, האָבען גע'טענ'עט, אַז רוים איז צו שטאַרק, און ניט מיט די שוואַכע אידישע כחות קאָן מען געגען איהר אַרויסטרעטען. זיי האָבען דעריבער געראַטען, אָבצוװאַרטען, ביז די שלעכטע צייט וועט אַריבערגעהן, און ליידען דערוויילע. די קנאים, אָדער די רעוואָלוציאָנס־פּאַרטיי, האָט געהאַט אויך אַ ווייטען פּאָליטישען קוק. זי איז אַריינגעטראָטען אין פערבינדונג מיט דער מלוכה פון אַדיאַבענע, ווי אויך מיט די אידישע קהלות אין די לענדער בבל און פרס, וועלכע האָבען אַלע צוגעזאָגט צו שטיצען אידען אין זייער גערעכטער מלחמה געגען רוים. דער הויפּט־אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציאָנס־פּאַרטיי איז געווען אלעזר בן חנניה, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַנ'אַלטער משפּחה פון כהנים גדולים. ער איז געווען זעהר געלערנט אין דער אידישער תורה און האָט געהערט צו דער שולע פון שמאי, וועלכע איז מייסטענס בעשטאַנען פון די קנאים.

פאַר'ן שלום, דאַגעגען, האָבען געהאַלטען די אָנהענגער פון הלל'ס שולע, וועלכע זענען פּרינציפּיעל געווען געגנער פון יעדער מלחמה און שפיכות דמים; צו זיי האָבען אויך געהערט די מיוחסים, די מיטגליעדער פון די משפחות פון די כהנים גדולים, וועלכע האָבען זיך געוואַרעמט אין דער זון פון דער רוימישער פּראַכט, די אָנהענגער פון הורדוס'עס משפחה און, ענדליך, די עשירים, וועלכע האָבען געציטערט פאַר זייער גרויסען פערמעגען, אַז עס זאָל ניט אונטערגעהן אין דער מלחמה. זיי אַלע האָבען פערלאַנגט, אַז דער דאַמאָליגער צושטאַנד זאָל אַזוי האַלטען זיך אויך ווייטער, חאָטש פלאָרוס'עס חוצפה האָט זיי אויך גוט געקרענקט, און זיי האָבען פון איהר געליטען ניט וועניגער ווי די קנאים. די עהרליכע אָנהענגער פונ'ם שלום האָבען אָבער ניט געזעהען איין זאַך: דאָס אידישע אונגליק איז בעשטאַנען ניט דערין, וואָס דער אָדער יענער פּראָקוראַטאָר איז געווען אַ שלעכטער, נאָר אינ'ם גאַנצען רעגירונגס־סיסטעם, וועלכען די רוימי־

שע געזעצגעבער און איהרע קיסרים האָבען אָנגעווענדעט אין דער בעציהונג צום אידישען פאָלק, — דאָס סיסטעם פון אונצוטרויען, וואָס האָט געבראַכט צום פערוואַלטען דאָס לאַנד דורך אָפּיעקונען — פּראָקוראַטאָרען און שטאַטהאַלטערס — וועלכע האָבען סוף-כל-סוף געהאַט דאָך אין זין נאָר דעם אייגענעם נוצען; דאָס אונגליק איז אויך בעשטאַנען אין דער הויפּט-פערשיעדענהייט צווישען די פאָלקס-כאַראַקטערען און אַנשויאונגען פון די בעהערשער און די בעהערשטע. אפילו די בעסטע פּראָקוראַטאָרען, וואָס וואָלטען נאָר געטראַכט, ווי אַזוי צו האַלטען רוהיגקייט און אָרדנונג אין לאַנד און געמאַכט אַלערליי הנחות פאַר דער אידישער בעפעלקערונג! — אפילו זיי וואָלט אויך ניט געלונגען אינגאַנצען צו בערוהיגען און שטעלען צופרידען די בעפעלקערונג, ווייל שטענדיג וואָלטען די אידען זיך נעמוזט שפּירען בעליידיגט פון מעשים, וועלכע זענען געווען געגען דעם אידישען פאָלקס-גייסט; מען וואָלט דעריבער ניט געקאָנט אויסמיידען קיין רייבונגען.

די פריינד פון שלום האָבען זיך געאיילט מודיע צו זיין דעם שטאַטהאַלטער צעסטיוס גאַלוס וועגען דער לאַגע און געבעטען איהם, ער זאָל קומען באַלד קיין ירושלים, צו בעטראַכטען אַליין די חורבנות, וואָס פלאָרוס האָט געמאַכט אין ירושלים, און זיך איבערצייגען, ווי דאָס פאָלק בעציהט זיך פריינדליך צו אַ גוטען רוימישען שטאַטהאַלטער. דער אָנפיהרער פון דער רעוואָלוציאָנס-פּאַרטיי האָט אָבער דערווייל אויך געפועל'ט, אַז מען זאָל זיך אָבהאַלטען דערווייל מיט'ן אַרויסשיקען דעם אָבצאָהל דער רוימישער מלוכה. אין יענער צייט איז געקומען קיין ירושלים אויך אַגריפּאַ, וועלכער האָט געשטרעבט אויפצוהאַלטען דעם שלום. ער האָט פערזאַמעלט דאָס פאָלק און אָנגעוויזען איהם אויף דער גרויסער סכנה, וואָס שטעהט פאַר פון אַ מלחמה מיט רוים. שטעהענדיג אויף אַ הויכער בימה (Xystus) געגען דעם בית-המקדש, האָט ער געהאַלטען אַ רעדע פאַר'ן פאָלק. די פּרינצעסין בערעניקה, וועלכע האָט זיך אַזוי שטאַרק משתדל געווען ביי פלאָרוס'ן פאַר'ן פאָלק און איז דעריבער געווען בעליעבט ביים המון, איז געשטאַנען בשעת דער רעדע נעבען אַגריפּאַ'ן, כדי צו פערטיידיגען איהם, אין פאַל ווען דאָס פאָלק וועט איהם וועלען בעליידיגען. אַגריפּאַ האָט אין זיין רעדע אַרויסגעשטעלט אַלע מאָטיווען, וועלכע מען האָט נאָר געקאָנט אַרויסשטעלען געגען אַ מלחמה מיט רוים; ער האָט אויך ניט געקאַרגט קיין סאָפיסטישע מיטלען און רעדנערישע קונסט, כדי צו איבערצייגען דאָס פאָלק, ווי געפעהרליך אַזאַ מלחמה איז. פון אָנפאַנג האָט טאַקי זיין רעדע געמאַכט אויך אַ געוויסען איינדרוק אויפ'ן פאָלק, דען אַגריפּאַ האָט געשילדערט די שוידערהאַפטע בילדער פון דער מלחמה און דעם שרעקליכען חורבן, וואָס זי וועט ברענגען. אַגריפּאַ האָט גערעדט מיט האַרץ און האָט זיך פלוצלונג שטאַרק צוויינט; ער האָט בעשוואָרען דאָס פאָלק ניט מפקיר

צו זײַן די אידישע פֿרויען און קינדער, די הײליגע שטאָדט און דעם בית=
המקדש.
דאָס רוב פֿונ'ם פֿאָלק, הערענדיג אַגריפּאַ'ס רעדע, האָט ערקלערט,
אַז מען איז נאָר ניט קײן פֿײַנד פֿון די רוימער און זײער מלוכה, נאָר
מען וויל פּטור ווערען פֿון פֿלאָרוס'ן. דערויף האָט אָבער אַגריפּאַ ער=
קלערט, אַז אויב מען איז באמת אַזוי פֿריעדליך, דאַרף מען אויפֿבויען
צוריק דעם זײַלען=גאַנג צווישען דער פֿעסטונג אַנטאָניאַ און דעם בית=
המקדש און אויך שיקען די שטײַערן (אָבצאָהלונגען) דער רוימישער מלוכה.
דאָס פֿאָלק האָט אײַנגעשטימט צו געהאָרכען, און מען האָט געקאָנט מײ=
נען, אַז עס וועט אַלץ ווידער גוט ווערען. מען האָט זיך גענומען אָבבױ=
ען צוריק דעם זײַלען=גאַנג צווישען דער פֿעסטונג און דעם בית=המקדש,
און טײל מענשען זענען אויך אָבגעגאַנגען אין די שטעדט און דערפֿער,
אײַנצומאָהנען די אָבצאָהלונגען פֿאַר רוים. ווען אַגריפּאַ האָט דערזעהען,
אַז ער האָט שוין עטוואָס געפּועל'ט בײַם פֿאָלק, האָט ער זיך גענומען
אײַנרעדען דעם פֿאָלק, אַז מען זאָל אויך אַרײַנלאָזען פֿלאָרוס'ן צוריק אין
שטאָדט און געהאָרכען איהם, ביז מען וועט בעשטימען אַ נײַעם פּראָקו=
ראַטאָר. מיט'ן דאָזיגען פֿאָרשלאַג האָט אַגריפּאַ פֿערדאָרבען די גינסטיגע
שטימונג. די רעוואָלוציאָנס=פּאַרטײ האָט ווידער בעקומען די מעהרהײַט,
מ'האָט אַגריפּאַ'ן פֿערוואָרפֿען מיט שטײנער און געצוואונגען איהם צו
פֿערלאָזען ירושלים. די אידען זענען שוין צו=אָפֿט אָבגענאַרט געוואָרען
דורך פֿלאָרוס'ן, און דעריבער האָבען זײ מיט רעכט מורא געהאַט, אַז
אויך איצט וועט ער פֿון זײ נעהמען אַ מערדערישע נקמה, נאָכדעם ווי
ער וועט זיך אין שטאָדט אַרײַנציהען. נאָך אַגריפּאַ'ס אַרויסציהען זיך פֿון
ירושלים האָט מען שוין מעהר ניט גערעדט וועגען שיקען די אָבצאָהלונגען
קײן רוים. יעדער איז געווען פֿרעהליך און צופֿריעדען, בעפֿרײַט צו ווע=
רען פֿון דער שווערער אָבצאָהלונג; די אַרענדאַטאָרען פֿונ'ם אָבצאָהל האָ=
בען זיך ניט דערוואַגט צו מאָהנען בײַם פֿאָלק די שטײַערען מיט גע=
וואַלט. דעם טאָג, אין וועלכען מען האָט אויפֿגעהערט צו צאָהלען רוים
די שטײַערען, האָט מען געפֿײַערט ווי אַ יום=טוב (כ"ה סיון). דערווײל
אָבער האָבען זיך אויך אויפֿגעהויבען די סיקריקון. זײ האָבען זיך פֿערזאַ=
מעלט אונטער'ן אָנפֿיהרען פֿון מנחם, וועלכער האָט געשטאַמט פֿונ'ם ערש=
טען קנאי, יהודה הגלילי, און זענען בעפֿאַלען אויף דער פֿעסטונג מאַסאַ=
דאַ; דאָרט האָבען זײ אויסגעהרג'עט די רוימישע סאָלדאַטען, פֿערכאַפּט
זײערע מאַגאַזינען געוועהר און געשטעלט זיך אין פֿאָלקאָמער בעוואָפֿענונג
אויפֿ'ן פּלאַץ, גערײַט צו דער מלחמה.
אויך דער אָנפֿיהרער פֿון די קנאים, אלעזר בן חנניה, האָט ניט
געוואַרט, ביז די התלהבות פֿון פֿאָלק וועט זיך אָבקיהלען, נאָר ער האָט
זי באַלד אויסגענוצט, כדי צו בעוועגען דאָס פֿאָלק, צו ערקלערען עפֿענט=
ליך דעם אויפֿשטאַנד געגען רוים. בײַ די כהנים, וועלכע דאַבען איהם

נעהארכט, האט ער געפועל'ט, אז מען זאל אויפהערען אנצונעהמען פון די געצענדיענער מתנות, אדער קרבנות פאר'ן בית־המקדש. אלעזר האט געהאט אזא שטארקען אנזעהען צווישען די כהנים, אז זיי האבען באלד געפאלגט זיין בעפעהל און מבטל געמאכט דעם טעגליכען קרבן, וואס מען פלעגט ברענגען אין בית־המקדש פאר'ן קייזער נירון. דאס איז געווען די התחלה פונ'ם אויפשטאנד ווייל דאדורך האט מען זיך דעמאנסטראטיוו אבגעזאגט צו דיענען דעם רוימישען קייזער. די פארטיי פון שלום האט גוט איינגעזעהען, וואס פאר שרעקליכע רעזולטאטען אזא שריט קאן ברענגען, און זי האט פראטעסטירט געגען דעם בעשלוס פון די כהנים; אנגעזעהענע געלעהרטע, וואהרשיינליך פון הלל'ס שולע, האבען ערקלערט פאר א גרויסער פאלקס־פערזאמלונג, אז עס איז געגען דער תורה, ווען מען נעהמט ניט אן קיין קרבנות ביי א געצענדיענער, און די זקנים האבען אויך עדות געזאגט, אז פון קדמונים אן איז געווען א מנהג אזעלכע קרבנות יא אנצונעהמען, אבער די כהנים, וועלכע האבען געטהון די עבודה אין בית־המקדש, האבען קיינעם ניט געהערט פון הלל'ס שולע; זיי האבען געפרעגט אן עצה ביי זכריה בן אבקילוס, פון שמאי'ס שולע, און ער האט מסכים געווען מיט אלעזר בן חנניה. די כהנים האבען מעהר ניט געוואקעלט זיך און זענען צוגעשטאנען צו דער רעוואלוציאנס־פארטיי. פון דעם מאמענט אן איז דער בית־המקדש איבערגעגאנגען אין רשות פון אלעזר בן חנניה און געווארען דער צענטער, פון וואנען עס איז געפיהרט געווארען דער אויפשטאנד און עס זענען געשליידערט געווארען פלאמען־פייער און פערדערבען געגען דעם פיינד.

די שלום־פארטיי האט געזעהען מיט דאגה און צער ווי עס וואקסט די קריעגערישע שטימונג, און געוואלט לעשען דאס פייער, איידער עס וועט אויפפלאקערן און ווערען פערדערבליך; אבער די מיטלען, וואס מען האט דערצו אנגעווענדעט, האבען נאך מעהר אויפגעבלאזען דאס פייער. מען האט נעמליך געשיקט שלוחים צו אגריפא'ן און פלארוס'ן און געבעטען, אז מען זאל תיכף אריינפיהרען אין ירושלים פיעל מיליטער. פלארוס האט דערויף ניט איינגעשטימט, צי ווייל ער האט מורא געהאט, אז מען זאל איהם אין רוים ניט משפט'ן, דערפאר וואס ער האט אזוי ערביטערט דאס פאלק, אז אנדערש, ווי דורך רציחות, האט ער זיך שוין ניט געקאנט האלטען, אדער אפשר האט ער טאקי בכיון געוואלט, אז דער אויפשטאנד זאל אויסברעכען, כדי ער זאל קאנען בעסער נקמה נעהמען אן די אידען און זעטיגען זיין פייערדיגע שנאה. אגריפא האט אפילו יא געשיקט קיין ירושלים דריי טויזענד רייטער־מיליטער אונטער'ן אנפיהרען פון פיליפ פון די בני בתירה, כדי צו שטיצען די פארטיי פון שלום. ווען דאס מיליטער איז געקומען קיין ירושלים, איז שוין אבער דער הר־הבית און די אונטערשטע שטאדט געווען בעזעצט דורך די קנאים. דאס מיליטער האט נאר געקאנט פערנעהמען די פעסטונג אנטאניא און די אויבערשטע שטאדט,

וואו עס האָבען געוואוינט די עשירים און שרים. צווישען ביידע פארטייען האָט אויסגעבראָכען אַ בלוטיגע מלחמה, וועלכע האָט געדויערט זיבען טעג. אין דער מלחמה האָבען טיילגענומען אַגריפּאַ'ס מיליטער און די רוימישע סאָלדאַטען, וועלכע זענען נאָך געבליבען אין ירושלים אונטער מעטיליוס. אין אַ משך פון זיבען טעג האָט זיך בלוט געגאָסען אין די גאַסען פון ירושלים, אָבער קיינער פון די צדדים האָט ניט געהאַט קיין נצחון: דאָס מיליטער האָט געקעמפּפט געלערנט און געשיקט, אָבער די קנאים האָבען אַרויסגעוויזען גרויס גבורה און מוט, ווי מען קען עס טרעפען נאָר ביי שטערבליך בעליידיגטע פּאַטריאָטען. ענדליך, דעם 15-טען אָב (דעם יום-טוב, ווען די אידען פלעגען ברענגען האָלץ — מתנות פאַר'ן מזבח) האָט זיך די לאַגע געענדערט לטובת די קנאים. די גרויסע מאַסען אידען, וועלכע זענען געקומען פון דער פּראָווינץ, ברענגענדיג האָלץ, האָבען זיך געלאָזט איבעררעדען דורך די קנאים און זענען צוגעשטאַנען צו זיי. אויך די סיקריקון זענען צוגעשטאַנען צו דער מלחמה-פּאַרטיי, וועלכע האָט זיך דאַדורך פערשטאַרקט און אַרויסגעשטויסען די געגנער פון דער אויבער-שטאָדט. דער צאָרן פון פאָלק האָט זיך דאַמאָלס אינגאַנצען אויסגעגאָסען אויף די אַנהענגער פון רוים. מען האָט אונטערגעצונדען און פערברענט די פּאַלאַצען פונ'ם קעניג אַגריפּאַ און פון דער פּרינצעסין בעריניקא, דאָס הויז פונ'ם רייכען כהן חנניה, ווי אויך דעם אַלטען מלוכה-אַרחיוו, וואו מען האָט געהאַלטען די שטרות (וועקסלען), וואָס די עשירים האָבען געהאַט אויף דעם אָרימען פאָלק. — די ערשראָקענע אַנהענגער פון רוים האָבען זיך בעהאַלטען ווער אין אַ בית הכסא ווער אין דער פעסטונג אַנטאָניאַ ביי די רוימישע סאָלדאַטען. אויף מאָרגען האָבען די קנאים בעלאַגערט די פעסטונג אַנטאָניאַ און איינגענומען זי נאָך אַ צווייטאָגיגען שטורם. אַלע בעלאַגערטע האָט מען אויסגעהרג'עט (17-טען אָב). פון די רוימישע סאָלדאַטען האָבען זיך אויך אַרויסגעראַטעוועט ניט פיעל. באַלד נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבען שטורעמען אויף הורדוס'עס פּאַלאַץ, וואו עס האָט זיך נאָך געהאַלטען דער רעשט פון די רוימישע סאָלדאַטען און פון אַגריפּאַ'ס מיליטער. אַכצעהן טעג האָט געדויערט די בעלאַגערונג, און די דאָזיגע גאַנצע צייט האָט מען אויפ'ן פּאַלאַץ געשטורמט טאָג און נאַכט. ענדליך האָבען אַ טייל פון די בעלאַגערטע זיך אונטערגעגעבען; דאָס זענען געווען אַגריפּאַ'ס סאָלדאַטען; די רוימער דאַגעגען האָבען געפיהרט דעם קאַמפּף ווייטער, ווייל זיי האָבען זיך געשעמט, צו בעטען ביי אידען, אַז מען זאָל זיי שענקען דאָס לעבען. זיי האָבען זיך דעריבער דורכגעריסען דורך די קעמפּפענדע רייהען און זיך בעפעסטיגט אין די דריי טהורעמס: פאַזאַעל, היפּקאָס און מרים. נאָכדעם ווי די רוימער האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דער פעסטונג, זענען אַהין אַריינגעקומען די סיקריקון אונטער'ן אָנפיהרען פון מנחם און אויסגעהרג'עט אַלע איבערגעבליבענע מענשען, וועלכע האָבען ניט בעוויזען צו אַנטלויפען.

באַלד אָבער האָבען די פּאַטריאָטישע קנאים איינגעזעהען, ווי שעדליך עס איז פאַר זיי די פעראיינונג מיט די סיקריקון, וועלכע פלעגען דורך זייערע שענדליכע מערדערייען בעפלעקען די הייליגע זאַך. מנחם מיט זיינע חברים זענען זעהר שטאָלץ געוואָרען מיט'ן נצחון איבער די רוימער און די אַגריפּינישע סאָלדאַטען, און האָבען אָנגעהויבען מאָרדען און רויבען רעכטס און לינקס, אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געשטעלט זיי אין וועג, אָהן קיין שום מענשליך געפיהל און רחמנות. מנחם האָט אויסערדעם אויך געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם איבערגעבען די הנהגה איבער דעם גאַנצען אויפשטאַנד. ער איז אַזוי שטאָלץ געוואָרען, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבען אויסצוגעבען פאַר אַ משיח. צווישען איהם און אלעזר בן חנניה איז אויסגעבראָכען אַ מחלוקת, וועלכע איז באַלד איבערגעגאַנגען אין אַ מלחמה, בעזונדערס, ווען מנחם האָט ערגעץ-וואו גערויבט אַ קעניגליך קלייד און, זיך אָנטהוענדיג אין איהם, געוואָלט אַריינקומען אין בית-המקדש. אין דער מלחמה, וואָס האָט דערביי אויסגעבראָכען, האָבען די סיקריקון געהאַט אַ מפלה; מנחם איז אַנטלאָפען צום שטאָדט-טייל עופל, אָבער מען האָט איהם אָנגעיאָגט און דער'הרג'עט. נאָר אַ קליינער טייל פון די סיקריקון האָט בעוויזען צו אַנטלויפען, און אונטער'ן אָנפיהרען פון אלעזר בן יאיר האָט זיך דער רעשט פון די סיקריקון בעזעצט אין דער פעסטונג מאַסאַדאָ.

נאָך דעם דאָזיגען בלוטיגען צווישען-קאַמפף האָט אלעזר בן חנניה מיט זיינע קנאים אונטערגענומען דעם שטורם-קאַמפף געגען די לעצטע רוימער, וועלכע האָבען זיך נאָך געהאַלטען, ווי דערמאַהנט, אין די דריי טהורעמס פון הורדוס'עס פּאַלאַץ. דער רוימישער הויפּטמאַן מעטיליוס איז סוף-כל-סוף געצוואונגען געווען צו בעטען גנאָד ביי די אידען. די אידישע פאָרשטעהער, גוריון בן נקדימון, חנניה בן צדוק און יהודה בן יונתן, מיט וועלכע מעטיליוס האָט די אונטערהאַנדלונג געפיהרט, האָבען איהם צוגעזאָגט דורכצולאָזען די רוימישע סאָלדאַטען אונגעריהרט, אויב נאָר זיי וועלען אָבגעבען זייערע זאַכען און געוועהר. ווי נאָר אָבער די רוימער זענען אַרויסגעטראָטען אונבעוואָפענט, האָבען די קנאים זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען נישט צו בעפאַלען אויף זיי, און זיי אַלעמען אויסגע'הרג'עט. נאָר איין מעטיליוס'ן האָבען זיי געלאָזט לעבען, ווייל ער האָט אין שרעק פאַר'ן טויט צוגעזאָגט אָנצונעהמען דעם יודענטום. ער איז אַלזאָ געבליבען, ווי אַ לעבעדיגער טריאומף-צייכען (Trophäa) פונ'ם נצחון, וואָס יודען האָבען אָבגעהאַלטען איבער די רוימער.—אין ירושלים איז גרויס געווען די שמחה, ווען מען האָט ענדליך לייכטער אָבגעאָטעמט, דערשפירענדיג זיך פריי פון די רוימער; דער טאָג, ווען ירושלים איז אינגאַנצען אָבגערייניגט געוואָרען פון די פרעמדע רוימער (17-טער אלול), איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ יום-טוב, ווען עס איז פערבאָטען געווען צו פאַסטען.—ערשט איצט האָט זיך אַרויסגעוויזען, ווי

ערהאַבען און שען עס איז געווען אלעזר בן חנניה מיט זיינע קנאים, ווי גרויסמוטיג זיי האָבען זיך באמת מוסר נפש געווען פאַר דער פאָלקס-פרייהייט אָהן קיין שום זייטיגער פניה. נאָך דעם גרויסען נצחון איז די הייליגע שטאָדט ירושלים געווען אינגאַנצען אין זייער רשות, אָבער זיי זענען נאָר ניט שטאָלץ געוואָרען און געווען זעהר מעסיג. זייערע געגנער, די אַנהענגער פון רוים, האָבען זיי קיין שלעכטס ניט געטהון. צום אַנדענקען פון דער „גאולה" פונ'ם שרעקליכען רוימישען יאָך, האָט מען מבטל געמאַכט די מטבעות מיט'ן בילד פון רוימישען קייזער און אָנשטאָט זיי האָט מען אויסגעגאָסען נייע זילבערנע שקלים מיט דער אויפשריפט „שקל ישראל" אויף העברעאיש, וועלכע מען האָט געמאַכט אונטער דעם בילד פון ירושלים. אויך אַ נייע צייט-רעכענונג האָט מען איינגעפיהרט: אָנשטאָט צו רעכענען, ווי פריהער, די יאָהרען, זינט דער קייזער קעניגט, האָט מען געשריבען „דאָס ערשטע יאָהר פון דער יודישער גאולה". דעם יום-טוב פון דער גאולה האָט מען געפייערט אום סכות און דעריבער האָט מען אויף די מטבעות אויסגעקריצט די בילדער פון אַ סוכה, לולב, אתרוג א. אַ. וו.

ביז דעם איצטיגען מאָמענט איז דער אויפשטאַנד געווען קאָנצענטרירט נאָר אין ירושלים; די אידישע פראָווינץ האָט זיך דערווייל געהאַלטען רוהיג און געוואַרט אויף די ערשטע רעזולטאַטען פונ'ם אויפשטאַנד, חאָטש די אויפרעגונג צווישען יודען איז געווען בכלל איבעראַל זעהר גרויס. אָבער דער פראָקוראַטאָר פלאָרוס, וועלכער איז זיך לפנים געזעסען רוהיג אין קיסרין, האָט געזאָרגט דערפאַר, אַז די רעוואָלוציאָנס-חוואַליע זאָל זיך צוגיסען איבער'ן גאַנצען לאַנד, אפילו אויך ווייט איבער דער גרעניץ פון ארץ-ישראל, כדי עס זאָל איהם געלינגען צו נעהמען דערנאָך אַ בלוטיגע נקמה. ווען אין קיסרין איז ערהאַלטען געוואָרען די ידיעה, אַז די קנאים האָבען מנצח געווען די רוימישע מיליטערישע אָבטהיילונגען, זענען די גריכען באַלד אָנגעפאַלען אויף די אידען, וועלכע האָבען זיך שוין געהאַט צוריקגעקעהרט אין קיסרין, און געמאַכט צווישען זיי אַ שרעקליכען בלוט-באָד: העכער צוואַנציג טויזענד אידען האָט מען אויסגע'הרג'עט און די, וועלכע האָבען זיך איבערגעגעבען לעבעדיגערהייד, האָט מען אין קייטען געשמיעדעט, אָבצופיהרען זיי אין ווייטע מקומות און פערקויפען פאַר שקלאַווען. אין קיסרין איז ניט געבליבען מעהר קיין איינציגער איד. ווען מען האָט זיך דערוואוסט אין ארץ-ישראל וועגען דער דאָזיגער שרעקליכער שחיטה, איז דאָס גאַנצע פאָלק ערציטערט געוואָרען און עס האָט אויסגעבראָכען אַ געוואַלדיגער צאָרן און אַנ'אויפרעגונג. און עס איז געשעהען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס מען האָט געקאָנט מיינען, אַז מען האָט זיך וועגען דעם לאַנג צוזאַמענגערעדט פאָראויס: איבעראַל האָבען זיך איינגעאָרדענט אידישע פריינוויליגע מחנות, וועלכע זענען אָנגעפאַלען אויף די געצענדיענערישע פרעמדע פעלקער, וואָס האָבען געוואָהנט אין ארץ-ישראל, און גענומען פון זיי נקמה פאַר דער שחיטה: זייערע הייזער האָט מען

פערברענט, די גיטער צושטערט און די מענשען אויסגעהרג'עט. אַזעלכע בלוטיגע מעשים האָבען ווידער דערוועקט די פרעמדע איינוואָהנער צו נעהמען נקמה אָן אידען. כמעט אין אַלע אידישע שטעדט, וואו די בעפעלקערונג איז געווען אַ געמישטע פון אידען און גריכען, האָט זי זיך צוטיילט אין צוויי פיינדליכע פּאַרטייען, וועלכע פלעגען בייטאָג פיהרען צווישען זיך דעם פערביטערטען קאַמפף און ביינאַכט פלעגט מען שטעהען אויף דער וואַך. אין פיעל שטעדט זענען גריכען געווען מעהר ווי אידען, און דעריבער האָבען זיי געמאַכט צווישען אידען שוידערהאַפטע שחיטות, בעראַבעוועדיג דאָס פערמעגען, פערברענענדיג די הייזער און אויסהרג'ענעדיג אַלעמען, סיי מאַנסבילען, סיי פרויען און קינדער. פיעל אידען האָט מען אויך גענומען געפאַנגען און פערקויפט פאַר שקלאַווען. אַזעלכע שרעקליכע חורבנות זענען פאָרגעקומען אין עכו, גדרה, און חיפום. נאָר אין צידון, אַפּאַמיה און אַנטיאָכיען האָט מען די אידען געלאָזט צורוה, חייל זייער צאָהל איז דאָרט געווען זעהר גרויס. אָבער באַלד האָט זיך אין אַנטיאָכיען געפונען אַ משומד, וועלכער האָט געמאַכט אַ בלבול אויף אידען, אַז זיי האָבען געוואָלט אונטערצינדען די הייזער פון די גריכען. אין שטאָדט איז געוואָרען אַ רעש און מען האָט גענומען צווינגען אידען צו שמד'ן זיך, כדי צו דערווייזען, אַז דער בלבול איז געווען אַ פאַלשער. פיעל אידען זענען דאַמאָלס אויסגעהרג'עט געוואָרען אויף „קדוש השם", חייל זיי האָבען ניט געוואָלט דיענען צו די אָבגעטער, און נאָר געצעהלטע אידען האָבען זיך גע'שמד'ט. — אין יענער צייט איז פאָרגעקומען אין בית-שאן אַ זאַך, וועלכע איז דורך איהר שוידערהאַפטיגקייט אַריבערגעשטיגען אַלץ, וואָס די צובושעוועטע פאַנטאַזיע פון אַ מערדער קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. די ניט-אידישע איינוואָהנער פון שטאָדט האָבען געשלאָסען אַ בונד מיט די דאָרטיגע אידען, צו לעבען צוזאַמען בשלום, אויב זיי וועלען נאָר העלפען זיי אַרויסצוטרייבען די אידישע קאַמפף-מחנות. די אידען פון בית-שאן האָבען געטריי ערפילט זייער הבטחה און געקעמפפט געגען די אייגענע ברידער, ביז מען האָט זיי פערטריבען פון שטאָדט. בעזונדערס שטאַרק האָט זיך אויסגעצייכענט איין אידישער איינוואָהנער דורך זיין גבורה און מוטיגקייט, שמעון בן שאול. ווי נאָר אָבער מען האָט פערטריבען די אידישע קאַמפף-מחנות פון שטאָדט, האָבען זיך אויפגעהויבען די ניט-אידען און אויסגעשאָכטען אַלע אידישע איינוואָהנער, לערך דרייצעהן טויזענד מאַן, וואָס האָבען מיט זיי אַ בונד געשלאָסען. נאָר שמעון מיט זיינע עלטערן זענען נאָך געבליבען לעבען. ערשט איצט האָט שמעון איינגעזעהען, וואָס פאַר אַ שענדליכען פערברעכען ער האָט בעגאַנגען, קעמפפענדיג צוזאַמען מיט די ניט-אידען געגען אידען, און איז אַריינגעפאַלען אין אַ שרעקליכע פערצווייפלונג. דערזעהענדיג, ווי די פיינד קומען נאָהענטער צו זיין הויז איהם אויך צו דער'הרג'ענען, האָט ער אַליין אויסגעשאָכטען זיין ווייב און קינדער, זיינע אַלטע עלטערן, דערנאָך האָט ער

זיך אַריינגעזעצט אַ מעסער אין האַרצען און געפאַלען טויט ביי זיין אויסגעהרג'עטער משפחה.

די מאַסען-שחיטות, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען אין קיסרין, האָבען זיך אַריבערגעוואָרפען אַזש קיין אַלעקסאַנדריען אין מצרים, וועלכע איז דאָרט נאָך שענדליכער געוואָרען דאַדורך, וואָס דער הויפּט-שולדיגער אין דער שוידערהאַפטער שחיטה איז ווידער געווען אַ געוועזענער איד, דער משומד אַלעקסאַנדער טיבעריוס, דעם אַראַבאַרכ'ס זוהן, וועלכער איז שוין געווען פריהער פּראָקוראַטאָר אויך אין ארץ-ישראל. די אַלעקסאַנדרינישע גריכען, וועלכע האָבען זיך תמיד אויסגעצייכענט דורך זייער קנאה און שנאה צו אידען, האָבען געוואָלט משתדל זיין זיך ביים קייזער נירון, אַז ער זאָל ביי אידען צונעהמען זייער גלייכבערעכטיגונג, וועלכע דער קייזער קלוידיוס האָט זיי מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם בעשטעטיגט. צום דאָזיגען צוועק האָבען די גריכען זיך פערזאַמעלט אין שטאָדטישען אַמפיטעאַטער, כדי אויסצוקלייבען אַ דעפּוטאַציע, צו שיקען צום קייזער. ווען דער אויפגערעגטער המון האָט דערזעהען צווישען די פערזאַמעלטע אויך עטליכע אידען, האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט אויפ'ן גאַס, כדי צו פערברענען לעבעדיגערהייד. ווען די אידען אין גאַס האָבען דאָס דערזעהען, האָבען זיי געוואָלט פערטיידיגען זייערע ברידער און, אָנצינדענדיג פאַקעלען, האָבען זיי געסטראַשעט, דאָס זיי וועלען אונטערצינדען דאָס אַמפיטעאַטער, וואו די גריכען געפינען זיך, אויב מען וועט ניט פריי לאָזען די אידען. באַלד האָט זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך דער שטאַטהאַלטער, דער משומד אַלעקסאַנדער טיבעריוס, און, אַרויספיהרענדיג זיינע רוימישע לעגיאָנען אויפ'ן אידישען שטאָדט-טייל, האָט ער זיי אַ וואונק געגעבען צו נעהמען זיך צו דער „אַרבייט". די בלוט-דורשטיגע און רויבערישע סאָלדאַטען האָבען זיך אַ וואָרף געטהון, ווי די ווילדע חיות, אויף די אידען אין די גאַסען א' אין זייערע וואָהנונגען, און טייכען בלוט האָבען זיך אָנגעהויבען גיעסען. די הייזער האָט מען פערברענט, דאָס פערמעגען צורויבט און די איינוואָהנער אויסגעהרג'עט. פופציג טויזענד אידען זאָלען די רוימישע סאָלדאַטען אין יענעם טאָג האָבען אויסגעהרג'עט.

אָט דאָס זענען געווען די ערשטע שרעקליכע רעזולטאַטען פון דער בעוועגונג, וועלכע ס'האָט דערוועקט און ענטוויקעלט אלעזר בן חנניה. די שחיטות אויף אידען, וועלכע האָבען נאָך ביז דאַמאָלס זייער גלייכען ניט געהאַט, האָבען זיך פערשפּרייט געוואַלדיג שנעל און אַרומגענומען פיעל לענדער און פּראָווינצען; די רעוואָלוציע האָט דערשמעקט דעם ריח פון בלוט און איז דאַדורך געוואָרען נאָך שרעקליכער; עס האָט איהר אַלץ געטריבען פאָרווערטס, דערוועקענדיג די גלייכגילטיגסטע אידען צום קאַמפּף און מאַכענדיג די גאַנצע אידישע נאַציאָן פאַר אָנהענגער פון די קנאים. די צאָהל פון די מוטיגע קעמפער געגען רוים האָט אָנגעהויבען וואַקסען פון טאָג צו טאָג. עס זענען אויך געקומען העלפען אידען אין זייער בע-

פרייאונגס-קאמפף מיליטער פון אדיאבענע און פיעל פרייע אידישע קעמפפער פון בבל. די ברידער פונ'ם אדיאבענישען קעניג, איזעטאס, און זיינע זיהן, וועלכע האבען זיך ערצויגען אין ירושלים, וואס צווי פון זיי זענען בעוואוסט מיט'ן נאמען, מונבז און קינידאי, זענען געקומען צו אלעזר בן חנניה און האבען געקעמפפט ביז'ן לעצטען אויגענבליק פאר דער אידישער פרייהייט. דריי העלדען, אידישע גבורים, זענען געקומען קיין ירושלים, וועלכע זענען אליין מעהר ווערט געווען ווי א גאנצע ארמעע; דאס זענען געווען: ניגער — פון יענער זייט ירדן, דער בבל'ישער איד, סילאס, און שמעון בר גיורא — דער גרויסער גבור, וועלכער האט מיט זיין כמעט איבערנאטירליכען אימפעט און מוט אזוי שטארק בעגייסטערט זיין מחנה, אז זי האט געווארפען אנ'אימה אויף די רוימער מיט איהרע העלדישע מעשים.

דער וואונדערליכער נצחון פון די קנאים אין ירושלים, נאך וועלכען עס איז אין גאנצען לאנד יהודה ניט געבליבען קיין איינציגער רוימער, האט געשטארקט דעם גייסט פון די קעמפפער און זיי זענען געווארען זיכער, אז עס וועט זיי געלינגען צו בעפרייען דאס אידישע לאנד שוין אויף שטענדיג פון דער פרעמדער הערשאפט. אין דער ווירקליכקייט אבער איז די פרייהייט נאך בכלל ניט געווען געזיכערט. צעכטיום גאלוס, דער רוימישער שטאטהאלטער אין סיריען, וועלכען רוים האט אנפערטרויט צו בעשיצען דעם כבוד פון דער רוימישער ארמעע, האט ניט געקענט קוקען געדולדיג, ווי דער אויפשטאנד פערשפרייט זיך אלץ מעהר און מעהר ער האט דעריבער צוזאמענגענומען זיינע לעגיאנען, ווי אויך דאס הויפט-מיליטער פון די ארומיגע קלענערע מלכים, וועלכע זענען געווען אונטערטעניג ביי רוים. אויך אגריפא האט זיין מיליטער פעראייניגט מיט'ן רוימישען און האט זיך אויסגערופען צו ווערען א וועג-ווייזער אין די בערג און טהאלען אין אזא געפעהרליכען לאנד, וואו די מוטיגע קעמפפער זענען געווען פול אויף אלע וועגען. צעסטיוס האט ארויסגעפיהרט פון אנטיאכיען העכער דרייסיג טויזענד סאלדאטען אין לאנד יהודה, און ער האט קיין ספק ניט געהאט, אז מיט איין קלאפ וועט ער פערניכטען דעם אויפשטאנד אויף זיין וועג, געהענדיג מיט די ברעגען פון ים, האט ער נאך זיך געלאזען בלוטיגע שפורען און פערברענט דערפער און שטעדט. אין יפו האט דאס רוימישע מיליטער אויסגע'הרג'עט אכט טויזענד אידען, די שטאדט כבול (Chabalon) האט מען פערברענט, און לוד האט דאס רוימישע מיליטער ניט געפונען כמעט קיין איינציגען אידען, ווייל זיי זענען אלע אבגעגאנגען קיין ירושלים טיילווייז אויף יום-טוב, טיילווייז צו שטעלען זיך צום קאמפף פאר דער פאלקס-פרייהייט. די שטאדט האבען די רוימער פערברענט, לערך פופציג זקנים און קינדער, וועלכע זענען נאך געבליבען דארט, האט מען אהן קיין שום רחמנות אויסגע'הרג'עט. די שטאדט צפורי און גליל האט אויפגעעפענט אליין די טויערען פאר די רוימער און

זיי פריינדליך בעגעגענט. די רוימער האָבען דעריבער די איינוואָהנער ניט אַנגעריהרט. עטליכע טויזענד קנאים, וואָס זענען דאָרט געווען, האָבען זיך אַרויסגעצויגען פון שטאָדט און זענען אָנגעפאַלען הינטער'ן שטאָדט אויף אַ רוימישע אָבטהיילונג, אוים'הרג'ענענדיג פון איהר צוויי הונדערט מאַן. אָבער די רוימישע רייטער האָבען זיי אַרומגערינגעלט פון אַלע זייטען און געמאַכט אין זיי אַ שרעקליכע שחיטה: צוויי טויזענד אידען זענען דאָרט דער־הרג'עט געוואָרען.

ווי נאָר די קנאים אין ירושלים האָבען דערהאַלטען די ידיעה, אַז דאָס רוימישע מיליטער געהט אויף ירושלים, האָבען זיי זיך גענומען צום געוועהר. אַ מייל וויים פון ירושלים האָט צעסטיוס זיך אָבגעשטעלט, ערוואַרטענדיג, פיליייכט, אַז די אידען וועלען צו איהם אַרויסקומען אויף קבלת-פנים און אונטערגעבען זיך איהם. אָבער די קנאים זענען אַרויסגעקומען פון שטאָדט און געוואָרפען זיך אויף זיין אַרמעע מיט אַזאַ איםפּעט און גבורה, אַז זיי האָבען באַלד דורכגעבראָכען זייערע רייהען און אויסגעהרג'עט פון זיי פינף הונדערט מאַן, פערליערענדיג אַליין דערביי סך-הכל דריי און צוואַנציג מאַן. ווען די רוימישע רייטער וואָלטען ניט געקומען באַלד צו הילף דער רוימישער פוס-אַרמעע, וואָלטען די אידישע גבורים אויסגעהרג'עט זיי אינגאַנצען. די רוימישע אַרמעע האָט זיך צוריקגעצויגען צו בית-חורון; שמעון בר-גיורא האָט זיך דאַן געלאָזט נאָכיאָגען מיט זיין מחנה נאָך די רוימער פון הינטען און אויסגעהרג'עט זעהר פיעל פון זיי, נעהמענדיג אויך פיעל רויב. די קנאים האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין שטאָדט, וואו זיי זענען אַריינגעקומען, זינגענדיג „הושענא", וועהרענד צעסטיוס איז געבליבען אין זיין לאַגער און ניט אונטערנענומען געגען ירושלים קיין וויטערדיגע שריט.

דריי טעג איז צעסטיוס געזעסען רוהיג; אויפ'ן פיערטען האָט ער זיך געלאָזען געהען מיט זיין אַרמעע צו ירושלים. די קנאים האָבען פערלאָזען די אויסערליכע טהיילען פון שטאָדט, ווייל דאָרט האָבען זיי ניט געהאַט קיין מעגליכקייט גוט צו פערטהיידיגען זיך, און האָבען זיך אַריינגעצויגען אין דער אינערליכער שטאָדט און אין בית-המקדש, וועלכע איז געווען געשיצט דורך פעסטע מויערען. די רוימער האָבען באַלד פערנומען די אויסערע טהיילען פון שטאָדט און חרוב געמאַכט דעם שטאָדט-טהייל ביצית א, די ניי-שטאָדט און דעם האָלץ-מאַרק. אָבער די קנאים האָבען זיך דערפון וועניג וואָס דערשראָקען. די פעררעטער, וועלכע האָבען געוואָלט עפענען דעם פיינד די טויערען פון שטאָדט, האָבען זיי אַרויסגעוואָרפען פון שטאָדט איבער דער מויער; די קנאים האָבען געמאַכט דערוויל הכנות צו פערטהיידיגען זיך. פינף טעג נאָכאַנאַנד האָבען די רוימער געשטורמט אויף די מויערען, אָבער ערשט אויפ'ן זעקסטען טאָג איז זיי געלונגען אונטערצוגראָבען אַ טהייל פון דער צפון-וואַנד אַרום דעם הר-הבית. אָבער צעסטיוס האָט ניט געוואָלט אויסנוצען דעם דאָזיגען ערפאָלג, ווייל ער האָט זיך

שוין איצט איבערציינט, אז די מלחמה וועט זיך ניט ענדיגען אזוי גיך, דען עס קומט אוים צו קעמפפען מיט התלהבות'דיגע פאטריאטען און גרויסע גבורים, פאר וועלכע דאס לעבען איז גארנישט ווערט, ווען זיי טרעטען ארוים פאר דער אונאבהענגיגקייט פון זייער פאלק. א לענגערע מלחמה האט זיך אבער צעסטיוס ניט בעשלאסען אונטערצונעהמען אין אנהויב פון דער רעגען-צייט, ווען עס איז אונמעגליך צוצופיהרען פראוויאנט פאר דער ארמעע. צעסטיוס האט דעריבער בעשלאסען אבצוציהען זיך אויף ווינטער צוריק פון ירושלים, כדי צו קומען אין פריהלינג פון-דאס-ניי.

ווי נאר די איינוואהנער פון ירושלים האבען דערזעהען, אז די רוימער ציהען זיך ארוים צוריק פון שטאדט. האבען זיי זיך געלאזען זיי פערפאלגען. די רעגולערע רוימישע ארמעע האט געקאנט געהן נאר אויף די גרויסע וועגען און די טהאלען. אדער איבער בערג, אבער ניט אויף די זייטיגע וועגען, וואו עס זענען געוועזען פול גריבער און היהלען, דעריבער האבען די אידען געהאט די מעגליכקייט אויף זיי אנצופאלען פון ביידע זייטען, אויסצוהרג'ענען פון זיי זעהר פיעל מענשען. דער גאנצער וועג ארום ירושלים האט זיך בעדעקט מיט דער'הרג'עטע רוימער, צווישען וועלכע עס זענען אויך געוועזען פיעל אנפיהרער פון קאהארטען (אפיציערען). ווען די ארמעע איז געקומען ענדליך צוריק אין פריהערדיגען לאגער, האט צעסטיוס צו זיין גרויסען שרעק דערזעהען, אז די אידישע קעמפפער וועלכע זענען געקומען דורך זייטיגע וועגען, האבען זיך פלוצלינג בעוויזען זעהר פיעל פון אלע זייטען און רינגלען איהם ארום; ער האט דעריבער בעפוילען זיין ארמעע איבערצולאזען אויפ'ן וועג דעם גאנצען באגאזש און צו איילען זיך, וואס ניכער צו דערווייטערן זיך פון די אידישע מחנות; אבער דא איז די רוימער אויסגעקומען דורכצוגעהען אויפ'ן שמאלען וועג פון בית-חורון, וועלכער איז פון אלע זייטען געוועזען בעזעצט דורך די אידישע קעמפפער. אין דער רוימישער מחנה איז געווארען א גרויסע אונארדנונג און מהומה; פערטיידיגען האבען די רוימער זיך ניט געקאנט, ווייל דער וועג איז געוועזען זעהר שמאל, עס איז די רוימישע סאלדאטען אויסגעקומען דעריבער דורכצוגעהן אונטער'ן רעגען פון די אידישע פיילען. ווען די נאכט וואלט ניט אריינגעקומען, וואלט דאן פון דער רוימישער מחנה ניט דורכגעקומען קיין איינציגער לעבעדיגער סאלדאט. כדי אויסצומיידען די מלחמה אין אזא פערדערבליכען ארט, האט צעסטיוס איבערגעלאזען דארט פיער הונדערט מאן און אליין איז ער מיט זיין הויפט-מחנה אבגעגאנגען איבער נאכט גאנץ וויים. ווען עס איז טאג געווארען און די אידען האבען דערזעהען, אז צעסטיוס'ן איז געלונגען צו ענטלויפען, זענען זיי אנגעפאלען אויף די פיערהונדערט געבליבענע רוימישע סאלדאטען און אויסגעהרג'עט זיי ביז'ן לעצטען, דערנאך האבען זיי זיך געלאזט פערפאלגען די רוימער ביז אנטיפאטרים, אבער זיי האבען שוין ניט געקאנט אניאגען זיי. אנשטאט דעם האבען זיי געפונען זעהר פיעל געוועהר, בעלאגערונגס-מאשינען און אנדע-

רע רויב, וועלכע זיי האָבען געבראַכט קיין ירושלים, וואו דאָס איז שפּעטער צו נוצען געקומען אין די פיעל מלחמות. כמעט זעקס טויזענד סאָלדאַטען, אייגענע און פרעמדע, האָט צעסטיוס פערלאָרען אין דער דאָזיגער מלחמה געגען די אידען, וועלכע ער האָט אַזוי גערינג געשעצט און פעראַכטעט; די הויפּט-לעגיאָן, וועלכע ער האָט מיט זיך גענומען פון אַנטיאָכיען קיין ירושלים, האָט פערלאָרען אין דער מלחמה איהר פאָהן מיט'ן רוימישען אָדלער, וואָס איז געווען ביי די רוימער אַן'אמת'ע חרפה און אַ סימן פון אַ שרעקליכער מפּלה.

מיט שטורמיש-פרעהליכע קריעגס-ליעדער זענען די קנאים אַריינגעקומען צוריק אין ירושלים (אַכטען חשון), פול מיט פרעהליכע האָפנונגען, אַז אידען וועלען נאָך אַמאָל ווידער ווערען פריי און קאָנען האָבען אַן'אייגענע רעגירונג. ס'איז אָנגעקומען צוריק די גליקליכע צייט פון די חשמונאים, און די גבורות, וועלכע מען האָט איצט בעוויזען, זענען געווען נאָך גרעסערע, ווי די דאַמאָלסדיגע. צי האָבען זיי דען ניט צושלאָגען און געצוואונגען צו ענטלויפען די פורכטבאַרע רוימישע אַרמעע, געגען וועלכער עס האָט זיך ביז איצט ניט געקאָנט האַלטען קיין איינציג פאָלק אויף דער וועלט? וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע פערענדערונג אין זעקס חדשים! דאַמאָלס האָט דאָס גאַנצע לאַנד געציטערט פאַר אַ וואָרט פונ'ם פחדן פלאָרוס און זיין קליינער מחנה — איצט זענען די העלדישע רוימער ענטלאָפען פאַר די אידען! די קנאים האָבען שוין איצט גאָר ניט געשראָקען זיך פאַר דער צוקונפט. „ווי מיר האָבען געשלאָגען זייערע צוויי הויפּטלייט, וועלען מיר נאָך פיעל אַנדערע שלאָגען" — האָבען זיי גערעדט מיט התלהבות און בטחון. די קנאים האָבען שוין איצט געגלויבט, אַז זיי האָבען פאָלקאָם דאָס רעכט צו בעטראַכטען פאַר פעררעטער (בוגדים) אַלע אידען, וועלכע האָבען געגעבען אַן'עצה, אַז מען זאָל פרובירען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט רוים. די אָנהענגער פון שלום האָבען זיך דעריבער מעהר ניט דערוואַגט צו עפענען דאָס מויל. פיעל פון זיי האָבען בשתיקה זיך אַרויסגעצויגען פון ירושלים, אַנדערע האָבען געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי ווילען אויך, דאָס מען זאָל פיהרען ווייטער די מלחמה פאַר דער פרייהייט. דאָס פאָלק איז איבערראַשט און פער'שכור'ט געוואָרען דורך דעם ערשטען נצחון געגען רוים, און אַלע זענען צוגעשטאַנען צו די קנאים. אפילו די שמרונים האָבען פערגעסען זייער היסטאָרישע שנאה צו אידען און פעראייניגט זיך מיט זיי, כדי צו קעמפפען געגען די פרעמדע פעלקער נאָר די אידען-קריסטען וואָס זענען דאַמאָלס געווען אין ירושלים האָבען ערקלערט, אַז לויט גאָטעס ווילען געהען זיי אַרויס פון ירושלים, צו בעזעצען זיך צווישען די פרעמדע פעלקער אויף יענער זייט ירדן צום מזרח. דאַדורך האָבען זיי דעמאָנסטראַטיוו געוואָלט דערוויזען דאָס זיי האָבען מעהר ניט קיין שייכות צום אידישען פאָלק.

אין ירושלים האָט זיך אָנגעהויבען אַזאַ ריהרעוודיגקייט און אַ נייע

בעשעפטיגונג, אז דאס לעבען האט בעקומען גאר א נייע אויסזעהען. איבעראל האט מען געשמידעט געוועהר און קאמפפס-שינען. די מויערן האט מען בעפעסטיגט אזוי שטארק, אז זיי זאלען זיך קאנען האלטען א לענגערע צייט געגען דעם פיינד. די אידישע יוגענד איז טאג-טעגליך ערשינען אויפ'ן קאמפפס-פלאץ צו איבען זיך אין דער מלחמה-קונסט; אויב עס האט ביי אידען געפעהלט ערפאהרונג, ווי אזוי א מלחמה צו פיהרען, האבען זיי דערפאר געהאט זעהר פיעל התלהבות און פאטריאטיזם. אין אלע געגענדען פון לאנד יהודה האבען זיך דערהויבען די פאטריאטישע אידען און געגרינדעט קאמיטעטען, כדי אנצוגרייטען אלץ, וואס מען ברויכט צו האבען פאר דער נאהענטער גרויסער מלחמה. אויך די אידען פון אלע פרעמדע לענדער האבען זיך דערוועקט, צו שיקען הילף זייערע ברידער אין לאנד יהודה אין דער הייליגער מלחמה.

געוויס האט אויך די גרויסע סנהדרין אין יענער צייט צוריק בעקומען איהר אמאליגע פאליטישע מאכט. אין שפיץ פון סנהדרין איז דאמאלס געשטאנען דער תנא רבן שמעון בן גמליאל, פון הלל'ס הויז, אלס נשיא, וועלכער איז געווען א מאן פון טיעפען פערשטאנד און ענערגישער טעטיגקייט. ער האט אפילו אליין ניט געהערט צו די קנאים, אבער וויבאלד די מלחמה האט זיך יא אנגעהייבען, האט ער ענערגיש געארבייט אויף אנצוגרייטען די נויטיגע מיטלען, צו פיהרען די מלחמה מיט ערפאלג. אויף די מטבעות פון ערשטען און צווייטען יאהר, זינט מען האט זיך בעפרייט פון רוים, געפינט זיך די אויפשריפט: „שמעון דער נשיא פון ישראל”, און ס'איז כמעט קיין ספק ניט, אז דאס בעציהט זיך אויף דעם נשיא פון סנהדרין, רבן שמעון בן גמליאל. די „דיני נפשות”, אדער די קרימינעלע משפטים, וועלכע זיינען אין די לעצטע פערציג יאהר אבגענומען געווארען פון סנהדרין דורך די סירישע שטאטהאלטער, האט מען איצט ווידער אנגעהויבען בעטראכטען אין סנהדרין, וועלכע האט פון-דאס-ניי אנגעהויבען בעשטראפען מיט'ן טויט פאר פערשידענע פערברעכען.

נאך צעסטיוס'עס מפלה און זיין ענטלויפען פון ירושלים האט זיך ביי די פרעמדע פעלקער אין ארץ-ישראל און אין די ארומיגע לענדער נאך מעהר פערשארפט די שנאה צו אידען, און איבעראל האבען זיי זיך פערזאמעלט און אויסגע'הרג'עט די אידישע מיטבירגער, ניט שוינענדיג אלט און יונג, מאנסבילען און פרויען. אויף ווי וויים עס האט דערגרייכט די מאכט פון די אידישע פאטריאטען, האבען זיי גענומען נקמה אן די געצענדיענער, וועלכע האבען זיך געפונען צווישען זיי. אזוי ארום האט זיך שרעקליך פערשטארקט די ראסען-שנאה צווישען די אידען און די פרעמדע פעלקער, וואס האבען געוואהנט אין ארץ-ישראל און אין די ארומיגע לענדער. און וויל אט די אלע פעלקער: רוימער, גריכען, סירער און אלעקסאנדריער זענען געווען די אנהענגער פון רוים, האבען די עקסטע קנאים

נעהאַלטען, אַז זיי האָבען פאָלקאָם רעכט אויסצוהרג'ענען יעדען איינציגען
פון זיי, וואו זיי וועלען זיי נאָר טרעפען, אַלס די שונאים פון אידישען
פאָלק און לאַנד. די אַנהענגער פון שמאי'ס שולע האָבען אויך צוזאַמענגע=
שטעלט אַ געזעץ אָדער אַ „גזרה“, וואָס האָט געדאַרפט ווערען אַנ'איזער=
נע שייד=וואַנד צווישען די אידען און די געצענדיענער: די אידען זאָלען
ניט לערנען די שפּראַך פון די פעלקער, זיי זאָלען ניט אָננעהמען פון זיי
קיין מתנות פאַר'ן בית=המקדש, ניט קויפען ביי זיי קיין ווין, קיין איל,
קיין ברויט, אָדער אַנדערע שפּייזען. דאָס נייע געזעץ איז בעוואוסט אונ=
טער'ן נאָמען די אַכצעהן גזרות. די שטרענגקייט פון דער רעליגיע
איז נעגאַנגען האַנד ביי האַנד מיט דער פּאָליטישער שטרענגקייט פון די
קנאים. די אַנהענגער פון הלל'ס שולע זענען געווען טיעפע געגנער פון ביי=
דע עקסטע שטרעמונגען, אָבער בשעת מען האָט די דערמאָהנטע אַכצעהן
גזרות נעדאַרפט דורכפיהרען האָט מען זיך בעגאַנגען אויפ'ן עכטען שטיי=
נער פון די קנאים: מען האָט אויכגעשטעלט בעוואָפענטע שומרים ביי
דער טהיר פון דער געביידע, וואו מען האָט געדאַרפט די „גזרות“ אָנ=
נעהמען,*) און זיי האָבען ניט אַריינגעלאָזען קיינעם פון די אַנהענגער פון
הלל'ס שולע, אַרויסטרעטענדיג נעגען זיי „מיט שווערדען און שפּיזען“. פיעל
אַנהענגער פון הלל'ס שולע זענען דאַמאָלס דער'הרג'עט געוואָרען, אַזוי אַז
מען האָט שפּעטער געהאַלטען דעם טאָג, ווען מען האָט די „גזרות“ אָנ=
גענומען, דעם 9=טען אדר, פאַר אַ טאָג פון אונגליק פאַר'ן
אידישען פאָלק, ווי דער טאָג, ווען מען האָט דעם עגל גע=
מאַכט. אויסער די אַכצעהן גזרות האָט מען אין יענעם טאָג אָנגענומען
נאָך פיעל אַנדערע שטרענגע דינים.

די קריעגערישע ריהרעוודיגקייט האָט דערביי ניט גערוהט אין
ירושלים קיין איינציגען אויגענבליק. קודם=כל איז מען צוגעטראָטען צו בע=
שטימען אידישע שטאַטהאַלטער פאַר די פערשידענע פּראָווינצען און
הויפּטלייט פאַר'ן מיליטער אין דער פאָרשטעהענדער מלחמה. ווי עס שיינט,
האָט מען די וואַהל פון די דאָזיגע פּערזאָנען איבערגעלאָזען דעם פאָלק
אַליין. עפּעס וואָס איז אָבער, ווייזט=אויס, פאָרגעקומען אַזעלכעס, וואָס האָט
בעשאַפען אַנ'אונגינסטיגע שטימונג געגען די עקסטע קנאים. אלעזר בן
חנניה, וועלכער איז געווען דער הויפּט=אויפטהוער און איניציאַטאָר פון
דער גרויסער בעוועגונג נעגען רוים, איז אויסגעקליבען געוואָרען אויף גאָר
ניט קיין וויכטיגע שטעלע: מען האָט איהם בעשטימט פאַר אַ שטאַטהאַל=
טער אין דער ווייטער פּראָווינץ אדום, וואָס האָט ניט געקאָנט שפּיעלען
קיין גרויסע ראָליע אין דער מלחמה; דער עקסטער קנאי, אלעזר בן

*) אין אַנ'אויבערשטען שטאָק פונ'ם הויז פון חנניה בן חזקיה, אָדער אלעזר בן חנניה
וועלכער איז, ווי עס שיינט, געווען ניט קיין אַנדערער, ווי דער אָנפיהרער פון די קנאים.

שמעון, איז גאָר ניט אויסגעקליבען געוואָרען אויף אַ וועלכע עס איז שטעלע. דערפאַר האָבען ערהאַלטען די מעסיגערע מענשען, אפילו אויך יענע, וועלכע זענען פריהער געוועזען אַנהענגער פון רוים, זעהר וויכטיגע און פעראַנטוואָרטליכע שטעלען. אַזוי, למשל, האָבען די כהנים יוסף בן גוריון און חנן בן חנן, וועלכער איז געוועזען איין מאָל כהן-גדול, בעקומען זעהר וויכטיגע און פעראַנטוואָרטליכע שטעלען, צו האַלטען די אויפזיכט איבער ירושלים און איהרע בעפעסטיגונגען. אויסער זיי האָט מען נאָך בעשטימט פינף שטאַטהאַלטער איבער די פראָווינצען: יוסף בן שמעון — איבער'ן יריחו-קאַנט, מנשה — אויף יענער זייט ירדן, יוחנן דער עסייער — אויף דעם קאַנט פון תמנת מיט די שטעדט לוד, עמאַוס און יפו, יוחנן בן חנניה — אויף גופנית און עקרבה, אין צפון-מזרח פון ירושלים; די וויכטיגסטע שטעלע אָבער האָט מען אָנגעטרויט דעם בעוואוסטען היסטאָריקער, יוסף בן מתתיהו הכהן, וועלכען מען האָט בעשטימט פאַר אַ שטאַטהאַלטער אויף'ן אויבערשטען און אונטערשטען גליל. די וואַהלען האָבען געוויס געגעבען שלעכטע רעזולטאַטען, ווייל דאָס פאָלק איז נאָך ניט געוואָהנט געוועזען צו דערקענען און שעצען דעם אמת'ן גבור און געטרייען פאַטריאָט, און מען האָט נאָר געקוקט אויף דעם יחוס און די עשירות פונ'ם קאַנדידאַט. יוסף בן מתתיהו הכהן האָט אָבער געהערט צו די אַלטע און רייכע כהונה- און יחוס-משפחות, און אָט דעריבער האָט מען איהם אויסגעקליבען אויף איינע פון די וויכטיגסטע שטעלען. שפּעטער האָט ער געשריבען די טרויעריגע אידישע היסטאָריע פון יענער צייט און געחנפ'ט די רוימער. — די אַלע אויסגעקליבענע לייט האָט מען געגעבען אַן'אונבעגרענצטע מאַכט אין זייער טעטיגקייט אויף'ן בעשטימטען אָרט, נאָר זיי האָבען געדאַרפט אָבגעבען אַרעכענונג פאַר זייערע מעשים פאַר דער צענטראַלער רעגירונג אין ירושלים. אָט די צענטראַלע רעגירונג איז דאַמאָלס געוועזען די גרויסע סנהדרין אין ירושלים, וואָס איהר פאָרזיצענדער, אָדער נשיא איז געוועזען רבן שמעון בן גמליאל, און זיינע געהילפען — חנן בן חנן און יוסף בן גוריון. די דאָזיגע סנהדרין האָט זיך געהאַלטען ניט לענגער, ווי צוויי יאָהר, ווייל ניט אַלע איהרע מיטגליעדער זענען געוועזען פון איין פּאָליטישער פאַרטיי. טייל פון זיי, בעזונדערס, די גרויסע לייט פון יהודה, האָבען אין הערצען נאָר נוטה געוועזען נאָך די רוימער; איינינע פון זיי, ווי למשל, דער געוועזענער כהן-גדול חנן בן חנן, האָט בשתיקה גאָר נוטה געוועזען צו די צדוקים. אין סנהדרין פלעגען דעריבער אָפט פאָרקומען רייבונגען, וועלכע האָבען פאַראַליזירט איהר טעטיגקייט. נאָכדעם ווי די סנהדרין האָט געפיהרט די ממשלה צוויי יאָהר, איז זי זיך צופאַלען, און די מאַכט איז איבערגעגאַנגען צו די קנאים, וועלכע האָבען זי פעסט געהאַלטען ביז דער גרויסער קאַטאַסטראָפע — דעם חורבן פון אידישען פאָלק.

## זעקסטעס קאַפּיטעל.

# די מלחמה אין גליל.

(דאָס דריטע און פיערטע יאָהר פאַר'ן חורבן אָדער 66—67 לויט דער געוועהנליכער צייט-רעכנונג).

די געגענד, איבער וועלכער יוסף בן מתתיהו הכהן איז גע-שטעלט געוואָרען פאַר אַ שטאַטהאַלטער, דער גליל, איז צוליעב איהר וואונדערליכער פרוכטבאַרקייט און דער גרויסער גבורה פון דער דאָרטיגער אידישער בעפעלקערונג געווען דער וויכטיגסטער צענטר אין ארץ-ישראל נאָך ירושלים. דאָס איז געווען די פאָדער-פעסטונג, וועלכע האָט געדאַרפט בעשיצען יהודה און ירושלים און ניט דערלאָזען אַהין אַריינקומען דעם שונא. דער גליל, אָדער גאַליליעאַ, איז געווען איינגעטיילט אין גליל העליון, ד. ה.: דער אויבערשטער גליל, און גליל התחתון, אָדער: דער אונטערשטער גליל. דאָס איז געווען אַ געבירגיג לאַנד, וואָס זיין רעניץ איז לאַנג געווען 675 וויאָרכט. דאָס לאַנד איז געלעגען אין צפון-און מזרח-זייט פון פעניקיען און סיריען; אין דרום האָט עס זיך געגרעניצט מיט'ן טהאָל יזרעאל; אין צפון האָט דאָס לאַנד זיך דערהויבען ביז די ערג לבנון און אַנטי-לבנון. אין מזרח האָט דער גליל אָנגעשפאַרט צו די מים מי מרום און כנרת, אין וועלכע דער ירדן גיסט זיך אַריין, און אין מערב-זייט לאָזט זיך אַראָב דער גליל צום מיטעללענדישען ים. אין ליל זענען די פעלדער געווען זעהר פרוכטבאַר, און די פרוכט-גערטנער מיט די גרויסע איילבירט-וועלדער זענען דאָרט געווען אַנ'אמת'ער קוואַל פון עשירות פאַר דער בעפעלקערונג.

די בעפעלקערונג אין גליל איז געווען פול פייערדיגע קעפ און היי-צע טעמפעראַמענטען; פון דאָרט האָט אויך געשטאַמט דער גרינדער פון ער קנאים-פּאַרטיי, יהודה, וועלכער האָט געהייסען נאָך זיין געבורטס-אַנד „הגלילי". ביי דער ידיעה וועגען צעסטיוס'עס מפלה איז טאַקי דער ליל ניט געבליבען זיצען רוהיג, נאָר מען האָט זיך דאָרט באַלד בעשלאָ-סען צו-צושטעהן צום בעפרייאונגס-קאַמפף. און ווי אַזוי האָבען זיי טאַקי

נעקאָנט בלייבען גלייכגילטיג? זיי האָבען דאָך מיט זייערע אייגענע אויגען
געזעהען. ווי מען האָט אין די נאָהענטע שטעדט אויסגעשאָכטען מאַסען
אידען! טאָג-טעגליך פלעגען קומען אין גליל ענטלאָפענע אידען פון יהודה
און זוכען ביי זיי שוץ נעגען די פיינד. זיי אַליין האָבען דאָך אויך גע-
האַט צו ליידען גרויסע צרות פון די געצענדיענער אין די שכנות'דיגע
לענדער און שטעדט. דעריבער האָט מען אין די מייסטע גרעסערע און
קלענערע שטעדט פון גליל טאַקי זיך באַלד בעוואָפענט, כדי צו זיין גע-
רייט צו בעגעגענען דעם פיינד. און מען האָט געוואַרט נאָר אויף בעפעה-
לען פונ'ם הויכען ראַט אין ירושלים, כדי צו וויסען, וואָס מען זאָל טהון
ווייטער. דריי צענטרען האָבען זיך איינגעאָרדענט אין גליל פאַר דער רע-
וואָלוציאָנס-טעטיגקייט: גוש-חלב (Gischab) אין עקסטען צפון, טבריה
--אין דרום און גמלא (Gamala)--אין מזרח-זייט פון ים כנרת, גע-
געניבער טבריה. די אידישע איינוואָהנער פון גוש-חלב זענען פראָוואָצירט
געוואָרען צום אויפשטאַנד: די פרעמדע בעפעלקערונג פון די אַרומיגע
שטעדט האָט זיך פערזאַמעלט און געמאַכט אַנ'אָנפאַל אויף גוש-חלב און
זי טיילוויז פערברענט און בערויבט די איינוואָהנער. דאַמאָלס האָט
זיך דערהויבען אַמענש פון פאָלק, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין שפיץ
פון די בערויבטע און האָט שפּעטער נעדאַרפט קעמפפען, ווי
אַלייב, פאַר דער אידישער פרייהייט ביז'ן לעצטען מאָמענט, וואַרפענדיג
אַשרעק אויף די רוימער צוזאַמען מיט שמעון בר גיורא. דאָס איז געווען
יוחנן בן לוי, געבוירטיג פון גוש-חלב; זיין ערשטע טהאַט איז געווען,
צו פערזאַמלען אַמחנה גבורים, פון די מרי נפש צווישען די קנאים אין
גליל, ווי אויך פון די ענטלאָפענע פון די שחיטות אין סיריען. מיט דער
דאָזיגער מחנה האָט ער אָנגעהויבען צו מאַכען אָנפאַלען אויף די פרעמדע
איינוואָהנער פון די אַרומיגע שטעדט און נעהמען פון זיי נקמה פאַר'ן אָנ-
פאַלען אויף גוש-חלב. פון דער היים איז יוחנן געווען אַגרויסער אָרימאַן
און דערצו אויך פון זעהר אַשוואַכער געזונדהייט, אָבער ער האָט געהערט
צו יענע חאַראַקטערען, וועלכע זענען געבענשט פון דער נאַטור מיט אַ
פייערדיגער נשמה און אַהייסען טעמפּעראַמענט, וואָס בעהערשען אַזוי
שטאַרק דאָס גאַנצע וועזען פונ'ם מענשען, אַז מען פערגעסט זיך אָן דער
אָרימקייט, אָן דער קערפּערליכער שוואַכקייט און מען איז זיך מתגבר
אויף אַלע שוועריגקייטען, צווינגענדיג די אומשטענדען, דאָס זיי זאָלען
פיהרען צום ערפאָלג. די גרויסע מעשים, וועלכע יוחנן האָט שפּעטער
אויפגעטהון, זיין העלדישער מוט און זיין אייזערנער ווילען, דערווייזען אַמ-
בעסטען, וואָס פאַר אַהייסער פאַטריאָט ער איז געווען. יוחנן בן לוי פון
גוש-חלב און דער תנא רבן שמעון בן גמליאל זענען געווען האַרציג גע-
טרייע גוטע פריינד און דאָס קאָן דיענען פאַר'ן בעסטען בעווייז, ווי ניט
ריכטיג עס איז דאָס, וואָס יוסף פלאַוויוס האָט שפּעטער וועגען יוחנן גע-
שריבען אין זיין געשיכטע. אין דער ערשטער צייט פון דער מלחמה האָט

יוחנן בעגרענצט זיין טעטיגקייט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט מיט זיין מחנה בעפעסטיגט זיין געבורטס־שטאָדט גוש־חלב, כדי צו פעראייניגען אַרום איהר אַלע אַנדערע שטעדט און אָבצוהאַלטען די רומאים פון לאַנד יהודה, ווען זיי וועלען געהען אויף ירושלים.

אין דעם צווייטען גליל־צענטר פון דער רעוואָלוציע, אין טבריה האָבען די פּאַטריאָטען געהאַט אויסצושטעהן אַ שווערען קאַמפּף מיט די אָנהענגער פון רוים, וועלכע זענען דאָרט געווען זעהר פיעל. די שענע שטאָדט ביים ברעג ים האָט געהערט פיעל יאָהר דעם קעניג אַגריפּאַ און דעריבער האָט זי ניט פיעל געליטען פונ'ם יאָך פון די רוימער. פונדעסטוועגען האָט דער גרעסטער טייל פון דער בעפעלקערונג געהערט צו די קנאים און מען האָט געוואָלט צו בעפרייען זיך פון אַגריפּאַ'ן, נאָכדעם ווי מען האָט זיך איבערצייגט, אַז ער איז נוטה צו דער קנעכטשאַפט ביי רוים. דער אָנפיהרער פון די דאָרטיגע קנאים איז געווען יוסטוס בן פּיסטאָס, וועלכער האָט געשטאַמט פון זעהר אַ הויכער אידישער יחוס־משפחה און געהאַט זעהר אַ גרינדליכע גריכישע בילדונג. שפּעטער האָט ער געשריבען די אידישע געשיכטע אין גריכיש. יוסטוס איז געווען אַ קינסטלערישער רעדנער און עס איז איהם דעריבער לייכט געווען, צו פועל'ן ביים פאָלק, אַז מען זאָל איהם העלפען פערווירקליכען זיינע גרויסע פּאַטריאָטישע פּלענער. יוסטוס האָט געהאַט אַ חבר, יהושע בן סאַפיאַ, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס בעזונדערס אויפ'ן המון — אויף די שיפער און די משא־טרעגער פון טבריה. נעגען אָט די צוויי אָנפיהרער פון די קנאים איז געשטאַנען די אָרטיגע אַריסטאָקראַטיע, וועלכע איז געבליבען געטריי דעם קעניג אַגריפּאַ און איז געשטאַנען אויפ'ן צד פון דער רוימישער פּאַרטיי. — ווי נאָר מען האָט דערהערט אין טבריה וועגען דער מפלה פון צעסטיוס, האָבען יוסטוס און יהושע אונטערגענומען אַ מלחמה נעגען דער פרעמדער בעפעלקערונג פון יענע שטעדט, וואו עס זענען פאָרגעקומען שחיטות און בערויבונגען פון אידען. — די שטאָדט גמלא, וואָס איז געווען אויף דער אַנדערער זייט פון ים כנרת, איז געשטאַנען אויף אַ הויכען באַרג, וועלכען ס'איז זעהר שווער געווען פאַר'ן פיינד איינצונעהמען; דערפאַר איז די שטאָדט לייכט געווען צו פערטיידיגען נעגען דעם פיינד. תחלת האָבען די איינוואָהנער פון גמלא געהאַלטען מיט די רוימער, אָבער נאָכדעם ווי די אַרומיגע סירער האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען זייערע מערדערישע אָנפאַלען אויף אידען, האָבען שוין די איינוואָהנער פון גמלא ניט געקאָנט בלייבען גלייכגילטיג און זענען צוגעשטאַנען צו די קנאים.

דער וואולקאַן פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אַלזאָ שוין בעשאַפען [illegible]טליכע ערטער אויסצוברעכען אין דער פּראָווינץ גליל; אין אַנדערע שטעדט האָט זיך נאָך דערווייל נור געריכערט, אָבער מען האָט געקאָנט [illegible]רוואַרטען יעדען מאָמענט דעם שרעקליכען אויסברוך. נאָך איינער פלאַ[illegible]

חיום (יוסף בן מתתיהו הכהן) איז בעשטימט געווארען דורך דער סנהדרין פאר א שטאטהאלטער אין גליל. נאר די גרעסטע שטאדט פון גליל, די הויפט-שטאדט צפורי, איז געבליבען טריי די רוימער און ניט צוגעשטאנען צום אויפשטאנד. אין גאנצען גליל האט צוליעב דעם געהערשט א שטארקע אויפרעגונג געגען צפורי. בעזונדערס שטארק איז מען אבער געווען אויפגערעגט געגען איהר אין טבריה, ווייל דארט האט נאך געהערשט א שטימונג פון קנאה געגען איהר, זינט אגריפא דער צווייטער האט זי ערקלערט פאר א הויפטשטאדט. דער נייער שטאטהאלטער האט אלזא געהאט א שווערע אויפגאבע, דען ער האט עס געדארפט פועל'ן ביי צפורי, אז זי זאל צושטעהען צו דער רעוואלוציע, און אזוי ארום וואלט מען געקאנט פעראייניגען דעם גאנצען גליל און שטעלען זיך געגען דעם פיינד, כדי ניט צו דערלאזען איהם געהען צו ירושלים. פונ'ם גוטען אדער שלעכטען ערפאלג פון דער דאזיגער אויפגאבע איז געווען אויך אבהענגיג דער ערפאלג פון דער גאנצער מלחמה. דער גליל האט געקאנט ברענגען דערצו, אז דער אידישער אויפשטאנד זאל ניט האבען אזא טראגישען סוף. צום אונגליק אבער איז יוסף בן מתתיהו בכלל ניט געווען דער מענש אויף דורכצופיהרען אזא שווערע אויפגאבע, און מיט זיינע מעשים האט ער מיטגעווירקט דעם אונטערגאנג פון דער אידישער מלוכה.

יוסף בן מתתיהו, אדער יאזעפוס פלאוויוס, ווי ער האט געהייסען ביי די רוימער (געבארען 32 פאר'ן חורבן, געשטארבען 25 נאך איהם), איז געווען געבירטיג פון ירושלים און האט געשטאמט פון אן'אלטער יחוס-משפחה פון כהנים; זיין מוטער, ווי מען האט דערצעהלט, האט געשטאמט פון די חשמונאים. זיין פאטער האט איהם פון דער פריהער יוגענד געגעבען א גוטע ערציהונג און געלאזען איהם לערנען תורה ביי די גרעסטע אידישע חכמים, ער איז דעריבער גוט בעהאווענט געווען אין דער תורה. דריי יאהר איז ער געווען א תלמיד פון דעם עסייער בענה (Banus) און האט געלעבט מיט איהם צוזאמען אין דער מדבר, שפייזענדיג זיך בלויז מיט פרוכטען און מאכענדיג טאג-טעגליך די פריהמארגען-טבילות אויפ'ן עסעאישען שטיינער. א דאנק זיין גרויסען חשק צו וויסענשאפטען, האט ער אויך בעקומען א גרינדליכע גריכישע בילדונג. אין זיבען און צוואנציגסטען יאהר פון זיין לעבען האט ער געהאט די געלעגענהייט צו רייזען קיין רוים, כדי משתדל צו זיין זיך דארט פאר עטליכע פרושים, וועלכע מען האט אהין אבגעפיהרט אלס שבוים. דורך דער פערמיטלונג פון א אידישען אקטיאר אליטיראס איז יוסף'ן געלונגען פארצושטעלען זיך דער קייזערין פאפעא און פועל'ן דורך איהר, אז מען זאל די שבוים בעפרייען פון תפיסה. די אידען-פריינדליכע קייזערין איז געווען פאר יוסף'ן זעהר גנעדיג און האט איהם געגעבען גרויסע מתנות. דאס לעבען א געוויסע צייט אין רוים האט אבער געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף יוסף'ן. די פראכטיגקייט און עשירות פון נירונ'ס קייזערלי-

בען הויף, דאָס ריהרעווידיגע לעבען אין דער וועלט־שטאָדט, די ריעזיגע
גרויסקייט פון איהרע מלוכה־אינסטיטוציעס — דאָס אַלץ האָט איהם פּער־
בלענדעט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אָנגעהויבען צו גלויבען, דאָס די
רוימישע מאַכט איז אויסגעבויט געוואָרען אויף צו שטעהען אייביג, און
די געטליכע השגחה אַליין האָט אויסגעקליבען רוים פאַר אַ געוועלטיגערין
איבער דער גאַנצער וועלט און אַלע פעלקער. פלאַוויוס האָט ניט געזעהען
די העסליכע וואונדען, וואָס האָבען זיך איינגעגעסען אין'ם אָרגאַניזם פון
דער גרויסער מלוכה, ווייל ער איז געווען פערבלענדעט דורך דעם גלאַנץ
פון לייכטענדען גאָלד און רויטען פורפור און געוואָרען אַ הייסער אָנהע־
גער פון רוים מיט איהר גרויסאַרטיגער אָרדנונג און הויכער קולטור.

ווען יאָזעפוס פלאַוויוס איז צוריקגעקומען אַהיים אין ירושלים, איז
איהם דאָרט דאָס גאַנצע לעבען ערשיענען קליינליך און נישטיג, שפּל און
עלענד. ווי האָט ער געמוזט לאַכען, ווען ער האָט געהערט, ווי די קנאים
רעדען אַזוי פייערדיג און מיט אַזאַ בטחון וועגען מנצח זיין רוים! אין זיי־
נע אויגען האָבען זיי אויסגעזעהען, ווי די משוגעים. ער האָט פּרובירט
דעריבער דערצעהלען וועגען דער גרויסקייט און שטאַרקייט פון רוים און
געפאָדערט נאָך אין אָנפאַנג פון אויפשטאַנד, אַז מען זאָל זיך בעסער אונ־
טערגעבען צו רוים, ווייל עס איז גאַנץ אונמעגליך צו שטעלען זיך געגען
איהר געוואַלדיגער קראַפט. ווען אָבער ער האָט דערזעהען, אַז זיינע רייד
מאַכען ניט קיין ווירקונג און מען האָט זיך גענומען פאַר'ן געוועהר, האָט
ער צוזאַמען מיט אַנדערע גלייכדענקענדע חברים זיך בעהאַלטען אין בית־
המקדש און ניט דערוואַגט צו בעווייזען זיך ווידער, ביז ער האָט דער־
הערט, אַז דער מעסיגער קנאי, אלעזר בן חנניה, האָט שוין די מאַכט
אין די הענד. אָבער בעווייזענדיג זיך ווידער, האָט ער מורא געהאַט צו
ריידען, כדי ניט צו דערוועקען געגען זיך דעם כעס פון די קנאים. ער
האָט זיך דעריבער פערשטעלט, אַז ער סימפּאַטיזירט אויך כלומרש'ט מיט
דער פאָלקס־פרייהייט; אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט ער זיך גע־
פרייעט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז צעסטיוס גאַלוס געהט פון אַנ־
טיאָכיען מיט זיינע דרייסיג טויזענד סאָלדאַטען, צו מאַכען אַ סוף מיט'ן
טומעל וועגען דער פרייהייט און מיט דער הערשאַפט פון די קנאים. דער
אידישער ערפאָלג האָט אָבער צושטערט יאָזעפוס'עס האָפנונגען. צעסטיוס
האָט געהאַט די מפּלה און איז ענטלאָפען, און יאָזעפוס האָט ווידער אָנ־
געהויבען רעדען מיט אַ שענערע שפּראַך וועגען דער פאָלקס־פרייהייט.

ווי אַזוי איז עס אָבער געקומען, אַז די סנהדרין האָט אָנגעטרויט
דוקא אָט אַזאַ אָנהענגער פון רוים אַזאַ שווערע און פעראַנטוואָרטליכע
אויפגאַבע, ווי די פערטיידיגונג פון לאַנד יהודה אין גליל? איצט איז פאַר
אונז די זאַך גאַנץ אונפערשטענדליך. אפשר האָט יוסף אַזוי קינסטלעריש
זיך פערשטעלט, אַז מען האָט באמת געגלויבט, אַז ער איז אויך אַ קנאי
געוואָרען? ווי עס שיינט, האָט די הערדישע אָנשטרענגונג, מיט וועלכער

די רעוואלוציע איז אין ירושלים דורכגעפיהרט געווארען, און דער נצחון איבער צעסטיוס'ן טאקי געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף יאזעפוס פלאוויוס, ווי אויף אלע ניט טיעף-דענקענדע מענשען. דאך דאס פאלקאמע אבפאלען פון רוים איז איהם איצט נאך אויך ערשיענען, ווי א פלאן פון משוגעים און ניט פון קלאר-דענקענדע מענשען. אבער מעגליך, אז ער האט געהאפט, דאס דער פער'עקשנ'טער ווידערשטאנד, וואס די אידען וועלען ארויסווייזען געגען רוים, וועט האבען א געוויסע ווירקונג אין רוים, און מען וועט דארט איינשטימען צו בעפרייען דאס לאנד יהודה פונ'ם שטאטהאלטער מיט'ן פראקוראטאר און איבערגעבען די פערוואלטונג פונ'ם לאנד דעם אידישען קעניג אגריפא. אין דער ווירקליכקייט האט יאזעפוס פלאוויוס עהרליך געארבייט פאר אגריפא'ן, און אין דער הינזיכט וועניגסטענס איז ער קיין פעררעטער ניט געווען. אגריפא אליין איז אין גרונד אויך געווען צופריעדען מיט דער רעוואלוציע, ווייל ער האט געהאפט דורך איהר צו קומען צו א גרעסערער הערשאפט. און אויב אגריפא האט ניט געקאנט עפענטליך זיך שטעלען אויפ'ן צד פון די אידישע קנאים, ווייל ער האט געמוזט זיין און בלייבען אונטערטעניג רוים, לויט זיין געהיימען פלאן, האט ער דאס געטהון דורך יוסף בן מתתיהו, מיט וועלכען ער איז געווען שטארק בעפריינדעט.

די סנהדרין האט מיטגעגעבען יאזעפוס'ן אויף זיין שטעלע אין גליל צוויי געהילפע, יועזר און יהודה, וועלכע זענען געווען גרויסע תלמידי חכמים און האבען געדארפט בעאבאכטען אויף זיינע מעשים. יאזעפוס לויבט זיי אמאל, אנ'אנדערס מאל אבער רופט ער זיי אן פאלשע מענשען, געלד-ליעבהאבער א. ד. ג. די דאזיגע מענשען האבען זיך ארויסגעוויזען פאר וועניג פעהיגע לייט און זיי זענען באלד אבגעגאנגען צוריק קיין ירושלים, — צי מיט'ן אייגענעם ווילען, אדער אויף יאזעפוס'עס בעפעהל — איז אונבעוואוסט. אין דער ערשטער צייט, ווען יאזעפוס איז צוגעטראטען צו דער טעטיגקייט, האט עס אויסגעוויזען, אז ער מיינט צו טהון זיין זאך גאנץ ערנסט און ער וויל דערוועקען די אידען אין גליל טיילצונעהמען אינ'ם אויפשטאנד. ער האט איינגעארדענט א מין סנהדרין פון זיבציג פערזאן, אלץ אנגעזעהענע לייט, לויט'ן מוסטער פון דער סנהדרין אין ירושלים. ער האט אויך בעשטימט ריכטער אין יעדער שטאדט, צו משפט'ן קרימינעלע פראצעסען, און זיבען בעסערע מענשען (טובי העיר) האט ער בעשטימט צו פערוואלטען די אינערליכע ענינים אין יעדער שטאדט. ער האט בעפוילען דעם פאלק צו געבען סאלדאטען און, ווי מען האט געזאגט, איז איהם געלונגען צוזאמענצושטעלען אנ'ארמעע פון הונדערט-טויזענד מאן, וועלכע ער האט גוט בעוואפענט און געלערנט, לויט'ן רוימישען שטייגער, האלטענדיג זיי אונטער א שטרענגער געהארזאמקייט (דיסציפלין). ארום זיין אייגענער פערזאן האט ער איינגעארדענט א לייב-וואכע פון פינף הונדערט מאן, וועלכע האבען געדארפט געהארכען

יעדען וואונק זיינעם. ער האט אלזא אנפאנגס באמת געמיינט. צו פערטיידיגען דעם גליל געגען די רוימער, — גלייך ווי יאזעפוס איז געקומען. אין גליל, האט ער געגעבען א בעפעהל, אז מען זאל צושטערען דעם קעניגליכען פאלאץ אין טבריה, וואו עס זענען געווען אויסגעשטעלט בילדער פון חיות, א זאך, וואס איז געגען דעם פערבאט פון דער תורה. אין דער הינזיכט האט ער זיך בעגאנגען, ווי אנ'עכטער קנאי, חאטש עס איז אונבעוואוסט, אויב ער האט דאס געטהון לויט איינענער איניציאטיווע, אדער די סנהדרין פון ירושלים האט איהם אזוי בעפוילען. כדי אויסצופיהרען זיין בעפעהל, האט ער איינגעלאדען די אנגעזעהענסטע מענשען פון טבריה צו קומען צו איהם אין דער שטאדט בית-מעון, וואו ער האט זיי געבעטען, אז זיי זאלען זיין בעפעהל ערפילען; אבער ווערענד יאזעפוס פלאוויוס האט נאך געהאלטען אין פיהרען די אונטערהאנדלונגען, האט זיך מקדים געווען דער קנאי יהושע בן סאפיא און מיט דער הילף פון די מאטראזען אויפ'ן ים כנרת האט ער דעם פאלאץ פערברענט, אויסטיילענדיג צווישען זיינע לייט אלע טייערע זאכען, וואס זענען אין פאלאץ געווען. דאס לעצטע איז יאזעפוס'ן ניט געפעלען געווארען און, קומענדיג באלד קיין טבריה, האט ער אבגענומען דעם גאנצען רויב פון פאלאץ צוריק, כדי אבצושיקען איהם צום קעניג אגריפא. די דאזיגע טהאט האט תיכף דערוועקט א חשד ביים המון געגען יוסף בן מתתיהו (יאזעפוס); מען האט צו איהם פערלאָרען דעם צוטרוי און די בעוועגונג איז דאדורך פאראליזירט געווארען, אנשטאט צו ווערען אויפגעמונטערט און דערוועקט.

בעזונדערס שטארק איז געווען די שנאה פון יאזעפוס געגען יוחנן פון גוש-חלב, ווייל ער האט איהם מקנא געווען פאר זיין ריהרעווידיגקייט און גרויסער פעהיגקייט, מיט וועלכער ער איז אריבערגעשטיגען יאזעפוס'ן, חאטש ער איז איהם געווען תחלת אונטערגעארדענט, לויט'ן בעפעהל פון סנהדרין. יאזעפוס האט איהם פיעל געשטערט אין זיין פאטריאטישער טעטיגקייט, ווי ער האט עס באלד אויך געטהון מיט אלע אנדערע פאטריאטען. ווען יוחנן האט געבעטען ביי איהם אנ'ערלויבעניש צו פערקויפען די תבואה, וואס די רוימער האבען איבערגעלאזען אין זייערע מאגאזינען ביים ענטלויפען, כדי מיט'ן געלד צו קאנען אויפבויען און בעפעסטיגען די מויערען פון דער שטאדט, האט יאזעפוס איהם די ערלויבעניש ניט געגעבען, ווייל ער האט געוואלט אבגעבען די רוימער די תבואה, ווען זיי וועלען צוריקקומען, אדער אפשר גאר האט ער געוואלט זיי פערחאפען פאר זיך אליין. יוחנן האט אלזא באלד איינגעזעהען, אז מען קאן ניט האבען קיין צוטרוי צום נייען שטאטהאלטער, ווייל ער איז נוטה צו די רוימער, און האט פון דאמאלס זיך בעמיהט, צו מאכען אונשעדליך פאר אידען יאזעפוס'עס אונטערנעהמונגען. אויך אינ'ם נעגענווערטיגען פאל מיט די תבואה האט יוחנן זיך בעקלאגט ביי יועזר און יהודה, וועלכע די סנהדרין האט נעגעבען יאזעפוס'ן פאר געהילפע, און ערשט נאך לאנגע בעמיהונגען איז

איהם געלונגען צו בעקומען ביי יאזעפוס'ן די פערלאנגטע ערלויבעניש, באלד נאכדעם איז פארגעקומען א פאל, וועלכער האט אינגאנצען פאראליזירט די פערטיידיגונג פון גליל: איינינע פון די בעדיענטע ביים קעניג אגריפא און בערעניקא האבען געפיהרט פיעל גאלד און זילבער, טייערע כלים און קליידער, וועלכע האבען געהערט צו אגריפא'ן און בערעניקא'ן. מצד די בעדיענטע איז דאס געוועזען א געוואגטע טהאט, ווייל די גאנצע געגענד איז געוועזען אין אויפשטאנד געגען אגריפא'ן. אין דער ווירקליכקייט זענען ביים שטעדטעל ד ב ר ת בעפאלען אויף זיי איינינע יונגעלייט פון די קנאים און, אבנעהמענדיג דעם רייכען טראנספארט, האבען זיי איהם געבראכט צו יאזעפוס'ן, כדי אבצוגעבען עס דער נאציאנאלער קאסע, וועלכע איז בעשטימט געוועזען אויף צו בעקומען מיטלען פאר'ן אויפשטאנד. יאזעפוס איז אבער געוועזען אגריפא'ס א פריינד, דעריבער האט ער בעשלאסען אבצוגעבען דאס גערויבטע פערמעגען אגריפא'ן. און די יונגעלייט האט ער אבגענארט, ערקלערענדיג, אז ער וועט עס אבשיקען קיין ירושלים אין נאציאנאלען אוצר. די לייט פון דברת האבען אבער באלד איינגעזעהען זיין פאלשקייט און פערשפרייט וועגען יאזעפוס'ן א קלאנג, אז ער איז אונגעטריי דער אידישער זאך און וויל, ווי א שענדליכער פעררעטער, איבערגעבען דאס לאנד צו די רוימער. באלד האבען זיך געלאזען געהען גרויסע מאסען פון די קנאים קיין טאריכעא, וואו יאזעפוס איז דאמאלס געוועזען. די שטימונג צווישען דעם פאלק איז געוועזען זעהר אנ'ערביטערטע, מען האט געוואלט דעם פעררעטער אומברענגען. יהושע בן ספיא האט נאך דערצו אנגערעדט דאס פאלק און האט אלעמען בעשווארען ביי א ספר תורה אומצוברענגען דעם פעררעטער. יאזעפוס וואלט דאמאלס געוויס אומגעקומען, ווייל אויך זיין לייב-וואך האט איהם מייסטענס פערלאזען, און דער המון האט שוין געמאכט הכנות אונטערצוצינדען איהם אינ'ם הויז, וואו ער איז געוועזען. יאזעפוס'ן איז אבער געלונגען ארויסצוראטעווען זיך דורך א קונציגער פאלשקייט און אבנארונג: ער האט אנגעטהון טרויער-קליידער, אנגעהאנגען זיין שווערד אויפ'ן האלז פאר א סימן פון הכנעה און ארויסגעקומען צום שטאדטישען היפאדראם (פערד-מארק), וואו ער האט מיט זיסע רייד פערזיכערט די פערזאמעלטע, אז ער וויל אנווענדען דעם גערויבטען אוצר, כדי צו בעפעסטיגען מיט איהם זייער שטאדט געגען די רוימער. די נאאיווע איינוואהנער פון טאריכעא האבען איהם געגלויבט און האבען נאך שטארק מתרעם געוועזען אויף די געקומענע אידען, פארוואס זיי ווילען אנפאלען אויף אזא אונשולדיגען מענשען. יוסף איז ביני לבינו פערשוואונדען געווארען און דערנאך האט ער גענומען אנ'אכזריות'דיגע נקמה, דען ער האט געחאפט דעם אנפיהרער און אבגעהאקט איהם די האנד, וועלכע ער האט איהם אויפ'ן האלז אנגעהאנגען. אזוי ארום האט יאזעפוס געווארפען אנ'אימה ארום זיך. אבער פון יענעם מאמענט אן איז פערשוואונדען געווארען יעדע אויסזיכט אויף צו קאנען, ווי

נעהעריג, פערטיידיגען דעם גליל: אָנשטאָט אַחדות, האָט יוסף בן מתתיהו אַריינגעבראַכט מחלוקת און פאַרטייאישקייט אין גליל. באַלד דורך זיינע ערשטע שריט האָט ער געשפּאָלטען די בעפעלקערונג פון גליל אויף צוויי פאַרטייען: איין טייל האָט געהאַלטען מיט איהם, און דער אַנדערער — מיט יוחנן פון גוש=חלב. די ביידע פאַרטייען האָבען פיינד געהאַט איינע די אַנדערע שנאַת=מות און געפיהרט אינטריגעס דורך פאַלשקייטען און פערשטעלונגען.

ווען יוחנן האָט זיך איבערצייגט, אַז די גאַליליער זענען מייסטענס פערבלענדעט און גלויבען, דאָס יוסף בן מתתיהו איז אַ געטרייער פאַטריאָט, וועלכען מען קאָן מיט זיכערהייט אָנטרויען די פערטיידיגונג פון'ם לאַנד, און זיי שטיצען איהם אויך דעריבער, האָט ער געשיקט זיין ברודער שמעון מיט נאָך הונדערט חברים קיין ירושלים צו דער סנהדרין, כדי אָנצוקלאָגען דאָרט יוסף'ן און פאָדערן, אַז מען זאָל ביי איהם צונעהמען זיין בעפאָלמעכטיגונג. דער נשיא פון סנהדרין, וועלכער האָט ליעב געהאַט יוחנן און וועניג צוטרוי געהאַט צו יוסף בן מתתיהו, האָט אונטערגעהאַלטען די אָנקלאַגע פון די שליחים; אויך דער פריהערדיגער כהן=גדול חנן בן חנן האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען דאַרף צונעהמען די שטאַטהאַלטערשאַפט ביי איהם. זיי האָבען אַלזאָ גע'פועל'ט, אַז מען זאָל שיקען פיער שליחים און צווינגען מיט אַלערליי מיטלען יאָזעפוס'ן, אַז ער זאָל אָבגעבען די מאַכט צוריק; איהם אַליין האָט מען געדאַרפט ברענגען קיין ירושלים געפאַנגען, לעבעדיג אָדער טויט. צו די גרויסע קהלות פון צפורי, טבריה און גאַבאַראָ האָט די סנהדרין געשיקט אַ בריעף, אין וועלכען זי האָט ערקלערט פאָלגענדעס: יוסף בן מתתיהו איז אַ פעררעטער געגען דעם פאָטערלאַנד און מען טאָר איהם ניט שטיצען, נאָר מען דאַרף שטיצען יוחנן פון גוש=חלב. יוסף האָט אָבער ווידער אָנגעווענדעט פאַלשקייט און אויסגעמיעדען די גרויסע געפאַהר, וואָס האָט איבער איהם געשוועבט. פאַר דער סנהדרין שטעלען זיך צום געריכט האָט ער ניט געוואָלט, זיין שטעלע פערלאָזען האָט ער נאָך וועניגער געוואָלט, דעריבער האָט ער אויף דערוויל פערשטאַרקט זיין טעטיגקייט צוצוגרייטען זיך צו דער מלחמה געגען די רוימער, וועלכע האָבען געדאַרפט אַריינקומען אין לאַנד דורך עכו. מיט די שליחים פון סנהדרין האָט ער געפיהרט אונטערהאַנדלונגען און געחנפ'עט זיי, און בשתיקה האָט ער בעשטעלט מערדער, זיי צו דערהרג'ענען. ווען די שליחים האָבען דערזעהען, אַז זיי קאָנען געגען יאָזעפוס'ן גאָרניט טהון, האָבען זיי, לויט יוחנן'ס עצה, פונאַנדערגעשיקט געהיימע שליחים אין אַלע שטעדט אין גליל מיט אַן'ערקלערונג, אַז די סנהדרין האָט יאָזעפוס'ן אַריינגעלעגט אין חרם, און קיינער טאָר איהם מעהר ניט געהאָרכען. יוסף בן מתתיהו האָט זיך אָבער דערפון דערוואוסט און איבערגעכאַפּט די שליחים מיט די בריעף, וועלכע ער האָט בעפוילען צו ברענגען צו זיך; דערנאָך האָט ער פערזאַמעלט זיי=

נע פריינד, פאר וועלכע ער האט זיך געקלאגט אויף די שליחים פון סנהדרין, דערביי האט ער אזוי אויפגערייצט דאס פאלק נעגען זיי, אז מען האט זיי שיער ניט צוריסען לעבעדיגערהייד. ערשט דא איז יאזעפוס ארויסגעטראטען כלומר'שט אלס א רודף שלום און א גוטהערציגער איד און געבעטען רחמים ביים פאלק, אז מען זאל זיי קיין בייז נישט טהון. באלד נאכדעם האט ער אויסגעקליבען עטליכע דארפישע נאאיווע אידען, וועלכע ער האט געשיקט קיין ירושלים צום סנהדרין, כדי צו לויבען איהם און צו דערצעהלען גדולות ונפלאות וועגען זיינע פאטריאטישע מעשים, דערביי האבען זיי געדארפט בעטען, דאס מען זאל די שליחים אברופען צוריק און איהם איבערלאזען אויף זיין שטעלע. ווען די שליחים פון סנהדרין האבען דערזעהען, אז זיי קאנען ניט דורכפיהרען דעם בעפעהל פון סנהדרין אין אויבערשטען גליל, זענען זיי אבגעגאנגען קיין טבריה, אבער יאזעפוס האט אהין אויך געשיקט זיינע לייט און באלד אליין געקומען אין טבריה, כדי צו שטערען די שליחים אין זייער ארויסטרעטען געגען איהם. די שליחים האבען אין טבריה פערזאמעלט דאס פאלק און בעשטימט א תענית-צבור אויף תפלה צו טהון, דאס דער אויפשטאנד זאל מצליח זיין. טויזענדער מענשען האבען זיך פערזאמעלט אין שוהל און דארט האבען זיי אנגעהויבען מיט איהם צו קריגען זיך פאר זיינע מעשים און געוואלט איהם ארעסטירען; אבער דא זענען ארויסגעטראטען זיינע מענשען און מיט בלאנקע שווערדען זענען זיי אנגעפאלען אויף זיינע געגנער. דערווייל האט זיך אויך אין ירושלים אנגעהויבען א קאכעניש: יאזעפוס'עס פריינד האבען אנגערייצט דעם המון געגען דער סנהדרין, פארוואס זי האט געשיקט שליחים געגען אזא געטרייען פאטריאט, ווי יאזעפוס איז. פיעל מענשען האבען זיך פערזאמעלט ארום דעם הויז פון רבן שמעון בן גמליאל און געוואלט נקמה נעהמען פאר יאזעפוס'ן. דאן האט די סנהדרין בעפוילען אבצורופען צוריק קיין ירושלים די שליחים און אויסצופרעגען זיי וועגען יאזעפוס'עס מעשים. אבער יאזעפוס האט דא אויך בעוויזען א קונץ: ער האט די שליחים אריינגעווארפען אין תפיסה, און וועגען איינעם פון זיי, יועזר בן נאמיקוס, וועלכער איז געוועזען אין טבריה, איז אויסגעבראכען א מלחמה צווישען יאזעפוס'עס אנהענגער און זיינע פיינד. מנצח געווען האבען די לייט פון יאזעפוס; זיי האבען אונטערגעצונדען די שטאדט און בערויבט זי, א שטייגער, ווי זי וואלט געווען א פיינדליכע שטאדט, וועלכע מען האט איינגענומען אין שטורם פון מלחמה. ווען די איינוואהנער פון טבריה האבען דערזעהען, אז עס קומט פאר עפעס שרעקליכעס, דען א הויכער בעאמטער, וואס איז בעשטימט געווארען פון סנהדרין פיהרט נאר מיט זיי מלחמה, ווי מיט פיינד, האבען זיי בעקומען חרטה אויף זייער טיילנעהמען אינ'ם אויפשטאנד און געשריבען א בריעף צו אגריפא, ערקלערענדיג איהם, אז זיי זענען בערייט אונטערצוגעבען זיך איהם און בעטען ביי איהם מחילה פאר זייער פערברעכען. אויך דער

שריפטשטעלער יוסטוס מיט זיין פאטער, וועלכע זענען פריהער געשטאנען אין שפיץ פון די קנאים און דערוועקט די בעפעלקערונג צום אויפשטאנד, האבען איצט זיך צוריקגעקעהרט צו אגריפא'ן, ווייל זיי האבען מורא געהאט פאר יאזעפוס'ן, וועלכער האט זיי געסטראשעט מיט'ן טויט. ווען יאזעפוס האט זיך דערוואוסט, אז טבריה זאגט זיך אב טיילצונעהמען אינ'ם אויפשטאנד, איז ער געווארען ווי צומישט. די איינוואהנער פון טאריכעא האבען פון איהם געפאדערט, אז ער זאל צווינגען מיט געוואלד די איינוואהנער פון טבריה צוצושטעהן צום אויפשטאנד, ער אבער האט בעסער געשפיעלט ווייטער זיין צווייזייטיגע ראליע: די רעוואלוציאנערען האט ער איבערגערעדט אבצוטרעטען פון טבריה, און בשתיקה האט ער געשטיצט די פריינד פון אגריפא און פון רוים. אויך יוחנן פון גוש־חלב האט ער געשטערט עטוואס צו טהון, און זיינע מענשען האט ער בעפוילען, אבצוגעבען איהם זייער געוועהר. אויף גוש־חלב איז יאזעפוס בעפאלען מיט זיינע לייט און בערויבט די שטאדט. דערפאר האט ער געלאזט צורוה די שטאדט צפורי, וועלכע האט געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט רוים. ער האט אפילו אויך דערלאזט די איינוואהנער בעפעסטיגען זייער שטאדט, כדי צו קאנען בעסער שטיצען די רוימער, חאטש זיי האבען בפירוש ערקלערט, אז זיי וועלען ניט אריינלאזען צו זיך דאס מיליטער פון די רעוואלוציאנערען פון יהודה.

און וועהרענד יאזעפוס האט דורך זיין פאלש שפיעל אריינגעבראכט אין גליל דעם בירגערליכען קריעג, זיך אויסלאכענדיג פון סנהדרין, אבשוואכענדיג די פאטריאטען און ברענגענדיג די וויכטיגסטע שטאדט טבריה צום אבפאל פון דער רעוואלוציע, האבען די איינוואהנער עפענטליך געפיהרט זייערע אונטערהאנדלונגען מיט רוים. אויף יאזעפוס'ן פאלט די חרפה, אז ער האט דורך זיינע אינטריגעס, זיין כבוד־ליעבע, עגאאיזם, און אונפעהיגקייט, מעגליך גאר דורך זיין פערראטעריי, ניט בעוויזען צו בעפעסטיגען דעם גליל, וועלכער האט געקאנט ווערען די פארפעסטונג פון יהודה און ירושלים. ער בעריהמט זיך, דאס ער האט בעפעסטיגט איינינע שטעדט אין גליל, דאס הייסט, ער האט ניט געשטערט דער דארטיגער בעפעלקערונג די בעפעסטיגונג צו מאכען. א פאקט איז אבער, אז ווען דער פיינד איז אין לאנד אריינגעקומען, האט ער דארט ניט בעגעגנט ניט קיין מיליטער, ניט קיין פאלק, וואס זאל זיך איהם שטעלען ענטקעגען. יעדע פעסטונג האט געדארפט פערטיידיגען זיך אליין, ניט שטעהענדיג אין פערבאנד מיט עמיצען און ניט האפענדיג אויף עמיצען צו בעקומען הילף אין דער נויט. צווישען די אידען אין גליל האט געהערשט א מידיגקייט און א אונצוטרוי; איינער האט אין דעם אנדערען געמיינט צו זעהען א פעררעטער און, חאטש קיין גבורה האט זיי ניט געפעהלט, זענען זיי אלע געווען ווי פאראליזירט. עס וואלט געווען שווער צו גלויבען, אז דאס אלץ זאל האבען געשטאמט פון דער פאלשקייט און

אונפֿעהיגקייט פֿונ׳ם שטאַטהאַלטער; אָבער די פֿאַקטען, וועלכע ער אַליין דערצעהלט מיט אַ חוצפּה, וואָס האָט ניט איהר גלייכען, דערווייזען אַמ־בעסטען, אַז נאָר ער אַליין איז שולדיג געוועזען אין דער יאָמערליכער אונ־אָרדנונג, וואָס האָט געהערשט אין גליל. דאָס, וואָס מען האָט אויסגע־קעמפּפט אין די ערשטע פֿיער חדשים פֿון אויפֿשטאַנד אין ירושלים, האָט יאָזעפֿוס פֿלאַוויוס פֿערניכטעט אין אַ משך פֿון פֿינף חדשים אין גליל, אין דער צייט פֿון זיין פֿערוואַלטונג. נאָך איידער דער פֿיינד האָט זיך באַוויזען אין לאַנד (4 יאָהר פֿאַר׳ן חורבן, פֿון נאָוועמבער ביז מערץ).

אין די דאָזיגע ניין חדשים האָבען די רוימער ניט אונטערגענומען קיין מלחמה אין ארץ ישראל, ווייל זיי האָבען זיך שוין איבערצייגט, ווי העלדענמוטיג די אידען טרעטען אַרויס געגען דעם פֿיינד, און געוואָלט הערייבער בעסער אָבוואַרטען ביז אַ גינסטיגען מאָמענט. דער קייזער נירון איז גראָד געוועזען אין גריכענלאַנד, וואו ער האָט טריאומפֿירט אַלס גע־שיקטער פּוהרמאַן, פֿידלער און זינגער, ווען ער האָט דערהאַלטען די אוי־בעררעשענדע ידיעה, אַז דאָס לאַנד יהודה האָט געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד און דאָס רוימישע מיליטער האָט געהאַט אַ מפּלה. נירון איז פֿון דער דאָ־זיגער ידיעה ערציטערט געוואָרען, דען ער האָט מורא געהאַט, אַז די רעוואָלוציע זאָל זיך ניט פֿערשפּרייטען אויך אין אַנדערע מדינות. דערצו איז נאָך געקומען אויך די ידיעה, אַז צעסטיוס גאַלוס, דער סירישער שטאַטהאַלטער, איז פּלוצלינג געשטאָרבען. נירון האָט דעריבער גערופֿען צו זיך דעם בעסטען פֿעלדהערר פֿון יענער צייט אַספּסינוס (Flavius Vespasian)‚ וועלכער איז בעריהמט געוואָרען, אַלס העלד אין דער מלחמה געגען די בריטאַניער, און האָט איהם איבערגעגעבען די אָנפֿיהרונג פֿון דער מלחמה געגען דעם לאַנד יהודה. נירון קיסר האָט זיך אַזוי דערשראָ־קען פֿאַר׳ן אויפֿשטאַנד אין לאַנד יהודה און פֿאַר זיינע מעגליכע טרויערי־גע רעזולטאַטען פֿאַר רוים, אַז ע[illegible] אויך באַלד בעשטימט פֿאַר אַ נייעם שטאַטהאַלטער אין סיריען ליצינוס מוציאַנוס און בעפֿוילען איהם אָבצו־היטען, אַז פֿון פּאַרטהיען זאָל מען ניט שיקען אידען קיין הילף. נירון איז אפילו דאַמאָלס געוועזען זעהר בייז אויף אַספּסינוס׳ן דערפֿאַר, וואָס ער האָט פֿערלאָזען דאָס טעאַטער, באַלד ווי דער קייזער נירון האָט זיך בע־וויזען אויף דער בּיהנע אַלס שוישפּיעלער. פֿאַר נירון קיסר איז זעהר שווער געוועזען צו בעשליסען זיך אָנצוטרויען אַ גרויסע אַרמעע אַ מענשען, וועלכען ער האָט געהאַלטען פֿאַר זיינעם אַ פֿיינד; אָבער קיין אַנדער מי־טעל האָט ער ניט געהאַט: כדי איינצושטילען דעם אויפֿשטאַנד אין יהודה, האָט מען געברויכט צו האָבען אַ העלדישען און געשיקטען פֿעלדהערר.

אין ווינטער דעם פֿיערטען יאָהר פֿאַר׳ן חורבן (67 נאָך דער געוועהנ־ליכער צייט רעכנונג) איז אַספּסינוס אָבגעגאַנגען פֿון גריכענלאַנד אין לאַנד יהודה און איז אַרויסגעשטיגען אין עכו (Ptolemaïs), וואו ער האָט גע־דאַרפֿט מאַכען די הכנות צו דער מלחמה. זיין זוהן טיטוס, וועלכער

האט אין דער מלחמה געגען יהודה געוואלט צום ערשטען מאל ארויסווייזען זיינע גבורות, האט געבראכט צווי לעגיאנען מיליטער פון אלעקסאנדריען: דעם פינפטען און דעם צעהנטען. דאס זענען געווען יענע ווילדע דעקומאני, וואס די אלעקסאנדריניש אידען האבען שוין געהאט געשפירט אויף זיך זייער אכזריות. איצט האבען זיי געדארפט בעווייזען זייערע שענע מעשים אויך די אידען אין יהודה. קיין עכו זענען געקומען אלע קלענערע ארומיגע מלכים, וועלכע זענען געווען אונטערטעניג צו רוים; אויך אגריפא מיט זיין שוועסטער בערעניקא זענען אהין געקומען, כדי ארויסצווייזען זייער אונטערטעניגקייט און בערייטקייט צו ברענגען מיליטער און צו קעמפפען פאר רוים. אגריפא איז געווען אין א געוויסער מאס געצוואונגען ארויסצווייזען, אז ער האט ניט קיין שייכות צום אויפשטאנד און איז געבליבען געטריי צו רוים. ווייל די איינוואהנער פון צור האבען אויף איהם גע'מסר'ט, אז ער שטעהט אין געהיימע בעציהונגען מיט די אידישע קנאים. אגריפא האט דעריבער געוואלט ארויסווייזען א בעזונדערע פלייסיגקייט, אלס ערגעבענער קנעכט פון רוים, זיין שוועסטער בערעניקא האט אין דערזעלביגער צייט גענומען געפאנגען דעם יונגען טיטוס דורך איהר זעלטענער שענהייט; ס'האט זיך פערבונדען א ליעבעס־בעציהונג צווישען דעם פיינד פון אידישען פאלק מיט דער אידישער פרינצעסין. די דאזיגע ליעבע האט געדויערט גאנצע פיער יאהר, אזש ביז'ן חורבן פון ירושלים. די פרינצעסין בערעניקא איז אפילו געווען פיעל עלטער פאר טיטוס'ן, אבער איהר שענהייט האט פון די פיעל יאהרען וועניג וואס געליטען.

דער חיל, מיט וועלכען אספסינוס דאט געהאפט איינצונעהמען דאס אידישע פאלק, האט בעטראפען פופציג טויזענד מאן, אויסער די פיעל בעדינטע און פוהרלייט, וועלכע האבען געהערט צו דער ארמעע. ערשט אין פריהלינג איז די בעוואפנונג פון דער ארמעע פארטיג געווארען, און די מלחמה האט זיך אנגעהויבען מיט'ן ארויסשיקען קלענערע מיליטער־אבטיילונגען, אבצורוימען די וועגען ארום די גאליליאישע פעסטונגען פון די פארטיזאנישע מחנות, וואס וואלטען געקאנט אנפאלען פלוצלינג פון די בעהאלטענע ערטער צווישען די בערג אויף דער רוימישער ארמעע. אספסינוס איז געווען פארזיכטיגער פאר צעסטיוס גאלוס און האט ניט געפיהרט די מלחמה מיט אימפעט; פון ערשטען מאמענט אן ביז'ן סוף פון דער מלחמה איז ער געווען מיושב'דיג, ניט געאיילט זיך און האט אויסגעקעמפפט ביי אידען זייער לאנד שריט ביי שריט מיט דער גענויאיגקייט פון א זייגער. יאזעפוס האט מיט זיינע קליינע מחנות ניט געקאנט האלטען זיך געגען די רוימישע לעגיאנען, ווייל אליין איז ער קיין גבור ניט געווען און זיינע מחנות האט ער זיך אזוי פיעל אנדערצעהלט וועגען דער רוימישער גבורה, אז זיי פלעגען זיך באלד צולויפען, ווען זיי פלעגען דערזעהען די רוימער פון דער ווייטען. נאך אנ'אנדער נייסט האט געהערשט

אין דער מחנה פון יוחנן פון גוש=חלב. ווי נאָר די פײַנד זענען צוגעקומען נאָהענטער צו יודפת (Iotapata), זענען די אײַנוואָהנער אַרויסגעקומען זײ ענטקעגען און בעגעגענט מיט אַזאַ אימפּעט און גבורה, אַז זײ האָבען צוקלאַפּט די פאָדערשטע מחנות פון די רוימער און פיעל פון זײ אויסגעהרג'עט, חאָטש עס איז זײ ניט געלונגען, צוליעב זײער קלײנער צאָהל, דורכצוברעכען די געשלאָסענע רײהען פון דער רוימישער אַרמעע.

לויט'ן מלחמה=פּלאַן, וואָס אַספּסינוס האָט אויסגעאַרבײט, האָט ער פריהער געדאַרפט אײַנגעמען דעם גאַנצען גליל, כדי ניט צו האָבען הינטער זיך קײן צו=שטאַרקען שונא, בשעת ער האָט געדאַרפט קעמפּפען געגען יהודה. די רוימישע אַרמעע איז דעריבער צוערשט געגאַנגען צו די פעסטונגען אין צפון פון גליל, גאַבאַראַ (גברא) און יודפת. אין גאַבאַרא האָבען די רוימער קײן מיליטער ניט געפונען. זײ האָבען דעריבער די שטאָדט באַלד אײַנגענומען און פערברענט. די אײַנוואָהנער האָט אַספּסינוס, אַלס נקמה פאַר דער מפּלה פון צעסטיוס, געלאָזען אויס'הרג'ענען אַלעמען. אַזוי האָט ער זיך בעגאַנגען מיט אַלע אַרומיגע שטעדט און דערפער: די בעפעלקערונג האָט מען איבעראַל אויסגעהרג'עט אָדער גענומען געפאַנגען און פערקויפט פאַר קנעכט. דער כאַראַקטער פון דער מלחמה האָט זיך אַלזאָ אַרויסגעוויזען אין זײַן גאַנצער גרויזאַמקײט פון אָנפאַנג אָן: דאָס איז געווען אַ נקמה=מלחמה. יאָזעפוס האָט זיך דערווײַל געהאַלטען רוהיג אין טבריה, וואוהין ער איז ענטלאָפען, און זײַן ענטלויפען נופא האָט שוין אויך געוואָרפען אַן'אימה אויף די אײַנוואָהנער. ער האָט שוין דאַמאָלס ערנסט געטראַכט איבערגעהען צו די רוימער, נאָר ער האָט זיך נאָך געשעמט דאָס צו טהון. ער האָט געשיקט אַ בריעף צו דער סנהדרין, אין וועלכען ער האָט געשילדערט די לאַגע און געפאָדערט, אַז מען זאָל איהם געבען אַ בעפעהל, אָדער אַן'עצה, וואָס ער זאָל טהון: צי אָנהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט די רוימער וועגען אונטערגעבען זיך, אָדער פיהרען די מלחמה ווײַטער. אין צווײַטען פאַל, האָט ער געבעטען, דאָס מען זאָל איהם שיקען מיליטער. דער גליל, וועלכער איז נעדריגער געווען בעזעצט, ווי דאָס לאַנד יהודה, האָט שוין אַלזאָ אין אָנהויב געפאָדערט פערשטאַרקונג. אָט דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון יוסף בן מתתיהו'ס פערוואַלטונג.

פון גאַבאַרא איז אַספּסינוס געגאַנגען צו יודפת. דאָס רוימישע מיליטער האָט אָבער געקאָנט בעוועגען זיך נאָר זעהר לאַנגזאַם און מיט גרויסער מיה, דען אין די שמאָלע דורכגאַנגען צווישען די בערג האָבען די אידען אָנגעוואָרפען שטײנער און אויסגעגראָבען גריבער, כדי אונמעגליך צו מאַכען דעם פײַנד צוצוקומען צו דער שטאָדט. דער שטײנערנער באַרג, אויף וועלכען יודפת איז געווען געבויט, איז געווען אַרומגערינגעלט מיט הויכע וואַנד=גלײַכע בערג, וועלכע זענען געשטאַנען אָבגעזונדערט פון דער שטאָדט דורך טיעפע אָבגרונדען. נאָר אין צפון=זײַט איז דער באַרג ניט

נערען אזוי שטארק משופע׳דיג, און ער האט זיך אראבגעלאזען לאנגזאם אין טהאל אריין. דארט איז אלזא געווען דער איינציגער ארט, וואו מען האט געקאנט צוקומען צו דער בעפעסטיגטער שטאדט. אבער דארט האבען די איינוואהנער אויסגעבויט א הויכע און א שטארקע מויער און טהורמס; אויף וועלכע זיי האבען אויסגעשטעלט אלערליי ווארף־מאשינען, כדי צו ווארפען פון דארט שטיינער, פיילען און אנדערע שליידער־געוועהר אויפ׳ן פיינד. די רוימער האבען אנגעהויבען דעם מלחמה־שטורם טאקי נאר פון דער זייט. זיי האבען אויסגעשטעלט זעכציג בעלאגערונגס־מאשינען, וועלכע האבען אהן אויפהער געשליידערט אין שטאדט שווערדען, פיילען, שווערע שטיינער, פייערען מיט שטיקער האלץ און דעסגלייכען. די בעלאגערטע האבען אבער געקעמפפט מיט אזא גבורה, מוט, און פעראכטונג פאר׳ן טויט, אז די רוימער זענען מיעד געווארען. די אידישע גבורים האבען פיעל מאל אבגעווארפען די שטורמענדע רוימער צוריק, פערניכטעט זייערע מאשינען און געמאכט אויך פיעל מאל ארויסטריטען פון שטאדט, ווען זיי פלעגען אנפאלען אויף די רוימער און ברענגען זיי פיעל פערלוסטען. איין אידישער יונגער בחור, דער גבור אלעזר בן סמיא, איז ארונטערגעשפרונגען פון דער הויכער מויער און האט צושטערט די רוימישע ברעכ־מאשין (דעם אייזערנעם באק), וועלכע איז געווען אנגעשטעלט געגען דער מויער. דעם אייזערנעם קאפ פון דער מאשין האט ער אבגעבראכען און געלאזט זיך קלעטערן צוריק אויף דער וואנד, אבער די רוימער האבען איהם דערשאסען מיט א פייל. נאך צוויי יונגע אידישע גבורים, נטירא און פיליפא, האבען בעוויזען א געוואלדיגע גבורה: זאלבענאנד זענען זיי ארויסגעקומען פון שטאדט, זיך געווארפען אויף א גרויסע מחנה רוימער און אויסגע׳הרג׳עט פון זיי פיעל מענשען. פונ׳ם גאנג פון דער מלחמה האט מען געקאנט מיינען, אז די בעלאגערער זענען די אידען און זיי מאכען די שטענדיגע אנפאלען אויף די בעלאגערטע רוימער. ווען די רוימער פלעגען מאכען א פראבע ארויפצוקלעטערן אויף דער מויער פון שטאדט, האבען די אידען געגאסען אויף זיי זודיגען בוימאייל און געצוואונגען זיי אבצוטרעטען צוריק. אזוי האט זיך געצויגען די העלדישע פערטיידיגונג פערציג טעג נאכאנאנד (פון י״ז אייר ביז ראש חודש תמוז) און די בעלאגערטע זענען ניט מיעד געווארען אין זייער התלהבות׳דיגען קאמפף. לסוף האט אבער פערפעהלט וואסער אין שטאדט און די קעמפפער האבען אנגעהויבען ליידען דורשט. אבער אויך דאן וואלטען די אידען נאך וויטער געפיהרט די פערטיידיגונג, כדי אבצוהאלטען די רוימער חדשים־לאנג אויף דעם מיטען וועג צו ירושלים; צום אונגליק האט אין שטאדט זיך געפונען א פערדעטער, וועלכער איז איבערגעגאנגען צום פיינד און אנגעוויזען אנ׳ארט, וואו מען קאן לייכט אריינקומען אין שטאדט, וויל דארט שטעהען וועניג אידישע פערטיידיגער. די רוימער זענען אריינגעקומען דורכ׳ן דאזיגען ארט מיט׳ן בעגינען, ווען די אידישע פערטיידיגער

האבען נאך געשלאפען מיער פון דורשט, און האבען אלעמען אויסגע'הרג'
עט. פיעל אידישע העלדען האבען זיך אליין גענומען דאס לעבען, אב
ניט אריינצופאלען צום פיינד אין די הענד, פיעל פון זיי האבען זיך ארײנ
געזעצט א שווערד אין הארצען אדער זיך אראבגעווארפען פון דער הויכע
מויער, פיערציג טויזענד אידען זענען אויסגע'הרג'עט געווארען אין דע
מלחמה ביי יודפת און לערך טויזענד פרויען און קינדער האט מען גענו
מען געפאנגען און פערקויפט פאר שקלאווען. די פעסטונג האט מען חרוב
געמאכט אינגאנצען (ר"ח תמוז). די פעסטונג יודפת האט געגעבען דער
ערשטען ביישפיעל דעם גאנצען לאנד יהודה, ווי אזוי מען ברויכט זיך צ
פערטיידיגען נעגען דעם פיינד. ווי אזוי מען קאן פאלען, אבער דאך מיט
כבוד און געקרוינט מיט גבורה און מוטיגקייט. א פאר טעג פאר יודפת
איז אויך איינגענומען געווארען די שטאדט יפיני, ניט וויט פון נצרת
פון וואנען די איינוואהנער האבען געמאכט אן אנפאל אויף די רוימער פו
רוקען, כדי צו קומען צו הילף די ברידער אין יודפת. טיטוס האט ד
שטאדט איינגענומען, אויסגע'הרג'עט אלע מאנסבילען, און די קינדער או
פרויען האט ער פערקויפט פאר שקלאווען (כ"ה סיון).

יוסף בן מתתיהו (יאזעפוס) איז געקומען קיין יודפת, נאך איידע
די בעלאגערונג האט זיך אנגעהויבען, און האט בעטראכט די בעפעסטיגונ
פון דער שטאדט. ווען ער האט איינגעזעהען, אז די פעסטונג וועט סוף
כל-סוף מוזען פאלען, האט ער געמוזט ענטלויפען פון שטאדט. אבער ד
איינוואהנער האבען איהם ניט געלאזען דאס טהון און געצוואונגען צו בלײ
בען מיט זיי. ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז די רוימער זענען פלוצלינ
אריינגעקומען אין שטאדט, האט ער זיך בעהאלטען אין א ציסטערנע (וואַ
סער-רעזערוואר), פון וואנען עס איז געווען א דורכגאנג צו א הייהל. צו
זאמען מיט נאך פיערציג קעמפפער איז ער אריינגעקומען אין דער הייהל
עמיץ האט אבער זיי פערראטען צו די רוימער, וועלכע זענען באלד
צוגעקומען און געפאדערט פון יאזעפוס'ן, אז ער זאל זיך אונטערגעבען
יוסף בן מתתיהו האט ניט לאנג געטראכט און איז געווען בערייט שוי
אונטערצוגעבען זיך, דען דער רוימישער הויפטמאן, ניקאנאר, וועלכער אי
צוגעקומען צו דער הייהל, איז געווען זיינער אן'אלטער גוטער פריינד.
מיט וועלכען ער האט שוין פריהער געפיהרט אונטערהאנדלונגען וועגען
אונטערגעבען זיך; יאזעפוס איז דעריבער זיכער געווען, אז ער וועט איהם
שענקען דאס לעבען. אבער ווי נאר יאזעפוס האט געוואלט ארויסגעהען
צו די רוימער, זענען ארויסגעטראטען די פיערציג אידישע קעמפפער מיט
בלויזע שווערדען און ערקלערט, אז אויב ער האט בדעה איבערצוגעבען
זיך די רוימער און פערשענדען דעם נאמען פון א אידישען גבור, וועלען
זיי איהם דער'הרג'ענען אויפ'ן ארט. דערזעהענדיג, אז עס וועט איהם ניט
געלינגען איבערצורעדען זיי, אז זיי זאלען איהם נאכטהון און איבערגעבען
זיך די רוימער אין די הענד, האט ער געמוזט נאכגעבען און איינשטימען

צו שטארבען מיט זיי צוזאמען. אלע פיערציג מענשען האבען געשווארען איינער דעם אנדערן אויס׳צוהרג׳ענען, יאזעפוס האט אויך געשווארען צו שטארבען און ניט פערשענדען דעם אידישען נאמען. די גבורים האבען זייערווארט געטריי געהאלטען און איינער דעם אנדערן דער׳הרג׳עט. יאזעפוס אבער, ווי ער האט געבראכען זיין שבועה פאר די לעבעדיגע, אזוי האט ער זי אויך געבראכען פאר די טויטע: ווען אלע זענען שוין אויסגע׳הרג׳עט געווארען און ער איז געבליבען נאר מיט איין מענשען, האט ער זיך א ווארף געטהון אויף איהם און צוגענומען ביי איהם זיין געוועהר, דערנאך האט ער איהם איבערגערעדט, צו ברעכען די שבועה און איבערצוגעבען זיך צו די רוימער. אספסינוס האט זיך געגאנגען מיט יאזעפוס׳ן אזוי מילד, אז מען האט געזעהען, דאס ער האט איהם פריהער אויך ניט בעטראכט פאר א פיינד. מען האט אפילו אנגעטהון אויף איהם קייטע און געשטעלט אונטער א שמירה פון סאלדאטען, אבער דאס איז געמאכט געווארען נאר לפנים; באלד נאכדעם האט אספסינוס איהם ערלויבט אויסצוקלייבען זיך א שען מיידעל פון די געפאנגענע אידישע טעכטער פאר א ווייב און האט איהם אויך געגעבען פרעכטיגע קליידער און פיעל מתנות. פון דאמאלס אן איז יאזעפוס געבליבען אין רוימישען לאגער, אלס פריינד פון טיטוס און זיין שטענדיגער בעגלייטער.

אין יענע טעג זענען אויך די שמרונים (כותים) צוגעטראטען צו דער מלחמה. די גבורה פון די אידען אין יודפת האט זיי אויך בעגייסטערט. זיי האבען פערגעסען אן זייער אלטער שנאה צו די אידען און זיך פערזאמעלט אויף דעם בארג גריזים, וועלכער איז ביי זיי געווען הייליג, כדי צו פערשפארען דעם וועג פאר די רוימער. אספסינוס האט באלד ארויסגעשיקט זיין הויפטמאן, צערעאליס, מיט דריי טויזענד סאלדאטען און זעקס הונדערט רייטער, וועלכע האבען בעלאגערט ארום דעם בארג און ניט געלאזען צופיהרען אהין קיין עסענווארג. באלד האט די שמרונים פערפעהלט וואסער און פיעל פון זיי זענען אויסגעשטארבען פון דורשט. אבער פונד׳עסטוועגען האבען זיך איבערגעגעבען די רוימער אין די הענד נאר די שוואכע און קראנקע, די איבריגע האבען זיך געהאלטען פעסט, און ווען צערעאליס איז ענדליך ארויפגעקומען אויפ׳ן בארג, האבען די מייסטע פון זיי, לערך צוועלף טויזענד מאן, געקעמפפט מיט גרויס גבורה און געפאלען אלע אין מלחמה, ווי איין מענש.

נאך יודפת און די אנדערע שטעדט פון גליל איז אויך געקומען די רייהע צו יפו. אין דער דאזיגער גרויסער האפען־שטאדט ביים מיטעללענדישען ים האבען זיך פערזאמעלט פיעל ענטלאפענע קנאים פון די שטעדט, וועלכע צעסטיוס האט פריהער חרוב געמאכט, און אבגעבויט צוריק די שטאדט, נאכדעם ווי צעסטיוס האט זי פערוויסטעט. דא האבען זיי אויסגעבויט שיפען און זיך געלאזען אויפ׳ן ים, כדי אנצופאלען אויף די רוימישע שיפען, וואס האבען געפיהרט הילף פאר די רוימער קיין קיסרין.

אספסינוס, וועלכער איז געווען אין יענער צייט אין קיסרין, האט געשיקט
מיליטער, כדי איינצונעהמען יפו. די שטאדט האט מען איינגענומען און
די אידישע איינוואהנער זענען אנטלאפען מיט זייערע שיפען אויפ'ן ים.
אבער דא האט זיך פלוצלינג דערהויבען א געוואלדיגער שטורם, וועלכער
האט ארויפגעשליידערט די שיפען אויף די ארומיגע שטיינער ביים ברעג
ים, און אלע אידישע פאטריאטען זענען פערטרונקען געווארען. פיעל פון
זיי האבען זיך בעמיהט ארויפצושטייגען פון ים אויף דער יבשה, אבער
די רוימער האבען געפעפענט נעגען זיי א געוואלדיגע שיסעריי מיט פיילען
און זיי זענען אלע אומגעקומען. פיעל פון זיי האבען אויך זיך אליין דער-
שטאכען. — א קורצע צייט נאכדעם האט זיך אויך טבריה איבערגעגעבען
צו די רוימער אין די הענד, ווייל יאזעפוס האט אריינגעבראכט אין שטאדט
קנאה און שנאה און דורך זיין פעררעטעריי האט ער אזוי אבגעשוואכט
דעם מוט פון די דארטיגע פאטריאטען, אז זיי האבען זיך ניט געקאנט
נעהמען פאר דער פערטיידיגונג, און ווי נאר די רוימער זענען צוגעקומען
צו דער שטאדט, האבען זיי געעפענט די טויערען און אריינגעלאזען זיי.
די קנאים מיט יהושע בן סאפיא בראש זענען אריבערגעגאנגען אין די
נאהענטע שטאדט טאריכעא, וואו זיי האבען העלדיש מלחמה געהאלטען
מיט די רוימער פון די מויערען פון שטאדט און פון די שיפען אויפ'ן ים
כנרת. אבער א דאנק דער פריהערדיגער פערוואלטונג פון יאזעפוס, איז
אויך דא אויסגעבראכען א פארטיי-קאמפף: טייל איינוואהנער האבען געוואלט
פיהרען די מלחמה ווייטער און טייל האבען געפאדערט, אז מען זאל זיך
אונטערגעבען די רוימער. צוליעב דער מחלוקת איז די פערטיידיגונג אב-
געשוואכט געווארען, און די רוימער האבען די שטאדט איינגענומען. אלע
פאטריאטען האבען די רוימער אויסגעהרג'עט. די געפאנגענע אידען, העכ-
ער צעהן טויזענד מאן, האט מען אבגעפיהרט קיין טבריה. דארט האט
מען אנפאנגס זיי געהאט געגעבען די האפנונג צו שענקען דאס לעבען,
אבער די דאזיגע הבטחה האט אספסינוס ניט געהאלטען, דען ער האט
גאנץ קאלטבלוטיג בעפוילען אויסצושעכטען העכער צוועלף הונדערט זקנים,
וועלכע מען האט ניט געקאנט פערקויפען פאר שקלאווען. די לעבען-גע-
בליבענע האבען אויך ניט געהאט פיעל בעסער. פון אלע געפאנגענע אי-
דען אין גליל האט אספסינוס אבגעשיקט זעקס טויזענד קרעפטיגע יונגע-
לייט צו נירון קיסר קיין גריכענלאנד, כדי זיי זאלען טהון די שווערע אר-
בייט ביי דורכגראבען דעם קאנאל נעבען קורינת (Korinth); העכער
דרייסיג טויזענד אידען האט מען פערקויפט פאר אייביגע שקלאווען. איין
יאהר נאכ'ן אויפשטאנד פון ירושלים איז דער גרעסטער טייל פון גליל גע-
לעגען וויסט און אויסגעברענט, און די מוטיגע און קרעפטיגע בעפעלקע-
רונג איז טיילוויז געווארען אויסגעהרג'עט, טיילוויז פערקויפט פאר קנעכט.
די איצטיגע קנעכטשאפט פון דער אידישער נאציאן איז שוין געווען א
פיעל ערגערע, ווי די פריהערדיגע. — ביי דער דאזיגער געלעגענהייט האט

אַגריפּאַ אַרויסגעוויזען, אַז ער האָט זיך בעגאַנגען פיינדליך נעגען זיין פאָלק נִיט בלויז צוליעב מורא פאַר די רוימער, אָדער צוליעב פּאָליטיק, נאָר אויך צוליעב דעם אייגענעם נוצען: אַספּסינוס האָט איהם נעמליך געשאָנ־קען אַ טהייל געפאַנגען גענומענע אידען פונ'ם לאַנד, וואו ער האָט גע־הערשט. אָנשטאָט צו בעפרייען זיי, האָט ער אויף אַ שענדליכען אופן פערקויפט זיי פאַר קנעכט, דערוויי־זענדיג דערמיט, אַז ער איז פיעל ענה־ליכער געוועזען צו זיין עלטער־זיידען הורדוס'ן, איידער צו זיין פאָטער אַגרי־פּאַ דעם ערשטען.

נאָר דריי פעסטונגען זענען שוין איצט געבליבען אין גליל ביי די קנאים: גמלא, דער באַרג תבור און גוש־חלב. גמלא איז גוט בעפעסטיגט געוועזען אַ דאַנק דער בעמיהונג פון צוויי אָנפיהרער פון די קנאים, יוסף און הרים (Chares). אומזיסט האָט אַגריפּאַ'ס אַ הויפּטמאַן צוויי חדשים נאָכאַנאַנד בעלאַגערט די שטאָדט. די קנאים האָבען זיך געהאַלטען פעסט. אָבער לסוף איז צו דער שטאָדט צוגעקומען אַספּסינוס מיט זיין אַרמעע, נאָכדעם ווי ער האָט איינגענומען טאַריכעאַ, דען גמלא איז געשטאַנען גע־גען איהר אויף יענער זייט פונ'ם ים כנרת. די שלאַכט ביי גמלא איז גע־ווען איינע פון די העלדענמוטיגסטע אין דער גאַנצער אידישער מלחמה. סך הכל זענען אין דער פעסטונג געוועזען 9000 קעמפפער, אָבער די לאַגע פון דער שטאָדט אויף אַ הויכען באַרג איז געוועזען זעהר אַ גינסטיגע און דאָס האָט געגעבען די מעגליכקייט די פערטהיידיגער צו האַלטען זיך לענגער. צווישען די דערמאָהנטע נייַן טויזענד מאַן זענען אָבער געוועזען אויך פיעל זקנים און אויסערדעם זענען אין שטאָדט געוועזען זעהר פיעל ענטלאָפענע פרויען און קינדער, וועלכע די רוימער האָבען ניט בעוויזען מיט זייער אַכזריות אויסצו'הרג'ענען. — פיעל טעג האָבען די גמלא'ער אידען גע־קעמפפט מיט אַ געוואַלדיגער מסירות־נפש, דערוויי־זענדיג, אַז זיי זענען אמת'ע מיטבירגער פון זייער לאַנדסמאַן יהודה הגלילי. אַגריפּאַ האָט געהאַל־טען פאַר זיי אַ רעדע אונטער דער מויער און געבעטען זיי, אַז זיי זאָלען זיך אונטערגעבען, אָבער די אידען פון גמלא האָבען איהם געענטפערט מיט אַ האָגעל שטיינער, און איין שטיין האָט איהם פערוואונדעט די האַנד. אָבער ווען די רוימישע וואַרף־מאַשינען האָבען דערגרייכט ביז דער הויך פון די מויערען און אָנגעהויבען שטורמען אויף זיי, האָבען די בעלאַגער־טע זיך צוריקגעצויגען אין דער אינערליכער שטאָדט און געבליבען שטע־הען, ווי אַ לעבעדיגע מויער, צו בעשיצען מיט זייערע לייבער די שטאָדט. ערשט נאָכ'ן פערלויף פון דריי וואָכען האָבען די מאַשינען דורכגעבראָכען אַ'עפענונג אין דער וואַנד, און אַ טהייל רוימישע סאָלדאַטען האָבען זיך אַריינגעריסען אין שטאָדט. די בעלאַגערטע האָבען זיך צוריקגעצויגען פון דעם אונטערשטען טהייל פון שטאָדט אין אויבערשטען. די רוימער האָבען באַלד זיך געלאָזען זיי פערפאָלגען און אויך אַריינגעקומען אין די אויבער־שטע גאַסען. אָבער דאָ האָבען די אידען זיך געוואָרפען אויף זיי מיט אַזאַ

אימפעט, אַז זיי האָבען אפילו ניט געקאָנט זיך פערטיידיגען. די גאַסען זענען געווען ענגע, און די אידען האָבען זיי בעשאָטען מיט אַ רעגען שטיינער און פיילען פון די שפיץ בערג. די רוימער האָבען פּרובירט אַרויפקלעטערן אויף די דעכער פון די נידעריגערע הייזער, כדי צו קעמפפען מיט די אידען, אָבער די שוואַכע הייזער זענען אונטער די רוימער איינגעפאַלען און בעגראָבען זיי אונטער זיך. די רוימער האָבען זיך געלאָזט לויפען צוריק און בעגענענט זיך מיט נייע מחנות, וועלכע האָבען זיך נאָרוואָס אַריינגעריסען אין שטאָדט. די אידען האָבען אָבער דערוויַל געשלייַדערט אויף זיי פון שפיץ באַרג גרויסע שטיינער און געמאַכט זיי אונמעגליך זאָגאַר צו ענטלויפען. דאָס איז געווען פאַר די אידען אַ גרויסער טאָג פון נצחון (אום סכות). די צאָהל פון די רוימישע הרוגים איז געווען זעהר גרויס, אָבער אויך פון "ער קליינער צאָהל אידישע קעמפפער זענען פיעל געפאַלען טויט אין העלדישען קאַמפף און קיין נייע קעמפפער איז ניט געווען פון וואַנען צו נעהמען. אויך דער אָנפיהרער חרים איז געלעגען שטערבליך פערוואונדעט. אַ טאָג נאָכדעם זענען די רוימער בכיון אָנגעפאַלען אויף אַ טורם, וועלכען זיי האָבען פריהער אונטערגעגראָבען. די אידען האָבען דערפון ניט געוואוסט און זענען אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טורם, איהם צו פערטיידיגען, דער טורם איז באַלד איינגעפאַלען, בעגראָבענדיג פיעל אידישע גבורים און צווישען זיי אויך דעם צווייטען אָנפיהרער, יוסף. די רוימער האָבען זיך באַלד אַריינגעריסען אין שטאָדט און געמאָרדעוועט און געשאָכטען די איינוואָהנער מיט אַנ'אונמענשליכער אכזריות. פיער טויזענד מענשען זענען דאַמאָלס אויסגע'הרג'עט געוואָרען און לערך פינף טויזענד האָבען זיך אַליין אַרונטערגעוואָרפען פון הויכען באַרג אין אָבגרונד, אַבי ניט אַריינצופאַלען אין די רוימישע הענד. פון דער גאַנצער בעפעלקערונג זענען געבליבען לעבען נאָר צוויי מיידלעך, די טעכטער פון אַ שוועסטער פון פיליפ, אַגריפאַ'ס הויפטמאַן. די מיידלעך האָבען זיך עטליכע טעג געהאַלטען פערשטעקט, און ווען די מערדער האָבען זיי ענטדעקט, האָבען זיי באַלד געוואָלט זיי דערשלאָגען. נאָר אַ דאַנק זייער קרובות'שאַפט מיט פיליפ'ן, האָט מען זיי געשאָנקען דאָס לעבען. — געפאַלען איז די העלדישע פעסטונג גמלא דעם 23-טען תשרי.

אויך די פעסטונג אויפ'ן באַרג תבור איז איינגענומען געוואָרען אין דערזעלביגער צייט דורך דעם הויפטמאַן פּלאַצידוס, וועלכער האָט דערביי אָנגעווענדעט אַ קריעגס-פאַלשקייט. די שטאָדט תבור איז געלעגען אויף אַ הויך און גלייך שטעהענדיגען באַרג, טויזענד מיט זעקס הונדערט פוס הויך איבער'ן טהאָל יזרעאל. קיין שום צוגאַנג איז צו איהר ניט געווען, און ס'איז כמעט אונמעגליך געווען די שטאָדט איינצונעהמען. פּלאַצידוס האָט אָבער אָבגענאַרט די איינוואָהנער, אַז זיי זאָלען מיינען, דאָס ער ענטלויפט פון דער שטאָדט. די איינוואָהנער זענען אַרויסגעקומען פון שטאָדט און געלאָזט זיך פערפאָלגען זיהם. אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך

אומגעקעהרט צוריק מיט זיינע רייטער־מחנות און איז אויף זיי אָנגעפאַלען, ניט דערלאָזענדיג זיי אַריינקומען צוריק אין שטאָדט. אַזוי־אַרום האָט מען זיי אַלעמען אויסגעהרג׳עט. ווען די געבליבענע אין שטאָדט האָבען דער־זעהען, אַז פערטיידיגען די שטאָדט וועט מען שוין ניט קאָנען, איז אַ טייל פון זיי אַרויסגעגאַנגען דורכ׳ן אַנדערן עק שטאָדט און עגטלאָפען קיין ירושלים, און די געבליבענע שוואַכערע בעפעלקערונג האָט זיך אונטערגע־געבען דעם פיינד, וויל אין שטאָדט האָט אויך פערפעהלט וואַסער.

און די קליינע שטאָדט גוש־חלב, וואו דער קנאי יוחנן איז געווען דער אָנפיהרער און האָט געהאַט נאָר ווייניג פערטיידיגער האָט זיך גאָר ניט געקאָנט האַלטען פאַר׳ן פיינד. ווען טיטוס איז צוגעקומען צו דער שטאָדט מיט אַ גרויסער מאַכט און געפאָדערט פון די איינוואָהנער, אַז זיי זאָלען זיך אונטערגעבען, האָט יוחנן געבעטען איין טאָג רוה, ווייל ס׳איז געווען שבת. טיטוס האָט דערויף איינגעווילליגט. יוחנן האָט די צייט אויס־גענוצט, כדי צו אַנטלויפען מיט אַלע זיינע גבורים, אַ פּאָר טויזענד מאַן קיין ירושלים. אַ טאָג נאָכדעם האָט זיך די שטאָדט אונטערגעגעבען און די מויערן האָט מען איינגעוואָרפען. טיטוס האָט געשיקט זיינע רייטער, צו פערפאָלגען יוחנן, אָבער יענער האָט בעוויזען צו אַנטלויפען און איז אַריינגעקומען מיט זיינע לייט גליקליך קיין ירושלים. די זקנים און קינדער, וועלכע האָבען ניט געקאָנט לויפען אַזוי שנעל, ווי יוחנן מיט זיין מחנה, וועלען אַריינגעפאַלען צו די רוימער אין די הענד, וועלכע האָבען זיי אַלע־מען מיט אומענשליכער אַכזריות אויסגעהרג׳עט. דאָס איז געווען די לעצ־טע רוימישע מערדעריי, דורך וועלכער דער גליל איז אָבגעשטאָרבען. אין גליל איז מעהר ניט געבליבען קיין איינציגער לעבעדיגער פיינד פון די רוימער. — די מלחמות אין גליל האָבען אָבער זעהר מיעד געמאַכט די רוימער, און די צאָהל פון זייערע סאָלדאַטען איז אויך פיעל קלענער גע־וואָרען. אַספּסינוס האָט דעריבער בעשלאָסען אָבצושטעלען די מלחמה אויף אַ ווייל און לאָזען זיין אַרמעע אויסרוהען זיך. אין דער רוהע־צייט האָט ער אויך געדאַרפט בעקומען פרישעס מיליטער.

## זיבענטעס קאַפּיטעל.

# דער חורבן פון ירושלים.

(פון 67—70 נאָך דער געוועהנליכער צייט-רעכנונג)

ירושלים איז געוואָרען דער איינציגער אָרט, וואו עס האָבען זיך
פערזאַמעלט אַלע גבורים, וועלכע ס'איז געלונגען צו ענטלויפען נאָך די
שרעקליכע שחיטות פון די רוימער אין גליל. יוחנן פון גוש-חלב האָט גע-
בראַכט מיט זיך לערך דריי טויזענד גבורים, פון טבריה זענען אויך געקו-
מען צוויי טויזענד מאַן. די ליעבע צו דער פאָלקס-פרייהייט און צום פאָ-
טערלאַנד, דאָס געפיהל פון עהרע און פון נקמה און די פערצווייפלונג
האָבען געשיקט זייערע פאָרשטעהער איז דער שטאָדט, וואו עס האָט גע-
דאַרפט פאָרקומען דער לעצטער גרויסער קאַמפף. די שילדערונג פון די
שלאַכטען, וועלכע עס האָבען געמאַכט אין ירושלים די קנאים, וואָס האָ-
בען טיילגענומען אין די מלחמות אין גליל, האָבען געמאַכט אַ געהויבענעם
איינדרוק אויף דער ירושלים'ער בעפעלקערונג: פון איין זייט, די וואונדער-
ליכע גבורות און מוט, וואָס די אידישע גבורים האָבען אַרויסגעוויזען אינ'ם
ניט-גלייכען קאַמפף. די גבורה און ענערגיע פון פאָלק, ווי אויך זיין פאַט-
ריאָטיזם זענען געווען טרייסט און האָפענונג, אַז דאָס אידי-
שע פאָלק וועט בעווייזען צו פערטיידיגען די הויפט-שטאָדט און צענטר
פונ'ם פאָטערלאַנד און ניט דערלאָזען איהם אונטערגעהען. פון דער אַנדערער
זייט,— די אונמענשליכקייט פון די רוימער, זייער אַכזריות און בלוט-
דורשטיגקייט האָט אָנגעפילט אַלע הערצער מיט אַ געפיהל פון נקמה און
מען האָט אונגעדולדיג געוואַרט אויפ'ן מאָמענט, ווען מען וועט זיך מיט
די רוימער בעגעגענען ביי ירושלים און אָבצאָהלען זיי פאַר אַלע זייערע
רציחות. די דאָזיגע שטימונג האָבען בעזונדערס פערשטאַרקט און דערהוי-
בען די קנאים מיט זייערע פייערדיגע פאַטריאָטישע רעדעס, אַזוי אַז אפילו
די שוואַכסטע האָבען אויך דערשפירט אַ שטאַרקען מוט. די גרויסע צאָהל
פון די פערטיידיגער און קעמפפער איז געוואַקסען פון טאָג צו טאָג דורך

נײַ־אָנגעקומענע נבורים, וועלכע האָבען מיט שמחה געוואָלט זיך מוסר־נפש זײַן פֿאַר דער הײליגער זאַך. די קעמפּפער האָבען זיך געהאַלטען פֿאַר אומגעליך בעזיגט צו ווערען אין דער מלחמה. מען האָט געמאַכט אַ חשבון: אויב דאָס אײַננעהמען פֿון אַזאַ קלײנער פֿעסטונג ווי יודפת, אָדער ווי גמלא, האָט געקאָסט די רוימער אַזוי פֿיעל שוויים און מיה, טאָ וואָסזשע האָט מען זיך צו שרעקען פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון ירושלים? קוקענדיג אויף די הויכע און פֿעסטע טורעמס פֿון ירושלים, האָט מען געגלויבט, אַז די רוימער וועלען ניט אַנדערש קאָנען אַרײַנקומען אין שטאָדט, ווי מיט פֿליגלען דורך דער לופֿט; צו דער געהויבענער שטימונג איז נאָך אויך צוגעקומען דער אַלטער און פֿעסטער גלויבען, אַז עס איז נאָהענט די צײַט, וועגען וועלכער די נביאים האָבען פֿאָראויסגעזאָגט, אַז עס מוז קומען אַ משיח, וועלכער וועט אָבגעבען דעם אידישען פֿאָלק צוריק זײַן אַלטען כבוד און מאַכען איהם פֿאַר אַ העררשער איבער פֿיעל פֿעלקער.

און ירושלים איז נאָך קײנמאָל ניט געווען אַזוי גוט בעפֿעסטיגט, אַזוי רײַך, אַזוי שען, אַזוי פֿיעל בעפֿעלקערונג ווי אין די לעצטע פֿאָר יאָהר, ווען זי איז שוין געווען געווידמעט פֿאַר אַ קרבן דעם שרעקליכען אונטערגאַנג. מען האָט דאָ געקאָנט זעהען דײַטליך, אַז אויסערליכער חן און אויסערליכע שענקײַט ברענגען ניט קײן נוצען אין שלעכטע אומשטענדען. דער אומפֿאַנג פֿון ירושלים מיט איהרע פֿאָרשטעדט און די אַרומיגע מויערען האָט געהאַלטען 33 קילאָמעטער. צו דער שטאָדט האָבען אויך געהערט די דערפֿער בית־פּגי און בית־היני (בית עניה), וואו די עולי־רגל האָבען געפֿונען פֿאַר זיך דירות אום ימים־טובים. די דאַמאָליגע שטענדיגע בעפֿעלקערונג פֿון ירושלים האָט מען געשאַצט אויף זעקס הונדערט טויזענד מאַן; מען מוז אָבער דערצו נאָך צורעכענען די פֿיעל ענטלאָפּענע און קעמפּפער, וואָס זענען איצט צוגעקומען פֿון גליל, און די צאָהל איז דעריבער געווען, בלי ספק, פֿיעל גרעסער. די שטאָדט איז געווען אײַנגעטײלט אין פֿיעל חלקים: די אויבערשטע שטאָדט, אָדער ציון, איז געווען דער שטאָדט־טײל, וואו עס האָבען געוואָהנט די רײַכע מיוחסים. דאָרט זענען געווען פֿיעל פּראַכט־פּאַלאַצען, צווישען זײ אויך די פּאַלאַצען פֿון הורדוס און אַגריפּאַ, וועלכע מען האָט פֿערברענט נאָך אין דער ערשטער צײַט פֿון אויפֿשטאַנד. אין צפֿון־צײַט, אָבגעזונדערט דורך אַ טהאָל, איז געשטאַנען די אונטערשטע שטאָדט, אָדער אַקרא, וועלכע איז געווען געבויט ווי אַן אַמפּיטעאַטער, אין דער פֿאָרם פֿון אַ האַלבער לבנה. דאָרט זענען געווען די פּאַלאַצען פֿון די חשמונאים, פֿון העלענע, דער קעניגין פֿון אַדיאַבענע, דאָס ראָטהויז, דער מלוכה־אַרכיוו און הורדוס'עס אַ פּאַלאַץ. אין צפֿון־זײַט פֿון דער אונטערשטאָדט איז געווען די פֿאָרשטאָדט ביציתא (בית חדתא), די אויבערשטע און די אונטערשטע. אַגריפּאַ דער ערשטער האָט זי אָנגעהויבען בעפֿעסטיגען, אָבער די רוימער האָבען איהם געשטערט דערין, און די צוגעגרײטע בוי־מאַטעריאַלען זענען געבליבען לי־

נען אויפ'ן פּלאַץ. איצט האָבען די קנאים הידאָזינע פעסטונג פערענדיגט. דאָרט זענען געווען גרויסע מערק פאַר וואָל, פאַר מעטאַלענע כלים, פאַר קליידער, געהילץ און בהמות. דער בית־המקדש, וועלכער האָט געהאַט אין צפון־מערב־זייט די פעסטונג אַנטאָניאַ, איז געווען אַ אָבגעזונדערטער שטאָדט־טייל. אַנטאָניאַ איז געוועזען אין צפון־זייט אָבגעזונדערט פון ביציתא דורך אַ טיעפען גראָבען. אין דרום־זייט פון בית־המקדש איז געווען דער שטאָדט־טייל עופל, וואו עס איז געשטאַנען דער פּאַלאַץ פון דער אַדיאַ־בענישער מלכה גראַפּטא. די גאַסען זענען מייסטענס ברוקירט געוואָרען אין דער לעצטער צייט פאַר'ן חורבן מיט ווייסע מאַרמאָר־שטיינער.

ווי שען אָבער ירושלים איז געווען, האָבען דאָך אין איהר געפעהלט גערטנער, וואו די איינוואָהנער זאָלען קאָנען אויסרוהען זיך אין היץ און שעפּען פרישע לופט. די הויכע פעסטונגען האָבען צוגעגעבען ירושלים אַ שטרענגען פינסטערען כאַראַקטער, כאָטש זיי האָבען זי געמאַכט זיכער פאַר די פיינד. פון דריי זייטען: דרום, מזרח און מערב, איז דער באַרג, אויף וועלכען די שטאָדט איז געשטאַנען, געווען אַרומגערינגעלט מיט טיע־פע גראָבענס און גלייך־שטעהענדיגע פעלזען, וועלכע האָבען אונמעגליך געמאַכט פאַר'ן פיינד אַריינצוקומען אין שטאָדט. אויסערדעם איז נאָך דאָרט געווען אַ גרויסער אָנגעשאָטענער באַרג, וואָס האָט די שטאָדט בעשיצט. די צפון־זייט איז פון דער נאַטור וועניגער בעשיצט געווען, אָבער דאָרט זענען געווען אָנגעשאָטען דריי־פאַכע בערג. דער בית־המקדש איז אויך גע־ווען אַ שטאַרקע פעסטונג, געגען וועלכער די פריהערדיגע רוימישע פעלד־הערען פּאָמפּייאוס און סאָסיוס האָבען לאַנג געמוזט שטורמען, איידער זיי האָבען זי געקאָנט איינעהמען.

נאָכדעם, ווי דער גליל איז איינגענומען געוואָרען, האָט זיך קאָנצענ־טרירט אין ירושלים גאַנץ יהודה, ווי עס קאָנצענטרירט זיך דאָס גאַנצע לעבען פון אַן אָבשטאַרבענדען אָרגאַניזם אין זיין האַרצען. די געגענדען פון יהודה אין מערב־זייט פון ירושלים זענען, וועהרענד די שלאַכטען אין גליל, געבליבען אָהן אַ פערטיידיגונג. די רוימישע אַרמעע האָט דעריבער געקאָנט נעהן אונגעשטערט מיט'ן ברעג ים, צוקומענדיג נאָהענטער צו ירושלים, ניט בעגעגענענדיג קיין ווידערשטאַנד. דער צפון־קאַנט פון יהודה, ווי אויך דאָס לאַנד אויף יענער זייט ירדן, איז נאָך געבליבען אונבעריהרט פונ'ם פיינד. יבנה, יפו און עזה זענען שוין געווען איינגענומען, אָבער די אי־בעריגע חלקים פון לאַנד יהודה מיט ירושלים האָבען נאָך דעם פיינד ניט אָנגעזעהען. די בעוואָהנער פון אַלע דאָזיגע קאַנטען זענען געווען אַלע קנאים און דורכגעדרונגען מיט אַ הייליגער התלהבות צו קעמפען געגען דעם פיינד און בעשיצען די הייליגטימער פון פאָלק. אָבער, ווי עס שיינט, האָבען די אָנפיהרער פונ'ם אויפשטאַנד ניט געזאָרגט צו בעפעסטיגען אַלע שטעדט אין יהודה, כדי צו פערשטעלען דעם וועג צו ירושלים. די קנאים זענען אַזוי זיכער געווען אין ירושלים, אַז זיי האָבען אפילו ניט געפּרובט

ווירקען אויף די אָנהענגער פון שלום אין דער פּראָווינץ פון יהודה און פועל'ן ביי זיי, דאָס זיי זאָלען, לפחות, ניט שטערען ביים אָננעהמען די נויטיגע מיטלען צו דער פערטהיידיגונג פון דער הויפּטשטאָדט. ס'האָט אויך געפעהלט אחדות צווישען די פערשיעדענע טהיילען פון פאָלק: די עשירים און די פּאָזיטיווע אידען, וועלכע האָבען וועניג־וואָס גוטס ערוואַרטעט פון אַ מלחמה מיט אַזאַ שטאַרקען פיינד, ווי רוים, האָבען זיך געהאַלטען דערביי, אַז מען מוז זעהען צו שליסען שלום מיט רוים און אונטערגעבען זיך; נאָר די יונגענד און די אָרימע בעפעלקערונג האָבען דורכאויס געפאָדערט מלחמה. אין יעדער משפחה, אין יעדען הויז זענען פאָרגעקומען מחלוקת צווישען די אָנהענגער פון שלום און די, וואָס האָבען געפאָדערט מלחמה; די לעצטע האָבען ניט געהאַט קיין אָנהענגער אין דער פּראָווינץ און האָבען זיך דעריבער אַרויסגעצויגען קיין ירושלים, פערגרעסערענדיג דאָרט די צאָהל פון די קנאים. נאָר די פעסטונג פון מאַסאַדאַ, אָדער מצודה, וועלכע האָט זיך געפונען אין רשות פון אלעזר בן יאיר, דעם אָנפיהרער פון די סיקריקון, איז געוועזען גוט בעפעסטיגט און אַלע איינוואָהנער זענען דאָרט געוועזען פול מיט התלהבות פאַר דער מלחמה. דאָס איז געוועזען די ירושלים פון די סיקריקון. זייער מחנה האָט זיך נאָך פערשטאַרקט דורך דער מחנה פון שמעון בר גיורא. דער דאָזיגער גבור האָט געדאַרפט שפּיעלען אַ הויפּט־ראָליע אין דער פאָרשטעהענדער מלחמה און ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין געוואַלדיגער פיזישער קראַפט און זעלטענער דרייסטקייט און מוטיגקייט, וועלכע האָט איהם ניט פערלאָזען ביז'ן לעצטען אָטעם. בשעת צעסטיוס איז ענטלאָפען פון ירושלים, איז ער געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט זיך געלאָזען איהם פערפאָלגען. דערנאָך האָט ער פערזאַמעלט אַ מחנה און געפיהרט אַ רויבער־לעבען אין דער געגענד פון ים־המלח. ווען די דאָרטיגע איינוואָהנער האָבען זיך בעקלאָגט אויף איהם אין ירושלים, האָבען די קנאים געשיקט געגען איהם אַ מחנה און געצוואונגען איהם צו ענטלויפען אין דער פעסטונג מצודה, וואו ער איז צוגעשטאַנען צו די סיקריקון. פון דאָרט האָט ער אונטערגענומען רויב־אָנפאַלען אויפ'ן לאַנד אדום, כדי צו בעקומען פּראָוויאַנט פאַר די מענשען אין דער פעסטונג. אָבער די אדומים האָבען באַלד איינגעאָרדענט אַ גרויסע פערטהיידיגונגס־מחנה פון צוואַנציג טויזענד מאַן, אונטער'ן אָנפיהרען פון יוחנן, יעקב בן סוסא, שמעון בן קתלא און פנחס בן קלוסות. די אדומים זענען געוועזען פייערדיגע פּאַטריאָטען, קנאים, אָבער אויך אַזעלכע גרויזאַמע אַכזרים, ווי די סיקריקון, וועלכע האָבען פון קיינעם ניט געוואָלט אָננעהמען קיין בעפעהל, אפילו פון דער צענטראַלער רעגירונג אין ירושלים.

דער גרויסער שטראָם פון די פריהייטס־קעמפּפער, וועלכער איז אָהן אויפהער צוגעקומען קיין ירושלים, האָט דאָרט פערשטאַרקט די אויפגערעגטע שטימונג און פערמעהרט די געוואַלדטעטיגע מעשים. אין אַ געוויי־

טער מאָס איז אויך דערין שולדיג געווען יוסף בן מתתיהו: דורך זיין פעררעטערישע שפּיעל און איבערגאַנג צו די רוימער האָט ער געבראַכט דערצו, אַז מען האָט אויפגעהערט צו האָבען צוטרוי איינער צום אַנדערן; יעדער האָט געזעהען אין'ם צווייטען אַ פעררעטער. כל זמן מען האָט נאָך נעגלויבט, אַז יוסף בן מתתיהו איז אומגעקומען צווישען די גבורים פון יודפת, האָט מען איהם טיעף בעטרויערט; ווי נאָר אָבער מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער געפינט זיך אין רוימישען לאַגער און מען גיט איהם דאָרט אָב גרויס כבוד, האָט זיך ביי אַלעמען אָנגעצונדען געגען איהם אַ העלישע שנאָה. די ווייכמוטיגע האָבען גערעדט וועגען איהם, ווי וועגען אַ חאַראַקטערלאָזען, שוואַכען מענשען; די שטרענגערע אָבער האָבען איהם ערקלערט עפענטליך פאַר אַ פעררעטער. די עקסטע קנאים האָבען צוליעב איהם פערלאָרען דעם צוטרוי צו אַלעמען, בעטראַכטענדיג יעדען, וועלכער וויל ניט איינשטימען אויף זייערע עקסטע פאָדערונגען, פאַר אַ בוגד. אלעזר בן שמעון, וועלכער איז געווען אַ מאַן פון אַ שאַרפען בליק און ענערגישער טעטיגקייט, איז איצט געוואָרען אין ירושלים דער אָנפיהרער פון די קנאים. אין זיין רשות איז געווען דער אידישער נאַציאָנאַלער אוצר. ער האָט געהאַט אַ טיעפען כעס געגען דער סנהדרין, וואָס האָט איהם בעשטימט אויף אַ זייטיגען קאַנט אין דער צייט פון דער מלחמה אין גליל; וועהרענד דעם פעררעטער יאָזעפוס האָט מען דאָרט בעשטימט פאַר אַ שטאַטהאַלטער, האָט ער געמוזט זיצען מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד און נישט קאָנען עטוואָס אונטערנעהמען געגען די רוימער און פאַרבערייטען אַלץ, וואָס איז נויטיג צום אויפשטאַנד. צי קאָן מען זיך דען נאָכדעם פערלאָזען אויף דער סנהדרין און די אָנהענגער פון הורדוס'עס הויז און זיין זיכער, אַז ווען די רוימער וועלען צוקומען נאָהענט צו ירושלים, וועלען זיי ניט עפענען די טויערן פון שטאָדט, פאַלען פאַר די רוימער צו די פיס און בעטען ביי זיי רחמים און מחילה, איבערגעבענדיג אויך פיליייכט די קנאים אין דער מאַכט פון די רוימער און זייער ווילדער נקמה? אָט דאָס איז געווען די הערשענדע שטימונג ביי די קנאים, און זיי האָבען געגלויבט, אַז זיי זענען גענוג שטאַרק, צו קאָנען אַרויסרייסען די רעגירונג פון די הענד פון די מעסיגע אידען און פון די רוימישע אָנהענגער, כדי צו פיהרען די מלחמה ווייטער מיט אָנשטרענגונג פון אַלע כחות.

אין שפּיץ פון די קנאים זענען איצט געשטאַנען העכסט אָנגעזעהענע מענשען, די ערשטע פאַטריאָטען אין לאַנד יהודה: אלעזר בן שמעון, דער תנא זכריה בן אַבקולוס, יהודה בן חלקיה, שמעון בן עזרון און חזקיה בן חבר — אַלע גרויסע מיוחסים פון אַלטע משפחות. זייער שנאָה צו די געמעסיגטע אידען, ווי אויך צו דער סנהדרין, האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג און געבראַכט צו דער הערשאַפט פון טערראָר, ווי דאָס מוז שטענדיג פאָרגעקומען, ווען עס הויבט זיך אָן אַ מלחמה אויף טויט און אויף לעבען, און דער פּאָליטישער און רעליגיעזער

פאַנאַטיזם בעקומען זייער גאַנצע יניקה אינ׳ם אונגלויבען און אונצופֿריעדענהייט צו מענשען. די קנאים האָבען זיך ערלויבט צו מאַכען אַ שריט, וועלכער האָט געבראַכט צו אַ בלוטיגער שפּאַלטונג. זיי האָבען געמאַכט פּלוצלינג אַ בעפֿאַל אויף יענע מענשען, וועלכע זענען צוליעב זייער קרובות׳שאַפט מיט הורדוס׳עס משפחה נוטה געווען צו מאַכען שלום מיט די רוימער, און די קנאים האָבען זיי דעריבער חושד געווען אין אַ פערראַט און אַ פערשווערונג געגען דער פאָלקס־פרייהייט. די דאָזיגע מענשען, די אָנגעזעהענסטע אין ירושלים, האָבען די קנאים געשטראָפט מיט׳ן טויט, ניט שטעלענדיג זיי אפילו פאַר׳ן געריכט. דערביי האָבען זיי זיך אָבער ניט אָבגעשטעלט. די שנאָה געגען די משפחות פון די כהנים גדולים, וועלכע האָבען זיך פריהער געלאָזען געברויכען, ווי אַ אינסטרומענט פון די רוימער געגען דער פרייהייט פון פאָלק, האָט איצט געטריבען די קנאים צוצונעהמען ביי זיי זייערע שטעלען אין בית־המקדש, וועלכע האָבען ביז יענער צייט געהערט נאָר צו זיי אַליין. די דאָזיגע משפחות זענען געווען די אויפזעהער אויפ׳ן אוצר פון בית־המקדש, אויף זיינע הכנסות און הוצאות, אויף די הייליגע כלים, מלבושים א. ד. ג. די אַריסטאָקראַטיע פון די כהנים האָבען די דעמאָקראַטישע קנאים דערווייטערט פון בית־המקדש און בעשטימט, אָנשטאָט זיי, כהנים פון נידעריגען שטאַנד. אויב די אַריסטאָקראַטען זענען שוין דאַדורך אויך שטאַרק אויפגערייצט געוואָרען, זענען זיי אָבער נאָך מעהר אויפגערעגט געוואָרען, ווען מען האָט דערווייטערט פון דער כהונה גדולה דעם לעצטען כהן־גדול מתתיהו בן תיופיל, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען דורך דעם קעניג אַגריפּאַ און האָט געהאַלטען בשתיקה מיט די רוימער. אָנשטאָט מתתיהו׳ן, האָבען די קנאים בעשטימט אַ כהן־גדול דורך אַ גורל צווישען די כהנים, און דער גורל איז געפאַלען אויף נאָר אַן אַנ׳אונבעוואוסטען כהן, פנחס בן שמואל, פון שטעדטעל חבתא (Aphta). וועגען דעם דאָזיגען כהן האָבען איינינע דערצעהלט, אַז ער איז געווען אַ שטיינהאַקער. אַנדערע — אַז ער איז געווען אַנ׳עם־האָרץ, אַנ׳ערד־אַרבייטער. די נייע בעאַמטע פון בית־המקדש האָבען געבראַכט דעם אָרימען כהן פון זיין קליין שטעדטעל און, בעפוצענדיג איהם מיט די הייליגע קליידער, האָט מען איהם מיט גרויס פּאַראַד אַריינגעפיהרט אין בית־המקדש.

דער דאָזיגער שריט האָט שטאַרק אויפגערעגט די מיטגליעדער פון סנהדרין און זייערע אָנהענגער, צווישען וועלכע עס זענען געווען אויך פיעל מיוחסים פון דער כהונה. בעזונדערס איז געווען די אויפרעגונג געגען דעם „גורל“. אויסקלייבען אַ כהן־גדול דורך אַ גורל איז געווען ביי איהנען גאָר אַנ׳אונערהערטע זאַך און מען האָט עס דעריבער בעטראַכט פאַר אַ חרפּה, וואָס מען האָט בכיון געוואָלט אָנטהון דער כהונה־גדולה, פאַר אַ חלול־הקדש. ניט בלויז די פריהערדיגע כהנים גדולים, חנן און יהושע בן גמלא, נאָר אויך דער נשיא פון סנהדרין, רבן שמעון בן גמליאל, האָבען זיך עפענטליך אַרויסגעזאָגט געגען די דאָזיגע מעשים פון די קנאים.

חנן, וועלכער האט מיט זיין עשירות, זיין רעדנערישער קראפט און דרייסטקייט תמיד געהאט די מעהרהייט אין סנהדרין, האט איצט אנגערעדט די געמעסיגטע איינוואהנער פון ירושלים צו נעהמען זיך פאר'ן געוועהר און נקמה נעהמען פון די קנאים פאר דער חרפה, וואס זיי האבען אנגעטהון דעם בית-המקדש און דער כהונה-גדולה דורך זייערע לעצטע מעשים.

דערביי איז אבער אין חנן נופא פארגעקומען א גרויסע פערענדערונג: פון א הייסע, אדער בלויז א פערשטעלטען רעוואלוציאנער און אנהענגער פון דער פאלקס-פרייהייט, איז ער פלוצלינג געווארען אן אנהענגער פון שלום און, פאדערנדיג, אז מען זאל קעמפפען נעגען די קנאים, האט ער אויך פערלאנגט, אז מען זאל מאכען שלום מיט די רוימער. אזוי-ארום איז אויסגעבראכען א בירגער-קריעג אין ירושלים. דער כהן חנן האט זיך געשטעלט אין שפיץ פון די מעסיגע אידען, וואס זייער צאהל איז גרעסער געווען פאר דער צאהל פון די קנאים און האבען זיי אנגעהויבען ארויסצוטרייבען שריט-נאך-שריט פון אלע שטאדטטיילען צום הר-הבית, וואו זיי האבען זיך בעפעסטיגט. ניט וועלענדיג פערגיעסען קיין אידיש בלוט אין בית-המקדש, האבען זיי בעלאגערט דעם הר-הבית, כדי צו צווינגען די קנאים אויף אזא אופן אונטערצוגעבען זיך. דערווייל האט זיך פערשפרייט אין ירושלים א קלאנג, אז חנן מיט זיינע אנהענגער האבען אנגעהויבען פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט די רוימער און ווילען זיי איבערגעבען די שטאדט. ס'איז שווער געווען צו וויסען, צי דער קלאנג איז געווען ריכטיג, צי ניט, אבער דערווייל האט ער געגעבען די מעגליכקייט יוחנן פון גוש-חלב, וועלכער איז געווען א גרויסער חשוב ביי דער אריסטאקראטען-פארטיי, צו פאדערן, אז מען זאל שיקען הילף די בעלאגערטע קנאים, וועלכע זענען געווען יוחנן'ס חברים. מיט זיין עצה האט מען געשיקט בריעף צו די אדומים און געבעטען [illegible], אז זיי זאלען באלד קומען קיין ירושלים און בעפרייען זי פון די פעררעטער. א גרויסע מחנה פון צוואנציג טויזענד אדומים אונטער די פיער אנפיהרער: יוחנן, שמעון, פנחס און יעקב, האט זיך באלד געלאזט געהן קיין ירושלים. חנן האט זיך אבער דערפון דערוואוסט און פערשלאסען פאר זיי די טויערען פון שטאדט, אויסשטעלענדיג דארט א שטארקע שמירה פון בעוואפענטע מענשען, יהושע בן גמלא איז ארויפגעשטיגען אויף דער מויער פון שטאדט און געהאלטען א רעדע פאר די אדומים, בעשווערענדיג זיי אבצוציהען פון דער שטאדט און ניט פערגרעסערען דארט די מהומות נאך מעהר, אבער די אדומים האבען ערקלערט, אז קיין פארטיי, זאגאר ניט די, וועלכע האלט צופעליג די רעגירונגס-מאכט אין די הענד, האט ניט קיין רעכט ניט צו דערלאזען עמיצען געהן פערטיידיגען די הייליגע שטאדט. די אדומים זענען אלזא געבליבען שטעהן פאר די טויערען פון ירושלים.

די נאהענטע נאכט האט געבראכט א שרעקליכע קאטאסטראפע פאר חנן'ס פארטיי: עס האט אויסגעבראכען א שטארקער שטורם-ווינד מיט דו-

נערן, בליצען און אַ שלאַנס-רעגען, וועלכער האָט זיך אַראָבגעגאָסען, ווי אַ מבול, אויף דער אומגעגענד. די פערהאַרטעוועטע אדומים זענען זיך געשטאַנען רוהיג פאַר דער שטאָדט, אָבער די שומרים ביי דער מויער פון אינוועניג זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין זייערע הייזער, כדי צו בעשייצען זיך פונ'ם שרעקליכען וועטער. חנן אַליין, וועלכער איז תמיד געווען זעהר שטרענג און אונערמידעט ביי דער וואַך, האָט דאָס מאָל זיך אויך ערלויבט אומצוקעהרען אַהיים. דאָס האָבען אויסגענוצט די קנאים און, צוגעהענדיג אין דער שטיל צו די טויערען, האָבען זיי געעפענט זיי און אַריינגעפיהרט די אדומים אין שטאָדט. באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע שלאַכט. די קנאים פון איין זייט, די אדומים פון דער אַנדערער זענען אָנגעפאַלען אויף די שלאָפענדיגע שומרים; די איינוואָהנער האָבען זיך תיכף גענומען פאַר'ן געוועהר און אינ'ם גרויסען חושך, רעגען און שטורם האָבען מענשען אָנגעהויבען אויסצושעכטען איינע די אַנדערע. די שוידערהאַפטע שחיטה צווישען ברידער האָט געדויערט ניט לאַנג. יעמערליכע געשרייען פון פרויען און קינדער, קרעכצען פון פערוואונדעטע און צוטראָטענע, ווילדע געשרייען פון אָנפאַלער און פערצווייפלונגס-ליאַרמען פון די אָנגעפאַלענע — דאָס אַלץ האָט אינאיינעם מיט'ן שטורם, דונערן און בליצען געוואָרפען אַזאַ אימה אויף אַלעמען, אַז די מעסיגע האָבען אַנידערגעלעגט זייער געוועהר און געלאָזען זיך לויפען צוריק אין די הייזער אַריין. די אדומים האָבען זיך דאַן אַ וואָרף געטהון, ווי די צורייצטע חיות, אויף די ענטלויפענדע, אויס'הרג'ענענדיג אַלעמען, אין וועלכען זיי האָבען דערקענט אַ געמעסיגטען; באַלד האָבען זיי זיך פערשפרייט אין אַלע גאַסען פון שטאָדט, מאָרדענדיג די מעסיגע בעפעלקערונג. ווען די זון איז מיט'ן טאָג אויפגעגאַנגען, האָט זי בעלויכטען אַ שוידערהאַפט בילד: העכער אַכט טויזענד אידען זענען געלעגען אויסגע'הרג'עט אין די גאַסען (אין מערץ, אָנדערטהאַלבען יאָהר פאַר'ן חורבן). דער נצחון איז געבליבען ביי די קנאים. די סנהדרין איז צוטריבען געוואָרען. עס האָט זיך אָנגעהויבען די ממשלה פון טעראָר, וועלכע האָט איינגעאָרדענט אַ בלוטיג געריכט איבער אַלעמען, ווער עס איז געווען איהר געגנער. מען האָט אויפגעזוכט אַלע מעסיגע, וואָס האָבען טהיילגענומען אין דער מלחמה, און בעשטראָפט מיט'ן טויט. די ערשטע פער'משפט'ע צום טויט זענען געווען די געוועזענע כהנים גדולים חנן און יהושע בן גמלא. נעגען חנן האָבען די קנאים געהאַט געוויסעס רעכט אַזוי צו בעגעהן זיך, ווייל ער האָט דער ערשטער אַליין געבראַכט צום בירגער-קריעג; יהושע בן גמלא האָט מען שוין לאַנג חושד געווען, אַז ער שטעהט אין געהיימער פערבינדונג מיט יוסף בן מתתיהו. די ערביטערונג געגען די דאָזיגע צוויי כהנים גדולים איז אַזוי גרויס געווען, אַז מען האָט זיי אפילו ניט געלאָזט ברענגען צו קבורה, נאָר אַרויסגעוואָרפען זייערע טויטע קערפער פאַר די הינד. דער כהן-גדול דער צדוקי, חנן, איז אַליין פריהער געווען אָהן שוינונג און אונ-

ענשליך געגען זיינע פיינד, איצט האָבען זיינע שונאים איהם בעצאָהלט, ליט זיינע מעשים. וואָס איז געוואָרען מיט'ן תנא רבן שמעון בן מליאל, איז געבליבען אונבעוואוסט. פון זיין שטעלע האָט מען איהם, וויזט-אוים, דערוויטערט, דערפאַר וואָס ער האָט ניט איינגעשטימט אויף דער דעמאָקראַטישער וואַהל פונ'ם כהן-גדול. צי האָבען איהם דער'הרג'עט די קנאים, אָדער די רוימער, איז היסטאָריש אונבעוואוסט.

די אדומים זענען אָבער געוועזען פאַר די קנאים אויך אַזוי וועניג אַנ-ענעהם, ווי די מעסיגע. דעריבער האָבען זיי געפרובט איינרעדען זיי מיט טען אַרויסצוציהען זיך פון שטאָדט. כדי אָבצוהאַלטען חאָטש וויפיעל עס איז די אַנאַרכיע און דעם טעראָר האָט יוחנן פון גוש-חלב זיך דערהויבען פאַר אַנ'אָנפיהרער, אָנשטאָט דער סנהדרין, און די ענטלאָפענע פון גליל האָבען איהם געשטיצט. ער האָט זיך בעזעצט אין שטאָדט-טייל עופל, אין פאַלאַץ פון דער אַדיאַבענישער קעניגין גראַפּטא, און, אַ דאַנק זיין העלדישען גייסט, האָבען זיך באַלד מיט איהם פעראייניגט פיעל התלהבות'-דיגע פאַטריאָטען, יונג און אַלט, וועלכע זענען איהם געוועזען אויך אַזוי גע-טריי, ווי די גאַליליייער. זענענדיג גלייך אין גבורה און מסירת-נפש מיט די איבריגע אָנפיהרער, איז ער אָבער זיי אַריבערגעשטיגען מיט זיין שאַר-פען בליק און זיינע זעלטענע איינפאַלען. דאָס איז געוועזען אַ געבאָרענער הערשער. תחלת איז יוחנן מיט זיינע גאַליליאישע קנאים געגאַנגען האַנד ביי האַנד מיט די ירושלים'ער קנאים און זיך בעגאַנגען מיט גרויסער שטרענגקייט געגען די פעררעטער, אָדער בכלל ניט זיכערע פאַטריאָטען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז פיעל רייכע און רוה-ליעבענדע איינוואָהנער האָבען זיך אַרויסגעצויגען פון ירושלים. באַלד אָבער האָבען די קנאים איינגעזעהען אַז דאָס קאָן ברענגען דערצו, דאָס ירושלים זאָל בלייבען אָהן פערטיידיגער און דעריבער האָבען זיי אויסגעשטעלט אַ שטרענגע שמירה ניט אַרויסצולאָזען קיינעם פון שטאָדט. זעהר פיעל איינוואָהנער איז אָבער געלונגען יאָ אַרויסצוגעהען פון שטאָדט, און זיי האָבען געשיל-דערט פאַר אַספּסינוס'ן דעם צושטאַנד פון שטאָדט אין זעהר פינסטערע פאַרבען, כדי צו פערענטפערן זייער ענטלויפען, אָדער כדי צו דערוויזען אַספּסינוס'ן, אַז ירושלים וועט זיך ניט לאַנג קאָנען האַלטען, ווייל זי שוואַכט זיך אַליין אָב דורכ'ן פּאַרטיי-קאַמפף.

און וועהרענד אין ירושלים זענען פאָרגעקומען אָט די אַלע שרעקלי-כע געשעהענישען, האָט אַספּסינוס זיך פערהאַלטען גאַנץ רוהיג אין זיין לאַגער און ניט געוואָלט פאָלגען די ענטלאָפענע אידען, וועלכע האָבען איהם געבעטען באַלד צו געהען אויף ירושלים און איינעהמען זי מיט'ן שטורם פון מלחמה. אַספּסינוס איז געוועזען זעהר פאָרזיכטיג; ער האָט ניט געוואָלט אָנפאַלען אויפ'ן לייב אין זיין בעפעסטיגטען אָרט; ער האָט דערי-בער בעסער געוואָלט וואַרטען פון דער ווייטען, אין דער האָפנונג, אַז די איינוואָהנער פון ירושלים וועלען זיך איינע די אַנדערע פריהער אָבשוואַ-

בען, כדי ערשט דאַמאָלס אַרויסצוטרעטען געגען זיי מיט זיין פרישער קראַפט. דעם גאַנצען ווינטער, צוויי יאָהר פאַר'ן חורבן, האָט ער מיט זיין אַרמעע זיך אויסגערוהט אין לאַגער, און ערשט אין פריהלינג האָט ער אַרויסגעפיהרט זיין אַרמעע אויף די שלאַכט-פעלדער צום קאַמפף, אָבער ניט געגען ירושלים, נאָר געגען דעם לאַנד, וואָס אויף יענער זייט ירדן (Peräa), וואו די אידישע בעפעלקערונג האָט זיך נאָר-וואָס גענומען פאַר'ן געוועהר. ווען די רוימער זענען דאָרט אָנגעפאַלען אויף די אידישע מחנות צום ערשטען מאָל, זענען באַלד געפאַלען טויט צוויי טויזענד אידישע קעמפפער, און די ווייטערדיגע מלחמות האָבען זיך געענדיגט פאַר זיי אויך זעהר טרויעריג: צוויי טויזענד אידען זענען פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַווען און פופצעהן טויזענד זענען געפאַלען טויט. די דאָרטיגע שטעדט זענען כמעט אַלע חרוב געוואָרען. — נאָך דער דאָזיגער בלוטפערגיסונג האָט אַספּסינוס ווידער זיך געווענדעט צום לאַנד יהודה, וואו ער האָט איינגענומען פערשידענע שטעדט. אין יענער צייט האָט אַספּסינוס ערהאַלטען אַ ידיעה, אַז די גאַלישע און שפּאַנישע לעגיאָנען האָבען זיך צובונטעוועט געגען נירון קיסר און אויסגערופען פאַר אַ קייזער דעם פעלדהערר גאַלבאַ (אין אַפּריל, 68 נאָך דער קריסטליכער צייט-רעכנונג). די דאָזיגע ידיעה האָט געטריבען אַספּסינוס'ן, צו נעהמען זיך ענערגישער פאַר זיין אויפגאַבע אין לאַנד יהודה, כדי צו קאָנען גיכער קומען קיין רוים און טיילנעהמען דאָרט אין די נאָהענטע געשעהענישען. פונדעסטוועגען האָט ער נאָך אַלץ ניט געוואַגט צו קומען צו ירושלים, נאָר ער האָט זיך אַלץ גענעהנטערט צו איהר, אַרומרינגלענדיג זי ווי מיט אַן'אייזערנער קייט פון מערב און פון דרום.

זאָגאַר שוין דאַן, ווען כמעט די גאַנצע געגענד אַרום ירושלים איז געוועזען אונטערגעוואָרפען צו רוים און פון דריי זייטען איז דער צוגאַנג צו ירושלים געוועזען פריי פאַר רוים, האָט ער נאָך אַלץ געגעבען ירושלים לערך אָנדערטהאַלבען יאָהר רוה. אָבגעהאַלטען האָבען איהם פון אַ באַלדיגער מלחמה אויף ירושלים צוויי אומשטענדען: די ידיעה וועגען דעם בירגער-קריעג אין ירושלים און די פּאָליטישע איבערקעהרעניש אין רוים. דעם בירגער-קריעג אין ירושלים האָט אויפגעבלאָזען פון-דאָס-ניי דער גבור שמעון בר גיורא. אַ געוויסע צייט איז ער געוועזען אין דער פעסטונג מאַסאַדה צוזאַמען מיט די סיקריקון; לאַנג האָט ער אָבער דאָרט ניט געקאָנט איינזיצען, ווייל עס האָט איהם געצויגען צו נייע מעשים און צו בעקומען אַ גרויסען נאָמען. ווען דער כהן-גדול חנן, זיין פיינד, איז בעשטראָפט געוואָרען מיט טויט און די סנהדרין איז צוטריבען געוואָרען, איז ער אַרויסגעקומען פון דער פעסטונג, כדי צו זאַמלען אַ גרויסע מחנה און קומען קיין ירושלים, וואו ער האָט געהאָפט אָנצוהויבען שפּיעלען אַ גרויסע ראָליע. וואו נעהמט מען אָבער אַ מחנה, וואָס זאָל איהם זיין ערגעבען מיט לייב און זעעל? שמעון האָט איינגעלאַדען צו זיך פיעל שקלאַווען, וועלכע ער האָט צוגעזאָגט פרייהייט, און נאָך אַנדערע אונגליקליכע מענ-

שען פון פראָסטען המון. [זיין מחנה איז שנעל געוואַקסען און האָט באַלד דערגרייכט, ווי מען האָט געזאָגט, צוואַנציג טויזענד מאַן. די קנאים אין דער הויפּטשטאָדט האָבען אָבער מורא געהאַט פאַר אַזאַ פערזענליכקייט, ווי בר גיורא איז געוועזען; זיינע מעשים האָבען זיך אפילו תמיד אויסגעצייכענט מיט גרויסער גבורה, אָבער מען האָט לייכט געקאָנט פאָראויסזעהען, אַז ער וועט זיך ניט לאָזען דיסציפּלינירען דורך קיין העכערער מאַכט. אַזאַ מיטהעלפער איז געווען זעהר אונבעקוועם און דעריבער זענען די קנאים אַרויסגעטראָטען געגען איהם, ווען ער איז צוגעקומען קיין ירושלים, און זיי האָבען אונטערגענומען געגען איהם אַ מלחמה. מנצח זיין איהם אָבער האָבען זיי ניט געקאָנט, נאָר אין איין צוזאַמענשטויס האָבען זיי גענומען געפאַנגען זיין ווייב און אַ טייל פון זיינע מענשען. איצט האָבען זיי געהאָפט, אַז ער וועט זיך אונטערגעבען און בעטען רחמים, אָבער שמעון האָט עס ניט געטהון; ער האָט אָנגעהויבען אָנצופאַלען אויף אַלע, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון שטאָדט צו ברענגען פון דאָרט לעבענס-מיטעל אָדער האָלץ. די דאָזיגע אַכזריות געגען אונבעוואָפענטע מענשען האָט געצוואונגען די קנאים אַרויסצוגעבען איהם צוריק זיין פרוי אין דער האָפנונג, אפשר וועט ער ווייכער ווערען דאַדורך, אָבער שמעון האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָבגעזאָגט פון זיין פּלאַן אַריינצוקומען אין ירושלים. טאָג און נאַכט איז ער געלעגען פאַר די טויערען פון ירושלים, כדי צו געפינען אַ געלעגענהייט אַריינצוקומען אין שטאָדט. ענדליך האָט זיך געפונען אַזאַ געלעגענהייט.

די פּאַרטייען פון די אַריסטאָקראַטען איז מיט'ן אונטערגאַנג פון איהרע אָנפיהרער ניט פערשוואונדען, נאָר זי האָט זיך געהאַלטען אַ לאַנגע צייט שטיל, אָבוואַרטענדיג דעם מאָמענט, ווען מען וועט קאָנען צונעהמען ביי די קנאים צוריק די רעגירונג און הערשאַפט אין שטאָדט. אין שפּיץ פון דער פּאַרטייען איז געשטאַנען דער אַראָבגעוואָרפענער כהן-גדול מתתיהו בן תיופיל. וואָס נאָהענטער אַספּסינוס איז צוגעקומען צו ירושלים, אַלץ גרעסער איז געפאַלען די אימה אויף די רוהיגע איינוואָהנער פון ירושלים, און צוליעב דעם האָט מתתיהו'ס פּאַרטייען זיך אָנגעהויבען פערגרעסערען. און אָט האָט ער זיך צוזאַמענגערעדט מיט זיינע אָנהענגער און זיי האָבען געבראַכט דערצו, אַז די מעסיגע פּאַרטייען זענען פּלוצלינג אָנגעפאַלען אויף די קנאים און אויסגע'הרג'עט זעהר פיעל מענשען פון זיי. נאָך דער ערשטער שרעק האָבען זיך דערהויבען אַלע קנאים, וועלכע זענען געווען צוּוואָרפען אין אַלע עקען שטאָדט, און זיך פערזאַמעלט אויפ'ן הר-הבית, כדי צו בעצאָהלען זייערע געגנער פאַר'ן בלוטיגען אָנפאַל. די מעסיגע האָבען זיך זעהר דערשראָקען און אויף אַ פערזאַמעלטער בעראַטונג האָבען זיי בעשלאָסען אַריינצופיהרען אין שטאָדט שמעון בר גיורא און אָנרייצען איהם אויף די קנאים. דער געוועזענער כהן-גדול מתתיהו איז אַליין אַרויסגעקומען צו שמעון'ען און איבערגעגעבען איהם די איינלאַדונג, און אַזוי אַרום

האָט ער אַרײַנגעפיהרט אין שטאָדט דעם בירגער־קריעג

מיט שמעון'ס אַרײַנציהען זיך אין ירושלים האָט זיך אָנגעהויבען דאָרט אַ שרעקליכע צײַט. צוערשט האָט ער אָנגעהויבען נקמה נעהמען פון די קנאים, פאַרוואָס זיי האָבען איהם ניט אַרײַנגעלאָזען אין שטאָדט, און אויפ'ן הר־הבית איז פאָרגעקומען אַ שטאַרקע מלחמה צווישען די מחנות פון שמעון בר גיורא און די אָנהענגער פון אלעזר בן שמעון.

די ידיעה וועגען דעם נײַעם בירגער־קריעג אין ירושלים איז איבערגעגעבען געוואָרען אַספּסינוס'ן, געשילדערט מיט גוזמאות, ווי דער שטײַגער איז, און ער האָט דעריבער זיך ווידער אָבגעהאַלטען פון צו קומען נאָהענטער צום שטאָדט, אין דער האָפנונג, אַז אײַנע פון די קעמפּפענדע פּאַרטײַען וועט איהם אַלײן אײַנלאַדען אַרײַנצוקומען אַהין, און ער וועט אַזוי אַרום האָבען אַ לײַכטען נצחון, בעזונדערס האָבען איהם אָבער בעאונרוהיגט די נײַע ידיעות, וועלכע ער האָט ערהאַלטען פון איטאַליען און איהרע פּראָווינצען, ווי אויך פון דער וועלט־שטאָדט, רוים. אַספּסינוס האָט נעהאַט בדעה טײלצונעהמען אין די פּאָליטישע געשעהענישען פון זײַן פאָטערלאַנד. נאָך נירונ'ס שענדליכען טויט (9־טען יוני, 68 נאָך דער קריסטליכער צײַט־רעכנונג) איז דער אַלטער גאַלבאַ אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ קייזער. אין אַזאַ קריטישער צײַט, ווען יעדער טאָג האָט געקאָנט ברענגען נײַע איבעראַשענדע געשעהענישען, האָט אַספּסינוס ניט געוואָלט זיך נעהמען פאַר דער בעלאַגערונג פון ירושלים און בלײַבען נעבען איהר געבונדען אַ לאַנגע צײַט; ער האָט בעסער געוואָלט אָבוואַרטען און דערווײַל האָט ער געשיקט זײַן זוהן טיטוס און דעם קעניג אַגריפּאַ קײן רוים צו בעגריסען דאָרט דעם נײַעם קייזער, אָדער אפשר צו פועל'ן, אַז ער זאָל אָנערקענט ווערען דורך איהם פאַר אַ זוהן און אַ שטעלפערטרעטער. אויפ'ן וועג קײן רוים, אין קורינת, האָט טיטוס ערהאַלטען די בשורה, אַז מען האָט דעם נײַעם קייזער גאַלבאַ ערמאָרדעט (5־טער יאַנואַר, 69) און אויסגערופען אין רוים פאַר אַ קייזער אָתא (Otho), וועהרענד דאָס רוימישע מיליטער, וועלכעס האָט זיך געפונען אין נידער־דײַטשלאַנד, האָט אויסגערופען פאַר אַ קייזער וויטעליוס'ן. טיטוס האָט זיך באַלד אומגעקעהרט צו זײַן פאָטער צוריק, דען ער האָט שוין פאָראויסגעזעהען, אַז ס'איז גאַנץ מעגליך, דאָס זײַן פאָטער זאָל אינגיכען קייזער ווערען. אויסערדעם האָט טיטוס'ן געצויגען קײן יהודה זײַן ליעבע צו דער שענער בערעניקאַ, אַגריפּאַ'ס שוועסטער.

אין דער צײַט, וואָס וויטעליוס און אָתא האָבען צווישען זיך קריעג געפיהרט, האָט אַספּסינוס שוין אָנגעהויבען ערנסט טראַכטען, אויב ער זאָל זיך אַלײן ניט לאָזען אויסרופען פאַר אַ קייזער; ער האָט זיך אָבער ניט געקאָנט בעשליסען אויפ'ן דאָזיגען שריט. קודם כל האָט ער מורא געהאַט פאַר זײַן קאָנקורענט, דעם סירישען שטאַטהאַלטער, ליציניוס מוציאַנוס, מיט וועלכען ער איז געווען אַ קנאַפּער גוטער פרײַנד און וועלכער האָט געהאַט מעהר מיליטער, ווי ער. דעם חיטרען טיטוס איז אָבער געלונגען

צו מאַכען מוציאַנוס'ן פאַר אַ פריינד; דורך חניפה און פאַלשקייט האָט טיטוס אויף איהם געווירקט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אַליין אָנגעהויבען אָנצורעדען אַספּסינוס'ן, זיך אויסצורופען פאַר אַ קייזער. כדי אָבער די זאַך זאָל מעגליך ווערען און האָבען אַ קיום, איז נויטיג געווען נאָך איין שטאַרקער צד, און קיין בעסערען האָט מען ניט געברויכט, ווי דעם שטאַטהאַלטער פון מצרים, דעם משומד טיבעריוס אַלעקסאַנדער. און אָט פאַר דער דאָזיגער אויפגאַבע האָט זיך גענומען די אידישע פּרינצעסין, וועלכע אַלע האָבען בעטראַכט, אַלס די קינפטיגע ווייב פון טיטוס'ן. בערעניקאַ איז מיט טיבעריוס'ן געווען בעפריינדעט, דען זי איז פריהער געווען אַ כּלה פאַר זיינעם אַ ברודער, וועלכער איז נאָך געווען אַ איד און אַ זוהן פון'ם אַראַבאַרך. זי האָט דעריבער אָנגעווענדעט איהר גאַנצע פּרויען-קונסט צו ווירקען אויף טיבעריוס'ן לטובת איהר געליבטען און זיין פאָטער אַספּסינוס, און די זאַך איז איהר געלונגען, דען זי האָט גע'פועל'ט ביי טיבעריוס'ן, אַז ער זאָל מיט זיינע לעגיאָנען אויסרופען אַספּסינוס'ן פאַר אַ קייזער און שווערען איהם געטריי צו דיענען (1-טער יולי 69). אַ פּאָר טעג נאָכדעם האָט אויך דער סירישער שטאַטהאַלטער מיט זיינע לעגיאָנען געטהון דאָסזעלבע, ווי אויך די לעגיאָנען אין לאַנד יהודה. אַספּסינוס איז אַלזאָ געוואָרען קייזער, און דאָס בלייבען אין לאַנד יהודה האָט שוין פאַר איהם ניט געהאַט מעהר קיין זין. ער איז מיט זיין זוהן טיטוס אָבגעגאַנגען קיין מצרים, וואו ער איז געבליבען וואַרטען, ביז עס איז ערהאַלטען געוואָרען די ידיעה פון וויטעליוס'עס טויט (22-טער דעצעמבער 69). דאַן איז אַספּסינוס קיסר אָבגעגאַנגען קיין רוים, און אין לאַנד יהודה האָט ער געשיקט זיין זוהן טיטוס, וועלכער האָט באַלד בעדאַרפט צוטרעטען צו ירושלים און אָנהויבען די בעלאַגערונג.

וואָס-זשע האָט געטהון ירושלים אין די כמעט צוויי יאָהר רוה, וואָס אַספּסינוס האָט איהר געלאָזען? אין דער אידישער הויפּט-שטאָדט זענען שוין דאַמאָלס געווען פיער פּאַרטייען, אויסער דער פּאַרטיי פון די מעסיגע יודיזן. די ירושלים'ע קנאים, אונטער'ן אָנפיהרען פון אלעזר בן שמעון האָט געהאַט ניט מעהר ווי דריי טויזענד מאַן; די קנאים פון גליל אונטער'ן אָנפיהרען פון יוחנן פון גוש-חלב האָבען געהאַט לערך זעקס טויזענד בעוואָפענטע מענשען. די סיקריקון צוזאַמען מיט שמעון בר גיורא האָבען געהאַט לערך צעהן טויזענד מאַן, און ענדליך די אדומים מיט זייערע אָנפיהרער יעקב בן סוסא און שמעון בן קתלא האָבען געהאַט פינף טויזענד מאַן. בסך הכל זענען אַלזאָ אין ירושלים געווען פיער און צוואַנציג טויזענד גוט בעוואָפענטע קעמפפער. דאָס איז אפילו ניט פיעל, אָבער דאָס זענען אַלע געווען העלדען אָהן אַ גלייכען, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט סיי דורך זייער גבורה און מוט, סיי דורך זייער דרייסטיגקייט און מסירת-נפש. די דאָזיגע העלדען האָבען בשעת דער מלחמה בעוויזען זעלטענע וואונדער-מעשים, און ווען צווישען זיי וואָלט

נור געהערשט אַחדות, ווען זיי וואָלטען געווען דיסציפלינירט אונטער איין האַנד, האָבען זיי געקאָנט לייכט צושלאָגען די רוימער אין אַן אָפענער מלחמה אין פעלד, און הינטער די פעסטע מויערען פון ירושלים וואָלט זיי געוויס קיין שום מאַכט ניט געקאָנט איינגעהמען. אָבער די דאָזיגע ניט גרויסע אַרמעע איז געווען איינגעטיילט אין פיער פאַרטייען, און יעדע פון זיי האָט געוואָלט הערשען איבער דער אַנדערער. ניט בלויז צוליעב תאוה נאָך כבוד און הערשאַפט, נור וויל יעדע פאַרטיי האָט געמיינט, אַז בלויז זי אַליין איז די אמת'ע געטרייע און פּאַטריאָטישע און איז אויך גענוג שטאַרק, צו קאָנען אָבראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד, און קיינע פון זיי האָט ניט געוואָלט אָנטרויען די גרויסע אויפגאַבע דער אַנדערער. אונטערגעבען זיך איינער דעם אַנדערן, געהאָרכען — אָט די פעהיגקייט האָט קיין איינציגער פאַרטיי־אָנפיהרער אין ירושלים ניט געהאַט. די אָנהענגער פון אלעזר בן שמעון האָבען גע'טענ'עט, אַז זיי געהערט די הנהגה, ערשטענס דערפאַר, וואָס זיי זענען ירושלים'ער איינוואָהנער, און, צווייטענס, וויל זיי האָבען די ערשטע אויפגעהויבען די בעוועגונג געגען רוים און אויך אָבגעהאַלטען דעם ערשטען נצחון איבער צעסטיוס. יוחנן האָט קיינעם ניט געוואָלט אָבטרעטען די ערשטע שטעלע, וויל ער האָט זיך געשפירט פעהיגער פאַר אַלע אַנדערע אָנפיהרער. שמעון בר גיורא האָט סתם געוואָלט נעהמען נקמה פון די קנאים, דערפאַר וואָס זיי האָבען איהם ניט געוואָלט אַריינלאָזען אין שטאָדט און זענען אויך שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען זיינע אונמענשליכקייטען. נאָך בר גיורא'ס אַריינקומען אין שטאָדט האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטענדיגע מלחמה צווישען די פאַרטייען, און איין שטאָדט־טייל האָט געפיהרט מלחמה געגען דעם אַנדערן. די דאָזיגע מלחמות האָבען געגעבען צייט די רוימער, צו פערוויסטען אַלע טיילען פון לאַנד יהודה, און ירושלים איז ענדליך געבליבען געווען צו אַ זאַך אין אַן אויסגעברענטען מדבר, דען קיינער פון די פאַרטיי־אָנפיהרער האָט זיך ניט דערוואַגט אַרויסצוטרעטען אַליין געגען די רוימער, ניט צוליעב פחדנות, נאָר צוליעב מורא, אַז די געגנערישע פאַרטיי זאָל ניט פערנעהמען דערוויל איהר פאָזיציע אין שטאָדט. אין די גרויזאַמע שלאַכטען צווישען די פאַרטייען האָט מען אין ירושלים צושטערט און פערברענט פיעל געבייודעס אין אַלע שטאָדט־טיילען און, וואָס שרעקליכער פאַר אַלץ איז געווען, מען האָט פערברענט די שפייכלערס תבואה. פאַר דער בעלאַגערונג האָט מען אָנגעזאַמעלט אין ירושלים גרויסע אוצרות פון תבואה, ברויט, וויין, בוימאייל און האָלץ; די דריי ירושלים'ער עשירים, נקדימון בן גוריון, בן ציצית און כלבא שבוע, האָבען געגעבען אַליין אָט די אַלע זאַכען אַזוי פיעל, אַז עס וואָלט געקלעקט פאַר די איינוואָהנער פון ירושלים, ווי מען האָט דערצעהלט, אויף איין און צוואַנציג יאָהר. אין דער מלחמה צווישען די פאַרטייען האָט מען דאָס אַלץ פערברענט, און די בעלאַגערטע שטאָדט האָט דאַדורך פערלאָרען די מעגליכקייט צו האַלטען זיך לאַנג געגען דעם

פיינד. עס איז דעריבער געווען שוין לייכט פאָראויסצוזעהען, אַז ירושלים איז נאָהענט צום אונטערגאַנג.

דאָס פאָלק האָט אינסטינקטיוו געפיהלט, אַז דער חורבן פון ירושלים איז נאָהענט. די פסיכיק פון שרעק האָט שוין אויך בעשאַפען פיעל לע־גענדען וועגען דעם נאָהענטען חורבן. מען האָט זיך דערצעהלט, אַז מען האָט געזעהען צייכענס אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד, וועלכע האָבען פאָראויסגעזאָגט דאָס פערדערבען. אין הימעל האָט זיך דאַן בעוויזען אַ גרויסער קאָמעט *) אין דער געשטאַלט פון אַ בלויזען שווערד, וועלכער איז געשטאַנען איבער דעם היכל. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט נאָך פערגרע־סערט די אימה: מען האָט דערצעהלט, אַז מען האָט געזעהען אין דער לופטען פייערדיגע רייט־וואָגענס מיט פייערדיגע קעמפפער, און אין היכל האָט מען געהערט אַ שטאַרקען טומעל און אַ שטימע זאָל האָבען אויסגע־רופען: „קומט, לאָמיר זיך פון דאַנען אַרויסציהען!" אַזעלכע ערצעהלונגען זענען דאַן אַרומגעגאַנגען זעהר פיעל אין ירושלים.

ענדליך איז געקומען דער רוימישער קרוין־פרינץ, טיטוס, אין לאַנד יהודה (מערץ, 70 נאָך דער קריסטליכער צייט־רעכנונג). ירושלים האָט גע־מוזט, מיט'ן אָנשטרענגען אַלע כחות, איינגענומען ווערען, — דאָס איז פאַר טיטוס'ן געווען קלאָר, ווייל עס וואָלט געווען אַ חרפה פאַר די רוימער, אַז די דאָזיגע שטאָדט זאָל קאָנען בּיישטעהן געגען רוים. די מלחמה האָט שוין אַזוי אויך צו־לאַנג געדויערט פאַר רוים. דאָס איינגעהמען פון ירושלים איז אויך געוואָרען אַנ'עהרען־זאַך פאַר'ן נייעם רוימישען קייזער אַספּסיאַנוס, און אויב ירושלים וואָלט זיך געווען געהאַלטען לענגער, וואָלט מען אין רוים אַרייגעפאַלען אין אַ ספק, אויב דער נייער קייזער און זיין זוהן זענען גוטע פעלדהערערן און, ממילא, אויך, אויב זיי זענען ווערט צו פערנעהמען דעם רוימישען טהראָן.

אָבער חאָטש טיטוס האָט זיך געאיילט איינצונעהמען וואָס גיכער

---

*) דער דאָזיגער קאָמעט געפינט זיך אין דער ווירקליכקייט פערצייכענט אין די אַס־טראָנאָמישע לוחות, און ער איז ערשיענען אין יאָהר 66 נאָך דער קריסטליכער צייט־רעכנונג, אַלזאָ פיער יאָהר פאַר'ן חורבן, אויב מען זאָל אָננעהמען, אַז דער חורבן איז באמת פאָרגעקו־מען 70 יאָהר נאָך דער קריסטליכער צייט־רעכנונג. ס'איז אָבער פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז דער חורבן איז פאָרגעקומען מיט צוויי יאָהר פריהער, אַלזאָ האָט דער קאָמעט זיך בעוויזען כמעט נאָהענט פאַר דער בעלאַגערונג פון ירושלים אין רעכטען מיטען צייט פון די מלחמות און פער־וויסטונגען אין לאַנד יהודה. וואָס אָנבעלאַנגט דעם קאָמעט גופא, האָט דער אַסטראָנאָם הינד אויסגערעכענט אין יאָהר 1848 זיין גאַנג און געפונען, אַז דאָס איז געווען דער בעוואוסטער האַל'טער קאָמעט, וועלכער איז אין זיינע ערשטע ערשיינונגען געווען אין דער ווירקליכ־קייט זעהר מערקווירדיג דורך זיין פאָרם, ליכטיגקייט און פארב, און האָט געוואָרפען אַנ'אימה אויף דער בעפעלקערונג. (איבערזעצער).

יהודה און ירושלים, האָט ער דאָך ניט געקאָנט פאַרטיגּ ווערען מיט די הכנות צו דער בעלאַגערונג פון ירושלים פאַר'ן פריהלינג. אַנ'אַרמעע פון אַכציג טויזענד מאַן פון פערשידענע חילות און קריעגס־מאַשינען, וועלכע די דאַמאָליגע וועלט האָט נאָך ניט געזעהען, האָט טיטוס דערצו אָנגעגרייט, פאָראויסזעהענדיג די שווערקייט איינצונעהמען די אידישע הויפּטשטאָדט. אין זיין אַרמעע האָט טיטוס אויך געהאַט דריי יודישע פעררעטער, וועלכע האָבען איהם געהאָלפען אין זיין שווערער אויפגאַבע. דאָס זענען געווען: דער אידישער קעניג, אַגריפּאַ, וועלכער האָט אַליין געבראַכט חילות, צו קעמפפען געגען ירושלים און העלפען זי צושטערען, און האָט אויך דורך זיינע אָפטע רעדעס צו די בעלאַגערטע אידען אָבגעשוואַכט זייער מוט אין קאַמפף; דער משומד, אַלעקסאַנדער טיבעריוס, שטאַטהאַלטער פון מצרים, וועלכער האָט דורך זיין טיילנעהמען אין פערוויסטען ירושלים געהאָלט דערווייזען די רוימער, וואָס פאַר אַ געטרייער משומד ער איז, און, ענדליך, יוסף בן מתתיהו, אָדער יאָזעפוס פלאַוויוס, וועלכען די סנהדרין האָט פריהער בעשטימט פאַר אַ שטאַטהאַלטער איבער'ן גליל, כדי ער זאָל קעמפפען געגען דעם אידישען פיינד, רוים; איצט איז יוסף געווען אַ פריינד פון די רוימער, אַ שטענדיגער בעגלייטער פון טיטוס, און האָט געוויזען איהם דעם וועג אין דעם אונבעקאַנטען לאַנד. טיטוס איז נאָך ווענינ געווען ערפאַהרען אין דער מלחמה — דער משומד אַלעקסאַנדער טיבעריוס האָט איהם געדאַרפט דערין העלפען און, צוליעב דעם, האָט מען איהם בעשטימט פאַר אַ גענעראַל פון דער קעניגליכער לייב־וואַך, און ער איז געווען דער הויפּט־פיהרער פון דער מלחמה געגען ירושלים.

ווען די אידישע פּאַרטיי־אָנפיהרער האָבען דערזעהען, אַז דער פיינד קומט־צו נאָהענטער צו דער שטאָדט, האָבען זיי צווישען זיך געמאַכט שלום. די ירושלים'ער קנאים מיט זייער אָנפיהרער אלעזר בן שמעון און די קנאים פון גליל מיט זייער אָנפיהרער יוחנן פון גוש־חלב האָבען שלום געמאַכט מיט שמעון בר גיורא. כל זמן ירושלים איז נאָך געווען ניט פערשלאָסען האָבען ניט אויפגעהערט אָנצוקומען נייע אידישע מחנות, יונגעלייט און עלטערע אידען, פון אַלע טיילען פון ארץ־ישראל און אויך פון בבל און אַנדערע לענדער — אַלע זענען זיי געקומען פערטהיידיגען די הויפּטשטאָדט און דעם בית־המקדש מיט מסירת־נפש. בעזונדערס גרויס איז געוואָרען די צאָהל פון די אָנגעקומענע אידען צו פסח־צו. די אָנפיהרער פון דער קנאים־פּאַרטיי האָבען געהאַט געשיקט שליחים אין די לענדער אויפ'ן טייך עפראַט צו די אידישע קהלות און געבעטען הילף; די דאָזיגע הילף האָט מען זיי איצט געשיקט אין זעהר אַרייכער מאָס. די מויערען פון ירושלים האָט מען בעפעסטיגט נאָך בעסער, כדי זיי זאָלען קאָנען אויסהאַלטען די שטורמס פון די שווערסטע ברעך־מאַשינען.

אין חדש ניסן האָט טיטוס צונויפגעצויגען זיין גאַנצע אַרמעע צו

ירושלים און האט זיך אבגעשטעלט ביי סקאפאס, א וויארסט ווייט פון ירושלים. איידער ער איז צוגעטראטען צו מאכען די בעלאגערונג, האט ער פארגעלעגט דער בעפעלקערונג צו עפענען איהם די טויערען פון שטאדט, אונטערגעבען זיך צו רוים און געבען די אבצאהלונגען, ווי ביז'ן אויפשטאנד. צוויי אומשטענדען האבען איהם בעוועגט, צו בעגעהען זיך מיט די אידען אין אנפאנג אויף אזא אופן: ערשטענס, האט ער זיך געאיילט צו קומען צוריק קיין רוים, וואו ער האט איצט געדארפט צום ערשטען מאל ערשיינען אלס קרוין-פרינץ, נאכדעם ווי ער איז פון דארט אבגעגאנגען אלס פריוואט-מענש; צווייטענס, האט איהם דערצו בעוועגט זיין געליעבטע, די אידישע פרינצעסין בערעניקא, וועלכע איז, ניט אכטענדיג אויף איהר אונרעגעלמעסיג לעבען, געוועזען געטריי ערגעבען דער הייליגער שטאדט און דעם בית-המקדש און האט ניט געוואלט, אז דאס אלץ זאל חרוב ווערען. טיטוס'עס רייד צו די איינוואהנער פון ירושלים זענען אבער געוועזען אומזיסט, הען די מוטיגע קעמפפער האבען זיך אבגעזאגט פון אלע שענע הבטחות, וואס טיטוס האט זיי געמאכט דורך זיינע שליחים. זיי האבען געשווארען צו פערטיידיגען די שטאדט מיט זייער לעבען און ניט געוואלט הערען וועגען קיין שום אויסגלייך מיט די רוימער. טיטוס האט זיך דעריבער גענומען ענערגיש פיהרען די בעלאגערונג. קודם כל האט ער אויסגעהאקט און פערוויסטעט אלע גארטענס און סעדער אין צפון- און מערב-זייט פון ירושלים, פון וואנען מען האט געזאלט אנהויבען שטורמען אויף ירושלים. ווען טיטוס איז איינמאל מיט עטליכע בעגלייטער צוגעקומען נאהענטער צו דעם צפון-בארג ארום שטאדט, האט ער הערזעהען, אז אויף דער מויער פון שטאדט איז נישטא קיין לעבעדיגער נפש, און געמיינט, אז די איינוואהנער האבען מורא צו בעווייזען זיך. ער האט זיך דעריבער געלאזט געהן ווייטער צו די מויערען פון שטאדט; אבער פלוצלינג איז דורך איין טויער פון שטאדט ארויסגעלאפען א גרויסע מחנה אידישע קעמפפער, וועלכע האט איהם ארומגערינגעלט, אבשיידענדיג איהם פון זיינע בעגלייטער און שיער ניט גענומען איהם געפאנגען. דער בזיון אריינצופאלען אין אידישע הענד, האט איהם צוגעגעבען אונגעוועהנליכע כחות, און אויך זיינע בעגלייטער האבען זיך באלד פערזאמעלט איהם צו הילף; אזוי-ארום איז איהם געלונגען צו ענטלויפען. דעם דאזיגען אנפאנג האבען די אידען געהאלטען פאר א גוטען סימן, אז עס וועט זיי געלינגען צו בעפרייען זיך פונ'ם פיינד. א טאג נאכדעם, ווען דער צעהנטער רוימישער לעגיאן איז געוועזען בעשעפטיגט מיט'ן איינארדנען דעם לאגער אויפ'ן אייל-בערט-בארג (הר הזיתים), זענען די אידען איבערגעפאלען אויף זיי פלוצלינג און האבען זיי געבראכט אזא מפלה, אז יענע האבען זייער ארבייט געווארפען און זענען ענטלאפען. אבער דער אנפאל האט פאר אידען ניט געבראכט קיין שום רעאלען נוצען, ווייל ער איז געוועזען געמאכט בלויז אויף א קליינער מחנה און ניט געגען דער גאנצער ארמעע. די אידען הא-

610

בען שטענדיג געמוזט זיך צוריקעהרען אין שטאדט אריין און ניט געקאנט זיך האלטען פאר'ן שטאדט, און ניט דערלאזען, אז די בעלאגערונג זאל דורכגעפיהרט ווערען. דער אנפאל איז בלויז געווארען א דעמאנסטראציע פאר די רוימער, וועלכע האבען זיך פון איהם איבערצייגט, מיט וואס פאר א מוטיגען שונא ס'וועט זיי אויסקומען צו פיהרען מלחמה ארום ירושלים. ענדליך איז די רוימער געלונגען פונאנדערצושטעלען זייער לאגער ארום דריי זייטען פון שטאדט און אנצושטעלען די „אייזערנע בעק", אדער די ברעכ-מאשינען, נעגען דער אויסערליכער מויער. די ארבייט ביי דער בעלאגערונג האט זיך אנגעהויבען אום פסח, וויל טיטוס האט, ווי עס שיינט, געגלויבט, אז די אידען וועלען ניט מחלל יום-טוב זיין און איהם ניט שטערען. די ברעכ-מאשינען האט מען אויסגעשטעלט אויף הויכע אנגעשאטענע בערג, כדי מען זאל קאנען דערגרייכען ביז דער הויך פון די מויערען. פון דארט האט מען אנגעהויבען ווארפען אויף אידען פיילען, שליידער-שטיינער, שטיקער האלץ, און די שטורם-בעק פון האלץ און אייזען האבען געארבייט פון דריי זייטען ארום שטאדט, כדי דורכצוברעכען די פעסטע מויערען. ווי נאר אבער די רוימער האבען אט די אלע מאשינען איינגעשטעלט, זענען יונגע אידען, ווי די טייוולאנים, ארויסגעפלויגען פון שטאדט און, צושטערענדיג אלע מאשינען, האבען זיי צוטריבען די רוימישע ארבייטער און, נאכדעם ווי זיי האבען מיט זייער אימפעט און גבורה געווארפען א שרעק אויף די רוימער, זענען זיי צוריק אריינגעקומען אין שטאדט. אינ'ם דאזיגען, ווי אויך אין פיעל אנדערע אנפאלען, האבען טיילגענומען ניט בלויז די קנאים, נאר אלע אידען, וועלכע האבען געקאנט טראגען געוועהר; אפילו פרויען האבען זיך צוזאמען מיט די מאנסבילען געווארפען אויפ'ן פיינד, פעראכטענדיג דעם טויט: די בעלאגערטע האבען געווארפען אויפ'ן פיינד גרויסע שטיינער, אדער געגאסען זודיג אויל אויף זייערע קעפ. ביסלעכווייז האבען די אידען אויסגעלערנט זיך, ווי אזוי צו בעגעהן זיך מיט די ווארפ-מאשינען, וועלכע זיי האבען פערכאפט ביי די רוימער, און איצט אנגעווענדעט נעגען די פיינד. די רוימער האבען אבער באלד ווידער אויסגעבעסערט דעם שאדען, וואס מען האט זיי געמאכט, און, נאך א פופצעהן-טאגיגער ארבייט, האבען זיי געצוואונגען די אידען צו פערלאזען די אויסערליכע מויער (ז' אייר). דאן איז אויסגעבראכען א בלוטיגע מלחמה צווישען די מויערען, דען די פערטיידיגער האבען בעוויזען אויפצושטעלען א נייע מויער הינטער דער אויסערליכער. די רוימער האבען שוין געהאט געמיינט, אז זיי האבען די מויער איינגענומען, ערשט מיט אמאל האבען די אידען זיי פון דאנען פעריאגט מיט גרויסע פערלוסטען. פיער טעג נאכאנאנד האבען די רוימער געפיהרט די בלוטיגע מלחמה צווישען די מויערען און לסוף איז זיי געלונגען ארויסצושטויסען די אידען פון דארט און אזוי-ארום האבען זיי איינגענומען די פארשטאדט ביציתא מיט דער נייער מויער.

דערמיט אבער האבען זיך די שלאכטען ניט געענדיגט: טאג טעגליך פלעגען פארקומען אלץ נייע שלאכטען מיט א בעגייסטערטער ערביטערונג און פערצווייפלונג. די אידען האבען ארויסגעוויזען וואונדערליכע גבורות, די רוימער — מורא׳דיגע רציחות. ענדליך נאכ׳ן פערלויף פון זיבצעהן טעג פון אונמענשליכער אנשטרענגונג האבען די רוימער אויסגעבויט פיער אנגעשאטענע בערג, כדי צו קאנען צוקומען צו דער פעסטונג אנטאניא און דער צווייטער מויער, אויף וועלכער זיי האבען שוין געוואלט אנהויבען שטורמען. אבער דא האט זיך בעוויזען פון א דורכגאנג אונטער דער ערד יוחנן פון גוש-חלב מיט זיינע מחנות און זיך פלוצלינג ארויפגעווארפען, ווי א שטורם-ווינד, אויף די רוימער פון רוקען, דערביי האבען זיי אונטערגעצונדען און פערברענט די שטורם- און שליידער-מאשינען צו דער פעסטונג אנטאניא. צוויי טעג נאכדעם זענען ארויסגעקומען פון שטאדט דריי גבורים פון בר גיורא׳ס מחנה: טיפתאי, מינסר און דער אדיאבענער, כנירה, וועלכע האבען אונטערגעצונדען און פערברענט די איבריגע מאשינען פון די בעלאגערער, ניט אכטענדיג אויף דעם האגעל פיילען פון די רוימער. בכלל איז, וואס נעהנטער עס איז געקומען דער אונגליקליכער מאמענט פאר ירושלים, אלץ גרעסער איז אויסגעוואקסען דער מוט און די פעראכטונג פאר׳ן טויט ביי די אידישע גבורים. אומזיסט האט יאזעפוס, געשיקט דורך טיטוס׳ן, געבעטען זיך ביי זיי, אויפצוהערען פיהרען די מלחמה און אונטערגעבען זיך; די אידישע קעמפפער האבען קיין שום פארשלאג ניט געוואלט אננעהמען. אדער מנצח זיין און לעבען, אלס פרייע בירגער, אין זייער אייגענעם לאנד, אדער פאלען ווי די גבורים אויפ׳ן שלאכט-פעלד — קיין אנדער וועג איז פאר זיי ניט געבליבען, דען אין טיטוס׳עס הבטחות האבען זיי ניט געגלויבט; זיי האבען געוואוסט גאנץ גוט, ווי אזוי די רוימער זענען מקיים דאס, וואס זיי זענען מבטיח, דען די געפאנגענע גענומענע אידען, אפילו אויך יענע, וועלכע האבען זיך אליין געלאזט נעהמען געפאנגען, כדי ניט צו ליידען מעהר קיין הונגער, האבען די רוימער „אנגעשלאגען אויפ׳ן קרייץ״. טיטוס „דער איידעלסטער מענש פון דער וועלט״, ווי יאזעפוס האט אונפערשעמט איהם גערופען, האט אפטמאל בעפוילען צו קרייציגען אויף די הויכע בערג פאר די בעלאגערטע טאג טעגליך צו פינף הונדערט געפאנגענע אידען, כדי די אידען אין ירושלים זאלען אליין קאנען זעהען, וואס זיי האבען פון איהם צו דערווארטען. אפטמאל פלעגט ער אויך די געפאנגענע לאזען אבהאקען די הענד און אזוי אבשיקען זיי צוריק קיין ירושלים.

ביסלעכווייז האט טיטוס זיך געמוזט איבערצייגען, אז ניט אכטענדיג אויף אלע זיינע ערפאלגען, וועט איהם דאך ניט געלינגען איינצונעהמען ירושלים דורכ׳ן שטורם אזוי גיך. פיעל שטורמס האט ער שוין געהאט געמאכט, אבער קיין ממשות׳דיגען נוצען האבען זיי איהם ניט געבראכט, דען די בעפעסטיגונגען ארום ירושלים זענען געווען זעהר שטארקע און די

גבורים, וועלכע האָבען די שטאָדט פערטיידיגט, האָבען געקעמפפט, ווי די לייבען. ער האָט דעריבער בעשלאָסען אויפצוהערען פיהרען מלחמות, נור ענג איינצושליסען די שטאָדט, ניט דערלאָזענדיג קיינעם אַרויסגעהען פון איהר, כדי אויסצוהונגערן די בעפעלקערונג און צווינגען זי צו אונטערגעבען זיך. צו דעם צוועק האָט ער אויסגעבויט און בעפעסטיגט אַנ׳אַנגעשאָטענעם באַרג, זיבען קילאָמעטער לאַנג, אַרום שטאָדט. ביי דער גרויסער בעפעלקערונג פון ירושלים האָט באַלד פערפעהלט ברויט און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכער הונגער. צוערשט האָבען אָנגעהויבען הונגערען די אָרימע לייט, וועלכע האָבען ניך אויפגעגעסען זייערע קליינע זאַפּאַסען; באַלד אָבער האָט פערפעהלט ברויט אויך ביי די רייכע לייט, און עס האָט זיך אָנגעהויבען די שרעקליכסטע צייט פון דער בעלאַגערונג, ווען עס פערשווינדען צוליעב אַ שטיקעל ברויט אַלע מענשליכע געפיהלען, און פאָטער און מוטער הויבען אָן צו קוקען פיינדליך אויף זייערע קינדער. די הייזער און די גאַסען זענען פול געוואָרען מיט מתים, וועלכע עס האָט אפילו קיינער ניט געזאָרגט צו ברענגען צו קבורה. ווי די שאָטענס האָבען זיך געשלעפּט די לעבעדיגע מענשען מיט די פון הונגער געשוואָלענע לייבער.

דער הונגער־טויט האָט ענדליך געצוואונגען פיעל ירושלים׳ער איינוואָהנער איבערצוגעהען צו די רוימער; אָבער אָנשטאָט רחמנות, האָבען זיי דאָרט געפונען אַ גרויזאַמען טויט. די רוימער האָבען בעמערקט, אַז די אידען האָבען פערשלונגען גאָלדענע מטבעות, כדי צו האָבען מיט וואָס צו לעבען אין דער ערשטער צייט פון זייער געפאַנגענשאַפט, און אָפט פלעגען די רוימער דעריבער אויפשניידען ביי די אונגליקליכע דעם בויך און זוכען דאָרט די גאָלדענע רענדלעך. ווען די צאָהל פון די איבערלויפער האָט זיך פערשטאַרקט, האָבען די קנאים אָנגעהויבען זיך צו בעגעהן שטרענגער מיט יעדען אידען, אויף וועמען עס איז געפאַלען אַ חשד, אַז ער וויל זיך איבערגעבען צו די רוימער. זיי האָבען געפאָדערט פון יעדען אידען, אַז די ליעבע צו זיין לאַנד זאָל זיין אַנ׳ערהאַבענע און מען זאָל קוקען אונערשראָקען דעם טויט אין די אויגען. שמעון בר גיורא האָט ענטדעקט אַ פערשווערונג צווישען זיינע הויפטלייט אויף איבערצוגעהן צו די רוימער, און באַלד בעשטראָפט די שולדיגע מיט׳ן טויט, אָהן קיין שום שוינונג. אויך דער פריהערדיגער כהן־גדול, מתתיהו בן תיופיל, וועלכער האָט אַ קורצע צייט פאַר דער בעלאַגערונג צוזאַמען מיט אַנדערע הויכע כהנים אַליין אַריינגעפיהרט שמעון בר גיורא אין ירושלים, איז איצט בעשטראָפט געוואָרען דורך איהם מיט׳ן טויט צוזאַמען מיט נאָך פיעל אָנגעזעהענע אידען פון ירושלים, ווייל מען האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבען געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט די רוימער אַריינצופיהרען זיי אין שטאָדט. אָבער, ווי שטרענג די קנאים זענען געווען, האָבען זיי דאָך ניט געקאָנט פערהיטען זיך פון אַלע פעררעטער, וועלכע האָבען אָנגעווענדעט

אַלערליי מיטלען, כדי איבערצוגעבען די שטאָדט די רוימער. די דאָזיגע לייט פלעגען שטענדיג מודיע זיין די בעלאַגערענדע רוימער אַלץ, וואָס עס קומט-פאָר אין שטאָדט, און אויך שילדערען מיט שוואַרצע פאַרבען דעם שרעקליכען הונגער פון די איינוואָהנער. די ידיעות פלעגען זיי אָבשיקען אין בריוועלעך, וועלכע זיי האָבען צוגעלענט צו זייערע פיילען, וואָס זיי פלעגען אַריינשיסען אין רוימישען לאַגער.

ניט קוקענדיג אויפ'ן הונגער און מיעדיגקייט, האָבען די קנאים פון אַלע פאַרטייען פונדעסטוועגען ניט אויפגעהערט צו שטערען די רוימער אין זייער פערדערבונגס-אַרבייט, דען ערשט נאָך איין און צוואַנציג טעג פון שרעקליכע, בלוטיגע שלאַכטען איז עס געלונגען די רוימער אויפצובויען אַ נייעם באַרג נעגען דער פעסטונג אַנטאָניאַ. יוחנן פון גוש-חלב האָט אפילו ווי-ער געמאַכט אַנ'אָנפאַל אויף די אויסגעשטעלטע מאַשינען, כדי אונטערצוצינדען זיי, אָבער איצט האָבען די רוימער שוין געהאַלטען נעבען זיי אַ שטאַרקע שמירה, און די אונטערנעהמונג איז ניט געלונגען. די רוימער האָבען אָנגעהויבען שטויסען די מויער מיט זייערע אייזערנע בעק, און אום ראש חדש תמוז איז די מויער אַנטאָניאַ איינגעפאַלען. אָבער ווי גרוים איז געווען די שרעק פון די רוימער, ווען זיי האָבען דערזעהען, אַז די אידען האָבען בעוויזען נאָך פריהער אויפצושטעלען אויך הינטער אָט דער מויער אַ צווייטע! אומזיסט האָבען די רוימער אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כחות צו נעהמען אויך די צווייטע מויער אין שטורם: די אידען האָבען אַרויסגעוויזען אַזוי פיעל גבורה און מסירת-נפש, אַז אפילו די שטאַרקע רוימישע לעגיאָנען האָבען געגען זיי ניט געקאָנט בייַשטעהן. טיטוס האָט געפרובט מאַכען אַ שטורם-אָנפאַל אינמיטען דער נאַכט, ווען די הונגעריגע און מיעדע אידישע קעמפפער האָבען געשלאָפען, אָבער די אידען האָבען ווידער העלדיש געקעמפפט ביז'ן העלען טאָג און אָבגעוואָרפען די רוימער צוריק. די פעסטונג אַנטאָניאַ איז אָבער פאָרט ענדליך געפאַלען פאַר די רוימער, און טיטוס האָט בעפוילען איינצוואַרפען זי אינגאַנצען. דאָס איז געווען אַרום שבעה עשר בתמוז; פון דאַמאָלס אָן האָט מען אויפגעהערט ברענגען די טעגליכע קרבנות אין בית-המקדש, ווייל עס האָט פערפעהלט פיה. טיטוס האָט ווידער געשיקט אַ פאָדערונג צו די איינוואָהנער איבערצוגעבען איהם די שטאָדט און דערפאַר האָט ער צוגעזאָגט ניט אָנצוריהרען דעם בית-המקדש. אָבער די דאָזיגע שליחות האָט אונטערנעמען אויסצופיהרען יוסף בן מתתיהו, געגען וועלכען עס האָט אין ירושלים געהערשט אַ שרעקליכע ערביטערונג און כעס, און מען האָט איהם ניט געוואָלט הערען. יוחנן פון גוש-חלב האָט געענטפערט די רוימער: „די שטאָדט פון גאָט קאָן ניט אונטערגעהען, און נאָר גאָט אַליין האָט איבער איהר צו געוועלטיגען". עס זענען אָבער געווען פיעל מיוחסים פון דער הויכער כהונה, וועלכע זענען פאָרט איבערגעגאַנגען צו די רוימער, צווישען זיי דריי זיהן פון כהן-גדול ישמעאל בן פאבי, וועלכע

טיטוס האָט אױפגענו ן, כדי אָ.. ושיקען זײ אין געפאַנגענשאַפט.

נאָכדעם, װי די פעסטונג אַנטאָניאַ איז אײַנגעפאַלען, האָבען די אידען אָנגעהױבען פערטײדיגען נור דעם בית־המקדש. אײן רױמישער ?עגיאָן האָט געװאָלט אָנפאַלען אױף אידען בײַנאַכט, אָבער די אידען האָבען איהם געבראַכט אַ גרױסע מפלה, אױס׳הרג׳ענענדיג פון איהם פיעל מענשען. אין דער דאָזיגער שלאַכט האָבען בעװיזען װאונדערליכע גבורות די גבורים יהודה בן מירטון, שמעון בן יוסי, יעקב און שמעון, די זיהן פון קתלא, עיפתי, אלעשה און שמעון בן יאיר. די רױמער האָבען איצט אױסגעשטעלט זײערע שטורם־ און ברעכמאַשינען נעגען דער מױער אַרום בית־המקדש. די אידען האָבען אײַנגעװאָרפען דעם זײַלענ־גאַנג, װאָס פעראײניגט די פעסטונג אַנטאָניאַ מיט׳ן בית־המקדש. דערבײַ האָבען זײ אױך פערנאַרט די רױמער אַרײַנצוקומען אין די האַלעס און דעם זײַלענ־גאַנג, דאַדורך װאָס זײ האָבען זיך געלאָזט ענטלױפען פאַר די רױמער, װעלכע זענען באַלד אַרײַנגעקומען אין די געבײדעס, זײ צו פערפאָלגען. אָבער די געבײדעס זענען געװען אונטערגעהאַקט און אונטערגעצונדען און, װי נאָר די רױמער זענען אַהין אַרײַנגעקומען, זענען די געבײדעס אײַנגעפאַלען, בעגראָבענדיג און פערברענענדיג זעהר פיעל רױמער.

דער הונגער האָט זיך פערשטאַרקט אין דערזעלביגער צײַט אין ירושלים. טױזענדער מענשען, רײַך און אָרים, זענען געפאַלען פער׳חלש׳ט טױט אין די גאַסען; די, װאָס האָבען נאָך געלעבט, זענען גאָר פערװילדעט געװאָרען פון יסורים און עלענד און אַרומגעבלאָנזשעט װי מתים־שאָטענס אין די גאַסען, זוכענדיג שױן ניט ברױט, נאָר עטװאָס אַזאַך, װאָס מען זאָל קאָנען נעהמען אין מױל. דאָס גאָלד האָט פערלאָרען יעדען װערט, װײַל מען האָט פאַר איהם גאָרנישט געקאָנט בעקומען; די מענשליכקײַט איז פערשװאונדען געװאָרען, דען איבער אַ ביסעל פערפױלט שטרױ, אָדער אַ שטיקעל לעדער, װאָס מען זאָל קאָנען בײַסען, האָבען מענשען געקעמפפט, װי די װילדע חיות. די רײַכע און צאַרטע פרױ פון דעם כהן־גדול יהושע בן גמלא, מרתה, האָט געבלאָנדזשעט אין די גאַסען און געזוכט חאָטש אָבפאַל פון בהמות צו עסען. די גאַנצע תוכחה האָט זיך אױסגעגאָסען אױף די אײַנװאָהנער פון ירושלים; װאָרט אין װאָרט זענען מקוים געװאָרען די שרעקליכסטע קללות. אַ געװיסע פרױ מרים פון יענער זײַט ירדן, װעלכע איז ענטלאָפען קײַן ירושלים פון די רױמישע שחיטות אין איהר געבורטס־שטאָדט, האָט איצט, געפלאָגט פון שרעקליכען הונגער, דערשאָכטען איהר אײגען קינד און זײַן פלײש געגעסען.—

דערצו איז געקומען נאָך אױך אַ שרעקליכע מגפה: די גרױסע צאָהל מתים, װעלכע מען האָט ניט געקאָנט בעגראָבען, האָט זיך געװאַלגערט אין די גאַסען און געפױלט אונטער די ברענענדיגע שטראַהלען פון דער זון. די לופט אין ירושלים איז געװאָרען אַנ׳אונמעגליכע, און עס האָט אױסגעבראָ־

בען אַ שרעקליכע מגפה. דאָס שווערד, דער הונגער און די מגפה האָבען אָבער נאָר געשלאַכטעט די בעפעלקערונג. אָבער ניט צוגענומען ביי איהר דעם העלדישען מוט. טאָג פאַר טאָג פלעגען די אידישע גבורים וואַרפען זיך אויף די רוימער מיט דערזעלבינער העלדישקייט און קראַפט, ווי אין דער ערשטער צייט פון דער בעלאַגערונג; די רוימער האָבען געשטוינט, און געפרעגט זיך, פון וואַנען נעהמט זיך דאָס אַזאַ ענערגיע ביי אַזוי שרעקליך אויסגעמאַטערטע מענשען. עס איז געוואָרען קלאָר פאַר די רוימער, אַז אַזעלכע גבורים וועלען זיך ניט לאָזען נעהמען לעבעדיגערהייד, נאָר זיי וועלען קעמפפען ביז'ן לעצטען אָטעם פאַר זייער לאַנד און פרייהייט און בעזונדערס, כדי צו נעהמען נקמה פונ'ם פיינד פון אידישען פאָלק. דער איינדרוק פון דער אידישער גבורה איז געווען אַזאַ ערהאַבענער אַז פיעל רוימער האָבען זייערע פאָהנען געוואָרפען און, פון זייער רעליגיע זיך אָבזאָגענדיג, האָבען זיי זיך מגייר געווען, איבערגעהענדיג צו די אידישע פערטיידיגער דען אויך זיי זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז די הייליגע שטאָדט וועט מען ניט קאָנען איינגעהמען. די איינוואָהנער פון ירושלים זענען אַזוי שטאָלץ געווען מיט די דאָזיגע גרי צדק, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען צום יודענטום אין אַזאַ שרעקליכען מאָמענט, אַז זיי האָבען זיי אָבגעגעבען גרויס כבוד און געזאָרגט פאַר זיי, דאָס זיי זאָלען ניט הונגערן, האָטש עס האָט שוין לאַנג געפעהלט ברויט אין שטאָדט.

די רוימער האָבען סוף־כל־סוף בעוויזען אויפצושטעלען זייערע בעלאַגערונגס־מאַשינען געגען די אויסערליכע מויערען פון בית־המקדש און זעקס טעג נאָכאַנאַנד, פון צווייטען ביז'ן אַכטען אָב, האָבען זיי געשטויסען די מויערען, אָבער ניט געקאָנט זיי דורכברעכען. די רוימער האָבען דאַן געפרובט שטורמען אויף דער מויער: זיי האָבען אויסגעשטעלט לייטערס אַרום די הויכע וועגד און געלאָזט זיך קלעטערן אַרויף, אָבער די אידען האָבען אַרונטערגעשטויסען אַלע אַרויפגעקומענע רוימער און זיי זענען דערהרג'עט געוואָרען. איצט האָט שוין טיטוס אָבגעזאָגט זיך פון זיין פריהערדיגען בעשלוס צו שוינען דעם בית־המקדש און געגעבען אַ בעפעהל אונטערצוצינדען די בנינים אַרום דעם הר־הבית. עס האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכע שרפה, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצען מעת־לעת, פון דעם אַכטען אָב ביז'ן נייַנטען. דאַן האָט אָבער טיטוס חרטה געהאַט אויף זיין בעפעהל און געהייסען אָבלעשען די שרפה, כדי צו עפענען אַ דורכגאַנג פאַר זיינע לעגיאָנען און בעניַיען דעם שטורם. ער האָט פערזאַמעלט אַ קריעגס־ראַט, כדי צו בעטראַכטען די פראַגע, ווי אַזוי צו בעגעהן זיך מיט'ן בית־המקדש, צי חרוב מאַכען איהם אָדער לאָזען גאַנץ. דער ראַט איז בעשטאַנען פון זעקס פאָלגענדע הויפטלייט: דער משומד אַלעקסאַנדער טיבעריוס, סעקסטוס צערעאַליס, לאַרציוס לעפידוס, טיטוס פריגיוס, האַרטניוס פראָנטאָ, מאַרקוס אַנטאָניאָ יוליאַנוס, און אויסער זיי נאָך עטליכע שרים. איינינגע האָבען זיך אַרויס־

געזאָגט, אַז מען מוז דעם בית=המקדש חרוב מאַכען, ווייל כל=זמן ער וועט שטעהן, וועלען די אידען ניט אויפהערען צו זיין אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק אין זייער לאַנד; דריי שרים אָבער האָבען זיך אַרויסגעזאָגט, אַז מען דאַרף דעם בית=המקדש ניט אָנריהרען. אויך טיטוס האָט איינגעשטימט מיט דער דאָזיגער מיינונג און, ווי עס שיינט, האָט ער אין דער הינזיכט געפאָלגט זיין געליעבטער בערעניקאַ. אויך דער משומד טיבעריוס אַלעקסאַנדער האָט ערקלערט, אַז מען דאַרף דעם בית=המקדש ניט אָנריהרען און, ווי עס איז זיכער, האָט בערעניקאַ געווירקט אויך אויף איהם, אַז ער זאָל זיך אַזוי אַרויסזאָגען. ס'איז דעריבער בעשלאָסען געוואָרען דעם בית=המקדש איינצונעהמען, אָבער ניט חרוב מאַכען. אָבער די לעצטע שעה פון בית=המקדש האָט שוין געשלאָגען, — אַ שעה, וואָס האָט געדאַרפט בלייבען אַלס אַנ'אייביגער טרויער פאַר דער אידישער נאַציאָן. אום תשעה=באָב האָבען די בעלאַגערטע אידען ווידער געמאַכט אַ בעפאַל אויף די רוימער און געקעמפפט, ווי די לייבען. דאָס מאָל אָבער האָט די גבורה שוין ניט געבראַכט קיין נוצען. די רוימער האָבען דעם בעפאַל אָבגעשטויסען צוריק און זיי פערפאָלגט אין שטאָדט אַריין. אין דער גרויסער מהומה האָט אַ רוימער געהאַפט אַ ברענענדיג שטיק האָלץ און אַריינגעוואָרפען עס דורכ'ן גאָלדענעם פענסטער אין בית=המקדש. דאָס אינוועניגסטע געביידע פון בית=המקדש איז געווען פון געהילץ, און עס האָט זיך דעריבער באַלד אָנגעצונדען. דאָס פייער האָט זיך פערשפרייט געוואַלדיג שנעל אין אַלע געביידעס, און די פלאַמען האָבען זיך באַלד אַרויפגעריסען אויפ'ן דאַך צום הימעל אַרויף. ווען די אידישע גבורים האָבען דאָס דערזעהען, האָבען זיי אין ערשטען אויגענבליק פערלאָרען זייער גאַנצען מוט, אפילו די רוימער האָבען אַ ציטער געטהון, זעהענדיג, ווי דאָס הערליכע געביידע קומט אום אין פייער טיטוס איז באַלד צוגעקומען מיט זיינע לעגיאָנען און בעפוילען צו לעשען דאָס פייער, אָבער קיינער האָט זיין שטימע ניט געהערט. די צובושעוועטע סאָלדאַטען האָבען זיך אַריינגעהאַפט אין בית=המקדש און אָנגעהויבען ראַבעווען, דערביי האָבען זיי אונטערגעצונדען אַלץ, וואָס דאָס פייער האָט נאָך ניט אַרומגענומען, און אויסגעה'רג'עט אַלע כהנים, וועלכע האָבען אין דער גרויסער פערצווייפלונג נאָרניט געטראַכט צו ענטלויפען און זענען געשטאַנען ווי פערשטיינערט, מיט פערגלייווערטע אויגען. טיטוס'ן האָט געטריבען די נייגיריגקייט צו זעהען דעם בית=המקדש פון אינוועניג, און ער איז אַריינגעקומען אין היכל, אין קדש=הקדשים, וואוהין עס פלעגט אַריינקומען נאָר דער כהן=גדול איין מאָל אין יאָהר, אום יום=כפור. ווי נשתומם איז ער געוואָרען צו זעהען דאָס אידישע הייליגטום גאָר אָהן בילדער!... דער שטיקענדער רויך מיט די פלאַמען האָבען איהם באַלד פערטריבען פון הייליגטום. דאָס פייער האָט געבושעוועט אַלץ שטאַרקער צום הימעל אַרויף.

באַלד נאָכדעם זענען די אידישע קעמפפער ווידער אַרויסגעטראָטען

צום קאמפף. א שרעקליכע מלחמה איז אויסגעבראכען ארום דעם ברענען דען בית-המקדש. עס האבען זיך צוזאמענגעגאסען אין דער לופטען די ווילדע נצחון-געשרייען פון די רוימער מיט'ן יאמער און געוויין פון די פערצווייפעלטע אידען און האבען פערהילכט דאס גאנצע פערוויסטעטע לאנד ארום, און די הויכע בערג האבען איבערגעגעבען דעם ווידערקלאנג פון די שרעקליכע קולות אין אלע עקען פון אידישען לאנד, טראגענדיג די טרויער-בשורה, אז עס איז געפאלען די אידישע הויפטשטאדט — דער סימבאל פון דער אידישער פאליטישער אחדות, און דער בית-המקדש — דער סימבאל פון דער גייסטיגער אידישער אחדות; די טרויעריגע קולות האבען זיך געהערט פון א גרויסען ים פייער, וועלכער האט דערצעהלט, אז יעדע האפנונג פאר אידען אין זייער לאנד איז לעת-עתה פערשוואונדען געווארען. פיעל אידען האבען פון גרויסער פערצווייפלונג זיך געווארפען אין די פלאמען, דען זיי האבען ניט געוואלט איבערלעבען דעם בית-המקדש; פיעל טויזענדער אידען, מאנסבילען, ווייבער און קינדער, זענען געבליבען זיצען אין די דרום'דיגע האלען פון בית-המקדש, וואו דאס פייער האט נאך ניט דערגרייכט, דען זיי האבען ערווארטעט גאט'ס וואונדער, וועלכע וועלען זיך ווייזען אין רעכטען אויגענבליק, ווען דאס פייער וועט צוקומען צום קדש הקדשים. די רוימער האבען זיך געווארפען מיט בלאנקע שווערדען אויף די דאזיגע תמימים און זיי אלעמען אויסגעשאכטען. דער בית-המקדש האט אבגעברענט אינגאנצען, נאר די פונדאמענטען זיינע זענען געבליבען און איינציגע איינגעפאלענע מויער-ווענד האבען זיך דערהויבען פון די פלאמען אין מערב-זייט, אלס שוידערהאפטע עדות פונ'ם פערוויסטעטען היילינטום. פיעל כהנים האבען זיך געהאלטען אויף די מויערען נאך עטליכע טעג און לסוף האט זיי דער הונגער געטריבען אראבצוקומען און בעטען רחמים ביי טיטוס'ן, אבער ער האט אויסגערופען מיט גרויזאמער אונמענשליכקייט: „נאכ'ן בית-המקדש ברויכט מען מעהר ניט קיין כהנים" — און געהייסען זיי אויסשעכטען. דערביי האט ער געמאכט דעם אנשטעל, ווי ער ערפילט א היילינגען חוב: ער נעהמט נקמה פאר'ן רוימישען בלוט, וואס די קנאים האבען פערגאסען. די רוימישע לעגיאנען האבען אויפגעשטעלט אויפ'ן ארט פון בית-המקדש זייערע פאהנען און געבראכט דארט קרבנות צו זייערע אבגעטער; דערנאך האבען זיי אויסגערופען טיטוס'ן פאר א רוימישען קייזער.

דער צווייטער בית-המקדש איז איינגענומען און פערברענט געווארען אינ'ם זעלבינגען טאג, וואס דער ערשטער: פון נייַנטען ביז'ן צעהנטען אב. נאך דער שרפה פון בית-המקדש האט שוין טיטוס ניט געפונען פאר נויטיג איבערצולאזען אויך די איבעריגע טיילען פון ירושלים און געגעבען א בעפעהל צו פערברענען אויך די אקרא און דעם שטאדט-טייל עופל.

די מלחמה האט זיך אבער נאך אלץ ניט געענדיגט. די אנפיהרער פון דער רעוואלוציע מיט זייערע מחנות האבען זיך בעפעסטיגט אין דער

אויבערשטער שטאָדט און פון דאָרט האָבען זיי געשיקט שליחים צו טיטוס'ן. יוחנן און שמעון האָבען ערקלערט, אַז ווייל זיי האָבען געשוואָרען בעסער צו שטאַרבען, איידער צו שיידען זיך מיט זייער געוועהר, פערלאַנגען זיי, אַז מען זאָל זיי לאָזען אַ פרייען דורכגאַנג מיט זייער געוועהר. אונטער דער דאָזיגער בעדינגונג האָבען זיי איינגעשטימט אָבצוגעבען די אויבערשטע שטאָדט. טיטוס האָט אָבער געפאָדערט, אַז זיי זאָלען זיך אונטערגעבען אָהן קיין שום בעדינגונג. דער קאַמפף האָט דעריבער אויסגעבראָכען פון-דאָס-ניי. די רוימער האָבען אָנגעהויבען מאַכען נייע אָנשיטונגען פון בערג אַרום דער אויבערשטער שטאָדט, כדי צו בעלאַגערן זי. די דאָזיגע אַרבייט האָט געדויערט כמעט אַכצעהן טעג נאָכאַנאַנד. אָבער די קנאים האָבען אפילו איצט נאָך אויך ניט פערלאָרען זייער מוט און זייער איינגעשפאַרטקייט. די אדומים, וועלכע האָבען בשתיקה געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט די רוימער, האָבען די רוימער טיילווייז אויסגעשאָכטען, טיילווייז איינגעשמידט אין קייטען און געוואָרפען אין תפיסה. די אידישע קעמפפער האָבען בעוויזען אונגלויבליכע גבורות, אָבער לסוף האָט דער הונגער זיי אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז זיי האָבען זיך מעהר ניט געקאָנט האַלטען געגען די רוימער, וועלכע זענען אין שטורם אַרויפגעשטיגען אויף דער מויער פון שטאָדט און אַריינגעקומען אין די גאַסען, שעכטענדיג און מאָרדענדיג, ווי בלוט-דורשטיגע חיות (ח' אלול). די גאַנצע אויבער-שטאָדט (ציון) האָט מען פערברענט, איבערלאָזענדיג נאָר דריי טהורמס: היפיקאָס, מרים און פאַזאַעל, אַלס צייכען פון די גרויסע נצחונות. אַלעס איבריגע האָט מען גלייך געמאַכט מיט דער ערד. אונטער די חורבות פון ירושלים און דעם בית-המקדש איז פערשוואונדען געוואָרען דער לעצטער שאָטען פון אידישער פאָליטישער זעלבסטשטענדיגקייט. בשעת הער בעלאַגערונג זענען, ווי מען האָט געזאָגט, אומגעקומען העכער אַ מיליאָן אידען.

ציון איז ווידער געזעסען אויף איהרע חורבות און געקלאָגט אויף איהרע אויסגעהרג'עטע זיהן, געשענדעטע טעכטער, און קינדער, וועלכע מען האָט פערקויפט פאַר שקלאַווען. דאָס אונגליק איז איצט מאָראַליש געוועזען פיעל גרעסער, ווי בשעת דעם ערשטען חורבן דורך נבוכדנצר. דאַמאָלס האָט ציון האָטש געהאַט איהרע נביאים, וואָס האָבען איהר חורבן פאָראויסגעזאָגט, אָבער אויך איהר אויסלעזונג; איצט זענען שוין קיין נביאים מעהר ניט געוועזען: אַ פינסטערע צוקונפט פון טויזענדע יאָהרען פון ענוים, חרפות און עלענד האָט זיך געזעהען אין דער ווייטען פאַר דער ציונים-טאָכטער, וועלכע איז געזעסען אויף די חורבות פון איהרע פערברענטע היילינגטימער.

# די עפּאָכע פון יודישען גלות

## די איבערגאַנגס־צייט.

### ערשטעס קאַפּיטעל.

### די נאָכוועהענישען פון דער מלחמה און דער רעשט פון יהודה.

(פון 70 ביז 93 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

ווער קאָן שילדערן די ענוים און דאָס עלענד פון יענע אידען, וואָס די רוימער האָבען אַוועקגעפיהרט אין געפאַנגענשאַפט! העכער ניין הונדערט טויזענד אידען האָבען די רוימער גענומען געפאַנגען אין פערלויף פון דער מלחמה. די געפאַנגענע אין ירושלים האָט טיטוס געלאָזט איינשליסען אין קייטען אויפ'ן אָרט, וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען, און געשטעלט אונטער דעם אויפזיכט פון זיין פריינד פראָנטאָ. נאָר אויף די אַדיאַבענער פּרינצען האָט טיטוס רחמנות געהאַט און ניט פערקויפט זיי פאַר קנעכט; ער האָט זיי אָבער אָבגעשיקט קיין רוים געשמידט אין קייטען, כדי צו האַלטען זיי פאַר אַ משכון, אַז די אַדיאַבענישע מלוכה זאָל בלייבען געטריי צו רוים.

מיט די געפאַנגענע אידען האָט פראָנטאָ זיך בעגאַנגען אַזוי: אַלע אידען, וועלכע האָבען טיילגענומען אין קאַמפף געגען רוים, האָט ער באַלד געלאָזט אָנשלאָגען אויפ'ן קרייץ. אָבער יענע אידען, וואָס זענען געבליבען לעבען, האָבען מקנא געווען אָט די „גליקליכע" פאַר זייער גיכען טויט. זיבצעהן טויזענד געפאַנגענע אידען זענען אומגעקומען אין הונגער, ווייל די רוימער האָבען זיי געגעבען זעהר ווייניג וואָס צו עסען, און אַ טייל אידען האָבען גאָר ניט געוואָלט נעהמען עפּעס־וואָס ביי די מערדער פון דער אידישער פרייהייט און זיי זענען בעסער אומגעקומען פון הונגער. פון די געפאַנגענע אידען, וואָס זענען געבליבען לעבען, האָט פראָנטאָ אויסגעקליבען די שענסטע און קרעפטיגסטע יונגענד, כדי צו בעפוצען מיט

איהר טיטוס'עס טריאומף-וואָגען, ווען ער וועט קומען קיין רוים. געפאַנגענע, עלטער פון זיבצעהן יאָהר, האָט מען אָבגעשיקט קיין מצרים, כדי צו אַרבייטען דאָרט דעם גאַנצען לעבען אין די בערג-גרובען פון דער מלוכה, ווי מען האָט שוין פריהער פערשיקט די אידישע געפאַנגענע פון גליל צו אַרבייטען ביים דורכגראָבען אַ קאַנאַל אין קורינת. אַ גרויסען טייל אידישע יונגעלייט האָט טיטוס געשענקט די שטאָדט-פערוואַלטונגען פון די פּראָווינצען, זיי זאָלען זיי צווינגען מלחמה צו האַלטען אין צירק מיט די ווילדע חיות, ביז יענע וועלען זיי צוררייסען. קליינע קינדער און מיידלעך האָט מען פערקויפט אויפ'ן אויקציאָן (ליציטאַציע) און די שקלאַווען-הענדלער האָבען זיי געקויפט פאַר אַ שפּאָט-ביליגען פּרייז. פאַר די אונגליקליכע איז נאָך געווען אַ טרייסט, ווען מען האָט זיי פערקויפט אין אַזאַ שטאָדט, וואו עס איז געווען אַ אידישע קהלה, ווייל דאָרט האָבען זיי געקאָנט זיין זיכער, אַז אידען וועלען זיי אויסקויפען און בעהאַנדלען מיט ברידערליכער רחמנות.

אַספּסינוס האָט ערקלערט דאָס גאַנצע לאַנד יהודה פאַר זיין אייגענטום און בעפוילען די רוימישע בעאַמטע צו פערקויפ'ן דאָס לאַנד שטיקער-וויַז יענעם, ווער עס וועט געבען מעהר. ער האָט אויפ'ן לאַנד געהאַט אַ חזקה, דען ער האָט עס מיט טייכען אידיש בלוט בעפייכטעט און געזעטיגט; אגב האָט די זאַך געבראַכט פיעל הכנסה, און אַספּסינוס איז געווען אויך אַזאַ ליעבהאָבער פון געלד, ווי פון כבוד.

און וואָס האָט געטהון דער גוטער טיטוס, נאָכדעם ווי ער האָט טויזענדער, טויזענדער אידען אויסגע'הרג'עט און ווידער צו פיעל טויזענדער פערקויפט פאַר שקלאַווען? ער האָט זיך געלאָזט געהען קיין סיריען, שלעפּענדיג מיט זיך איינגעשמידעטע אין קייטען די שענסטע אידישע יוגענד. ווען ער איז געקומען אין קיסרין, האָט ער זיך אָבגעשטעלט, און דאָ האָט ער איינגעאָרדענט פרעהליכע שפּיעלען אויפ'ן רוימישען שטייגער: מען האָט אַרויסגעלאָזען אין אַ געשלאָסענעם צירק ווילדע חיות אויף פיעל אידישע יונגעלייט, וועלכע האָבען געמוזט מיט זיי קעמפּפען אַזוי לאַנג, ביז די חיות האָבען זיי צוריסען, זייער בלוט געטרונקען און זייער פלייש אויפגעגעסען. — טיילמאָל האָט זיך דאָס שפּיעל שוין צוגעגעסען די גריכישע איינוואָהנער, דאַן האָט מען אויף טיטוס'עס בעפעהל געביטען די ראָליעס: אָנשטאָט צו קעמפּפען מיט חיות, האָבען אידען געמוזט קעמפּפען איינער מיט דעם אַנדערן, אַ ברודער געגען אַ ברודער, ביז ביידע זענען טויט געפאַלען. אויף אַזאַ אופן זענען אומגעקומען צוויי טויזענד פינף הונדערט קרעפטיגע יונגע אידען אינ'ם געבורטס-טאָג פון טיטוס'עס ברודער, דעם בלוטיגען און שענדליכען דאָמיציאַנוס. פון דאָרט איז טיטוס אָבגעגאַנגען אין דער צווייטער שטאָדט קיסרין (פיליפּי) ביים באַרג חרמון, די הויפּטשטאָדט פונ'ם קעניג אַגריפּאַ, וואו ער האָט ווידער איינגעאָרדענט אַזעלכע בלוטיגע שפּיעלען צווישען אידען און חיות און אידען

פאר די אויגען פון יוסף בן מתתיהו, אגריפא און בערעניקא. אין בערי־טוס (Berytus) האט טיטוס געפייערט דעם געבורטס־טאג פון זיין פא־טער — די בלוטיגע שפּיעלען זענען ווידער פארגעקומען, און דאס אידישע בלוט האט זיך געגאסען, ווי וואסער, אויף א שוידערהאפטען אופן. אזעלכע שפּיעלען האט טיטוס איינגעארדענט כמעט אין אלע שטעדט, וואו ער איז דורכגעגאנגען, און דאדורך געזעטיגט די בלוטדורשטיגקייט פון דער ארטיגער גריכישער בעפעלקערונג. אט דאס איז געווען טיטוס'עס מילדקייט און מענשענפריינדליכקייט!

און וויפיעל האט עס געפעהלט, אז אלע אידען אין דער גרויסער רוימישער מלוכה, בעזונדערס, אין סיריען, קליין־אזיען, אלעקסאנדריען און רוים, זאלען אויך טיילען דעם טרויעריגען גורל פון זייערע ברידער אין לאנד יהודה! די שנאה פון די געצענדיענערישע פעלקער האט, צוליעב דער מלחמה, זיך פערשטארקט אויף א שרעקליכען אופן ביז צום פאנא־טיזם. צי איז עס געווען א צופאל, אדער עטוואס אנדערש, נאר א דאנק דעם איינפלוס, וואס בערעניקא האט דורך איהר ליעבע געהאט אויף טי־טוס'ן, האט ער ניט דערלאזען, אז מען זאל די אידען אין גאנצען פער־טיליגען. אין דער דאמאליגער טרויעריגער צייט פון דער אידישער געשיכ־טע איז בערעניקא געווען זייער איינציגע בעשיצערין.

ווען טיטוס איז געקומען קיין אנטיאכיען, איז איהם ארויסגעקומען אויף קבלת־פנים די ארטיגע בעפעלקערונג און פערלאנגט פון איהם א חסד — א קלייניגקייט: מען זאל ארויסטרייבען פון אנטיאכיען אלע אידישע איינוואוינער. טיטוס האט אבער דערויף געענטפערט, אז דאס וואלט גע־ווען אן אונגערעכטיגקייט פון זיין זייט, ווייל אידען האבען שוין מעהר ניט געהאט קיין פאטערלאנד, וואוהין זיי זאלען קאנען געהען. ער האט זאגאר ניט איינגעשטימט אויף דער ביטע צוצונעהמען ביי אידען זייער גלייכבערעכטיגונג און פערניכטען די קופערנע טאוולען, אויף וועלכע דאס געזעץ וועגען דער אידישער גלייכבערעכטיגונג איז געווען אויסגעקריצט. אויך די אלעקסאנדרינישע בעפעלקערונג איז ארויסגעטראטען שפעטער צו טיטוס'ן מיט אזא ביטע, אבער ער האט איהר דערין אבגעזאגט.

אין רוים איז טיטוס אריינגעקומען מיט אזא טריאומף־צוג, צוליעב זיין גרויסען נצחון איבער יהודה. צום דאזיגען צוועק האט ער פאראויס־געשיקט זיבען הונדערט פון די שענסטע אידישע געפאנגענע מיט די צוויי אנפיהרער פון די קנאים: יוחנן פון גוש־חלב און שמעון בר גיורא. דער ערשטער איז געווען, ווי שוין דערמאהנט, א קרענקליכער מענש און ער האט זיך ערגעבען די רוימער צוזאמען מיט נאך פיעל אידען, געפייניגט דורכ'ן הונגער. דער צווייטער, בר גיורא, האט אינ'ם לעצטען מאמענט פון דער מלחמה זיך אראנטערגעלאזען מיט זיינע חברים אין פולער בעוואפ־פנונג אין א גאנג אונטער דער ערד, כדי צו קאנען אנפאלען אויף די רוימער פון הינטען. די הייהל איז אבער געווען פון אינוועניג פערשטעלט

מיט אַ גרויסען שטיין, וועלכער האָט פאַר זיי פערשפּאַרט דעם וועג. דאָס ביסעל עסענוואַרג, וואָס די גבורים האָבען געהאַט מיט זיך, איז באַלד אויסגעגאַנגען, און דאַן האָט שמעון בעשלאָסען צו שטאַרבען, ווי אַ גבור, אײדער אומצוקומען פון הונגער: אָנגעטהון אין ווייסע קליידער מיט אַ פּור־פּור־מאַנטעל פון אויבען, האָט ער זיך פּלוצלינג בעוויזען פון אונטער דער ערד, דאָרט, וואו עס איז פריהער געשטאַנען דער בית־המקדש. די רוימישע סאָלדאַטען האָבען זיך איבערגעשראָקען, דערזעהענדיג די פּורכטבאַרע ערשיינונג. שמעון האָט אָבער ערקלערט אין קורצען: „פיהרט מיך צו אייער הויפּטמאַן“. און ווען דער הויפּטמאַן איז ערשינען, האָט שמעון געזאָגט: „איך בין שמעון בר גיורא“. באַלד האָט מען איהם איינגעשמידט אין קייטען. ער האָט געוואוסט גאַנץ גוט, וואָס עס ערוואַרטעט איהם, און האָט זיך פערהאַלטען גאַנץ רוהיג. איצט האָט מען איהם געשלעפּט קיין רוים, כּדי צו בעפּוצען טיטוס'עס טריאומף.

דער טריאומף־גאַנג איז איינגעאָרדענט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד, כּדי צו דערהויבען דעם כּבוד פון אַכּפּסינוס און זיינע צוויי זיהן: טיטוס און דאָמיציאַנוס. דורכ'ן גרויסען טריאומף־טויער האָט מען געטראָגען פּאָר־אויס די הייליגע כּלים פון בית־המקדש, די גאָלדענע מנורה, דעם שלחן־הזהב און אַ ספר־תּורה; דערנאָך זענען געגאַנגען די געפאַנגענע, געשמידט אין קייטען, און דעם המון האָט מען דערבײַ געוויזען בילדער פון דער מלחמה און פון דעם חורבן. שמעון בר גיורא האָט מען געשלעפּט מיט אַ שטריק אין די גאַסען פון רוים און ענדליך, ווייל לויט'ן רוימישען מנהג האָט מען דערבײַ נעדאַרפט ברענגען אַ מענשליכען קרבן, האָט מען איהם אַראָבגעוואָרפען פון הויכען טאַרפּעאישען שטיין (Tarpeium saxum) אין טיעפען אָבגרונד.

יוחנן פון גוש־חלב איז געשטאָרבען אין תּפיסה. דער משומד טיבעריוס אַלעקסאַנדער, וועלכער איז אייגענטליך געווען דער אמת'ער מנצח אין דער מלחמה, און האָט חרוב געמאַכט ירושלים און דעם בית־המקדש — ער איז אויך מיטגעגאַנגען מיט'ן טריאומף־צוג און בעשענקט געוואָרען מיט אַ גרויסען כּבוד: זיין בילד, אויסגעהאַקט אין שטיין, האָט מען אויפגעשטעלט אויפ'ן גרויסען פאָלקס־פּלאַץ (פאָרום—Forum) אין רוים. אויך יוסף בן מתתיהו איז מיטגעגאַנגען מיט'ן טריאומף־צוג. דער דאָזיגער גרויסאַרטיגער טריאומף, וועלכען די רוימער האָבען שוין לאַנג פאַר דעם ניט געזעהען, האָט דערוויזען, ווי גרויס עס איז געווען די שמחה אין רוים מיט'ן נצחון איבער'ן לאַנד יהודה, דען געגען אַזאַ האַרטנעקיגען און שטאַרקען פיינד האָט שוין רוים לאַנג ניט געהאַט צו פיהרען אַ מלחמה. די שמחה איז אַזוי גרויס געווען, אַז מען האָט אַ פּאָר יאָהר נאָכאַנאַנד אַרויסגעגעבען מטבעות פון גאָלד, זילבער און קופּער צום אָנדענקען פון נצחון איבער אידען. אויף די דאָזיגע מטבעות איז דאָס אונגליקליכע „יודעאַ“, אָדער די אידישע נאַציאָן, אויסגעקריצט אין דער געשטאַלט פון אַ שענער

יונגפרוי, וועלכע זיצט טרויעריג מיט געבונדענע הענד אונטער א טייטעל-בוים. ארום בילד איז פאראן אנ'אויפשריפט: „Judea Capta“ אדער „Judea Devicta“ וואס הייסט „דאס בעזיעגטע יהודה“, „דאס געפאנגענע יהודה“. דעם ביינאמען „יודאיקוס“ האט אבער ניט געוואלט אננעהמען ניט אספסינוס, ניט טיטוס, צי דערפאר, וואס עס איז אלעמען בעוואוסט געוועזען, אין וואס פאר א בעציהונג טיטוס איז געשטאנען צו דער אידישער פרינצעסין בערעניקא, און ער האט זיך געשראקען, אז מען זאל דאס ניט אויסטייטשען איראניש אויף איהם, אדער, מעגליך, אז די פעלקער פלעגען שוין דאמאלס געברויכען דעם נאמען, אלס א זידעל-ווארט. די הייליגע כלים פון בית-המקדש זענען געבליבען א לאנגע צייט אין'ם פרידענס-טעמפעל „יאנוס“, און די ספר-תורה, ווי עס שיינט, עזרא'ס ספר, פון וועלכען מען פלעגט מאכען אלע אנדערע ספרי-תורה-אבשרייבונגען פאר די קהלות אין פערשיעדענע שטעדט, האט מען בעהאלטען אין קייזערליכען פאלאץ. שפעטער, ווען רוים האט זיך פונאנדערגעצאהלט פאר איהרע שווערע פערברעכענס געגען די פעלקער און זי איז אליין בערויבט געווארען דורך די וואנדאלען, האט מען די אידישע הייליגטימער אויך צושלעפט אין פערשיעדענע לענדער.

דער טריאומף-טויער (Arco di Tito), וועלכען מען האט אויסגעבויט פאר טיטוס'ן און אויסגעקריצט אויף איהם דאס בילד פון דער פראצעסיע ביי זיין טריאומף, שטעהט נאך עד-היום אין רוים. ווי מען זאגט, האבען די רוימישע אידען א לאנגע צייט אויסגעמידען צו געהען דורכ'ן דאזיגען טויער אדער אפילו צו קוקען אויף איהם פון דערווייטען.

אבער נאך אלעמען איז נאך דאס גאנצע לאנד יהודה ניט געוועזען איינגענומען: די דריי פעסטונגען העראדיום, מכור און מאסאדא, זענען נאך געוועזען אין דער מאכט פון די קנאים. דער פראקוראטאר באסוס, וועלכען אספסינוס האט בעשטימט אין לאנד יהודה, האט בעקומען דעם בעפעהל איינצונעהמען די דאזיגע פעסטונגען. דער חיל פון העראדיום האט זיך באלד אונטערגעגעבען, ווי די רוימער האבען איהם געשטעלט די פאדערונג וועגען דעם. שווערער איז געוועזען באסוס'ן איינצונעהמען די פעסטונג מכור אויף יענער זייט ירדן. די דאזיגע פעסטונג האט אויסגעבויט דער אידישער קעניג אלעקסאנדער ינאי, און הורדוס דער ערשטער האט זי בעפעסטיגט נאך שטארקער, כדי צו קאנען דורך איהר זיך פערטיידיגען פאר די אנפאלען פון די אראבער פון שבט נביות. די פעסטונג איז געוועזען גאנץ אונמעגליך איינצונעהמען, ווייל זי איז געוועזען געבויט אויף א הויכען פעלזען, און טיעפע גראבענס האבען זי ארומגערינגעלט פון אלע זייטען. די בעלאגערטע האבען געהאט עסענוואארג גענוג און קוואלען וואסער זענען אין דער פעסטונג אויך געוועזען זעהר פיעל. אונטער'ן אנפיהרען פונ'ם יונגען גבור אלעזר האבען די בעלאגערטע זיך געפיהלט גאנץ זיכער אין דער נאטירליכער און מייסטערהאפט-געבויטער פעסטונג. זיי פלע-

גען מאכען העלדישע אנפאלען אויף די רוימער און צושטערען זייערע בעלאגערונגס-מאשינען. אבער איינמאל, נאך אזא בעפאל, איז אלעזר געבליבען שטעהען לענגער גענען די רוימער, ויעהרענד זיין מחנה האט זיך שוין צוריקגעצויגען. די רוימער האבען איהם באלד גענומען געפאנגען און איינגעשמידעט אין קייטען. באסום האט איהם געלאזט פייניגען און געוואלט אנשלאגען אויפ'ן קרייץ. ווען די בעלאגערטע האבען דאס דערזעהען, האבען זיי געשיקט איהם זאגען, אז זיי וועלען די פעסטונג אבגעבען, נאר בתנאי, אז מען זאל דעם בעליעבטען אנפיהרער ניט דער'הרג'ענען אויף אזא שענדליכען אופן. אזוי-ארום איז די פעסטונג איינגענומען געוואָרען בלויז דורך אנ'אונפארזיכטיגקייט מצד דעם אידישען העלד. באסום האט אפילו געהאלטען ווארט נעגען יענע גבורים, וועלכע ער האט צוגעזאגט ארויסצולאזען אונגעריהרט פון דער פעסטונג, אויב זיי וועלען זי איהם איבערגעבען, אבער פון יענע אידען, וואס האבען געוואהנט ארום דעם בארג, האט ער טויזענד און זיבען הונדערט מאן אויסגעשאכטען; די פרויען און קינדער האט ער פערקויפט פאר שקלאווען.

אין דערזעלביגער צייט זענען צוגעקומען צו די ענטלאפענע פון מכור דריי טויזענד קנאים, וועלכע האבען אונטער זייער אנפיהרער יהודה בן יאיר בעוויזען צו ענטלויפען פון ירושלים בשעת'ן חורבן דורך א הייהל אונטער דער ערד; באסום האט זיי ארומגערינגעלט אויפ'ן ברעג ירדן אין וואלד. עס איז אויסגעבראכען א בלוטיגע מלחמה; די אידען האבען געקעמפפט, ווי זייער שטייגער איז געווען, מיט גבורה און מוט פון פערצווייפלונג, אבער די צאהל פון די רוימער איז געווען פיעל גרעסער פאר זייער מחנה, און די אידען זענען אלע געפאלען טויט. די פעסטונג מאסאדא האט באסום ניט בעוויזען איינצונעהמען, ווייל ער איז פלוצליננ געשטארבען. די דאזיגע שווערע אויפגאבע האט איבערגענומען דער פראקוראטאר, וואס איז בעשטימט געווארען נאך איהם, סילווא. די דאזיגע פעסטונג ביים ים-המלח איז נאך שווערער געווען איינצונעהמען, ווי די פעסטונג מכור, דער גלייך-שטעהענדער פעלזען, אויף וועלכען די פעסטונג איז געבויט געווען, האט געהאט נאר צוויי ארייננאנגען, אין וועלכע ס'איז אבער שווער געווען ארייצוקומען, צוליעב דער שטארקער פערטיידיגונג. אין דער פעסטונג זענען געווען לערך טויזענד קנאים (סיקריקון) מיט פרויען און קינדער אונטער דעם אנפיהרען פון אלעזר בן יאיר, וועלכער האט געשטאמט פון יהודה הגלילי. עסענוואָרג און וואסער האבען די בעלאגערטע געהאט גענוג און זיי האבען זיך פערטיידיגט מיט גרויס מוט און זעלטענער גבורה, אבער די בעלאגערונגס-קונסט פון די רוימער האט אויך דא מנצח געווען: איין מויער האבען זיי בעוויזען דורכצוברעכען; א צווייטע וואנד, א הילצערנע, האבען זיי אונטערגעצונדען. ווען אלעזר בן יאיר האט דערזעהען, אז מיט זיין קליינער מחנה איז איהם אונמעגליך זיך ווייטער צו פערטיידיגען, האט ער פערזאמעלט ארום זיך זיינע לייט

און געהאַלטען פאַר זיי אַ ערדע, אין וועלכער ער האָט בעוויזען אויף דער היילינער בעדייטונג פונ'ם געגענווערטיגען קאַמפף און ווי עס איז אַ הייליגער חוב ניט צו שענדען חלילה דעם איצטיגען נאָמען אין דער קנעכטשאַפט, אָדער דורכ'ן אַריינפאַלען אין דעם שונא'ס הענד. ער האָט דעריבער פאָרגעלעגט, אַז מען זאָל איינער דעם אַנדערן אויסשעכטען. די גאַנצע מחנה האָט דערמיט איינגעשטימט. יעדער פון זיי האָט אַליין אויסגעשאָכטען זיין ווייב און קינדער. דאָס גאַנצע פערמעגען האָט מען פערברענט, דערנאָך האָבען די לעצטע מענשען אויסגעהרג'עט איינער דעם אַנדערן. דער לעצטער איז געווען אלעזר בן יאיר אויף זיין איינענעם שווערד (דעם ערשטען טאָג פסח, 73 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג). ווען די רוימער זענען אַריינגעקומען אויף צו-מאָרגענס אין דער פעסטונג, האָבען זיי זיך געהאַט צוגעגרייט צו אַ שטאַרקען קאַמפף און געהאָפט זיך אָנצוזעטיגען מיט בלוט. אָבער אין דער פעסטונג האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. נאָר צוויי פרויען מיט פינף קליינע קינדער זענען אַרויסגעקומען אויפ'ן רוף פון זייערע טרומייטען. אָט דאָס איז געווען דער סוף פון די לעצטע קנאים אין לאַנד יהודה.

אספסינוס האָט גענומען אַ גרויזאַמע נקמה פון די אידען, וועלכע האָבען זיך דערוואַגט אַראָבצוואַרפען פון זיך דעם רוימישען יאָך. די שוהל אין קיסרין, צוליעב וועלכער עס איז צום ערשטען מאָל אויסגעבראָכען די רעוואָלוציע געגען רוים, האָט ער געלאָזט צושטערען. אויפ'ן פלאַץ, וואו די שוהל איז געשטאַנען, האָט ער געלאָזט אויסבויען פאַר אידיש געלד אַ גרויסען אָדעאום, אָדער אַ פילהאַרמאָניע; דאָס איז אָבער געווען די קלענסטע פון זיינע נקמות. אַלע אידען פון דער רוימישער מלוכה זענען פעראַנטוואָרטליך געמאַכט געוואָרען פאַר'ן אויפשטאַנד. דעם „מחצית השקל" (צוויי דראַכמען, לערך 50 קאָפּיקעס), וואָס די אידען פלעגען געבען יעהרליך פאַר'ן בית-המקדש, האָט ער זיי בעפוילען צו געבען איצט פאַר'ן טעמפעל פון זיין אָבגאָט יופּיטער דעם קאַפּיטאָלינישען, און די נדבה, וועלכע זיי פלעגען פריהער געבען מיט אַ פרומען געמיט, האָבען זיי איצט געמוזט געבען אויף דער געצענדינערײַ מיט געוואַלד. דאָס איז געווען דער ערשטער, ספעציעל אידישער אָבצאָהל, וועלכען מען האָט איינגעפיהרט פאַר אידען אין דער פרעמד, און מען האָט איהם טאַקי אַ נאָמען געגעבען „דער אידישער אָבצאָהל" (Fiscus judaicus). יענע אידען, וועלכע האָבען זיך בשעת דער מלחמה געגען דעם אידישען פאָלק אַרויסגעוויזען פאַר פריינד און מיטהעלפער פון רוים, האָט אספסינוס בעשענקט מיט עשירות און כבוד. דעם געוועזענעם קעניג אַגריפּאַ האָט ער בעשטימט פאַר אַ רוימישען פרעטאָר (אָבער-ריכטער) און איהם געשענקט נאָך עטליכע שטעדט צו זיין מלוכה אין גליל. אַגריפּאַ האָט דאָס ביי איהם טאַקי אויך פערדיענט, דען מיט זיין פעררעטעריי געגען דעם אידישען פאָלק האָט ער פיעל מיטגעהאָלפען די רוימישע נצחונות. דער צווייטער

אידישער פעררעטער, דער משומד טיבעריוס אלעקסאנדער, איז בעשענקט געוואָרען מיט גרויס כבוד און אויסצייכנונגען. ווי שוין דערמאָהנט, האָט מען זיין בילד אויפגעשטעלט אין רוימישען פאָרום, אָבער די אַלטע רוימער האָבען געקוקט דערויף מיט שפּאָט און פעראַכטונג, ווייל אין זייערע אויגען איז טיבעריוס געווען אַ געמיינער פעררעטער געגען זיין אייגענעם פאָלק. אויך יוסף בן מתתיהו איז פאַר זיין פעררעטערייַ ניט געבליבען מיט לעדיגע הענד. דער קייזער האָט איהם געשענקט גרויסע גיטער אין טהאָל שרון (אין לאַנד יהודה) און בעפרייט זיי פון אָבצאָהל; ער האָט איהם אויך אָבגעגעבען אַ וואָהנונג אין קייזערליכען פּאַלאַץ און צוגערעכענט איהם צו דער קייזערליכער פאַמיליע, ערלויבענדיג איהם אָנצונעהמען אַספּסינוס'עס פאַמיליען־נאָמען, פלאַוויוס. דערפאַר אָבער האָבען די אידען איהם אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע שנאה און איהם פערביטערט דעם נחת, וואָס ער האָט געהאַט פון דעם כבוד, וואָס דער קייזער האָט איהם פערשאַפט.

מיט'ן איינגעהמען פון די לעצטע פעסטונגען אין לאַנד יהודה האָט זיך נאָך אַלץ ניט געענדיגט דער קאַמפּף געגען די קנאים, ווייל זיי האָבען איצט איבערגעטראָגען די שנאה צו רוים אין יענע לענדער, וואוהין זיי זענען ענטלאָפען נאָכ'ן חורבן. דען ניט אַלע קנאים האָבען די רוימער בעוויזען אויסצוהרג'ענען. פיעל פון זיי זענען דורך געהיימע גאַנגען ענטלאָפען פון ירושלים אין די שרעקליכע לעצטע מאָמענטען פון חורבן; אויך פון די איבריגע פעסטונגען איז געלונגען פיעל קנאים צו ענטלויפען. די ענטלאָפענע האָבען זיך צושפרייט אין אַלע אידישע קהלות אויף דעם טייך עפראַט, אין אַראַביען, מצרים אָדער אין לאַנד קירענאַיקאַ. יענע קנאים, וועלכע זענען געקומען קיין אַלעקסאַנדריען, האָבען איבערגערעדט די דאָרטיגע אידען צו מאַכען אַן אויפשטאַנד געגען רוים, און ווייל די דאָרטיגע אידען האָבען נאָך נוט געדענקט דאָס בלוט־באָד, וואָס דער משומד אַלעקסאַנדער טיבעריוס האָט מיט עטליכע יאָהר פריהער געמאַכט צווישען זיי, האָבען זיי איצט איינגעשטימט צו מאַכען דעם אויפשטאַנד. נאָר די רייכע אידען און די מיטגליעדער פון אידישען קהלה־ראַט האָבען זיך געשטעלט געגען דעם דאָזיגען וואַהנזיניגען אונטערנעהמען און זיך געזעהען געצוואונגען אַרויסצוגעבען דעם סוד דעם רוימישען שטאַטהאַלטער, וועלכער האָט באַלד געמאַכט אַ בעפעהל אויף די קנאים און אויסלופוס, נע'הרג'עט פון זיי זעקס הונדערט מאַן; די איבריגע האָבען בעוויזען צו ענטלויפען און זיך פערשפּרייט אין אַלע שטעדט פון מצרים ביז טהעבען (נא־אָמון). ביכלעכווייז האָט מען זיי אָבער געגומען געפאַנגען און געפייניגט אויף אַ מערדערישען אופן, פאָדערנדיג, דאָס זיי זאָלען אַנערקענען די הערשאַפט פון רוימישען קייזער און רופען איהם ווענינגסטענס מיט זיין געהעריגען טיטול. אָבער זיי האָבען בעסער געליטען די שרעקליכסטע יסורים, און זענען ניט פאַלש געוואָרען זייער שבועה צו קעמפפען געגען רוים ביז'ן לעצטען אָטעם; אפילו זייערע פרויען און קינדער האָבען בעסער געוואָלט

אומקומען אין אונמענשליכע יסורים, אידער צו רופען אַספּסינוס'ן „קייזער״. ווען אַספּסינוס האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער זיך דערשראָקען, אַז מצרים זאָל פאַר איהם ניט ווערען אַ צווייטעס רעוואָלוציאָנערעס לאַנד, ווי יהודה, און האָט דעריבער בעפוילען חרוב צו מאַכען דעם מקדש פון חוניו, כדי צוצונעהמען ביי אידען זייער לעצטען רעליגיעזען און פּאָליטישען צענטר. די טייערע כלים און די אוצרות פונ'ם איינגעוואָרפענעם מקדש חוניו זענען אָבגעשיקט געוואָרען קיין רוים. אַזוי-אַרום איז אויך אונטערגעגאַנגען דער צווייטער אידישער מקדש אין העליאָפּאָליס, נאָכדעם ווי ער איז געשטאַנען צוויי הונדערט מיט דריי און פערציג יאָהר (3 יאָהר נאָך דעם חורבן פון בית-המקדש, אָדער 73 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

אויך די קנאים, וועלכע זענען ענטלאָפען קיין קירענאַיקאַ, האָבען דאָרט דערוועקט די אידישע איינוואָהנער צו אַ מרידה געגען רוים, אָבער זיי האָבען אויך קיין בעסערן סוף ניט געהאַט, ווי די קנאים אין מצרים. איין קנאי, יונתן דער וועבער, האָט פערזאַמעלט אַרום זיך פיעל דאָרטיגע אידען, וועלכע ער האָט אָבגעפיהרט אין דעם מדבר ליביען, צוזאָגענדיג זיי צו בעווייזען דאָרט אותות ומופתים. אָבער אין קירענאַיקאַ האָבען אויך די רייכע אידען, ווי אין מצרים, ענטדעקט דער רוימישער רעגירונג, אַז עס ווערט געפּלאַנט אַן אויפשטאַנד, און דער רוימישער שטאַטהאַלטער, קאַטולוס, האָט גענומען געפאַנגען אַ טייל פון די קנאים און זיי בעשטראָפט מיט'ן טויט. יונתן איז אַריינגעפאַלען אין די הענד פון די רוימער ערשט נאָך אַ לאַנגער מיה פון זייער זייט. ער האָט נקמה גענומען אָן די רייכע אידען דאַדורך, וואָס ער האָט זיי אָנגעקלאָגט, דאָס זיי האָבען אויך טיילגענומען אינ'ם אויפשטאַנד. יונתן מיט אַ טייל געפאַנגענע זענען אָבגעשיקט געוואָרען קיין רוים, געשמידט אין קייטען. דאָרט האָבען זיי, צוליעב נקמה, אויך אָנגעקלאָגט פיעל רייכע אידען און בעזונדערס יוסף בן מתתיהו, אַז זיי האָבען מיט זיי טיילגענומען אינ'ם אויפשטאַנד. אָבער דעם קייזער אַספּסינוס איז גוט בעקאַנט געווען יוסף'ס געטריייהייט צו רוים און איהרע אינטערעסען און דעריבער האָט ער די אָנקלאַגע אָבגעוואָרפען. יונתנ'ען האָט מען צוערשט שרעקליך געשמיסען, דערנאָך פערברענט לעבעדיגערהייד. דערמיט האָט זיך געענדיגט די רעוואָלוציאָנערע בעוועגונג פון די קנאים אין די רוימישע פּראָווינצען, וועלכע האָט געקאָסט טויזענדער אידען דאָס לעבען. גליקליכע זענען געווען די קנאים, וועלכע זענען געקומען אין צפון-אַראַביען, אין דער געגענד פון יתריב (מעדינאַ), וואו עס איז זיי געלונגען צו גרינדען אַן אייגענע מלוכה, וואָס האָט עקזיסטירט כמעט זעקס הונדערט יאָהר און געשפּיעלט אַ געוויסע ראָליע אין דער ערשטער צייט פון דער מחמד'אַנישער רעליגיע.

די פערביטערטע און האַרטנעקיגע מלחמה געגען די רוימער, וואָס די אידען האָבען געפיהרט, האָט בעוועגט עטליכע דאַמאָליגע שריפט-

שטעלער צו שרייבען די געשיכטע פון דער מלחמה. די גריכישע שריפטשטעלער, וועלכע האבען זיך דערפאר גענומען, האבען, נאטירליך, גע'חנפ'עט די רוימער און, דערצעהלענדיג גוזמאות וועגען דער רוימישער גבורה, האבען זיי פערקלענערט, אדער גאר געמאכט צו-נישט די העלדישע מעשים פון די אידען. די דאזיגע פארטייאישקייט האט זעהר שטארק אויפגערעגט יוסף בן מתתיהו און, ווי ער איז ניט געוועזען א שטארקער אנהענגער פון די רוימער, האט ער דאך נאך געהאט אין זיך גענוג אידישען פאטריאטישען שטאלץ, ניט צו דערלאזען, אז מען זאל בעשמוצען אידען, אלס א פחדנות'דיג און א שוואך פאלק. ער האט דעריבער געזאמעלט זיינע אייגענע זכרונות און איבערלעבונגען, ווי אויך די ערצעהלונגען פון זיכערע מענשען און בעשריבען די אידישע מלחמות, ווי אויך זייער סבה, אין זיבען חלקים (ארום 75—79 נאך דער קריסטליכער צייטרעכנונג). איידער ער האט זיין „געשיכטע" פערעפענטליכט, האט ער זי פארגעלעזען טיטוס'ן, וועלכער האט איהם דאן געגעבען די ערלויבעניש צו פערעפענטליכען זי, איינשטימענדיג איננאנצען מיט יוסף'ס שילדערונגען. מיט א געוויסער צייט פאר דעם האט דער געוועזענער אנפיהרער פון די קנאים פון טבריה, יוסטוס, געשריבען א אידישע געשיכטע אויף גריכיש פון משה'ס צייט ביז אגריפא דעם צווייטען. אין דער דאזיגער געשיכטע שילדערט יוסטוס יוסף'ן אלס פיינד פון די רוימער און דעם הויפטשולדיגען אין'ם אויפשטאנד אין גליל. די ביידע שונאים אין דער פאליטיק, יוסף און יוסטוס, האבען געקעמפפט איצט איינער געגען דעם אנדערן מיט דער פעדער דורך זייערע „געשיכטען". יוסטוס בעמיהט זיך צו פערשווארצען יוסף'ן, ער דערוויזט אויך, אז ס'איז ניט אמת, וואס יוסף איז זיך מיחס מיט די חשמונאים פון זיין מוטער'ס צד, וועהרענד ער האט גאר צו זיי קיין שייכות ניט. יוסטוס אליין איז אבער אויך ניט געוועזען קיין גרויסער צדיק. נאכדעם ווי ער האט געפיהרט א קאמפף מיט דער גריכישער בעפעלקערונג אין פערשידענע שטעדט, פערטיידיגענדיג די אידישע אינטערעסען, און איז אויך געוועזען אנפיהרער פון דער אידישער רעוואלוציע געגען רוים אין טבריה, איז ער איבערגעגאנגען אויפ'ן צד פון אגריפא, וועלכער האט איהם, לויט דער השתדלות פון בערעניקא, בעשענקט מיט גרויסע מתנות און גענומען צו זיך אין דיענסט. צוויי מאל אבער האט ער איהם אין תפיסה געווארפען, איינמאל פערשיקט און דערנאך ווידער אמנעסטירט. די בעציהונגען צווישען ביידען זענען בכלל געוועזען וואונדערליכע און רעטזעלהאפטע. יוסטוס איז געוועזען גוט געבילדעט אין גריכיש און ער האט געשריבען אין גריכיש די געשיכטע פון די אידישע מלכים; זיין געשיכטע וועגען דער אידישער מלחמה געגען רוים האט ער אין משך פון צוואנציג יאהר ניט פערעפענטליכט און איז ערשט ארויסגעטראטען מיט איהר דאן, ווען זיין ערביטערטער פיינד, יוסף בן מתתיהו, איז נאך טיטוס'עס טויט געווארען אויך אנ'אנהענגער פונ'ם בלוטיגען דאמיציאנוס און זיין שענדליכער פרוי דאמיציא.

יוסף בן מתתיהו האָט גאַנץ ווייניג מיטגעפיהלט דעם עלענד און די ערנידעריגונג פון זיין פאָלק. מיט עקעלהאַפטער רוהיגקייט האָט ער בייגעוואָהנט דעם שרעקליכען אידישען חורבן, די שוידערהאַפטע שחיטות און די גרויזאַמע פערניכטונג פונ'ם רעשט אידען אין יהודה נאָכ'ן חורבן; ער האָט מיט דערזעלביגער רוהיגקייט אויך טיילגענומען אין טיטוס'עס גרויסאַרטיגען טריאומף אין רוים איבער דער אידישער מפלה, און אַט די אַלע שרעקליכע מעשים שילדערט יוסף בן מתתיהו גאַנץ קאַלטבליטיג, זאָגאַר מיט אַ געוויסער צופרידענהייט, בעזונדערס, ווען ער דערצעהלט וועגען דעם שענדליכען טויט פון די אידישע גבורים, שמעון בר גיורא און יוחנן פון גוש-חלב. כדי צו ענטפערן אויף יוסטוס'עס בעשולדיגונגען, האָט יוסף אָנגעשריבען אויך אַנ'אייגענע ביאָגראַפיע, וואו ער דערצעהלט, אַז פונ'ם ערשטען אויגענבליק אָן פון דער אידישער רעוואָלוציע איז ער געווען איהרער אַ געגנער און האָט איבערגענומען אויף זיך די פערטיידיגונג פון גליל, נאָר כדי אָבצושוואַכען דאָרט דעם רוימישען צאָרן. מעגליך, אַז יוסף בעשולדיגט זיך בכיוון אין אַזעלכע שענדליכע מעשים נאָר צוליעב דעם, וואָס ער איז געווען נעצוואונגען צו פערענטפערן זיך פאַר'ן רוימישען קייזער אין יוסטוס'עס בעשולדיגונגען.

אויב אָבער אין זיין פּאָליטישער טעטיגקייט ערשיינט אונז יוסף אַלס פעררעטער נעגען די אינטערעסען פון אידישען פאָלק, האָט ער אַלס שריפטשטעלער און דענקער זעהר אַ גרויסען פערדיענסט פאַר'ן אידישען פאָלק. יוסף בן מתתיהו האָט, אויסער זיינע דערמאָהנטע צוויי ספרים, נאָך געשריבען אויך אַ גרויסע אידישע געשיכטע אין צוואַנציג חלקים, וואו ער האָט געשטעלט אַ שענעם מאָנומענט דעם אידישען פאָלק, שילדערנדיג דאָס גאַנצע אידישע לעבען, זיין דענקען און האַנדלען, אין אַ משך פון העכער טויזענד יאָהר. אויסערדעם האָט יוסף אויך אָנגעשריבען אַ גרויסען ספר אין צוויי טייל נעגען דעם צורר-ישראל אַפּיאָן, אין וועלכען ער וואַרפט אָב אַלע שענדליכע בעשולדיגונגען, וואָס די אידישע שונאים האָבען אויסגעטראַכט אויפ'ן אידישען פאָלק, אויף זיין אָבשטאַמונג, רעליגיע און מנהגים. דורך די דאָזיגע ספרים האָט יוסף, מעגליך, אויסגעקויפט זיין גרויסען פערברעכען, וואָס ער איז בעגאַנגען נעגען זיין פאָלק אין דער מלחמה — אַ פערברעכען, וועלכער האָט געשטאַמט ניט פונ'ם אידישען האַרצען, נאָר פונ'ם שלעכטען איינפלוס, וואָס רוים האָט געהאַט אויף זיין שוואַכען כאַראַקטער.

# רבי יוחנן בן זכאי.

## די גרינדונג פונ'ם נייעם צענטער אין יבנה.

די אידישע נאַציאָנאַליטעט אין ארץ-ישראל איז אַלזאָ פערניכטעט געוואָרען. נור אַ קליינער רעשט איז איבערגעבליבען אינ'ם אַלטען אידישען היים, אָבער ער איז געווען איינגאַנצען בעטויבט און צושלאָגען דורך דעם שרעקליכען סוף פון דער מלחמה, וועלכע מען האָט געפיהרט מיט אַזוי פיעל גבורה און מוט, ווי אויך דורך דעם חורבן פון בית-המקדש און פון דער שרעקליכער בלוט-פערגיסונג און ערנידעריגונג פונ'ם גאַנצען פאָלק. דאָס לאַנד יהודה איז געלעגען מעהרסטענטייל פערוויסטעט, שטעדט און דערפער זענען געלעגען אויסגעברענט, די איינוואָהנער — אָדער אויסגעשאָכטען, אָדער אָבגעפיהרט אין אַלע עקען וועלט און פערקויפט געוואָרען פאַר שקלאַווען. פאַר דער אידישער נאַציאָן זענען איצט געשטאַנען טרויעריגע ספקות און פראַגען: צי וועט זיך קאָנען ווייטער דערהאַלטען דער קליינער רעשט אידען אין זיין אייגענעם לאַנד? צי וועט זיך די טאָכטער ציון קאָנען דערהאַלטען נאָך איהר שרעקליכער מפלה? ווי אַזוי זאָל צוריק געזונד ווערען דער פאָלקס-אָרגאַניזם. און וועלכען די שונאים האָבען געמאַכט אַזעלכע שרעקליכע וואונדען, אַז זיי האָבען איהם כמעט איינגאַנצען צוקלאַפּט? קיין פאָלקס-אָרגאַניזם איז איינגענטליך דאָך מעהר נאָר ניט געבליבען, עס האַלטען זיך נאָך נור איינציגע אָבגעהאַקטע אברים — צי וועלען אָט די אברים בעוויזען צו פעראייניגען זיך ווידער און צוזאַמענוואַקסען? אָדער אפשר וועלען זיי אָהן אַ צענטער, אָהן אַ מיטעלפונקט, וואו דאָס האַרץ פונ'ם גאַנצען פאָלק זאָל קלאַפּען, חלילה, גאָר אָבשטאַרבען? און ווי אַזוי וועט דאָס יודענטום, די תורה, וואָס מען האָט פון די עלטערן ערהאַלטען און בעצאָהלט פאַר איהר אַזוי טייער מיט'ן בלוט פון די קדושים, ווייטער קאָנען זיך ענטוויקלען און לעבען, ווען די פאָלקס-כחות זענען אַזוי שטאַרק אָבגעשוואַכט געוואָרען? אמת, עס זענען נאָך פאַרהאַן גרויסע אידישע קהלות אין סיריען און אין די לענדער אויפ'ן טייך עפראַט, פיעל קלענערע אידישע קהלות אין קליין-אַזיען און אַ גרויסע קהלה אין אַלעקסאַנדריען, אָבער די דאָזיגע אַלע קהלות האָבען דאָך ביז איצט געפיהרט זייער גייסטיג לעבען, נאָר איינאָטמעטענדיג די שטראַהלען פון ליכטיגקייט און וואַרימקייט, וואָס האָבען זיך געצויגען צו זיי פון ירושלים, פונ'ם בית-המקדש און פון דער סנהדרין; זיי האָבען נאָך איצט אויך געהאַלטען צוגעווענדעט זייערע אויגען צום רעשט אידען אין לאַנד יהודה, אָבער אָט דער רעשט אַליין האָט דאָך געקוקט מיט פערגליווערטער טיעפער פערצווייפלונג. יענע אידען, וועלכע האָבען נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפע געהאַט נאָך אַזוי פיעל לעבענס-ענערגיע, צו קאָנען טראַכטען וועגען ענינים, וואָס שטעהען העכער פאַר'ן טעגליכען לעבען.

האָבען זיך געשטעלט די שרעקליכע פראַגע: צי זאָל דען באמת קומען דער סוף צום לעבען פון טויזענד-יעהריגען אידישען פאָלק און מיט איהם אָל אויך אונטערגעהן די אידישע תורה, וועלכע האָט זיך שוין אַזוי שטאַרק ענטוויקעלט און געבראַכט אַזעלכע שענע פרוכטען אין דער מאָדאַל און אין דער עטיק? ווען דער קנאי אלעזר האָט דער לעצטער אין מאַסאַדאַ זיך געזאָלט אַריינשטעכען דאָס שווערד אין האַרצען, האָט ער אויסגערופען אין זיין שרעקליכער פערצווייפלונג: „גאָט האָט פערלאָזען דאָס פאָלק, וואָס איז איהם פריהער אַזוי טייער און ליעב געוועזען, און האָט עס געווידמעט דעם אונטערגאַנג״. אָט דער פערצווייפעלטער אויסרוף האָט געפונען אַ ווידערקלאַנג אין פיעל אַנדערע אָבגע'חלש'טע הערצער. דער דאָזיגער יאוש האָט אָבער אַרויסגערופען אַ פערשידענע ווירקונג. איינינגע אידען האָט ער געטריבען צו תשובה און חרטה: זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט צו עסען פלייש, צו טרינקען וויין און געפיהרט אַ לעבען, פול טרויער, כדי דאַדורך צו קאָנען אפשר אָבווענדען פון זיך, ווי זיי האָבען געמיינט, גאָט'ס צאָרן, אָדער וועניגסטענס צו מילדערן איהם. אַנדערע, וועלכע האָבען בעזונדערס זיך גענומען צום האַרצען דעם חורבן פון בית-המקדש, וואָס האָט געמאַכט אונמעגליך פאַר זיי צו פעראייניגען זיך מיט גאָט דורך די קרבנות, און בעקומען דורך זיי אַ מחילה אויף זייערע עבירות, האָבען זיך נאָר צוגעווענדעט צו דער נייער אידישער סעקטע, צו דער קליינער געמיינדע פון די ערשטע קריסטען, זוכענדיג אין'ם נייעם גלויבען טרייסט און אַ פעראייניגונג מיט גאָט, ווי אויך די הימלישע מלוכה. דאָס יודענטום איז דאַן געשטאַנען אין גרויס סכנה אונטערצוגעהן אינגאַנצען.

ווי אַזוי אָבער איז עס געקומען, אַז דאָס יודענטום האָט, אָנשטאָט אונטערצוגעהן, ערשט רעכט אָנגעהויבען צו וואַקסען און ענטוויקלען זיך?— מעגליך, אַז דאָס איז די וואונדערבאַרסטע ערשיינונג אין דער וועלט-געשיכטע.

אין אַ געוויסער מאָס איז די לאַגע נאָך דעם צווייטען חורבן געווען אַ גינסטיגערע, ווי זי איז געווען נאָכ'ן ערשטען חורבן דורך נבוכדנצר'ן. דער קעניג פון בבל האָט זיך אפילו בעגאַנגען פיעל מילדער מיט אידען, איידער די רוימער; פיעל וועניגער בלוט האָט ער פערגאָסען און דאָס לאַנד האָט ער ניט אַזוי פערוויסטעט. אָבער פונדעסטוועגען זענען נאָכ'ן צווייטען חורבן יאָ געבליבען אידען אין ארץ-ישראל, וועהרענד נאָכ'ן ערשטען איז דאָס לאַנד געבליבען וויכט און לעער און די געצעהלטע אידען, וואָס זענען דאָרט געבליבען, האָבען געפיהרט אַנ'עלענד און וויסט לעבען. איצט איז געווען בעסער: צוויי פעסטע פונקטען האָבען אידען נאָך געהאַט נאָך טיטוס'עס חורבן אין ארץ-ישראל: אַ אידישען מלכות און אַ סנהדרין. דאָס מלכות איז אפילו געווען כמעט אָהן לאַנד, די סנהדרין— אָהן מאַכט, אָבער דאָך זענען דאָס געווען געוויסע צענטרען, אַרום וועלכע עס האָט געקאָנט אָנהויבען וואַקסען פון-דאָס-ניי. דאָס איז

דאָך געווען אין אַ געוויסער מאָס אַ וועלטליכע און אַ גייסטליכע מאַכט, וועלכע האָבען אפילו שוין ניט געהאַט קיין מאַכט פאַר דער אויסערליכער וועלט, אָבער זיי האָבען דאָך געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר דער אידישער אינערליכער וועלט.

יוליוס אַגריפאַ דער צווייטער, וועלכער איז געווען אַזאַ געטרייער אונטערטאַן צו רוים, האָט נאָך אַלץ געטראָגען דעם טיטול „דער אידישער קעניג", חאָטש ער האָט געהאַט די ממשלה נאָר איבער דעם גליל. צוליעב דעם, וואָס ער איז שטאַרק געווען ערגעבען אַספּסינוס'עס קייזערליך הויז, האָט ער בעקומען, ווי שוין דערמאָהנט, נאָך אַ פּאָר נייע טעריטאָריעס. נאָך אַ וויכטיגערע ראָליע האָט געשפּיעלט אין רוימישען קייזערליכען הויף די אידישע שענהייט, די פּרינצעסין בערעניקאַ, וועלכע מען האָט בעטראַכטעט אַלס די קינפטיגע רוימישע קייזערין. טיטוס איז געווען אַזוי איינגעוויכטיג אויף איהר ליעבע, אַז ער האָט בעפוילען צו דערשטיקען דעם קאָנסולאַר צעדינאַ, ווייל ער האָט איהם חושד געווען, דאָס ער שטעהט אין געוויסע בעציהונגען מיט בערעניקאַ. כדי צו חנפ'ענען טיטוס'ן, האָט דער ראַט פון'ם אַרעאָפּאַג, דער ראַט פון די זעקס הונדערט און דאָס פאָלק פון אַטהען בעשלאָסען צו שטעלען אַ סטאַטוע לכבוד בערעניקאַ מיט דער אויפגעבלאָזענער אויפשריפט „די גרויסע קעניגין, די טאָכטער פון'ם גרויסען קעניג יוליוס אַגריפּאַ". ווי עס שיינט, האָט טאַקי טיטוס נאַנץ ערנסט נערעכענט חתונה צו האָבען מיט איהר, נאָר געשטערט האָט איהם דערין זיין פאָטער, ווי אויך דאָס, וואָס די אידען האָבען געמאַכט נייע אויפשטאַנדען געגען רוים. ווען טיטוס האָט אָבער אויך נאָך אַספּסינוס'עס טויט (81 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג) ניט פערווירקליכט בערעניקאַ'ס האָפנונג צו ווערען קייזערין אין רוים, נאָר ער האָט זי אויך אַרויסגעשיקט פון רוים, כדי צו טהון דאַדורך דעם ווילען פון זיין „געליעבט פאָלק" (ער האָט זיך געקלאָגט, אַז די זאַך האָט דאָך איהם געקאָסט אַ שטיק געזונד!), ערשט דאַן איז אין בערעניקאַ'ן און אין איהר ברודער אַגריפּאַ פאָרגעקומען אַ פערענדערונג: ביידע האָבען זיך צוגעוועהנט עטוואָס מעהר צום יודענטום, מעגליך, דערפאַר, וואָס דער אידישער ביטערער גורל האָט זיי אויך אַ ביסעל צוגערדיקט. אַגריפּאַ האָט בעשטימט פאַר אַ פערוואַלטער איבער'ן גליל אַ פרומען אידען, וועלכער איז גוט געווען בעהאַוועט אין דער תורה. די אידישע לאַגע אין גליל איז בכלל געווען ניט אַזוי טרויעריג, ווי אין יהודה; דער גליל איז ניט געבליבען אַזוי אָרים, לעדיג פון אידישע איינוואָהנער, ווי דאָס לאַנד יהודה, נאָכ'ן חורבן. אויך די אָרימקייט און פערוויסטקייט איז דאָרט ניט געווען אַזוי שרעקליך: די מלחמה האָט דאָרט געדויערט ניט מעהר ווי עטליכע חדשים און זיך געענדיגט מיט צושטערען איניגע פעסטונגען און אויס'הרג'ענען די קעמפפער. דער גליל האָט זיך אויך געקאָנט געשווינד ערהאָלען, ווייל ער האָט זיך געפונען אונטער אַגריפּאַ'ס ממשלה און איז ניט אַזוי שטאַרק גע-

ווען אבהענגיג פון רוים. אין די צוויי גרויסע שטעדט אין גליל, צפורי און טבריה, וואו עס האט געוואהנט דער קעניגליכער פערוואלטער, האבען אויך געקאנט קומען די אידען, וואס זענען ענטלאפען פון דער שרעקליכער איבערקעהרעניש. אויך די ניט פיעל אידען, וואס זענען געבליבען אין פערוויסטעטען לאנד יהודה, האבען דעריבער זיך געקאנט ביסלעכווייז שטארקען, ווייל אגריפא האט, ווי עס שיינט, זיך משתדל געווען פאר זיי אפט בייםקייזער. אזוי-ארום האבען זיך דערהויבען פיעל שטעדט פון זייער פערוויסטונג: די שטאדט לוד, וואו עס האט געוואהנט א פרינץ פון הורדוס'עס משפחה, אלעקסאס, איז געווארען א וויכטיגער מארק פון מסחר, אויך עמאוס, וואו עס זענען געווען פיעל וואסער-קוואלען, איז באלה געווארען ווידער בעלעבט, אלס א רייכע האנדעלס-שטאדט. ירחו האט מען צוריק אבגעבויעט אויפ'ן פערלאנג פון די רוימער גופא, צוליעב דעם טייערען באלזאם, וואס מען האט קולטיווירט אין ירחו'ס אומגעגענד. בשעת דער מלחמה האבען די אידען געוואלט פערוויסטען די טייערע באלזאם-פלאנצונגען, כדי זיי זאלען ניט אריינפאלען צו די רוימער אין די הענד. די רוימער אבער האבען זיי נוט אבגעהיט, און איצט האט דער קייזערליכער אוצר געהאט פון זיי גרויסע הכנסות. כדי אבער די פלאנצונגען זאלען נוט געדייהען, האט מען געמוזט האבען געניטע אידישע גערטנער, און אספסינוס האט דעריבער בעפוילען, אבצובויען ירחו ווידער און בעזעצען דארט די אידישע גערטנער. נאך מעהר, ווי אין די מזרח-קאנטען, אין דער געגענד פון ירדן, האבען זיך צוריק בעזעצט די אידישע איינוואהנער אין מערב-קאנט, אין דער געגענד פון מיטעללענדישען ים.

צוליעב דעם שוץ, וואס די אידען האבען געפונען אין אגריפא'ן, איז ער ביי זיי זעהר בעליעבט געווארען. ווען ער האט איינמאל בעזוכט דעם דרום-קאנט פון לאנד יהודה, זענען געקומען זעהר פיעל אידען, איהם צו בעגריסען, אפילו די כהנים האבען זיך געאיילט ארויסצוקומען צו איהם, חאטש עס איז זיי אויסגעקומען צו געהן איבער געגענדען, וועלכע זענען געווען אנ'אמת'ער בית-עלמין, וואו זיי איז פערבאטען צו געהן כדי ניט מטמא צו מאכען זיך. אגריפא איז שוין אפילו איצט געווען נישט מעהר, ווי א שאטען פון א קעניג, אבער זיין נאמען אליין איז אויך געווען א טרייסט פאר אידען, ווייל ער האט זיי דערמאהנט אן די בעסערע צייטען פון דער פאליטישער זעלבסטשטענדיגקייט. איין זאך האט אבער איצט געפעהלט אידען — א רעליגיעזער צענטר, בפרט נאך, אז זיי האבען איצט גאר ניט געוואוסט, וועלכע פון דער מצוות עס איז נאכ'ן חורבן יא א חוב צו האלטען, און וועלכע ניט. כל-זמן דער בית-המקדש איז געשטאנען, זענען די קרבנות געווען דער עיקר פון דער עבודה צו גאט: ווער עס האט עפעס א רעליגיעזען פערברעכען בעגאנגען, פלעגט תשובה טהון און ברענגען א קרבן, דאדורך פלעגט ער בערוהיגען זיין געוויסען און האפען, אז גאט וועט איהם מוחל זיין. אהן א מזבח אבער איז דאס פראסטע פאלק

געבליבען אהן דער מעגליכקייט דערנעהנטערען זיך צו גאט. די ימים-טובים, וועלכע האבען געהאט אזא גרויסע נאציאנאלע בעדייטונג, ווייל אין זיי פלעגען אידען זיך פעראייניגען אין ירושלים, האבען איצט די דאזיגע בעדייטונג פערלארען; אבער עס איז אויך געוועזען נאך א שוועריגקייט: אין בית-המקדש פלעגט די סנהדרין מקדש זיין די חדשים און ממילא אויך בעשטימען, ווען עס דארף זיין יום-טוב; ווער וועט אלזא איצט בעשטימען, ווען עס דארף אויסקומען יום-טוב? און אט האט אין דער טרויעריגער צייט זיך דערהויבען א מענש, וועלכער האט איינגעארדענט פאר די אידען אזא נייעם מיטעלפונקט און דאדורך ארויסגעהאלפען די אידען פון זייער שווערער גייסטיגער און מאראלישער בעקלעמונג. דער דאזיגער מענש איז געוועזען דער תנא, רבי יוחנן בן זכאי, וועלכער האט בעשאפען דעם הויפט-מאטעריאל, פון וועלכען עס האט זיך געקאנט קריסטאליזירען און פערטיג ווערען א נייע אידישע סביבה און א מיטעלפונקט פאר די אידישע קהלות.

רבי יוחנן בן זכאי איז געוועזען שטארק אנגעזעהען ביי אידען, נאך בשעת דער בית-המקדש איז געוועזען. ער האט געקעמפפט געגען די צדוקים, ווען זיי האבען מיט'ן כהן-גדול חנן בן חנן זיך ווידער דערהויבען א יאהר צעהן פאר'ן חורבן. אין די גרויסע האלען פון בית-המקדש פלעגט ער זיצען מיט זיינע פיעל תלמידים און לערנען. נעבען דעם נשיא פון סנהדרין, רבן שמעון בן גמליאל, איז רבי יוחנן בן זכאי געוועזען אזוי אנגעזעהען, אז ער האט זיך אפילו דערוואגט ארויסצוטרעטען געגען די קנאים, וועלכע זענען שוין דאמאלס געוועזען גענוג שטארק. רבי יוחנן בן זכאי איז געוועזען א מילדע נאטור, זעהר עהנליך צו הלל הזקן, וואס ער איז געוועזען זיינער א תלמיד*). בשעת דער רעוואלוציע געגען רוים האט רבי יוחנן בן זכאי געהערט צו די אנהענגער פון שלום און ער האט געשטראפט די קנאים, אז מיט זייערע מעשים וועלען זיי ברענגען צום חורבן פון בית-המקדש. ווען די בעלאגערונג פון ירושלים האט זיך אנגעהויבען, און די קנאים האבען אנגעווענדעט שטרענגע מיטלען, ניט צו דערלאזען קיינעם ארויסצוגעהן פון שטאדט, האט ער אנגענומען א בעשלוס ארויסצוגעהן פון שטאדט דורך א וועלכען ס'איז מיטעל און איבערגעהן צו די רוימער, כדי צו בעטען ביי זיי, אז זיי זאלען איהם ערלויבען וואו עס איז צו גרינדען א ישיבה אויף צו לערנען תורה מיט זיינע תלמידים, דען רבי יוחנן בן זכאי האט שוין דאמאלס פאראויסגעזעהען דעם שרעקליכען חורבן און ער האט דעריבער זיך געאיילט צו גרינדען א נייעם צענטר פאר תלמידי-

*) די זאך איז א גרויסער ספק, ווייל הלל האט געלעבט א יאהר הונדערט פאר'ן חורבן און רבן יוחנן בן זכאי האט איהם אין בעסטען פאל געקאנט בלויז זעהען, אלס נאך גאר א יונג קינד.

חכמים. כדי אַרויסצוקומען פון שטאָדט האָט ער, לויט ווי די אגדה דערצעהלט, זיך געלאָזט אַרויסטראָגען דורך זײַנע תלמידים יהושע און אליעזר פון ירושלים אויף אַ מטה אַלס אַ געשטאָרבענער, און אַ הויפּטמאַן פון די סיקריקון זאָל איהם האָבען העריין געהאָלפען, אַז מען זאָל איהם דורכלאָזען. טיטוס *) האָט איהם אויפגענומען זעהר פריינדליך, ווײַל עס איז בעוואוסט געווען, דאָס רבי יוחנן בן זכאי האָט געראַטען, דאָס מען זאָל זיך אונטערגעבען צו די רומאים. ווען רבי יוחנן בן זכאי האָט ערקלערט, אַז ער האָט נאָר איין בקשה: מען זאָל איהם ערלויבען צו וואָהנען אין יבנה (יאַמניאַ), וועלכע האָט שוין געהערט צו רוים, און גרינדען דאָרט אַ ישיבה, האָט עס איהם טיטוס באַלד ערלויבט. טיטוס האָט נאָר קיין בעגריף ניט געהאַט וועגען דעם, אַז אָט דורך דער ישיבה וועט דאָס יודענטום זיך שטאַרקען און לעבען מיט טויזענדער יאָהר מעהר פאַר רוים. רבי יוחנן בן זכאי האָט זיך אַלזאָ בעזעצט אין יבנה, וועלכע איז געווען ניט ווייט פון מיטעללענדישען ים, צווישען יפו און אַשדוד. דאָס איז געווען ניט קיין קליינע שטאָדט און האָט געדיענט אַלס לאַגער־מאַרק פונ'ם תבואה־מסחר, סײַ פאַר'ן עקספּאָרט, סײַ פאַר'ן אימפּאָרט פון ווייץ.

באַלד, ווי רבי יוחנן בן זכאי האָט זיך דאָרט בעזעצט האָט ער אָבער נאָך ניט געקאָנט טראַכטען וועגען איינאָרדנען זיין ישיבה. דען כל־זמן פאַר די מויערן פון ירושלים האָט מען נאָך געפיהרט דעם ערביטערטען קאַמפף מיט רוים און אין ירושלים גופא האָט געבושעוועט אָדער דאָס שווערד, אָדער דער הונגער, איז רבי יוחנן געזעסען און געטרויערט אויפ'ן גרויסען אונגליק פון אידישען פאָלק. ווען ער האָט דערהאַלטען די ידיעה, אַז די שטאָדט איז געפאַלען און דער בית־המקדש ברענט, האָט ער מיט זיינע תלמידים צוריסען די קליידער און געטרויערט און געיאָמערט, „ווי מען קלאָגט אויף אַנ'איינציגען קינד”. רבי יוחנן בן זכאי האָט זיך אָבער ניט מיאש געווען פון דער צוקונפט, ווי זיינע תלמידים, ווײַל ער האָט איינגעזעהען, אַז דאָס יודענטום איז ניט אַזוי ענג פערבונדען מיט'ן מזבח און די קרבנות, דאָס עס זאָל מוזען אונטערגעהן צוזאַמען מיט זיי. זיינע טרויערנדע תלמידים (רבי עקיבא'ן) האָט ער געטרייסט, ערקלערענדיג: מעשים טובים, אָדער גמילות־חסדים, קאָנען בעסער פערדעקען אויף זינד, ווי קרבנות, דען עס שטעהט געשריבען: „איך וויל בעסער חסדים און ניט קיין קרבנות”. אָט די אַנשויאונג איז עס געווען, וועלכע האָט געבראַכט רבי יוחנן בן זכאי צום געדאַנק, אַז עס איז נויטיג צו

*) לויט ווי די אגדה דערצעהלט, איז די זאך פארגעקומען ניט פאר טיטוס'ן נאר פאר אספסינוס'ן. עס איז אבער בעוואוסט, אז אספסינוס האט גאר ניט טיילגענומען אין דער בעלאגערונג פון ירושלים, דען ער איז באלד נאך די מלחמות אין גליל אבגעגאנגען קיין אלעקסאנדריען, און פון דארט—קיין רוים.

גרינדען אַ נייעם צענטר פאַר אידען, אָנשטאָט דעם בית-המקדש. ער האָט דעריבער איינגעאָרדענט אין יבנה אַ סנהדרין, וועלכע האָט איהם אַליין בעשטימט פאַר אַ פאָרזיצענדען (אַב-בית-דין), ווייל עס איז קיין גרעסערער מאַן ביי אידען דאַמאָלס ניט געווען, סיי לויט'ן אָנזעהען ביים פאָלק, סיי לויט זיין קענען די תורה. די נייע סנהדרין פון יבנה האָט באַלד איבערגענומען אַלע פונקציעס, וועלכע עס האָט געהאַט די סנהדרין פון ירושלים (לשכת-הגזית), אַלזאָ, אויך די אויפגאַבע צו ריכטען דאָס פאָלק *) און אַרויסגעבען רעליגיעזע געזעצען. נאָר אַזאַ גרויסע פערזענליכקייט, ווי רבי יוחנן בן זכאי, האָט געקאָנט גרינדען אַזאַ הויכע אינסטיטוציע, ביי אַזעלכע שווערע אומשטענדען, ווייל ביי אידען האָט פון אייביג אָן געהערשט די מיינונג, דאָס נור דער בית-דין פון בית-המקדש האָט דאָס רעכט צו ערפילען אַזאַ אויפגאַבע, צוליעב דער הייליגקייט פונ'ם אָרט, וואו ער געפינט זיך, אָבער ניט קיין אַנדער בית-דין. איבערטראָגענדיג דעם אויטאָריטעט פון הויכען בית-דין אויך אויף יבנה, האָט רבי יוחנן בן זכאי דאַדורך נופא שוין דערוויזען, אַז דער קולט פון די קרבנות הערט אויף און עס הויבט זיך אָן דער קולט פון דער ריינער תורה, וועלכע ווערט אונאָבהענגיג פונ'ם אָרט. געגען רבי יוחנן בן זכאי האָט זיך קיינער ניט דערוואַגט אַרויסצוטרעטען, און יבנה האָט פון דעם מאָמענט אָן אָנגעהויבען צו פערטרעטען די שטעלע פון ירושלים אין אידישען רעליגיעזען לעבען: זי איז געוואָרען דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער מיטעלפונקט פון אידישען פאָלק. די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון סנהדרין, דאָס בעשטימען ראש-חודש, און ממילא אויך, ווען עס דאַרפען אויסקומען די ימים-טובים, אַנ'אויפגאַבע, וועלכע איז געווען וויכטיג פאַר'ן גאַנצען אידישען פאָלק אין אַלע לענדער, וואו זיי האָבען זיך געפונען — אָט די אויפגאַבע האָט אויך איבערגענומען אויף זיך די סנהדרין פון יבנה, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס מען האָט פון תמיד אָן זיך געהאַלטען ביים כלל: „כי מציון תצא תורה" — נאָר פון ציון דאַרף אַרויסגעהן דאָס אידישע געזעץ. פון יבנה האָט מען אָנגעהויבען אַרויסשיקען שליחים צו די קהלות פון סיריען און בבל, מודיע צו זיין, ווען עס געפאַלט ראש-חדש און יום-טוב.

אָבער, אויב רבי יוחנן בן זכאי האָט געגרינדעט די נייע יבנה'שע סנהדרין, אָנשטאָט די ירושלים'ישע, און אַנערקענט, דאָס מעשים-טובים און גמילות-חסדים קאָנען פערטרעטען די קרבנות, האָט ער דערמיט אָבער ניט געמיינט צו ערקלערען, אַז די קרבנות זענען שוין פּרינציפּיעל בטל געוואָרען אויף אייביג, נור אויף דער צייט, וואָס די קרבנות זענען אונמעגליך, קאָן מען זיי פערבייטען מיט תפלה און צדקה; ער האָט

*) נאָר ניט קיין דיני נפשות; קיין טויט-אורטיילען האָט דער נייער סנהדרין שוין ניט אַרויסגעגעבען.

אָבער געהאָפט, אַז אין גיכען וועט דער בית־המקדש אין ירושלים צוריק אָפגעבויעט ווערען דורך משיח'ן אויף אַ וואונדערליכען אופן, און דאַמאָלס וועלען די קרבנות צוריקגעשטעלט ווערען. צוליעב דעם האָט ער בעשטימט אַ געזעץ, אַז גרים, וועלכע פלעגען פריהער מוזען ברענגען אַ קרבן, כדי צו בעקרעפטיגען זייער אָנשליסען זיך צום אידישען פאָלק, מוזען איצט געבען אויף אַ צדקה־זאַך אַזאַ סומע געלד, וואָס אַ קרבן וואָלט בעדאַרפט קאָסטען. ער האָט אויך איינגעפיהרט פיעל תקנות, וועלכע דאַרפען דיענען פאַר אַ זכר צום חורבן.— אין פאָליטישער בעציהונג האָט רבי יוחנן בן זכאי אַליין געדיענט פאַר אַ גוטען ביישפיעל פאַר זיין נייער קהלה, וועלכע ער האָט געגרינדעט. זיין פריינדליך מילדער כאַראַקטער, מיט וועלכען ער איז אַזוי שטאַרק עהנליך געווען צו הלל הזקן, האָט איהם אָנגעוויזען, ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויך בעציהען צו דער ניט־אידישער בעפעלקערונג: ער בעגריסט זיי פריינדליך און מילד און איז אין דער הינזיכט דער היפך פון די קנאים, ביי וועלכע די שנאה צו ניט־אידען האָט זיך פערשטאַרקט נאָך מעהר, נאָכדעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען. דעם פסוק: „וחסד לאומים חטאת"—„די גנאָד פון די גוים איז זינד"—פלעגען די קנאים פערטייטשען אַזוי, אַז וויפיעל גנאָד די גוים טהוען מיט אונז, ווערט עס זיי גערעכענט פאַר אַ זינד, ווייל זיי טהוען דאָס נאָר, כדי פון אונז אָבצושפּאָטען. רבי יוחנן בן זכאי האָט עס אָבער ערקלערט נאָר אַנ־דערש: ווי אַ אידען ווערט פערגעבען זיין זינד דורך זיין קרבן, וואָס ער ברענגט, אַזוי ווערט די גוים פערגעבען זייערע זינד דורך די מילדע מעשים, וואָס זיי טהוען. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז אָט די מילדע בעצי־הונג צו ניט־אידען מצד דעם נייעם אידישען גייסטיגען פאָרשטעהער האָט מיטגעבראַכט, אַז אַספּסינוס און טיטוס זאָלען ניט נעהמען קיין נקמה פון די געבליבענע אידען אין לאַנד יהודה פאַר די אויפשטאַנדען פון די אידען אין קירענאַיקאַ און אין מצרים. רבי יוחנן'ס פערזענליכקייט איז פאַר זיי געווען די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דעם פריעדליכען האַלטען זיך פון אידען אין ארץ־ישראל. אַספּסינוס און טיטוס זענען בכלל געווען זעהר דאַנקבאַר געגען יענע, וועלכע זענען געווען זיי געטריי. דעריבער בעמערקט מען ניט קיין רדיפות געגען אידען אין לאַנד יהודה אין זייער צייט ביז דער רעגירונג פונ'ם בלוטדורשטיגען דאָמיציאַנוס. נאָר דעם נייעם אָבצאָהל פאַר'ן טעמפעל פונ'ם קאַפּיטאָלינישען יופּיטער, דעם „מחצית השקל", וואָס מען פלעגט געבען פאַר'ן בית־המקדש, האָט מען געמאָהנט זעהר שטרענג. דער דאָזיגער אָבצאָהל האָט פערשאַפען אידען אונגעהויערע מאָראַלישע יסורים, דען ער פלעגט זיי שטענדיג דערמאָהנען זייער שפלות און דעם פערלוסט פון דער זעלבסטשטענדיגקייט. אָבער רבי יוחנן בן זכאי האָט די אידישע אויפרעגונג געוואוסט ווי אַזוי צו בערוהיגען: „אונגליקליך פאָלק!—האָט ער געזאָגט—דו האָסט ניט געוואָלט דיענען דעם הימעל, מוזטו איצט דיענען צו די פעלקער. איהר האָט ניט געוואָלט געבען דעם האַלבען

פאַר'ן בית-המקדש, איצט מוזט איהר פוּפצעהן שקלים געבען דעֵר מלוכה פון אייער פיינד; איהר האָט ניט געוואָלט בויען נייע וועגען און האַלטען אין אָרדנונג די אַלטע פאַר די עולי-רגלים, איצט מוזט איהר בויען הייזער אויף צו בעשיצען די וויינגערטנער פאַר'ן קייזער". דאַדורך האָט בן זכאי געוואָלט אָנווייזען די אידען, אַז זיי מוזען אָננעהמען פאַר גוט די שטראָף, וואָס איז אויף זיי געקומען, ווייל זיי זענען אַליין אין איהר שולדיג; דערביי אָבער האָט ער זיי שוין אויך געלערנט, ווי אַזוי זיי דאַרפען נוהג זיין אין דער צוקונפט, כדי צו פערהיטען זיך פון נייע אונגליקען.

פונ'ם קליינעם צענטר אין יבנה האָט רבי יוחנן בן זכאי געהאַלטען די אויבערשטע הנהגה איבער די גרויסע אידישע קהלות אין דער גאַנצער רוימישער מלוכה און אין סיריען, ווי אויך אין די לענדער אויפ'ן טייך עפּראַט.

נאָך פיעל שטאַרקער און בעלעבענדער איז געווען די ווירקונג פון רבי יוחנן בן זכאי דורך זיינע גרויסע תלמידים, וועלכע ער האָט אַרום זיך פערזאַמעלט. צווישען זיינע פיעל תלמידים האָבען זיך אויסגעצייכענט פינף: רבי שמעון בן נתנאל, רבי יוסי הכהן, רבי אלעזר בן ערך רבי אליעזר בן הורקנוס און רבי יהושע בן חנניה. די לעצטע צוויי האָבען דורכגעטראָגען, ווי שוין דערמאָהנט, זייער רבי'ן דורך די טויערן פון ירושלים, ווי אַ טויטען כדי אָבצונאַרען די קנאים. אויף רבי אלעזר בן ערך האָט זיין רבי אַליין אָנגעוויזען, ווי אויפ'ן גרעסטען צווישען זיינע תלמידים. זיינע דאָזיגע תלמידים האָט רבי יוחנן איבערגעגעבען אַלע הלכות, וועלכע ער האָט איבערגענומען פון די אַלטע צייטען פון זיינע רביים, ווי אויך זייער ענטוויקלונג און פערגרעסערונג דורך די שולען פון שמאי און הלל. דאָס איז געווען די תורה שבעל פה, די איבערגענומענע, טראַדיציאָנעלע תורה, אָדער די „משנה", וועלכע איז צוגעגעבען געוואָרען צו משה'ס תורה און געדיענט צו איהר אַלס ביילאַגע, אָדער ערקלערונג. אין דער משנה האָבען זיך אויך געפונען נייע תקנות און דינים, וועלכע זענען איינגעפיהרט געוואָרען דורך דער סנהדרין, אָדער דורך אַנדערע אויטאָריטעטען, אין פערשיעדענע צייטען און האָבען געדאַרפט דיענען אַלס אַ צוים (סיג) פאַר די געזעצען פון דער תורה, אַז זיי זאָלען ריכטיג אָבגעהיט ווערען. אין דער הינזיכט איז רבי יוחנן בן זכאי אָבער נעגאַנגען פעסט אין די דרכים פון הלל הזקן: ניט בעגניגענדיג זיך דערמיט, וואָס ער האָט ערקלערט, אַז דער אָדער יענער דין שטאַמט פון קדמונים אָן, האָט ער אָנגעוויזען, לויט געוויסע כללים (שבע מדות), ווי אַזוי דער דין געפינט זיך אין דער תורה גופא, אויב מען זאָל נאָר פערשטעהן ריכטיג, ווי אַזוי צו לערנען איהם. די „משנה" האָט מען געדאַרפט נאָר לערנען אויסענווענדיג, כדי איבערצוגעבען זי די ווייטערדיגע דורות.

רבי יוחנן איז געווען איינער פון די הויפּט-לעהרער פון זיין צייט. דעלכער האָט איבערגעגעבען אָט די אויסענווענדיגע תורה. אויסער דער

הלכה, דאָס הייסט, די דינים, און דעם „מדרש“, דאָס הייסט, דעם אָנ־חייזען, ווי אַזוי מען ברויכט די הלכה אַרויסצודרינגען פון דער תורה, האָט רבי יוחנן בן זכאי נאָך געלערנט פאַר זיינע תלמידים אויך די א נ ד ה, אָדער א נ ד ת א, דאָס הייסט: די מאָראַלישע און עטישע ערקלערונג פון דער תורה און פון די נביאים אָדער כתובים. זיינע האָזינע ערקלערונגען האָבען שטענדיג געטראָגען אַ טיעפען געדאַנק. אַזוי, למשל, ערקלערט ער דאָס געזעץ פון דער תורה, דאָס מען טאָר ניט בויען דעם מזבח אַרומהאַקען די שטיינער מיט אַנ׳אייזען, אויף אַזאַ אופן: דאָס אייזען דער־מאָהנט אונז אָן דעם שווערד, וועלכעס ווערט געברויכט אין דער מלחמה אָדער צו ערמאָרדען מענשען; דער מזבח איז אָבער דער סימבאָל פון דער פעראייניגונג מיט גאָט און דעריבער איז ער געגען יעדען מאָרד אָדער מלחמות און פלוט-פערגיסונגען.

די אגדה, אָדער די אַלעגאָרישע ערקלערונג פון די נביאים ניט לויט זייער איינגענטליכען, איינפאַכען זין, נור לויט אַ געדאַנק, וועלכען מען בעמיהט זיך אין זיי אַריינצוגעבען, האָט זיך ענטוויקעלט נאָך מיט אַ יאָהר הונ־דערט פאַר׳ן חורבן בית-המקדש. אין די אַלעקסאַנדרינישע שוהלען פלעגען אַרויסטרעטען אידישע פרעדיגער, אָדער רעדנער, וועלכע פלעגען אויף גרי־כיש האַלטען רעליגיעזע דרשות פאַר די צוהערער. די דאָזיגע רעדנער פלעגען זיך בעמיהען אויפצווייזען, ווי אַלע פילאָזאָפישע געדאַנקען פון די גריכען געפינען זיך שוין אין דער תורה. פיעל ערצעהלונגען פון דער תורה אָדער פסוקים פון די נביאים פלעגען אָט די רעדנער אויסטייטשען אויף אַזאַ אופן, אַז מען האָט בעדאַרפט אונטער זיי פערשטעהן נור יענע גע־דאַנקען, וועלכע זיי האָבען אין זיי געוואָלט אַריינברענגען, געדאַנקען, וועלכע מען האָט, מייסטענס, געקאָנט געפינען ביי דעם אָדער יענעם גרי־כישען פילאָזאָף. באַלד האָט מען אין יהודה אויך אָנגעהויבען אָנצוווענדען אַזאַ מעטאָדע אין ערקלערען די נביאים, נאָר דאָ האָט מען שוין געזוכט אַריינצופיהרען אין זיי ניט די פילאָזאָפיע, נור די פאָליטיק. די נבואות געגען אדום האָט מען אויסגעטייטשט אַזוי, אַז די צוהערער האָבען גע־הערט אַ פאָליטישע רעדע געגען הורדוס׳ן און זיין קעניגליך דאָ; אין די נבואות פון דניאל׳ן האָט מען אָנגעוויזען אויף רוים מיט איהר בלוט-דורש־טיגקייט א. אַ. וו. דעם דאָזיגען ביישפיעל האָבען אויך איבערגענומען די ערשטע לעהרער פון קריסטענטום, וועלכע האָבען אין די נביאים געזוכט אַזעלכע ערטער, וואָס זאָלען זיך בעציהען אויף דעם אָדער יענעם דאָגמאַט פון זייער גלויבען. די עסייער ווידער האָבען געזוכט און געמיינט, אַז זיי האָבען געפונען, אַ גאַנצע געהיימע לעהרע אין די נביאים און אַריינגעבראַכט אין זיי כונות און פשט׳לעך, ווי עס האָט זיי געפאַסט פאַר זייער וועלט־אַנשויאונג. אָט די אַלע דרשנים האָבען געהאַט איין מעטאָדע: צו זוכען אין דעם נביא ניט דעם ריינעם זין פון זיינע רייד, נור דאָס, וואָס זיי האָבען געוואָלט דאָרט געפינען; דער ריינער זין איז, נאַטירליך, דאַדורך

פערדונקעלט געווארען. די אגדתות פון רבי יוחנן בן זכאי מיט זיינע תלמידים זענען אין דער הינזיכט ניט געווען קיין אויסנאהמע, ניט מעהר, ווי האבען די אגדות ניט ארויסגעגעבען אלס דעם אמת'ען פשט פון דעם נביא, נור ארויסזאגענדיג זייערע אייגענע אריגינעלע געדאנקען, פלעגען זיי, צוליעב זייער גרויסער ליעבע פאר'ן תנ"ך, איהם פערבינדען מיט דעם אדער יענעם פסוק, דערביי אבער האבען זיי שטענדיג ערקלערט, אז דער פסוק מוז אבער פערשטאנען ווערען, לויט זיין איינפאכען זין.

דער הויפט־פערדיענסט פון רבי יוחנן בן זכאי איז בעשטאנען דערין, דאס ער האט בעשאפען א נייעם צענטר, וועלכער האט פעראייניגט אלע צובראכענע און צוברעקעלטע אידישע אברים אין ארץ־ישראל, און אויך די ווייטעסטע אידישע קהלות האט ער נעגעבען די מעגליכקייט צו פעראייניגען זיך ארום א געוויסען מיטעלפונקט. ער האט צוגעגרייט דעם איבערגאנג פון א רעש'דיגען און בעוועגטען מלוכה־לעבען, צו א שטילען, אבער א רייכען לעבען פון די קהלות און פון די רעליגיעזע געדאנקען. אין דער פערזאן פון רבי יוחנן בן זכאי דערקענען מיר דעם גייסט פון ירמיהו און זרובבל. ווי דער ערשטער, האט ער געטרויערט אויף ירושלים און געלערנט צו לעבען ווייטער בשלום מיט די פעלקער; ווי דער אנדערער, האט ער געבויעט דאס נייע לעבען. איבערנעהמענדיג פיעל פון דער פריהערדיגער עפאכע, האט ער געלעגט דעם פונדאמענט צו א נייעם בנין, וועלכען עס האבען געדארפט אויסבויען אינגאנצען די ווייטערדיגע דורות.

רבי יוחנן בן זכאי איז געשטארבען אויף זיין בעט, ארומגערינגעלט פון זיינע בעליעבטע תלמידים. פאר'ן טויט האט ער מיט זיי גערעדט איי־ניגע ווערטער, פון וועלכע מען קאן ארויסזעהען דעם ריינעם אידעאל פון זיין גאנצען לעבען. זיינע תלמידים זענען געווען פערוואונדערט צו זעהען, ווי ער, זייער גרויסער מוטיגער לעהרער, איז אזוי דערשראקען און טרוי־עריג אין דער מינוט פאר'ן טויט. ער האט זיי אבער דערויף בעמערקט, אז ניט פאר'ן טויט האט ער מורא, נור פאר'ן גרויסען ריכטער, פאר וועלכען ער דארף באלד ערשיינען, וואס זיין גערעכטיגקייט קאן מען מיט קיין זאך ניט אונטערקויפען. דערביי האט ער זיינע תלמידים געבענשט מיט פאלגענדע ווערטער: „הלואי זאל אויף אייך די מורא פאר גאט האבען אזא ווירקונג, ווי די מורא פאר מענשען". זיין לעצט ווארט איז געווען: „טראגט ארויס די כלים פון דער וואהנונג און גרייט צו א טהראן פאר חזקיהו דעם קעניג פון יהודה, וועלכער דארף קומען". פון זיינע דאזיגע ווערטער איז צו זעהען, אז אפילו אינ'ם לעצטען מאמענט פון זיין לעבען האט ער געהאט אין זינען די דינים פון טומאה און טהרה, און דער געדאנק וועגען א אידישען משיח איז געווען זיין לעצטער ביים לעבען. דאס האט געדארפט דיענען פאר א ביישפיעל פאר די קומענדיגע דורות.

די נייע מנהיגים פון פאָלק — און דאָס זענען געווען די תלמידים פון רבי יוחנן בן זכאי — האָבען נאָך איהם ניט געהאַט קיין אַנדער אויפגאַבע, ווי צו פיהרען ווייטער דאָס ווערק פון זייער רבי'ן. אַלס מנהיגים האָבען זיי אַנערקענט ניט בלויז די ניט פיעל אידען פון ארץ-ישראל, נאָר אויך אַלע אידען פון די גלות-לענדער (דיאַספאָראַ): אין בבל, סיריען, מצרים און אַלע פראָווינצען פון רוים. פון פאָליטישע געדאַנקען, פון פלענער צו בעקומען צוריק די נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיגקייט און פרייהייט, זענען זיי געווען, ווי עס שיינט, גאַנץ ווייט. ווי עכטע תלמידים פון הלל און רבי יוחנן, זענען זיי געווען מענשען, וואָס האָבען ליעב געהאַט דעם שלום און געטראַכט נור וועגען איין זאַך: ווי אַזוי די אַרויסגעראַטעוועטע תורה צו ערהאַלטען חייטער נאָך דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע. נאָר אויף משיח'ן האָבען זיי געהאָפט; ניט דורך איינענער אָנשטרענגונג, נור דורך גאָטעס ווילען און אויף אַ וואונדערבאַרען אופן דאַרפען אידען ווידער דערהויבען ווערען. באַלד נאָך דעם טויט פון זייער רבי'ן האָבען די תלמידים אָבגעהאַלטען אַ בעראַטונג וועגען דעם, וואו מען זאָל ווייטער האַלטען די גרויסע ישיבה. די מעהרסטע פון זיי האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר יבנה, וואו עס זענען געווען פיעל תלמידי-חכמים. נאָר דער געליעבטעסטער תלמיד פון רבי יוחנן בן זכאי, **רבי אלעזר בן ערך**, האָט פערלאַנגט, אַז מען זאָל די גרויסע ישיבה איבערטראָגען קיין עמאַוס (דמסית). אין דער האָפנונג, אַז זיינע חברים וועלען איהם אין גיכען אַליין אויפזוכען, ווייל זיי וועלען אָהן איהם זיך ניט קאָנען בעגעהן, האָט ער זיך געלאָזט איבערעדען פון זיין פרוי און געבליבען וואָהנען אין עמאַוס, „וואו עס זענען געווען פיעל קוואַלען וואַסער און די לופט איז געווען ריין". דאָס איינזאַמע לעבען האָט אָבער אויף איהם זעהר שלעכט געווירקט, דען ער זאָל אפילו אויך זיין תורה פערגעסען האָבען, פיהרענדיג אַן'אַנגענעהם לעבען ווייט פון די חברים. וועגען זיין שפּעטערדיגער אונוויסענהייט האָט מען דערצעהלט פיעל קאָמישע אַנעקדאָטען, און וועגען איהם האָט עס געזאָגט רבי נהוראי: „זאָלסט איבערוואַנדערן אין דעם אָרט פון תורה און זאָלסט זיך ניט איינרעדען, אַז דיינע חברים וועלען קומען צו דיר, ווייל נור דורך דיר וועלען זיי תורה קאָנען בעקומען; פערלאָז דיך ניט צופיעל אויף דיין פערשטאַנד". חעהרענד בן ערך איז כמעט פערגעסען געוואָרען, האָבען זיינע חברים ווייטער געפיהרט די אַרבייט פון זייער רבי'ן און זענען געוואָרען אַ ציערונג פאַר די קומענדיגע דורות. בעזונדערס שטאַרק האָבען זיך אויסגעצייכענט די פאָלגענדע תלמידים פון רבי יוחנן בן זכאי: די תנאים **רבן גמליאל הנשיא**, אָדער **רבן גמליאל** דער צווייטער, **רבי יהושע בן חנניה**, **רבי אליעזר בן הורקנוס** און שפּעטער נאָך אויך **רבי עקיבא בן יוסף**, וועלכע האָבען געגעבען אַ בעזונדערן חאַראַקטער זייער עפּאָכע. דאָס זענען געווען די ערשטע תנאים נאָכ'ן חורבן.

חאָטש יבנה איז שוין געווען בעוואוסט, אַלס דער אָרט, וואו עס זיצט די סנהדרין, און זי איז געוואָרען אַ צענטער, פון וואַנען עס געהען ארוים די בעשטימטע הלכות פאַר אַלע אידען אין די ווייטעסטע לענדער, האָט דאָס פונדעסטוועגען ניט געשטערט רבי יוחנן בן זכאי'ס תלמידים נאָך זיין טויט צו עפענען ישיבות אויף תורה לערנען אויך אין אַנדערע שטעדט אין דער אומגעגענד פון יבנה. רבי אלעזר האָט געגרינדעט אַ ישיבה אין לוד, און רבי יהושע בן חנניה — אין פּקיעין (צווישען יבנה און לוד). דאָס שטודיום פון דער תורה איז אַלזאָ ניט פעריתום'ט געוואָרען נאָכ'ן טויט פונ'ם גרויסען רבי'ן, מען האָט נאָר אָנגעהויבען משתדל זיין זיך נאָך מעהר פאַר איהר צו זאָרגען, וואו עס איז נור מעגליך געווען; אָבער מיט'ן טויט פון בן זכאי האָט אָנגעהויבען פערשווינדען די אַחדות, וועלכע ער האָט געהאַלטען צווישען די תלמידים. די מחלוקת צווישען די שולען שמאי און הלל, וועלכע האָט שוין אויך געבראַכט צו בלוט-פערגיסונג פאַר'ן חורבן פון בית-המקדש, און נור די גרויסע מלחמה האָט אויף אַ קורצע צייט געמאַכט פערגעסען אָן איהר, — אָט די מחלוקת האָט זיך איצט ווידער אָנגעהויבען פון-דאָס-ניי. יעדע ישיבה מיט איהר רבי'ן האָט זיך געלערנט די תורה אויף אַנ'אַנדער אופן און געמאַכט אויך די אָנווענדונגען אויף געוויסע פּראַקטישע שאלות אויף אַנ'אַנדער אופן. עס איז דעריבער אויסגעקומען, אַז אין איין אָרט איז עטוואָס געווען ערלויבט, דאַן, ווען אין אַנ'אַנדער אָרט איז עס געווען פערבאָטען, און מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס יודענטום האָט צוויי בעזונדערע תורות. די מחלוקת האָט זיך אָפט בעצויגען אויף גאַנץ וויכטיגע לעבענס-פראַגען, ווי, למשל, אויף ענינים פון קידושין און גט'ן, כדי צו מאַכען אַ סוף מיט דער דאָזיגער מחלוקת, וועלכע האָט געשטעלט אין געפאַהר די אידישע אַחדות, איז ארויסגעטראָטען אַנ'אוראייניקעל פון הלל, רבן גמליאל, און געווידמעט זיין גאַנץ לעבען דער דאָזיגער אויפגאַבע; דעריבער איז איהם אויסגעקומען פיעל צו קעמפפען מיט זיינע חברים, וועלכע פלעגען נעגען איהם אַרויסטרעטען זעהר שאַרף.

---

# רבן גמליאל הנשיא

רבן גמליאל דער צווייטער איז געווען דער זוהן פון יענעם נשיא רבן שמעון בן גמליאל, וועלכער איז אין אָנהויב פון דער מלחמה נעגען רוים געשטאַנען אין שפּיץ פון סנהדרין און, געהערענדיג צו דער מעסיגער פּאַרטיי פון די קנאים, איז ער געווען דער מנהיג און אייגאָרדנער פון דעם קאַמפּף נעגען רוים. ווי עס שיינט, איז רבן גמליאל נאָך געווען יונג בשעת דעם חורבן, און דעריבער האָט ער ניט געקאָנט אַי בערנעהמען די נשיאות פון סנהדרין אין יבנה, מעגליך אויך, אַז צוליעב

דעם אַנטהייל פון זיין פאָטער אין דער מלחמה געגען רוים, וואָלט אפשר די רוימישע מאַכט ניט געוואָלט ליידען, אַז רבן גמליאל זאָל שטעהען אין שפּיץ פון סנהדרין באַלד נאָכ'ן חורבן; דערפאַר האָט רבי יוחנן בן זכאי נור צייטוויילינג פערנומען די שטעלע פון אַ פאָרזיצענדען אין סנהדרין און האָט אויך ניט אָנגענומען דעם טיטול נשיא, ווייל די זאַך איז געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז די נשיאות דאַרף בלייבען אין הלל'ס הויז און איבערגעהן בירושה פון זוהן צום פאָטער, נאָכדעם ווי דריי דורות, דער זוהן, דער אייניקעל און דער אור-אייניקעל פון הלל'ן האָבען שוין געהאַט אַ חזקה אויף די נשיאות. ווען און ווי אַזוי רבן גמליאל איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ נשיא, איז אונז ניט בעוואוסט; צום אונטערשייד פון זיין זיידען, רבן גמליאל דעם ערשטען, האָט מען איהם גערופען דעם צווייטען, אָדער דעם יבנה'ער. פון זיינע פריוואַטע ענינים איז אונז ווייניג וואָס בעקאַנט, נאָר דאָס ווייניגע, וואָס מיר ווייסען וועגען איהם דערווייזט אונז, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ רייכען גייסט און זעהר הויכע מדות טובות. רבן גמליאל האָט געהאַט זעהר גרויסע גיטער, וועלכע ער פלעגט אָפגעבען פרייע לאַנד-אַרבייטער צו בעאַרבייטען, בעקומענדיג דערפאַר אַ קליינעם אַנטהייל אין דער הכנסה.—ריהרענד איז זיין צערטליכקייט פאַר זיין געליעב־טען קנעכט טאבי (טבי), וועלכען ער האָט ניט צוריק געוואָלט שענקען די פרייהייט, נאָר ער האָט עס ניט געקאָנט טהון, ווייל עס וואָלט איהם אויסגעקומען צו פיהרען מחלוקת מיט זיין צו-שטרענגען שוואָגער רבי אליעזר, וועלכער האָט געהאַלטען די בעפרייאונג פון אַ קנעכט פאַר אַן'אונגעזעצליכע זאַך. ווען טאבי איז געשטאָרבען האָט רבן גמליאל גע־טראָגען נאָך איהם טרויער (ער האָט אָנגענומען טרייסטונגען), ווי נאָך אַ נאָהענטען קרוב, ערקלערענדיג: „טאבי איז ניט געווען גלייך צו אַלע קנעכט, ער איז געווען אַ כשר'ער קנעכט". אין אַן'אַנדער אָרט ערקלערט ער: „מיין קנעכט טאבי איז אַ תלמיד חכם". רבן גמליאל האָט, ווי עס שיינט, געהאַט אייניגע ידיעות אין מאַטעמאַטיק. ער האָט אָנגעווענדט אַ שפּאַקטיוו צו שאַצען דורך איהם די ווייטקייט *) און ביי זיך אין קאַבי־נעט האָט ער געלאָזט אויסהענגען אויפ'ן וואַנד בילדער (געשטאַלטען) פון דער לבנה, ווי אַזוי זי זעהט אויס אין אָנהויב חדש, כדי צו ווייזען זיי די עדות, ווען זיי וועלען איהם מודיע זיין, דאָס זיי האָבען געזעהען די לבנה אין אָנהויב חדש.

---

*) אזוי ווערט עס דערצעהלט אין תלמוד. עס איז אָבער קיין ספק ניטשט, אז דאָס איז ניט געווען קיין שפּאַקטיוו מיט אַ געשליפען גלאָז, ווייל אין יענער צייט איז דאָס נאָך ניט גע־ווען בעוואוסט, און דאָס איז ענטדעקט געוואָרען ערשט מיט אנדערטהאלבען טויזענד יאָהר שפּעטער. רבן גמליאל האָט געהאַט אַ פּוסט רעהרעל, וואָס, קוקענדיג דורך איהם, קאָן מען זיך משער זיין די ווייטקייט.

איבערזעצער

פון דער נאַטור האָט ער געהאַט זעהר אַ ווייך האַרץ און, דערזעהענדיג איינמאָל, ווי אַ פרוי בעוויינט איהר בן-יחיד, האָט ער זיך אַזוי צוּוויינט, אַז די ברעמען האָבען בייַ איהם אָנגעהויבען אַרויספאַלען. זענענדיג אַ שוואַכער מענש, האָט ער פונדעסטוועגען געאַרבייט מיט גרויס אָנשטרענגונג דאָרט, וואו דער טובת-הכלל האָט דאָס געפאָדערט.

ווי זיינע אָבות, האָט אויך רבן גמליאל אָנגענומען דעם טיטול „נשיא“, און די רוימער האָבען איהם גערופען פאַטריאַרך; ווי עס שיינט, האָט זיין שטעלע אויך געהאַט אַ פּאָליטישע בעדייטונג, אַלס פערטרעטער פון די אידישע קהלות בייַ דער רוימישער רעגירונג. ווי לאַנג עס האָט געדויערט זיין נשיאות, איז גענוי ניט בעוואוסט; ווי עס שיינט, האָט זי געדויערט לענגער אַלס דרייסיג יאָהר (אַרום 80—110 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

די צייט פון זיין נשיאות איז געווען אַן'אונרוהיגע, סייַ פון אויסענווענדיג, סייַ פון אינעווייניג, און דאָס האָט איהם געצוואונגען צו פיהרען זיין נשיאות אַזוי הויך און שטרענג, אַז מען האָט איהם בעשולדיגט, דאָס ער שטרעבט צו הערשאַפט. די הויפט-שטרעבונג פון רבן-גמליאל איז געווען צו מאַכען די נשיאות פאַר אַ מיטעלפונקט פון יודענטום, כדי דאָדורך צו פערהיטען, אַז עס זאָל ניט צובראָכען ווערען די אַחדות צווישען די תלמידי-חכמים, און יעדע שולע זאָל ניט ווערען אַ פּוסק פאַר זיך אין רעליגיעזע פראַגען. מיט דער מחלוקת אין רעליגיעזע פראַגען האָט רבן גמליאל געהאָפט צו מאַכען אַ סוף דאָדורך, וואָס ער האָט געוואָלט דורכפיהרען, אַז אַ געזעץ טרעט אַריין אין קראַפט ערשט דאַן, ווען עס ווערט אָנגענומען דורך דער סנהדרין אין יבנה, און דאָס איינפיהרען פונ'ם געזעץ אין לעבען געהערט דעם נשיא. — די חלוקי-דעות אין געזעצען איז אין יענער צייט שוין געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיך אָנגעהויבען קלאָגען: „עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט זוכען אַן'ענטפער אויף אַ רעליגיעזע פראַגע, צי אין דער געשריבענער תורה, צי אין דער תורה שבעל-פה, און מען וועט ניט געפינען“. פון אַלע זייטען האָבען זיך דעריבער געלאָזט הערען שטימען וועגען דער נויטיגקייט איבערצוקוקען נאָך אַמאָל אַלע שטרייט-פראַגען צווישען די שולען שמאי און הלל און בעשליסען, ווער פון זיי עס האָט רעכט. די זאַך איז אָבער כלל ניט געווען אַזוי לייכט, ווייל די אָנהענגער פון שמאי זענען געווען זעהר איינגעשפאַרטע לייט און האָבען ניט געוואָלט נאָכגעבען. עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד האָט מען דעם ענין בעטראַכט אין וויינגאָרטען אין יבנה, און אָט האָט מען פּלוצלינג דערהערט די אַלגעמיינע שטימע פון פאָלק — אָדער ווי מען האָט דאַמאָלס געזאָגט: אַ שטימע פון הימעל (אַ בת-קול) האָט זיך געלאָזט הערען — „סייַ הלל'ס, סייַ שמאי'ס תורה איז פון לעבעדיגען גאָט, נאָר דער דין איז, ווי הלל זאָגט“. מיט דער דאָזיגער מיינונג האָבען כמעט אַלע איינגעשטימט. אייניגע גרויסע תנאים זענען אפילו אַרויסגעטראָטען געגען דעם. רבי יהושע

בן חנניה האָט ערקלערט: „מיר קוקען ניט אין אַזעלכע וויכטיגע ענינים אויף אַ שטימע פון הימעל. די תורה איז שוין איצט ניט אין הימעל, זי געהערט דעם מענשען, וועלכער דאַרף לויט זיין פערשטאַנד אַליין אָננעהמען אַ בעשלוס“. אויך רבן גמליאל'ס שוואָגער, דער תנא ר' אליעזר בן הורקנוס, וועלכער איז געווען אַ שטרענגער אָנהענגער פון שמאי'ס שולע, איז שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען דעם נייעם בעשלוס, אָבער די אַלגעמיינע מיינונג האָט מנצח געווען, און עס איז דאַמאָלס אָנגענומען געוואָרען פאַר אַ כלל, אַז דער דין איז תמיד, ווי הלל'ס שולע האָט געלערנט; דאַדורך זענען אויך אָנגענומען געוואָרען די זיבען מדות, לויט וועלכע מען דאַרף די תורה לערנען, ווי הלל האָט זיי צוערשט פאָרמולירט.

דורך דעם דאָזיגען אַקט האָט די סנהדרין אין יבנה אויך געמאַכט אַ סוף מיט'ן פאָליטישען אַנטאַגאָניזם צווישען דער רוימיש-פיינדליכער, קנאי'שער שולע פון שמאי און דער שלום-ליעבענדער פאַרטיי פון הלל'ס שולע. טיעף אין די געמיטער אָבער האָט נאָך לאַנג געהערשט צווישען די תלמידי-חכמים די פאָליטישע געגנערשאַפט, און די פאַרטיי פון הלל'ס שולע האָט עפענטליך בעשולדיגט די אָנהענגער פון שמאי, אַז מיט זייער שטעהען אויפ'ן צד פון די קנאים האָבען זיי מיטגעווירקט, דאָס דער בית-המקדש זאָל חרוב ווערען. אַזאַ פאָרוואורף האָט זיי געמאַכט אויך דער תנא זכריה בן אַבקולס (Ben Amphikalos): „זיין ענוות האָט חרוב געמאַכט דעם בית-המקדש“.

אָבער אויב אפילו הלל'ס שולע האָט אָבגעהאַלטען אַ נצחון, האָבען דאָך איהרע אָנהענגער זיך ניט דערוואַגט מבטל צו מאַכען די תקנות, וואָס שמאי'ס שולע האָט אָנגענומען וועגען דערווייטערן זיך פון די גוים. די תקנות זענען געבליבען אַלס אַן'אייביגער אָנדענקען פון דער אָנגעשטרענגטער שנאה צו רוים בשעת דער מלחמה, און זיי האָבען זעהר שווער געמאַכט דאָס לעבען פון די אידען צווישען די פעלקער. בכלל האָט מען זעהר פיעל נאָכגעגעבען די אָנהענגער פון שמאי'ס שולע, חאָטש זיי זענען געווען אין דער מינדערהייט, ווייל מען האָט געגען זיי ניט געוואָלט אָנווענדען קיין רעפרעסיווע מיטלען, און צונעהמען ביי זיי דאָס רעכט צו לעבען, ווי זיי פערשטעהען. מען האָט ערלויבט דעם יחיד צו פיהרען זיך, ווי ער פערשטעהט. די אָנגענומענע דינים פון בית-הלל זענען אָבער געבליבען אַן'אַלגעמיינע נאָרמע פאַר'ן כלל, אָדער פאַר די אונבעוואוסטזיניגע אידען. רבן גמליאל האָט שטרענג אַכטונג געגעבען, אַז עס זאָל אָבגעהיט ווערען דער אויטאָריטעט פון דער סנהדרין, און כדי דאָס צו דערגרייכען, האָט דער נשיא אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז אין בית-המדרש זאָל מען אַריינלאָזען נור יענע תלמידים, וועלכע זענען ערנסט ערגעבען דער תורה און קומען אַריין ניט צוליעב זייטיגע כונות, אָדער מחלוקת.

מיט דער דאָזיגער שטרענגקייט פונ'ם נשיא זענען אפילו ניט אַלע צופרידען געווען, אָבער מען האָט ניט געוואַגט אָפען אַרויסצוטרעטען גע-

ען דעם נשיא. ערשט ווען רבן גמליאל האָט אָנגעהויבען אָנווענדען דעם „חרם“ געגען זיינע געגנער, האָט דאָס דערוועקט אַן עפענטליכע אונצופריעדענהייט. אמת. דער חרם האָט דאַמאָלס בכלל ניט געהאַט יענע שאַרפע שטרענגקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אויסגעצייכענט שפּעטער. מיט'ן מוחרם פלעגט קיינער ניט פערברענגען, און ער פלעגט מוזען טראָגען טרויער-קליידער; אויב ער פלעגט שטאַרבען איידער מען האָט דעם חרם פון איהם אַראָבגענומען, פלעגט מען לעגען אַ שטיין אויף זיין אָרון. אָבער רויערן פלעגט דער חרם געוועהנליך נישט מעהר ווי דרייסיג טעג, און דער מוחרם האָט שטענדיג געהאַט די מעגליכקייט אַראָבצונעהמען פון זיך דעם חרם, אויב ער האָט נור באמת חרטה געהאַט אויף זיינע מעשים. רבן גמליאל האָט אָבער געהאַט דעם מוט איינמאָל אַריינצולעגען אין חרם זיין איינענעם שוואָגער, דעם גרויסען תנא, רבי אליעזר בן הורקנוס, דערפאַר וויל ער האָט געוואָלט פסק'ענען אַ דין, ווי בית-שמאי און ניט ווי בית-הלל. אַזאַ שטרענגקייט האָט אַלעמען זעהר שטאַרק אויפגערעגט, און אייניגע האָבען אַרויסגעזאָגט דעם נשיא זייער אונצופריעדענהייט. רבן גמליאל האָט דערויף ערקלערט: „רבונו של עולם! דיר איז דאָך בעוואוסט, אַז איך האָב דאָס געטהון ניט פון מיין כבוד וועגען, ניט פונ'ס כבוד וועגען פון מיין פאָטערס הויז, נור צוליעב דיין אייגענעם כבוד וועגען, כדי עס זאָלען ניט אַריינגעבראַכט ווערען קיין מחלוקת ביי אידען“.—אַ דאַנק דער ענערגישער הנהגה פון רבן גמליאל, איז די סנהדרין פון יבנה געוואָרען דער מיטעלפונקט פון דער אידישער נאַציאָן; די ווייטעסטע קהלות האָבען ערהאַלטען פערשידענע דירעקטיווען פון דאַנען און זיי פלעגען זיי זעהר גענוי ערפילען. די אידישע קהלות האָבען געהאַלטען די סנהדרין פון יבנה פאַר אַ רעשט פון דער אידישער מלוכה, און דעם נשיא, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון הלל'ס משפחה און האָט געשטאַמט פון דוד המלך, האָט מען אָבגעגעבען אַ קעניגליכען כבוד און געוועזען איהם טיעף ערגעבען. דאָס פאָלק איז געוועזען שטאָלץ מיט זיין נשיא, וויל מען האָט דערין געזעהען די פערווירקליכונג פון יעקב'ס ברכה צו זיין זוהן יהודה: „די קעניגליכע רוט וועט ניט אָבגעטהון ווערען פון זיין מאַכט“. דער נשיא פון סנהדרין האָט געהאַט דאָס רעכט, צו בעשטימען אידישע ריכטער און פאָרשטעהער פון די קהלות, הען די רוימישע מאַכט האָט זיך אין יענער צייט נאָך ניט געמישט אין די אינערליכע אָנגעלעגענהייטען פון אידישען לעבען און ניט געפאָדערט, אַז אידען זאָלען זיך משפט'ן דוקא ביי די רוימישע ריכטער. אָבער די נשיאות האָט פונדעסטוועגען אויך ניט פערקלענערט די זעלבסטשטענדיגקייט פון איינינע ראשי-ישיבות, וועלכע האָבען געקאָנט אַליין „געבען סמיכות“, דאָס הייסט ערלויבען זייערע תלמידים צו זיין דיינים און מורי-הוראָה אויך אָהן דער בעשטעטיגונג פון דעם נשיא.

דאָס סמיכות-געבען פלעגט פאָרקומען מיט גרויס פּאַראַד. דער ראשי-

ישיבה אָדער דער רבי, פלעגט אין דער נעגענוואַרט פון אַלע אָרטיגע תּלמידי-חכמים אַרויפלעגען דעם קאַנדידאַט די הענד אויפ'ן קאָפּ, אַלס צייכען, אַז ער איז ווערט צו פערנעהמען ביי אידען די ווילכטיגע שטעלע פון אַ תּלמיד-חכם. דער בעשטעטיגטער תּלמיד-חכם פלעגט יענעם טאָג האַלטען פאַר אַן'אמת'ן יום-טוב פאַר זיך.

די הויפּט-טעטיגקייט פון'ם נשיא איז געווען אין סנהדרין, וואו ער פלעגט זיצען בראש, אַרומגערינגעלט פון זיינע חברים, וועלכע פלעגען אין אַ האַלבען קרייז זיצען פאַר איהם. הינטער זיי פלעגען זיצען אין רייהען די תּלמידי-חכמים, קאַנדידאַטען אויף הוראה; הינטער זיי פלעגען שטעהען די אינגערע תּלמידים אונ לסוף דאָס פאָלק, וואָס פלעגט זיצען אויף דער ערד און צוהערען, ווי מען לערנט תּורה.

ווי שוין דערמאָנט, פלעגט די גאַנצע סנהדרין ביז דאַמאָלס מקדש זיין די חדשים און ממילא אויך די ימים-טובים. רבן גמליאל האָט אָנגעהויבען ערפילען די דאָזיגע אויפגאַבע אַליין. דערביי פלעגט ער ווענינ-וואָס אַכטונג געבען אויף די, וועלכע פלעגען קומען עדות זאָגען, דאָס זיי האָבען די לבנה געזעהען, דען ער פלעגט זיך איבערהויפּט פערלאָזען נור אויפ'ן חשבון, אָדער דעם „סוד העיבור", וועלכען ער האָט געהאַט איבערגענומען בקבלה פון זיינע עלטערן. אויך אין דער הינזיכט האָט ער נעהאַט אין זינען בלויז די אַחדות אין דער אידישער וועלט, דען נור אויף אַזאַ אופן האָט מען געקאָנט דורכפיהרען, דאָס אַלע אידען זאָלען פייערן חודש און יום-טוב אין דעמזעלבען טאָג.

אין יענער צייט האָבען אין דער קריסטליכער וועלט זיך שוין אָנגעהויבען גרויסע מחלוקת, סיי אין דער ערקלערונג פון די גלויבענס-דאָגמאַטען, סיי אין דער ערקלערונג פון זייערע ביכער, סיי אין דער פראַגע, ווען מען דאַרף פייערען פסחא. עס איז אַלזאָ גאַנץ מעגליך, אַז צוליעב דעם האָט רבן גמליאל בעזונדערס שטרענג געהיט די אידישע אַחדות אין אָט דעם פונקט. אין דער ווירקליכקייט האָבען די פאָרשטעהער פון דער דאַמאָליגער קריסטליכער קירכע געקוקט מיט בעוואונדערונג אויף דער רעליגיעזער אַחדות ביי אידען. און אָט האָבען זיי געלאָזט זאָגען דעם אַפּאָסטאָל פעטרוס פאָלגענדעס: „די אידען, וועלכע לעבען צושפּרייט אין אַלע לענדער, האָבען איין אייניציגע תּורה וועגען נאָט'ס איינינקייט (יחוד) און אויך אין זייער שטיינער לעבען קאָנען זיי בשום אופן ניט אָבווייכען פון דער תּורה, וועלכע זיי האָבען ערקלערט ברייט און גרויס. זיי ערלויבען קיינעם ניט צו זיין אַ מורה-הוראה פאַר'ן פאָלק, איידער ער האָט פריער אַליין געלערנט, ווי אַזוי צו פערשטעהען די תּורה. דערפאַר האָבען זיי איין גאָט, איין תּורה און איין האָפנונג".

צוליעב דעמזעלביגען צוועק פון דער אידישער אַחדות האָט רבן גמליאל אָנגעהויבען רעגולירען די ענינים פון בית-הכּנסת, וועלכער איז געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון רעליגיעזען לעבען ביי אידען נאָכ'ן חורבן,

די טעגליכע תפלות, וועלכע מען האָט מתקן געווען, נאָך בשעת דער בית־המקדש איז געשטאַנען, האָט ער פערגרעסערט דורכ'ן צולעגען די ברכות וועגען דעם בית־המקדש און ירושלים מיט פיעל אַנדערע, וועלכע טראָגען צוזאַמען דעם נאָמען „שמנה־עשרה", אָדער די תפלה, וועלכע אידען דאַווענען נאָך עד־היום דריי מאָל טעגליך. די דאָזיגע תפלה האָט צוזאַמענגעשטעלט אין יבנה שמעון הפקולי, לויט רבן גמליאל'ס אָנווייזונג, און רבן גמליאל האָט זיי איינגעפיהרט, אַלס אַ פליכט פאַר אַלע אידען, צו דאַווענען אַלע טאָג. אַלע דאַמאָליגע חכמים האָבען דערויף איינגעשטימט, נאָר דעם נשיא'ס שוואָגער, רבי אליעזר בן הורקנוס, וועלכער איז, צוליעב זיין אָנהענגען אָן שמאי'ס שולע, געווען אַ געגנער פון אַלע נייע תקנות, האָט דערמיט ניט איינגעשטימט, ערקלערענדיג, אַז דאַדורך, וואָס אַ איד וועט מוזען דאַווענען אַלע טאָג דאָס איינענע, וועט די תפלה פערלירען דעם כאַראַקטער פון אַ געבעט; זי וועט ווערען אַ צערעמאָניע, אָהן אַ זין.

די תפלה בצבור האָט מען, לויט רבן גמליאל'ס אָנווייזען, איינגעאָרדענט גאַנץ איינפאַך. קיין ספּעציעלען חזן האָט מען ניט געברויכט: יעדער איד, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ גוטען נאָמען און איז געווען פרום, האָט געקאָנט זיין אַ „שליח צבור". ער פלעגט שטעהן אויף אַ נידעריגען אָרט (אַ טיעפען אָרט אין באָדען) פאַר'ן אָרון־קודש און זאָגען די תפלה פאָראויס, ווי דאָס פיהרט זיך נאָך ביי אידען עד־היום.

אַזוי־אַרום האָט די סנהדרין מיט'ן נשיא בראש איינגעאָרדענט מיט די געגוויעסטע פּרטים אין יעדער הינזיכט דאָס רעליגיעזע לעבען. דער חורבן פון בית־המקדש האָט ביי אידען צוגענומען דעם כבוד פון אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק, אָבער אין רעליגיעזען לעבען פון אידישען פאָלק האָט ער קיין חורבן ניט אַריינגעטראָגען, ווי איינינע ניט־אידען האָבען געמיינט תפלה, תורה לערנען און צדקה האָבען באַלד פערנומען דעם אָרט פון די קרבנות; אַלע געזעצען פון דער תורה, אויסער די געזעצען וועגען די קרבנות, האָט מען איצט אויך אָבגעהיט העכסט גענוי, אפשר נאָך שטרענגער, ווי פריהער. מען האָט די כהנים און לויים געגעבען די תרומות און מעשרות, ווי אויך אַלע איבריגע געזעצליכע מתנות; מען פלעגט איבערלאָזען פאַר די אָרימע לייט אויף די פעלדער תבואה צו זאַמלען (לקט שכחה ופאה); יעדעם דריטע יאָהר פלעגט מען געבען די אָרימע לייט מעשר־עני (אַ צעהנטעל פון די געזאַמעלטע תבואות); בכלל אַלע געזעצען וועלכע בעציהען זיך אויפ'ן באָדען פון ארץ־ישראל און טיילוויז אויך פון סיריען, האָט מען נאָכ'ן חורבן אָבגעהיט אַזוי, ווי פריהער. דעם זיבעטען יאָהר (שביעית) פלעגט מען אויך אָבהיטען, ווי פריהער, און ניט בעאַרבייטען דאָס לאַנד. אַלע חובות פלעגען אין'ם דאָזיגען יאָהר מוזען בטל ווערען (אויב מען האָט ניט געמאַכט קיין פרוזבול). מיט איין וואָרט, מען האָט זיך ניט גערעכענט מיט'ן חורבן, מען האָט געהאַלטען, אַז די אידי־

שע מדינה עקזיסטירט נאָך, ווי פריהער, און געלעבט מיט דער האָפנונג,
אַז אין גיכען וועט קומען די אידישע ישועה דורך אַ גואל, אָדער אַ משיח.
און אָט דעריבער האָט מען אויך געמאַכט תקנות, אַז דער אידישער באָ־
דען זאָל ניט איבערגעהן אין ניט־אידישע הענד; אויב מען האָט איהם צו־
ליעב אַ וועלכער עס איז סבה געמוזט אָבגעבען צו אַ ניט־אידען, האָט מען
זיך געמוזט בעמיהען צו בעקומען איהם צוריק. אויך פיעל מנהגים האָט
מען אָבגעהיט, חאָטש זיי האָבען געהאַט אַ בעדייטונג נור אין בית־המקדש,
חייל מען האָט געלעבט מיט דער זיסער האָפנונג, אַז „אין גיכען וועט
דער בית־המקדש צוריק אויפגעבויט ווערען". די תלמידי־חכמים האָבען
אָבער אונאויפהערליך געלערנט דאָס פאָלק צו טרויערען נאָך ירושלים, ווייל
„ווער עס טרויערט נאָך ירושלים, וועט דערלעבען צו זע־
הען זי ווידער אין איהר אויפבליהען". די פיער יעהרליכע
תעניתים, וועלכע די אידען אין בבל האָבען אַליין אָנגענומען נאָכ'ן ערש־
טען חורבן, האָט מען איצט ווידער איינגעפיהרט; אויסער דעם האָבען די
פרומע אידען אָנגעהויבען צו פאַסטען אויך יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג,
נאָר אין די אָנדענקונגס־טעג פון די אַמאָליגע ישועות האָט מען ניט גע־
טאָרט פאַסטען, כדי דאָס פאָלק זאָל זיי געדענקען און האָפען ווידער אויף
ישועות.

אויך די דינים פון טומאָה און טהרה זענען ניט בטל געוואָרען, ווייל
זיי האָבען שוין געהאַט פערנומען אַ וויכטיגען אָרט אין רעליגיעזען לעבען.
די פרומע אידען (די פרושים) פלעגען זיי אָבהיטען אין געוועהנליכען לע־
בען, פונקט ווי זיי פלעגען פריהער מוזען אָבהיטען זיי ביים עסען דעם
מעשר שני אין ירושלים, אָדער ווי די כהנים ביים עסען תרומה. אַלע
אידען, וואָס פלעגען שטרענג אָבהיטען די דאָזיגע דינים, האָבען זיך גע־
רופען „חברים". צו זיין אַ „חבר" איז געוועזען אַ בעזונדערע זכיה, און איידער
מען פלעגט אַריינגענומען ווערען פאַר אַ חבר, פלעגט מען מוזען אויסשטע־
הען די פראָבע איין חדש אָדער דריי, און דריי חברים פלעגען מוזען מיט'ן
נייעם קאַנדידאַט אויף אַ חבר לערנען פריהער און ערב זיין פאַר זיין
חבר'שע כשרות. אַרענדאַטאָרען פונ'ם קייזערליכען אָבצאָהל, ווי אויך זיינע
איינמאָהנער (גבאים), פלעגט מען פאַר קיין חברים ניט אָנגעהמען, ווייל
בכלל האָט מען די דאָזיגע מענשען געהאַסט, זעהענדיג אין זיי די מיט־
העלפער פון דער רוימישער טיראַניי און די הויפט־סבה פונ'ם אידישען
אונגליק. ווי עס שיינט, האָט דער „אָרדען" (חברה) פון די חברים געהאַט
אויך אַ פאָליטישען ציעל.

נעגען די „חברים" זענען געשטאַנען די עמי־הארצים, דאָס הייסט:
דאָס לאַנד־פאָלק, אָדער די פויערען. די חברים זענען געוועזען די אַריסטאָ־
קראַטיע פון פאָלק. לויט דער שילדערונג פון די חברים, זענען די עמי־
הארצים, אָדער די פויערען, דאַמאָלס געשטאַנען זעהר נידעריג, סיי גיים־
טיג, סיי מאָראַליש. משמעות, אַז די אָפטע רעוואָלוציעס און די מלחמות

פון די לעצטע יאָהרען האָבען דאָס פאָלק געבראַכט צו אַזאַ טרויעריגען, פערווילדעטען צושטאַנד. די חברים האָבען געשילדערט די עמי־הארצים אַלס מענשען, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין ברעקעל עהרליכקייט; זיי פלעגען מיט אַ לייכטען האַרצען אָבנאַרען עמיצען און זאָגען אַ ליגענר; אין זייער פאַמיליען־לעבען האָט געפעהלט די צערטליכקייט, דען זיי פלעגען אָפט שלאָגען זייערע פרויען; דאָס לעבען פון אַ מענשען האָבען זיי ווענינ געשעצט; פון די געזעצען פון דער תורה פלעגען זיי אָבהיטען נאָר ווענינעס און זענען ווייט געוועזען פון גייסטיגען לעבען. צווישען זיי און די תלמידי־חכמים האָט דעריבער געהערשט אַ טיעפע שנאָה. די דברים פלעגען מיט די עמי־הארצים ניט עסען צוזאַמען, ניט וואָהנען אין זייער הויז, ניט אָנריהרען זיך אָן זיי, אפילו כמעט ניט מתחתן זיין זיך מיט זיי; אַ שדוך מיט אַן׳עם־הארץ פלעגט מען בעטראַכטען, ווי אַ ערנידעריגונג. די עמי־הארצים פון זייער זייט פלעגען פיינד האָבען די תלמידי־חכמים אויך זעהר שטאַרק. דער תנא רבי עקיבא, וועלכער איז אַליין פריהער געוועזען אַן׳עם־הארץ, האָט איינמאָל ערצעהלט, אַז ווען ער איז נאָך עם־הארץ געוועזען, פלעגט ער זיך טראַכטען: „ווי בעקום איך אַ תלמיד־חכם אוינ־אויף־אוינ, כדי איהם צו דער׳הרג׳ענען". די חברים זענען פיעל שולדיג געוועזען אינ׳ם דאָזיגען טרויעריגען צושטאַנד, דען זיי האָבען דאָס פּראָסטע פאָלק ניט געלערענט און געהאַלטען זיך פון איהם פון דער ווייטען. ניט בלויז אויסמיידען פלעגען זיי דאָס פּראָסטע פאָלק, זיי פלעגען אפילו ניט אָננעהמען זייער עדות־זאָגען, ניט בעשטימען זיי פאַר אפּוטרופּסים אויף יתומים, אָדער צדקה, און ניט דערלאָזען זיי בכלל צו אַ וועלכער עס איז התמנות אין דער קהלה; מען פלעגט אפילו מזהיר זיין, צו היטען זיך מיט זיי אין וועג אַליין צו פאָהרען, ווייל מען האָט זיי חושד געוועזען אין מערדעריי.

די עמי־הארצים האָבען דעריבער פערלאָרען יעדע מעגליכקייט אַרויסצוגעהען פון זייער נידעריגען צושטאַנד: פון דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט אַרויסגעשטויסען, פון טיילנעהמען אין קהלה־לעבען אויסגעשלאָסען, איבערגעלאָזען זיך אַליין אָהן קיין שום מנהיג און יועץ, האָבען די עמי־הארצים זיך לייכט געלאָזט איבעררעדען אַריינצוטרעטען אין די נייע קהלות פון יונגען קריסטענטום, וועלכע זענען געוועזען ווענינער שטרענג געגען זיי. ווי שוין דערמאָהנט, האָט ישו, און דערנאָך זיינע תלמידים, זיך טאַקי געווענדעט נאָר צו אָט דער מענשען־קלאַס, געפינענדיג צווישען איהר פיעל אָנהענגער. ווי שטאַרק האָבען זיך געמוזט איבערנעהמען די דאָזיגע עלענדע מענשען, וועלכע זענען געוועזען אַרויסגעשטויסען פון דער אידישער הויכער געזעלשאַפט, ווען עס זענען געקומען צו זיי „שליחים" פון די קריסטען און גערעדט מיט זיי, ווי צו זייער גלייכען, געגעסען און געטרונקען מיט זיי צוזאַמען און פערזיכערט זיי, אַז נור פאַר זיי איז משיח שוין געקומען און פאַר זיי איז ער אין טויט געגאַנגען און יסורים געליטען, אַליין נור כדי זיי זאָלען קאָנען דערגרייכען צו דער רוהיגקייט

פון דער נשמה אויף דער וועלט און צום איבּיגען לעבען אויף יענער וועלט! דאָס געזעץ פון די פרומע אידען האָט בּיי זיי צוגענומען אַלע רעכטע אין עולם-הזה; די נייע אמונה האָט פאַר זיי געעפענט אפילו אויך דעם עולם-הבא. דאָס פּראָסטע פאָלק בּיי אידען האָט דעריבּער ניט גע-האַט קיין לאַנגען ישוב-הדעת, מיט וועמען מען דאַרף געהן. די דאַמאָלי-גע תּלמידי-חכמים, וועלכע האָבען בּעדאַרפט לערנען מיט'ן אָרימען פאָלק, האָבען זיך, אָנשטאָט דעם, פערטיעפט אַליין מיט גרויסער התלהבות אין דער תּורה, כּדי אויפצוהאַלטען דאָס לעבען פונ'ם אידישען פאָלק, דערבּיי האָבען זיי אָבער פערזעהען אַ גרויסען טייל פון אידישען פאָלק און אויך ניט בּעמערקט, אַז פאַר זייער תּורה וואַקסט אַ נייער שטאַרקער געגנער. און איידער זיי האָבען נאָך בּעוויזען זיך אַרומצוקוקען, איז דער יונגער געגנער שוין אויסגעוואַקסען אויף זייער אייגענעם בּאָדען און האָט דערוואַקסען, אַז ער האָט בּדעה צו פערנעהמען פאַר זיך דעם גרויסען גייסטיגען פערמעגען, וועלכען זיי האָבען מיט אַזוי פיעל מסירת-נפש און ערגעבּענ-הייט אויפגעבּויעט און אָבגעהיט אין משך פון פיעל דורות.

## צווייטעס קאפיטעל.

# דער אבפאל פון די קריסטען פון יודענטום.

דאס יונגע קריסטענטום איז אריינגעטראטען אין דער וועלט, ווי א קינד פון גליק. איין וויכטיגער אומשטאנד האט פון אנהויב אן באלד מיטגעווירקט, אז דאס קריסטענטום זאל זיך פערשטארקען: דער פייערדיגער אידישער קנאי, דער אונרוהיגער און ליידענשאפטליכער שאול פון תרסוס איז פון א רודף נעגען די קריסטען נעוואָרען ניט בלויז זייער אנאנהענגער, נאר אויך דער הויפט-גרינדער פון קריסטענטום. דען שאול, אדער, ווי ער האט שוין איצט געהייסען, אפאסטאל פאול, האט דער ערשטער געעפענט דעם רעכטען וועג, וועלכער האט געפיהרט די געצענדיגער מאסענוויז צו די „בני אברהם“. אהן שאול'ן וואלט זיך די נייע אמונה שווער געקאנט לאנג האלטען, דען זי איז געווען נאר א האלב-עסייאישע לעהרע פון א קלייגער סעקטע. אבער אויסער שאול'ס פערזענליכקייט, זענען נאך געווען אויך אנדערע גינסטיגע אומשטענדען, וועלכע האבען ערלייכטערט די ענטוויקלונג פון קריסטענטום: פון איין זייט די שוואכע צוגעבונדענקייט צו דער אידישער תורה פון די גריכיש-געבילדעטע אידען אין אלעקסאנדריען, אנטיאכיען און קליין-אזיען, און פון דער אנדערער זייט — דאס עקעלהאפטע געפיהל, וואס עס האבען שוין געשפירט אין יענער צייט פיעל געבילדעטע רוימער און גריכען צו זייער געצענדיענסט, ווי אויך זייער גרויסע בעוואונדערונג פאר'ן מאראלישען יודענטום, וועלכער איז געבויט אויף א געהויבענעם בעגריף וועגען דער גאטהייט.

אט די ביידע קלאסען, די גריכיש געבילדעטע אידען און די מאראלישע און פרומערע געצענדיענער, האבען געפונען אין פאול'ס קריסטענטום, וועלכער האט זיי בעפרייט פון די אידישע דינים, ווי, למשל, פון די דינים פון שבת, כשרות און מילה, זייער פאלקאמע בעפרידיגונג. פאר די געבילדעטע אידען איז, מעגליך, שווער געווען אנצונעהמען די

דאָגמען פון קריסטענטום, די בעגריפען וועגען גאָטעס זוהן און דאָסגלײַכען; דאַגעגען פאַר די מאָראַלישע געצענדיענער איז דוקא אָט דער גלויבען געווען דער לײַכטעסטער איבערגאַנג פון דער פיעלגעטערײַ צום שטרענגען בעגריף וועגען דעם אײַנציגען אונקערפערליכען גאָט פון יודענטום. בעזונדערס גינסטיג איז געוועזען פאַר'ן קריסטענטום און זײַן ענטוויקלונג דער חורבן פון בית-המקדש און דאָס, וואָס מען האָט שוין געמײַנט, אַז די אידישע נאַציאָנאַליטעט איז אונטערגעגאַנגען. פאַר די פערצווײַפעלטע, שוואַכע אידען, סײַ אין ארץ-ישראל, סײַ אין אַנדערע לענדער, האָט דער חורבן אַרײַנגעבראַכט אַ געוואַלדיגען ריס אין האַרצען, אַ סתירה צווישען זײַער אמונה אין גאָט'ס השגחה אויף זײַנע הײַליגע מקומות און דער טרויעריגער ווירקליכקײַט; זײַ האָבען דעריבער געזוכט אַ נײַעם אָנהאַלט-פונקט פאַר זײַער אמונה, בעזונדערס אַזעלכען, וואָס זאָל ערפילען די שרעקליכע פוסטקײַט, וואָס איז געוואָרען אין זײַער רעליגיעזען לעבען דורכ'ן פעהלען פון קרבנות, אַלס אַ צײַכען און אַ מיטעל פון מחילה און כפרה אויף זײַערע זינד. און אָט איז צו זײַ געקומען דאָס קריסטענטום און האָט זײַ געעפענט דעם וועג פון מחילה און כפרה אין'ם נײַעם גלויבען און נאָך געמאַכט אַ שלום צווישען זײַ און דער געצענדיענערישער וועלט, וואָס האָט ביז איצט בעצויגען זיך צו זײַ פײַנדליך; דערבײַ האָט דער נײַער גלויבען פון זײַ כמעט גאָרנישט געפאָדערט, אויסער דעם טרוקענעם גלויבען אין דאָגמאַטען. עס איז דעריבער קײַן וואונדער ניט, וואָס זײַ האָבען דעם נײַעם גלויבען אָנגענומען מיט אַ לײַכטען האַרצען. די גאַנצע סעקטע פון די עססײַער און די תלמידים פון יוחנן דעם טובלער האָבען, ווי עס שײַנט, זיך פעראײניגט מיט די אָנהענגער פון ישו און זײַנע תלמידים, ערשט בשעת דער ביטערער מלחמה מיט די רוימער און נאָך דעם חורבן פון בית-המקדש

אויך אַ פאָליטישער אומשטאַנד איז געוועזען, וועלכער האָט געטריבען פיעל אידען צו פעראײניגען זיך מיט די קריסטען: דער נײַער ספעציעל-אידישער אָבצאָהל, אָדער דער „מחצית-השקל“, וואָס אידען פלעגען פריהער געבען פאַר'ן בית-המקדש און איצט האָט אַספּסינוס בעפוילען צו נעהמען דאָס בײַ אידען, ווי שוין דערמאָהנט, מיט געוואַלט פאַר'ן טעמפעל פון קאַפּיטאָלינישען יופּיטער. פאַר די אידען אין רוים, גריכענלאַנד, קלײַן-אַזיען און מצרים, בכלל אין דער דיאַספּאָראַ (גלות-לענדער), איז דער דאָזיגער אָבצאָהל געוועזען אַ בעזונדערס דריקענדער, ווײַל דאָס איז געוועזען דער ערשטער שריט צו בערויבען בײַ אידען זײַער פּאָליטישע גלײַכבערעכטיגונג אין דער רוימישער מלוכה. אַ טײַל אידען, פאַר וועלכע דער דאָזיגער אָבצאָהל איז בעזונדערס פערהאַסט געוועזען, האָבען געשטרעבט פּטור צו ווערען פון איהם דורך זײַער אָבזאָגען זיך פון יודענטום. אויף אַ לאַנגע צײַט האָט דאָס זײַ אָבער ניט געהאָלפען, ווײַל דער דריטער פלאַווישער קײַזער, דער בלוט- און געלד-דורשטיגער דאָמיציאַנוס, האָט בעפוילען אײַנ-

צוזאַמען דעם דאָזיגען אָפּצאָהל מיט דער גרעסטער שטרענגקײַט און מען האָט אײַנגעפיהרט אַ גענויע אויספאָרשונג װעגען יענע אידען, װעלכע האָבען אָבגעלײקענט זײער אידישע אָבשטאַמונג; מען פלעגט זײ אפילו אויך אויסטהון נאַקעט, כדי איבערצוצײַגען זיך, אויב זײ זענען גע׳מל׳עט, אָדער ניט, און אויב עס פלעגט זיך אַרויסװײַזען, אַז דאָס איז אַ איד, װעלכער האָט זיך אָבגעלײקענט דערפון, נאָר כדי פּטור צו װערען פונ׳ם אָבצאָהל, פלעגט מען קאָנפיסקירען זײַן גאַנצען פערמעגען.

אין יבנה האָט מען, נאַטירליך, שטרענג פּראָטעסטירט געגען דעם אָבלײקענען זיך, אַז מען איז אַ איד, און רבי אליעזר המודעי האָט ערקלערט: „יענער, װאָס זוכט אָבצולײקענען דורך פערשידענע מיטלען, אַז ער איז אַ איד, פערליערט זײַן חלק אין עולם־הבא, אויב ער איז אפילו אַ תלמיד־חכם". און אָט איז דאַמאָלס אַרויסגעטראָטען פּאַול און האָט ערקלערט, אַז מיט דער געבורט און דעם טויט פון ישו איז די מילה גאָר בטל געװאָרען, װי אויך די גאַנצע תורה. די אידען־ערלים, אויב זײ זענען נור מאמינים אין ישו, זענען די אמת׳ע „בני־אברהם, אויסערװעהלטע, כהנים און מלכים". די דאָזיגע לעהרע האָט אַזוי־אַרום בעפרײַט די אידען פון זײער געהערען צום „בריתו של אברהם אבינו" און, ממילא, זענען זײ אויך פּטור געװאָרען פונ׳ם ספּעציעל־אידישען אָבצאָהל, װי אויך פון אַנדערע אויסנאַהם־געזעצען פאַר אידען, דען עס איז זײ לײַכט געװען צו דערװײַזען, דאָס זײ זענען ניט קײן אידען; פיעל אידען זענען דעריבער באַלד איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום.

יענע ערשטע אידען־קריסטען, װעלכע האָבען זיך גערופען אביונים (Ebioniten) און בכלל גאָרניש געהאַלטען פון יעדען װעלטליכען פערמעגען, האָבען זיך װעניג־װאָס געקימערט װעגען דעם ספּעציעל־אידישען אָבצאָהל; זײ זענען דעריבער געבליבען געטרײַ אַלע אידישע געזעצען און אויך אָבגעהיט מילה. װעגען די אָבצאָהלען האָבען זײ ערצעהלט, אַז ישו האָט געזאָלט זאָגען: „גיט דעם קײזער, װאָס עס געהערט דעם קײזער, און גאָט, װאָס עס געהערט איהם". די צאָהל פון די „אביונים" איז אָבער געװען ניט גרויס.

אַזוי־אַרום האָט דאָס קריסטענטום בעקומען פיעל נײַע אָנהענגער אין די ערשטע פּאָר צעהנדליג יאָהר נאָך דעם חורבן, צוליעב זעהר פיעל פערשידענע סבות, װעלכע זענען געװען גינסטיג פאַר איהם. זײַנע אָנהענגער זענען שוין איצט ניט בעשטאַנען, װי אין אָנפאַנג, נור פון די „אָרימע און עלענדע", פון „די פערלוירענע שעפסען פון הויז ישראל"; עס זענען שוין צו איהם צוגעשטאַנען אויך פיעל רײַכע און אָנגעזעהענע קרײַזען בײַ די גריכיש־געבילדעטע אידען און בײַ די געצענדיענער. אין אַלע שטעדט פון דער רוימישער מלוכה און, בעזונדערס, אין רוים גופא, זענען שוין איצט געװען קהלות פון קריסטען, װעלכע האָבען נאָך האַלב־אויף־האַלב געהערט צו אידען, און די רוימער האָבען זײ אַלענפאַלס געהאַלטען פאַר

אידען, אדער פאר א אידישע סעקטע. ביסלעכווייז האבען אבער די קריסטליכע קהלות אנגעהויבען וואקסען, און די קריסטען האבען אויפגעהערט צו זיין בלויז א סעקטע, נאר זיי זענען ארויסגעטראטען אלס א נייער עלעמענט אין דער וועלט-געשיכטע.

אין דער זעלביגער צייט איז אבער אויך אין קריסטענטום פארגעקומען א גרויסע שפאלטונג, צוליעב דער נייער לעהרע פון פאול (שאול פון תרסוס), אז אלע מצוות פון דער תורה ווערען בטל. א טייל פון די ערשטע אנהענגער פון ישו האבען אט די לעהרע ניט געוואלט אננעהמען און געהאלטען זיך פעסט ביי דער אידישער תורה, ערקלערענדיג, אז ס'איז א חוב אבצוהיטען אלע איהרע געבאטען; דער צווייטער טייל דאגעגען, בעזונדערס די גריכען-קריסטען, האבען פון דער אידישער תורה גארנישט געוואלט וויסען. אבער אין די דאזיגע צוויי פארטייען נופא זענען אויך ניט אלע גאנץ איינשטימיג געווען אין אלע פרטים פונ'ם נייעם גלויבען און זענען זיך צופאלען אין פיעל קלענערע סעקטען, וועלכע האבען זיך געהאט אנ'איינענע טעאלאגיע מיט אנ'איינענעם לעבענס-שטייגער. די אידישע קריסטען, אדער, ווי מען האט זיי גערופען ביי אידען, די מינעער (מינים), זענען שארף ארויסגעטראטען געגען די גוים-קריסטען, אנווייזענדיג, ווי פאלש עס איז דאס, וואס זיי ווילען ניט אננעהמען די תורה, ווערענד ישו האט בפירוש געזאגט: „גלויבט ניט, דאס איך בין געקומען מבטל צו מאכען דאס געזעץ (די תורה); ווער עס לערנט די תורה און איז מקים איהרע געבאטען, וועט דערהויבען ווערען אין דער הימלישער מלוכה". אפילו דער בעגריף, וואס די אידען-קריסטען האבען געהאט וועגען ישו'ס פערזענליכקייט איז אויך ניט געווען אזא שארפער אז זיי זאלען זיין געצוואונגען, צוליעב זייער אמונה אין איהם, ארויסצוטרעטען פון יודענטום; דען זיי האבען געהאלטען איהם בלויז פאר א הייליגען מענשען, וועלכער איז געבארען געווארען אויף א גאנץ נאטירליכען אופן פון יוסף און מרים פון דוד המלך'ס משפחה. און אט דער זוהן פון דוד'ס הויז, לויט ווי זיי האבען געגלויבט, האט געדארפט עפענען דעם מענשען די הימלישע מלוכה, ווייל ער האט איהם געלערנט צו לעבען אלס אנ'עניו, פיינד צו האבען עשירות און ליעב צו האבען און צו שטיצען איינער דעם אנדערן, ווי ברידער. זייער פאראלע איז געווען: „גליקליך זענען די ארימע-לייט, דען זיי געהערט די הימלישע מלוכה". — מורא האבענדיג, אז די גוים-קריסטען זאלען זיי ניט ארויסשטויסען פון דער נייער קריסטליכער וועלט איננאנצען, האבען די ערשטע אידען-קריסטען פון ירושלים אויך אנגעהויבען שיקען זייערע „שליחים" (אפאסטאלען) צו די אויסלענדישע קריסטליכע געמיינדעס, כדי צו לערנען זיי, אז גלויבענדיג, דאס ישו איז א משיח, דארף מען זיך אויך פעסט האלטען אן דער תורה און איהרע געבאטען. די געלערנטע פון זיי האבען מחבר געווען די לעבענס-געשיכטע פון ישו, לויט די ערצעהלונגען און לעגענדען, וואס זענען אין זייער קרייז ארומגעגאנגען אין א

משך פון העכער פופציג יאָהר נאָך איהם און בעפוצט געוואָרען זעהר פיעל מיט מופתים. די דאָזיגע לעבענס־בעשרייבונגען האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען עוואַנגעליום, און האָבען דערין בעזונדערס בעטאָנט, אַז ישו האָט הייליג געהאַלטען די תורה און בעצויגען זיך צו איהר מיט גרויס אַכטונג. די דאָזיגע עוואַנגעליען זענען געווען געשריבען אין דער געמישטער אידישער שפראַך פון יענער צייט, האַלב העברעאיש און האַלב אַראַמעאיש, ווייל זיי זענען ספעציעל פאַר אידען געשריבען געווען. אין די עוואַנגעליען האָבען זיי אָנגעוויזען פיעל פסוקים, וואָס האָבען, לויט זייער מיינונג, פאָראויסגעזאָגט אויף ישו, אַלס אַ משיח. אין זייער אויפגאַבע, צו פערשפרייטען זייערע מיינונגען און אמונה צווישען די אידען, האָבען זיי אפילו ניט געהאַט אָנגעווענדעט אַזאַ גרויסע שטורמדיגע ענערגיע און קנאות, ווי פאַול, אָבער פונדעסטוועגען האָבען זיי, אַ דאַנק פיעל גינסטיגע אומשטענדען, געהאַט אַ היבש ביסעל אָנהענגער ביי אידען.

די גוים־קריסטען, וועלכע פאַול און זיינע תלמידים האָבען צוגעצויגען צו דער נייער אמונה, האָבען געהאַט גאָר אַנ'אַנדער בעגריף וועגען ישו'ס פערזענליכקייט און אויך אַנ'אַנדער ערפאָלג צווישען די פעלקער. צוליעב דעם, וואָס דער בעגריף פון אַ אידישען משיח איז בכלל געווען פאַר די גוים גאַנץ פרעמד, און דער יחוס „דוד'ס זוהן" האָט פאַר זיי אויך קיין שום בעדייטונג ניט געקאָנט האָבען, דעריבער האָבען זיי דאָס אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופן, אַז ישו איז געווען גאָט'ס זוהן; אַזאַ בעגריף איז פאַר די פריהערדיגע געצענדיענער געווען אַ גאַנץ פערשטענדליכער און פאַר זיי אַזוי היימיש, ווי ער איז געווען פרעמד פאַר אידען. קוים אָבער האָבען זיי אָנגענומען אָט דעם בעגריף, האָבען זיי שוין ממילא געמוזט אויך דערווייטערן אַלע יענע ערצעהלונגען וועגען זיין לעבען, וועלכע האָבען איהם געשילדערט אַלס אַ מענשען־זוהן. זיין נאַטירליכע געבורט פון עלטערן איז געווען זעהר פרעמד פאַר די גוים, דעריבער האָבען זיי ערקלערט, אַז ער איז געבוירען געוואָרען פון אַ יונג־פרוי דורך דעם הייליגען גייסט. און אָט דערין איז בעשטאַנען דער הויפט־אונטערשיעד צווישען די אידען־קריסטען און די גוים־קריסטען: די ערשטע האָבען אין איהם געזעהען אַ משיח און זיי האָבען איהם פערעהרט אַלס אַ זוהן פון דוד המלך'ס הויז; די צווייטע האָבען צו איהם מתפלל געווען, ווי צו אַ זוהן פון גאָט. דעריבער האָבען די גוים־קריסטען, לויט פאַול'ס בעפעהל, זיך אָבגעזאָגט פון מילה, פון כשרות, פון שבת און יום־טוב און איבערגענומען פונ'ם יודענטום נור די פרומע מדות (די זיטענלעהרע); זיי האָבען אָבער אויך אָנערקענט די תורה און די נביאים פאַר הייליגע ספרים. דאַגעגען האָבען זיי ניט אָנגענומען די עסייאישע לעהרע וועגען פעראַכטען עשירות און וועגען האָבען אַ שותפות'דיגען פערמעגען; וועהרענד די ערשטע אידען־קריסטען האָבען דאָס אָנגענומען אַלס יסוד פון זייער גלויבען, האָבען די גוים־קריסטען דאָס גאָר ניט אַנערקענט. דערצו איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס

די גוים-קריסטען האָבען כלל ניט געקאָנט װיסען, װאָס איז געװען דער
צװעק פון די ערשטע אַרויסטריטען פון ישו, און דעם תנ"ך האָבען זײ
אויך געקענט גאַנץ װעניג, װײַל זײ האָבען איהם געלעזען נור אין דער
גריכישער איבערזעצונג.

יעדער אָנגעזעהענער אָנפיהרער פון דער העלעניסטישער געמײנדע
פלעגט, אַרויסטרעטענדיג אַלס נביא, אָדער אַפּאָסטאָל, אויסטײַטשען דעם
קריסטענטום אַנדערש, עס האָבען זיך בעװיזען דערפאַר אין קריסטענטום
אַלין מעהר נײַע סעקטען, װעלכע האָבען געקעמפפט אײנע געגען דער
אַנדערער זעהר פערביסען און מיט עקשנות. אַזאַ צובראָקעלטקײט האָט
געהערשט צװישען די קריסטליכע געמײנדען אין די זיבען שטעדט; עפעזוס,
סמירנאַ, פערגאַמום, תיאַטירא, סאַרדעס, פילאַדעלפיא און לאַאָדיצעאַ,
װעלכע די קריסטען האָבען אָנגערופען „די זיבען שטערן" און „די זיבען
גאָלדענע לײַכטער". עפעזוס איז געװען דער צענטער פון גוים-קריסטליכע
געמײנדען. דאָרט האָט פון אָנהײב-אָן געהערשט די שנאה געגען אידען
צװישען די געצענדיענער, די גריכען; איצט האָבען די לעצטע אַרײַנגע-
טראָגען די דאָזיגע שנאה אויך אין די קריסטליכע געמײנדען געגען די
אידען-קריסטען. און אָט דאָס איז אויך געװען אײנע פון די סבות, פאַר-
װאָס די אידען-קריסטען האָבען אַזוי פײַנד געהאַט פּאַול'ן מיט זײַנע
תלמידים און אָנהענגער, און פלעגען שטענדיג אָנװײַזען, װי פּאַולוס זײַן
לעהרע איז מכח דעם מבטל מאַכען די געבאָטען פון דער תורה און װי
שטימט כלל ניט אײַן מיט ישו'ס כונה און מיט זײַן לעהרע.

אַדאַנק דעם, װאָס די אידען-קריסטען האָבען אָבגעהיטען די גע-
זעצען פון דער תורה װעניג-װאָס זיך אָבגעזונדערט פון די אידען, זענען
פיעל פרומע און געלערנטע אידען געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען
מיט די „אביונים", ד. ה. די אידען-קריסטען. רבי אליעזר בן הורקנוס,
װעלכער איז געגען די גוים-געצענדיענער געװען אַזוי שטרענג, דאָס ער
האָט ערקלערט, אַז אפילו אויך די בעסטע פון זײ האָבען קײן חלק אין
עולם-הבא, — אָט דער תנא האָט זיך ניט געשראָקען צו פיהרען אָפטע
געשפרעכען מיט'ן אידישען קריסט יאַקאָב (יעקב); װען בן דמא, דער
זוהן פון דער שװעסטער פון תנא רבי ישמעאל, איז אײנמאָל געביסען גע-
װאָרען דורך אַ שלאַנג, האָט ער געװאָלט לאָזען זיך הײלען דורך אַ לחש
אין ישו'ס נאָמען פונ'ם זעלביגען יאַקאָב (דעם אַפּאָסטאָל). דאָס איבערגײ-
הען פון דער אידישער קהלה צו דער אידיש-קריסטליכער איז בכלל ני[?]
געװען קײן ערנסטער שריט אין לעבען, װײַל דאָס אידישע פאָלק בכל[?]
האָט נאָך דאַמאָלס ניט פאָראויסגעזעהען, אַז די אידען-קריסטען װעלען
גלײַך װערען צװישען די גוים-קריסטען, װעלכע זענען פון ערשטען מאָמענט
אָן געװען אָנהענגער פון אַנ'אַנדער רעליגיע, װי די אידישע איז. און דע-
ריבער איז זיכער, אַז אײניגע אָנגעזעהענע אידען זענען דאַמאָלס צוגע-
שטאַנען צו די אידען-קריסטען, ניט שטערענדיג דאַדורך דעם שלום-ביה

אין זייער משפּחה. די תּנאים האָבען אָבער פאָראויסגעזעהען די צוקונפט בעסער: אַזוי, למשל, ווען אַ ברודער׳ס אַ זוהן פון׳ם תּנא רבּי יהושע, חנניה, האָט זיך געוואָלט פעראייניגען מיט די אידען־קריסטען אין כּפר־נחום (קאַפּערנאַום), איז רבּי יהושע דערמיט שטאַרק ניט צופרידען געווען און, נאָכדעם ווי ער האָט איהם מיט געוואַלד דערווייטערט פון דאָרט, האָט ער איהם אָבגעשיקט קיין בבל, כּדי צו האַלטען איהם ווייט פון׳ם קריסטליכען איינפלוס.

די רוהיגע בעציהונג צווישען די אידען און די אידישע אָנהענגער פון ישו האָט אָבער געדויערט ניט לאַנג. די אידען־קריסטען זענען אין זייער פערעהרונג ניט געבליבען שטעהן ביים פערעהרען ישו אַלס אַ משיח; בּיסלעכווייז האָבען זיי אָנגעהויבען נוטה צו זיין צו פאַול׳ס תּלמידים, צו די גריכען־קריסטען, און האָבען איהם צוגעגעבען געטליכע אייגענשאַפטען. אָבער וואָס מעהר די אידען־קריסטען האָבען אין צווייטען און אין דריטען דור זיך דערנעהנטערט אין דער פערגעטערונג פון ישו צו די גוים־קריס־טען, אַלץ מעהר האָבען זיי זיך דערווייטערט פון יודענטום. די צאָהל פון די „אביונים״, וועלכע האָבען געזעהען די הויפּט־לעהרע פון ישו אין אָרימ־קייט און אין שותּפות׳דיגען פערמעגען פון דער קהלה, איז געוואָרען אַלץ קלענער און לסוף זענען זיי געבליבען אַ גאַנץ קליינע סעקטע. די נוצרים (נאַזאַרעער) האָבען צוזאַמען מיט׳ן אָבזאָגען זיך פון׳ם קאָמוניזם (ד. ה. שותּפות׳דיגען פערמעגען) זיך אויך אָבגעזאָגט פון יודענטום. פון מילה און שבּת האָבען זיי נאָך יאָ געהאַלטען, דערביי אָבער פלעגען זיי שוין פייערן אויך דעם זונטאָג, וועלכען עס האָבען איינגעפיהרט די גוים־קריסטען, ער־קלערענדיג, אַז אין דעם טאָג איז ישו צוריק לעבעדיג געוואָרען נאָך זיין טויט. מיט׳ן דערווייטערן זיך פון יודענטום האָבען די אידען־קריסטען אויך איבערגענומען די שנאה צו זייערע ברידער — די אידען. בעזונדערס שטאַרק איז צווישען זיי געוואָרען די שנאה צו די פאָרשטעהער פון דער תּורה שבּעל פּה, די תּנאים, די מיטגלידער פון סנהדרין אין יבנה, אַ שטייגער, ווי נור אָט די אידישע חכמים, און ניט דער גאַנצער האַראַקטער פון דער אידישער וועלט־אַנשויאונג, וואָלטען געווען די הויפּט־סבּה, פאַרוואָס די אידען ווילען ניט אָנערקענען ישו פאַר אַ משיח.

די אידען־קריסטען האָבען אויך אַזוי, ווי אַלע אידען, ליעב געהאַט צו בעטראַכטען אַלע בעציהונגען און געשעהענישען פון שטאַנדפּונקט פון די נביאים, אין וועלכע זיי העבען געזוכט אָנווייזונגען פאַר דער צוקונפט, ווייל אין דער ריכטיגקייט פון׳ם נביא האָבען אַלע פעסט געגלויבט. און אָט האָבען די אידען־קריסטען אויסגעטייטשט דעם פּסוק פון׳ם נביא ישעיה: „עס וועט זיין פאַר אַ שטרויכעל־שטיין פאַר ביידע הייזער פון ישראל״ — אויף די שולען פון שמאי און הלל, פון וועלכע עס האָבען געשטאַמט די תּלמידי־חכמים, די פּרושים. אויך רבּי יוחנן בּן זכּאי, וואָס זיין מילדקייט האָט זיי נעדאַרפט דיענען פאַר אַ מוסטער האָבען זיי בעליידיגט, אָנרו־

פענדיג איהם און די איבעריגע תנאים מיט נעמען, וועלכע ישו האָט בשום אופן ניט געקאָנט אַזוי אָנרופען. דעם נאָמען „פרושים" און פאַלשע חנופהשע לעהרער האָבען זיי שטענדיג געברויכט צוזאַמען, אַ שטיינער, ווי דאָס וואָלט געווען איינע און די זעלבינע זאַך; מיט דער צייט האָט דאָס געדאַרפט ברענגען טרויעריגע פרוכטען פאַר אידען. די אידען-קריסטען האָבען דאַדורך פערגיפטעט די גאַנצע אַטמאָספערע אַרום אידען אויף דער צוקונפט, איבערגעבענדיג בירושה די שנאה צו אידען פון דור צו דור; אין אַ משך פון הונדערטער יאָהרען האָט זיך די שנאה געוואַלדיג פערשטאַרקט און אָבגעקאָסט די אידען טייכען בלוט; זיי האָבען אפילו אין עוואַנגעליום גופא אַריינגעבראַכט שטעך-ווערטער און בעשולדיגונגען געגען אידען; זייערע מאמינים האָבען וועגען דער האָזינער שנאה געדאַרפט שפּעטער לערנען אין די ביכער, וועלכע זענען פאַר זיי געווען הייליג, און דאַדורך האָט זיך נאָך מעהר פערשטאַרקט זייער נאַטירליכע, ראַסען-שנאה צו אידען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די, וועלכע האָבען שטענדיג ערקלערט, דאָס זיי זענען לעהרער פון ליעבע, רחמנות און פריינדשאַפט צו מענשען, האָבען אַליין געפרעדיגט שנאה צו די אידען, צו זייערע ברידער, וואָס זייער גאַנצע שולד געגען זיי איז בעשטאַנען בלויז דערין, וואָס זיי האָבען זיך פעסט געהאַלטען אָן דער אמונה פון זייערע עלטערן.

צווישען די קריסטען האָט זיך דאַמאָלס ענטוויקעלט אַ נייע לעהרע, וועלכע איז געווען אַ געמיש פון פילאָ'ס פילאָזאָפיע, מיט אידישע, קריסטליכע און מיסטישע עלעמענטען. די נייע לעהרע האָט זיך בעזונדערס שטאַרק ענטוויקעלט צווישען די גוים-קריסטען, צוליעב דעם, וואָס עס איז פאַר זיי בכלל שווער געווען צו פערטיידיגען די אַנשויאונגען פון תנ"ך אין דער ריינער מענשליכער פאָרם, און אָט האָבען זיי בעשאַפען דעם גנאָסטיציזם, אָדער די מיסטיק פון דער גנאָזיס. די גנאָסטישע לעהרע האָט אין דער ערשטער צייט געפונען פיעל אָנהענגער צווישען די אויטאָריטעטען פון דער קריסטליכער קירכע, און אפילו אויך צווישען אידישע געלעהרטע. די גנאָסטיקער האָבען דערוועקט פון-דאָס-ניי די אַלטע שאלות וועגען דעם, פון וואַנען עס נעהמט זיך שלעכטס אויף דער וועלט, אויב דער שעפער איז נור גוט און מילד. די גנאָסטיקער זענען זיך צופאַלען אין פיעל סעקטעס: אַ טייל פון זיי האָבען זיך אַ נאָמען געגעבען די קין-סעקטע, ווייל זיי האָבען געהאַלטען, אַז דער ברודער-מערדער קין איז געשטאַנען העכער פאַר הבל'ן; אויך די אויסגעלאַסענע איינוואָהנער פון סדום און די אויפשטענדישע „בני קורח" האָבען זיי געשטעלט זעהר הויך, ווייל אין זיי איז ערשט רעכט ערשיענען די אמת'ע קראַפט פונ'ם מענשען, די ווילדע נאַטור-קראַפט. אַ צווייטע גנאָסטישע סעקטע האָט זיך אָנגערופען „נחשנים" (Naasiten), ווייל זיי האָבען אויסגעבויט אַ גאַנצע לעהרע וועגען דער שלעכטסקייט פון דער וועלט, דאָס זי שטאַמט פונ'ם „נחש הקדמוני" — מ'הייסט: פון דער שלאַנג, וואָס האָט די ערשטע אָנגערעדט דעם מענ-

שען צו טהון שלעכטס. אויף דעם סמך האָט מען אויסגעבויט גאַנצע מיסטיש-פילאָזאָפיש-טעאָזאָפישע סיסטעמען, וועלכע מען האָט איבערגעגעבען אין אַ גאַנץ רייכער ליטעראַטור אין העברעאיש, גריכיש און סיריש. די פערפאַסער פון די האָזיגע ספרים האָבען זייערע נעמען ניט ענטדעקט, נור אַרויסגעגעבען זייערע ספרים אויף די נעמען פון תנ"ך, אַ שטייגער, ווי די ספרים וואָלטען געשטאַמט פון די גרויסע אידישע קדמונים. אַזוי האָבען זיך אין יענער צייט בעוויזען ספרים פון אָדם'ען, חנוכ'ן, פון אַברהם אָבינו, פון משה'ן, אליהו'ן, ישעיהו'ן א. אַ. וו. כמעט קיין איינציגען נאָמען פון תנ"ך האָט מען ניט געלאָזען אָהן אַ ספר. אין פיעל פון די דאָזיגע ספרים ווערען געבראַכט שפּרוכען און מאמרים, וואָס האָבען געזאָלט שטאַמען פון ישו, און דורך זיי האָט ער בעקומען גאָר אַ נייעם כאַראַקטער און בעדייטונג, געגען וועלכער עס זענען אפילו אַרויסגעטראָטען דערנאָך אויך די פאָרשטעהער פון דער קריסטליכער קירכע, וועלכע האָבען שפּעטער אין ניקעאישען צוזאַמענפאָהר אַרייננעלעגט אין חרם די גנאָסטיקער.

די אידען האָבען ניט געקאָנט בלייבען גלייכגילטיג פאַר אַזעלכע שריפטען, וואָס זענען געשריבען געוועזען מיט דער כונה אונטערצוגראָבען דאָס יודענטום, בפרט נאָך אַז אַ טייל פון זיי זענען געשריבען געוואָרען דורך אידען און טאַקי פאַר די אידען, און ס'איז אויך קיין ספק ניט, אַז ניט ווייניג אידען האָבען זיך געלאָזט פערהיטען דורך אָט דער נייער טעאָזאָפיע מיט איהר ליטעראַטור. ס'איז דאַמאָלס געוועזען אַן איבערגאַנגס-צייט, ווען די אַלטע געצענדיענערישע וועלט האָט אָנגעהויבען אָבשטאַרבען און די אידישע וועלט-אַנשויאונג איז אַרויסגעטראָטען אין מוטיגען קאַמפּף מיט איהר. ווען דאָס אידישע פאָלק וואָלט נאָך דאַמאָלס געוועזען ביי זיין פּאָליטישער מאַכט, וואָלט בלי ספק דער דאָזיגער אידען-קאַמפּף געוועזען נאָר אַן אַנדער און די גאַנצע וועלט-געשיכטע וואָלט אַן אַנדער גאַנג געהאַט. די אידען, אַלס די ערשטע פערטרעטער פון'ם ריינעם גלויבען אין איינציגען גאָט, זענען אָבער דאַמאָלס געוועזען אין אַ מורא'דיגען צושטאַנד פון פערצווייפלונג נאָך דער נור-וואָס איבערגעלעבטער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, און דעריבער האָבען נור אָבגעזונדערטע עלעמענטען זייערע און ניט די אָפיציעלע פאָרשטעהער פון אידישען פאָלק געקאָנט טיילנעהמען אין'ם נייעם אידען-קאַמפּף; דאָס האָט אָבער געפיהרט צום אויפשפּראָצען פון פיעל סעקטעס מיט איינענע געטער...

מיט'ן לעבען פון די סעקטעס און זייער דענקען האָבען, ווי דערמאַנט, זיך פעראינטערעסירט ניט ווייניג אידען אויך; איינער פון זיי איז געוועזען אלישע בן אבויה, וועלכער האָט געהערט צו די תנאים און איז געוועזען אויך אַזוי בעהאַוועגט, ווי זיי, אין דער גאַנצער תורה שבעל-פה. ער איז אָבער אָבגעפאַלען פון יודענטום און געוואָרען אַ פעררעטער געגען זיין פאָלק דאַדורך, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פערפיהרען דורך די גנאָסטיקער. ער פלעגט שטענדיג זינגען די גנאָסטיש-גריכישע ליעדער און ליי-

ענען די ספרים פון די „מינים“ (קריסטען); ער האט אויך אנגעהויבען גלוי-
בען אין א דאפעלטער נאטהייט און פעראכטעט דאס יודענטום און דאס
אידישע פאלק. שפעטער איז ער אויך ארויסגעטראטען מיט מסירות געגען
אידען און אנגעטהון זיי גרויסע צרות. אין דער הינזיכט איז אלישע אין
יענער צייט בכלל ניט געווען קיין בן-יחיד; עס זענען דאמאלס געווען
פיעל אידען, וועלכע פלעגען אין זייער תפלה צו גאט אריינברענגען אזעל-
כע ווערטער, וואס פלעגען זיך בעציהען אויפ'ן קריסטענטום („יברכוך טובים“
א. אנד.). איין תלמיד-חכם, בן זומא, האט אנגענומען די גנאסטישע לעה-
רע, אז גאט האט די וועלט בעשאפען ניט פון-דאס-ניי (פון גארנישט),
נור פון א שטאף, וואס איז געווען עהנליך צו וואסער; די דאזיגע געדאנ-
קען האבען איהם אראבגעפיהרט פון זינען און ער איז משוגע געווארען;
א צווייטער, בן עזאי, איז איבערגעגאנגען צו די עסייער און האט דערי-
**בער ניט געוואלט חתונה האבען, ווייל די פעראייניגונג מיט א פרוי שטערט**
**דער ערהויבונג פון דער נשמה און פערנרעבט זי, לויט ווי די עסייאישע**
**גנאסטיקער האבען געלערנט אין יענער צייט.**

אויב דער גנאסטיציזם פון איין זייט און די זידלערייען פון די קריס-
טען געגען אידען פון דער אנדערער זייט האבען דערוויזען, אז דאס פריעד-
ליכע צוזאמענלעבען צווישען אידען און קריסטען איז אונמעגליך, איז דא-
מאלס צוגעקומען א נייער אומשטאנד, וועלכער האט דערוויזען די אידען,
ווי געפעהרליך די קריסטען ווערען פאר דער אידישער עקזיסטענץ: די
קריסטען האבען אנגעהויבען מסר'ן אויף די אידען ביי דער רוימישער רע-
גירונג, אז זיי זענען פיינד פון רוים און טראכטען צו מאכען אנ'אויפשטאנד
געגען איהר, אדער, ווירקען בכלל געגען די רוימישע מלוכה-אינטערעסען.
ביי דער פחדנ'ישער נאטור פון קייזער דאמיציאנוס, וועלכער האט יעדען
חושד געווען, דאס ער טראכט נאך זיין לעבען, און בעזונדערס ביי דא-
מיציאנוס'עס בלוטדורשטיגקייט זענען אזעלכע מסירות געוועזן זעהר געפעהרליך
פאר'ן כלל-ישראל. אין א געוויסען טאג האבען צוויי שפיאנען זיך פערקליי-
דעט ווי אידען און זענען אריינגעקומען אין רבן גמליאל'ס בית-המדרש, כדי
צו הערען, וואס עס ווערט דארט געלערנט. גראד האט מען דאמאלס בע-
טראכט די פראגע, אויב א איד איז מחויב אויך אזוי אבצוהיטען זיך פון
ברענגען שאדען א גוי - א נעצענדיענער און זיינע אינטערעסען, ווי א אידען.
אונטער דער דאזיגער שאלה האט מען אבער אויך בעדארפט פערשטעהען,
אויב מען מעג נעפינען מיטלען ווי אויסצומיידען צו צאהלען דעם ספעציעל-
אידישען אבצאהל (Fiscus Judaicus), דעם אזוי-גערופענעם „מחצית-השקל“
— ווי, למשל, צי מעג א איד בכיון אויפהערען טראגען די נאציאנאלע
אידישע מלבושים, כדי פטור צו ווערען פונ'ם אבצאהל? די שפיאנען הא-
בען זיך צוגעהערט דעם געלעהרטען דיספוט וועגען דער שאלה, און זיי-
ער מסירה האט געקאנט ווערען גאנץ געפעהרליך פאר אידען. דער נשיא
האט דעריבער באלד ארויסגעגעבען א געזעץ, אז יעדעס שאדען-טהון א

טי-אַ נעצענדיענער איז אויך אַזוי פערבאָטען, ווי טהון שאַדען אַ אידען.

דאָס יודענטום האָט בכלל נעמוזט אָננעהמען וועלכע עס איז מיטלען צו קאָנען זיך פערטהיידיגען נעגען די אָנפּאַלען און מסירות פון די קריסטען. פּיינדליכע כחות זענען אַריינגעדרונגען אין דאָס אידישע היילינטום און זיך בעמיהט אַראָבצוּרייסען די קדושה פון זיינע היילינקייטען, פאַלשעוועגדיג דעם טעקסט פון דער תורה, שלעכט ערקלערענדיג זי אָדער אַריינברענגענדיג אַ געמיש פון פרעמדע אידעען אין׳ם ריינעם בעגריף וועגען אחדות־הבורא, וועגען דער איינינקייט פון גאָט, אַרויסטרעטענדיג מיט שנאָה און פעראַכטונג נעגען זייערע אייגענע ברידער, צו וועלכע זיי האָבען אַליין פריהער געהערט און וואָס פון זייער תורה האָבען זיי דאָס שענסטע און בעסטע גענומען. אידען האָבען נעמוזט אָנהויבען עטוואָס טהון נעגען דעם. עס האָט זיך צוריקגעקעהרט די צייט פון די העלעניסמען, אָדער אידען־גריכען פון דער עפּאָכע פון די מכבעער, וועלכע האָבען די ערשטע אַריינגעבראַכט שנאָה און מחלוקת ביי אידען; די זיהן פון אידישע עלטערן האָבען זיך ווידער פערשוואָרען נעגען זייער אייגענער מוטער, דער אידישער נאַציאָן. אין קרייז פון די תנאים האָט מען אַמבעסטען נעזעהען די פאָרשטעהענדע סכנה מצד די „מינים". רבי טרפון (Tryphon) האָט נערעדט מיט פולער איבערצייגונג וועגען דער דאָזיגער סכנה: „די עוואַנגעליען (גליונים) און די איבריגע שריפטען פון די מינים — האָט רבי טרפון ערקלערט — מוז מען פערברענען מיט די היילינע נעמען פון גאָט, וואָס נעפינען זיך דאָרט. די נעצענדיענערייַ איז פאַר׳ן יודענטום נעווען שוין וועניגער נעפעהרליך, איידער די אידען־קריסטליכע סעקטעס, דען די נעצענדיענער פלעגען ניט אַנערקענען די וואַהרהייטען פון יודענטום נור דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיי ניט פערשטאַנען; די אידען־קריסטען אָבער פערשטעהען זיי גאַנץ גוט און לייקענען זיי אָב. ווען עס וואָלט מיר אויסנעקומען צו ראַטעווען זיך פאַר עמיצען, וואָלט איך בעסער אַריינגעלאָפען אין אַ טעמפעל פון די נעצענדיענער, איידער אין אַ פערזאַמלונגס־הויז פון די מינים".

די סנהדרין אין יבנה האָט זיך נעמוזט בעשעפטיגען מיט דער פראַגע, וואָס פאַר אַן אָרט עס דאַרפען פערנעהמען די אידען־קריסטען אין דער אידישער סביבה, אָדער אויב מען דאַרף זיי בכלל אַנערקענען פאַר אידען, און מען האָט ענדליך אָנגענומען אַ בעשלוס, אויפצובויען אַ פאָרמעלע וואַנד צווישען די אידען און די אידען־קריסטען. די בעציהונג צו זיי דאַרף זיין מעהר פרעמד, ווי צו די כותים־שמרונים. מען האָט פערבאָטען צו עסען זייער פליישׁ ברויט און ווייַן, ווי מען האָט עס פערבאָטען האַרט פאַר׳ן חורבן אין דער בעציהונג צו די נעצענדיענער, כדי צו בעוואַרענען, אַז מען זאָל ניט קומען אין נאָהנטע בעציהונגען מיט זיי. אפילו נעשעפטען פיהרען מיט זיי, אָדער אָננעהמען פון זיי אַ דיענסט האָט מען שטרענג פערבאָטען; בעזונדערס שטרענג האָט מען פערבאָטען צו קוי-

דירען זיך ביי זיי דורך אַ לחש. אויסערדעם האָט מען איינגעפיהרט אין דאַוונען אַ בעזונדערע תפלה נעגען די מוסרים. דער נשיא רבן גמליאל האָט געהייסען פערפאַסען די דאָזינע תפלה זיין תלמיד, שמואל הקטן, וועלכער איז געווען בעוואוסט און בעליעבט מיט זיין פרומקייט און מילדען כאַראַקטער. די תפלה האָט איינענטליך בעדאַרפט דיענען פאַר אַ פראָבע צווישען אידען גופא, כדי צו דערקענען דורך איהר, אויב עמיצער שטעהט ניט אין נאָהנטע בעציהונגען מיט די מינים, אָדער אויב ער איז נאָר בשתיקה אַליין ניט קיין מין (אַ איד-אַ קריסט), דען מען האָט דערביי בעשטימט, אַז דער, ווער עס וועט, דאַוונענדיג פאַר'ן עמוד, דורכלאָזען אָט די תפלה, אָדער די אַנדערע וועגען אויפבויען צוריק ירושלים און די אידישע מלוכה, זאָל מעהר ניט צוגעלאָזען ווערען צום עמוד פאַר אַ שליח צבור (אַ חזן). וועגען די דאָזיגע בעשלוסען האָט די סנהדרין געגעבען צו וויסען אַלע אידישע קהלות דורך בריעף. אין די שפּעטערדיגע צייטען האָבען די קריסטען געמאַכט אַ פאָרוואורף אידען, אַז זיי פערשילטען דריי מאָל אין טאָג, ד. ה. אין זייער דאַוונען שחרית, מנחה און מעריב, קריסטוס'ן. די דאָזיגע בעשולדיגונג נעגען אידען איז אָבער אויך אַזוי אונגערעכט, ווי אַלע אַנדערע עהנליכע. ניט צו דער פערזאָן פונ'ם גרינדער פון קריסטענטום, ניט צו די גוים-קריסטען האָט די דאָזיגע תפלה געהאַט אַ שייכות, נור צו די „מינים”, דאָס הייסט, צו יענע אידען, וועלכע זענען אָבגעפאַלען פון יודענטום און האָבען איהם נערודפ'ט מיט זייער שנאָה און פעראַכטונג, ניט אָבשטעלענדיג זיך אויך אפילו פאַר מאַכען מסירות אויף אידען ביי דער רוימישער רעגירונג. צו די גוים-קריסטען דאַגעגען האָבען אידען לגמרי נישט געהאַט קיין טענות און תביעות; גראָד פערקעהרט: די אידען זענען העכסט צופרידען געווען, וואָס דורכ'ן קריסטענטום האָבען די געצענדיענער זיך בעקענט מיט'ן איינציגען אידישען גאָט און זיין תורה, דען די אידען האָבען דאָך שטענדיג תפלה געטהון, אַז אַזאַ צייט זאָל שוין קומען. אָבער אפילו אין דער בעציהונג צו די מינים זענען אויך ניט אַלע דאַמאָליגע געלעהרטע אידען צופריהען געווען מיט דער דערמאָנטער תפלה. שמואל הקטן, וועלכער האָט זי אַליין פערפאַסט, פלעגט זי דורכלאָזען ביים דאַוונען. אויך די ערשטע קריסטען מיט אַלע זייערע אידישע סעקטעס האָבען, ווי עס שיינט, אויפגענומען די דאָזיגע תפלה גאַנץ גלייכגילטיג, חייל זיי האָבען אַליין געשפירט, דאָס זיי געהערען שוין מעהר ניט צום יודענטום און זיי חאָבען זיך שוין אַליין אויך אָבגעזאָגט פון די אידען, וועלכע זענען געווען זייערע נאַטירליכע ברידער. דער נט־בריתות, וועלכען זיי האָבען געשיקט צו אידען, געפינט זיך נאָך איצט אויך: עס איז דער אַפּאָסטאָלישער בריעף „צו די העברעער”, וואו עס ווערט שאַרף ערקלערט: „לאָמיר זיך אויסציהען פון דעם לאַגער (דאָס הייסט: פון דער אידישער נאַציאָן), ווייל ניט דאָ (אין ירושלים) איז די בלייבענדע (איי־בינע) שטאָדט, נור אין דער צוקינפטיגער שטאָדט”. יודענטום

און קריסטענטום האָבען איינער דעם אַנדערען אַלזאָ אָבגעשטויסען פון זיך, ווי זיי האָבען ביידע אָבגעשטויסען פון זיך די געצענדיענערײַ. וואָס מעהר דאָס קריסטענטום האָט זיך דערווייטערט פון יודענטום, אַלץ מעהר האָט עס פערגעסען, אָדער געמאַכט זיך פערגעסענדיג, ניט בלויז פון וואַנען עס איז געקומען, נאָר אפילו אויך, פון ווען עס האָט גענומען דעם הויפט־עלעמענט פון זיין אינהאַלט, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק צוגעצויגען צו זיך די פערשטיינערטע הערצער פון די געצענדיענער. דער ערשטער שריט פון פערפרעמדען זיך פון אידען האָט געפיהרט די קריסטען צו אַ פאַנאַטישער שנאָה געגען דעם אידישען פאָלק.

דערמיט, וואָס די אידען־קריסטליכע סעקטעס זענען אַרויסגעטראָטען פון יודענטום, איז אָבער נאָך ניט איבערגעריסען געוואָרען אינגאַנצען זייער איינפלוס אויף די אידען; געוויסע גנאָסטישע אַנשויאונגען, וועלכע האָבען זיך אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצעלט ביי אידען, אַז זיי האָבען אפילו אין דער תפלה אויך געפונען אַ געוויסען אָבקלאַנג, האָבען איצט נעדאַרפט אינגאַנצען אויסגעשלאָסען ווערען פון יודענטום. אַמשטאַרקסטען האָט געפאָדערט רבי עקיבא, אַז מען זאָל אָננעהמען שטרענגע מיטלען, אָבצוגרענעצען זיך פון יענער טעאָזאָפיע, וועלכע פיהרט צום אָבפאַל פון יודענטום (שמד); ער האָט ערקלערט, אַז מען טאָר ניט לערנען פאַר'ן פאָלק די מעשה־מרכבה, אָדער די קאַפּיטלען אין ישעיהו און יחזקאל, וואו די נביאים דערצעהלען וועגען זייערע „זעהונגען" אין הימעל, ווײַל די גנאָסטישע פילאָזאָפען האָבען מיט די דאָזיגע זעהונגען פערבונדען זייערע סיסטעמען און טרוימערייען. רבי עקיבא, וועלכער איז אַליין אויך געוועסט „אַרײַנגעקומען אין פרדס־גאָרטען", דאָס הייסט, ער האָט זיך בעקענט מיט דער גנאָסטישער חכמה און בעוויזען זיך אָבצוהאַלטען פון איהרע פעהלערן און טעות'ן, האָט אַרויסגעזאָגט אַ קורצען אָבער אַ זאַפטיגען מאמר געגען דער פאַלשער לעהרע פון די גנאָסטיקער: „אַלץ ווערט (דורך גאָט) פאָראויסגעזעהען, אָבער דער מענש האָט אַ פרייען ווילען; די וועלט ווערט גע'משפט דורך גוטס־קייט און, נעמליך, לויט די פיעל מעשים־טובים (פונ'ם מענשען)". דאַדורך האָט ער זיך ערקלערט געגען די גנאָסטיקער, אָדער אידען־קריסטען, וועלכע האָבען געלערנט, אַז מיט'ן [גלויבען אַליין איז שוין דער מענש זוכה צו דער הימלישער מלוכה. צוליעב דעם, וואָס אין יענער צייט האָט מען שטאַרק אָנגעהויבען פערשפרייטען די עוואַנגעליען, אָדער אַפאָסטאָלישע בריעף, ווי אויך גנאָסטישע שריפטען, וועלכע האָבען געקאָנט האָבען אַ געוויסען איינפלוס אויף ווייניגער אויפגעקלערטע אידען, האָט רבי עקיבא ערקלערט, אַז דער, וואָס לייענט זיי, פערלירט זיין חלק אין עולם־הבא, פונקט ווי דער, וואָס לייקענט אָב, אַז די תורה שטאַמט פון הימעל, אָדער אין תחית המתים. די דאָזיגע שטרענגע מיטלען האָבען געווירקט: אין אידישע קרייזען האָט מען זיך פעסט געהאַלטען אָן דעם ריינעם בעגריף, וואָס דאָס יודענטום האָט אויסגעאַרבייט וועגען גאָט און זיין בעציהונג צו

דער וועלט, ווי אויך אן די אידישע מדות-טובות, און אין דער צוקונפט האט דאס געדארפט רייך בעפרוכטען דעם אידישען געדאנק. ווי מיט א יאהר זיבען-אכט-הונדערט פריהער האבען די נביאים אבגעהיט די ריינע אידישע תורה און איהרע בעגריפען וועגען גאט פון דער פערפעלשונג דורך די געצענדיענער און דער געצענדיענערייא, אזוי האבען די תנאים פון דער איצטיגער עפאכע אבגעהיט דאס ריינע יודענטום פון א זייטיגען איינפלוס און פון אריינדרינגען אין איהם נייע עלעמענטען, וועלכע זענען פרעמד פאר זיין גייסט. שטרעבענדיג צום זעלבסט-שוץ, האבען זיי פון איין זייט אויסגעשלאסען פון זייער סביבה די אידען-קריסטען, און פון דער אנדערער זייט—פערשלאסען דעם וועג פאר די פרעמדע געדאנקען, אז זיי זאלען ניט קאנען אריינדרינגען אין אידישען לעבען; דאס יודענטום איז דאדורך פערפאנצערט געווארען געגען יעדען שטורם, וועלכער האט אויף איהם זיך אריבערגעטראגען אין א משך פון פיעל הונדערטער יאהרען, און איז זיך געבליבען שטעהן פעסט און אונבעריהרט אין זיינע הויפט-יסודות.

## דריטעס קאַפּיטעל.

# דאָס יודענטום אונטער די קיסרים דאָמיציאַנוס נערוואַ און טראַיאַנוס.

(23—47 נאָכ'ן חורבן, אָדער 93—117 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג).

אין דער צייט, וואָס די סנהדרין אין יבנה האָט דורך פערשידענע תקנות בעוויזען צו פערהיטען דאָס יודענטום פון'ם איינפלוס פון אויסגעוועניג מצד די פערשידענע זייטיגע סעקטען, איז שיער ניט אויסגעבראָכען אַ שפּאַלטונג אין יודענטום גופא. רבן גמליאל'ס שטרענגקייט, מיט וועלכער ער האָט אָבגעהיט די אַחדות אין אידישען לעבען און דענקען, בעזונדערס אין לערנען די תורה, און זיין אָבהיטען דעם אויטאָריטעט פון דער נשיאות מיט דער הילף פון אַ חרם, ווי אויך זיינע אַנדערע שטרענגע מיטלען האָבען אָט די שפּאַלטונג געקאָנט לייכט ברענגען, ווען די דאַמאָליגע אידישע מנהיגים וואָלטען ניט געווען אַזוי פאָרזיכטיג און אָבגעשטעלט די מחלוקת אויפ'ן ריינעם געביט פון פּרינציפּען, אויסשליסענדיג יעדע מעגליכקייט פון פערזענליכע אינטערעסען און פניות.

רבן גמליאל האָט שוין געהאַט בעוויזען אויסצוגלייכען אַלע פּאַרטייִ-מחלוקת און רעליגיעזע פראַגען און צוריקצושטעלען די אַחדות, ווען ער האָט פּלוצלינג דערזעהען, אַז געגען זיין מאַכט טרעט אַרויס אַ פּערזענליכקייט, געגען וועלכער עס איז איהם ניט מעגליך געווען צו האַלטען זיך. די דאָזיגע פּערזענליכקייט איז געווען בן זכאי'ס תלמיד דער תנא רבי יהושע בן חנניה; אָט דער רוהיגער שטילער, נאָכגיביגער און, דוכט זיך, וועניג געפעהרליכער תלמיד-חכם, איז געוואָרען אַ גרויסער געגנער פאַר'ן נשיא. ווי שוין דערמאָנט, איז רבי יהושע אויך אַזוי, ווי רבי אליעזר, ניט געווען צופרידען מיט אייניגע תקנות, וואָס רבן גמליאל האָט איינגעפיהרט, נאָר ער האָט זיך ניט דערוואַגט עפענטליך אַרויסצוזאָגען זיין אונצופרידענהייט, מעגליך, הערפאַר, וואָס ער איז געווען, צוליעב זיין אָרימ-

קייט, און זעהר אַ נעדריקטער לאַגע, חעהרענד דער נשיא איז געוועזען אַ רייכער מאַן און זעהר אָנגעזעהען ביי אַלעמען. איינמאָל האָט דער נשיא מקדש געוועזען דעם חודש תשרי און, ממילא, אויך בעשטימט, ווען עס דאַרפען געפאַלען די ימים-טובים און אויך דער האַרבער תענית יום-כפור, שטיצענדיג זיך אויף צוויי עדות, וועלכע מען האָט געקאָנט חושד זיין, אַז זיי זאָגען פאַלש. רבי יהושע האָט אָנגעוויזען דעם נשיא זיין טעות און געפאָדערט, אַז די סנהדרין זאָל ענדערן דעם נשיא'ס בעשטימונג פון ראש-חדש אויף אַן'אַנדער טאָג. רבן גמליאל האָט זיך אָבער שטרענג געהאַל-טען ביי זיין ערשטער בעשטימונג און בעפוילען רבי יהושע'ן, אַז ער זאָל קומען צו איהם אין דעם טאָג, ווען עס געפאַלט לויט זיין (רבי יהושע'ס) חשבון יום-כפור, ווי אין אַ וואָכענדיגען טאָג, „מיט זיין שטעקען, רייזע-זאַק און זיין געלד-ביטעל". די דאָזיגע דיקטאַטאָרישע פאָדערונג איז רבי יהושע'ן פאָרגעקומען צו-שטרענג, און ער האָט זיך געקלאָגט דערויף ביי איינינע פון זיינע חברים, זענענדיג בעשלאָסען ניט צו פאָלגען דעם נשיא. די חברים האָבען אין דער גרונד-פראַגע איינגעשטימט מיט רבי יהושע'ן, אָבער זיי זענען אַזוי שטאַרק געוועזען איבערצייגט, ווי נויטיג עס איז די אַחדות, אַז זיי האָבען איהם געגעבען אַן'עצה צו פאָלגען דעם נשיא. רבי יהושע האָט געפאָלגט זייער עצה און איז געקומען אין זיין יום-כפור צום נשיא, אַזוי ווי ער האָט איהם בעפוילען. דער נשיא רבן גמליאל איז געוועזען העכסט גערירט; ער האָט איהם אויפגענומען הערצליך און גע-קושט איהם, ערקלערענדיג: „שלום דיר, מיין רבי אין תורה און מיין תלמיד אין געהאָרזאַמקייט. גליקליך איז דער דור (די צייט), ווען די גרויסע גע-האָרכען צו די קלענערע". — דער דאָזיגער שלום האָט אָבער געדויערט ניט לאַנג. די שטרענגקייט פון רבן גמליאל האָט בעשאַפען געגען איהם אַ פאַרטיי, וועלכע האָט בשתיקה אָנגעהויבען צו פיהרען אַן'אַגיטאַציע געגען זיין נשיאות. דער נשיא האָט, מעגליך, חושד געוועזען רבי יהושע'ן, אַז ער שטעהט אין שפיץ פון דער געגנערישער פאַרטיי דעריבער פלעגט ער אָפט איהם בעליידיגען און בעגעהן זיך מיט איהם זעהר שטרענג. איינמאָל איז אָבער די שטילע אָנגעשטרענגטקייט אויסגעבראָכען און געבראַכט צו אַן'איבערקעהרעניש אין סנהדרין. — דער נשיא האָט ווידער האַרט בעליי-דיגט רבי יהושע'ן, מאַכענדיג איהם אַ פאָרוואורף, אַז ער טרעט אַרויס געגען די בעשלוסען פון דער נשיאות. דאָס איז געוועזען אַ שווערע אָנקלאַ-גע. דער בית-המדרש איז דאַמאָלס געוועזען געפאַקט מיט תלמידים-חכמים און צוהערער פון פאָלק, עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבען אַ געוואַלדיגער טומעל געגען דעם נשיא פאַר זיין בעליידיגען איינעם פון די גרעסטע תנאים, אַ מיטגליעד פון סנהדרין, וועלכער איז געוועזען שטאַרק בעליעבט ביים אָרימען פאָלק און נעשטאַנען נאָהענטער צו איהם איידער צו דער אַריסטאָקראַטיע. די פאַרטיי, וועלכע איז געוועזען געגען דעם נשיא, איז ענדליך אַרויסגעטראָטען אין גרויס אויפרעגונג עפענטליך געגען איהם און

זיין הנהגה און מען האָט אויסגערופען צו איהם: „וועמען האָסטו שוין ניט
נעדריקט מיט דיין שטרענגקייט!" דער גאַנצער בית־המדרש איז פערענדערט
געוואָרען אין אַ געריכטס־הויז, וואָס האָט זיך גענומען בעטראַכטען די מעשים
פון דעם נשיא, און די סנהדרין האָט צוגענומען די נשיאות ביי רבן
גמליאל. צוזאַמען מיט'ן נשיא זענען אויך בטל געוואָרען פיעל פון זיינע
תקנות, וועלכע ער האָט אָנגענומען געגען דעם ווילען פון זיינע חברים.

די פאַרטיי־אָנפיהרער האָבען באַלד אָנגעהויבען טראַכטען וועגען אויס־
קלייבען אַנ'אַנדער נשיא, כדי ניט איבערצולאָזען די הויכע שטעלע אָהן
אַ פערטרעטער. די געגנער האָבען אָבער געהאַט אַזוי פיעל טאַקט, ניט
צו בעליידיגען דעם נשיא רבן גמליאל דורכ'ן אויסקלייבען זיין געגנער רבי
יהושע בן חנניה, ווייל דאַדורך וואָלט די קרענקונג פונ'ם אַראָבגעזעצטען
נשיא נאָך מעהר פערגרעסערט געוואָרען. רבי אליעזר בן הורקנוס וועל־
כער וואָלט אַמבעסטען געפּאַסט צו דער נשיאות, איז געווען אַ מוחרם
דורך רבן גמליאל'ן און, אַלס אַזעלכען, האָט מען איהם ניט געקאָנט אויס־
קלייבען פאַר אַ נשיא. דער תנא רבי עקיבא האָט דורך זיין שטאַרקען
גייסט און גרויסער לומדות געוויס געפּאַסט פאַר דער נשיאות, אָבער ער
האָט ניט געשטאַמט פון אַ יחוס־משפחה און איז פריהער אַליין געווען אַ
גרויסער עם־הארץ. די חברים האָבען דעריבער בעשלאָסען אויסצוקלייבען
דעם יונגען מיטגליעד פון סנהדרין, רבי אלעזר בן עזריה וועלכער
איז געווען גרויס סיי מיט זיין תורה און חכמה, סיי מיט זיין יחוס, דען
ער האָט געשטאַמט פון אַנ'אַלטער משפחה פון כהנים, ווי אויך מיט זיין
עשירות און חשיבות ביי דער רוימישער רעגירונג אין לאַנד יהודה. אויך
אין גייסט און געמיט איז רבי אלעזר ניט געשטאַנען נידעריגער פאַר רבן
גמליאל, און ער איז דעריבער אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ נשיא פון
סנהדרין. די דאָזיגע אַראָבזעצונג פון אַ נשיא און אויסקלייבען אַנ'אַנדערן
אָנשטאָט איהם איז געווען אַ וויכטיגע עפּאָכע אין אידישען רעליגיעזען
לעבען, און אין די שפּעטערדיגע צייטען פלעגט מען דאָס דערמאַנען אין
קורצען: „דאָס איז געוועזען אין יענעם טאָג". ווי עס שיינט, האָט מען לויט
רבי יהושע'ס פאָרשלאַג בעשלאָסען דאַמאָלס תיכף איבערצוקוקען נאָכ־
אַמאָל די דינים, וועלכע די סנהדרין האָט שוין איינמאָל געהאַט בעשלאָ־
סען צו פסק'ענען לויט הלל'ס שולע, און אָננעהמען וועגען זיי אַ בעשלוס,
לויט'ן רוב דעות אין סנהדרין. אַלס אַנ'אויסנאַהם איז די סנהדרין דאַמאָלס
בעשטאַנען פון 72 פּערזאָן, און אַט האָט ער פאָרגענומען אויסצופאָרשען
עדות וועגען אַלע הלכות, וואָס זיי האָבען געהערט פון די פאַרצייטיגע
חכמים, חאָטש מען האָט שוין לאַנג געהאַט אָנגענומען וועגען זיי אַ בעשלוס.
עס זענען אַרויסגעטראָטען פיעל עדות וועגען פערשיעדענע הלכות; צווי־
שען די עדות זענען אויך געווען צוויי וועבער, וועלכע האָבען געוואָהנט
פריהער אין ירושלים אין אָרימסטען שטאָדט־טייל, און זיי האָבען איצט
עדות געזאָגט אויף איינע הלכות, וואָס זיי האָבען געהערט איבערגעבען

אינ'ם נאָמען פון שמעיה ואבטליון. די דאָזיגע זאַמלונג פון די עדות-זאָגען „אין יענעם טאָג" וועגען פערשידענע הלכות האָט מען גערופען „עדיות" (דאָס הייסט: ערקלערונגען פון עדות), און זי איז בלי ספק געווען די עלטסטע זאַמלונג פון הלכות.

דער דאָזיגער טאָג איז אויך וויכטיג געווען וועגען צוויי פראַגען פון אַנ'אַלגעמיינעם אינטערעס, וועלכע זענען דאַמאָלס בעטראַכט געוואָרען: אַ געצענדיענער פון די עמונים איז אַרויסגעטראָטען מיט אַ שאלה פאַר דער פערזאַמלונג, אויב ער קאָן, לויט'ן געזעץ, אָנגענומען ווערען, אַלס אַ גר, אין דער אידישער געזעלשאַפט. רבן גמליאל האָט איהם פריהער געענטפערט, לויט'ן דין פון דער תורה, אַז די בני עמון און מואב דאַרפען ניט אַריינגענומען ווערען אין דער אידישער געזעלשאַפט אפילו אין צעהנטען דור. רבי יהושע האָט אָבער ערקלערט, אַז דעם פסוק פון דער תורה קאָן מען ניט אָנווענדען אויף די געגענווערטיגע אומשטענדען, ווייל (סנחריב) דער איינגעהמער פון פאָדערשט-אַזיען האָט צומישט אַלע פעלקער און מען ווייס מעהר ניט, ווער עס האָט געהערט צו די עמונים און מואבים. די צווייטע פראַגע איז געווען וועגען דער הייליגקייט פון די צוויי ספרים „קהלת" און „שיר השירים", דען די שולע פון שמאי האָט גור געוואָלט אויסשליסען דעם ספר „קהלת" פון תנ"ך, ווייל „ער איז ניט געזאָגט געוואָרען מיט'ן רוח-הקדש", נור ער איז אַ פראָדוקט פון פילאָזאָפישען פאַרשען און דענקען. די איצטיגע סנהדרין, וועלכע האָט בכלל ניט איינגעשטימט מיט פיעל בעשלוסען פון בית-הלל, האָט אַלזאָ אויך אונטערגענומען צו בעטראַכטען די פראַגע וועגען די ביידע ספרים, אָבער עס איז ניט קלאָר בעוואוסט, ווי אַזוי מען האָט דאַמאָלס די פראַגע בעשלאָסען. ווי עס שיינט, האָט דער גרויסער נאָמען „שלמה המלך", וועלכער איז, לויט דער מסורה, געווען דער פערפאַסער פון די דאָזיגע ספרים, מנצח געווען אינ'ם וכוח, און די ספרים זענען דעריבער איינגעשלאָסען געוואָרען ענדליך אין תנ"ך.

עס איז אַ שענער שטריך אין רבן-גמליאל'ס כאַראַקטער, אַז כאָטש ער האָט „אין יענעם טאָג" געהאַט אויסצושטעהן פיעל בעליידיגונגען און קרענקונגען, פונדעסטוועגען האָט ער ניט אויפגעהערט צו קומען אין בית-המדרש און טיילנעמען אויך ווייטער אין די רעליגיעזע וכוחים, כאָטש ער האָט געהאַט וועניג אויסזיכטען, אַז זיינע פיעל געגנער זאָלען דערלאָזען דורכפיהרען זיינע מיינונגען. עס איז אָבער אויך מעגליך, אַז רבן גמליאל האָט אַליין אויך איינגעזעהען, דאָס ער איז מיט זיין שטרענגקייט געגאַנגען צו-ווייט, און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט געהאַט אַזוי פיעל געגנער, ער האָט העריבער בעשלאָסען נאָכצוגעבען. ער איז אפילו אויך אַליין געגאַנגען צו זיין הויפט-געגנער, צו רבי יהושע, כדי צו בעטען, אַז ער זאָל איהם מוחל זיין, אויב ער, אַלס נשיא, האָט איהם אַמאָל בעליידיגט. קומענדיג צו רבי יהושע'ן אין שטוב, האָט רבן

גמליאל איהם געפונען בעשעפטיגט מיט זיין מלאכה: ער האָט אויסגעאַרבייט נאָדלען (לויט אַנ'אַנדער נוסח, איז ער געווען אַ קויהלען־ברענער). דער רייכער רבן גמליאל האָט זיך זעהר געוואונדערט איבער דער גרויסער אָרימקייט פונ'ם אידישען תלמיד־חכם און האָט ביי איהם געפרעגט: „אַלזאָ אָט דערפון האָסטו דיין פרנסה?" רבי יהושע האָט אויסגענוצט די דאָזיגע געלעגענהייט, כדי צו שטראָפען רבן גמליאל'ן פאַר זיין ניט־זאָרגען פאַר די אָרימע תלמידי־חכמים, און אויסגערופען טרויעריג: „אַז אָך און וועה, אַז דו האָסט זיך ערשט דערפון דערוואוסט! וועה איז דעם דור (דער צייט), וואָס דו ביזט זיין מנהיג! ניט דו ווייסט דעם צער פון די תלמידי חכמים, ניט דיר איז בעקאַנט, מיט וואָס זיי זענען זיך מפרנס!" רבן גמליאל האָט געדולדיג אויסגעהערט די שטראָף און אויסגערופען: „זיי מיר מוחל!" דערביי האָט ער איהם בעשוואָרען, צו טהון דאָס, צוליעב דעם כבוד פון הלל'ס הויז. רבי יהושע האָט זיך באַלד געלאָזט איבערבעטען און איז געוואָרען דער ערגעבענסטער פריינד פון רבן גמליאל. איצט איז מען געשטאַנען פאַר אַ שווערער אויפגאַבע: מען האָט געדאַרפט בעוועגען דעם ניי־אויסגעקליבענעם נשיא אָבצוטרעטען צוריק די נשיאות פאַר רבן גמליאל'ן, און מען האָט זיך געפיהלט אין אַ גרויסער פערלעגענהייט, ווי אַזוי אָנצוזומען רבי אלעזר בן עזריה'ן אַזאַ זאַך. אָבער דער גרויסער רודף־שלום, רבי עקיבא, האָט גענומען די שווערע אויפגאַבע אויף זיך, און ער האָט געזאָגט צו רבי יהושע'ן: „צי האָבען מיר דען געקעמפפט נור פון דיין כבוד וועגען? מאָרגען געהען מיר ביידע צום נייעם נשיא און ריידען מיט איהם וועגען דער זאַך." די זאַך האָט זיך טאַקי געענדיגט אויך זעהר לייכט, דען ווי נור רבי אלעזר בן עזריה, דער נייער נשיא, האָט דערהערט, אַז רבן גמליאל האָט איבערגעבעטען זיינע געגנער, האָט ער באַלד ערקלערט, אַז ער איז אַליין בערייט איהם אָבצוטרעטען די נשיאות צוריק, און האָט זיך אויך אויסגערופען צו געהען צו רבן גמליאל מיט אַלע מיטגליעדער פון סנהדרין, צו בעטען איהם, אַז ער זאָל ווידער אָננעהמען די נשיאות. אַזוי־אַרום איז רבן גמליאל ווידער געוואָרען נשיא, אָבער רבי אלעזר בן עזריה איז שוין ניט אַראָב פון זיין גדולה: דען מען האָט איהם בעשטימט פאַר אַנ'„אַב־בית־דין" (וויצע־פרעזידענט) אָדער שטעלפערטרעטער פונ'ם נשיא. פון איצט אָן האָט דער נשיא פערנומען זיין שטעלע צוויי וואָכען און די דריטע וואָך איז געווען אויף דער שטעלע זיין שטעל־פערטרעטער.

דער שטרייט האָט זיך אַלזאָ געענדיגט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזע אַז דאָס איז ניט געווען אַ שטרייט צוליעב פערזענליכע ענינים, צוליעב כבוד, אָדער ליעבע צו שררות'שאַפט, נור אַ פּרינציפּיעלער שטרייט, ווייל יעדע פּאַרטיי האָט בכלל אַנדערש געקוקט אויף דער נשיאות און איהר בעדייטונג. דער שלום איז צוריקגעשטעלט געוואָרען אַזוי פאָלקאָם אַז מען האָט אינגאַנצען פערגעסען אָן שטרייט און אין סנהדרין האָט גע־

הערשט אַ פאָלקאָמע אַחדות. מעגליך, אַז די נייע פּאָליטישע אומשטענדען אין דאָמיציאַנוס'עס רעגירונג האָט מיטגעווירקט, אַז מען זאָל דעם שטרייט וואָס ניכער פערענדיגען, כדי צו קאָנען אין אַחדות אָבווענדען די נעפאַהרען וועלכע זענען פאָרגעשטאַנען פאַר אידען פון אויסענווייניג מצד די רוימער.

בכלל איז רבן גמליאל אין סנהדרין געוועזען דער פאָרשטעהער פון אַחדות און אויטאָריטעט, וועלכע האָבען געדאַרפט פעסט האַלטען די גאַנצע נאַציאָן אין איהר רעליגיעזען און נאַציאָנאַלען לעבען און מאַכען זי אָבהענגיג פון איין פעסטען מיטעלפונקט — די סנהדרין. זיין שוואָגער, רבי אליעזר בן הורקנוס, דאַגעגען, האָט פערטראָטען אַן'אַנדער מיינונג, אַז מען דאַרף אין אַלע פראַגען זיך ריכטען נור לויט די אַלטע טראַדיציעס פון די פריהערדיגע חכמים. רבי אליעזר בן הורקנוס האָט געהאַט אַן'אייגענעם בית־המדרש אין לוד, וועלכער איז אין אַ משך פון פיעל הונדערטער יאָהרען געוועזען דער איינציגער מקום־תורה אין דרום־קאַנט פון יהודה. כאָטש רבי אליעזר איז געוועזען אַ תלמיד פון רבי יוחנן בן זכאי, פון הלל'ס תלמידים, פונדעסטוועגען איז ער געוועזען אַ שטרענגער אָנהענגער פון שמאי'ס שולע און האָט אין זיין גאַנצען לעבען זיך בעמיהט דורכצופיהרען איהרע פרינציפּען. איינשטימענדיג אינגאַנצען מיט שמאי'ס שולע, האָט ער געהאַלטען פאַר מאַסגעבענד נור די וואָרטליכע טראַדיציע, ווי ער האָט זי ערהאַלטען פון די עלטערע אויטאָריטעטען; נור דאָס האָט ער געהאַלטען פאַר ריכטיג און ניט מסופק'דיג, דאַגעגען די אַלע געזעצען, וועלכע מען האָט אַליין געהרונגען פון דער תורה, לויט די בעוואוסטע כללים (מדות), ווי פערשטענדיג זיי האָבען ניט געזאָלט זיין, זענען זיי דאָך פאַר איהם ניט געווען גענוג איבערציינענד און פערפּליכטענד, אַזוי ווי די איבערגענומענע געזעצען. זיין גאַנצע לעבענס־אויפגאַבע האָט ער געזעהען דערין, צו דערהאַלטען און איבערצוגעבען די תלמידים די הלכות, וועלכע ער האָט איבערגענומען פון זיינע רביים, ניט דערלאָזענדיג זיי דערוויטערן דורך אייגענע סברות, אָדער אויך מאַכען צו זיי וועלכע עס איז ביילאַגען. זיין רבי, רבי יוחנן בן זכאי, האָט איהם אָנגערופען „אַן'אויסגעקאַלכטער ברונען, וואו עס געהט ניט פערפאַלען קיין איינציגער טראָפען וואַסער". אינ'ם ראַזינען זין האָט רבי אליעזר געלערנט מיט זיינע תלמידים זיין גאַנצען לעבען לאַנג. אויף שאלות, וועלכע מען האָט איהם פאָרגעלעגט וועגען דעם, ווי אַזוי מען ברויכט צו פערשטעהן אַ געזעץ פון דער תורה, פלעגט ער שטענדיג ענטפערן מיט אַ הלכה, וועלכע ער האָט געהערט פון זיינע רביים, אָדער ערקלערען מיט תמימות: „איך חיים ניט, ווייל איך האָב וועגען דעם פון מיינע רביים גאָרנישט געהערט".

פון דער דאָזיגער אַנשויאונג פון רבי אליעזר שטאַמען, ווי עס שיינט, אויך זיינע לעצטע רייד צו זיינע תלמידים: „האַלט־אָב אייערע קינדער פון נאָכדענקען און זאָגען אייגענע סברות און הלכות (הגיון), און זעצט זיי בע־

סער צווישען די קניען פון תּלמידי־חכמים" (ס'הייסט: זאָלען זיי בעסער איבערנעהמען פּועל הלכות פון רבּיים).

רבּי אליעזר בן הורקנוס איז אַלזאָ געוועזען דער קאָנסערוואַטיווער פאָרשטעהער פון די דאַמאָליגע תּלמידי־חכמים; ער איז געוועזען דער אָרגאַן פונ'ם געטריַיען זכרון פאַר דער טראַדיציע, אָדער דער „געקאַלכטער ברונען", וועלכער האָט קיין טראָפּען ניט געלאָזען גיהן לאבוד, אָבער אויך קיין איין טראָפּען ניט געלאָזען צוקומען. אַמשטאַרקסטען איז געוועזען דער קאָנטראַסט צווישען איהם און רבּן גמליאל, וועלכער האָט איהם אויך אַריַינגעלעגט אין חרם נור דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ניט געוואָלט בויגען פאַר'ן נשיא'ס מיינונג און דאַדורך געשטערט די אַחדות, וועלכע איז אין דעם נשיא'ס אויגען געשטאַנען העכער פאַר אַלע אַנדערע אינטערעסען; רבּי אליעזר'ס אויטאָריטעט איז אָבער געשטאַנען אַזוי הויך ביי אַלעמען, אַז קיינער האָט זיך ניט דערוואַגט, צו גיהן איהם מודיע זיין וועגען דעם חרם. און ווידער האָט זיך גענומען דערפאַר רבּי עקיבא; שוואַרץ געקליידעט איז ער געקומען צו רבּי אליעזר און ערקלערט: „מיר דוכט זיך, אַז דיינע חברים האָבען זיך פון דיר אָבגעזונדערט". רבּי אליעזר האָט פערשטאַנען באַלד אויפ'ן וואונק, וואָס ער וויל זאָגען, און, ניט פּראָטעסטירענדיג, האָט ער געלעבט פון יענער ציַיט אָן אָבגעזונדערט פון זיינע חברים, די תּלמידי־חכמים.

און אָט אין דער ציַיט האָט רבּי אליעזר זיך בעקענט מיט די אידען־קריסטען. ער הערצעהלט אַליין, אַז מען האָט איהם איבערגעגעבען אַ געזעץ אין זייער נאָמען, וועלכעס שטיצט זיך אויף דער תּורה, און דאָס געזעץ איז איהם געפעלען געוואָרען. דאָס איז געוועזען נאָך אין יענער ציַיט, ווען די אידען מיט די אידען־קריסטען זענען געשטאַנען אין נאָהענטע בעציהונגען. די דאָזיגע בעקאַנטשאַפט האָט איהם שיער ניט געקאָסט דאָס לעבען, דען ווען דעם קייזער דאָמיציאַנוס האָט אָנגעהויבען פערפאָלגען די אידען־קריסטען אין לאַנד יהודה, האָט מען רבּי אליעזר'ן אויך בעשולדיגט, אַז ער געהערט צו זיי. דאָמיציאַנוס האָט זיך דערוואוסט, אַז די אידען־קריסטען האַלטען ישו פאַר איינעם, וואָס שטאַמט פון דוד המלך'ס הויז, און דעריבער האָט ער מורא געהאַט, אַז ס'וועט ווידער אויסברעכען אַן אויפשטאַנד אין יהודה אונטער דער פאָהן פון דוד המלך. בשעת די רדיפות נעגען די אידען־קריסטען האָט מען אַלזאָ אַרעסטירט אויך רבּי אליעזר'ן און געבראַכט קיין קיסרין צום רוימישען שטאַטהאַלטער, וועלכער האָט אויסגערופען: „עס איז אונמעגליך, אַז אַ מיטגליעד פון סנהדרין זאָל זיך פערנעהמען מיט אַזעלכע ענינים". דערויף האָט רבּי אליעזר געענטפערט: „דו ביזט גערעכט". דערמיט האָט ער אַלזאָ אָבגעלייקענט, דאָס ער האָט אַ שייכות צו די אידען־קריסטען, און דער שטאַטהאַלטער האָט איהם פריַיגעשפּראָכען, ערקלערענדיג: „איך וואָב מיר גאָר ניט געקאָנט פאָרשטע־

לען, אַז אַ אידישע פערזאַמלונג פון תלמידי-חכמים זאָל קאָנען טהײלנעהמען אין אַזאַ סעקטע".

זײַנע לעצטע יאָהרען האָט רבי אליעזר גע‏לעבט אײנזאַם, ניט טהײלנעהמענדיג אין די זיצונגען פון סנהדרין און אָהן אײַנפלוס אויף דער ענטװיקלונג פון דער תורה שבעל-פה, אָבגעזונדערט פון מענשען און טרויעריג. אין דער דאָזיגער שטימונג האָט ער אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר האַרטע װערטער: „װאַרים זיך אין'ם פײַער פון די חכמים, אָבער היט זיך פאַר זײערע ברענענדיגע קויהלען, אַז דו זאָלסט זיך ניט אָבבריהען, װײַל זײער ביס איז דער ביס פון אַ שאַקאַל, זײער שטאָך — דער שטאָך פון אַן עקדיש (סקאָרפּיאָן) און זײערע רײד — ברענענדיגע קויהלען". דאָס זענען געװען ביטערע װערטער פון אַ געקרענקטען געמיט, װעלכער פיהלט שװער זײַן ביטערע לאַגע, אָבער שפּירט דאָך אין האַרצען, אַז זײַנע פערפאָלגער זענען אין גרונד ניט נאָר אונגערעכט געגען איהם.

רבי יהושע איז געװען אַן עכטער קאָנטראַסט פון רבי אליעזר; ער איז געװען אַ װײכער, נאָכגיביגער האַראַקטער און אַ רודף שלום. ער האָט בעשיצט די תורה און דאָס פאָלק פון אײנזײטיגקײט און גוזמאות און איז דעריבער געװאָרען אײנער פון די גרינדער פון דער תורה אויפ'ן באָדען פון שלום און פשרות, װי אויך אַ װאָהלטעטער פון פאָלק. — אָבשטאַמענדיג פון שבט לוי, פון דער זינגער-קלאַס, האָט רבי יהושע בן חנניה אין דער יוגענד נאָך אַלײן געזעהען די פּראַכט פון בית-המקדש און טהײלגענומען אין די תהלים-געזאַנגען מיט'ן חאָר. צוזאַמען מיט זײַן רבי'ן, רבי יוחנן בן זכאי, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון ירושלים, װען ער האָט אײַנגעזעהען, אַז מען װעט דעם חורבן פון דער הײליגער שטאָדט ניט בעװײַזען אָבצװוענדען. נאָך רבי יוחנן'ס טויט האָט ער, װי שוין דערמאַנט, געגרינדעט אַ ישיבה אין פּקיעין, װאו ער האָט געלערנט מיט זײַנע תלמידים. דערבײַ האָט ער זיך מפרנס געװען פון זעהר אַן אָרימער מלאכה, נעהערענדיג, אויף אַזאַ אופן, צום קרײז פון די תלמידי-חכמים און צום פּראָסטען המון (דורך זײַן מלאכה). האָט רבי יהושע פערא‏ײניגט אין זײַן פּערזאָן בײדע קלאַסען און איז געװען דער אײנציגער תלמיד-חכם, װעלכער האָט געהאַט אַן אײַנפלוס אויף די אידישע מאַסען. אויסער דער ידיעת-התורה, האָט רבי יהושע, װי עס שײַנט, אויך געהאַט אַ ידיעה אין אַסטראָנאָמיע און זאָל אפילו אויך האָבען בערעכענט *) דעם גאַנג פון אַ

*) פּראָפעסאָר גרעץ שרײַבט אין דער בעמערקונג: „װאַהרשײַנליך, דער האַלעי'אישער קאָמעט, װאָס בעװײַזט זיך אײנמאָל אין 70—75 יאָהר". דאָס איז אָבער אַ גאַנץ אונמעגליכע זאַך. דער האַלעי'אישער קאָמעט איז ערשינען דעם 29-טען מערץ אין יאָהר 141 נאָך דער קריסטליכער צײַטרעכנונג, דאַמאָלס איז שוין אָבער רבן גמליאל געװען טויט, װעהרענד אין דער מעשה מיט'ן בלאָנדזשענדען שטערען װערט דערצעהלט, אַז רבי יהושע מיט רבן גמליאל

קאָמעט. דען איינמאָל איז רבי יהושע געפאָהרען צוזאַמען מיט רבן גמליאל
אין אַ שיף און רבן גמליאל'ן האָט פערפעהלט עסענוואַרג, ווערהרענד רבי
יהושע האָט נאָך געהאַט געניג, ווייל רבי יהושע האָט געוואוסט, אַז
עס דאַרף ערשיינען אַ קאָמעט (ביי גרעץ: ער האט בערעכענט), וועלכער
וועט מבלבל זיין די שיפער, און ממילא וועט די רייזע דויערן לענ-
גער. די דאָזיגע קענטעניש פון רבי יהושע ערשיינט בעזונדערס מערק-
ווירדיג דערפאַר, ווייל אפילו די געבילדעטסטע פעלקער פון יענער צייט
האָבען ניט געוואוסט, ווען דער קאָמעט דאַרף צוריקקומען.— אָבער נאָך
מעהר, ווי זיין קענטעניש אין דער וויסענשאַפט, האָבען רבי יהושע'ן בע-
רג'ט זיינע גוטע מדות—זיין עניוות, זיין מילדקייט, זיין ליעבע צום
שלום, דורך וועלכע ער איז אינגאַנצען עהנליך געווען צו זיין רבי'ן, רבי
יוחנן בן זכאי. דורך זיין מעסיגקייט און ליעבע צום שלום האָט ער פיעל
מאָל פערהיט, אַז עס זאָל ניט קומען צו אַ שפּאַלטונג ביי אידען.— די
וועלכינע מילדקייט און מעסיגקייט האָט רבי יהושע אויך אָבגעהיט אין זיין
לערנען תורה; ער האָט פיינד געהאַט אַלע גוזמאות און וואונדערליכקייטען
און האָט שטענדיג געהאַט אין זינען די לעבענס-אומשטענדען. ווען מען
האָט נעדאַרפט אָננעהמען אַ נייע הלכה פאַר די פרומע קנאים, וועלכע
האָבען נאָכ'ן חורבן פון בית-המקדש זיך אָבגעזאָגט פון וויין און פלייש,
ווייל מען קאָן פון אַזעלכע זאַכען ניט ברענגען מעהר קיין קרבן, האָט
רבי יהושע ערקלערט: „טאָ דאַרף מען דאָך אויך קיין וואַסער ניט טרינ-
קען, ווייל מען פלעגט דאָך עס גיעסען אויפ'ן מזבח, און קיין ברויט האָט
מען ניט נעברויכט צו עסען, ווייל דערפון פלעגט מען דאָך ברענגען אַ
מנחה“. רבי יהושע האָט דעריבער אַרויסגעשטעלט אַזאַ פרינציפּ: „מען
דאַרף ניט גוזר זיין קיין גזרה, וואָס פאַר'ן רוב פון פאָלק זאָל שווער זיין
אָבצוהיטען זי“. רבי יהושע איז אויך אַרויסגעטראָטען געגען די שווערע
תקנות, וואָס שמאי'ס שולע האָט אַרויסגעגעבען קורץ פאַר'ן חורבן בית-
המקדש: „אין יענעם טאָג—האָט רבי יהושע ערקלערט—האָט מען אַרי-
בערנעהאַפּט די מאָס. עס איז אויסגעקומען, ווי מען גיסט אַריין וואַסער
אין אַ כלי מיט בוימאייל: וואָס מעהר וואַסער מען גיעסט אַריין, אַלץ
מעהר בוימאייל גיעסט זיך אַרויס“. דערמיט האָט רבי יהושע געוואָלט זאָ-

ווענען דאַמאָלס צוזאַמען געפאָהרען אין אַ שיף. וואָס אָנבעלאַנגט דער השערה, אַז רבי יהושע
האָט בערעכענט, אַז דער קאָמעט דאַרף קומען, האָט זי געוויס קיין שום גרונד ניט. רבי
יהושע האָט אין גאַנצען פאַל געקאָנט נור האָבען בקבלה פון די קדמונים, אַז דער קאָמעט
בעוויזט זיך איינמאָל אין 70—75 יאָהר, אָבער ווענען אַ רעכענונג קאָן כלל קיין רייד ניט זיין,
ווייל מען האָט נאָך אין יענער צייט קיין בעגריף ניט געהאַט ווענען דעם עליפּטישען גאַנג פון
אַ קאָמעט און ממילא האָט מען אויך ניט געקאָנט איהם אויסרעכענען.

(איבערזעצער)

נען: וואָס מעהר שווערע דינים מען ניט אַרויס, אַלץ ווענינער הויבט מען אָן צו ערפילען, וואָס באמת וויכטיג איז.

אַדאַנק זיין מילדען חאַראַקטער, האָט רבי יהושע געשפּיעלט די העכסט וויכטיגע ראָליע פון אַפערמיטלער צווישען די צורייצטע אידען און די פערווילדעוועטע און גרויזאַמע רוימער. ער איז געוועזען דער איינציגער צווישען די תנאים, צו וועלכען די רוימער האָבען געהאַט פאָלקאָמען צוטרוי. ניט זענענדיג קיין פריינד פון די רוימער און קיין פעררעטער פון די אינטערעסען און דעם כבוד פון זיין פאָלק, האָט ער שטענדיג גערא־טען אידען אויסצוזוכען זייערע שוואַכע כחות נעגען די גרויסע כחות פון רוים און צו זיין בעסער נאָכגיביג אין פיעל פּרטים.

# רבי עקיבא בן יוסף.

אין דער גרויסער רייהע פון די תנאים אין יבנה איז רבי עקיבא בן יוסף געוויס געוועזען בעגאַבט מיט'ן גרעסטען אָריגינעלען טאַלענט און האָט אויך געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס ביי אידען. ניט לאַנג האָט רבי עקיבא געלעבט אַלס תנא און לעהרער פון פיעל תלמידים, אָבער אין אָט דער קורצער צייט האָט ער בעוויזען זעהר פיעל אויפצוטהון פאַר דער גאַנצער אידישער צוקונפט אין די וויט־וויטע צייטען. די געשיכטע פון רבי עקיבא'ס יוגענד און שטודיום איז בעפּוצט מיט'ן חן פון דער ראָמאַנטישער לעגענדע און געניע פּרטים פעהלען. לויט דער לעגענדע, האָט רבי עקיבא געשטאַמט פון גרים, פון „די איינעקלעך פון סיסרא", נעגען וועלכען עס האָט געפיהרט מלחמה די נביאה דבורה; לויט אַן אַנדער לעגענדע, זאָל ער האָבען געדיענט אין דער יוגענד אַלס משרת ביים רייכען אידען אין ירושלים כלבא שבוע, און איז געוועזען אַ גרויסער עם־הארץ; די זעלביגע לעגענדע דערצעהלט אויך, אַז כלבא שבוע'ס טאָכטער, רחל, האָט זיך אין איהם פערליעבט און צוגעזאָגט חתונה צו האָבען מיט איהם בתנאי אַז ער זאָל פריהער תורה לערנען. און אָט דעריבער האָט ער זיך בעשלאָסען אַריינצוטרעטען אין אַ בית־מדרש און אָנצוהויבען לערנען תורה גאָר פון אָנהויב. אינגיכען האָט ער אָבער דערגרייכט ביז זעהר אַ הויכער מדרגה און איז ענדליך אַריבערגעשטיגען אַלעמען אין זיין לומדות און מיט זיין שאַרפען מוח. כלבא שבוע האָט דערווייל אַרויסגעטריבען זיין טאָכטער פון שטוב פאַר איהר ליעבע צום עם־הארץ, און זי האָט פיעל יאָהרען געלעבט אין אָרימקייט, אַרבייטענדיג און שטיצענדיג רבי עקיבא'ן מיט איהר פערדיענסט. זי זאָל אפילו אויך האָבען פערקויפט איהרע שענע האָהר, כדי צו שטיצען איהר געליעבטען. זיכער איז געוויס, אַז רבי עקיבא איז אין דער יוגענד געוועזען אַן'עם־הארץ, דען ער אַליין דערצעהלט וועגען זיך, אַז אין יענער צייט פון זיין אונוויסענהייט האָט ער אַזוי שטאַרק

נעהאַסט די תּלמידי-חכמים, אַז עס האָט זיך איהם געוואָלט „בייסען זיי, ווי אַן אייזעל". די גרויסע התמדה און געדולד האָט אָבער איהם געגעבען כּח פיעל צו לערנען שוין אין די עלטערע יאָהרען, ביז ער איז געוואָרען איינער פון די ערשטע תּלמידי-חכמים.

רבי עקיבא האָט נעהאַט אַ גאַנץ אייגענטימליכען סיסטעם אין לערנען די תּורה; דעם דאָזיגען סיסטעם האָט ער דורכגעפיהרט מיט גרויסער אויסגעהאַלטענקייט און גענויאיגקייט. רבי עקיבא קאָן בכלל בעטראַכט ווערען, אַלס דער איינציגער סיסטעמאַטיקער פון יענער צייט. אין געגענזאַץ צו רבי אליעזר בן הורקנוס האָט רבי עקיבא בעטראַכט יעדע הלכה ניט אַלס אַ טויטען אוצר, וועלכען מען האָט בעקומען בירושה און מען קאָן איהם שוין ניט פערגרעסערן, נאָר מען דאַרף דערהאַלטען איהם אין זכּרון, אינ'ם „געקאַלכטען ברונען"; פאַר איהם איז די הלכה פיעלמעהר געווען אַ פרישער קוואַל, פון וועלכען מען קאָן תּמיד אַרויסבעקומען עטוואָס נייעס. אַלס הויפט-פּרינציפּ האָט רבי עקיבא פעסטגעשטעלט, אַז די תּורה איז בכלל ניט גלייך צו אַ וועלכען עס איז געזעץ-בוך, נאָר יעדעס וואָרט איהרס, יעדער אות האָט אַ בעזונדערע בעדייטונג, בעזונדערס אינ'ם טייל פון די געזעצען פון דער תּורה. אין דער ליטעראַטור געברויכט מען געוועהנליך פערשיעדענע אויסדריקען, וועלכע דיענען נור אַלס ציערונג פון דער שפּראַך, מען ווענדעט אויך אָן די אַזוי-גערופענע „פיגורען" — איבער'חזר'ונגען, מליצות, פערגלייכונגען (מעטאַפאָרען) א. ד. ג. — מיט איין וואָרט: די פאָרם, וועלכע איז ווייניג נויטיג צום פערשטעהן דעם ענין, און דיענט בלויז צו בעפרידיגען דעם עסטעטישען געפיהל פונ'ם מענשען; אין דער תּורה דאַגעגען — האָט רבי עקיבא ערקלערט — איז קיין איינציג אות נישטאָ, וואָס זאָל זיין געשטעלט בלויז צוליעב דער פאָרם; אין איהר שפּיעלט די פאָרם בכלל ניט קיין ראָליע, דען אַלעס איז אין איהר דער עצם געזעץ, אָדער אַ טייל, אַן ערקלערונג פון געזעץ; אפילו אַן אות פון דער תּורה האָט אַ בעדייטונג. עטוואָס איבעריגס, צוליעב דער פאָרם, ווי אין אַ געוועהנליך ליטעראַריש ווערק, איז אין דער תּורה נישטאָ. יעדער בעזונדערער אויסדרוק, יעדעס גראַמאַטיקאַלישע וואָרט, יעדעס צייכען אפילו דאַרף עטוואָס אָנווייזען אינ'ם געזעץ און בעציהען זיך אויף זיין ערקלערונג. צו די זיבען מדות פון הלל הזקן האָט רבי עקיבא צוגעלעגט אַלזאָ פיעל נייע כּללים, ווי אַזוי צו לערנען די תּורה און, אַ דאַנק איהם, האָט די תּורה שבעל פה בעקומען גאָר נייע מיטלען צו ענטוויקלען זיך. אין דער הינזיכט איז רבי עקיבא'ס לעהרער געווען מנחם איש גמזו (מנחם פון גימזא, אָדער פון עמאַוס). מנחם האָט זיך אָבער אַליין אָבגעזאָגט פונ'ם דאָזיגען סיסטעם אויף דער עלטער, געפינענדיג, אַז אַזוי-אַרום קאָן מען מאַכען געפעהרליכע פּשטים אין דער תּורה, וועלכע קאָנען פיהרען צום אָבלייקענען אויך די אַחדות פון גאָט, װעהרענד רבי עקיבא האָט זיך פעסט געהאַלטען ביים דאָזיגען סיסטעם,

ערקלערענדיג, אַז מען קאָן אין יעדען פאַל מאַכען דעם „דרש" אַזוי, אַז ער זאָל נור דיענען אויף צו פערשטאַרקען די תורה שבעל־פה און די אמונה אינ'ם איינציגען גאָט.

מיט זיין סיסטעם האָט רבי עקיבא דורכגעבראָכען אַ נייעם וועג פאַר דער תורה שבעל־פה און געעפענט פאַר איהר אַ נייע פערספּעקטיווע. יענע הלכות, וואָס מען פלעגט וועגען זיי זאָגען, אַז זיי זענען „בערג, וואָס הענגען אויף אַ האָהר", דען זיי האָבען ניט, אויף וואָס צו שטיצען זיך, האָט רבי עקיבא דורך זיין סיסטעם בעגרינדעט; דאַדורך האָט ער געמאַכט אַ סוף צו פיעל מחלוקת וועגען פערשידענע הלכות. זיינע חברים זענען זיי פערבלענדעט געווען פון זיין שאַרפזיניגקייט און בעגייסטערט דורך זיינע נייע איינפאַלען, וועלכע מען האָט אין דער ווירקליכקייט געמוזט אַנערקענען פאַר גאַנץ אַלטע. מען האָט איינגעזעהען, אַז ווען ניט רבי עקיבא, וואָלט די גאַנצע תורה שבעל־פה געשטאַנען אין סכנה פערגעסען צו ווערען, דען ערשט דורך זיינע דרשות האָט ער פאַר די הלכות בעשטימט אַ פעסטען און זיכערען אָרט אין דער תורה נופא. מען איז אַריינגעקומען אין אַזאַ גרויסער התלהבות פון רבי עקיבא'ס דרשות, אַז מען האָט ערקלערט, דאָס פיעל הלכות, וועלכע זענען משה'ן ניט געווען בעוואוסט, זענען ענטדעקט געוואָרען רבי עקיבא'ן.

ווי רבי עקיבא האָט די הלכות בעגרינדעט דורך זיינע דרשות, אַזוי האָט ער זיי אויך דערהויבען דורך דער מעטאָדישער אָרדנונג, וועלכע ער האָט אין זיי איינגעפיהרט; דאַדורך האָט ער מעגליך געמאַכט, דאָס מען זאָל אַמאָל נאָך קאָנען מסדר זיין און אָבשליסען דעם רייכען מאַטעריאַל פון די הלכות. ביז רבי עקיבא'ן זענען די הלכות איבערגעגעבען געוואָרען פון איין מענשען צום אַנדערן, פון דור צו דור, אָהן קיין שום צוזאַמענהאַנג און גרופּירונג, אַלס אַ „געפאַקטער מאַגאַזין"; כדי צו געדענקען אַלע הלכות, האָט מען געמוזט יאָהרענלאַנג זיצען ביי פערשידענע תלמידי־חכמים און חזר'ן זיי אויסווענדיג; דערצו האָט מען געברויכט צו האָבען אַ געוואַלדיגען זכרון, כדי צו קאָנען אַלץ געדענקען. רבי עקיבא האָט אָבער לייכט געמאַכט דאָס שטודיום פון די הלכות, סיסטעמאַטיזירענדיג זיי און קומענדיג דאַדורך צו הילף דעם זכרון. ער האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט בעזונדערע סדרים פאַר די הלכות, למשל, פון שבת און יום־טוב, פון קידושין און גט'ן, פון כשרות און טרפות, פון „מיין און דיין" א. אַ. וו. אַזוי אַרום זענען ענטשטאַנען די ערשטע „מסכתות" (פאַך, Textus). אין יעדער אָבטיילונג נופא האָט ער איינגעאָרדענט די געזעצען לויט די צאָהלען, ווי, למשל, „זעקס און דרייסיג כריתות", „פיער קלאַסען פון הזיקות", „פינף טאָרען ניט אָבשיידען קיין תרומה" א. אַ. וו. דורך אַזעלכע מיטלען האָט רבי עקיבא געהאָלפען די תלמידים צו געדענקען בעסער די הלכות.

רבי עקיבא'ס אָריגינעלער אופן צו לערנען תורה, וועלכער ציילענט זיך אויס, לויט'ן אינהאַלט, דורך זיין נייער מעטאָדע, ווי אַזוי אַרויסצודרי־

קען הלכות פון דער געשריבענער תורה, און, לויט דער פאָרם, דורכ'ן סיסטעמאַטיזירען און אָרדנען די הלכות, האָט אפילו אין דער ערשטער צייט דערוועקט פערשידענע געגנער, אָבער ביסלעכווייז איז ער שטאַרק אָנגענומען געוואָרען ביי די תלמידי־חכמים און האָט אַרויסגעשטויסען די פריהערדיגע מעטאָדע. דער נאָמען פונ'ם נייעם בעגרינדער פון דער תורה שבעל־פה איז געוואָרען העכסט בעריהמט אין אַלע אידישע קהלות, נאָ־הענטע און ווייטע. די יונגע תלמידים, וועלכע האָבען געפונען מעהר אינ־טערעס אין די שאַרפזיניגע דרינגענישען און פערגלייכונגען, איידער אינ'ם אויטאָמאַטישען איינ'חזר'ן די הלכות און אָנשטרענגען דעם זכרון, האָבען זיך באַלד פערזאַמעלט אַרום רבי עקיבא'ן. לויט איין לעגענדע, זאָל ער האָבען געהאַט אַרום זיך צוועלף טויזענד תלמידים; לויט אַ צווייטער — פיער און צוואַנציג טויזענד. אין בעגלייטונג פון זיינע, אַלענפאַלס פיעל, תלמידים — דערצעהלט ווייטער די לעגענדע — איז רבי עקיבא ענדליך געקומען אויפזוכען זיין געליבטע רחל, וועלכע האָט געלעבט אין גרויס דחקות. די סצענע פון זיין ווידערזעהן זיך ווערט געשילדערט זעהר מאַלע־ריש. פון דער גאַנצער געגענד איז צוזאַמענגעקומען אַ גרויסע מאַסע אידען מקבל־פנים צו זיין דעם בעריהמטען תנא. צווישען די אַרויסגעקומענע איז אויך געוועזען אַנ'אָרים געקליידעטע פרוי. ווי נור זי האָט איהם דערזעהען, האָט זי זיך דורכגעשלאָגען דורכ'ן גרויסען עולם, כדי צו בעגעגענען איהר געליבטען פון דער יוגענד. די תלמידים האָבען שוין געוואָלט צוריק־שטויסען די אָרימע פרוי, וועלכע האָט זיך אַזוי שטאַרק געריסען צו זייער רבי'ן, אָבער דאָ האָט רבי עקיבא אויסגערופען: „לאָזט איהר, דען דאָס, וואָס איך בין און וואָס איהר זענט, האָבען מיר נור איהר צו פערדאַנקען!“ פון דער צייט אָן האָט רבי עקיבא געלעבט מיט זיין פרוי אין גרויס עשירות, נאָכדעם ווי די אָרימקייט פון דער פרוי איז אַזוי גרויס געווען, אַז זי האָט אפילו ניט געהאַט קיין שטרוי, אויף וואָס צו שלאָפען. רבי עקיבא איז אויך זעהר שטאָלץ געוועזען מיט זיין שטאַרק־געפּרובטער פרוי און ער פלעגט זאָגען: „נור יענער איז אַנ'עושר, וועלכער האָט אַ פרומע און אַ גוטע פרוי.“

רבי עקיבא האָט געוואָהנט שטענדיג אין „בני ברק“, וואו ער האָט געהאַט זיין בית־מדרש מיט אַ ישיבה פון פיעל תלמידים. אָבער, אַלס מיט־גליעד פון סנהדרין, פלעגט ער אָפט קומען קיין יבנה, וואו מען פלעגט נור זעלטען אָננעהמען אַ בעשלוס וועגען אַ הלכה אָהן איהם. איינמאָל, ווען רבי עקיבא איז ניט געוועזען ביי דער זיצונג פון סנהדרין, האָט מען ניט געקאָנט אָננעהמען קיין בעשלוס וועגען אַ וויכטיגער פראַגע, דען מען האָט ערקלערט: „ווען רבי עקיבא איז נישטאָ, זיצט די תורה אין דרויסען“. רבי עקיבא איז אָבער ניט געוואָרען שטאָלץ ביי זיך, זעהענדיג, וואָס פאַר אַ גרויסען כבוד מען גיט איהם אָב; ער האָט נאָך, ווי פריהער, זיך גע־האַלטען מיט גרויס ענוות נעגען זיינע לעהרער און חברים.

אין דער ענטוויקלונג פון דער תורה שבעל־פה, אין וועלכער רבי עקיבא האָט אַרײַנגעבראַכט כמעט אַ גאַנצע איבערקערעניש, פערנעהמט אויך אין יענער צײַט אַ גרויסען אָרט דער תנא **רבי ישמעאל בן אלישע**, וועלכער האָט פערטראָטען אינ׳ם ערקלערען די תורה און אַרויסדרינגען פון איהר הלכות דעם נאַטירליכען זין און פערשטאַנד און איז אַלזאָ געוועזען דער הויפּט־געגנער פון רבי עקיבא מיט זײַן דרש־סיסטעם. רבי ישמעאל, וועלכער האָט, גלײַך ווי רבי עקיבא, געהערט צום יונגערן דור פון די דאַמאָליגע תנאים, איז געוועזען אַ זוהן פון איינעם פון די לעצטע כהנים־גדולים פאַר׳ן חורבן, אלישע, וועלכען יוסף בן מתתיהו רופט אָן מיט׳ן נאָמען „פאַבי“. לעבענדיג פון דער הכנסה פון זײַנע ווײַנגערטנער און זענענדיג אַ רײַכער מענש, האָט רבי ישמעאל פערטהון זײַן פערמעגען אויף „הכנסת כלה“, — ער פלעגט אויפהאָדעווען און חתונה מאַכען אָרימע יתומות אָדער טעכטער פון אידען, וואָס זענען פעראָרימט געוואָרען, וועהרענד די מלחמות מיט רוים. — אין לערנען תורה האָט ער זיך געהאַלטען בײַם פּרינציפּ: די הלכה דאַרף אײַנשטימען מיט׳ן אינערליכען זין פון׳ם געזעץ אין דער תורה שבכתב. פון די שאַרפע דרשות פון רבי עקיבא׳ן האָט ער ווענינג־וואָס געהאַלטען און איינמאָל, ווען מען האָט בעטראַכט אַ וויכטיגע פראַגע און רבי עקיבא האָט ערקלערט: „איך דרש׳ן די ווערטער „בת ובת“, האָט רבי ישמעאל אויסגערופען מיט איראָניע: „צי דען דערפאַר, וואָס דו דרשנ׳סט „בת ובת“ וועלען מיר פערמשפט׳ן אָט די פרוי צום פערברענען?“ — לויט רבי ישמעאל׳ן, רעדט די תורה אין איהרע געזעצען מיט אַ גאַנץ מענשליכער שפּראַך, אין וועלכער מען טרעפט איבערגעחזר׳טע אויסדריקען, רעדנערישע בילדער, מליצות א. ד. ג., וועלכע האָבען ניט קיין בעזונדערע בעדײַטונג פאַר׳ן געזעץ, ווײַל זיי זענען געוועהנליכע שפּראַך־פאָרמען. אויף אַזאַ אופן האָט רבי ישמעאל אינגאַנצען מבטל געמאַכט רבי עקיבא׳ס דרשות. רבי ישמעאל האָט אָבער אויך אָנגענומען די „זיבען מדות“ — די לאָגישע געזעצען פון הלל הזקן — און זיך בעמיהט צו דערווײַזען, אַז זיי געפינען זיך אין דער תורה גופא. די זיבען מדות האָט רבי ישמעאל פערגרעסערט ביז דרײַצעהן, וועלכע זענען אַנערקענט געוואָרען אַלס אַ נאָרמע בײַם ערקלערען די תורה פון משה׳ן. דערבײַ האָט מען אָבער אויך אָנגענומען רבי עקיבא׳ס מעטאָדע, חאָטש זיי זענען זיך טיילמאָל סותר איינע די אַנדערע. סיי די כללים פון רבי ישמעאל׳ן, סיי רבי עקיבא׳ס מעטאָדע זענען געבליבען גלײַכבערעכטיגט בײַ אידען עד היום.

די פינף גרויסע לײַט, די תנאים: **רבן גמליאל**, דער פערטרעטער פון אַחדות, **רבי אליעזר בן הורקנוס**, דער שטרענגער פערטרעטער פון די איבערגענומענע הלכות, **רבי יהושע בן חנניה**, דער מילדער אויסגלײַכער פון קאָנטראַסטען, **רבי עקיבא**, דער גרויסער סיסטעמאַטיקער און דרשן, און **רבי ישמעאל**, דער פערטרעטער פון נאַטירליכע

און לאַגישען ערקלערען די תורה — ווי אַלע האָבען דאָס יודענטום כמעט אינגאַנצען איבערגעבויט אין אַ נייער פאָרם; איצט איז עס געוואָרען אַ פראַכטפולער בנין מיט אַלע געוויעסטע אָבטיילונגען. אין איהר נייער פאָרם איז די תורה אַזוי בעפעסטיגט געוואָרען, אַז זי האָט געקאָנט האַלטען זיך טויזענדער יאָהרען, ניט שרעקענדיג זיך פאַר אַ וועלכען ס'איז איינפלוס פון אויסענווענינ, און אויך געקאָנט האָבען אַנ'איינפלוס אויף דער אויסענוועלט.

דאָס יודענטום האָט ניט געהאַט די מעגליכקייט צו שיקען זיינע שליחים צו די פעלקער, ווי דאָס קריסטענטום האָט דאָס געטהון; עס האָט ניט געקאָנט און ניט געוואָלט אויך געבען אַזעלכע הנחות די געצענדיענערישע פעלקער, ווי דאָס קריסטענטום האָט עס געטהון. ווער ס'האָט דאָס יודענטום אָנגענומען, ד. ה. ער האָט זיך מגייר געווען, דער האָט געמוזט נעהמען אויף זיך אַ שווערען יאָך פון תורה און מצוות, און פונדעסטוועגען האָבען אין יענער צייט זעהר פיעל געצענדיענער אָנגענומען דעם אידישען גלויבען. די צאָהל פון די גרים אין די מזרח־לענדער, אין קליין־אַזיען און בעזונדערס אין רוים איז אין יענער צייט געווען זעהר גרויס, אַזוי אַז מען האָט אפילו אין יבנה געמוזט אָננעהמען געוויסע דינים וועגען די גרים, און רבן גמליאל האָט אין דער תפלה „שמנה עשרה“ אויך אַריינגענומען אַ ברכה אויף די „גרי הצדק“. אין דער ווירקליכקייט האָבען די גוים אָנגענומען דאָס יודענטום מיט'ן גאַנצען האַרצען אָהן קיין שום פניה, דען קיין נוצען האָבען זיי דערפון געוויס ניט געקאָנט האָבען, דען דער פּאָליטישער צושטאַנד פון אידישען פאָלק איז געווען זעהר אַ טרויעריגער; אין דער רעגירונג פון דאָמיציאַנוס האָבען זיי דערצו נאָך געדאַרפט אָנהויבען געבען אַנ'אָבצאָהל, וועלכער איז פאַר זיי גאַנץ פרעמד געווען — דעם ספּעציעל־אידישען אָבצאָהל (מחצית השקל). די גרים־בעוועגונג צווישען די געצענדיענער האָט געשטאַמט פון צוויי אומשטענדען: ערשטענס, די פערשפּרייטונג פון תנ"ך אין דער גריכישער איבערזעצונג און, ממילא אויך, פון דער הויכער אידישער עטיק צווישען די גריכען און רוימער, און צווייטענס, די גרויסע גבורה און מסירת־נפש, וואָס עס האָבען בעוויזען די קנאים אין דער מלחמה געגען רוים, האָבען שטאַרק דערוועקט די בעוואונדערונג צווישען די פעלקער און געעפענט זיי די אויגען איינצוזעהען די גרויסע מאָראַלישע קראַפט, וועלכע שטעקט אין דער אידישער תורה.

זעהר אַ צופריעדענע געשעהעניש איז געווען פאַר דער אידישער וועלט דאָס מגייר זיין זיך פונ'ם גריך עקילאַס (אונקלוס), וועלכער האָט געשטאַמט פון דער געגענד פאָנטוס (ביים שוואַרצען ים), וואו ער האָט געהאַט רייכע גיטער און פיעל שקלאַווען. זייענדיג גוט געבילדעט אין דער גריכישער ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, האָט ער פערלאָזען דעם געצענדיענערישען קולט, כדי צו פעראייניגען זיך מיט די גוים־קריסטען, וועלכע האָבען זיך שטאַרק בערימט מיט אַזאַ אָנהענגער. ער האָט זיך אָבער

באַלד אָבגעזאָגט פונ'ם קריסטענטום, כדי צו פערטײשען עס אויפ'ן יודענטום. די קריסטען האָט די זאַך זעהר געקרענקט, און זיי האָבען דעריבער פערשפרייט וועגען איהם אַ שם רע. עקילאס איז געבליבען געטריי דעם יודענטום זיין גאַנצען לעבען און האָט מיט'ן גוטען ווילען ערפילט אַלע אידישע מצוות, אָבהיטענדיג אפילו אויך יענע שטרענגע מנהגים, וועלכע די חסידים האָבען אויף זיך מקבל געווען. ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבען, און עקילאס האָט צוטיילט מיט זיינע ברידער די גרויסע ירושה, האָט ער בעקומען אַ געוויסע סומע געלד פאַר די געצען פון זיין פאָטער. עקילאס האָט אָבער ניט געוואָלט האָבען קיין הנאה פונ'ם דאָזיגען געלד און האָט עס אין ים אַריינגעוואָרפען.

בעריהמט האָט זיך עקילאס געמאַכט דורך אַ נייע איבערזעצונג פון דער תורה אויף גריכיש. די קריסטען האָבען זיך בעגאַנגען מיט דער אַלטער איבערזעצונג פון דער תורה (Septuaginta), לויט ווי עס האָט פאַר זיי געפאַסט, און פערענדערט אין איהר פיעל שטעלען, אַראָבנעהמענדיג, אָדער צולעגענדיג פיעל ווערטער; אייניגע קריסטליכע פאָרשטעהער האָבען אין דער אַלטער איבערזעצונג פון דער תורה איבערגעמאַכט אייניגע שטעלען, כדי זיי זאָלען זיך בעציהען אויפ'ן קריסטענטום; די אַלעקסאַנדרינישע אידען ווידער האָבען פון זייער זייט אויך איבערגעמאַכט אין דער איבערזעצונג אייניגע שטעלען, כדי מען זאָל זיי ניט קאָנען אויסטייטשען אלס אַנ'אָנווייזונג אויפ'ן קריסטענטום. די סעפטואַגינטאַ, אָדער די ערשטע גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה, איז אַזוי-אַרום געוואָרען אַ געביט פון פאָלעמיק, און די שפורען פון דעם דאַמאָליגען פאַרטיי-קאַמפף קאָן מען נאָך איצט אויך בעמערקען אין איהר.—אָבער די אידען אין די גריכיש-רעדענדע לענדער האָבען זיך דורכאויס גענויטיגט אין אַ גוטער גריכישער איבערזעצונג פון דער תורה און פון די נביאים, לויט וועלכער מען פלעגט געוועהנליך ערקלערען די געלעזענע שטעלען אין די שוהלען נאָך קריאַת התורה אין העברעאישען אָריגינאַל. און אָט צוליעב דעם האָט דער גר-צדק, עקילאס, גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו מאַכען אַ נייע גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה. אַלס געבאָרענער און געבילדעטער גריך, האָט ער בעזעסען פאָלקאָמען די גריכישע שפראַך; נאָכדעם ווי ער האָט זיך מגייר געווען, האָט ער לאַנג תורה געלערנט און פאָלקאָמען זיך בעקענט מיט דער העברעאישער שפראַך. אין זיין איבערזעצונג האָט ער זיך שטרענג געהאַלטען ביים העברעאישען טעקסט, איבערזעצענדיג גענוי וואָרט ביי וואָרט, ניט שרעקענדיג זיך דערפאַר, וואָס דעם גריכישען לעער וועט די איבערזעצונג פאָרקומען ניט גאַנץ פערשטענדיג. ווען עקילאס איז געקומען קיין ארץ-ישראל, האָט ער פאָרגעשטעלט זיין איבערזעצונג די תנאים, רבי אליעזר און רבי יהושע, און זיי האָבען זי זעהר געלויבט. עקילאס האָט דאַמאָלס זיך אויך בעקענט מיט'ן תנא רבי עקיבא און זיינע „דרשים", לויט וועלכע יעדעס וואָרט און יעדער אות האָט, ווי שוין דער-

מאָהנט אַ געוויסע בעדײַטונג פאַר'ן געזעץ. עקילאס'ן איז די דאָזיגע מעטאָדע צו לערנען תורה אַזוי שטאַרק געפעלען געוואָרען, אַז ער האָט זײַן איבערזעצונג נאָך אַמאָל איבערגעאַרבײַט, כדי אַרײַנצופיהרען אויך אין איהר יעדעס וואָרט, פון וועלכען רבי עקיבא דרינגט אַרויס אַ הלכה. עקילאס'עס אַרבײַט האָט דערוועקט בײַ אידען אַלגעמײַנע בעוואונדערונג און מען האָט אויף איהר אָנגעווענדעט דעם פסוק: „יפת אלהים ליפת וישכן באָהלי שם" — וואָס טײַטש: „גאָט האָט בעשאָנקען יפת'ן (דאָס הײסט: די גריכען) מיט אַ שענער שפּראַך, און איצט וועט זי רוהען אין די געצעלטען פון שם (דאָס הײסט: בײַ אידען)". און אויב די פרומע אידען אין ארץ-ישראל זענען מיט דער ערשטער איבערזעצונג געווען שטאַרק אונצופרידען, ווײַל זײ האָבען זיך געשראָקען, אַז מען האָט פערגרײַזט דעם אידישען טעקסט, זענען זײ איצט געווען מיט דער איבערזעצונג פון עקילאס העכסט צופרידען, ווײַל זי איז געווען זעהר אַ גענויע, כמעט, וואָרט בײַ וואָרט. מען האָט דעריבער די דאָזיגע איבערזעצונג ערקלערט פאַר הײליג און פאָרגעלעגט צו געברויכען זי אין עפענטליכע פאָרלעזונגען. — עקילאס'עס איבערזעצונג האָט זיך געשווינד זעהר שטאַרק פערשפּרײַט. אפילו די אידען-קריסטען (Ebioniten), וועלכע זענען אויך ניט געווען צופרידען מיט די ענדערונגען, וואָס מען האָט געמאַכט אין דער סעפּטואַגינטאַ, כדי אָנצווײַזען שטעלען, וואָס בעציהען זיך אויף ישו, האָבען אויך אָנגעהויבען צו געברויכען אין זײער גאָטעס-דיענסט עקילאס'עס איבערזעצונג, ווײַל זײ האָבען זי אַנערקענט, אַלס אַ ריכטיגע. צוליעב אָט דעם גרונד אָבער האָבען די גוים-קריסטען פערהאַסט זײַן איבערזעצונג און זײער בײַשפּיעל האָבען אויך נאָכגעטהון יענע סעקטעס פון די אידען-קריסטען, וועלכע האָבען זיך אָבגעזונדערט פון די „אביונים" און זענען געוואָרען אָנהענגער פון אַפּאָסטאָל פאַול. זײ איז בעזונדערס שטאַרק ניט געפעלען געוואָרען, וואָס עקילאס האָט איבערגעזעצט אין ישעיה דעם בעוואוסטען פסוק: „זעה, אַ יונגע פרוי איז שוואַנגער און זי וועט געבוירען אַ זוהן, וועלכען מען וועט רופען עמנואל". די קריסטען האָבען דעם פסוק איבערזעצט: אַ יונגפרוי וועט שוואַנגער ווערען, ערקלערענדיג, אַז דאָס איז אַ נבואה אויף ישו'ס געבורט.

עקילאס'עס איבערזעצונג איז געווען זעהר וויכטיג פאַר זײַן צײַט; אָבער איצט איז זי פערלאָרען געגאַנגען און עס זענען פון איהר געבליבען נור קלײנע טײלען. די איבערזעצונג פון עקילאס האָט פאַר זיך גענומען שפּעטער אַ מוסטער אַן'אַנדער איבערזעצער, וועלכער האָט די תורה איבערזעצט אויף חאַלדעאיש (אַראַמעאיש). דאָס איז דער תרגום אונקלוס*)

*) אונקלוס איז אַ פערגרײַזונג פון וואָרט עקילאס, די פערגרײַזונג שטאַמט פון דער דאַמאָליגער אויסשפּראַך.

דאס הייסט: די ווארטליכע איבערזעצונג, גלייך ווי עקילאס האט זי געמאכט אין גריכיש. — עקילאס'עס איבערזעצונג איז אן'אמת וואונדערווערק: ווי אזוי א געבארענער גריך האט עס בעוויזען אזוי טיעף אריינצודרינגען אינ'ם חאראקטער פון דער העברעאישער שפראך און דער הלכה-ליטעראטור, אז ער האט געקאנט איבערגעבען די פיינסטע שאטירונג פון העברעאישען אין גריכיש! נור דורך א גרויסער בעגייסטערטער ליעבע פאר'ן יודענטום קאן מען אזא זאך ערקלערען. עקילאס האט געלעבט אינ'ם קרייז פון די תנאים און פאר רבן גמליאל'ן האט ער געהאט אזוי פיעל אכטונג און ליעבע, אז ער האט נאך זיין טויט געלאזט פערברענען לכבוד איהם פיעל טייערע שטאפען און כלים, ווי מען פלעגט עס טהון אין יענער צייט לכבוד די בעריהמטעסטע מתים. אומזיסט האט רבן גמליאל בעפוילען, אז מען זאל איהם מאכען אן'איינפאכע לויה און מקבר זיין אין פראסטע לייוונטענע תכריכים; זיין רייכער פערעהרער, דער גר עקילאס, האט נאך איהם איינגעארדענט א קעניגליכע לויה.

דאס יודענטום האט אממייסטען געהאט פיעל אנהענגער אין דער וועלט-שטאדט רוים, ניט אכטענדיג דערויף, וואס די רוימער האבען בכלל זעהר געהאסט אידען, און אין רוים האבען זיך ארומגעדרעהט זעהר פיעל ארימע-לייט, וועלכע פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט פותר זיין חלומות פאר די רייכע רוימער, אדער מיט געהן בעטלען. רייכע און אנגעזעהענע רוימער, וועלכע האבען זיך בעקענט מיט דער גרויסער אידישער געשיכטע און זייער תורה, בעזונדערס, מיט זייער פרומען און ציכטיגען לעבען און מיט זייערע מדות טובות, זענען אריינגעטראטען אין יודענטום טיילוויז, פערעהרענדיג דעם אידישען גאט און ערפילענדיג א טייל פון זיינע געבאטען, אדער זיי האבען זיך אינגאנצען מגייר געווען. דער שארפזעהענדיגער רוימישער היסטאריקער טאציטוס קאן זיך ניט גענוג אבוואונדערן, ווי אזוי פיעל רוימער פון זיין צייט האבען געקאנט אבזאגען זיך פון זייערע געטער, פון זייער פאטערלאנד, פון זייערע עלטערן און קינדער, פון זייערע שוועסטער און ברידער און אנגעהמען דאס יודענטום. דער סאטירישער דיכטער יובענאל, וועלכער האט פיעל אבגעלאכט פון די רוימישע פערדארבענע מדות, האט אויך אבגעלאכט פון די רוימישע עלטערן, וועלכע האבען הייליג געהאלטען אידישע מנהגים און דאדורך האבען זיי זייערע קינדער אינגאנצען צוגעוואהנט צום יודענטום, און זיי האבען זיך דערנאך מגייר געווען:

„ווען א פאטער, רוים פערגעסענד, שבת פייערט,
„וועט דער זוהן שוין באלד פערעהרען הימעל, וואלקען,
„חזיר-פלייש וועט ער אויסמיידען שוין צו עסען,
„פונקט ווי פלייש פון מענשען. נעטער וועט ער נאר פערגעסען,
„באלד וועט ער שוין נאר אבשניידען אויך פון זיך די ערלה;
„רוימ'ס געזעצען גאנץ פעראכטען, פורכטען, היטען

„נור די תורה, ווי עס האָט געלערנט משה
„אין אַ מיסטיש בוך אַ גרויס.
„שולדיג איז דערין דער פאָטער:
„שבת-פוילקייט האַלט ער הייליג,
„היט זיך אָב פון קלענסטער אַרבייט...“

נעחים, ניט בלויז די אידישע מדות טובות אַליין זענען געווען די סבה פון דער סימפּאַטישער בעוועגונג אין רוים פאַר דער אידישער תורה. די רוימער האָבען בכלל געהאַט אַ נייגונג אָנצונעהמען אַ פרעמדען קולט. די איבערגעזעטיגטע, דענערווירטע און דעגענערירטע ו.ו. שער האָבען זיך פריהער געשטויסען צום פרעמדען איזיס-קולט, איצט האָבען זיי אָנגעהויבען אַריינקומען אין די סינאַגאָגען, מעגליך נאָר, כדי צו דערנעהען דאָרט די צוקונפט. עס זענען אָבער געווען אויך אין רוים געבילדעטע קרייזען, וועלכע האָבען באמת אָנגעהויבען זעהר הויך צו שעצען דאָס יודענטום, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך מיט איהם בעקענט און איבערצייגט פון זיין ערהאַבענהייט. דער דאָזיגער קרייז האָט זיך גרופּירט אַרום איין מענשען מיט'ן נאָמען עפּאַפּראָדיטאָס, וועלכער איז געווען בעוואוסט אַלס אָנהענגער פון אַלגעמיינער בילדונג און בעריהמט אַלס אַ מענש פון הויכע מדות. עפּאַפּראָדיטאָס האָט זיך בעקענט מיט יוסף בן מתתיהו, וועלכער האָט דאַמאָלס געענדיגט זיינע גרויסע ווערק, ווי שוין דערמאָהנט, די 20 ביכער „פון די אידישע אַלטערטימער“ און די צוויי פּאָלעמישע ווערק „געגען די גריכען“ און „געגען אַפּיאָן“. די דאָזיגע ספרים האָבען זעהר דערהויבען דעם אידישען נאָמען צווישען די רוימער. די געבילדעטע גריכען, און אויך עפּאַפּראָדיטאָס מיט זיין גרויסען קרייז, זענען שטאַרק צוגעצויגען געוואָרען דורך יוסף'ס ביכער צום יודענטום. אַ שטאַרקען איינדרוק האָט אויך געמאַכט אין רוים דער פאַקט, וואָס אַ פעטער פון די קיסרים טיטוס און דאָמיציאַנוס, דער סענאַטאָר פלאַוויוס קלעמענס, וועלכער איז שוין אויך איינמאָל געווען צווייטער קאָנסול, האָט שטאַרק אָנגעהויבען נוטה צו זיין צום יודענטום. ס'איז קיין ספק ניט, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אונטער'ן איינפלוס פון יוסף בן מתתיהו און זיינע שענע ווערק. די ידיעה וועגען דעם, אַז אַ פעטער פון טיטוס'ן, וועלכער האָט דעם בית-המקדש חרוב געמאַכט, איז געוואָרען אַן אָנהענגער פון יודענטום, האָט געמאַכט אין ארץ-ישראל אַ שטאַרקען איינדרוק אויף אידען און דערוועקט ביי זיי פאַנטאַסטישע האָפנונגען. צוויי זיהן פון קלעמענס זענען דורך דעם קייזער דאָמיציאַנוס בעשטימט געוואָרען פאַר פּרינצען (צעזאַרען) און איינער פון זיי האָט געהאַט די אויסזיכט צו ווערען אַמאָל רוימישער קייזער. וואָס פאַר גרויסע אויסזיכטען עס וואָלטען זיך געעפענט פאַר דער אידישער וועלט, ווען אַן אָנהענגער פון יודענטום וואָלט געווען דער פאָטער פון אַ רוימישען קייזער! די אידישע מנהיגים האָבען זיך ניט געקאָנט געפינען קיין רוה אין לאַנד יהודה, און פיער פון זיי האָבען זיך געלאָזען אויף דער ריי-

זע קיין רוים, כדי דארט צו בעקענען זיך מיט קלעמענס'ן און, אויב מען וועט קאנען, צו בעקומען אויף איהם אנ'איינפלוס. דאס איז געווען הערבסט-צייט, ווען דער ים איז שטורמיש און די רייזע איז געפעהרליך, אבער די זאך איז זיי פארגעקומען אזוי וויכטיג, דאס זיי זענען געגאנגען אויף מסירת-נפש. די דאזיגע מנהיגים זענען געווען: רבן גמליאל, זיין אמא-ליגער געגנער, רבי יהושע בן חנניה, שוין ביידע זקנים, דער שטעל-פערטרעטער פונ'ם נשיא, רבי אלעזר בן עזריה, און רבי עקיבא, וואס איז שוין דאמאלס געווען שטארק בערימט. זיי אלע האבען אנגע-טרויט זייער לעבען דעם ים מיט זיינע שטורמס, האבענדיג בטחון אין גאט, אז ער וועט זיי בעשיצען אין דער וויכטיגער נסיעה. ווען די קרים-טען אין ארץ-ישראל האבען זיך פון דער דאזיגער רייזע און איהר צוועק דערוואוסט, האבען זיי שטארק מקנא געווען די אידען און אויסגערופען: „וועה אייך, איהר למדנות'ע און צביעות'דיגע פרושים! איהר לויפט דורך לאנד און ים, כדי צו מאכען איין מענשען פאר א גר, און, ווען דאס וועט אייך געלינגען, וועט ער זיין א זוהן פון גיהנם, דאפעלט ווי איהר אליין". אנגעקומען נאך פיעל סכנות ענדליך אין רוים, האבען די תנאים געהאט צו טהון מיט מענשען פון פערשידענע קלאסען, און, ווי עס שיינט, האט זיי אויך אויפגענומען ביי זיך יוסף בן מתתיהו.

צי האט דער קייזער דאמיציאנוס זיך ערשט שפעט דערוואוסט, אז פיעל אנהענגער רוימער זענען נוטה צום יודענטום און צווישען זיי אויך זיין פעטער קלעמענס, און אט דאס האט איהם אריינגעבראכט אין א ווילדען כעס? אדער אפשר ער איז אויף זיין פעטער געווען אין כעס, צוליעב אנ'אנדער סבה, און מיט זיין בלוט-דורשטיגער נאטור האט ער דעם כעס אויך אויסגעגאסען אויף אלע גרים? איצט וויים מען שוין מעהר ניט גע-נוי, וואס עס איז אין דער ווירקליכקייט דאמאלס פארגעקומען אין רוים. בעוואוסט איז נור, אז דאמיציאנוס האט זיין פעטער בעשטראפט מיט'ן טויט, ווייל ער האט אבגעלייקענט אין די געטער. איין לעגענדע דערצעהלט, אז קלעמענס האט נאך פאר'ן טויט זיך געלאזט מל'ה זיין. צוזאמען מיט קלעמענס האט מען אויך אנגעקלאגט פיעל אנגעזעהענע גרים, וועלכע מען האט אויך בעשטראפט אדער מיט'ן טויט, אדער מיט'ן פערלירען דאס פערמעגען (95 אדער 96 נאך דער קריסטליכער צייטרעכנונג); וואהרשיינ-ליך, האט מען דאמאלס בעשטראפט מיט'ן טויט אויך עפאפראדיטאס מיט פיעל מענשען פון זיין קרייז.

אויך יוסף בן מתתיהו איז אין יענער צייט, ווייזט אויס, געשטארבען; ער איז נאך דאמאלס געווען אין זיינע בעסטע יאהרען און האט זיך גע-קליבען אויפצושרייבען א פילאזאפיש ווערק, כדי צו דערהויבען דורך איהם דעם אידישען נאמען. און אויב ער איז אויך געגאנגען אינ'ם טויט, ווי א קדוש, פאר זיין אמונה, האט ער דערמיט געוויס אויסגעקויפט זיין פרי-

הערדיגע טרויעריגע פערנאַנגענהייט בפרט נאָכדעם, ווי ער האָט מקדש-
השם געווען דורך זיינע לעצטע ספרים.

מען קען לייכט גלויבען, אַז דער בלוט-דורשטיגער דאָמיציאַנוס, דער
לעצטער קייזער פון אַספּסינוס פלאַוויוס'עס הויז, האָט געהאַט אַרויסגעגע-
בען אַ גזרה, אַז מען זאָל אויס'הרג'ענען אַלע אידען אין רוים. דען עס
איז דאָך בעוואוסט, אַז אין די לעצטע יאָהרען פון דאָמיציאַנוס'עס רעגי-
רונג פלעגען אין רוים פאָרקומען טויט-אורטהיילען און מערדעריייען ניט בלויז
ווען-ניט-ווען, נאָר אין איין צייט מיט אַמאָל. אויב דאָמיציאַנוס האָט אָבער
געהאַסט די מענשען בכלל, האָט ער אויף זיכער געהאַסט די אידען דאָ-
פעלט, אַלס מענשען און אַלס אידען. נעגען דאָמיציאַנוס האָבען זיך אָבער
פערשוואָרען פיעל מענשען, צווישען זיי אויך זיין אייגענע פרוי, און זיי
האָבען ענדליך אומגעבראַכט די דאָזיגע ווילדע חיה אין אַ מענשען-געשטאַלט.
קלעמענס'עס זיהן זענען ניט דערהויבען געוואָרען, און די תנאים האָבען אומ-
זיסט געמאַכט די רייזע קיין רוים. נאָך דאָמיציאַנוס'ן איז געוואָרען קייזער
דער געעהרטער זקן נערוואַ, וועלכער איז געווען אַנ'אמת'ער קאָנטראַסט
(אַ היפך) פון דאָמיציאַנוס. דאָס איז געווען אַ מענש אַ נערעכטער, אַ קלו-
גער, אַ מענשען-פריינדליכער, נאָר עס האָט איהם געפעהלט די יוגענד און
די ענערגיע דורכצופיהרען זיינע גוטע בעפעהלען און אויסצוהיילען רוים פון
די וואונדען, וואָס זי האָט בעקומען אין דער רעגירונג פונ'ם גרויזאַמען און
ווילדען דאָמיציאַנוס. די אידען און די גרים האָבען באַלד דערשפירט די
גוטע רעזולטאַטען פון נערוואַ'ס נייער רעגירונג. אין דער קורצער צייט פון
זיין רעגירונג (סך הכל 16 מאָנאַטען, פון סעפּטעמבער 96 ביז יאַנואַר 98)
האָט נערוואַ געהאַט צו בעזייטיגען זעהר פיעל שענדליכקייטען, וואָס עס
האָט אַריינגעבראַכט דאָמיציאַנוס אין דער מלוכה, פונדעסטוועגען האָט ער
זיך נאָך אויך אָבגעגעבען מיט אידישע ענינים. ער האָט ערלויבט יעדען
רוימער איבערצוגעהן צום יודענטום, ניט מורא האָבענדיג דערפאַר בע-
שטראָפט צו ווערען אַלס געטער-לעסטערער. אויך דעם ספּעציעלען אידי-
שען אָבצאָהל האָט מען אויפגעהערט אַהי שטרענג, ווי פריהער, צו מאָה-
נען, חאָטש מען האָט איהם נאָך ניט אָבגעשאַפען אינגאַנצען. דער דאָזי-
גער אַקט פון נערוואַ האָט, ווי עס שיינט, געהאַט אַזאַ גרויסע בעדייטונג,
אַז מען האָט צוליעב דעם געלאָזט פערפערטיגען ספּעציעל אַ מטבע מיט
נערוואַ'ס בילד אויף איין זייט און אַ טייטעל-בוים אויף דער אַנדערער, אַלס
סימבאָל פון לאַנד יהודה, מיט דער אויפשריפט: „די אָנקלאַגען נעגען דעם
אידישען אָבצאָהל זענען בטל געוואָרען”. די צו-קורצע רעגירונג פון נערוואַ
האָט אָבער ניט בעוויזען צו ערלייכטערן פיעל די אידישע לאַגע. באַלד
נאָך נערוואַ'ן זענען אַרויפגעשטיגען אויפ'ן רוימישען טהראָן ווידער גרויזאַמע
קיסרים, און די אַלטע שנאָה צווישען די רוימער און די אידען האָט זיך
אָנגעהויבען אויפ'ס-ניי. באַלד זענען ביידע פעלקער ווידער געשטאַנען איינס
נעגען דעם אַנדערן מיט'ן געוועהר אין די הענד.

נערוואַ האָט בעשטימט פאַר אַ קייזער נאָך זיך דעם שפּאַניער אול-פּיוס טראַיאַנוס. דער דאָזיגער קייזער האָט נור-וואָס איינגענומען די דאַציער אויפ'ן דונאַי און געוואָלט איצט אויך איינעהמען די לענדער צווישען די טייכען עפראַט און טיגריס און, אויב מעגליך, אויך די לענדער צווישען הינדוס און גאַנגעס, כדי צו בעקרוינען זיך מיט'ן כבוד פון אַלעקסאַנדער מוקדון — (114 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג). אין די לענדער פון די פּאַרטהיען (אַלט-פּרס) איז איהם די אויפגאַבע גאַנץ לייכט געוואָרען, ווייל דאָס לאַנד איז געווען אָבגעשוואַכט דורך די אינערליכע דינאַסטישע מלחמות, און מען האָט זיך כמעט ניט פערטיידיגט נעגען דעם רוימישען איינעהמער. נאָר די דאָרטיגע אידען, וועלכע האָבען געוואָהנט אין אַ גרויסער צאָהל אין פיעל שטעדט און לענדער און האָבען געהאַט אַ פאָלקאָמע אויטאָנאָמיע אונטער דעם ריש-גלותא (Exilarch), זענען אַרויסגעטראָטען נעגען טראַיאַנוס, צוליעב דער שנאה, וואָס זיי האָבען געהאַט צו רוים פאַר'ן חרוב מאַכען דאָס לאַנד יהודה און דעם בית-המקדש. די אידען פון בבל האָבען אויסגערופען אַ הייליגע מלחמה נעגען טראַיאַנוס'ן. די בעוואוסטע שטאָדט נציבין, וואו עס האָבען געוואָהנט זעהר פיעל אידען, האָט זיך פערטיידיגט מיט פיעל גבורה, אָבער נאָך פיעל האַרטנעקיגע מלחמות האָט טראַיאַנוס זי איינגענומען און געמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה צווישען די אידען. דאָס לאַנד אַדיאַבענע אויפ'ן טייך טיגריס, וואו עס האָט געקעניגט אַ מלך, וואָס האָט געשטאַמט פון מונבז און העלענע, וועלכע האָבען מיט אַ יאָהר הונדערט פריהער זיך מגייר געווען, איז איצט אויך שאַרף אַרויסגעטראָטען נעגען רוים. דער אַדיאַבענישער קעניג מעבאַרסאַפּעס (Mebarsapes), וועלכער איז נאָך, מעגליך, אויך געווען אַ איד, האָט מוטיג געקעמפפט, אָבער ער איז איינגענומען געוואָרען דורך טראַיאַנוס. בכלל האָט די הצלחה זעהר געשפּיעלט טראַיאַנוס'ן, דען ער האָט אין אַ קורצער צייט איינגענומען זעהר פיעל לענדער. די מלכים און פירשטען פון אַרמעניען און פון דער געגענד עפראַט-טיגריס האָבען פאַר איהם אַנידערגעלעגט זייערע קרוינען און געוואָרען אונטערטעניג צו רוים, אָדער זיי זענען אין גלות געגאַנגען. אין פריהלינג (115 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג) איז טראַיאַנוס ווידער אַרויסגעטראָטען אין מלחמה, כדי איינצונעהמען דאָרט די לעצטע לענדער, אָבער פּלוצלינג האָבען זיך דערהויבען נעגען איהם די אַרומיגע פעלקער, וועלכע ער האָט מיט אַ יאָהר פריהער איינגענומען. אין'ם דאָזיגען אויפשטאַנד האָבען די אידען געהאַט גענומען אַ גרויסען אַנטהייל; זיי האָבען אפילו פערשפּרייט די אויפשטאַנדען נעגען רוים אויך אין אַנדערע לענדער פון דער גרויסער רוימישער מלוכה — אין מצרים, קירענאַיקאַ, ליביען, אויף דער אינזעל ציפּערן — איבעראַל האָבען די אידען זיך אויפגעהויבען מיט איין געדאַנק: אַראָבצוואַרפען פון זיך דעם רוימישען יאָך. ווי די אידען-פיינדליכע היסטאָריקער ערקלערען, האָט דאָס אידישע פאָלק דאַמאָלס אַרומגענומען אַ ווילדער שנעון אויפצושטעהן נעגען

רוים; אָבער אין דער ווירקליכקייט איז פאָרגעקומען אַ געוואַלדיגע, נאָך נאַטירליכע, גייסטיגע אויפרעגונג דאַמאָלס צווישען אידען: זיי האָבען פלוצלינג דערשפירט די נויטווענדיגקייט, צו דערווייזען רוים, אַז דאָס אידישע פאָלק לעבט נאָך און האָט נאָך גענוג קראַפט צו קעמפפען געגען זיין מערדערישען שונא.

אין דעם האַלבען יאָהרהונדערט, וואָס איז אַריבערגעגאַנגען, זינט די אידישע מלוכה איז חרוב געוואָרען, איז אויסגעוואַקסען אַ נייער דור, וועלכער האָט געירשנ׳ט דעם גייסט פון זיינע עלטערן, די קנאים, און דערמאָהנט מיט התלהבות די אַמאָליגע אידישע זעלבסטשטענדיגקייט, קוקענדיג מיט וועהטאָג אויף דער געגענווערטיגער שפלות. די האָפנונג פון די תנאים און זייערע טרייסט-רייד: „אין גיכען וועט דער בית-המקדש צוריק אָבגעבויט ווערען” האָבען אויפגעהאַלטען פריש ביי דער יוגענד דעם גייסט פון פאָליטישער פרייהייט. זיצענדיג אין בית-המדרש, האָבען זיי ניט פערלאָרען זייער גבורה און פעהיגקייט צו קעמפפען מיט׳ן שווערד. וואַהרשיינליך, האָט די גאוה און חוצפה פון די רוימישע בעאַמטע אויך זעהר שטאַרק גערייצט דאָס פאָלק צום אויפשטאַנד. ווי עס שיינט, זענען די אַגיטאַטאָרען פאַר׳ן אויפשטאַנד געווען צוויי ברידער פון אַלעקסאַנדריען, יוליאַנוס און פאַפאָס (לולינוס ופפוס, אָדער שמעון און שמעיה), וועלכע מען האָט גערופען „דער שטאָלץ פון ישראל”. צי האָבען אָבער טאַקי זיי דאָס אַרויסגעגעבען די ערשטע דעם אויפרוף וועגען דעם אויפשטאַנד, איז אונבעוואוסט. אין דער מדינה קירענאַיקאַ, וואו די קנאים האָבען באַלד נאָכ׳ן חורבן דערוועקט די אידען צו אַנ׳אויפשטאַנד געגען רוים, האָט זיך איצט צוערשט אָנגעהויבען דער אידישער אויפשטאַנד געגען רוים, דען די צייט איז געווען זעהר גינסטיג, ווייל טראַיאַנוס איז געווען פערנומען מיט זיינע מלחמות אין פאַרטהיען און האָט אין קירענאַיקאַ געהאַלטען זעהר ווייניג מיליטער. די אידען אין קירענאַיקאַ האָבען געהאַט אַנ׳אָנפיהרער אַנדרעאַס, אָדער לוקואַס. צוערשט איז דער אויפשטאַנד געווען מעהר עהנליך צו מאַסען-אָנפאַלען, איידער צו אַ רעגולערער מלחמה. די אידישע איינוואָהנער אין קירענאַיקאַ זענען בעפאַלען זייערע מיטבירגער, די רוימער און גריכען, אין זייערע שטעדט און האָבען פיעל פון זיי אויסגעהרג׳עט, נעהמענדיג נקמה פאַר׳ן אונטערגאַנג פון דער אידישער נאַציאָנאַליטעט און די גרויסע רדיפות, וואָס די אידען האָבען געהאַט אויסצושטעהן פון זיי אין אַ משך פון כמה יאָהרען. די ניט-אידישע היסטאָריקער דערצעהלען, אַז די אידען האָבען דאַמאָלס אַרויסגעוויזען אַ שרעקליכע גרויזאַמקייט: זיי זאָלען האָבען אויפגעפרעסען דאָס פלייש פון די דער׳הרג׳עטע גוים, זיך בעשמירט מיט זייער בלוט און צוזעגט די נוי׳שע שבוים מיט אַ זעג. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז די דאָזיגע מעשה׳לעך שטאַמען פון אַ צוהיצטער פאַנטאַזיע. עס איז אָבער צו גלויבען, דאָס די אידען האָבען זיך בעגאַנגען אַזוי, ווי מען האָט זיך מיט זיי בעגאַנגען,

און האָבען געצוואונגען די געפאַנגענע גוים צו קעמפּפען מיט ווילדע חיות, ביז זיי זענען צוריסען און אויפגעפרעסען געוואָרען. עס איז אויך אַ נוזמא די ידיעה, אַז די אידען האָבען דאַן אויסגעהרג'עט 220 טויזענד גוים. פון קירענאַיקאַ האָבען די אידישע קעמפּפער זיך געוואָרפען קיין מצרים און פעראייניגט זיך מיט די אידען, וועלכע האָבען זיך דאָרט דערהויבען געגען די גוים, די געצענדינער. דער רוימישער שטאַטהאַלטער, לופוס, וועלכער איז אַרויסגעטראָטען געגען זיי מיט זיין מיליטער, האָט געהאַט אַ גרויסע מפלה דורך דעם אידישען אימפּעט און גבורה. די מצרים'ער קאַנטען זענען דאַדורך געבליבען אונבעשיצט, און די אידען האָבען דאָ אויך געמאַכט אַזעלכע אָנפאַלען אויף די איינוואָהנער, ווי אין קירענאַיקאַ. די צולאָפענע גוים פון די פּראָווינץ-שטעדט האָבען זיך פערזאַמעלט אין אַלעקסאַנדריען, וואו זיי האָבען פון זייער זייט געמאַכט גרויזאַמע אָנפאַלען אויף דער אידישער בעפעלקערונג און זיך בעגאַנגען מיט זיי מיט אונמענשליכער אַכזריות. באַלד זענען אָבער געקומען די קירענאַיקער אידען און גענומען נקמה פון דער אַלעקסאַנדרינישער געצענדינערישער בעפעלקערונג. אינ'ם אָנפאַל האָבען זיי אויסגעהרג'עט פיעל איינוואָהנער און אַזוי פערוויסטעט די שטאָדט מיט איהר אומגעגענד, אַז די רוימער האָבען געמוזט שפּעטער שיקען אַהין קאָלאָניסטען צו בעזעצען דאָס לאַנד און אָבצובויען די שטאָדט פון דאָס-ניי. דאָס איינענע איז פאָרגעקומען כמעט אין אַלע מצרים'ער שטעדט. דער רוימישער שטאַטהאַלטער האָט מיט זיין מיליטער ניט געקאָנט בייסטעהן געגען די העלדישע אָנפאַלען פון די אידען. די אימה, וואָס איז געפאַלען אויף די רוימער און גריכען, איז אַזוי גרויס געוועזען, אַז דער היסטאָריקער אַפּיאַן איז ענטלאָפען אין אַ פינסטערע נאַכט און האָט אַרומגעבלאָנזעט אויפ'ן ברעג ים, זוכענדיג אַ שיף, כדי צו ראַטעווען זיך, און קוקענדיג מיט שרעק, אויב די אידען פערפאָלגען איהם ניט.

אויף דער אינזעל ציפערן, וואו עס זענען געוועזען אָנגעזעהענע אידישע קהלות און גרויסע שוהלען, האָט דערהויבען די אידישע בעפעלקערונג געגען די רוימער אַ געוויסער אַרטעמיאָן. ווי עס ווערט דערצעהלט, האָבען זיי פערוויסטעט די הויפּטשטאָדט סאַלאַמיס און אויסגעהרג'עט 240 טויזענד גריכען. — טראַיאַנוס, וועלכער איז דאַמאָלס געוועזען אין בבל, האָט זיך זעהר דערשראָקען פאַר'ן דאָזיגען אידישען אויפשטאַנד און געשיקט זעהר פיעל מיליטער געגען די אידען, בעשטימענדיג איינעם פון זיינע גרעסטע פעלדהערען, מאַרטיוס טורבאָ, פאַר אַנ'אָנפיהרער איבער דער אַרמעע אויף'ן ים און דער יבשה, כדי צו קעמפּפען געגען דעם אויפשטאַנד אין מצרים, קירענאַיקאַ און ציפערן. אין דער געגענד פונ'ם טייך עפראַט, וואו טראַיאַנוס איז געשטאַנען מיט זיין גרויסער אַרמעע, האָבען די אידען אויך געמאַכט הכנות צו מלחמה געגען די רוימער, און טראַיאַנוס האָט דאָרט בעשטימט פאַר אַנ'אָנפיהרער איבער זיין אַרמעע זיין בעליעבטען פעלדהערן לוזיוס קוויעטוס, (אין תלמוד: קיטוס) אַ מוירישער פירשט, וועהר אַ

גרויזאַמער מענש, וועלכען דער קייזער האָט געזאָלט איבערגעבען דעם רוימישען טהראָן נאָך זיך. קוויעטוס האָט פון טראַיאַנוס'ן בעקומען אַ בעפעהל אויסצוהרג'ענען אינגאַנצען אַלע אידען פון דער מדינה בבל. טראַיאַנוס'ן איז אַלזאָ אויסגעקומען צו פיהרען מלחמה געגען אידען פון פיעל פראָנטען, און, ווען די אידען וואָלטען זיך דאַמאָלס פעראייניגט און געקעמפפט לויט אַ פעסט בעשטימטען פלאַן, וואָלט די רוימישע וועלט-מאַכט פיעלייכט שוין דאַמאָלס (116—117 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג) בעקומען דעם גרויסען קלאַפּ, וועלכען זי האָט ערהאַלטען ערשט מיט עטליכע הונדערט יאָהר שפּעטער דורך די באַרבאַרען פון די צפון-לענדער.

מאַרטיוס טורבאָ, וועלכער האָט געדאַרפט קעמפפען געגען די אידען אין קירענאַיקאַ און מצרים, האָט זיך באַלד געלאָזען געהן אויף שיפען פון די אַזיאַטישע ברעגען צו די דאָזיגע לענדער. אַלס געניטער פעלדהערר, האָט ער אויסגעמידען אָנצופאַלען אויף די אידען מיט אימפּעט, וויל די אידען האָבען געקעמפפט מעהר מיט התלהבות און ערביטערונג, איידער מיט רעגעלמעסיגער אָרדנונג, און אין דער הינזיכט פון אימפּעט וואָלטען זיי געוויס מנצח געווען די רוימער. ער האָט זיך דעריבער געהאַלטען ביי אַן'אַנדער טאַקטיק: ער האָט אַרויסגעשיקט קלענערע מחנות, וועלכע האָבען געדאַרפט אָהן אויפהער אָנפאַלען אויף די אידישע מחנות, וועלכע זענען אַזוי-אַרום זעהר אָבגעמידעט געוואָרען און זייער צאָהל האָט זיך שטאַרק פערמינערט. די אידישע קעמפפער האָבען מלחמה געהאַלטען מיט גרויסער גבורה און די רוימער האָבען מיט פיעל מיה און אָנשטרענגונג געקאָנט זיי בייקומען. אָבער די צאָהל פון די רוימער איז געווען זעהר גרויס, זייער קריעגס-קונסט איז געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה, און זיי האָבען אויך געהאַט אויסגעצייכענטע רייטער-מחנות, וועהרענד די אידען זענען געווען שלעכט בעוואָפענט און קיין רייטער-מחנות האָבען זיי גאָרניט געהאַט. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די רוימער האָבען סוף-כל-סוף זיי מנצח געווען. זעהר פיעל אידען האָט טורבאָ אויסגעהרג'עט; מיט די געפאַנגען-גענומענע אידען האָט ער זיך בעגאַנגען מיט געוואַלדיגער אַכזריות: די רוימישע לעגיאָנען האָבען אַרומגערינגעלט די געפאַנגענע און אויסגעהרג'עט זיי; די אידישע פרויען האָבען זיי געשענדעט, און יענע פרויען, וועלכע האָבען פאַר זייער עהרע געקעמפפט, האָט מען דער'הרג'עט. די אַלטע אַלעקסאַנדרינישע אידישע שוהל, אַ וואונדער-ווערק פון דער עגיפּטיש-גריכישער אַרכיטעקטור, האָט מען חרוב געמאַכט. „ווער עס האָט ניט געזעהען די אַלעקסאַנדרינישע שוהל — פלעגט מען ביי אידען זאָגען — האָט קיינמאָל ניט געזעהען דעם גרויסען אידישען כבוד". וועגען דעם חורבן פון אָט דער שוהל האָבען אידען געטרויערט, ווי נאָכ'ן חורבן פון בית-המקדש, ערקלערענדיג: „עס איז פערלאָשען געוואָרען דער אידישער כבוד, און וועט זיך שוין מעהר נישט ווידערקעהרען ביז משיח'ן". די שוהל איז געבויט געווען ווי אַ באַזיליקאַ

מיט לאַנגע רייהען סלופּעס פון אינעוועניג און אויסענווענינג. איין און זיבעציג גאָלדענע קאַטעדרעס (בימות) זענען דאָרט געשטאַנען פאַר די זקנים. דאָס פּובליקום איז דאָרט געזעסען איינגעטיילט לויט די פּראָפעסיעס און בעשעפטיגונגען און, ווען אַ פרעמדער איד פלעגט קומען קיין אַלעקסאַנדריען, פלעגט ער אין שוהל זיך באַלד בעקענען מיט אידען פון זיין פּראָפעסיע און געפינען ביי זיי אַ בעשעפטיגונג. אינמיטען שוהל איז געשטאַנען די בימה מיט'ן חזן, וועלכער פלעגט דורך אַ פאָהן געבען אַ צייכען דעם עולם, אַז מען ברויכט צו ענטפערן „אָמן", דען די שוהל איז אַזוי גרויס געוועזען, אַז מען האָט ניט געהערט גוט דעם שליח-צבור אויף אַלע בענק. טורבאָ האָט די שוהל אינגאַנצען חרוב געמאַכט. — ענדיגענדיג די מלחמת מיט די אידען אין אַפריקאַ, האָט טורבאָ אָבגעפיהרט זיינע לעגיאָנען אויף דער אינזעל ציפּערן, וואו ער האָט געמאַכט אַ שרעקליכע שחיטה צווישען די אידען. דער קאַמפּף אויף דער אינזעל איז, משמעות, געוועזען אַ מערדערישער, דען נאָך דער מלחמה איז די שנאָה געגען אידען דאָרט אַזוי שטאַרק געוואָרען, אַז מען האָט אַרויסגעגעבען אַ באַרבאַרישׁ געזעץ, דאָס אַ איד זאָל דאָרט ניט טאָרען אַריינקומען אפילו אויך, ווען ער וועט זיך אַרויסראַטעווען פון אַ שיף, וואָס וועט אונטערגעהען ביי די ברעגען אוים'ן ים.

מיט גלייכער אַכזריות האָט געפיהרט געגען אידען די פּערטיליגונגס-מלחמה לוזיוס קוויעטוס (קיטוס) אין בבל און סיריען, זיין בערדערייַ איז געוועזען אַזוי שרעקליך, אַז די דערהרג'עטע אידען זענען געלעגען צו הונדערטער און טויזענדער אין די גאַסען, אויף די וועגען און שטעגען און אין די הייזער! טראַיאַנוס האָט איהם בעלוינט פאַר דער דאָזיגער מערדעריי, בעשטימענדיג איהם פאַר אַ שטאַטהאַלטער אין ארץ-ישראל מיט גאַנ'-אונבעגרענצטער מאַכט. אין ארץ-ישראל איז דאַמאָלס אויך אויסגעבראָכען אַנ'אויפשטאַנד געגען רוים, ער האָט אָבער ניט אָנגענומען אַזאַ פאָרם, ווי אין מצרים און קירענאַיקאַ, און קוויעטוס האָט דעם אויפשטאַנד לייכט דערשטיקט. די אַלעקסאַנדריגער אידען, יוליאַנוס און פּאַפּאָס, וועלכע זענען געוועזען די אָנפיהרער, זענען גענומען געוואָרען געפאַנגען, און זיי האָט ערוואַרטעט אַ גרויזאַמער טויט דורך דעם אַכזר קוויעטוס. דער טרויער נאָך די געפאַלענע הרוגים איז געוועזען אַזוי גרויס, אַז די סנהדרין האָט בעשטימט וועגען דעם אַ בעזונדערן טרויער-טאָג, פונקט ווי נאָכ'ן חורבן פון ירושלים, די כלות האָבען אויף זייער חתונה מעהר ניט געדאַרפט אָנטהון דעם קראַנץ, ווי עס איז אַ מנהג געוועזען ביי אידען.

דער קייזער טראַיאַנוס האָט געמוזט אָבציהען פון די פּאַרטהישע לענדער, אָבזאָגענדיג זיך פונ'ם געדאַנק, איינצונעהמען זיי און מאַכען פּאַרטהיען פאַר אַ רוימישע פּראָווינץ. די דאָזיגע מפּלה האָט געמאַכט אויף איהם אַזאַ שטאַרקען איינדרוק, אַז ער איז קראַנק געוואָרען און מען האָט איהם געמוזט אָבגעפיהרען קיין אַנטיאָכיען. אַ פּאָר מאָנאַט נאָכדעם איז ער

געשטאָרבען אין קיליקיא (Cilicien). זיין פערלאַנג, אַז נאָך איהם זאָל ווע=
רען רוימישער קייזער קוויעטוס, איז נישט ערפילט געוואָרען. זיין ביטרע
פרוי פלאָטינא האָט צו=נישט געמאַכט זיין צוואה און איינגעשמועסט די
אַרמעע, אַז טראַיאַנוס האָט בעשטימט פאַר אַ קייזער נאָך איהם זיין קרוב
אליוס אַדרינוס (Aelius Hadrianus).

## פיערטעס קאַפּיטעל

## די בלוטיגע מלחמה אונטער אדרינוס=קייזער

(פון 47 ביז 70 נאָכ'ן חורבן, אָדער פון 117 ביז 140 נאָך דער
קריסטליכער צייטרעכנונג).

בשעת אַדרינוס איז געוואָרען קייזער (אין אויגוסט 117) האָט ער
געפונען אַ גאַנצע רייהע פעלקער, וועלכע האָבען געמאַכט, אָדער געהאַל=
טען ביים מאַכען אַנ'אויפשטאַנד געגען רוים, כדי אַראָבצוּוואַרפען פון זיך
איהר שווערען יאָך. ווי נור די פעלקער האָבען זיך דערוואוסט, אַז טראַ=
יאַנוס איז געשטאָרבען, האָבען באַלד צווישען זיי אויסגעבראָכען אויפ=
שטאַנדען אין מזרח און אין מערב. אַדרינוס איז געווען מעהר כבוד=ליעב=
האָבער, איידער העלד, דעריבער האָט ער זיך זעהר דערשראָקען, דערזע=
הענדיג אין אַלע עקען פון דער מלוכה אַזוי פיעל פיינד, און האָט זיך אָב=
געזאָגט פון דער רוימישער פּאָליטיק צו בלייבען אומעדום אַ מנצח: פון די
פּאַרטהישע לענדער האָט ער זיך נאָר אָבגעזאָגט און איבערגעלאָזען זיי
זייערע אייגענע מלכים; אַנדערע פּראָווינצען האָט ער געגעבען די הנחות,
וואָס זיי האָבען פערלאַנגט, און אויך פאַר אידען האָט ער זיך אַרויסגעווי=
זען בערייט, צו ערפילען זייערע פאָדערונגען. די אידען אין ארץ=ישראל
האָבען שוין אָנגעהויבען האָפען אויף בעסערע צייטען, ווען אַדרינוס האָט
אָבגעשטעלט די מאַסענמאָרדען פון קוויעטוס (קיטוס) און דערווייטערט
איהם פון זיין שטעלע. אין דער ווירקליכקייט אָבער האָט אַדרינוס דערווי=
טערט איהם פון זיין שטעלע נור צוליב דעם, כדי פטור צו ווערען פון אַ גע=
פעהרליכען קאָנקורענט, וועלכען טראַיאַנוס האָט געוואָלט בעשטימען פאַר
אַ קייזער; נאָר די אידען האָבען דערין געזעהען אַ גוטען סימן פאַר זיך.
איידער קוויעטוס'ן האָט געטראָפען די דאָזיגע מפלה, האָט ער שוין גע=
וואָלט אַרויסגעבען דעם טויט=אורטייל אויף די צוויי אידישע אָנפיהרער
יוליאַנוס און פּאַפּאָס (לולינות ופפוס), אויסרופענדיג צו זיי מיט גדלות:
„אויב אייער גאָט איז אַזוי מעכטיג, טאָ זאָל ער אייך ראַטעווען פון מיי=

נע הענד" דערויף האָבען זיי איהם נעענטפערט: „דו ביזט אפילו ניט חערט, אַז נאָט זאָל פון דיינעטוועגען אַ וואונדער בעווייזען, ווייל דו ביזט ניט קיין זעלבסטהערשער, נאָר אַ קנעכט פון אַ העכערן פון דיר". און אינ'ם אויגענבליק, ווען מען האָט ביידען, איינגעשמידט אין קייטען, אַרויסגע- פיהרט צום טויט, איז ערהאַלטען געוואָרען דער בעפעהל, אַז קוויעטוס איז דערוויטערט געוואָרען פון זיין שטעלע און מוז באַלד פערלאָזען דאָס לאַנד יהודה. דער טאָג, ווען יוליאַנוס און פּאַפּאָס זענען בעפרייט געוואָרען פון טויט (12-טער אדר) איז בעשטימט געוואָרען פאַר אַ יום-טוב, און מען האָט איהם נערופען דער „טראַיאַנוס-טאָג". אַזוי אָנגעזעהען און בעליבט זענען געווען ביי אידען די צוויי ברידער יוליאַנוס און פּאַפּאָס!

די אידען אין אַלע לענדער פון זייער צערשטרייאונג האָבען זיך מיט קליינע הנחות ניט בעגניגענט: זיי האָבען נעהאַט דעם היימסטען פער- לאַנג, אַז מען זאָל ערלויבען אָבצובויען צוריק ירושלים און דעם בית- המקדש, און אָט די ישועות האָבען זיי ערוואַרטעט פון אַדרינוס'ן. בשעת זיי האָבען געמאַכט דעם אויפשטאַנד אונטער טראַיאַנוס, האָבען זיי נאָר ניט נעהאַלטען בכוד דעם אמת'ען ציעל. צו וועלכען זיי שטרעבען, נאָר דאַמאָלס האָט טראַיאַנוס דורך זיינע פעלדהערען דערשטיקט דעם אידישען פערלאַנג אין טייכען בלוט. איצט האָבען זיי, בלי ספק, פאָרגע- לעגט די זאַך אַדרינוס'ן, ערקלערענדיג, אַז נור דורך דער ערפילונג פונ'ם דאָזיגען פערלאַנג קאָנען זיי זיך אינגאַנצען בערוהיגען און זיין געטרייע אָנ- העננער פון רוים. אַדרינוס האָט זיי דאָס ניט אָבגעזאָגט: זיין מורא פאַר די פערוויקעלטע מלחמות, אין וועלכע עס וואָלטען אַרויסגעטראָטען גרויסע פעלדהערען, וואָס וואָלטען געוואָרען זיינע קאָנקורענטען אויפ'ן טהראָן, ווי אויך די ליידענשאַפט, מיט וועלכער ער האָט ליעב געהאַט אָבצובויען צו- ריק פאַרצייטיגע גרויסע שטעדט פון זייערע חורבות — אָט די ביידע אומ- שטענדען האָבען זיך פעראייניגט און בעוועגט איהם צו ערפילען דעם אידישען פערלאַנג. מען איז דעריבער באַלד צוגעטראָטען אָבצובויען צוריק ירושלים און מען האָט שוין אָנגעהויבען אָבראַמען די שטאָדט פון די חורבות. אַדרינוס האָט, ווי עס שיינט, בעשטימט דעם גר-צדק עקילאס (אונקלוס) פאַר אַנ'אויפזעהער איבער דער נייער אַרבייט אין ירושלים.

קודם-כל האָט מען געדאַרפט אָנהויבען זאַמלען נדבות פאַר די נייע געביידעס. בראש פון דער בעוועגונג האָבען זיך געשטעלט יוליאַנוס און פּאַפּאָס, וועלכע זענען, ווי דערמאָהנט, געראַטעוועט געוואָרען פון טויט, נור אַ דאַנק אַדרינוס'עס אַרויפשטייגען אויפ'ן טהראָן. ביידע ברידער האָבען ענטוויקעלט אַ גרויסע ענערגיע אין זייער נייער טעטיגקייט. אין אַלע שטעדט צווישען אַנטיאָכיען און עכו האָבען זיי איינגעאָרדענט וועקסעל-קאָנטאָרען, וואו מען האָט געדאַרפט אויסטוישען די מטבעות, וועלכע די מנדבים האָ- בען געשיקט פון פערשידענע לענדער. די אָרימע אידען, וועלכע זענען געקומען פון פערשידענע לענדער, טיילצונעהמען אינ'ם אָבבויען ירושלים,

האָבען זיי בעגאַרנט מיט אַלעם נויטיגען. נדבות זענען געווים ערהאַלטען געוואָרען זעהר פיעל, דען די שמחה ביי אידען איבער דער אויסזיכט, ווי־דער צו האָבען אַנ'אייגענעם הייליגען מיטעלפונקט אין זייער אייגען לאַנד, איז, זעלבסטפערשטענדליך, גרויס געוועזען. אַ אידיש־גריכישער דיכטער פון יענער צייט האָט אין שענע גריכישע ליעדער פעראייביגט די געפיהלען, וועלכע האָבען דאַמאָלס ערפילט די אידישע הערצער. ווי דער פריהערדיגער אידיש־גריכישער דיכטער פון דער חשמונאי'שער צייט, האָט ער געלאָזט ריי־דען די סיבילה אין שען־קלינגענדע גראַמען, בעריהמענדיג דעם „בלאָנד־האָ־ריגען" קייזער, וועלכער איז ערשיענען אין משיח'ס צייטען. די אידישע סיבילה חלומ'ט מיט גרוים התלהבות וועגען דער צייט, ווען די געצענ־דיענערײ וועט פערשווינדען און די וועלט וועט אָנערקענען דעם איינציגען גאָט:

„אַנ'אַנדער מענש וועט נאָך איהם אויפשטעהן,
„ערהאַבען, גוט, מיט טיעפען שכל —
„אַ קרוין פון גאָלד בעציערט זיין קאָפּ,
„און מאַיעסטעטיש שוואַרצע לאָקען,
דער ים בע'חנ'ט איהם מיט זיין נאָמען —*)
„אין זיינע טעג, אין זיינע צייטען
„וועט הילף ערשיינען פון דער וויַטען
„דעם עלענד, עלענד אידיש פאָלק.....

. . . . . . . . . . . . . . . . . .
„ווען פּאַרטהיש לאַנד וועט זיך אויסרוהען
„פון בלוטיג, גרויזאַם גרויסע שלאַכטען,
„וועט דאָס געבענשטע אידיש פאָלק
„דערהויבען ווערען, מעהר ניט שמאַכטען.
„און גאָט וועט רוהען אין זיין לאַנד,
„דערהויבענד הויך זיין מעכטיג האַנד.
„אַ שטאַרקע מויער וועט ער בויען
„ביז צו יפו און מערב־זייט
„און הויך צום הימעל ביז די וואָלקענס —
„טרומייטען־שאַלען פון מלחמה,
„פון מערדערייען און נקמה,
„פון פיינד, פון גרויזאַמע חורבנות
„וועט שוין ניט פאָרשטעהן קיין סכנות;
„גערעכטיגקייט, און גנאָד און אמת, —
„די אַלטע, גרויסע אידיש' פאָהן,

*) אדריינוס — Hadrianus האדריאַנישער ים ביי איטאליען.

„וועט מען מען פערפלאַנצען אויבענאָן.

. . . . . . . . . . . . . . .

„גענוג געטרויערט, ליעבע טאָכטער,
„מיין האַרציג זיסע, גוטע טויב!
„בעוויז דיין חן, דעם היילינג זיסען,
„דו פרייד פון יעדען מענשען-אויג.
„דו אידיש לאַנד, די גרויסע שענהייט,
„קיין יון וועט שוין מעהר ניט טרעטען
„מיט גדלות, גאוה אויף דיין רעכט;
„נור עהרען וועלען זיי, ווי קנעכט,
„דיין גאָט, געטריי איהם דיענען, לויבען
„מיט תפלות און געזאַנג!
„צדיקים טראָגען אַלץ גערולדיג
„דאָס שלעכטע, ביז עס געהט פאָראיבער,
„און ערבען דאָפעלט פון דעם גוטען;
„רשעים לעסטערען דעם הימעל
„און רייצען מענשען אָן אויף מענשען —
„ניט זיי געהערט אָבער די צוקונפט"...

אין אָנהויב פון זיין רעגירונג איז אַדרינוס אַלזאָ געוועזען זעהר בע-ליעבט ביי אידען. אָבער ווי גרויס עס איז געוועזען די אידישע שמחה, צו האָבען ווידער אַ בית-המקדש, אַזוי שטאַרק האָבען אויך געפיהלט די קריסטען זייער כעס און פערדרוס דערויף. זיי האָבען זיך שוין צוגעוואָהנט צום געדאַנק, אַז ישו איז מיט זיין ערשיינען געקומען מבטל צו מאַכען די קרבנות און אַז נור צוליעב דעם איז דער בית-המקדש חרוב געוואָרען. וואָס-זשע וועט זיין, ווען דער בית-המקדש וועט ווידער אויפגעבויט ווערען? פאַר זייער רעליגיע וואָלט דאָך דאָס געוועזען אַנ'אמת'ער קלאַפּ. און אָט, אום זייערע מאמינים זאָלען ניט פערליערען דעם מוט, האָט איינער פון די אַלעקסאַנדריניִשע אידען-קריסטען, בר-נבא, געשריבען צו זיי אַזאַ בריעף: „יענע, וועלכע האָבען דעם בית-המקדש חרוב געמאַכט, וועלען איהם ווי-דער אויפבויען! דאָס וועט פאָרקומען. דורך זייערע (אידישע) מלחמות האָבען זיי דעם בית-המקדש חרוב געמאַכט, איצט וועלען די קנעכט פון זייער פיינד איהם צוריק אויפבויען, אָבער נור כדי דער בית-המקדש, די היילינע שטאָדט און דאָס אידישע פאָלק זאָלען ווידער אַריינפאַלען צו די פיינד אין די הענד". — אויך די שמרונים האָבען געקוקט מיט קנאָה און שנאָה אויפ'ן נייעם אויפבויען פון דער היילינער שטאָדט, און פון ביידע צדדים האָט מען, ווי עס שיינט, געמאַכט אָנשטרענגונגען און אונטערנע-נומען פערשיעדענע מיטלען, אַז די גאַנצע אַרבייט זאָל בטל ווערען. ווי די אַלטע שמרונים האָבען פריהער מיט אַ יאָהר זעקס הונדערט אָנגעגעבען אַ מסירה דעם פערסישען קעניג, אַז מיט'ן בויען דעם בית-המקדש און די

שטאָדט מײנען אידען צו מאַכען אַנ׳אויפשטאַנד, אַזוי האָבען די איצטיגע שמרונים אויך געשריבען אַזאַ מסירה צו אַדרינוס׳ן און שיער ניט גע׳פועל׳ט, אַז ער זאָל נעהמען צוריק זיין ערלויבעניש. אַדרינוס האָט אָבער מורא געהאַט פאַר אַנ׳אויפשטאַנד, דעריבער האָט ער זיין ערלויבעניש נור איבערגעמאַכט: דעם בית־המקדש זאָל מען בויען ניט אויפ׳ן אָרט, וואו ער איז געשטאַנען פריהער. פון ירושלים, וועלכע ער האָט אַליין אויך געוואָלט אָבבויען צוריק, האָט ער געהאַט בדעה צו מאַכען אַ געצענדיענערישע שטאָדט.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז די אידען זענען העכסט ערביטערט געוועזען איבער דער דאָזיגער פערדרעהונג פון דער געגעבענער הבטחה און האָבען ניט געוואָלט לאָזען שפּיעלען מיט זיך אויף אַזאַ אופן. אַ גרויסער המון האָט זיך פערזאַמעלט אין טהאָל יזרעאל, צו בעראַטען זיך וועגען דעם קייזער׳ס בעפעהל. עס האָט באַלד זיך אַרויסגעוויזען, אַז מען וועט ניט קאָנען אויסמיידען אַנ׳אויפשטאַנד און אַנ׳ערביטערטען קריעג ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט שפּעטער אויסגעבראָכען. צווישען די אידען זענען דאַמאָלס אָבער אויך געוועזען פיעל מיושב׳דיגע מענשען, וועלכע האָבען פאָראויסגעזעהען דעם שרעקליכען חורבן, וואָס אַזאַ נייע מלחמה קאָן ברענגען. אין שפּיץ פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט געראַטען צו האַלטען שלום מיט רוים, איז געשטאַנען דער תנא, רבי יהושע בן חנניה, וועלכער איז בכלל ניט געוועזען קיין פערביסענער פיינד פון די רוימער און גריכען, חאָטש זיי האָבען געדיענט צו אָבגעטער, דען ער האָט געוואוסט, אַז צווישען זיי געפינען זיך ניט ווייניג ערהאַבענע מענשען, חסידים פון די אומות, וועגען וועלכע רבי יהושע האָט ערקלערט, אַז זיי וועלען האָבען אַ חלק אין עולם־הבא. די אָנהענגער פון שלום מיט רוים האָבען דעריבער באַלד געשיקט נאָך איהם, כדי ער זאָל דורך זיין אָנזעהען ביים פאָלק בערוהיגען דעם אויפגערעגטען המון, וועלכער האָט דורכאויס געפאָדערט מלחמה מיט רוים. רבי יהושע איז אַרויסגעטראָטען פאַר׳ן פאָלק ניט מיט מוסר, נאָר מיט אַ משל, כדי בעסער צו ווירקען און מאַכען אַ שטאַרקען איינדרוק. רבי יהושע האָט דערצעהלט די פערזאַמעלטע פאָלגענדע פאַבעל (משל): אַ לייב האָט צוריסען אַ בהמה און אויפגעפרעסען איהר פלייש, דערביי האָט זיך איהם אָבער געשטעלט אַ ביין אין האַלז. אין זיין גרויס שרעק האָט ער צוגעזאָגט אַ שענע בעלוינונג יענעם, וועלכער וועט ביי איהם דעם ביין פון האַלז אַרויסנעהמען. דאָס האָט דערהערט דער באָצאַין מיט׳ן לאַנגען האַלז און, אַריינשטעקענדיג זיין קאָפּ טיעף צום לייב אין מויל, האָט ער דעם ביין אַרויסגענומען. איצט האָט ער פערלאַנגט זיין בעלוינונג. דער לייב אָבער האָט אויסגערופען: „דו מעגסט מיר שוין זאָגען אַ דאַנק דערפאַר, וואָס איך האָב דיר דעם קאָפּ ניט אָבגעביסען. וואָס פאַר אַ בעלוינונג פערלאַנגסטו נאָך?“ און אָט אַזוי — האָט רבי יהושע גערעדט ווייטער — מעגט איהר זאָגען אַ דאַנק די רוימער, אַז זיי לאָזען אייך, לפחות,

דאָס לעבען. מעהר קאָנט איהר בײַ זײ ניט פאָדערן״. פאַר׳ן מאָמענט האָט
רבי יהושע׳ס אַנזעהען גע׳פועל׳ט בײַם פאָלק, אַז מען זאָל זיך ניט נעה-
מען פאַר׳ן געװעהר; אָבער די ליעבע צום „בלאָנד-האָריגען״ קײזער איז
דערמיט פערשװאונדען געװאָרען, און מען האָט איהם אױפגעהערט צו גלױ-
בען. אָנשטאָט דעם, האָט זיך ענטװיקעלט בײַם אידישען פאָלק צו איהם
אַ פערביטערטע שנאָה. אַדריאנוס האָט עס אָבער אָדער ניט בעמערקט,
אָדער עס האָט איהם ניט געקימערט. אויף זײַנע פיעל רײַזען אין די רוי-
מישע פראָװינצען האָט דער קײזער אין די לעצטע צעהן יאָהר פון זײַן
רעגירונג אויך בעזוכט דאָס לאַנד יהודה און פון דאָרט מודיע געװעזען דעם
רוימישען סענאַט, אַז די אידישע אײַנװאָהנער האָבען איהם אױפגענומען
זעהר פרײַנדליך. דער סענאַט האָט געגלויבט זײַן ביטערן טעות און פער-
אײביגט זײַן װיזיט אין יהודה דורך דעם אַרויסגעבען ספּעציעלע מטבעות
װעגען דעם. אויף די מטבעות געפינען זיך צװײ בילדער: פון קײזער און
פון אַ שענער פרױ (דאָס לאַנד יהודה); בײדע שטעהען פאַר אַ מזבח, גע-
רײט צו ברענגען אַ קרבן. צװײ אָדער דרײַ אידישע קינדער שטעהען דער-
בײַ און דערלאַנגען דעם קײזער אַ לולב, אַלס סימבאָל פון שלום. דאָס
איז אָבער געװען אַ ביטערע זעלבסט-אָבנאַרונג. די אידען האָבען דאַנעגען
שוין לאַנג בעראַטען זיך װעגען אָנהויבען פיהרען אַ נײַע מלחמה. דאָס גע-
װעהר, װעלכעס די אידישע שמידען האָבען געפערטיגט פאַר די רוימער,
האָבען זײ, פאָראויסזעהענדיג, דאָס מען װעט עס געברויכען געגען זײ,
געמאַכט בכיון שװאַכע און אונמעגליכע צום געברויכען. אין די קאַלך-בערג
פון לאַנד יהודה, װאו עס זענען פאַרהאַן זעהר פיעל הײהלען, האָבען די
אידען אויסגעבויט פיעל גאַנגען אונטער דער ערד, װאו מען האָט אָנגע-
גרײט געװעהר, און אגב האָט מען פון דאָרט אויך געקאָנט מאַכען פלוצ-
לינגע אָנפאַלען אויף׳ן שונא, בשעת דער מלחמה. אַ שטילע, אָבער, װי
עס שײַנט, זעהר אַנ׳ענערגישע טעטיגקײַט האָט ענטװיקעלט דער תנא רבי
עקיבא בײַ די הכנות צום אױפשטאַנד. ער האָט געמאַכט גרויסע נסיעות
אין די װײַטע אידישע קהלות אין די פּאַרטהישע לענדער און אין קלײַן-
אַזיען, און, װי עס שײַנט, איז דער צװעק פון זײַן רײַזען געװען, צו
דערװעקען בײַ די דאָרטיגע אידען די התלהבות פאַר׳ן קריעג געגען רוים.
נאָך רבי יהושע׳ס טויט איז רבי עקיבא אַנערקענט געװאָרען פאַר׳ן גײַסטי-
גען אָנפיהרער פון אידישען פאָלק.

אַדריאנוס איז געװען אַזוי פערבלענדעט, אַז ער האָט גאָר ניט בע-
מערקט דעם אױפשטאַנד, װעלכען מען האָט צוגעגרײט אין פערשידענע
פונקטען פון דער רוימישער מלוכה כמעט אונטער זײַנע אויגען, און האָט
איהם דערזעהען ערשט דאַן, װען דער אױפשטאַנד האָט ערגעץ-װאו אויסגע-
בראָכען; אַזוי געשיקט האָבען די אידען אין ארץ-ישראל פערשטאַנען אָב-
צונאַרען די רוימישע אױפזעהער. אינ׳ם מאָמענט, װען דער אױפשטאַנד
האָט געדאַרפט אויסבראָכען, איז אַלץ געװען פאַרטיג צוגעגרײט: אַ גע-

וועהר, אַ גוטע מיטלען פאַר דער קאָמוניקאַציע, אַ געאיבטע קעמפפער, אַ אַ גוטער אָנפיהרער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט ניט בלויז מיט גבורה, נאָר אויך מיט רעליגיעזער התלהבות, אַזוי אַז ער האָט מיט זיין בלויזען ערשיינען שוין בעגייסטערט די קעמפפער. עס האָט אויך ניט געפעהלט קיין אַבערגלויבען; אין יענער צייט זענען אונטערגעגאַנגען צוויי פלעצער, זעהר וויכטיגע פאַר די רוימישע לעגיאָנען: קיסרין און עמאַוס, וועלכע זענען מיט אַ פאָר יאָהר פריהער פערוויסטעט געוואָרען דורך אַן ערד-ציטערניש. קיסרין איז, ווי דערמאָהנט, געווען די רוימישע הויפּט-שטאָדט אין יהודה, די רעזידענץ פון שטאַטהאַלטער. און אָט האָט מען איצט געזעהען אַ גוטען סימן, אַז דער דרייסטער אויפשטאַנד וועט געלינגען, אין דער ערד-ציטערניש, וואָס האָט געבראַכט שאָדען די רוימער. דאָס פאָלק האָט געגלויבט, אַז וויל קיסרין איז דערהויבען געוואָרען דורכ'ן חורבן פון ירושלים, דעריבער וועט איצט ירושלים דערהויבען ווערען דורכ'ן חורבן, וואָס גאָט אַליין האָט געבראַכט איבער קיסרין. אין עמאַוס ווידער האָבען געלעבט די רוימישע סאָלדאַטען, די שטאָדט איז געווען בעפעסטיגט, און איהר חורבן איז בכלל געווען זעהר גינסטיג פאַר'ן אויפשטאַנד. דען די רוימער האָבען דאָרט פערלאָרען אַ גינסטיגע באַזע.

דער הויפּט-גבור אינ'ם אויפשטאַנד אין די לעצטע יאָהרען פון אַדריאַנוס איז געווען בר כוכבא, וועלכער האָט געוואָרפען אַ שרעק אויף דער דאַמאָליגער אָבגעשוואַכטער רוימישער מלוכה ניט ווייניגער, ווי אין פריהערדיגע יאַהרהונדערטען ברינוס און האַניבאַל. — פון דער אָבשטאַמונג און דעם פריהערדיגען לעבען פון בר כוכבא'ן, פון וועלכען די פיינד האָבען פיעל אָבגעלאַכט, איז אונז לגמרי נישט בעקאַנט. ווי יעדער רעוואָלוציאָנס-העלד, איז ער ערשיענען פּלוצלינג, אַלס די פערקערפערונג פונ'ם פאָלקס-ווילען און פונ'ם פאָלקס-צייכען, און, פערשפּרייטענדיג אַן'אימה אַרום זיך, איז ער געוואָרען דער מיטעלפונקט פון דער געוואַלטיגער בעוועגונג. זיין אמת'ער נאָמען איז געווען בר כוזיבא, און דאָס איז כלל ניט געווען קיין זידעל-נאָמען, נאָר דער נאָמען פון זיין געבורטס-שטאָדט כזיב. בר כוכבא איז געווען דער נאָמען, וואָס רבי עקיבא האָט איהם געגעבען, זעהענדיג אין איהם אַ געזאַלבטען פון גאָט, אָדער אַ משיח. ווען רבי עקיבא האָט איהם צום ערשטען מאָל דערזעהען, האָט ער אויף איהם געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק, דאָס ער האָט אויסגערופען: „אָט דאָס איז דער מלך המשיח!" און האָט אָנגעווענדעט אויף איהם דעם פסוק: „דרך כוכב מיעקב" — „אַ שטערן איז אויפגעגאַנגען פון יעקב'ס הויז". רבי עקיבא האָט ערוואַרטעט פון דער שענער און שטאַרקער פערזענליכקייט פון בר כוכבא, אַז ער וועט ברעכען די רוימישע גאוה און איהר יאָך, און דאָס אידישע פאָלק וועט ווידער דערהויבען ווערען אינ'ם מלכות פון משיח. רבי עקיבא האָט דאָס געפונען אין דער נבואה פון חגי: „נאָך אַ קורצע ווילע וועל איך מאַכען שטורמען הימעל און ערד, כ'וועל

אַראָבוואַרפֿען דעם גרויסען" טהראָן און פֿערטיילינגען די מאַכט פֿון די געצענדינער". — אָבער ניט אַלע אידען האָבען זיך געהאַלטען בײַ דערזעלבינער מיינונג, וואָס רבי עקיבא. רבי יוחנן בן תורתא, הערענדיג רבי עקיבא'ס גרויסע הבטחות און האָפֿנונגען, האָט אויסגערופֿען: „עס וועט פֿריהער גראָז אויסוואַקסען בײַ דיר אויף די באַקען, איידער משיח וועט קומען!" אָבער רבי עקיבא'ס נאָמען און כבוד בײַם פֿאָלק איז אַזוי גרויס געווען, אַז מען האָט, איהם צוליעב, אָנגעהויבען קוקען באמת אויף בר כוכבא'ן, ווי אויף משיח'ן. פֿון אַלע זײַטען זענען צו איהם געקומען אידען, צו דינען איהם און העלפֿען אין דער מלחמה געגען רוים. און די מיטלען, וועלכע מען האָט געברויכט צו האָבען צו דער מלחמה, זענען אויך געשווינד אויסגעוואַקסען. דער נײַער אידישער אויפֿשטאַנד האָט זיך פֿערשפּרייט בכלל זעהר געשווינד. אפֿילו די שמרונים, וועלכע זענען דאָך פֿון אייביג אָן געווען אידישע געגנער, האָבען זיך איצט אויך געשטעלט צום קאַמפּף געגען רוים אונטער בר כוכבא. אויך גוים־געצענדינער האָבען זיך מיט זיי פֿעראייניגט, אַבי נור אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון זיך דעם רוימישען יאָך, וועלכעס האָט אַלעמען אונערטרעגליך געדריקט. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען די רוימישע מלוכה זאָל שוין בעקומען דעם גרויסען קלאַפּ, וועלכער זאָל מאַכען אַ סוף צו איהר ריזען־לעבען. און אויב איין אַלטע אידישע קוועלע דערצעהלט, אַז בר כוכבא האָט געהאַט אַן אַרמעע פֿון 400 טויזענד מאַן, און דער גוי'אישער היסטאָריקער דיאָ קאַסיוּס שרײַבט, אַז זײַן אַרמעע איז בעשטאַנען פֿון 580 טויזענד מאַן, איז דאָס גאָר קיין גוזמא ניט. בר כוכבא, דער יורש פֿון די אַמאָליגע קנאים, וועלכער איז עהנליך געווען דורך זײַן גבורה, צו שמעון בר גיורא, האָט מיט זײַן גרויסער אַרמעע, וואָס איז געווען גוט געלערנט און געאָרדענט, זיך געהאַלטען פֿאַר אונמעגליך בעזיגט צו ווערען, און ער זאָל אפֿילו האָבען אויסגערופֿען די שטאָלצע ווערטער צו גאָט: „רבונו של עולם, אויב דו ווילסט אונז ניט העלפֿען, טאָ העלף, לפּחות, ניט אונזערע פֿיינד, מיר אָבער וועלען שוין בעווייזען זיך אַליין צו העלפֿען".

געגען בר כוכבא'ס גרויסע אַרמעע האָט דער דאַמאָליגער רוימישער שטאַטהאַלטער אין יהודה גאָרנישט געקאָנט מאַכען. זײַן נאָמען איז געווען טינעיוס רופֿוס; אין די אַלטע אידישע ספרים ווערט ער גערופֿען טיראַנוס רופֿוס (טרנוס רופֿוס הרשע), דען ער ווערט געשילדערט אַלס אַ מענשען־שלאַכטער, וועלכער איז, אויסער זײַן שרעקליכער אַכזריות, נאָך געווען אַ פֿערדאָרבענער כאַראַקטער און פֿלעגט ליעב האָבען אָבצושפּאָטען פֿון זײַנע אַכזריות'דיגע קרבנות. די אידישע מחנות זענען אַזוי געשווינד אויסגעוואַקסען, אַז מען האָט געקאָנט מיינען, דאָס זיי שפּראָצען פֿון דער ערד, און רופֿוס האָט זיך באַלד צוריקגעצויגען פֿאַר זיי, איבערלאָזענדיג זיי איין פֿעסטונג נאָך דער אַנדערער. אין אַ משך פֿון איין יאָהר (92 נאָך'ן חורבן,

132—133 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג) זענען לערך פופצין בעפעסטיגטע שטעדט און פיעל פרייע שטעדט און דערפער שוין געווען אין די אידישע הענד. ווען אַדריאנוס האָט דערהאַלטען די ערשטע ידיעה וועגען דעם אויפשטאַנד, האָט ער זיך ווענינ־וואָס געקימערט וועגען איהם, באַלד האָבען אָבער אָנגעהויבען צו קומען קיין רוים ידיעות איינע נאָך די אַנדערע וועגען די מפּלות פון רוימישען מיליטער, און ער האָט זיך שוין איצט געאיילט צו שיקען פיעל מיליטער אונטער'ן אָנפיהרען פון זיינע בעסטע הויפּטלייט. פון פעניקיען, מצרים און אַראַביען האָט מען געשווינד געשיקט מיליטער אינ'ם לאַנד יהודה; אפילו פון די וויַיטע פּראָווינצען: מעזיען און מויריטאַניען האָט מען מיליטער געשיקט קיין יהודה. דער סירישער און פעניציישער פלאָט האָבען אָהן אויפהער געפיהרט מיליטער, צו פערשטאַרקען די רוימישע אַרמעע. צוויי בעריהמטע פעלדהערען: פּובליוס מאַרצעלוס, שטאַטהאַלטער פון סיריען, און לאָליוס אורב[illegible]יוס, שטאַטהאַלטער פון נידערדייטשלאַנד, זענען געקומען קיין ארץ־ישראל, כדי צו פיהרען דעם קריג געגען בר כוכבא, וועלכער האָט געדראָהט צו פערשפּרייטען זיך אויך אין די זייטיגע לענדער אַרום ארץ־ישראל. די דאָזינע בעריהמטע פעלדהערען האָבען אָבער געהאַט אַ מפּלה און פערלאָרען זייער שם, אַלס העלדען, אויף די אידישע שלאַכטפעלדער.

די דאָזיגע הצלחה האָט אַריינגעגעבען אַזאַ שטאַרקען בטחון די אידישע קעמפּפער, אַז זיי האָבען אַלע אָנגעהויבען גלויבען, דאָס מעהר וועט מען שוין ביי אידען זייער זעלבסטשטענדיגקייט ניט צונעהמען. פיעל אידען, וועלכע האָבען פריהער אָבגעלייקענט זייער אידישע אָבשטאַמונג, כדי ניט צו דאַרפען צאָהלען דעם ספּעציעל־אידישען אָבצאָהל, זענען איצט ווידער צוגעשטאַנען צום אידישען פאָלק, כדי ניט אויסגעשלאָסען צו ווערען פון משיח'ס מלחמה. —— ירושלים האָט אָבער אין דער איצטיגער מלחמה קיין ראָליע ניט געשפּיעלט. די אַלטע חרוב'ע שטאָדט איז געוויס געווען אין דער מאַכט פון די אידישע קעמפּפער, נאָר אויסנוצען האָט מען זי נאָך ניט געקאָנט: כדי איצט צו בעפעסטיגען זיך דאָרט, וואָלט מען געדאַרפט ערשט אויפבויען פון דאָס־ניי די אַמאָליגע מויערען אַרום שטאָדט און אין איהר, און דאָס וואָלט געפאָדערט צופיעל צייט.

בר כוכבא האָט שוין געוואָלט דערוויזען, אַז די אידישע זעלבסטשטענדיגקייט איז אַ פערווירקליכטער פאַקט, און האָט דעריבער געלאָזט פערפערטיגען איינענע „בר כוכבא־מטבעות“. אַ ביסעל האָט ער זיך אָבער דערין צוגעאיילט, דען קיין ענטשיידענעם נצחון איבער די רוימער האָט ער נאָך ניט געהאַט. די חשמונאים האָבען זייערע מטבעות אַרויסגעגעבען ערשט דאַן, ווען זיי זענען מיט זייער זעלבסטשטענדיגקייט שוין געווען זיכער.

ניט קוקענדיג אויף דער לאַנג־אָנגעזאַמעלטער שנאה, וואָס די אידען האָבען געטראָגען אין האַרצען געגען די רוימער, האָבען זיי קיין שום

גרויזאַמקייט ניט בעגאַנגען געגען יענע רוימער, וועלכע זענען איצט אַריינגעפאַלען אין זייער מאַכט. מעגליך, אַז זיי האָבען זיך אַזוי מילד בעגאַנגען מיט גוי'אישע פיינד, צוליעב דעם, וואָס צווישען זיי זענען געווען פיעל גוים, וועלכע זענען אַליין געקומען העלפען זיי אין קאַמפף געגען די רוימער. נאָר געגען די אידען-קריסטען, וועלכע האָבען געלעבט אין לאַנד יהודה, איז בר כוכבא זיך בעגאַנגען פיינדליך, ווייל מען האָט זיי בעטראַכט ווי אָבגעפאַלענע ברידער, שפּיאָנען און פיינד פון אידישען פאָלק. די שנאָה געגען די אידען-קריסטען האָט זיך בעזונדערס פערשטאַרקט, ווען זיי האָבען זיך מיט עקשנות אָבגעזאָגט טיילצונעהמען אין דער נאַציאָנאַלער מלחמה און זענען געבליבען די איינציגע גלייכגילטיגע צושויער פון דער שרעקליכער דראַמא. אין דער נייער אידישער מלוכה, וואו די אידישע שופטים האָבען ווידער איינגעפיהרט אידישע געזעצען, האָט די אידישע רעגירונג געהאַלטען, אַז זי האָט פאָלקאָם דאָס רעכט, צו שטעלען צום געריכט יענע אידען, וועלכע האָבען זיך אָבגעזאָגט צו פאָלגען דעם אידישען געזעץ, אָדער גאָר אָבצושפּאָטען פון איהם. אָבער ניט דורכ'ן טויט האָט מען בעשטראָפט די אידען-קריסטען, וועלכע האָבען זיך אָבגעזאָגט צו געהן פערטיידיגען דאָס פאָטערלאַנד, חאָטש זיי האָבען נאָך געהערט צום אידישען פאָלק, מען האָט זיי נור בעשטראָפט מיט מלקות (39 שמיץ). עס זענען אָבער געווען צווישען די אידען-קריסטען אויך פיעל פאַטריאָטען, וועלכע האָבען געהאַלטען געטריי מיט זייערע אידישע ברידער און האָבען אַליין אַרויסגעגעבען צו די ריכטער יענע פון זייערע לייט, וועלכע זענען זיך בעגאַנגען ווי פעררעטער געגען זייער אייגענעם פאָלק און לאַנד.

בר כוכבא'ס מלחמות האָבען זיך שוין געצויגען צוויי יאָהר לאַנג (62—64 נאָכ'ן חורבן), און אַדרינוס-קייזער האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו בעאונרוהיגען זיך וועגען דעם גרויסען אידישען ערפאָלג, דען ער האָט זיך געשראָקען, אַז אויך פיעל אַנדערע פעלקער אין מערב-אַזיען זאָלען ניט נאָכטהון די אידען און אַראָבוואַרפען פון זיך דעם רוימישען יאָך. די פערשטאַרקונגען, וועלכע ער האָט געשיקט אין לאַנד יהודה, האָבען אַלע געהאַט אַ מפלה. אַדרינוס איז געווען געצוואונגען צו שיקען דעם גרעסטען פעלדהערר פון יענער צייט, וועלכער איז געווען אין'ם ווייטען לאַנד בריטאַניען און געקעמפפט דאָרט געגען אַ פאָלק, וועלכעס האָט ניט וועניגער געליעבט זיין פרייהייט, ווי דאָס אידישע. יוליוס סעווערוס, דער בריטאַנישער שטאַטהאַלטער, איז אין אַדרינוס'עס אויגען געווען דער איינציגער העלד, וועלכער וואָלט זיך געקאָנט פערמעסטען אין גבורה מיט בר-כוכבא'ן, ווען סעווערוס איז געקומען אין לאַנד יהודה, האָט ער איינגעזעהען, דאָס די אידען האָבען פערנומען אַזעלכע בעפעסטיגטע און גינסטיגע פּאָזיציעס, דאָס ער האָט ניט געוואַגט צו געבען זיי באַלד אַ גרויסע שלאַכט. ווי אַספּסינוס, האָט אויך סעווערוס אונטערנעמען אַ לאַנגזאַמע מלחמה אין

פערשיעדענע פונקטען אין לאנד. ער האָט בעזונדערס געהאָפּט, אַז אידען וועלען מעהר אָבגעשוואַכט ווערען דאַדורך, וואָס זיי וועלען אַ לאַנגע צייט אַרבייטען מיט'ן שווערד, איידער מיט'ן אַקער; דער הונגער וועט זיי צווינגען אונטערצוגעבען זיך, אָדער ער וועט זיי אָבשוואַכען. ער האָט דעריבער קאָנצענטרירט זיין טעטיגקייט דערויף, וואָס ער האָט אָבגעשניטען אַלע וועגען, פון וואַנען די אידען האָבען געקאָנט בעקומען פּראָוויאַנט, און איז אָנגעפאַלען מיט זיין רייטעריי אויף קלענערע אידישע מחנות, פערניכטענדיג זיי. די דאָזיגע טאַקטיק איז איהם געלונגען פאָלקאָמען, בפרט נאָך, אַז ער האָט זי דורכגעפיהרט מיט דער געוועהנליכער רוימישער גרויזאַמקייט און אונמענשליכקייט און פלעגט די געפאַנגען-גענומענע אידען באַלד לאָזען אויסשעכטען. אַזאַ מלחמה פאָדערט פיעל צייט, אָבער זי פיהרט צום זיכערן נצחון. די פּרטים פון דער דאָזיגער מלחמה זענען געוועזען ניט ווייניגער דראַמאַטיש און העלדיש-גרויסאַרטיג, ווי די פריהערדיגע מלחמות פון די קנאים; ביי אידען איז אָבער אין יענער צייט ניט געוועזען קיין היסטאָריקער, וועלכער זאָל אין זיינע שריפטען פעראייביגען דאָס אָנדענקען פון'ם טויט-קאַמפּף פון דער אידישער נאַציאָן. די העלדישע מעשים פון שמעון בר גיורא, פון יוחנן פון גוש-חלב האָט די רוימישע פעדער אַליין ניט ווילענדיג, פעראייביגט, וועהרענד פון די גבורות פון בר כוכבא מיט זיינע גבורים זענען כמעט קיין שום זכרונות ניט געבליבען: דאָס פאָלק, וואָס האָט פון דער איצטיגער עפּאָכע און וויטער געדאַרפט פערגעסען כמעט אינגאַנצען, וואָס הייסט פּאָליטישע פאָלקס-פרייהייט און ווי אַזוי מען קעמפּפט דערפאַר מיט'ן שווערד און מסירות-נפש, האָט געדאַרפט באַלד געוואָהנען זיך צו פערגעסען אָן זיינע לעצטע העלדישע מעשים. ס'איז די ביטערע איראָניע פון דער אידישער געשיכטע. אפילו יענע ערצעהלונגען וועגען בר כוכבא'ס מלחמות, וועלכע עס האָט געשריבען אַ רוימער פאַר די רוימער, דער רעדנער אַנטאָניוס יוליאַנוס, זענען פערלאָרען געגאַנגען. נור איינצעלטע פּרטים זענען געבליבען בעוואוסט, און זיי דערצעהלען אונז וועגען דער גרויסער אידישער גבורה, אי וועגען זייער געוואַלדיגען פּאַטריאָטיזם און התלהבות, וואָס זיי האָבען אַרויסגעוויזען אין'ם טויט-קאַמפּף פאַר זייער פאָלקס-פרייהייט. די רוימישע מאַכט איז אָבער געוועזען זעהר גרויס: פון די פופציג פעסטונגען, וועלכע די אידען האָבען אין זייער מאַכט געהאַט, זענען ביסלעכווייז אַלע, ביז דער לעצטער, איינגענומען געוואָרען דורך די רוימער. די לעצטע פעסטונג, וועלכע האָט נאָך געדיענט פאַר אַן אָרט פון בעשיצונג פאַר די אידען, איז געוועזען ביתר — אַ יונגע שטאָדט, וואָס איז געלעגען ניט וויים פון ברעג ים, אין דרום-זייט פון קיסרין. נאָך אַ גרויסער שלאַכט, וועלכע האָט זיך געענדיגט אונגינסטיג פאַר בר כוכבא'ן, האָט ער זיך אַהער אַריינגעצויגען מיט זיינע בעסטע מחנות, און אַהער זענען אויך געקומען אַלע אידען, וואָס האָבען בעוויזען צו ענטלויפען פון דעם מערדערישען שווערד פון די רוימער. אין ביתר איז דעריבער, ביי-

ספק, די בעפעלקערונג געווען זעהר גרויס, און אַלע דאָרטיגע אידען האָבען מיט אימה געוואַרט אויפ'ן סוף פון דער שרעקליכער מלחמה.

די בעלאַגערונג פון אָט דער יונגער פעסטונג האָט, ווי עס שיינט, זיך געצויגען אַ גאַנצען יאָהר. דער פעלדהערר יוליוס סעווערוס האָט, אָהן צווייפעל, מעהר מיה געהאַט ביים איינעהמען ביתר, איידער אַספּסינוס ביי ירושלים. דורך די גאַנגען אונטער דער ערד, וועלכע די אידען האָבען פאַר דער מלחמה אויסגעבויט, האָבען די בעלאַגערטע געקאָנט אַריינבריינגען פּראָוויאַנט אין שטאָדט, און אַ טייכעל, וואָס האָט זיך געצויגען דורכ'ן שטאָדט, האָט זיי געגעבען אויך וואַסער גענוג. אָבער ענדליך האָט אויך געשלאָגען די לעצטע שעה פאַר ביתר. דורך וואָס איז די שטאָדט געפאַלען? איינינע דערצעהלען, אַז צוויי שמרונים, מנשה און אפרים, האָבען אויסגעזאָגט דעם סוד די רוימער, וואו עס געפינען זיך די גאַנגען אונטער דער ערד, און אַזוי־אַרום האָבען די שטאָדט־איינוואָהנער פערלאָרען די מעגליכקייט אַריינצופיהרען עסענוואַרג; אַנדערע ווידער בעריכטען, אַז דער טייך איז אויסגעטריקענט געוואָרען, און עס האָט פערפעהלט וואַסער אין שטאָדט. עס האָבען אויך, ווי עס שיינט, ניט געפעהלט קיין פעררעטער, וועלכע האָבען מיטגעהאָלפען די רוימער אויף אַנ'אַנדער אופן. אַזוי, למשל, דערצעהלט מען פאָלגענדע לעגענדע: בר כוכבא'ס קרוב, דער תנא רבי אליעזר המודעי, האָט אַ לאַנגע צייט פערבראַכט אין תעניתים, זיצענדיג אין אַש, אָנגעטהון אין אַ זאַק, און תפלה געטהון, אַז גאָט זאָל שיקען הילף פאַר דער פעסטונג. דער רוימישער פעלדהערר איז געווען אַזוי ערמיעדעט דורך דער לאַנגער בעלאַגערונג, אַז ער האָט זיך שוין גאָר געוואָלט צוריקציהען פון דער שטאָדט. אָבער אָט דאָ זאָל איהם אַ שמרוני האָבען ערקלערט, אַז די סבה, וואָס ער קאָן די שטאָדט ניט איינעהמען, ליעגט אין רבי אליעזר המודעי: „כל־זמן אָט די הוהן (דאָס הייסט: רבי אליעזר) שאַרט זיך אין איהר אַש — האָט ער איהם ערקלערט — וועסטו די שטאָדט ניט איינעהמען". דערויף איז דער שמרוני אַריינגעקומען דורך אַ גאַנג אונטער דער ערד אין שטאָדט און, קומענדיג צו רבי אליעזר, האָט ער איהם איינגערויטשט אַ סוד אין אויער, בשעת ער איז געזעסען און תפלה געטהון. די אַרומיגע מענשען האָבען באַלד חושד געווען, אַז דער שמרוני איז אַ פעררעטער, און האָבען דערצעהלט די זאַך בר־כוכבא'ן. מען האָט דעם שמרוני פעסטגענומען און ער זאָל האָבען ערקלערט אין דער אויספאָרשונג אַזוי: „אויב איך וועל מיין סוד דיר ענטדעקען, וועט סעווערוס מיך טויטען; אויב איך וועל דיר ניט ענטדעקען, וועסט דו מיך טויטען. בעסער וועל איך שטאַרבען דורך דיין האַנד, איידער דורך דער האַנד פון רוימער, וועלכען איך זאָל פעררעטען". בר כוכבא זאָל האָבען דעריבער אויך געוואָרפען אַ חשד אויף רבי אליעזר המודעי, דאָס ער שטעהט אין געהיימער פערבינדונג מיט'ן פיינד, און האָט איינגעלאַדען דעם תנא, אַז ער זאָל איהם ענטדעקען דעם סוד, וואָס ער האָט געהאַט מיט'ן

שמרוני. רבי אליעזר האָט, נאַטירליך, ערקלערט, אַז ער ווייס גאָרנישט פון קיין שום סודות. ביי דער דאָזיגער ערקלערונג זאָל בר כוכבא האָבען אַריינגעפאַלען אין אַזאַ גרימצאָרן, אַז ער האָט מיט'ן פוס אַ שטאַרקען שטויס געטהון דעם תנא, וועלכער איז באַלד געפאַלען טויט, ווייל ער איז זעהר געווען אָבגעשוואַכט פון די תעניתים. און בשעת ער איז געשטאָרבען, זאָל זיך האָבען געלאָזט הערען אַ שטימע פון הימעל (אַ בת-קול): „דו האָסט די אידישע שטיצע אונטערגעהאַקט און זיין אויג געבלענדעט, דערפאַר זאָל דיין האַנד אָבגענומען ווערען און דיין אויג געבלענדעט" באַלד נאָכדעם איז ביתר געפאַלען און בר כוכבא דער'הרג'עט געוואָרען.— דער סוף פונ'ם געוואַלדיגען גבור בר כוכבא, וועלכער האָט געהאַט אַזאַ גרויסען צוטרוי צו זיין אייגענער גבורה, איז אויך אַזוי ווענינ בעוואוסט, ווי דער אָנפאַנג פון זיין לעבען. שפּעטער האָט מען דערצעהלט, אַז אַ רוימער האָט זיין קאָפּ געבראַכט אין רוימישען לאַגער און זיך בעריהמט, אַז ער האָט איהם דער'הרג'עט. מען זאָל אויך זיין קערפּער האָבען געפונען אַרומגערינגעלט דורך אַ שלאַנג, און דער מנצח זאָל דערביי האָבען געזאָגט: „ווען גאָט וואָלט איהם ניט דער'הרג'עט, וואָלט מען איהם דורך מענשליכע כחות ניט געקאָנט בייקומען".— ביתר איז געפאַלען (135 נאָך דער קריסטליכער צייטרעכנונג) אויף אַ שרעקליכען אופן אינ'ם זעלבינען טאָג, ווען עס איז מיט פינף און זעכציג יאָהר פריהער געפאַלען ירושלים, אום תשעה-באָב.

די רוימער, וועלכע האָבען זיך אַריינגעריסען אין ביתר, האָבען דאָרטען געמאַכט אַ שרעקליכע בלוט-באָד אין דער בעפעלקערונג. די שילדערונג פון דער שחיטה איז אַ שוידערהאַפטע: די פערד זענען ביז דער נאָז אין בלוט געגאַנגען, און דאָס בלוט האָט זיך, ווי אַ טייך, געגאָסען אַ מייל וויים און שטיינער נעטריבען; דריי הונדערט קינדער האָט מען די קעפּ אָן די שטיינער צושפּאָלטען און מיט זייער מאַרך די ווענד בעפלעקט; פון דער גאַנצער יוגענד פון ביתר זאָל נור איין זוהן פונ'ם פּאַטריאַרך האָבען געבליבען ביים לעבען על פי נס. טויזענדער פרויען זענען עגונות געבליבען, דען עס איז ניט געבליבען קיין לעבעדיגער נפש, וואָס האָט געקאָנט עדות זאָגען, אַז מען האָט זייערע מענער דער'הרג'עט. עס איז כמעט גאָר אונמעגליך צו גלויבען די גרויסע צאָהלען פון די הרוגים, און דאָך שטימען אין דער הינזיכט איין די רוימישע מקורים מיט די אידישע. דער גוט-אינפאָרמירטער גריכישער היסטאָריקער, דיאָ קאַסיוס, דערצעהלט, אַז עס זענען, אויסער דורכ'ן הונגער און די שרפות, אויסגעהרג'עט געוואָרען העכער אַ האַלבער מיליאָן מענשען. אָבער אויך די רוימער האָבען זעהר פיעל מענשען פערלאָרען, חאָטש זייער היסטאָריקער לייקענט דאָס אָב, ווייל עס חאָט פאַר זיי ניט געפּאַסט מודה צו זיין אַזאַ זאַך אַ גרויסער טייל פון די רוימישע לעגיאָנען זענען אומגעקומען אין די מלחמות און ביי דער בעלאַגערונג. ווען אַדריאַנוס האָט געדאַרפט מודיע זיין וועגען

זיין גרויסען נצחון דעם רוימישען סענאט, האט ער זיך ניט דערוואגט
צו ערקלערען, ווי געוועהנליך: „איך און די ארמעע געפינען זיך וואויל״.
דער סענאט האט אויך ניט בעשטימט צו מאכען א טריאומף פאר׳ן קייז-
זער. נור יוליוס סעווערוס האט בעקומען א מתנה א צייכען פון א מנצח.—
דערמיט האט זיך נאך אבער די מלחמה ניט געענדיגט. פיעל אידי-
שע מחנות האבען זיך נאך געפונען אויף די בערג פון יהודה און אין די
הייהלען, און זיי האבען געפיהרט א פארטיזאנישען קריעג געגען די רוימער.
כדי אויפצופאנגען אט די מחנות, האבען די רוימער אויסגעשטעלט אויף
אלע וועגען גרויסע שמירה-מחנות. יעגע אידען, וועלכע עס איז געלונגען
צו אנטלויפען פון איין שמירה-מתנה, זענען אריינגעפאלען אין דער מאכט
פון דער אנדערער. אזוי-ארום האט מען אויפגעפאנגען און אויסגע׳הרג׳עט
אלע אידישע מחנות, און די שטעדט און דערפער, וואו דער אויפשטאנד
האט נור געהאט א שייכות, זענען צושטערט געווארען. דאס גאנצע לאנד
איז בוכשטעבליך א מדבר געווארען. א פאר יאהר שפעטער איז אן אייליבוים
געווען א זעלטענהייט אין גאנצען גליל, האטש ער איז פריהער געווען בע-
ריהמט, אלס א לאנד פון איילבערטען. די געפאנגענע, משמעות, פרויען
און קינדער, האט מען צו טויזענדע געשלעפט אויף די שקלאווען-מערק אין
חברון און עזה, וואו מען האט זיי פערקויפט כמעט אומזיסט, ווייל די
צאהל פון די שקלאוען איז זעהר גרויס געווען. דעם רעשט האט מען
אוועקגעשלעפט קיין מצרים, וואו זיי זענען אומגעקומען אדער אויפ׳ן וועג
אין די שיפען, אדער, אויף דער יבשה פון הונגער. אין לאנד יהודה זע-
נען אבער נאך אלץ געבליבען א ביסעל אידישע קעמפפער, וועלכע האבען
זיך בעהאלטען אין די הייהלען, און די פיינד האבען אויף זייער שרעקלי-
כער מענשען-יאגד ניט געקאנט זיי ענטדעקען. אין א געוויסען שבת זענען
אזעלכע אונגליקליכע פלוצלינג איבערגעשראקען געווארען אין א הייהל און
האבען זיך געלאזט לויפען אין זייערע ענגע גאנגען אונטער דער ערד.
דארט האבען זיי אלע דעם [illegible] געפונען, דערשטיקענדיג איינער דעם
אנדערען ביים אנטלויפען. די שרעק האט געשטאסט פון די שיך מיט די
צוועקעס (סאנדאלען — סנדלים), וועלכע האבען געמאכט א רוישען בשעת׳ן
געהען, און די עלענדע געפלאגטע האבען געמיינט, אז דאס געהען די
פיינד. דער אונגליקליכער טויט פון די דאזיגע אידען האט געמאכט אזא
שטארקען רושם, אז מען האט דאמאלס פערבאטען צו טראגען סאנדאלען
בעשלאגען מיט צוועקעס. אנדערע אונגליקליכע, געפייניגט פון הונגער,
האבען זיך געשפייזט אין די הייהלען מיט׳ן פלייש פון די דער׳הרג׳עטע,
וועלכע האבען זיך געוואלגערט קופעס-ווייז ארום אויף די פעלדער. די נויט
האט זיי געצוואונגען אזוי שטארק צו דער דאזיגער שרעקליכער שפייז, אז
זיי האבען זיך שוין דערצו געוואהנט, און יעדען טאג פלעגט עמיץ פון זיי
ארויסגעהען אין פעלד, צו ברענגען א טויטען מענשען. איינמאל איז אזא
אונגליקליכער ארויסגעגאנגען נעהמען א טויטען, און האט באלה געפונען

אַ דער'הרג'עטען, וועלכען ער האָט שוין געוואָלט מיטנעהמען אין דער הייהל אַריין. אָבער דאָ האָט ער פּלוצלינג בעמערקט, אַז דער דער'הרג'עטער איז זיין פאָטער. ניט ערלויבענדיג זיך אָנצורירען אויף אַזאַ אופן זיין פאָטער, איז ער צוריקגעקומען אין דער הייהל מיט לעדיגע הענד. באַלד איז אַרויסגעקומען אַ צווייטער איד און אַריינגעבראַכט דעם טויטען אין הייהל. נאָכדעם, ווי מען האָט זיין פלייש צוגעגרייט און אָבגעגעסען, האָט דער זוהן זיך דערוואוסט, אַז ער האָט זיין פאָטער'ס פלייש געגעסען. — אַזעלכע שרעקליכע לעגענדעס ווערען נאָך דערצעהלט וועהר פיעל פון דער שרעקליכער לאַגע פון די געבליבענע אידען אין ארץ-ישראל. די רוימער האָבען אָבער ניט פערגונען די אונגליקליכע אפילו אויך אַזאַ לעבען: אין בעראַל האָט מען אַרויסגעשיקט שפּיאָנען אויפצוזוכען די אידען אין די הייהלען, כדי זיי צו דער'הרג'ענען. מען האָט אויך געלאָזט אויסרופען אין לאַנד דורך העראָלדען, אַז יענע אידען, וועלכע וועלען אַליין אַרויסגעהען פון די הייהלען צו די רוימער, וועט מען בעגנעדיגען. עס האָבען זיך געפונען ניט וועניג נאַאיווע, וואָס האָבען געגלויבט אין דער הבטחה פון די מערדער, און זענען צו זיי אַרויסגעקומען. אָבער די רוימער האָבען זיי אויף דער שטעלע דער'הרג'עט. גליקליך זענען געווען נור יענע אידען, וועלכע האָבען בעוויזען צו אַנטלויפען אין די לענדער אויפ'ן טייך עפראַט און אַראַביען, וואו זיי זענען געווען אויסער דער רוימישער מאַכט און האָבען געפונען פיעל אידען, וועלכע האָבען זיך אויף זיי דערבאַרימט. אַדריינוס האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט די שוידערהאַפטע שחיטות אין ארץ-ישראל; אויך די אידען אין אַלע איבעריגע רוימישע פראָווינצען האָט ער זיין ווילדען צאָרן געלאָזט שפירען. ער האָט אויף זיי אַרויפגעלעגט אַ גרויסען אָבצאָהל פון יעדען נפש, וועלכער איז געווען פיעל גרעסער פאַר'ן ספּעציעל-אידישען אָבצאָהל, וואָס אַספּסינוס האָט בעשטימט צו נעהמען ביי אידען. די אידישע געלעהרטע האָבען איינגעפיהרט אַ בעזונדערן טרויער-צייכען נאָך דעם חורבן פון ביתר: אַ כלה האָט מעהר ניט געטאָרט געטראָגען ווערען צום חתן אין הויז אַריין אין אַ פראַכט-ביידעל (אַפּריון), ווי דאָס איז געווען ביי אידען אַ מנהג.

צוליעב דער גרויסער שרעק, וואָס אַדריינוס האָט איבערגעלעבט אין דער צייט פון דער מלחמה, האָט ער בעשלאָסען, צו טהון עפּעס-וואָס אַזעלכעס, וואָס זאָל אונמעגליך מאַכען אין דער צוקונפט אַזאַ אויפשטאַנד. די אידישע נאַציאָן איז געלעגען ווי אַ גרויסער צו'הרג'עטער מת אין די קאַלוזשעס בלוט אויף די פעלדער פונ'ם לאַנד פון זיינע עלטערן; דאָס איז אָבער פאַר אַדריינוס'ן געווען וועניג, ער האָט געוואָלט פערניכטען אינגאַנצען די אידישע נאַציאָנאַליטעט. צוליעב דעם האָט ער אַרויסגעגעבען אַ גאַנצע רייהע גזרות, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק אויסצורייסען דאָס גייסטיגע לעבען אינ'ם האַרצען פון יענע אידען, וועלכע זענען נאָך איבערגעבליבען ביים לעבען. פאַר אַ פּראָקוראַטאָר אין ארץ-ישראל האָט ער

בעשטימט דעם אַכזר רופוס (טרנוס רופוס), ווייל ער איז גוט געווען בעקאַנט מיט'ן אידישען לעבען און האָט שטרענג געקאָנט האַלטען די אויפזיכט אויף זיי.

כדי אויסצורייסען ביי אידען יעדע האָפנונג אויפ'ן אָבבויען צוריק ירושלים און דעם בית-המקדש, האָט רופוס געלאָזט אַרומאַקערן, ווי אַ פעלד, דעם אָרט, וואו ירושלים איז געשטאַנען; געטהון האָט ער דאָס אום תשעה-באָב, ווייסענדיג, וואָס פאַר אַ טרויער-טאָג דאָס איז ביי אידען. דאַדורך האָט ער בעוויזען די אידען, אַז פון איצט אָן וועט ירושלים שוין זיין גאָר אַן אַנדער שטאָדט, אַ נייע, אַ רוימישע, אָבער ניט קיין אידישע. פיעל בנינים האָט ער געלאָזט צוריק אויפבויען אין ירושלים און בעזעצט דאָרט אַ קאָלאָניע פון אויסגעדיענטע סאָלדאַטען, פעניקיער און סיריער. די נייע ירושלים האָט ער געלאָזט בויען אויפ'ן גריכישען שטייגער מיט צוויי מערק, אַ טעאַטער און אַנדערע עפענטליכע געביידעס. אַזוי-אַרום האָט אַדרינוס פערווירקליכט זיין פריהערדיגען פלאַן, צו מאַכען ירושלים פאַר אַ געצענדיענערישע שטאָדט. אויפ'ן הר-הבית האָט מען אויפגעשטעלט אַ גרויסען מאָנומענט לכבוד אַדרינוס און אַ טעמפעל האָט מען דאָרט אויסגעבויט פאַר'ן קאַפּיטאָלינישען יופּיטער, דעם אָבגאָט, וואָס בעשיצט די שטאָדט רוים, לויט'ן געצענדיענערישען גלויבען. אויך אַנדערע געטער-סטאַטועען פון רוימישען, גריכישען און פעניצישען קולט האָבען בעציערט, אָדער, ריכטיגער פעראונרייניגט די אַלטע אידישע הויפּטשטאָדט. אפילו דעם אַלטען נאָמען „ירושלים" האָט ער געוואָלט אויסרייסען פונ'ם מענשליכען זכרון, און איהר אַ נאָמען געגעבען „אֶליה קאַפּיטאָלינאַ", לויט זיין אייגענעם נאָמען און דעם נאָמען פון רוימישען אָבגאָט. איבער'ן דרום-טויער, וואָס געהט קיין בית-לחם, האָט מען אַרויפגעשטעלט אַ חזיר-קאָפּ אויסגעהאַקט פון שטיין, כדי בעזונדערס צו צורייצען די אידען; אויסערדעם האָט ער שטרענג פערבאָטען די אידען אונטער אַ טויט-שטראָף ניט אַריינצוקומען אין די מויערן פון דער שטאָדט. אפילו אויפ'ן באַרג גריזים, וואו עס איז אַמאָל געשטאַנען אַ שמרונישער מקדש, האָט ער געלאָזט אויסבויען אַ טעמפעל פאַר יופּיטער. בכלל האָט אַדרינוס אויפגענומען די פאַרצייטיגע פּאָליטיק פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס: די אידישע הייליגטימער האָט ער מטמא געמאַכט און דאָס אידישע פאָלק האָט ער געוואָלט מיט געוואַלד צווינגען צו דיענען די אָבגעטער. אַדרינוס האָט געגלויבט, אַז עס וועט איהם געלינגען צו ברעכען די גרויסע אידישע ליעבע צו דער פרייהייט, אויב נור ער וועט בעצווינגען אידען און לערנען זיי אָבצוגעוואָהנען זיך פון זייער אייגענעם שטייגער לעבען. די שווערסטע שטראָף האָט ער בעשטימט פאַר יענע אידען, וועלכע האָבען אָבגעהיט מל'ה צו זיין זייערע קינדער, אָדער געהאַלטען שבת און געלערנט תורה. פאַר'ן ערפילען אַ אידיש געזעץ, אַ מנהג, אָדער אפילו בלויז אַן אַלטע אידישע רגילות, ווען עס האָט נור געטראָגען בלויז אַ שאָטען פון אַ רעליגיעזען כאַראַקטער, האָט מען שטרענג

בעשטראָפט. אַזוי, למשל, האָט טרנוס רופוס פערבאָטען צו מאַכען אַ חתונה אום מיטוואָך, ווייל דאָס האָט דערמאַנט אָן אַ אידישען מנהג. די צייט פון ביתר'ס חורבן ביז אַדרינוס'עס טויט ווערט צוליעב די דאָזיגע רדיפות גערופען די „עפּאָכע פון שמד־גזרות״.

די שטרענגע גזרות און די נאָך שטרענגערע דורכפיהרונג זייערע זענען געוואָרען אַנ'אמת'ע פּלאָג, וואָס האָט פערביטערט דאָס לעבען פון די געבליבענע אידען אין ארץ־ישראל. די פרומע אידען האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טהון: צי מוסר־נפש צו זיין זיך אויף יעדען אידישען דין און מנהג, אָדער צו ערפילען דערווייל, וואָס מען פאָדערט ביי זיי, און ניט איינשטעלען דאָס לעבען אין סכנה, נאָכדעם, ווי די מלחמה האָט שוין אָהן דעם אויך געקאָסט הונדערטער טויזענדע אידען דאָס לעבען. צו וועמען צו ווענדען זיך מיט אַנ'אָנפראַגע וועגען דעם איז אויך ניט געווען — ניט קיין סנהדרין, ניט קיין מנהיג, ניט קיין אידישער מורה־הוראה איז שוין איצט געבליבען עפענטליך אין ארץ־ישראל. ענדליך האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען איינינע איבערגעבליבענע תנאים אין אַ געהיימען בוידעם־שטיבעל איינס אידן (עלית בית נתזה), וואו זיי האָבען זיך בעראַטען וועגען דער פראַגע. אין דער בעראַטונג האָבען טיילגענומען די תנאים: רבי עקיבא, רבי טרפון, רבי יוסי הגלילי און, ווי עס שיינט, אויך רבי ישמעאל. די פראַגע איז געווען אַזאַ וויכטיגע, אַז די מיינונגען וועגען איהר האָבען זיך צושיידען. די שטרענגע אידען האָבען ערקלערט, אַז אַ איד איז מחויב מוסר־נפש צו זיין זיך אויף יעדער מצוה, אַ הארבע, אָדער אַ לייכטע; דער מעסיגער רבי ישמעאל דאַגעגען האָט ערקלערט, אַז אין טויט טאָר מען ניט געהן, צוליעב די מצוות, דען די תורה איז געגעבען געוואָרען צום לעבען און ניט צום שטאַרבען. פאַר'ן מאָמענט מוז מען אַלזאָ זיך לאָזען בעסער בויגען. דורכגעפיהרט האָט מען אויף דער בעראַטונג, ווי שטענדיג איז, דעם מיטעל־וועג: אויף אַלע מצוות זאָל מען עובר זיין און אין טויט ניט געהן, נאָר אויף געצענדיענעריי, בלוט־פערגיסען און אונציכטיגקייט זאָל מען זיך מוסר־נפש זיין און בעסער געהן אין טויט, איידער צו טהון אַזעלכע פערברעכען. אין דער גרויסער נויט מעג מען זיך אפילו אויך פערשטעלען, אַז דער פיינד זאָל מיינען, דאָס מען האָט זיין בעפעהל ערפילט, פאַר זיך אָבער זאָל מען אָבהיטען אַלע מצוות, אויף וויפיעל דאָס וועט נור מעגליך זיין. שרעקליך עלענד איז דאַמאָלס געווען די אידישע לאַגע. ווען זיי פלעגען מוזען מאַכען אַלערליי קונץ־שטיק, אַבי אָבצונאַרען דעם פיינד, אַז ער זאָל ניט זעהען, דאָס זיי היטען אָב די אידישע דינים און מנהגים. כדי צו לערנען תורה, פלעגט מען זיך בעהאַלטען אויף די דעכער, אָדער אין די הייהלען צווישען די בערג. ווען רבי עקיבא איז איינמאָל געשטאַנען מיט זיינע תלמידים און געדאַוונט, האָט ער פון דערווייטען דערזעהען אַ רוימישען שפּיאָן און געגעבען אַ וואונק צו די תלמידים, אַז זיי זאָלען די תפלה זאָגען גאַנץ שטיל, כדי דער שפּיאָן זאָל ניט דער־

הערען. די רוימישע בעאמטע האבען גאנץ ערנסט בעאבאכטעט, אז די אידען זאלען ניט ערפילען קיין שום געזעץ: יעדען אידען, וועלכען מען פלעגט חאפען ביים ערפילען א חעלכען עס איז געבאט, פלעגט מען תיכף בעשטראפען מיט געלד. אדער מיט געשלעג, אדער אויך מיט'ן טויט. רבי ישמעאל שילדערט די טרויעריגע צייט אין פאלגענדע ריהרענדע ווערטער: „זינט די פערברעכערישע רוימישע מלוכה האט אנגעהויבען גוזר צו זיין אויף אונז גזרות רעות און לאזט אונז ניט אבהיטען די תורה און לערנען זי, האבען מיר איינענטליך נאר געדארפט אויפהערען צו נעהמען פרויען און האבען קינדער; אבער אזוי-ארום חאלטען דאך אברהם'ס קינדער נאר אונטערגעהען, דעריבער דארף מען אידען לאזען צו לעבען, ווי זיי פער שטעהען; זאלען זיי, לפחות, ניט חיסען, אז זיי טהוען עבירות".

עס זענען אבער אויך געווען פרומע אידען, וועלכע האבען ניט איינגעשטימט זאגאר אבצונארען די רוימער, נאר זיי פלעגען עפענטליך ערפילען אלע געבאטען פון גאט, אפילו אויך אידישע מנהגים, און שטארבען, ווי קדושים. א איינגערער תלמיד-חכם פון יענער צייט האט אין א דראמאטישער פארם געשילדערט די דאמאליגע רוימישע משפטים מיט אידען. ער שטעלט פאר, ווי דער ריכטער וואלט געפרעגט ביים אידען: „וואראום ווערסטו געשלאגען? — ווייל איך האב אתרג געבענשט.—פארוואס געהט מען דיך הענגען און אנשלאגען אויפ'ן קרייץ? — ווייל איך האב פסח געהיט און מצה געגעסען. — פארוואס האט מען דיך פער'משפט, פערברענט אדער דער'הרגעט צו ווערען מיט'ן שחערד? — ווייל מיר האבען תורה געלערנט און אונזערע קינדער מל'ה געווען." — ווען מען פלעגט געפינען א איד מיט תפילין אויפ'ן קאפ, פלעגט מען איהם דעם מוח צושפאלטען. די רוימער פלעגען זיך אבער ניט בעגניגען מיט'ן בעשטראפען אידען דורך א שנעלען טויט: זיי פלעגען דעם בעשטראפטען אנטהון מורא'דיגע יסורים, איידער מען פלעגט איהם דער'הרג'ענען. אין דער הינזיכט האט מען אין די דאמאליגע רוימער שוין געקאנט דערקענען די צוקינפטיגע ערפינדער פון דער אינקוויזיציע. די ווילדעסטע פאנטאזיע וואלט ניט געקאנט אויסטראכטען עטוואס ערגליכעס. אנגעגליהטע קויהלען פלעגען די רוימישע תלינים לעגען די אונגליקליכע אונטער די ארעמס, ווערענד אויפ'ן הארצען פלעגען זיי זיי לעגען קאלטע נאסע טיכער, כדי דער טויט זאל קומען לאנגזאמער און די יסורים זאלען גרעסער זיין. מען האט שוין דאמאלס אויך אנגעהויבען שלאגען צוועקעס די אידען אונטער די נעגעל, רייסען פון זיי שטיקער פלייש און אנדערע אזעלכע שוידערהאפטע און עקעלהיגע מערדערייען בעגעהן.

און פונדעסטוועגען פלעגען אידען זייער תורה אבהיטען און אויך לערנען זי, און עס וואלט זיי אויך געלונגען אבצונארען די רוימער. עס זענען אבער געווען ביי אידען אויך פעררעטער, וועלכע פלעגען זיי מסר'ן פאר די רוימישע בעאמטע; פערשטעהענדיג אליין גוט די תורה,

האָבען די פערדעטער אָנגעוויזען די רוימער יעדען מאָמענט, וואָס די אידען טהוען, און ווי אַזוי זיי ווילען זיי אָבנאַרען. נעמהון האָבען דאָס די פערדעטער טײַלוויי צוליעב געלד, טײַלוויי, כדי צו דערוואַיזען די רוימער, דאָס זיי זענען געטרײַע קנעכט, טײַלוויי ווידער זענען דאָס געוועזען גנאָסטיקער, וועלכע האָבען שטאַרק געהאַסט די אידען מיט זייער תורה און געשטרעבט זיי צו פערניכטען. צו די ערביטערטסטע פײַנד פון דער תורה אין יענער צײַט געהערט אויך אלישע, אָדער אחר, וועלכער פלעגט אין דער שמד-צײַט אָנווײַזען די רוימער און לערנען זיי אונטערצושײַדען צווישען אַ גרונד-געבאָט פון דער תורה און דעם עובר זײַן אויף אַ געזעץ פון אָנשטעל ווענען, וועהרענד דאָס איז בלויז אַ מנהג, ניט קיין געזעץ. אַזוי למשל, האָט אלישע-אַחר אָנגעוויזען, אַז ווען מען צווינגט אַ אידען טראָגען אום שבת אַ משא, נעהמט דער איד צו הילף אַ צווייטען אידען; ער מיינט אָבער דערמיט ניט זיך לײַכטער צו מאַכען די אַרבייט, נור אָבצונאַרען דעם בעאַמטען, ווײַל זאַלבענאַנד טראָגען איז די עבירה ניט קיין גרויסע, דען ביידע זענען פטור פון אַ בעשטראָפונג לויט'ן אידישען דין. דורך אַזעלכע אָנווײַזונגען האָבען די רוימער אויסגעלערנט אונטערצושײַדען אַלע דינים און זייערע פרטים. כדי צו קאָנען שטרענגער פיהרען זייער שפּיאָנאַזש. ווען זיי פלעגען, למשל, הערען, אַז מען אַרבייט בײַ אַ אידען אויף אַ האַנדמיהל, האָבען זיי שוין בעקומען אַ חשד, אַז מען דאַרף דאָרט מל'ה זײַן אַ קינד און מען מאָהלט פולווער, און פלעגען אָנהויבען באַלד זוכען די קינפעטאָרין מיט'ן קינד. טרנוס רופוס איז ביסלעכוויז גוט בעקאַנט געוואָרען מיט די אידישע מנהגים און דינים, און האָט זיך ניט געלאָזט אָבנאַרען דורך די פרומע אידען.

אויף צוויי פונקטען האָט רופוס בעזונדערס שטרענג געפיהרט די בעאָבאַכטונג און בעשטראָפט פאַר זיי מיט'ן טויט: אויף לערנען תורה און סומך זײַן תלמידי חכמים. דאָס איז געווען דער צענטער און די נשמה פון יודענטום אין דער דאַמאָליגער שווערער צײַט. ווען מען וואָלט אויפגעהערט צו לערנען, וואָלט די תורה שבעל פה פערגעסען געוואָרען (דען זי איז נאָך ניט געווען פערשריבען, ווי יעצט), און ממילא וואָלטען שוין בײַ אידען אויך קיין תלמידי חכמים ניט געווען; ווען ווידער מען וואָלט ניט סומך געווען קיין תלמידי חכמים, וואָלט אפילו ניט געבליבען ווער עס זאָל איבערגעבען אויך דאָס, וואָס מען וואָלט נאָך געדענקט פון די הלכות. דאָס יודענטום וואָלט דאַדורך אינגאַנצען איבערגעהאַקט געוואָרען. בכלל, האָט די רוימישע פערניכטונגס-פּאָליטיק געהאַט גוטע מיטהעלפער בײַ אידען, וועלכע האָבען אָנגעוויזען יענע פונקטען אין יודענטום, וואו מען האָט איהם געקאָנט פערוואונדען שטערבליך. פאַר'ן לערנען תורה, אָדער סומך זײַן יונגע תלמידי-חכמים פלעגט מען בעשטראָפען מיט'ן טויט ניט בלויז די תלמידי-חכמים, נאָר אויך די געמיינדע-פערוואַלטער, פאַרוואָס זיי פלעגען דאָס דערלאָזען. די שטאָדט מיט איהר אומגעגענד, וואו מען פלעגט

נעבען סמיכה אַ יונגען תּלמיד-חכם, פֿלעגט מען אײנגאַנצען צושטערען און חרוב מאַכען. מעגליך, אַז די דאָזיגע טײַוולאָנישע בעפֿעהלען זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען, לויט אלישע-אַחר׳ס אָנווײַזונגען, דען עס איז בעוואוסט, אַז ער האָט איבערגעגעבען פֿיעל תּלמידי-חכמים דעם טויט, און פֿלעגט שרעקען די יונגע-לײַט מיט דער בעשטראָפֿונג, כּדי זײ זאָלען זיך ניט בעשעפֿטיגען מיט׳ן לערנען תּורה. אײנמאָל איז ער אַרײַנגעקומען אין בּית-המדרש און, דערזעהענדיג דאָרט יונגע תּלמידים, האָט ער אויסגעשריען: „וואָס טהוט איהר דאָ? נעהט, ווערט בּויער, יעגער, שנײַדער, סטאָליאַרעס!“

עס זענען אָבער אויך אין יענער צײַט געווען אַזעלכע מיושב׳דיגע אידען, וועלכע האָבען געראַטען נאָכצוגעבען, טראָגענדיג מיט געדולה די מאָראַלישע יסורים, בּיז עס וועט קומען אַ בּעסערע צײַט. אײנער פֿון אַזעלכע אידען איז געוועזען דער תּנא רבּי יוסי בּן קסמא, וועלכער האָט געהאַלטען די געדולד פֿאַר דער שענסטער מדה, דען מיט איהר קאָן מען מעהר דערגרײכען, ווי דורך עקשנות און מסירת-נפֿש. אײנמאָל האָט ער געטראָפֿען רבּי חנינא בּן תּרדיון, ווען ער איז געזעסען מיט אַ ספֿר-תּורה און געלערנט מיט תּלמידים. „בּרודער חנינא — האָט רבּי יוסי אויסגערופֿען — צי זעהסטו דען ניט, אַז דער הימעל איז גינסטיג דער דאָזיגער אומה (די רוימער)? זי האָט אונזער בּית-המקדש חרוב געמאַכט, אונזערע פֿרומע לײַט אויסגע׳הרג׳עט, אונזערע בּעסטע מענשען פֿערניכטעט און פֿונדעסטוועגען האַלט זי זיך! ווי אַזוי אַלזאָ ערלויבסטו זיך ניט צו פֿאָלגען איהרע בּעפֿעהלען? עס וועט מיך גאָר ניט וואונדערן, ווען זי וועט דיך לאָזען פֿערבּרענען מיט דײַן הײליגען ספֿר צוזאַמען!“ בּײַם רוימישען שטאַטהאַלטער אין קיסרין איז בּעהאוסט געוועזען וועגען רבּי יוסי׳ס נטיה צו שלום און דעריבּער האָט ער דאָרט זעהר נושא חן געווען און „ווען ער איז געשטאָרבען, זענען אַלע הויכע רוימישע שרים געקומען צו זײַן לויה“. די מײַסטע תּנאים האָבען זיך אָבער געהאַלטען בּײַ אַן אַנדער מײנונג: זײ האָבען בּעשלאָסען בּעסער אין דעם טויט פֿון קדושים צו געהען, אײדער פֿון דער תּורה און איהר לערנען זיך אָבצוזאָגען; דאָס לערנען תּורה האָבען זײ געשטעלט נאָך העכער פֿאַר מעשׂים-טובים. בּשעת מען האָט געצוואונגען מבטל צו זײַן אײניגע מצוות, האָבען זײ אַלײן אַ בּײַשפּיעל געגעבען, ווי אַזוי מען מוז פֿאָלגען, אָדער אָבנאַרען די רוימער, אָבער ווען מען האָט געפֿאָדערט, דאָס זײ זאָלען זיך אָבזאָגען פֿון לערנען תּורה, האָבען זײ זיך כּמעט אַלײן געשטויסען צו שטאַרבען, ווי קדושים, אַבי ניט אָבצורײַסען זיך פֿון תּלמוד-תּורה.

פֿון אַלע דאַמאָליגע קדושים האָט די אידישע טראַדיציע פֿעראײביגט דאָס אָנדענקען פֿון די „עשׂרה הרוגי מלכות“ — פֿון צעהן קדושים, וועלכע האָבען דעם מערטירער-טויט אָנגענומען. דער אָנגעזעהענסטער צווישען זײ איז געוועזען דער תּנא רבּי עקיבא, וועלכען מען האָט אַרײַנגעוואָרפֿען צו-

ערשט אין תּפיסה, ווען מען האָט איהם געפונען לערנענדיג תּורה מיט תלמידים. אומזיסט האָט איהם זיין פריינד פּפּוס בן יהודה, וועלכער האָט געהערט צו די נאָכגיעבּיגע אידען, מזהיר געווען, אַז די רוימער גיעבען שטרענג אַכטונג, אַז מען זאָל ניט לערנען קיין תּורה, רבּי עקיבא האָט איהם דערויף געענטפערט מיט אַ משל, דורך וועלכען ער האָט ערקלערט, אַז דאָס ניט-לערנען תּורה איז שוין אויך אַ טויט פאַר דער נאַציאָן.

„אַמאָל — האָט רבּי עקיבא זיין משל דערצעהלט — איז אַ פוקס געגאַנגען אויפ'ן ברעג טייך און דערזעהען, ווי די פיש שווימען-איבּער געשווינד פון איין אָרט צום אַנדערן. — „וואוהין לויפט איהר אַזוי"? — האָט די חיטרע חיה זיי געפרעגט. — „מיר ענטלויפען — האָבען זיי געענטפערט — פון די נעצען, וואָס די פיש-פאַנגער שטעלען אויס, כּדי אונז צו פאַנגען". מאַכט צו זיי דער פוקס: „קומט אַרויף צו מיר אויף דער יבשה, וואו איהר וועט שוין זיין זיכער פון די נעצען". — „דוכט זיך, אַ חכם — האָבען די פיש דעם פוקס געענטפערט — און רעדסט אַזאַ נאַרישקייט: מה דאָך, אַז אין אונזער אייגענער סביבה זענען מיר ניט זיכער, טאָ ווי אַזוי וועלען מיר שוין זיכער זיין אין אַ סביבה, וואו דאָס אָטעמען אַליין ברענגט אונז שוין דעם טויט!"... — באַלד האָט זיך טאַקי דערוואוסט טרנוס רופוס וועגען דעם גרויסען רבּי עקיבא'ן און זיין אויטאָריטעט בּיי אידען, און זיך מיט איהם בּעגאַנגען נאָך פיעל גרויזאַמער, ווי מיט אַנדערע קדושים. אַ לאַנגע צייט האָט ער איהם פעסט געהאַלטען אין תּפיסה אונטער אַ שטרענגער שמירה, אַז קיין ילוד אשה זאָל צו איהם ניט אַריינקומען. די איבּריגע תּלמידי-חכמים האָבען זיך הערשפּירט אָהן איהם, ווי יתומים אָהן אַ פאָטער און פלעגען מיט מסירת-נפש אַריינחאַפּען זיך צו איהם אין תּפיסה, כּדי צו פרעגען בּיי איהם וויכטיגע רעליגיעזע שאלות, וועלכע זיי אַליין האָבען ניט געקאָנט פערענטפערן. — טרנוס רופוס האָט, מעגליך, געהאָפט צו צווינגען רבּי עקיבא נאָכצוגעבען, האַלטענדיג איהם אין תּפיסה, כּדי דאַדורך צו געבען אַ בּיישפּיעל אַנדערע אידען, אַז זיי זאָלען אויך נאָכגעבען. אָבער רבּי עקיבא האָט זיך געהאַלטען פעסט. דאַן האָט דער אונמענשליכער טרנוס רופוס געלאָזט שינדען פון איהם די הויט שטיקערווייז, און בּיי אַט די שרעקליכע יסורים האָט דער תּנא רוהיג געלייענט קריאת-שמע און נאָך דערבּיי געשמייכעלט. דער רוימישער אַכזר איז נשתּומם געוואָרען, זעהענדיג אַזאַ גייסטעס-קראַפט, און האָט אויסגערופען: „וואָס בּיזטו, אַ מכשף, אַז דו קאָנסט אַריבּערטראָגען אַזעלכע יסורים?" דערויף האָט רבּי עקיבא גע-ענטפערט: „איך בּין ניט קיין מכשף, נור איך פרעה זיך, וואָס מיין גאָט האָט מיר געגעבען די געלעגענהייט, צו פערפעסטיגען מיין ליעבע צו איהם מיט מיין לעבען און שטאַרבען." רבּי עקיבא'ס רייגע נשמה איז אַרויסגעגאַנגען מיט'ן „אחד" — דאָס וואָרט, וואָס איז דער הויפּט-בּעגריף פון יודענטום: „גאָט איז איינער". זיין טויט איז געווען אויך אַזוי וואונ-דערליך, ווי זיין לעבען. „נאָך רבּי עקיבא'ס טויט — דערצעהלען די אַל-

טע ספרים — האָבען די אידען דערשפירט ביי זיך אַ געוואַלדיגע פּוסטקייט, דען עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל פערנעהמען זיין גרויסען אָרט אין ערקלערען די תורה". די מענשען פון זיין צייט האָבען נאָך איהם גוט געטרויערט אין פאָלגענדע ווערטער: „מיט רבי עקיבא'ס טויט זענען איינגעפאַלען די פונדאַמענטען, וואָס האָבען די תורה געשטיצט, און די קוואַלען פון דער חכמה זענען פערשטאָפּט געוואָרען".

מיט גלייכער שטאַנדהאַפטיגקייט האָט בעגעגענט דעם מערטירער-טויט דער תנא רבי חנינא בן תרדיון. ניט אַכטענדיג אויף דער אַזהרה פון רבי יוסי בן קסמא, האָט ער מיט זיינע תלמידים תורה געלערנט, ביז מען האָט איהם פעסטגענומען און געבראַכט פאַר רופוס'ן. דער אַכזר האָט ביי איהם געפרעגט: „וואָרום האָסטו עובר געווען אויפ'ן קייזערליכען בעפעהל?" — „ווייל גאָט האָט עס מיר אַזוי בעפוילען" — האָט דער תנא קורץ געענטפערט. אויף דעם בעפעהל פון רופוס האָט מען איהם איינגעהילט אין אַ ספר-תורה און אַריינגעוואָרפען אין די פלאַמען פייער. כדי אָבער צו פערגרעסערן זיינע יסורים, האָט מען איהם געלעגט אויפ'ן האַרצען נאַסע, קאַלטע בינטלעך וואָל, כדי דער טויט זאָל ניט אַזוי גיך קומען. דער תליון איז שוין געווען מענשליכער פאַר'ן ריכטער און האָט איהם געראַטען אַראָבצונעהמען די בינטלעך וואָל פון האַרצען, אָבער רבי חנינא האָט דאָס ניט געוואָלט טהון, ווייל ער האָט דאָס בעטראַכט ווי אַ זעלבסטמאָרד און, ממילא, אַ פערברעכען געגען גאָט. לויט ווי די לעגענדע דערצעהלט, איז דער תליון אַזוי איבערראַשט געוואָרען דערפון, אַז ער האָט אַליין אַראָבגענומען די וואָל ביי איהם פון האַרצען און, אַריינשפּרינגענדיג צו איהם אין פייער, איז ער פערברענט געוואָרען מיט'ן קדוש צוזאַמען. רבי חנינא'ס פרוי האָט מען פעראורטהיילט צום טויט און זיין טאָכטער האָט מען מיט געוואַלד אַוועקגעשלעפּט אין אַ שאַנד-הויז.

ביים תנא רבי חוצפית האָט מען די צונג אויסגעשניטען און זי פאַר הינד געוואָרפען, ווייל ער איז געווען אַ פערטייטשער און אַ גרויסער מסביר ביים ערקלערען אַ הלכה. — דער לעצטער פון די „עשרה הרוגי מלכות" איז געווען רבי יהודה בן בבא, אָדער, ווי מען האָט איהם גערופען, „החסיד". רבי יהודה האָט מורא געהאַט, אַז דורכ'ן אויסשיכטען די תנאים וועט איינגאַנצען איבערגעריסען ווערען די קייט פון תלמידי-חכמים און פון דער תורה שבעל-פה, דעריבער האָט ער זיך צוגעאיילט צו געבען סמיכה אויף הוראָה פיעל יונגעלייט. ווייל אָבער די רוימער פלעגען חרוב מאַכען די שטאָדט מיט איהרע איינוואָהנער, וואו מען פלעגט סמיכה געבען, דעריבער האָט ער איינגעלאַדען די לעצטע זעקס תלמידים פון רבי עקיבא צו זיך אין אַ טהאָל צווישען צוויי בערג, צווישען די שטעדט אושא און שפרעם (Schefaram). דאָרט האָט ער זיי אַרויפגעלעגט די הענד אויפ'ן קאָפּ און ערלויבט צו זיין מורי-הוראָה און — דינים. די דאָזיגע יונגע תלמידי-חכמים זענען געווען: רבי מאיר, רבי יהודה

ברבי אילעאי רבי שמעון בן יוחאי, רבי יוסי בן חלפתא, רבי אלעזר בן שמוע און רבי נחמיה. ווי עס שיינט, האבען זיך אבער געפונען פערראטער, וועלכע האבען זיי נאכגעשיקט די רוימישע סאלדאטען. ווי נור דער אלטער רבי יהודה האט די סאלדאטען פון דער וויטען דערזעהען, האט ער אויסגערופען: „מיינע קינדער, ענטלויפט!“ — „און דו, רבי?“ — האבען זיי צו איהם אויסגערופען. — „איך — האט רבי יהודה געענטפערט — בלייב פאר זיי ליגען, ווי א שטיין, וואס מען קאן איהם ניט איבערקעהרען. לויפט זשע, לויפט געשווינדער!“ — באלד זענען אנגעקומען די סאלדאטען און האבען זיך געווארפען, ווי די ווילדע חיות, אויפ'ן אלטען תנא מיט זייערע שווערדען, דורכשטעכענדיג איהם מיט פיעל שפיזען, ווי א זיעב. די טיראניי פון רופוס'ן איז דאמאלס אזוי גרויס געווען, אז מען האט אפילו מורא געהאט רבי יהודה בן בבא'ן מספיד צו זיין, ווי געהעריג איז.

אבער ניט בלויז צווישען די תנאים זענען געווען קדושים, וואס זענען אין טויט געגאנגען פאר זייער גלויבען; אויך אין אנדערע אידישע קרייזען זענען אזעלכע מערטירער געווען ניט ווייניג. א גרויסען נאמען האבען איבערגעלאזען פאר די שפעטערדיגע דורות די הרוגים פון לוד. דאס זענען געווען יוליאנוס און פאפאס די אנפיהרער פונ'ם אויפשטאנד. צוליעב זייער גרויסען אנזעהען און כבוד ביי אידען, האט מען פון זיי געפאדערט, אז זיי זאלען זיך אבזאגען פון אידישען גאט, כדי צו דיענען פאר א ביישפיעל פאר די איבריגע אידען. די ביידע ברידער האבען זיך אבער געהאלטען פעסט און האבען אפילו ניט געוואלט לפנים עובר זיין אויף די געבאטען פון דער תורה; אפילו וואסער פון א גלאז האבען זיי ניט געוואלט טרינקען, כדי צו מאכען דעם אנשטעל, אז זיי טרינקען געצען־ווין, ווי מען האט ביי זיי געפאדערט. דערפאר האט מען זיי באלד בעשטראפט מיט'ן טויט. דער טרויער נאך זיי איז ביי אידען זעהר גרויס געווען, און מען האט מבטל געמאכט פון זייערטוועגען דעם יום־טוב, וואס מען האט בעשטימט בשעת זיי זענען געראטעוועט געווארען פון קוויעטוס'עס הענד.

און ניט בלויז געגען די לעבענדיגע איז אדריאנוס געווען אזוי גרויזאם; אויך געגען די דער'הרג'עטע האט ער זיך נוהג געווען ווי אן אכזר. די פיעל הרוגים פון ביתר האט מען ניט ערלויבט צו ברענגען צו קבורה, כדי זיי זאלען ווארפען א שרעק אויף די לעבענדיגע און מען זאל זיך שוין מעהר ניט דערוועגען אפילו צו טראכטען וועגען ברעכען דעם יאך פון רוים. פאר'ן מקבר זיין א הרוג האט מען זעהר שטרענג בעשטראפט. דאס, וואס די לופט וועט פערפעסטעט ווערען דורכ'ן פוילען פון די מתים אינ'ם הייסען קלימאט און עס וועט אויסברעכען א מגפה אין לאנד — האט דעם בארבארישען אדריאנוס ווייניג געקימערט; מעגליך גאר, אז ער האט אליין געוואלט, דאס די מגפה זאל איהם קומען צו הילף

און זיין פערטיילונגען דאס אידישע פאלק. [פאר ־ פרומע אידען, וועלכע פלעגען זיך תמיד נוהג זיין בכבוד מיט די מתים, איז עס אבער געוועזען א שרעקליכע מאראלישע יסורים צו זעהען, ווי די ליעבע טויטע וואלגערן זיך אויפ'ן פעלד און ווילדע חיות צוזאמען מיט פויגלען פרעסען זייער פלייש. ווי עס שיינט, האט זיך דאמאלס געפונען איינער פון די חסידים, וועלכער האט אויפגעקלערט יענע רוהיגע אידען, וואס האבען מיט די רוימער שלום געשלאסען, אז עס ליגט אויף זיי א הייליגער חוב, מקבר צו זיין די טויטע אפילו אויך מיט מסירת נפש. די פרומע אידען האבען געפאלגט און זייער ארבייט געטהון ביי נאכט, ברענגענדיג צו קבר ישראל די הרוגים.— אין יענער צייט האט מען אויך מחבר געוועזען דעם ספר טוביה, אין וועלכען עס ווערט אנגעוויזען, וואס פאר א הייליגער חוב עס ליגט אויף יעדען מענשען צו ברענגען אין נעהמען צו קבר ישראל די מתים, וועלכע דער טיראן האט בכיון געוואלט מבזה זיין און ניט געלאזען זיי ברענגען צו קבורה. פאר דער ערפילונג פון דער דאזיגער מצוה איז דער מחבר מבטיח א חלק אין עולם הבא. אלס א ביישפיעל, שילדערט דער מחבר א פרומען אידען, טוביה, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מיט מקבר זיין בשתיקה די הרוגי מלכות; פון אנפאנג האט ער אפילו געליטען זעהר פיעל רדיפות, דערפאר אבער דערנאך האט איהם גאט געהאלפען און געבענשט פאר זיין פרומער ארבייט. דאס בוך ענדיגט זיך אזוי: אלזא, אויב ירושלים וועט אפילו אויך א מדבר ווערען, דער בית המקדש פערברענט און דאס אידישע פאלק צושפרייט ווערען אין אלע עקען וועלט, וועט גאט זיך אובער זיי ווידער ערבארמען און וועט זיין געליעבט פאלק ניט פערלאזען; ירושלים וועט אין גלענצענדער פראכט ווידער אויפגעבויט ווערען, זיין בית המקדש וועט גאט מיט גרוים כבוד בעדעקען, און אלע פעלקער וועלען אנערקענען גאט און זיין ליעבען נאמען לויבען".

די אידען-קריסטען האבען פאר די גאנצע צייט פון דער מלחמה זיך ארויסגעצויגען פון די פראווינצען אין דער זייט ירדן און זיך בעזעצט אויף יענער זייט ירדן אינ'ם „לאנד פון די צעהען שטעדט" (Decapolis). אין דער מלחמה האבען זיי קיין אנטהייל ניט גענומען, אבער פונדעסטוועגען זענען די רעזולטאטען פון דער מלחמה געוועזען זעהר וויכטיג פאר זייער נאציאנאלער וואטערדיגער עקזיסטענץ. דער אונגליקליכער רעזולטאט פון דער מלחמה איז געוועזען פאר זיי אן אמת'ע שמחה, אבער ער האט זיי אויך שטארק א בערגעשראקען. אינ'ם פאקט, וואס מען האט אויסגעבויט א טעמפעל פאר'ן יופיטער אויפ'ן הר הבית, האבען זיי דערזעהען א סימן, אז עס איז נאהענט דער טאג פון גרויסען געריכט פון גאט, ווען די וועלט וועט זיך ענדיגען, און ישו—וועט ווידער ערשיינען „מיט די וואלקענס פון הימעל". די גרויזאמע רדיפות פון אידען דורך אדריינוס האבען בערירט אויך די אידען-קריסטען, חאטש זיי האבען זיך אבגעזונדערט פון אידישען פאלק, ווייל די רוימישע בעאמטע האבען ניט געמאכט קיין אונטערשיידע צווישען

די אידען און זײ. די עװאַנגעליען שילדערן אין גרױליכע פאַרבען די גאַנ-
צע שרעק פון דער פערפאָלגונג: „װען איהר װעט דערזעהען די אונװיר-
דיגקײט פון דער פערװיסטונג (שקוץ משומם, לױט װי עס זאָגט נבואה
דניאל) און ער װעט שטעהען דאָרט, װאו ער ברויך ניט צו זײן, דאַ-
מאָלס װעלען די אײנװאָהנער פון לאַנד יהודה זיך צולױפען אױף די בערג.
װער עס װעט אױפ'ן דאַך זײן, יענער װעט ניט אַרונטערשטײגען, און װער
עס װעט אױפ'ן פעלד זײן, װעט ניט צוריקקעהרען אַהײם, זײנע קלײדער
צו נעהמען. און װעה די שװאַנגערע פרױען און די זױגענדיגע אין יענער
צײט. אָבער איהר בעט תפלה, אַז אײער ענטלױפען זאָל ניט אױסקומען
אום װינטער אָדער אום שבת“.

פאַר די קריסטען, סײ פון די געװעזענע אידען, סײ פון די גוים,
איז געװען איצט זעהר װיכטיג אָבצוזונדערן זיך אינגאַנצען פון די אידען,
כדי ניט אַרײנגעצױגען צו װערען מיט זײ צוזאַמען אין די שרעקליכע
רדיפות. צװײ קירכענלעהרער, קװאַדראַטוס און אַריסטידעס, האָ-
בען דאַמאָלס, װי מען זאָגט, דערלאַנגט דעם קײזער אַדריאַנוס אַנ'ערקלע-
רונג, אַז זײ האָבען קײן שום שייכות ניט צום אידישען פאָלק. פון יענער
צײט אָן הױבט זיך אָן די פעראײניגונג פון די אידישע קריסטען מיט די
גױ'אישע. די אידען-קריסטען האָבען נאָך ביז איצט שטרענג אָבגעהיט די
געבאָטען פון דער תורה; איצט אָבער האָבען זײ זיך פון זײ נאָר אָבגע-
זאָגט און האָבען אָנגענומען דעם אינהאַלט פון עװאַנגעליום, לױט'ן בע-
גריף, װעלכען עס האָבען װעגען איהם געהאַט די גױם-קריסטען. צום
בעװײז, אַז זײ מײנען דאָס ערנסט, האָבען זײ אין שפיץ פון זײער גע-
מײנדע געשטעלט אַ בישאָף מאַרקוס, װעלכער איז געװען אַנ'ערל, ניט
קײן גע'מל'טער. פון אַדריאַנוס'עס צײט אָן איז איבערגעריסען געװאָרען יע-
דע פערבינדונג צװישען די אידען און די אידען-קריסטען; זײ האָבען אױפ-
געהערט צו שטעהען אײנע נעגען די אַנדערע, װי צװײ פײנדליכע פאַר-
טײען פון אײנעם און דעמזעלבינען „הויז“, נאָר זײ זענען געװאָרען צװײ בע-
זונדערע קערפערשאַפטען. און װײל די קריסטען האָבען געפונען חן אין
אַדריאַנוס'עס אױגען, זענען טײל אידען איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום,
כדי, לפחות, פיעל-װעניג צו האַלטען זיך בײ אַ צ'אָגרענקען פון יודענטום,
דען אין אידישען לעבען איז זײ דאָס אױך געװען פערבאָטען און קײן
מצוות ערפילען האָבען זײ אודאי ניט געקאָנט.

פערלאג „יהודיה״.

# אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ.

איבערזעצט דורך י. שפירא.

## זעקסטער באנד.

ווארשא,

# אינהאלטס־פערצייכניס פון זעקסטען באנד.


## פינפטעס קאפיטעל.

## די נשיאים.

רבן שמעון בן גמליאל II, ר' יהודה I, ר' גמליאל III און ר' יהודה II. 1—39

## זעקסטעס קאפיטעל.

## די אידען אין בבל און פרס.

פון 240 ביז 300 נאך קריסטוס — — — — — — — — — 40—66

## זיבענטעס קאפיטעל.

די אידען אונטער דאקלעטיאן און די ערשטע קריסטליכע קיסרים
(פון 280 ביז 320) — — — 66—96

## אכטעס קאפיטעל.

דער אונטערגאנג פון די נשיאות און דער אבשלוס פון תלמוד
(370—600) — — — 96—125

## נײנטעס קאפיטעל.

## די אידען און די אייראפעאישע פעלקער.

(פון 500 ביז 640) — — — — — — — — — — — 125—148

## צעהנטעס קאפיטעל.

## די אידען אין אראביען און מחמד.

(פון 500 ביז 640 — — — — — — — — — — 125—176



פערלאג „יהודיה".

Druk. Sz. Sikora i I. Milner, Warszawa, Nowolipie 44

## דאס פינפטע קאפיטעל.

# די נשיאים

## רבן שמעון בן גמליאל II, ר' יהודה I, ר' גמליאל און ר' יהודה II.

**(פון 120 ביז 180 נאכ'ן חורבן אדער פון 190 ביז 250 לויט דער געוועהנליכער צייט-רעכענונג).**

דורך דער מלחמה פון אדריינוס'ן געגען אידען און די אכזריות'דיגע גזרות מיט די אונמענשליכע רדיפות, איז די לאגע אין לאנד יהודה געווארען א גרויזאמע. די שטעדט זענען ווידער צושטערט און חרוב געווארען, דאס לאנד איז געווארען א מדבר; די איינוואוינער זענען געלעגען אויסגע'הרג'עט אויף די וועגען און שטעגען, אין די פעלדער און שטעדט, אדער זיי האבען געפיהרט אנ'עלענדע עקזיסטענץ ערגעץ וואו צווישען די בערג און אין די הייהלען; א טייל שנעלער, דעם גליקליכערען, איז געלונגען צו אנטלויפען אין די פרעמדע לענדער, וועלכע האבען נישט געהערט צו רוים. מען האט געקאנט מיינען, אז דאס אידענטום איז פערניכטעט געווארען, דען די, וואס זענען געבליבען אין לאנד יהודה האבען זיך געמוזט אונטערגעבען און אבזאגען זיך פון אידענטום; פיעל זענען צוגעשטאנען צו די געצענדינער, פיעל — צו די קריסטען און נישט ווייניג אויך — צו די שומרונים. די אידישע איינוואוינער פון דרייצעהן שטעדט האבען, ווי עס ווערט דערצעהלט, זיך צומישט מיט די גוים אין דער צייט פון די שמד-גזרות. די צייט איז איצט געווען נאך פיעל טרויעריגער, ווי אין דער צייט נאכ'ן חורבן, דען דאמאלס האבען דאך די געבליבענע אידען נישט געדארפט בעהאלטען זיך מיט זייער נאמען; איצט אבער איז גאר אונמעגליך געווען אנצואנערקענען זיך עפענטליך פאר א אידען. די גרויזאמע צייט האט אבער נישט לאנג געדויערט: דריי יאהר נאכ'ן חורבן פון ביתר, איז אדריינוס געשטארבען, און די אידישע לאגע איז עטוואס בעסער געווארען. יענע אידען, וועלכע האבען די גרויזאמע צייט איבערגעלעבט, האבען זיך אנגעהויבען משתדל צו זיין אין רוים, אז מען זאל מבטל מאכען די בלוטיגע גזרות און ערלויבען די אידען ווידער צו ערפילען עפענטליך די געבאטען פון דער תורה. פון דעם נייעם רוימישען קייזער אנטאנינוס, וועלכען מען האט געגעבען דעם ביי-

נאָמען פיוס, צוליעב זיין מענשען־פריינדליכען כאַראַקטער, האָט מען געקאָנט ערוואַרטען גוטע צייטען. אַן׳אַנגעזעהענע רוימישע מאַטראָנע (דאַמע) אין צעזאַרעאַ (קיסרין), וועלכע האָט מיטלייד געהאַט מיט די אונגליקליכע אידען (ווי עס שיינט: די פרוי פון טורנוסרופוס), האָט גערא־טען די אידען, צו געהן בעטען ביים רוימישען פראָקוראַטאָר, אַז ער זאָל אָפּשטעלען די רדיפות. די תלמידי חכמים האָבען איהר עצה אָנגענומען און זענען געגאַנגען מיט רבי אלעזר 1) בן שמוע בראש צום פּאַלאַץ פון פראָקוראַטאָר, פאַר וועלכען זיי זענען אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען און גע־בעטען רחמים: „אָה, הימעל — האָבען זיי געקלאָגט — צי זענען מיר דען נישט אייערע ברידער, די זיהן פון איין פאָטער און פון איין מוטער? מיט וואָס זענען מיר אַנדערש פאַר כל אומה ולשון, וואָס איהר טהוט אונז אַן אַזוי פיעל יסורים דורך אייערע גזרות?“ — טורנוסרופוס האָט ענדליך איינגעשטימט, צו בעטען פאַר אידען ביים קייזער. צי האָט ער דאָס גע־טהון פון רחמנות, אָדער וויל ער איז קלוג געווען און איינגעזעהן, אַז די צייט איז שוין אַן׳אַנדערע, דען ביי אַנטאָנינוס׳ן וועט ער מעהר נושא חן זיין מיט רחמנות, אוידער מיט גרויזאַמקייט — איז אונבעוואוסט.

ענדליך איז דעם 18־טען אָדר (139 נאָך קריסטוס) דערהאַלטען גע־וואָרען די בשורה, אַז אַדריאַנוס׳עס גזרות זענען בטל געוואָרען. די אידען האָבען בעקומען רעליגיאָנס־פרייהייט. מען האָט ערלויבט מקבר צו זיין די הרוגים פון ביתר (אום חמשה עשר באב) און צוליעב דעם האָבען אי־דען מתקן געווען צו זאָגען די פיערטע ברכה אין ברכת המזון. נאָר דער פערבאָט פאַר אידען אַריינצוקומען אין ירושלים איז נאָך געבליעבען, ווי פריהער, אונטער אַ שטרענגען טויט־שטראָף.

די בשורה וועגען דער נייער ישועה האָט זיך געשווינד פערשפּרייט איין אַלע לענדער, און פיעל אידען האָבען זיך געאיילט צוריקצוקומען קיין ארץ ישראל. אויך רבי עקיבא׳ס תלמידים, די איינציגע טרעגער פון דער תורה שבעל פה, וועלכע זענען ענטלאָפען קיין בבל, זענען איצט צוריקגע־קומען. דאָס זענען געווען: רבי מאיר, רבי יהודה ברבי אלעאי, רבי יוסי בן חלפתא, רבי יוחנן הסנדלר (דער סנדל־מאַכער) פון אַלעקסאַנדריען, רבי שמעון בן יוחאי און נאָך דריי, וועלכע רבי יהודה בן בבא האָט סומך געווען פאַר תנאים. זיי זענען גלייך אַוועק־געגאַנגען אין טהאָל פון בית־רמון, וועלכער האָט געשפּיעלט אַזאַ וויכ־טיגע ראָליע אין דער רעוואָלוציע, כדי דאָרט איינצואָרדנען די עיבור־יאָה־רען (רעגולירען דעם אידישען לוח), וועלכע מען האָט פערנאַכלעסיגט אין דער שמד־עפּאָכע און דאדורך האָט מען נישט געוואוסט, ווען צו פייערן די יום טובים און יום כפור. — דער גליל איז דורך דער בלוטיגער מלחמה

1) ביי גרעץ שטעהט: יהודה בן שמוע. עס איז בלי ספק אַ גרייז און עס ברויך צו זיין אלעזר.

וועניגער פערוויסטעט געווארען, ווי דער דרום-קאנט פון לאנד יהודה. דארט איז נאך געשטאנען גאנץ די ישיבה אין לוד. די אינגערע תנאים האבען זיך איצט פערזאמעלט אין אושא, ווייל יבנה איז חרוב געווארען, און דא האבען זיי ווידער איינגעארדענט א סנהדרין מיט וועניג געצעהלטע מיטגלידער. אויך דער יונגער זוהן פונ'ם נשיא רבן גמליאל, רבן שמעון בן גמליאל דער צווייטער, איז אהער געקומען. דער נייער סנהדרין האט ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף צו אלע אידען אין גליל: „ווער עס האט תורה אליין געלערנט, זאל קומען לערנען איצט מיט אנדערע, און ווער עס האט אליין נישט געלערנט, זאל קומען לערנען". פיעל אידען זענען אויף דעם אויפרוף געקומען קיין אושא, און די דארטיגע איינוואוינער האבען זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד און געזארגט פאר אלע זייערע בעדערפנישען. — אזוי ארום האט דער צובלוטיגטער, פערוואונדעטער נאציאנאלער אידישער ארגאניזם, וועלכער האט שוין גאר געהאלטען ביים צופאלען ווערען, זיך ווידער דערהויבען, און דאס לערנען די תורה האט געדארפט ברענגען די רפואה פאר דעם קראנקען ארגאניזם און שטארקען איהם.

די פערזאמעלטע תנאים אין אושא (דער דריטער דור) האבען ווייטער געפיהרט די ארבייט פון זייערע רביים, צו ענטוויקלען די תורה שבעל פה, אבער זייער צאהל איז שוין איצט נישט געווען אזוי גרויס, ווי די פריהערדיגע און אזעלכע גרויסע לייט, ווי רבי עקיבא, רבי אליעזר, רבי יהושע און רבן גמליאל מיט זייערע חברים זענען שוין צווישען זיי אויך נישט געווען. די איצטיגע בעדייטענדסטע חכמים זענען געווען די תנאים רבן שמעון בן גמליאל, דער זוהן פון דעם פריהערדיגען נשיא, רבי נתן הבבלי, רבי שמעון בן יוחאי, און רבי מאיר. דער ערשטער איז ניצול געווארען פונ'ם בלוט-באד אין ביתר על פי נס און האט זיך אויפגעהאלטען, ווי עס שיינט, א געוויסע צייט, אין בבל. איצט איז ער געווארען נשיא. די נשיאות האט שוין אפילו איצט נישט געהאט קיין שום פאליטישע בעדייטונג, נאכדעם ווי די אידען האבען פערלוירען זייער לעצטע ביסעל זעלבסשטענדיגקייט, זי איז אבער ביי אידען געווען זעהר טייער און הויך געשעצט, ווייל מיט איהר זענען געבונדען געווען די זכרונות פון די בעסטע עפאכען פון דער אמאליגער פרייהייט און גרויסקייט. אב בית דין, אדער שטעל-פערטרעטער פונ'ם נשיא, איז געווארען רבי נתן הבבלי, און רבי מאיר איז בעשטימט געווארען פאר א רעפערענט (שפרעכער). רבן שמעון בן גמליאל האט געוואלט איינפיהרען די זעלביגע שררות'שאפט אין סנהדרין, ווי פריהער, אבער עס איז צוליעב דעם שיער נישט אויסגעבראכען אזא מחלוקת, ווי אין די צייטען פון זיין פאטער, רבן גמליאל, און דעריבער האט דער נשיא דעמאקראטיזירט דעם סנהדרין און אלע זיינע מיטגלידער האבען בעקומען גלייכע דעות. אויך רבן שמעון בן גמליאל האט נישט געשטרעבט צו כבוד, נאר ער האט געוואלט דער-

הויבען דעם אויטאָריטעט פֿון סנהדרין דורך דער נשיאות, ער האָט אָבער נאָכגעגעבען זיינע חברים, ווען ער פֿלעגט תמיד זאָגען: „אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט: אויף גערעכטיגקייט, אמת און שלום.

די העכסטע אָריגינעלע פּערזענליכקייט פֿון דער איצטיגער צייט איז, בלי ספק, געוועזען רבי מאיר, וועלכער איז לויט זיין חריפות (דעם שאַרפֿען קאָפּ), גייסטרייכקייט און בעהאַוועגטקייט אין פּויעל הלכות, ענהליך געוועזען צו זיין רבי׳ן, רבי עקיבא׳ן. זיין אייגענטליכער נאָמען איז געוועזען רבי מיאשה אָדער מאָישה (משה — לויט דער גריכישער אויסשפּראַכע), נאָר מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען מאיר, דער בעלייכטער, וויל מען האָט געזאָגט, אַז מיט זיין קלאָרען פֿערשטאַנד פֿלעגט ער ריכטיג בעלייכטען די תורה. געבוירטיג איז ער, ווי עס שיינט, געוועזען פֿון קפּוטקיה Cappadocien אין קליין־אַזיען). מפרנס געוועזען האָט זיך רבי מאיר מיט זיין שענער האַנדשריפֿט, ווען ער פֿלעגט שרייבען ספרי תורה׳ס, תפֿלין און מזוזות, טיילמאָל אָבער אויך אַנדערע כתבים. ער האָט געהאַט דערפֿון שעהן פּרנסה, ווען ער האָט איינגעפֿיהרט אַ נייעם טינט, וועלכען ער פֿלעגט מאַכען מיט קופּער־וויטריאָל, כדי ער זאָל זיין גלאַנציג און לאַנג האַלטען; זיינע תלמידים האָט ער אָנגעזאָגט, אויסצולערנען זיך אַ שעהנע און ריינע מלאכה, כדי צו האָבען, פֿון וואָס מפרנס צו זיין זיך. רבי מאיר איז אַזוי קלאָר געוועזען אין די שווערע כללים פֿון דער העברעאישער שפּראַך, אַז ער פֿלעגט קאָנען שרייבען דעם תנ״ך אויסווענדיג. פֿערדיענענדיג דריי שקלים אַוואָך, פֿלעגט ער מיט זיין משפּחה פֿערלעבען אויף אַלע הצטרכות׳ן נאָר צוויי שקלים און איין שקל פֿלעגט ער אויסגעבען אויף צו שטיצען אָרעמע תלמידים. זיין פֿרוי האָט געהייסען ברוריה (אָדער Valeria) און זי איז געוועזען די טאָכטער פֿונ׳ם תנא רבי חנינא בן תרדיון, וועלכער איז געוועזען פֿון די „עשרה הרוגי מלכות“. סמיכות האָט רבי מאיר בעקומען פֿון רבי עקיבא׳ן, ווען ער איז נאָך גאָר יונג געוועזען, ווען רבי עקיבא האָט שוין דאַמאָלס דערקענט אין איהם דעם קינפֿטיגען גרויסען תנא. צוליעב זיין יוגענד, האָבען די חברים איהם נאָך נישט געוואָלט אַנערקענען פֿאַר אַ זעלבסטשטענדיגען תלמיד חכם. רבי מאיר אָבער פֿלעגט זיך דערפֿון אויסלאַכען, ערקלערענדיג: „קוקט נישט אויפ׳ן פֿלאַש פֿונ׳ם ווין, נאָר אויף דעם ווין, וואָס געפֿינט זיך אין פֿלאַש; ס׳איז פֿאַראַהאַן נייע פֿלאַשען מיט אַלטען ווין דערין, און אַלטע פֿלאַשען, אין וועלכע ס׳איז אפֿילו קיין יונגער ווין אויך נישטאָ“. רבי מאיר האָט בכלל ליעב געהאַט איינצופֿלעכטען אין זיינע דרשות שענע וויצען און שפּריכווערטער, און ער איז אויך געוועזען בעריהמט אַלס פֿאַבעליסט (אַ דיכטער פֿון פֿאַבעלן, משלים). שפּעטער האָט מען דערצעהלט, אַז עס זענען פֿון איהם געבליבען דריי הונדערט פֿאַבעלן, אָבער דערהאַלטען זיך פֿאַר די קומענדיגע דורות האָבען נאָר דריי פֿון זיי.

ווען רבי מאיר איז נאָך די רדיפֿות געקומען צוריק קיין ארץ ישראל,

האט זיין פרוי פון איהם פערלאנגט, אז ער זאל בעפרייען איהר שוועסטער פון שאנד-הויז אין קיסרין, וואוהין די רוימער האבען איהר מיט געוואלד אריינגעבראכט (זעה באנד 5, זייטע 181). רבי מאיר האט אבער פריהער געוואלט זיך איבערצייגען, אויב זי איז ווערטה, אז מען זאל איהר בעפרייען. צו דעם צוועק האט ער זיך פערשטעלט פאר א רוימישען ריטער און געקומען צו איהר. ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז זי איז נאך אומבעפלעקט, האט ער אונטערגעקויפט דעם אויפזעהער און זי ארויסגעפיהרט פון דעם שאנד-הויז. די זאך איז אבער באלד דערוואוסט געווארען, און רבי מאיר איז שיער נישט אריינגעווארפען געווארען אין תפיסה. ער אבער האט ווידער אבגענארט די רוימער, דען עס איז איהם געלונגען זיי דער וויזען, אז ער עסט כלומר'שט טרפות, און די רוימער האבען געגלויבט, דאס ער איז גאר קיין איד נישט, און בעפרייט איהם. וועגען רבי מאיר'ס ערגעבענהייט צו גאט און צו זיין גערעכטען משפט, ווערט דערצעהלט פאלגענדעס: רבי מאיר פלעגט זיך נוהג זיין אלע שבת נאכמיטאג צו זאגען תורה פאר'ן עולם ביז'ן אווענד. איינמאל, ווען ער איז אזוי געזעסען אין שוהל, זענען זיינע ביידע זיהן געשטארבען. רבי מאיר'ס גאטספארכטיגע פרוי ברוריה, נישט וועלענדיג שטערען דעם מאן דעם ענג שבת, האט צוגעדעקט די געשטארבענע זיהן מיט א ליילעך און איהם נישט מודיע גע־ווען וועגען דעם אונגליק. ווען רבי מאיר איז אין אווענד געקומען אהיים, האט ער ביי זיין ווייב געפרעגט: „וואו זענען מיינע זיהן?“ — אין שוהל — האט די פרוי געענטפערט. — „איך האב זיך ארומגעקוקט נאך זיי אין שוהל און האב זיי דארט נישט געזעהן — האט זיך רבי מאיר געוואונ־דערט. ענטפערט איהם נישט ברוריה און דערלאנגט איהם דעם הבדלה־בעכער. מאכט רבי מאיר הבדלה, ווינשט דער ווייב א גוטע וואך און פרעגט ווידער: וואו זענען אונזערע זיהן? — זיי זענען אוועקגעגאנגען צו א שכן — ענטפערט איהם די פרוי און גרייט צום טיש צו מלוה־מלכה. ווען רבי מאיר האט געענדיגט די סעודה, מאכט צו איהם זיין פרוי: רבי, איך האב א שאלה: נעכטען האט מיר עמיץ געגעבען א זאך צו היטען און היינט פערלאנגט ער עס פון מיר צוריק, צי זאל איך עס איהם אבגעבען אדער ניין? — מאכט רבי מאיר: טאכטער'ל, וואס איז דאס פאר א פרא־גע, אוודאי גיעב אב! — „אהן דיין וויסען — האט די פרוי געענטפערט — האב איך עס נישט געוואלט טהון“. דערביי האט זי איהם אריינגעפיהרט אין שלאף-צימער און אראבגענומען דעם ליילעך פון די געשטארבענע זיהן. רבי מאיר האט זיך צעוויינט: „אה, מיינע טייערע זיהן, מיט וויי־ער ליכטיגער תורה און שענער וועלטקענטעניש!“ — „רבי — האט ברוריה אויסגערופען — דו האסט דאך מיר אליין געזאגט, אז מען דארף אבגעבען, דאס, וואס מען האט בעקומען צו היטען, דעם, ווער עס פאדערט עס צו־ריק: גאט האט געגעבען און ער האט צוריקגענומען!“ — רבי מאיר האט באלד געמאכט א ברכה: „געלויבט ביזטו, גאט, דיין משפט איז אמת“.

רבי מאיר פֿלעגט שטענדיג זאָגען: „בעשעפֿטיג זיך מיט דיינע פּריוואַטע ענינים נאָר אַ ווייניג און מיט דער תורה שטענדיג“. „זאָלסט זיין אַנ׳עניו געגען יעדען מענשען“. אַליין איז טאַקע רבי מאיר געווען אַ גרויסער עניו און פֿלעגט מיט אַלעמען רעדען, ווי צו זיין גלייכען, חאָטש מען האָט פֿאַר איהם גרויס אָבשיי געהאַט און אָבגעגעבען איהם גרויס כבוד. אַפֿילו מיט מענשען, אויף וועלכע מען האָט געהאַט אַרויסגעלאָזט אַ שם רע, פֿלעגט רבי מאיר אויך פֿערברענגען. אַזוי, למשל, פֿלעגט ער אָפֿט אַריינקומען צום פֿערדרעטער אלישע בן אבויה, כדי צו הערען פֿון איהם אַ מאָל אַ תורה, וועלכע ער, רבי מאיר, האָט נישט געוואוסט. און ווען מען האָט ביי רבי מאיר׳ן געפֿרעגט, פֿאַרוואָס ער טהוט דאָס, האָט ער געענטפֿערט: „איך האָב אַ מאָל אַ מילגרוים (אַ גראַנאַט-עפּעל) געפֿינען, די אינעווענינסטע זיסע קערנער האָב איך געגעסען, און די אויסענוועניגסטע, ביטערע שאָלעכץ, האָב איך אַוועקגעוואָרפֿען“. — איינמאָל האָט רבי מאיר בעגלייטעט צו פֿוס אלישע׳ן, ווען ער איז אויף אַ פֿערד געריטען אום שבת, רעדענדיג מיט איהם וועגען דער תורה. פּלוצלונג האָט אלישע אָבגעהאַלטען זיין פֿערד און אויסגערופֿען: „מאיר, געה צוריק, מיר זענען שוין אַ תחום-שבת ווייט פֿון שטאָדט!“ דערויף האָט רבי מאיר געענטפֿערט: גוט, אָבער די קעהר זיך אויך אום (צום יהדותום)“. — „אונמעגליך — האָט אלישע אויסגערופֿען — פֿאַר מיר זענען שוין די טויערן פֿון תשובה פֿערשלאָסען, דען איך האָב גאָט׳ס מתנה, מיינע טייערע פֿעהיגקייטען, געברויכט געגען איהם“. — שפּעטער, ווען אלישע איז קראַנק געוואָרען, איז רבי מאיר געקומען איהם מבקר-חולה צו זיין און האָט ווידער גערעדט מיט איהם וועגען תשובה טהון אַזוי האַרציג, אַז אלישע האָט זיך צעוויינט און איז אין טרעהרען געשטאָרבען. רבי מאיר האָט זיך געטרייסט, ערקלערענדיג: „מיר שיינט, אַז ער איז אין תשובה-געדאַנקען געשטאָרבען“. — אויך מיט אַ גריכישען פֿילאָזאָף איז רבי מאיר געשטאַנען אין נאָהנטער בעקאַנטשאַפֿט; דאָס איז געוועזען איינער פֿון די אַלעקסאַנדרישע חכמים נימוס הגרדי (Ennymos aus Gadara) אין די אידישע קרייזען איז מען זעהר ערשטוינט געוועזען צו געפֿינען אין אַ גריכישען געצענדינער אַזאַ טיעפֿען קענער אין דער אידישער תורה, ווי נימוס איז געוועזען, און רבי מאיר פֿלעגט זאָגען: „צווייַ גוים האָט גאָט זיין חכמה (תורה) ענטדעקט — בלעם׳ן און נימוס׳ן“. ווען ביי נימוס׳ן זענען די עלטערן געשטאָרבען, איז רבי מאיר געקומען איהם מנחם-אָבל צו זיין, ווען רבי מאיר פֿלעגט שטענדיג זאָגען: אַ גוי, וואָס לערנט תורה, איז אויך אַזאַ חשוב, ווי אַ כהן גדול“, ווייל עס שטעהט געשריבען אין דער תורה: „דער מענש זאָל די תורה בעאָבאַכטען און לעבען, לויט איהרע געבאָטען“.

לויט זיין מעטאָדע צו לערנען די תורה, איז רבי מאיר געווען אַן עכטער תלמיד פֿון רבי עקיבא׳ן, און האָט זיינע דרשות ענטוויקעלט נאָך

ווייטער מיט גרויס שארפזיניגקייט; זיינע חברים, די תלמידי חכמים, פלעגען זאגען, אז ס'איז תמיד שווער, צו וויסען פארויס רבי מאיר'ס מיינונג וועגען א הלכה, דען מיט זיין שארפען מח איז ער פעהיג, צו דערווייזען, אז אפילו א זאך, וואס די תורה האט בפירוש פערבאטען, מעג מען אויך געברויכען. צי רבי מאיר האט געהאלטען זיין „פלפול" Sophism פאר אן ערנסטער זאך, אדער ער האט עס אנגעווענדעט נאר אלס מיטעל, צו שארפען דעם מח פון זיינע תלמידים, איז איצט שווער צו וויסען; זיכער איז אבער, אז די תלמידי חכמים פון זיין צייט זענען נישט אלע געווען צופריעדען מיט זיין מעטאדע. צווישען רבי מאיר'ס תלמידים האט זיך אויסגעצייכענט מיט זעהר א שארפען קאפ — סומכוס Symchos. און צוליעב זיינע שארפזיניגע המצאות, פלעגט מען וועגען איהם זאגען: „א פייערדיגער דיספוטאנט, אבער קיין קלארע הלכה צו פסק'ענען קען ער נישט, משמעות, אז זיינע עלטערן זענען נישט געשטאנען אויפ'ן בארג סיני". פונדעסטוועגען האט מען רבי מאיר'ס פלפול שפעטער זעהר ליעב בעקומען און ענטוויקעלט נאך ווייטער. די דאזיגע תלמודישע דיאלעקטיק איז געווארען דאס הויפט-מיטעל צו ערקלערען א הלכה. — רבי מאיר פלעגט זיך בעציהען זעהר שטרענג אין פראקטישע רעליגיעזע שאלות (ער איז געווען א מחמיר!), בעזונדערס אבער אין די פראגען וועגען „מאן און ווייב". (סדר נשים). אזוי, למשל, האט ער ערקלערט, אז אויב מען האט פערנאכלעסיגט אבצוהיטען דעם קלענסטען פרט ביים מסדר זיין א גט, און די פרוי האט דערנאך חתונה-געהאט פאר אן אנדערן, מוז איהר יענער מאן געבען גט, און די קינדער, וואס זי האט פאר איהם געהאט, זענען ממזרים. אדער, למשל, אזא ערקלערונג: אויב עמיץ האט געגעבען זיין פרוי ביי דער חתונה א צו-קליינע כתובה, האט די חתונה קיין ווערטה נישט, ווייל איהם וועט שטענדיג זיין לייכט צו געבען זיין ווייב גט. אין דער הינזיכט איז רבי מאיר געווען אן אמת'ער אנהענגער פון שמאי'ס שול. אזוי, האט רבי מאיר אויך פערבאטען צו נוצען ווין פון די שומרונים, ווייל מען קען זיי חושד זיין, דאס זיי דיענען צו געצען. פאר'ן נעהמען פראצענט האט ער געפאדערט, אז דער מלוה זאל זיין קאפיטאל אויך פערליערען. זיינע שטרענגע הלכות זענען אבער נישט אלע אנגענומען געווארען; אמשטרענגסטען איז רבי מאיר געווען געגען זיך זעלבסט, דען ער פלעגט אבהיטען נישט בלויז זיינע אייגענע שטרענגע הלכות, נאר אויך די שטרענגע הלכות, וואס זיינע חברים פלעגען ערקלערען, האטש ער איז נישט אלע מאל געווען מיט זיי איינשטימיג.

אויך אין דער סיסטעמאטיק איז רבי מאיר געווען א געטרייער תלמיד פון רבי עקיבא'ן. נאך די מלחמות און די אכזריות'דיגע רדיפות פון אדריינוס-קייזער, זענען פיעל תלמידי חכמים אומגעקומען, און דעריבער האט מען איצט געמוזט אנהויבען זאמלען די הלכות, כדי זיי זא

לעֶן נישט פֿערגעסען ווערען. רבי מאיר איז אין דער הינזיכט געוועזען איינער פֿון די ערשטע. די געזאַמעלטע הלכות האָט ער אַ נאָמען געגעבען „משנה“ און געאָרדענט זיי, לויט די ענינים, אָדער „סדרים“. — זיין שול האָט רבי מאיר געהאַט אין חמת, נעבען טבריה; טיילמאָל פֿלעגט ער קומען אויך אויף אַ לענגערער צייט קיין דמשק (דרמסקין); קיין אושא פֿלעגט ער קומען נאָר אין וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען, ווען מען פֿלעגט בעטראַכטען גרויסע הלכות.

אַן ערהעבליכע אויסגעשפּראָכענע פּערזענליכקייט איז געוועזען ר ב י ש מ ע ו ן ב ן י ו ח א י, וועלכער האָט געהאַט זיין בית־מדרש אין תקוע, אין גליל. זיין פֿאָטער, יוחאי, איז געוועזען אַ גרויסער חשוב ביי דער רוימישער רעגירונג, רבי שמעון אָבער איז געוועזען אַ פֿערביסענער שונא פֿון די רוימער, און איינמאָל האָט ער זיך וועגען דער רוימישער רעגירונג אַרויסגעזאָגט אַזוי שאַרף, אַז מען האָט איהם פֿער'משפּט צום טויט. רבי שמעון איז באַלד ענטלאָפֿען און זיך בעהאַלטען אין אַ הייל, וואו ער האָט געלעבט דרייצעהן יאָהר, שפּייזענדיג זיך מיט באָקסהאָרן (חרובין), וואָס זענען געוואַקסען אין דער געגענד זעהר פֿיעל און געטרונקען וואַסער פֿון אַ נאָהנטען קוואַל. פֿון אַזאַ נישט־נאָרמאַלען לעבען איז ביי איהם די הויט אויפ'ן לייב צושפּאָלטען געוואָרען און זיך בעדעקט מיט מאַזאָלעס. איינמאָל האָט ער זיך דערוואָגט אַרויסצוגעהן פֿון דער הייהל און דאָ האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער רוימישער קייזער איז געשטאָרבען און זיינע גזרות זענען בטל געוואָרען. איצט ערשט האָט ער זיך בעוויזען פֿאַר דער וועלט. אַ געוויסע צייט לאַנג האָט ער זיך געבאָדען אין די וואַרימע טבריא־וואַסערן, כדי אויסצוקורירען זיך. אַלס דאַנק פֿאַר זיין קוראַציע, האָט ער די שטאָדט טבריא ערקלערט פֿאַר „טהור“, חאָטש זי איז געבויט געוועזען אויף קברים (זעה אויבען, זייטע...); אַדאַנק רבי שמעון בן יוחאי איז די שטאָדט שפּעטער געוואָרען די רעזידענץ פֿון סנהדרין און האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין'ם לעבען פֿון יודענטום.

די לעגענדע האָט בעפּוצט דאָס לעבען פֿון רבי שמעון בן יוחאי אין דער הייהל מיט פֿיעל מופתים. דער תנא זאָל דאָרט האָבען געשריבען דעם בעוואוסטען ספר „זוהר“, ווען ער אַליין איז דורך דער לעגענדע דערהויבען געוואָרען צו אַ מיסטיקער און אַ געטליכער „בעל מופת“. אין זיינע הלכות קענען מיר רבי שמעון בן יוחאי פֿאַר אַ מענשען, מיט אַ געזונדען פֿערשטאַנד, וועלכער איז גאַנץ ווייט פֿון מיסטיציזמוס. ער האָט אַפֿילו אויך אָבגעווייכט פֿון רבי עקיבא'ס טיעפֿע דרשות אין דער תורה; נישט־דרשענענדיג יעדען אות, פֿלעגט בן יוחאי פֿיעל מעהר זוכען דעם טעם, אָדער דעם מאָטיוו פֿון די געבאָטען פֿון דער תורה, און צו אויף דעם סמך פֿלעגט ער ערשט בויען די הלכה. (דעם פּראַקטישען זין) מיט קיין מלאכה האָט זיך רבי שמעון בן יוחאי נישט בע־

שעפטיגט. דען ער האט זיך געהאלטען ביים כלל, אז יעדע וועלטליכע בעשעפטיגונג מוז שטערען ביים לערנען תורה. אין דער הינזיכט האט ער ארויסגעזאגט א וואונדערליכען געדאנק: די תורה איז געגעבען געווארען פאר די אידען, וועלכע האבען זיך מפרנס געווען מיט'ן מן, וואס איז פון הימעל געפאלען. א מענש ברויך דעריבער כלל נישט צו זארגען וועגען עסען און טרינקען, אדער וועגען מלבושים, נאר זיצען און לערנען תורה. — רבי שמעון בן יוחאי האט געהאט פיעל תלמידים און האט זעהר מאריך-ימים געווען. אדאנק דעם, האט ער איבערגעגעבען זעהר פיעל הלכות דעם נייעם יונגערן דור און איז געווען העכסט געעהרט ביי די יונגע תלמידי חכמים.

א גרויסען נאמען צווישען די איצטיגע תלמידי חכמים אין אושא, האט אויך געהאט רבי יהודה ברבי אלעאי, א געבוירטיגער פון אושא, וואס מיט זיין כאראקטער איז ער ענהליך געווען צו רבי יהושע בן חנניה. א גרויסער עניו און א חכם, א ליעבענדער הארץ, וואס איז גרייט אלעמען מוחל צו זיין, דערצו א שעהנער רעדנערישער טאלענט, וואס פלעגט בעצויבערן זיינע צוהערער, האט רבי יהודה פערשטאנען, ווי אזוי צו בערוהיגען די אידען און זייער שטארקער אויפרעגונג געגען רוים. מען רופט איהם דעריבער דער „חכם“, דער הויפט-רעדנער. רבי יהודה איז נישט געווען קיין עשיר; ווי רבי יהושע, האט ער זיך מפרנס געווען דורך א מלאכה, מיט וועלכער ער פלעגט זיך נישט שעמען, און ער פלעגט שטענדיג זאגען: „די ארבייט עהרט דעם ארבייטער“, „ווער עס לערנט נישט זיין זוהן קיין מלאכה, טרייבט איהם אין א געוויסער מאס צווישען די רויבער“. אין רבי יהודה'ס מעטאדע פון לערנען געפינען מיר נישט קיין בעזונדערע אייגענשאפטען.

א ענהליכען כאראקטער ווי רבי יהודה, האט אויך געהאט רבי יוסי בן חלפתא פון צפורי. ער האט זיך מפרנס געווען פון דער גערבעריי און געלערנט תורה. ער האט געזאמעלט א טייל „משניות“, וועלכע ער האט א נאמען געגעבען אויף גריכיש נומיקון (Nomikon) אין איין זאך האט ער זיך אויסגעצייכענט געגען זיינע חברים: ער האט זיך אינטערעסירט מיט דער אידישער געשיכטע. רבי יוסי בן חלפתא האט צוזאמענגעשטעלט א אידישע כראניק פון אנפאנג וועלט-בעשאפונג ביז בר כוכבא'ן, און האט זיך א נאמען געגעבען „דער סדר פון דער וועלט“ („סדר עולם“). אין דער געשיכטע פון דעם פעריאד פון תנ"ך, בעמיהט ער זיך פעסטצושטעלען די כראנאלאגיע (צייט-רעכענונג) און דארט, וואו עס פעהלען איהם אנווייזונגען, דערלעגט ער זיי דורך טראדיציאנעלע דאטען (ציפערן); דאגעגען אין דער עפאכע פון אלעקסאנדער מוקדון און ווייטער, געהט ער זיך גאנץ זעלבסטשטענדיג און גיט זעהר גענויע, אבער, ליידער, צו-קורצע ידיעות.

פון די איבריגע תלמידים פון רבי עקיבא, זענען אונז געבליבען

נישט פיעל זכרונות. אויסער דעם בית המדרש פון אושא, איז נאך געווען א בית המדרש אין דרום־קאנט פון לאנד יהודה, אין לוד; די דאָרטיגע תלמידי חכמים זענען געווען די תלמידים פון רבי ישמעאל בן אלישע, אבער בעוואוסט פון זיי זענען נאר צוויי: רבי יאשיה און רבי יונתן.

אן'אייגענטימליכע ערשיינונג אין דער איצטיגער צייט איז געווען דער תנא רבי נתן הבבלי, א זוהן פון'ם בבל'ישען ריש גלותא. וואס איז געווען די סיבה, וואס האט איהם געבראכט דערצו, אז ער זאל אריבערוואנדערן קיין ארץ־ישראל און פערלאזען זיין רוהיגע פאטערלאנד, וואו ער האט, לויט זיין געבורט, פערנומען א הויכע שטעלע אין דער געזעלשאפט, איז אונז אונבעוואוסט; עס איז אונז אויך נישט בעוואוסט, וואו און ביי וועמען ער האט תורה געלערנט אין דער יוגענד. רבי נתן איז בעזונדערס שטארק געווען אין די הלכות פון „דיני ממונות“ — פון „מיין און דיין“. מעגליך, אז טאקע דערפאר, אדער צוליעב זיין יחוס, האט מען איהם בעשטימט אויף דער הויכער שטעלע פון א שטעל־פערטרעטער (אב בית־דין) פון נשיא פון'ם סנהדרין אין אושא. די זאמלונג הלכות, וואס שטאמט פון איהם, איז בעוואוסט אונטער דעם נאמען „תוספתא דרבי נתן“ און פון איהם זאלען אויך שטאמען די „אבות דרבי נתן“. —

בכלל איז דער דריטער דור פון די תנאים געווען, בערך צום צווייטען, זעהר ארעם. די מלחמה און די גזרות נאך איהר האט געשטערט די יוגענד צו לערנען תורה און פערטיעפען זיך אין איהר. בעוואוסט זענען אונז פון זיי אויך: רבי חנניה בן חכינאי, וועלכער האט פערלאזען זיין ווייב און קינדער, כדי צו לערנען פיעל יאהרען ביי רבי עקיבא'ן, און ווען ער איז צוריק אהיים געקומען, האט ער די אייגענע קינדער נישט דערקענט; רבי אליעזר בן יעקב, וואס זיינע אור־עלטערן זענען געווען בעאמטע אין בית המקדש און דעריבער האט ער געהאט דעם פלאן פון בית המקדש און זיינע כלים. ער האט אויך געזאמעלט משניות; רבי אלעזר, העכער זוהן פון רבי יוסי הגלילי, וועלכער איז בעוואוסט דורך די צוויי און דרייסיג כללים, וואס ער האט אויפגעשטעלט, ווי אזוי צו לייענען ריכטיג דעם טעקסט פון תנ"ך, וועלכע קאנען בעטראכט ווערען אלס דער פונדאמענט פון דער מסורה און דעם דקדוק. ערשט מיט אכט הונדערט יאהר שפעטער, האט מען זיין מעטאדע אויסגענוצט, ווי געהעריג איז.

נאך צוויי חכמים זענען בעוואוסט פון דער איצטיגער צייט, אבער זיי האבען געלעבט נאר אין ארץ ישראל: איינער פון זיי איז רבי יהודה בן בתירא פון נציבין (אין בבל) און דער צווייטער — רבי מתיא בן חרש, וועלכער האט געגרינדעט א ישיבה אין רוים און אזוי ארום איז געווארען דער ערשטער צענטער פאר דער תורה שבעל פה אין איראפא.

בכלל איז דער הויפט-פערדינסט פון די חכמים פון יענער צייט בעשטאנען דערין, וואס זיי האבען אין א גרויזאמער קריטישער צייט בעוויזען צו ראטעווען די אידישע תורה פון פערגעסען ווערען, גרינדענדיג ביי דער ערשטער מעגליכקייט נייע צענטרען פאר די ישיבות און, אומלעטדיג די הלכות אונטער פערשידענע נעמען.

און דער צייט, וואס די תלמידי חכמים אין גליל האבען זיך בעמיהט, אבצולעבען דאס פערגליווערטע בלוט אין'ם ארגאניזם פון דער אבגעחלש'טער אידישער נאציאן, אויפצובויען פון דאס ניי דעם סנהדרין און זאמלען די הלכות און ארדנען זיי, איז אין בבל פארגעקומען עטוואס אזעלכעס, וואס האט שיער נישט געבראכט דערצו, אז די דארטיגע אידישע קהלות זאלען זיך גאר אבטרייסען פון די אידען אין ארץ ישראל, און נאר א דאנק דעם טאקט און דער קלוגשאפט פונ'ם נשיא, רבן שמעון בן גמליאל, איז עס געלונגען אויסצומיידען די האזיגע שפאלטונג. רבי חנניה, וועלכען זיין פעטער, רבי יהושע בן חנניה האט געשיקט קיין בבל, כדי צו האלטען איהם אין דער ווייטען פונ'ם איינפלוס פון די אידען-קריסטען (זעה אויבען, זייטע......) האט אין דער צייט פון די שמד-גזרות אין ארץ ישראל געמאכט א פראבע צו גרינדען א צענטער פאר'ן אידענטום אין בבל. אין נהר פקוד (נעבען נהרדעא), האט ער ארגאניזירט א מין סנהדרין, וואס ער איז געווארען זיין נשיא, און א געוויסער נחוניה אדער אחיה, וועלכער איז דאמאלס געווען ריש גלותא, איז געווארען אין איהם „אב בית דין". ביז דער צייט פלעגען די בבל'ישע קהלות ערהאלטען אלע רעליגיעזע פעראָרדנונגען פון דעם סנהדרין אין ארץ ישראל; ווען דער סנהדרין אין ארץ ישראל איז אויף א געוויסער צייט בטל געווארען, צוליעב די מלחמות און די גזרות, זענען די בבל'ישע קהלות געבליבען גאר אבהענגיג, נישט וויסענדיג, צו ווען זיי זאלען זיך ווענדען אין רעליגיעזע פראגען און ווער וועט איצט בעשטימען ראש חדש און יום-טובים. עס איז דעריבער גאנץ נאטירליך, וואס זיי האבען דעם נייעם אייגענעם סנהדרין בעטריסט מיט גרויס פרייד. חנניה האט באלד בעשטימט ראש חודש און יום-טובים, לויט די כללים פונ'ם סנהדרין אין ארץ ישראל. ווען אבער עס האט זיך איינגעארדענט צוריק דער סנהדרין אין אושא, האט ער נישט געוואלט דערלאזען, אז אין בבל זאל זיך אויך געפינען א סנהדרין, ווייל דאדורך וואלט דאס אידענטום צושפאלטען געווארען אויף דאס יהדו-טום פון מערב און פון מזרח. כדי נישט צו דערלאזען אזא שפאלטונג, האט רבן שמעון בן גמליאל געשיקט צוויי שלוחים קיין בבל, רבי יצחק און רבי נתן, מיט א פריינדליכען בריעף צום נשיא פונ'ם בבל'ישען סנהדרין, מיט דעם אונגעוועהנליכען אדרעס „צו זיין הייליג-קייט חנניה" („למעלת קדושתו חנניה"). רבי חנניה האט אויפגענומען די שלוחים זעהר פריינדליך און זיי פארגעשטעלט פאר די זקנים פון די

בבל'ישע קהלות, לויבענדיג זייער יחוס און הויכע שטעלונג. נאכדעם ווי די שלוחים זענען אזוי ארום זיכער געווארען, אז זיי האבען געוואונען דעם צוטרוי פון פאלק, זענען זיי ארויסגעטראטען מיט דעם אינהאלט פון זייער שליחות; צוליעב דעם, וואס די שמד־גזרות זענען בטל געווארען און ס'האט זיך איינגעארדענט ווידער דער סנהדרין אין אושא, בכן דארפען די בבל'ישע אידען זיך צוריק ווענדען אהין און פונאנדערלאזען זייער אייגענעם סנהדרין. חנניה האט אנגעהויבען פראטעסטירען געגען אזא פאדערונג, אבער די שלוחים האבען אנגעוויזען, אז הדורך וועט עס קומען צו א מחלוקת און א שפאלטונג ביי אידען; כדי צו מאכען דעם רושם נאך שארפער, איז איין שליח ארויף אויף דער בימה אין בית המדרש און האט געלייענט דעם פסוק פון דער תורה „דאס זענען די פייערטעג פון גאט", אויף אזא אופן: „דאס זענען די פייערטעג פון חנניה"; דער צווייטער שליח האט געלייענט א צווייטען פסוק, אז „פון ציון שטאמט די תורה און גאט'ס ווארט פון ירושלים — אויף אזא אופן: „פון בבל שטאמט די תורה און גאט'ס ווארט פון נהר קוד". די בבל'ישע אידען האבען איינגעזעהן, אז דורך זייער אייגענעם סנהדרין זונדערן זיי זיך אב פון כלל ישראל און פון דער אחדות מיט איהם און האבען זיך דערשראקען. אומזיסט האט חנניה זיך באמיהט צו ווארפען א חשד אויף די שלוחים, אז זיי ווילען נאר מחלוקת ארייןברענגען אין די געמיינדעס, די שלוחים האבען ערקלערט, אז עפענען און האלטען א באזונדערן סנהדרין אין בבל, איז אלץ איינס, ווי בויען דארט א מזבח, ביי וועלכען חנניה און נחוניה וועלען זיין כהנים; דאס איז בכלל אלץ איינס, „ווי אבזאגען זיך פון גאט פון ישראל". חנניה האט געפרובט ווארפען אויך א שאטען אויף דעם סנהדרין אין אושא, ערקלערענדיג, אז זיינע מיטגליעדער זענען כלל נישט קיין גדולים, אבער הערויף האבען די שלוחים געענטפערט מיט טאקט: בשעת דו, חנניה, האסט פערלאזען ארץ ישראל, זענען זיי באמת נאך קליין (יונג) געוועזען, איצט אבער זענען זיי שוין גרויס אויסגעוואקסען. חנניה האט זיך אבער נישט געלאזט אזוי לייכט בויגען און האט זיך געווענדעט צו רבי יהודה בן בתירא אין נציבין מיט א נ'אנפראגע, כדי צו הערען זיין מיינונג. רבי יהודה האט ערקלערט, אז יעדער איד איז מחויב צו פאלגען דעם סנהדרין פון ארץ ישראל. ווען חנניה האט דערזעהן, אז ער האט נישט קיין שטיצע פון קיינעם, האט ער נאכגעגעבען און אליין געשיקט בריעף צו די קהלות אין בבל, ערקלערענדיג, אז זיינע בעשטימונגען פון חדש און יום־טוב ווערען בטל. אזוי ארום האט זיך פערמאכט דער בבל'ישער סנהדרין.

אין דערזעלבער צייט איז אויך אויסגעבראכען א מחלוקת אין סנהדרין פון אושא, א מחלוקת, וואס איז געווען ענליך צו דער מחלוקת אין סנהדרין אין יבנה, אין דער צייט פון דער נשיאות פון רבן

גמליאל און רבי יהושע בן חנניה. אויך די איצטיגע מחלוקת האט נאך קאנט האבען זעהר טרויעריגע רעזולטאטען פאר דער אחדות פון דער נאציאן. רבן שמעון בן גמליאל האט געוואלט דערהויבען דעם כבוד פון דער נשיאות, דעריבער האט ער איינגעפיהרט א נייע תקנה: ביז דאמאלס פלעגט דער גאנצער עולם אויפשטעהן, ווען עס פלעגט אריינקומען אויף דער זיצונג פון סנהדרין דער נשיא, דער אב בית דין אדער דער חכם; איצט האט רבן שמעון בן גמליאל איינגעפיהרט, אז אזא כבוד זאל מען אפגעבען נאר איהם, דעם נשיא, אליין. דער אב בית דין און דער חכם, רבי נתן און רבי מאיר, זיינען נישט געווען אויף דער זיצונג, בשעת דער נשיא האט אנגענומען די נייע תקנה, און ווען זיי האבען זיך דערפון דערוואוסט, האבען זיי באשלאסען בשתיקה איהם אראבצווארפען פון דער נשיאות. דערויף האט מען אבער געמוזט האבען די הסכמה פון א פאלקספערזאמלונג, און אט דעריבער האבען זיי באשלאסען צו שטעלען איהם פיעל שאלות מיט א מאל אויף, וויל זיי זיינען זיכער געווען, אז דער נשיא וועט נישט וויסען, וואס צו ענטפערן זיי, און זיי וועלען צוליעב דעם קאנען אפעלירען צום פאלק, ערקלערענדיג, אז מען קאן נישט דערלאזען, דאס א נשיא און סנהדרין זאל זיין א מענש, וואס איז א קליינער למדן. דעם דאזיגען פלאן האט מען אבער בעצייטענס ענטדעקט דעם נשיא, וועלכער איז דעריבער געווען פארזיכטיג און געפועל'ט ביי די מיטגליעדער פון סנהדרין, אז רבי נתן און רבי מאיר זאלען ארויסגעשלאסען געווארען פון די זיצונגען. די ארויסגעשלאסענע האבען אבער געפונען א מיטעל, צו דערווייזען, ווי שטארק נויטיג זיי זיינען פאר'ן סנהדרין: זיי האבען אויף צעטעלעך אנגעשריבען הארטע שאלות און אריינגעשיקט צו דער זיצונג. די מיטגליעדער פון סנהדרין האבען נישט געוואוסט, וואס צו ענטפערן אויף די שאלות. דאן האט רבי אסי בן חלפתא ארויסגערופען: „סטייטש! די תורה געפינט זיך אין דרויסען און מיר זיצען דא אינעווייניג!“ דער נשיא האט געמוזט נאכגעבען און אריינגענומען זיי צוריק אין בית המדרש, דערביי האט ער זיי אבער בעשטראפט מיט פאלגענדעם: די הלכות, וועלכע רבי נתן פלעגט פארטראגען, האט מען בעצייכענט נישט אויף זיין נאמען, נאר אונטער דער פארמעל: עס איז פאראן א מיינונג („יש אומרים“); רבי מאיר'ס א הלכה ווידער זאל מען בעצייכענען מיט דער פארמעל: „און אנדערע זאגען“ („אחרים אומרים“). רבי נתן האט זיך געלאזט בויגען; אבער רבי מאיר האט זיך געשטעלט קעגען דעם. דאן האט דער נשיא פארגעלעגט, אז מען זאל איהם אריינלעגען אין חרם. אבער רבי מאיר האט געשיקט זאגען דעם נשיא מיט זיינע חברים: איך קימער זיך גאנץ ווע־ניג אום אייער חרם, ביז איהר וועט מיר ערקלערען, ווען און פארוואס, ווי אויך אונטער וועלכע בעדינגונג איהר לעגט מיך אריין אין חרם. ווי עס שיינט, איז רבי מאיר פון דאמאלס אן ארויסגעטראטען פון

סנהדרין און אויסגעוואַנדערט אויך פון ארץ ישראל. ער האָט זיך בעזעצט אין קליין־אזיען, וואו ער האָט געלעבט ביז׳ן טויט. פאַר׳ן טויט האָט ער געלאָזען אַ צואה, מען זאָל איהם מקבר זיין ביים ברעג ים, וועלכער בעשווענקט אויך די ברעגען פון׳ם היילינגען לאַנד.

די נשיאות פון רבן שמעון בן גמליאל איז אויך נישט געווען פריי פון רדיפות מצד דעם שטאַטהאַלטער אָדער די. קלענערע רוימישע בעאַמטע. די שנאה צווישען די רוימער און די אידען האָט נישט געקאָנט אַזוי גיך געשטילט ווערען נאָך די גרויזאַמע רוימישע מערדערייען אין אַדריאַנוס׳עס צייטען; פון דער אַנדער זייט ווידער האָבען די רוימער זיך נישט געוואָלט אָבזאָגען פון דער ראָליע פון בעהערשער. דער נשיא רבן גמליאל פלעגט דעריבער גאַנץ אָפט בעמערקען: „אונזערע עלטערן האָבען די רדיפות נאָר פון דערווייטען געשמעקט און זענען אונגעדולדיג געווען; מיר אָבער לײַדען פון זיי אַזוי פיעל טעג, יאָהרען און צייטען, פון וואַנען זאָלען מיר געדולד האָבען. אויב מיר וואָלטען אונזערע יסורים און רדיפות געוואָלט פערצייכענען, וואָלט אונז פּאַפּיער פערפעהלט". ווי גרויס עס זענען נישט געווען די שווערע אונגליקען, וואָס האָבען געטראָפען דאָס אידישע פאָלק, ווי גרויזאַם די קאַטאַסטראָפען זענען נישט געווען, האָט דאָס פאָלק פאָרט נישט געקאָנט פערגעסען זיין אַמאָליגע פרייהייט און נישט געוואָלט בשום אופן בויגען זיך אינגאַנצען פאַר די רוימער. און אַט פון איין זייט די גרויזאַמקייט פון די רוימער און פון דער אַנדערער — דער אידישער נאַציאָנאַלער שטאָלץ האָט אין די לעצטע צייטען פון דעם קייזער אַנטאָנינוס פיוס ווידער געבראַכט צו אַ אויפשטאַנד (91 יאָהר נאָכ׳ן חורבן, 161 נאָך קריסטוס׳ן), וואָס זיינע פרטים זענען אונז געבליבען גאַנץ אונבעקאַנט. מען קאָן זיך משער זיין, אַז דער אידישער אויפשטאַנד איז געשטאַנען אין צוזאַמענהאַנג מיט די הכנות, וואָס די פּאַרטהער האָבען געמאַכט צו פיהרען מלחמה געגען רוים, כדי צו בעפרייען זיך אינגאַנצען פון׳ם רוימישען איינפלוס. די אידען האָבען שוין אַפילו געהאַט אַ גענוג ביטערע ערפאַהרונג וועגען דעם, וואָס זיי קאָנען ערוואַרטען פון דער מלחמה מיט רוים, אָבער זיי האָבען זיך נאָך אַלץ נישט מיאש געווען אינגאַנצען פון בעקומען צוריק זייער זעלבסטשטענדיגקייט. איצט האָבען זיי געהאָפט, אַז די פּאַרטהער וועלען זיי זיין בעהילפיג אין׳ם אויפשטאַנד. רבי שמעון בן יוחאי, וועלכער האָט געהאַסט טיעף די רוימער, מיט זייערע כלומר׳שטע בעדיצען, האָט פיעל גוטס ערוואַרטעט פון די פּאַרטהער, און ער פלעגט זאָגען, „אויב דו זעהסט אַ פּאַרטישען (פּערסישען) פערד אָנגעבונדען אין די קברים פון ארץ ישראל, טאָ האָף אויף משיח׳ן". — אָבער אויך פון׳ם איצטיגען אויפשטאַנד איז גאָרנישט געוואָרען: די אידען האָבען זיך נישט אָרגאַניזירט, דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכען אין פערשיעדענע פונקטען נישט מיט אַמאָל, און אַזוי די פּאַרטישע הילף איז גע-

קומען, האט דער רוימישער שטאטהאלטער דערשטיקט דעם אויפשטאנד.

נאכ'ן טויט פון אנטאנינוס פיוס, ווען אין רוים האבען געקעניגט צוויי קיסרים מיט אמאל: מארק אורעליוס און לודיוס ווערוס (אנטאנינוס פיוס'עס זוהן), האבען זיך אנגעהויבען נייע רדיפות געגען די אידען אין ארץ ישראל. ערשטענס האבען זיי פערלוירען דאס רעכט צו האבען אייגענע געריכטען. צי איז די גזרה בעשטאנען דערין, וואס אידען האבען מעהר נישט געטארט האבען קיין אייגענע דינים, וואס משפט'ן לויט'ן אידישען דין, אדער דערין, וואס מען האט צוגענומען ביי אידען דאס רעכט, צו ווערען בעשטימט פאר ריכטער אין די רוימישע געריכטס־הייזער — איז אומבעוואוסט. רבי שמעון בן יוחאי האט פאר דער דאזיגער גזרה גאט געדאנקט (דאס הייסט: דערפאר, וואס מען האט צוגענומען די „דיני ממונות“ ביי אידען), ווייל עס האבען דאמאלס פערפעהלט ביי אידען דיינים, וואס זאלען גוט געניט און פעהיג ארויסצוגעבען א גערעכטען פסק דין, און זיי פלעגען משפט'ן נישט גערעכט. ווערוס האט אויך בעניים אנדרינוס'עס גזרות וועגען היטען שבת, מילה און מקואות פאר פרויען.

חאטש דער סנהדרין אין אושא האט קיין שום אנטייל נישט גענומען אין דעם אויפשטאנד, פונדעסטוועגען האבען די רוימער געהאט געגען זיי אחשד און האבען זיי געלאזען בעאבאכטען דורך די רוימישע שפיאנען. איינמאל האט מען די רוימער איבערגעגעבען וועגען א שמועס, וואס עס האבען געפיהרט אין בית המדרש וועגען דער לעצטער רוימישער פאליטיק, רבי יהודה ברבי אלעאי, רבי יוסי בן חלפתא און רבי שמעון בן יוחאי. רבי יהודה האט, ווי זיין שטייגער איז געווען, געוואלט בערוהיגען די אידען און אויסגערופען: „ווי ניצליך דאס דאזיגע פאלק (די רוימישע) האט זיך געמאכט! די רוימער האבען איבעראל אויסגעבויט גרויסע שטעדט און מערק, קינסטליכע בריקען געבויט איבער טייכען און גרויסע בעדער, כדי צו דערהאלטען די געזונדהייט!“ רבי יוסי האט געשוויגען, אבער רבי שמעון בן יוחאי האט נישט געקאנט גלייכגילטיג צוהערען, ווי מען לויבט די רוימער, און אויסגערופען: „אלץ, וואס זיי האבען געטהון, איז געווען נאר פאר זייער אייגענעם נוצען. אין די שטעדט האלטען זיי אויף שאנד־הייזער; אין די בעדער לאזען זיי זיך וואוילגעהן און פון די בריקען הייסען זיי זיך געבען א גרויסען אבצאהל“. אט דעם שמועס האט מען איבערגעגעבען די רוימער און זיי האבען באלד ארויסגעגעבען א בעפעהל: רבי יהודה'ן האט מען דערהויבען פאר זיין שעהנער רעדע, רבי יוסי'ן האט מען בעשטראפט צו פערשיקען פאר זיין שווייגען, און רבי שמעון בן יוחאי'ן האט מען פעראורטיילט צום טויט. און אט דאמאלס איז רבי שמעון בן יוחאי, ווי שוין

דערמאָהנט, ענטלאָפען און זיך בעהאַלטען אין אַ הייהל, ביז עס איז געשטאָרבען דער קייזער ווערוס (169 נאָך קריסטוס).

נאָך ווערוס'עס טויט האָבען די חכמים געבעטען רבי שמעון בן יוחאי, אז ער זאָל געהן קיין רוים משתדל צו זיין זיך ביים קייזער מאַרק אוירעליוס, דאָס מען זאָל מבטל מאַכען די גזרות וועגען שבת, מילה און טבילה פאַר פרויען. מאַרק אוירעליוס איז אפילו נישט געווען קיין אידעןפריינד, אָבער אַ מילדער מענש איז ער געווען, אַ פילאָזאָף, וואָס ליעבט די גערעכטיגקייט. מען האָט דעריבער געהאָפט, אז מען וועט ביי איהם פועל זיין עטוואָס גוטס. רבי שמעון בן יוחאי האָט גענומען מיט זיך אויף דער רייזע דעם תנא רבי אלעזר בן רבי יוסי, מעגליך, דערפאַר, וואָס ער האָט געקענט לאַטייניש. אָנגעקומען אין רוים, האָבען די תנאים, מיט דער הילף פון די דאָרטיגע אידען, בעקומען שתדלנים אין קייזערליכען הויף, כדי צו בעטען ביי דעם קייזער, אז ער זאָל מבטל מאַכען די גזרות פון'ם פריהערדיגען קייזער, וואָס האָט געקענט מיט איהם צוזאַמען. אויך די קריסטען האָבען זיך דאַמאָלס משתדל געווען ביים קייזער, אז ער זאָל זיי געבען רעליגיאָנספרייהייט אין אַלע רוימישע מדינות. פאַר אידען איז אָבער זעהר שווער געווען צוצוקומען צו מאַרק אוירעליוס, וואָרום דער האַזיגער געקרוינטער פילאָזאָף האָט פיעל געדנאַשט פון דער אידישער פאָלקסחכמה, נעהמענדיג ביי איהר פיעל פון זיינע שפּריכווערטער. די לעגענדע דערצעהלט, אז רבי שמעון בן יוחאי האָט אין רוים אויסגעהיילט דעם קייזער'ס טאָכטער לוצילא, אַרויסטרייבענדיג פון איהר אַ רוח פון אַ שד און, אַלס דאַנק, האָט דער קייזער ערלויבט די אידישע חכמים אויסצוקלייבען פאַר זיך אייניגע וויכטיגע דאָקומענטען אין רוימישען קייזערליכען אַרחיוו. די אידישע חכמים זאָלען האָבען אויסגעקליבען די עדיקטען וועגען די גזרות געגען אידען, וואָס זיי האָבען דאָרט געפונען און פערניכטעט זיי, און אזוי אַרום זענען בטל געוואָרען די גזרות. היסטאָריש איז אַזאַ זאַך נישט דערוויזען געוואָרען. עס איז אָבער זיכער, אז די אידישע חכמים זענען באמת געווען אין די רוימישע אַרחיווען, דען רבי שמעון בן יוחאי'ס בעגלייטער, רבי אלעזר בן רבי יוסי, דערצעהלט, אז ער האָט אין רוים געזעהן די הייליגע כלים פון בית המקדש, וואָס טיטוס האָט אַהין געבראַכט נאָכ'ן חורבן און געלאָזט בעהאַלטען אין אַ מוזעאום, אָדער אין אַנ'אַרחיוו.

# רבי יהודה הנשיא (רבי).

„ווען דער נשיא רבן שמעון בן גמליאל איז געשטאָרבען (נאָך ביים לעבען פון קייזער מאַרק אוירעליוס), האָבען זיך פערשטאַרקט די אידישע צרות“ — אַזוי קלאָגט זיך איין תלמיד חכם פון יענער צייט. און אָט אין אַזאַ צייט האָט די נשיאות איבערגענומען רבי יהודה, רבן

שמעון בן גמליאל'ס זוהן, און ער האט דערהויבען די נשיאות און דעם אידענטום זעהר הויך. מיט רבי יהודה הנשיא הויבט זיך אן א נייע עפאכע אין דער געשיכטע פונ'ם אידענטום, אדער פון דער אידישער רעליגיע. געבוירען אין דער גרויזאמער צייט פון די נאכוועהעניש פון בר כוכבא'ס מלחמה *), האט ער אין זיין לעבען געזעהן נאר ווייניג ליכטיגע מאמענטען פאר'ן אידישען פאלק. פונדעסטוועגען איז איהם געלונגען שטארק צו דערהויבען די נשיאות פון סנהדרין, פיעל מעהר ווי דאס איז געלונגען זיינע עלטערן, די נשיאים, וועלכע האבען זיך שטארק בעמיהט וועגען דעם. רבי יהודה הנשיא איז געווארען דער צענטער פון אלע אידישע חכמים, און דער סנהדרין — דער צענטער פון אידענטום. נאך בשעת רבי יהודה הנשיא האט געלעבט, איז ער שוין אנערקענט געווארען דורך אלע אידען פאר די איינציגע העכסטע אויטא־ריטעט און מען האט איהם גערופען מיט'ן סתם־נאמען ר ב י, ווייל אלע האבען שוין געוואוסט, אז דער איינציגער, אידישער רבי איז דער נשיא רבי יהודה.

נאך זיין טויט אבער האט זיין ווערק בעהערשט דאס גאנצע אידענטום און איז געבליבען זיין פונדאמענט ביז היינטיגען טאג. די מענ־שען פון זיין צייט האבען איהם געגלויבט, אז ער בעזיצט אלע זיבען מעלות, וועלכע עס דארף צו האבען אן אמתע הויכע פערזאן: שענ־הייט, כח, עשירות, כבוד, חכמה, זקנה (א הויכען עלטער) און גערא טענע זיהן. פון וואנען איז רבי יהודה הנשיא געווען אזוי שטארק רייך? מעגליך, אז די רייכע אידען האבען איהם, צוליעב זיין גרויסען כבוד און חכמה, אבגעזאגט זייער ירושה. ווען רבי יהודה איז אזוי רייך געווען, אז ער האט זיך געקאנט פערגינען א לוקסוס פון מלכות. וועגען איהם פלעגט געהן א שפריכווארט: אין רבי יהודה'ס פערד־שטאל־לען געפינט זיך מעהר עשירות, איידער ביים פערסישען קעניג אין די אוצרות. געלעבט האט אבער רבי יהודה הנשיא גאנץ איינפאך, און זיין גרויס עשירות האט ער אויסגעגעבען אויף מחזיק זיין תלמידי חכמים, וועלכע פלעגען קומען צו איהם לערנען מאסענווייז, סיי פון ארץ־ישראל, סיי פון אנדערע לענדער. ער פלעגט אויך אויסטיילען פיעל צדקה פאר ארעמע־לייט און, ווען אין מארק אורעליוס'עס רעגירונג האט אויסגעבראכען א גרויסער הונגער און א מגפה אין די רוימישע מדינות, וועלכע האט געדויערט עטליכע יאהר, האט רבי יהודה געעפענט זיינע שפייכ־לערס אויפ'ן קעניגליכען אופן און געטיילט תבואה די ארעמע־לייט. תחלת האט ער געלאזט טיילען ברויט נאר פאר יענע אידען, וועלכע לערנען תורה און אנ'עם הארץ פלעגט ער הייסען אבזאגען; אבער

---

*) ר' יהודה הנשיא איז געבוירען געווארען אין יאהר 66 נאכ'ן חורבן און געשטארבען צווישען די יאהרען 135—140 נאכ'ן חורבן, אלזא: האט ער געלעבט פון 136 ביז 205—210 לויט דער געוועהנליכער צייט־רעכענונג.

איינמאל האט איהם געשטראפט וועגען דעם זיינער א תלמיד, רבי יונתן בן עמרם, וועלכער האט נישט געוואלט עסען ברויט נאר דערפאר, וואס ער לערנט תורה, און ער האט אויסגערופען: „רבי, גיב מיר שפייז, ווי מען גיט עס א הונד, אדער א קראה!" רבי יהודה האט איינגעזעהן זיין פעהלער און מודיע געווען: „זאלען קומען אין מיינע שפייכלערס אלע הונגעריגע!" אויך ביי אנ'אנדער געלעגענהייט האט רבי יהודה דערוויזען, אז ער קאן זיך מתגבר זיין אויף זיין שטרענגען כאראקטער: די טעכטער פונ'ם פערדרעטער אלישע-אחר זיינען אין דער צייט פון דער נויט געקומען צו איהם בעטען הילף. תחלת האט זיי רבי יהודה דערין אבגעזאגט, ערקלערענדיג: „די יתומות פון אזא פערדרעטער פערדיענען נישט קיין רחמנות". ווען זיי אבער האבען איהם דערמאהנט, אז זייער פאטער איז געווען א למדן און אויסגערופען: „רבי, דערמאהן זיך אן זיין תורה און נישט אן זיינע מעשים!", האט רבי זיך צעוויינט און געהייסען זיי שטיצען מיט זיין פערמעגען.

נאכדעם, ווי דער סנהדרין אין אושא האט זיך פערמאכט, פלעגען די זיצונגען פון סנהדרין פארקומען א געוויסע צייט אין שפרעם Scheparam און רבי יהודה'ס צייט, האט דער סנהדרין זיך אריבערגעצויגען קיין בית-שערים, און צפון-זייט פון צפורי, און שפעטער — שוין אין צפורי גופא, ווען רבי איז קראנק געווארען, דען אין צפורי איז די לופט געווען זעהר א גוטע און א געזונדע, צוליעב דעם, וואס די שטאדט איז געשטאנען אויף א בארג. אין צפורי איז דער סנהדרין בעשטאנען פון פולע איין און זיעבציג פערזאן, לויט דער אלטער אידישער טראדיציע, און אלע ענינים פלעגען דארט געפיהרט ווערען, לויט דער ארדנונג פון סנהדרין אין בית-המקדש (לשכת הגזית). רבי יהודה'ס אנזעהן איז אזוי גרויס געווען, אז דער סנהדרין האט איהם אליין אבגעגעבען זיין גאנצע מאכט, און מען פלעגט דאמאלס זאגען: „פון משה'ס צייט און ביז רבי יהודה האט נאך קיינער נישט געהאט ביי אידען אזא גרויסען אויטאריטעט, ווי ער. אי תורה, אי גדולה האבען זיך אין איהם פעראייניגט". די הנהגה פון דער ישיבה אדער פון בית המדרש, די אויפזיכט איבער דער געמיינדע-פערוואלטונג, די בעשטימונג פון חודש און יום טוב, די „סמיכות" פון תלמידי חכמים, דאס בעשטימען שופטים און רבנים אין אלע קהלות — אט די אלע פונקציעס האבען זיך פעראייניגט אין רבי יהודה'ס מאכט, און אויך דעריבער האט מען איהם גערופען רבי, ווייל קיין אנדער רבי ביי אידען איז נישט געווען. מען האט איהם אויך געגעבען דעם ביינאמען „הקדוש", — דער „הייליגער", צוליעב זיין גרויסער פרומקייט און לעבען. באלד האט רבי דערהויבען זיין מאכט האדורך, וואס ער האט מתקן געווען, אז אפילו דער גרויסער תלמיד חכם טאר נישט פסק'ענען קיין שאלות, אויב ער האט בעקומען פון איהם די ערלויבניש דערויף (סמיכות).

די קהלות אין ארץ ישראל און אויך אין אלע אנדערע לענדער האָבען זיך געמיהט ווענדען צו איהם, כדי ער זאָל בײַ זײ בעשטימען בעאַמטע, דיינים און מורה־הוראות אָדער ראשי־ישיבות. אַזוי, למשל, האָט די קהלה פֿון סימוניא Simonias אין דרום־קאַנט פֿון צפורי זיך געווענדעט מיט פֿאָלגענדער ביטע צו רבי יהודה: „שיק אונז א פערזאָן, וואָס זאָל פֿאַר אונז קאָנען האַלטען דרשות, פסק'ענען אונז שאלות, משפט'ן אונז, אַכטונג געבען אויף די שוהלען, מסדר זײַן שטרות, לערנען מיט דער יוגענד און בכלל ערפֿילען אַלע גײַסטיגע הצטרכות פֿון דער קהלה". רבי יהודה האָט געשיקט קײַן סימוניא דעם בעסטען פֿון זײַנע תלמידים לוי בר סיסי. אַן'אַנדער תלמיד פֿון רבי יהודה, רבה בר חנה פֿון כפרי (אין בבל) איז בכיון געקומען פֿון בבל קײַן ארץ ישראל תורה צו לערנען בײַ זײַן פֿעטער, רבי חייא. ווען ער האָט זיך געדאַרפֿט צוריק אומקעהרען אַהיים, קײַן בבל, האָט ער געבעטען סמיכות בײַ רבי יהודה הנשיא, ווײַל אָהן דעם וואָלט מען איהם אין בבל נישט אָנגענומען פֿאַר א מורה הוראה. נאָך א תלמיד חכם פֿון בבל איז געקומען קײַן ארץ ישראל תורה צו לערנען, דאָס איז געווען אבא אריכא (Areka) וועלכער איז שפּעטער געוואָרען דער ערשטער אויטאָריטעט אין דער תורה אין בבל. נאָר אײן שררות'שאַפֿט איז געווען בײַ אידען, וואָס איז געשטאַנען אויך אַזוי הויך, ווי די נשיאות פֿון סנהדרין — די שררות פֿון ריש גלותא (דער נשיא פֿון גלות) אין בבל. רבי יהודה הנשיא פֿלעגט שטענדיג מקנא זײַן די גדלות פֿונ'ם ריש גלותא, וועלכער איז בײַ אידען אפילו נישט געווען אַזוי אָנגעזעהן, ווי דער נשיא, דערפֿאַר האָט ער אָבער געהאַט א פֿיעל גרעסערע מאַכט פֿון אויסעװעניג, איידער דער נשיא, דען די פּאַרטישע מלכים האָבען די מאַכט פֿונ'ם ריש גלותא אָנערקענט, ווערענד די רוימער פֿלעגען קוקען זעהר קרום אויף די נשיאות און האָבען איהר געדולדעט — ביז א צײַט.

האַבענדיג אַן'אומבעגרענצטע מאַכט, האָט רבי אײַנגעפֿיהרט א שטרענגע דיסציפּלין צווישען זײַנע תלמידים און מקפיד געווען אפילו אויף א וויץ, וואָס עמיץ וואָלט זיך ערלויבט קעגען זײַן נשיאות. די צוואה, וואָס ער האָט פֿאַר זײַן טויט געלאָזען דעם קינפֿטיגען נשיא, זײַן זוהן ר' גמליאל: „פֿיהר דײַן נשיאות הויך און בעגעה זיך שטרענג מיט דײַנע תלמידים" — האָט ער אַלײן געטרײַ אָפּגעהיט. צווישען די פֿיעל תלמידים, וועלכע זענען געקומען פֿון בבל קײַן צפורי צו רבי יהודה'ן, איז אויך געווען רבי חייא (אחיה), וועלכען מען האָט אין יענער צײַט זעהר געריהמט פֿאַר זײַן הייליג לעבען, זײַן שאַרפֿען גײַסט און זײַן ענערגישע טהעטיגקײַט בײַם פֿערשפּרײַטען די תורה צווישען דער יוגענד. רבי יהודה אַלײן האָט איהם אויך זעהר הויך געשעצט און פֿלעגט וועגען איהם זאָגען: „פֿון א ווײַטען לאַנד איז געקומען א מאַן, וואָס שטעהט מיר בײַ מיט זײַן עצה". און אַט דעם ר' חייא האָט רבי יהודה נישט

געקאָנט מוחל זיין אַ לייכטען וויץ. רבי יהודה האָט איינמאָל אַרויס־געזאָגט זיך פאַר איהם פאָלגענדעס: ווען דער ריש גלותא, הונא, וואָלט געקומען אין לאַנד יהודה, וואָלט איך איהם אויך מיין שטעלע נישט אָפּ־געטראָטען, אָבער הויך פערעהרען וואָלט איך איהם דאָך יאָ, ווייל ער שטאַמט פון דוד המלך פון דער מענליכער ליניע, ווערהרענד מיין משפחה שטאַמט פון דוד׳ן נאָר פון דער ווייבליכער ליניע. ווען רב הונא, דער ריש גלותא, איז שפּעטער געשטאָרבען, לאָזענדיג אַ צואה, אַז מען זאָל איהם אָפּפיהרען צו קבורה קיין ארץ ישראל, האָט ר׳ חייא זיך ערלויבט צו מאַכען אַ שפּאַס און אויסגערופען: דער נשיא „הונא קומט“. ביי די דאָזיגע ווערטער איז רבי יהודה רויט געוואָרען אין פּנים, און ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז עס קומט נאָר דער טויטער קערפּער פון רב הונא דעם ריש גלותא, האָט דער נשיא בעשטראָפט רבי חייא מיט דריי־סיג טעג חרם פאַר זיין וויץ. נאָך איין מאָל האָט רבי יהודה בעשטראָפט רבי חייא׳ן אויף אַזאַ אופן, דערפאַר, וואָס ער האָט געגען דעם פערבאָט פון׳ם נשיא געהאַלטען אַ דרשה וועגען אַ הלכה אויפ׳ן גאַס פאַר תלמידים. אויך אַזוי שטרענג האָט רבי יהודה אַרויסגעוויזען זיך געגען איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים שמעון בר קפרא, וועלכער איז געווען אַ גרויסער וויצלינג און זעהר דיכטעריש בעגאַבט, אַז ער האָט אויך פערפאַסט פאַבעלן (משלים). איינמאָל איז ביי דעם נשיא אין שטוב פאָרגעקומען אַ יום־טוב־מאָהלצייט און בר קפרא האָט זיך ערלויבט אַ וויץ געגען דעם איידעם פון נשיא בר אלעשה, וועלכער איז זעהר שטאָלץ געווען מיט זיין עשירות, אָבער ער האָט וועניג ידיעה געהאַט אין דער תורה. אַלע פערזאַמעלטע געסט האָבען פאָרגעלעגט פערשיעדענע שאלות דעם נשיא, נאָר בר אלעשה האָט געשוויגען. בר קפרא האָט איהם אָבער צוגעגעבען חשק צו רעדען און איינגערוימט אין אויער אַ רעטעניש, וועלכע בר אלעשה האָט אין זיין איינפאַכקייט פאָרגעלעגט דעם נשיא. די רעטעניש האָט ענטהאַלטען אַ סאַטירע אויף אַ פּערזאָן, וואָס איז געשטאַנען נאָהנט צום נשיא און איז בעשטאַנען אין פאָלגענדעס:

הויך שיינט איהר אויג פון הימעל,
עס הערשט אין שטוב איהר טימעל,
זי שרעקט די פויגלען אַלע.
די יוגענד זעהט איהר, ווערט פערשמאַכט,
די אַלטע שטעהען, שטיל פערטראַכט,
עס רופט אָה ־ וואַה! ווער נאָר ענטלויפט,
און ווער עס פאַלט אין נעץ אַריין,
פערזינדיגט ס׳לעבען שוין גאַנץ פיין.

בר אלעשה האָט נישט פערשטאַנען די בעדייטונג פון׳ם רעטעניש; רבי יהודה אָבער האָט בעמערקט, ווי בר קפרא שמייכעלט, און האָט זיך באַלד אַנגעשטויסען, אַז די זאַך שטאַמט פון איהם און ער מיינט אויסצו־

לאכען עמיצען אין'ם נשיא'ס הויז. דעריבער האט רבי יהודה אויסגע־
פען מיט כעס צו בר קפרא'ן: „ווער בזמו? איך קען דיך גאר נישט!“
קפרא האט גוט פערשטאנען, וואס דאס בעדייט, און האט פערלוירען
די האפענונג צו בעקומען סמיכות אויף א „רבי“ צו זיין. אויך מ ר
ש מ ו א ל, אדער ש מ ו א ל ירחינאה איז געווען איינער פון די בעריהמ־
טע גדולים פון בבל, וועלכער איז געקומען תורה צו לערנען ביי רבי
יהודה'ן. מר שמואל האט געהאט אידיעה אין דער דאמאליגער מעדי־
צין און ער האט אויסגעקורירט רבי יהודה'ן, ווען ער איז קראנק גע־
ווארען; אבער קיין סמיכות איז איהם נישט געלונגען צו בעקומען ביי
רבי יהודה'ן. איינמאל האט רבי יהודה געוואלט זיך פערענטפערן פאר מר
שמואל'ן, פארוואס ער גיט איהם נישט קיין סמיכה, נאכדעם ווי ער האט
איהם אויסגעקורירט; מר שמואל האט אבער בערוהיגט רבי יהודה'ן,
ערקלערענדיג, אז ער זעהט שוין, דאס די זאך איז איהם נישט בעשערט:
„אין דעם ספר פון אדם הראשון — האט מר שמואל געזאגט — שטעהט
שוין אזוי געשריבען, אז שמואל ירחינאה וועט הייסען ח כ ם, אבער
נישט קיין ר ב י, נאר רבי'ס רפואה וועט קומען דורך איהם“. — און עפּ־
ליך איז פארגעקומען אויך אזא פאל: רבי יהודה איז געזעסען און געזאגט
תורה, און רבי חנינא בר חמא, וועגען וועלכען דער נשיא האט שוין
פערזאגט אין זיין צואה, אז ער זאל ראש־ישיבה ווערען נאך זיין טויט,
איז געזעסען און צוגעהערט רבי'ס דרשה. דערווייל האט רבי ציטירט
א פסוק פון יחזקאל און האט ארויסגעזאגט א ווארט נישט ריכטיג. רבי
חנינא האט איהם אויפמערקזאם געמאכט אויפ'ן פעהלער. „פון רב
המנונא און בל האב איך עס געהערט“ — איז געווען דער ענטפער.
„גוט, — האט רבי ערקלערט, — ווען דו וועסט ווידער צו איהם קומען,
זאלסטו איהם זאגען, אז איך האב דיך אנערקענט פאר א ח כ ם“. דאס
האט געהייסען: „קיין סמיכות אויף ר ב י וועל איך דיר שוין נישט גע־
בען“. די דאזיגע קפדנות פלעגט זעהר שטארק אויפרעגען די תלמידי
חכמים, נאר צוליעב דעם, וואס רבי'ס כבוד איז ביי אלעמען געשטאנען
זעהר הויך, האט זיך קיינער נישט דערוואוגען צו רעדען הויך א ווארט
געגען איהם. איינמאל אויף א מאהלצייט, ווען דער עולם האט זיך דער־
ווארימט מיט א גלעזעל וויין, האבען ר' חייא'ס זיהן, די יונגע לייט: י ה ו ד ה
א ו ן ח ז ק י ה, וועלכע דער נשיא האט אליין געבעטען משמח צו זיין
דעם עולם, זיך ארויסגערופען: „משיח וועט נישט פריהער קומען, ביז
עס וועלען אונטערגעהן ביידע נשיאות ביי אידען; די נשיאות פון בבל און
פון יהודה“. רבי האט פערשטאנען, אז די יונגע לייט האבען ארויסגעזאגט
אונטער'ן איינפלוס פונ'ם גלעזעל וויין דאס, וואס אלע האבען שוין לאנג
געהאלטען בעגראבען טיעף אין הארצען, און האט אויסגערופען: „מייגע
זיהן, איהר ווארפט מיר דערנער אין די אויגען“.

און איין פונקט אבער האט דער נשיא געמוזט אבזאגען זיך פון זיין

אונבעגרענצטער מאכט: אין בעשטימען (מקדש זיין) דעם חודש און יום טוב. די דאזיגע בעשטימונג פלעגט מען נאך אלץ מאכען אין לאנד יהודה, וועלכע מען פלעגט בעטראכטען, ווי דאס לאנד, וואס געהערט צו ירושלים, און אין א געוויסער מאס, ווי ירושלים גופא. אין גליל האט מען אלזא דעם חודש נישט געדארפט בעשטימען, נאר אין לאנד יהודה. פארקומען פלעגט עס אין לאנד, און די עדות פלעגט מען אויפנעהמען נעבען לוד, אין דארף עין־טב. אליין פלעגט אבער דער נשיא שוין דארט נישט זיין קיין פארזיצענדער, נאר ער פלעגט שיקען זיינעם א שליח. איינמאל האט ער געשיקט צוליעב דעם רבי חייא'ן. — א דאנק זיין גרויסען אויטאריטעט, האט ער זיך ערלויבט מבטל צו מאכען איינינע מנהגים און הלכות, וועלכע זענען געווען נישט נאך זיין צייט, כאטש זיי זענען אין די אויגען פון פאלק הייליג געוועזען צוליעב זייער אלטקייט. ער האט, למשל, פיעל לייכטער געמאכט די דינים פון שמיטה און תרומות און מעשרות. ווי שוין דערמאהנט, האבען די אידען אבגעהיט די דאזיגע דינים אפילו אויך נאך דעם חורבן פון דער אידישער מלוכה; אבער צוליעב די גרויסע אבצאהלונגען, וואס מען פלעגט ברויכען צו געבען פאר רוים און די אפטע מלחמות, איז דאס פאלק זעהר געדריקט געוועזען און כמעט קיין מעגליכקייט נישט געהאט מקיים צו זיין די דאזיגע מצוות. דער נשיא האט דעריבער אין פיעל הינזיכטען זיי לייכטער געמאכט (מקיל געווען), כאטש אינגאנצען מבטל צו זיין זיי האט ער זיך נישט ערלויבט. ווייטער האט רבי יהודה ערקלערט, אז פיעל שטעדט אויף דער גרענעץ, דערונטער אויך די שטאדט בית שאן, וואו עס האבען געוואוינט מעהר גוים, ווי אידען, האבען פערלוירען זייער אמאליגע קדושה און דעריבער, ברויכט מען דארט נישט אבצוהיטען נישט קיין שביעית־יאהר, נישט צו געבען תרומות און מעשרות. ער האט אפילו אויך געוואלט אינגאנצען מבטל מאכען דעם דין פון שביעית און ערלויבען צו בעארבייטען דאס לאנד אין זיעבטען יאהר, אבער אזא שווערען שריט האט ער נישט געוואלט טהון אהן דער איינשטימונג פון די תלמידי חכמים. איינער פון די העכסט אנגעזעהענסטע חסידים פון יענער צייט, איז געוועזען רבי פנחס בן יאיר, דער איידעם פון רבי שמעון בן יוחאי. ער פלעגט שטענדיג צו זאגען: „זינט דער בית המקדש איז חרוב געווארען, זענען די חברים און די פרייע מענשען פערשעמט געבליבען (דאס הייסט: עס פעהלען אויס קנאים), די טהעטיגע לייט (אנשי מעשה) האבען זייער מאכט פערלוירען, און עס האבען זיך פערשטארקט גוואלט־מענשען און בערייהמער; קיינער נעהמט זיך מעהר נישט אן פאר די אונגליקליכע און מיר קאנען האפען נאר אויף גאט". רבי פנחס בן יאיר פלעגט זעהר שטרענג אבהיטען צו געבען תרומות און מעשרות און מען פלעגט זאגען וועגען איהם: „אפילו דער עזיל פערשטעהט ביי איהם, צי מען האט שוין פונ'ם קארן אבגעשייד'עט תרומות און מעשרות, צי נאך נישט", און אט מיט רבי פנחס'ן האט

יער נשיא געוואָלט מישב זיין זיך וועגען מבטל זיין שביעית. רבי האָט פריהער אָבער געוואָלט מאַכען מיט איהם אַ לענגערען געשפּרעך, כדי אויסצופּרובען איהם און דערגעהן, אויב ער וועט ביי איהם עטוואָס פּועל זיין. דאָס יאָהר איז געווען זעהר נישט קיין געראָטענער, און רבי האָט אַ פרעג געטהון ביי רבי פּנחס'ן: „צי איז די היי־יאָהרדיגע תבואה געראָטען?" געמיינט האָט רבי, אַז ער וועט ענטפערן: שלעכט, און דאַן וועט ער פּרובען מיט איהם אָנהויבען רעדען וועגען מבטל מאַכען שביעית. אָבער רבי פּנחס האָט זיין מיין פערשטאַנען און געענטפערט: „דאָס ביטערע גראָז איז זעהר געראָטען" — ס'הייסט: אויב דאָס פאָלק וועט נישט האָבען, מיט וואָס צו שפּייזען זיך, וועט עס קאָנען זיך שפּייזען מיט ביטער־גראָז, אָבער נישט אָבזאָגען זיך פון אַ דין פון דער תורה. רבי האָט אַלזאָ איינגעזעהן, אַז איהם וועט אויסגעקומען צו פיהרען אַ מחלוקת מיט'ן שטרענגען חסיד, וועלכער איז זעהר געווען אַ חשוב ביים פאָלק און האָט זיך אָבגעזאָגט פון זיין פערלאַנג מבטל צו מאַכען שביעית. דערווייל האָט רבי פּנחס דערזעהן, אַז ביים נשיא אויפ'ן הויף שטעהען מויל־טהירען. לויט'ן חסיד'ס מיינונג, איז דאָס געווען אונגעזעצליך, און ער האָט דעריבער באַלד פערלאָזען דעם נשיא, נישט וועלענדיג אַפילו אָננעהמען זיין איינלאַדונג צו עסען מיט איהם אַ מיטאָג. מעהר האָבען זיך די ביידע תנאים קיינמאָל נישט געזעהן איינער מיט'ן אַנדערן.

די הויפּט־בעדייטונג אָבער פון רבי יהודה הנשיא, דורך וועלכער ער האָט זיך ערוואָרבען אַן אייביגען נאָמען ביים אידישען פאָלק, איז געווען דאָס ענדליכע זאַמלען און אָבשליסען די משנה (משניות) (119 נאָכ'ן חורבן; אָדער 189 נאָך דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג) פון דער צייט אָן, וואָס מען האָט געמאַכט די ערשטע זאַמלונג (עדיות). זענען שוין פאַריבערגעגאַנגען צוויי דורות און די צאָהל פון די הלכות האָט זיך שטאַרק פערגרעסערט; עס זענען צוגעקומען נייע הלכות, טייל־וויז, וואָס מען האָט אַרויסגעדרונגען פון דער תורה, טיילוויז — פון די אַלטע הלכות. די פערשיידענע שולען און ריכטונגען האָבען איבערגעלאָזען פיעל ענינים אין אַ ספק; עס איז דעריבער נויטיג געווען אונטערצונעהמען אַ נייע זאַמלונג, צו מאַכען אין איהר אַן אָרדנונג און אָננעהמען בעשלוסען וועגען די ספקות. אָט דאָס האָט אונטערגענומען רבי יהודה הנשיא, אויסנוצענדיג די זאַמלונגען פון רבי עקיבא און רבי מאיר. יעדע פּריוואַטע מיינונג וועגען אַ הלכה האָט ער גענוי אונטערגעזוכט און אָנגענומען דעם דין, לויט בעשטימטע כללים. די הויפּט־שטרעבונג פון רבי יהודה איז געווען צו גרופּירען און אָרדנען סיסטעמאַטיש די הלכה וועגען תפלות, ברכות, תרומות מעשרות און אַנדערע מתנות פאַר אָרימע לייט; ווייטער, די הלכות וועגען שבת און יום טוב, תעניתים, קידושין און גט'ן, נדרים, בירגערליכע רעכטע און בעשטראָפונגען, קרבנות, טומאה און טהרה. אַזוי אַרום האָט ער צוזאַמענגעשטעלט אַלע משניות אין

זעקס אבטיילונגען (סדרים): זרעים, מועד, נשים, נזיקין און טהרת.

עס איז געווען אן'אמת'ע ריעזענארבייט, צו זאמלען און ארדנען, דורכצוקוקען און בעטראכטען יעדע הלכה בעזונדער, צו געפינען אלעס, וואס פאסטען איינע צו דער אנדערער, אדער וואס זענען זיך סותר, איינצוטיילען עס אין בעזונדערע רובריקען און אבפאסען אלץ אין א קורצער געטאקטער שפראך, כדי דאס זאל זיין לייכט אויסצולערנען אויסווענדיג (שרייבען האט מען זיי טאך נישט געטארט!); טיילמאל דריקט אויס די משנה אין איין ווארט א גאנצען געדאנקען און אין דער הינזיכט איז די משנה געווען אן'אמת'ע קונסט-ווערק. שפעטער האט דאס אבער מיטגעבראכט פיעל שאדען, דען עס זענען ענטשטאנען זעהר פיעל ספקות און עס האבען זיך אנגעהויבען נייע פלפולים און מחלוקת, ווי אזוי מען ברויך צו פערשטעהן רבי יהודה'ס משנה. אויפ'ן באדען פון דער ערקלערונג פון דער משנה איז אויסגעוואקסען א בריימע און גרויסע ליטעראטור — די גמרא.

און פערגלייך מיט דער שפראך פון תנ"ך, קאן די שפראך פון דער משנה נישט אנגערופען ווערען קיין מוסטערהאפטע. דאס איז אבער א שעהן העברעאיש, ציכטיג און לייכט, מיט א געמיש פון פיעל גריכישע און לאטיינישע ווערטער, וועלכע זענען פער'העברעאיש'ט געווארען, לויט ווי מען פלעגט זיי האמאלס געברויכען אין דער געבילדעטער אידישער געזעלשאפט. אין א געזעץ-בוך האט מען קיין שענערע שפראך נישט געקאנט פאדערען. רבי יהודה פלעגט מיט א בעזונדערער ליעבע געברויכען די העברעאישע שפראך-פארמען און ווערטער, פעראכטענדיג די סורישע שפראך, וועלכע מען פלעגט רעדען אין גליל, ווייל ער האט איהר געהאלטען פאר א זשארגאן — א געמיש פון פערשידענע שפראכען. אין יהודה, בעזונדערס אין די שטעדט, איז די העברעאישע שפראך כלל נאך נישט געווען אבגעשטארבען, דען מען פלעגט אויף איהר נאך רעדען, און אפילו דעם נשיא'ס בערימטע שקלאווין (אמתא דבי רבי) האט גוט גערעדט העברעאיש. און פיעל אויסלענדישע תלמידים פלעגען, שמועסענדיג מיט איהר אויף העברעאיש, לערנען פיעל נייע ווערטער, און דאס פלעגט זיי העלפען צו פערשטעהן פערשידענע ערטער אין תנ"ך, וואס זענען פאר זיי געווען אונפערשטענדיג. בר קפרא האט זיינע משלים געדיכט אין ריין העברעאיש. מען האט די העברעאישע שפראך בעזעסען נאך אזוי גוט, אז מען האט אין איהר געפונען די ריכטיגסטע אויסדריקען פאר די שווערסטע און נייעסטע רעכט-בעגריפען, וועלכע האבען זיך ענטוויקעלט ערשט אין דער לעצטער צייט, ווען אידען האבען זיך בעקענט מיט די רוימער. עס איז אבער געווען גאנץ אונמעגליך די פיעל הלכות צו פארמולירען אלע אין ריינעם העברעאיש, ווייל פיעל ווערטער זענען פשוט נישט געווען אין תנ"ך. אין דער משנה געפינען מיר אבער זעהר פיעל ווערטע

וועלכע זענען, בלי ספק, ריינע העברעאישע, האָטש זיי קומען נישט פאָר אין תנ"ך אין דער שפּראַך פון פאָלק האָבען זיי געלעבט, און פון דאָרט האָט זיי גענומען דער צוזאַמענשטעלער און פערפאַסער פון דער משנה, רבי יהודה הנשיא. זיין פערדיענסט איז דעריבער אויך אין דער הינזיכט זעהר גרויס: ער האָט אונז דערהאַלטען אַ גרויסען טייל פון דער העברעאישער פאָלקס-שפּראַך, וועלכע איז נישט אַריינגעקומען אין תנ"ך. ווי געזאָגט אָבער, האָט רבי יהודה אויך אַריינגענומען אין דער משנה פיעל אויסלענדישע ווערטער, ווען זיי זענען איהם געווען נויטיג, אָדער וויל דאָס פאָלק פלעגט זיי שטענדיג געברויכען!

דער אינהאַלט פון די „משניות", אָדער די הלכות, וואָס רבי יהודה האָט געזאַמעלט, איז גענומען געוואָרען פון דער אידישער נאַציאָנאַלער טראַדיציע פון דער גאַנץ אַלטער צייט (קבלה פון די אַלטע דורות). די תקנות פון סנהדרין פון פערשיעדענע שולען, די שלוסען, וועלכע מען האָט דערפון אַרויסבעקומען, און די אָנווענדונג פאַר נייע פאַלען. דאָס הויפּט-עלעמענט פון דער משנה איז דאָס רעליגיעז-ריטואַלע, וואָס עס איז פערבאָטען, אָדער פאַר וואָס מען ווערט בעשטראָפט. אין דער משנה געפינען זיך אויך שענע און זאַפטיגע שפּרוכען פון דער רעליגיעזער עטהיק. דער גאַנצער חלק (מסכתא) „אבות" אָדער די „שפּריכווערטער פון די פאָטערס" איז אַנ'אמת'ער שנור פערל פון האַרציגע ווערטער, וועלכע שטאַמען פון די מיטגלידער פונ'ם ערשטען „הויכען בית דין" „אנשי כנסת הגדולה" און פון פיעל חכמים, אָדער תנאים, וועלכע האָבען געלעבט אין פערשיעדענע צייטען ביז רבי יהודה הנשיא.

אַזוי אַרום איז ענדליך צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען די ביילאַגע צו משה'ס תורה, די משנה צום חומש. אין אַ משך פון פיער הונדערט יאָהר, פון די ערשטע סופרים און תנאים פון דער צייט פון די ערשטע חשמונאים, ווען די „קבלה", אָדער די אויסווענדיג איבערגענומענע געזעצען זענען צום ערשטען מאָל אַריינגעטראָטען אין פאָלקס-לעבען, האָבען זיי ביז דער לעצטער צייט געשוועבט אין דער לופטען. אָנגענומען דורך די פ ר ו ש י ם, אָבגעלייקענט דורך די צ ד ו ק י ם, פערשאַרפט און פערשטאַרקט דורך דער שול פון קנאי'ש-נאַציאָנאַלען שמאי, פערברייטערט און בעגרינדעט דורך הלל'ן, און שפּעטער דורך רבי עקיבא'ן, מיט דער הילף פון געוויסע כללים, בערייכערט און דיפערענצירט אַלזייטיג און פיעל-בעדייטענד דורך די תנאים אין די ערשטע דריי דורות נאָכ'ן חורבן — האָט די ה ל כ ה, אָדער די תורה שבעל פה, ענדליך אָנגענומען אַ פעסטע פאָרמע, און רבי יהודה'ס „משניות" איז געוואָרען אַ גייסטיגע מאַכט אין יודענטום, וועלכע האָט געקעניגט טויזענדער יאָהרען ביז אונזער צייט. נעבען דעם תנ"ך איז די משנה געוואָרען פאַר אידען דער הויפּט קוואַל פון גייסטיגער פאָרשונג און ענטוויקלונג; אין געוויסע צייטען האָט זי אויך אפילו אָבגעשוואַכט די בעשעפטיגונג מיט'ן תנ"ך, אום צו לערנען

און פארשען איהר, און זי האט געוועלטיגט איינציג און אליין און איהר שען לעבען. זי איז געווארען דאס גייסטיגע בונד, וואס האט פעראייניגט די צעווארפענע און צובראכענע אברים פון דער אידישער נאציאן און געגעבען איהר א באדען פון אחדות, ווען זי האט פערלוירען יעדען אנדערן באדען, וואס איז נויטיג פאר א נאציאן און איהר אחדות. זייענדיג א קינד פון דער נ ש י א ו ת, וועלכע האט זי אויף דער וועלט געבראכט, האט די „משנה", אזוי צו זאגען, אבגעטויטעט די נשיאות, ווייל פון איצט אן זי געווארען נישט נויטיג אין, אין דער ווירקליכקייט, האט זי ביסלעכווייז פערלוירען איהר בעדייטונג ביים פאלק, נאכדעם, ווי די משנה האט דערגרייכט איהר פאלקאמענעם אויפבלום.

מיט'ן ערשיינען פון דער משנה איז אבגעשלאסען געווארען די רייהע פון די ת נ א י ם, ווי אויך פון דער זעלבסטשטענדיגער, שעפערישער טהעטיגקייט אויפ'ן געביעט פון דער הלכה שבעל פה. נישט די פיעל נחת פון דער רוהיגער צייט האט בעוואויגען דעם נשיא צו זאמלען און אבשלייפען די משנה, נאר להיפוך: די טרויעריגע צייט און די דאגה פאר דער צוקונפט, האט געטריבען וואס גיכער פארטיג צו מאכען דעם בנין פון אידענטום פון פונדאמענט ביז'ן דאך. די צייט פון רבי יהודה'ס נשיאות איז אין קיין פאל נישט געווען קיין גליקליכע. דער אנהויב איהרער קומט פאר אין דער רעגירונג פון מארק אורעליוס, און אט דער „פילאזאף אויפ'ן טראהן", ווי מען האט איהם גערופען, איז געווען דורך און דורך אן אלטער רוימישער [illegible], האלטענדיג דעם דאזיגען קולט פאר א פונדאמענט פון דער רוימישער מלוכה. פאר'ן אידענטום האט ער קיין פערשטאנד נישט געהאט און איז אין קיין שום בעציהונג נישט געשטאנען צו אידען. ווען מארק אורעליוס איז נאכ'ן געוואלטיגען טויט פון זיין שטאטהאלטער אין סיריען, אוויזיוס קאסיוס, וועלכער האט זיך צובונטעוועט געגען רוים, געקומען קיין סיריען און האט בעזוכט אויפ'ן וועג אויך דאס לאנד יהודה (175 נאך קריסטוס), זענען ארויסגעקומען איהם מקבל פנים זיין אין קיסרין די אידישע פארשטעהער, און האבען זיך געקלאגט אויף די גרויסע אבצאהלונגען, בעטענדיג מיט הכנעה, אז מען זאל לייכטער מאכען עטוואס דעם שווערען יאך פון די אידען. מארק אורעליוס איז דערביי ארויסגעפאלען אין גרויסען גרימצארן און אויסגערופען: „אה, איהר מארקאמאנען, איהר קוואדען, איהר סארמאטען, ענדליך האב איך א פאלק געפונען, וואס איז נאך אומרוהיגער, ווי איהר!" מיט'ן טויט פון מארק אורעליוס (180 נאך קריסטוס) האט זיך געענדיגט די רוהע פון די גוטע רוימישע קיסרים. זיין זוהן קאמאדוס (180—192) הויבט אן א רייהע פון בלוט־דורשטיגע, אכזריות'ע קיסרים, וועלכע האבען איינע די אנדערע די קעפ געשניטען, און דאס לאנד יהודה האט ווידער געמוזט איבערלעבען גרויזאמע צייטען. ארום יענער צייט איז געווארען שטאטהאלטער אין סיריען דער ווילדער פעסצעניוס ניגער (Pescennius Niger)

וועלכער האט געהאט כמעט אן׳אומבעגרענצטע מאכט איבער סיריען און פלשתינא, אויך איבער יהודה. ווען די אידען האבען געשיקט צו איהם בעטען, אז ער זאל חאטש פיעל ווייניג פערלייכטערן די אומגעליך גרויסע בעדריקונגען פון די איבערגענוגען אבצאהלונגען, האט ער זיי געענטפערט: „איהר פערלאנגט, אז איך זאל אייך פערקלענערן דעם אבצאהל פון אייער לאנד, וואס איהר בעארבייט, און איך וואלט נאך געוואלט ארויפלעגען אן׳אבצאהל אויך אויף דער לופט, וועלכע איהר עטעמט“. ווען קאמאדוס איז געשטארבען און פאר׳ן רוימישען טראהן האבען געפיהרט מלחמה א יאהר לאנג (193—194) צוויי קאנדידאטען: סעפטימיוס סעווערוס און דער נאר וואס הערמאהנטער ניגער, זיינען די אידען אויך אריינגעשלעפט געווארען אין דער מלחמה. די שומרונים האבען זיך געשטעלט אויף ניגער׳ס צד, די אידען האבען, געדענקענדיג זיין שרעקליכע אכזריות, — אויף דעם צד פון סעווערוס. צווישען אידען און שמרונים האבען אויסגעבראכען קאמפפען און פיעל מענשען זיינען געפאלען פון ביידע צדדים. מנצח געווען האט סעווערוס, און ער האט שרעקליך נקמה גענומען פון זיינע געגנער, זיינע אונהענגער האגעגען האט ער גוט בעלוינט. ביי דער שמרונ׳ישער שטאדט שכם, (אדער נעאפאליס), האט ער צוגענומען דאס בירגערעכט. די אידען אבער האט ער בעלוינט. ער האט זיי צוריקגעגעבען זייער געעהרטע שטעלע אין דער מלוכה, וואס אדריינוס האט ביי זיי צוגענומען: זיי האבען געמעגט פערנעהמען שטעלעס אין מאגיסטראט און יענע שטעדט, וואו די בעפעלקערונג איז געווען א געמישטע און דערביי האט ער זיי בעפרייט צו ערפילען זייער פליכט אלס בעאמטע אום שבת און יום טוב. אבער די דאזיגע חסדים האבען נישט לאנג געדויערט. די אידען זיינען ווידער אריינגעשלעפט געווארען אין אן׳אויפשטאנד, וועלכער האט געהאט פאר זיי טרויעריגע פאלגען. וואס זשע האט בעוואויגען די אידען, צו מאכען אן׳אויפשטאנד געגען אזא אידען-פריינדליכען קייזער?

די אנרעדונג האט געשטאמט פון פארטהישען קעניג באלאגעזעס (Bologäses) זיינט פארטהען האט פאר זיך אויסגעקעמפפט צוריק איהר אונאבהענגיגקייט פון רוים, האט זי געשפיעלט פאר די אידען דיזעלביגע ראליע, ווי פריהער מצרים געגען דער אידישער מלוכה. פארטהיען האט געמאכט די אידען פערשידענע הבטחות, אויפרייצענדיג זיי געגען רוים און איינרעדענדיג צו מאכען אן׳אויפשטאנד. די הבטחות איהרע האט אבער פארטהיען אויך אזוי ווייניג געהאלטען, ווי פאר׳צייטען מצרים; זי האט אפילו איהרע הבטחות גאר נישט געקאנט האלטען אויך. פארטהיען האט שטענדיג צוגעזאגט די אידען, אז אין פאל פון אן׳ערפאלג אינ׳ם אויפשטאנד געגען רוים, וועלען אידען צוריקבעקומען זייער הויפט-שטאדט ירושלים און קאנען אויפבויען פון דאס ניי דעם בית המקדש. אין דער רעגירונג פון סעווערוס האבען די פארטהען געמאכט אנפאלען אויף די ארדענגע רוימישע פראווינצען און אויך אנגערעדט די אידען צו נעהמען זיך

פאר'ן געווער. די בעוואפענטע אידען זענען אנגעפאלען אויף די רוימישע סאלדאטען, וועלכע זענען געבליבען אין לאנד יהודה און האבען זיי געבראכט א גרויסע מפלה. גענומען זיך פאר'ן געווער האט, ווי שטענדיג, די הייס־בלוטיגע יוגענד. די מושב'דיגע אידען און בעזונדערס, די געלעהרטע קרייזען האבען מזהיר געווען, אז מען זאל נישט ברענגען אויף זיך נאך קיין גרעסערע אונגליקען. איינער פון די תנאים פון יענער צייט, רבי שמעון בן אלעזר, האט מזהיר געווען אזוי: „אויב א יונגער מאן זאגט „בוי אויף צוריק דעם פארשטערטען בית המקדש", הער איהם נישט". — דער קייזער סעווערוס האט, ווי עס שיינט, געמוזט פיהרען אנדערע מלחמה געגען די אויפגעשטאנענע אידען אויך, ווען ער האט זיי בעזיעגט (201), האט דאס דער רוימישער סענאט געהאלטען פאר אזא גרויסען נצחון, אז ער האט בעשלאסען איינצואָרדנען פאר סעווערוס'ן א טריאומף־צוג ביי זיין אריינקומען אין רוים. סעווערוס האט אבער געליטען אויף פאדאגרא און נישט געקאנט שטעהן אויפ'ן טריאומף־וואגען; זיין ארט האט פערנומען זיין זוהן, וואס האט רעגירט מיט איהם צוזאמען; דאס איז געווען קאראקאלא, וועלכער האט פערנומען זיין ארט אין טריאומף ביים אריינקומען אין רוים.

דער דאזיגער אונבעדאכטער אויפשטאנד האט געבראכט טרויעריגע רעזולטאטען פאר די אידען. די רוימער האבען געלאזען פערפאלגען די צושלאגענע מחנות, וועלכע האבען זיך ווידער בעהאלטען אין די הייה־לען צווישען די בערג, ווי אין דער צייט נאך בר כוכבא'ס מלחמות, און בשעת דער יאגד אויף די קנאים נאך טיטוס'ן. דאס מאל האבען אבער די אידען אליין געמוזט העלפען פערפאלגען זייערע ברידער. די רוימער האבען געצוואונגען איינציגע תנאים אויפצוזוכען די רויבער, ווי זיי האבען די אידישע קעמפפער גערופען, און ארויסגעבען זיי. רבי אלעזר, דער זוהן פונ'ם פערביסענעם רוימישען פיינד, רבי שמעון בן יוחאי, רבי ישמעאל, דער זוהן פון רבי יוסי בן חלפתא, ביידע מיטגליעדער פון סנהדרין אונטער דער נשיאות פון רבי יהודה. אויף זיי איז עס געפאלען דער טרויעריגער גורל אויפצוזוכען די אנטלאפענע אידען און ארויסגעבען זיי צו די רוימער. דער אלטער תנא רבי יהושע בן קרחה (אדער ווי אנדערע מיינען: דער זוהן פון רבי עקיבא) איז זעהר אויפגערעגט געווארען דורך דער דאזיגער טהאט פון די תנאים, און האט געשיקט זאגען צו רבי אלעזר בן שמעון פאלגענדעס: „די עסיג, דער זוהן פון וויין! (דאס הייסט: די רוימישער קנעכט, דער זוהן פונ'ם פאטריאט רבי שמעון בן יוחאי, דעם שונא פון רוים), ווי לאנג מיינסטו נאך איבערצוגעבען גאט'ס פאלק אויסצוהרג'ענען?" דערויף האט איהם רבי אלעזר געענטפערט: „איך רוים אויס די דערנער פון וויינגארטען!" רבי יהושע האט איהם אבער דערויף געשיקט זאגען: „נישט דיין זאך! זאל קומען דער גערטנער אליין און טון דאס" (עס הייסט: דו האסט נישט קיין רעכט צו משפט'ן, גאט זאל דאס טהון).

און צו ,בי ישמעאל'ן האט רבי יהושע געשיקט זאגען: „דיין פאטער האט זיך געראטעוועט פון די רוימער דורכ'ן ענטלויפען; אויך דו האסט אזוי גע־דארפט טהון און נישט איבערגעבען דיינע ברידער צום טויט". רבי אלעזר בן שמעון האט באלד נאכדעם חרטה געהאט אויף זיין טהאט און געליטען פיעל יסורים, כדי אבצוקומען זיין נאציאנאלען פערברעכען. דאס פאלק האט זיך פון איהם אבגעזונדערט און פאר'ן טויט האט ער אפילו מורא געהאט, אז מען זאל איהם נישט וועלען ברענגען צו קבר ישראל. נאכ'ן טויט האבען אבער די אידען איהם אבגעגעבען גרויס כבוד און איהם גע־בראכט צו קבורה נעבען מירון, נעבען זיין פאטער, רבי שמעון בן יוחאי.

צוליעב דעם, וואס די תנאים און זייער קרייז האבען נישט גענומען קיין אנטייל אינ'ם דאזיגען אויפשטאנד, האט סעוועריס נישט אויסגעלאזען זיין כעס צום גאנצען אידישען פאלק, נאר ער האט שטרענג פערבאטען די גוים מגיר צו זיין זיך. ווי עס שיינט, האבען פיעל גרים אויך טייל־גענומען אינ'ם אויפשטאנד; יענע גרים, וועלכע האבען זיך שוין מל גע־ווען, האבען געדארפט בעשטראפט ווערען מיט'ן פערשיקען און קאנפי־סקירען זייער פערמעגען און די רופאים, וועלכע האבען זיי געהאלפען מל זיין זיך, האבען געדארפט בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט. אידען, וואס האבען מגייר געווען זייערע קנעכט, האבען געזאלט בעשטראפט ווערען דורך פערשיקען אדער דורכ'ן טויט. אזוי האט בעפויהלען דער קייזער סעוועריס. כדי אנצוטהון די אידען יסורים, האט סעוועריס גע־טהון פיעל חסדים מיט די שומרונים: די איינוואוינער פון שכם האט ער ווידער אבגעגעבען די רעכט, וואס ער האט ביי זיי פריהער אוועקגענומען צו־גענומען. עס איז מעגליך, אז בשעת'ן אידישען אויפשטאנד האבען די שומרונים געקעמפפט געגען זיי לטובת רוים און דעריבער האט ער זיי איצט בע־שאנקען.

שומרונים געקעמפפט געגען זיי לטובת רוים און חעריבער האט ער זיי איצט בעשאנקען.

די דאזיגע טרויעריגע געשעהענישען האט נאך דערלעבט דער נשיא רבי יהודה. מיט פאלקאמענער רוהיגקייט האט רבי ערווארטעט זיין טויט. אין זיין צואה האט ער בעפויהלען, אז זיין זוהן גמליאל זאל זיין נשיא אנשטאט איהם און זיין איינגערן זוהן, שמעון, האט ער בעשטימט פאר א „חכם" אין סנהדרין. דעם קינפטיגען נשיא האט ער אנגעזאגט, צו פיהרען זיך שטרענג מיט די תלמידים און אנהויבען צו געבען סמיכה די תלמידים נישט ווי פריהער, פאר־וויז, נאר אלע, וואס זענען דאס ווערטה, כיטו א מאל. וועגען רבי חנינא בר חמא, וועלכען רבי האט איינ־מאל מזיק געווען (זעה אויבער זייטע 21) האט ער בעפוילען זיין זוהן, אז ער זאל איהם דעם ערשטען סומך זיין מיט'ן נאמען רבי און בעשטי־מען פאר א ראש ישיבה אין צפורי. דעם סנהדרין האט ער געבעטען, אז מען זאל פאר איהם נישט מאכען קיין פאראדנע לויה, און די שטעדט

זאָל מען איהם נישט מספּיד זיין און באַלד נאָך שלשים זאָל מען צוריק עפענען די ישיבה. דאָס פאָלק האָט אַזוי שטאַרק פערהעטערט דעם נשיא אַז מען האָט גאַר נישט געוואָלט גלויבען, דאָס ער איז געשטאָרבען און די חכמים האָבען זיך גאַנץ ערנסט געשראָקען מודיע צו זיין דעם פאָלק: „רבי איז געשטאָרבען". מודיע געווען וועגען דעם האָט בר קפּרא, אַהן ווערטער: אין טרויער־קליידער, מיט אַ פערהילטען קאָפּ, און ער אַרויסגעקומען צום פאָלק און מיט טרעהרען געזאָגט:

מלאכים און שטערבליכע האָבען געקעמפט
בײנאַנד, אום דעם הייליגען אָרון;
די שטערבליכע האָבען דעם קאַמפּף, אוי, פערלוירען:
געפאַנגען דער הייליגער אָרון געוואָרען.

דאָס פאָלק האָט באַלד אויסגעבראָכען אין אַ ביטערן געוויין: „אונזער הייליגער רבי איז געשטאָרבען!" דער יאָמער איז אַזוי שטאַרק געווען, אַז מען האָט דאָס קלאָגען געזאָלט הערען אויך פאַר פיער ווארסט ווייט פון צפורי. באַלד האָט מען איינגעאָרדענט אַ גרויסאַרטיגע לויה און מען האָט אָפּגעריכט הספדים אין אַכצעהן שוהלען. אפילו די כהנים, וועלכע טאָרען זיך נישט אָנריהרען אָן אַ מת, האָבען זיך מתעסק געווען אין רבי'ס לויה און קבורה, וויל די חכמים האָבען ערקלערט: „היינט איז נישטאָ קיין כהונה". ביידע הייליגע הייזער: דאָס הויז פון תורה — דער סנהדרין, און דאָס הויז פון עבודה — די כהונה, האָבען דעם קאָפּ געבויגען פאַר זייער הייליגען רבי'ן, וועלכער האָט הויך געטראָגען די פאָהן פון דער תורה.

נאָך רבי'ן איז געוואָרען אַ נשיא זיין זוהן, רבן גמליאל ברבי *), אָדער דער דריטער. (210 — ביז 225 לויט דער געוועהנליכער צייט־רעכענונג). אין דער געשיכטע זענען פון איהם קיין זכרונות נישט נאָך געבליבען; מען ווייס נאָר, אַז ער האָט שטרענג אָפּגעהיט די תקנות פון זיין פאָטער. האַרציגע שפּריכווערטער זענען פון איהם געבליבען, וועלכע האָבען אויך אַ היסטאָרישען ווערטה, דען זיי חאַראַקטעריזירען די דאַמאָלדיגע צייט און דעם אידישען צושטאַנד. רבן גמליאל פלעגט צו זאָגען: „שעהן איז, ווען מען איז זיך עוסק אין לערנען תורה, האָבענדיג דערביי אויך אַ וועלטליכע בעשעפטיגונג, דען דאָס בעמיהען זיך ביי ביידע זאַכען האַלט אָב דעם מענשען פון דער זינד. דאָס לערנען תורה אָבער אָהן אַ מלאכה, מוז לסוף בטל ווערען און פיהרען דעם מענשען צום זינדיגען". „אַלע, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט כלל־ענינים, דאַרפען דאָס טהון אין גאָט'ס נאָמען (דאָס הייסט: נישט צוליעב דעם איינענעם נוצען), דאַן וועט זיי שטיצען זייער זכות־אבות און זייערע גוטע מעשים וועלען פערבלייבען אויף אייביג". „איך אָבער זאָג אייך — האָט רבן גמליאל געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו זיינע תלמידים — אַז איהר זאָלט עוסק זיין נאָר אין לערנען תורה, וועט עס שוין ממילא זיין גליק, ווי

איהר וואלט עוסק געווען אויך מיט כלל-עניינים". דערמיט האט רבן גמליאל געוואלט זאגען, אז מען מוז פריהער פיעל לערנען, כדי צו קאנען עוסק זיין מיט נוצען אין עניינים פון כלל. וועגען דער בעציהונג צו דער רוימישער רעגירונג, האט רבן גמליאל ערקלערט: „זייט פארזיכטיג בעגעגען דער רוימישער מאכט, דען זי חנפ'עט אייך נאר צוליעב איהר אייגענעם נוצען. זי ווייזט אייך ארויס איהר פריינדשאפט, ווען דאס פאסט פאר איהרע אינטערעסען, אבער אין דער נויט וועט זי אייך נישט שטיצען". וועגען דער בעציהונג פון א מענשען צו גאט ערקלערט ער: „זאלסט ערפילען גאט'ס ווילען, ווי דו ערפילסט דיין אייגענעם ווילען, כדי גאט זאל אויך טהון זיין ווילען, ווי דו ווילסט. זאג זיך אב פון דיין פערלאנג צוליעב גאט, כדי ער זאל אויך מבטל זיין דעם פרעמדען פערלאנג צוליעב דיר".

די אזהרות, נישט צו לאזען זיך פערפיהרען דורך די פארשטעהער פון דער רעגירונג, האט אלענפאלס געהאט א רעאלע פאליטישע בעדייטונג. נאכ'ן טויט פונ'ם שטרענגען קייזער סעווערוס, האט די רוימישע מלוכה אנגענומען אין א משך פון פינף און צוואנציג יאהר אנ'אזיאטישען, אדער סירישען האראקטער, וועלכער איז פיעל ערהוליכער געווען צום לאנד יהודה, איידער צו דער אמאליגער רוים. די רוימער זענען דאדורך ענטער געווארען צו אידען, און די שנאה צווישען זיי איז אבגעשוואכט געווארען. די הערשאפט אין רוים האבען געפיהרט סירישע פרויען: יוליא דאמנא, אדער מארטא, די אלמנה פונ'ם קייזער סעווערוס, איז געווען א סירערין; מיט איהר צוזאמען האבען געוועלטיגט איבער רוים איהר שוועסטער, יוליא מעזא, מיט דער שוועסטער'ס צוויי טעכטער: זאמעמיא און מאמעא. די דאזיגע פרויען האבען מיט שלאנגען־קלוגשאפט געפיהרט און געדרעהט אלע עניינים אין רוים אזוי, אז דער סענאט און דאס פאלק האבען ערפילט יעדען ווילען זייערען. געבוירטיג זיינען זיי געווען פון דער סירישער שטאדט עמעסא, וואו עס איז געווען א גרויסע אידישע קהלה און אויך פיעל גרים, און איין משפחה פון גרים, בריעשתור, האט דארט געהאט זעהר גרויסע גיטער. — די סירישע פרויען, וואס האבען איצט בעהערשט רוים, זענען געשטאנען אין א געוויסער מאס אין א בעציהונג פון קרבות'שאפט מיט די אידען; זיי פלעגען די אידען נישט פעראכטען, ווי דאס פלעגען צו טהון די רוימער, זיי פלעגען פיעל מעהר פעראכטען די גאוה און גדלות פון די רוימער. קייזער אין רוים איז געווען דער זוהן פון סעווערוס, קאראקאלא (211—217) וועלכער האט דערהויבען די איינוואוינער פון אלע רוימישע פראווינצען צו דער מדרגה פון „רוימישע בירגער", מיט וועלכער די רוימער זענען אזוי שטאלץ געווען. נאכדעם ווי מען האט קאראקאלא'ן אויף א געוואלט־זאמען אופן דערהרג'עט, איז אויסגערופען געווארען דורך די רוימישע לעגיאנען אין עמעסא פאר א קייזער זאמעמיא'ס זוהן עלאגאבאל (און על־

טע אידישע מקורים: הילינאבלום), וועלכען זיין קלוגע מוטער האָט ער־קלערט פאַר אַ נאַטירליכען זוהן פון קאַראַקאַלאַ. עלאַגאַבאַל איז געווען אַ פריעסטער ביים אַבגאָט בעל און סך הכל 16 יאָהר אַלט געווען. מען האָט דעריבער געדאַרפט זוכען פאַר איהם אַנהעגער, און מען האָט אפילו אויך די אַנגעזעהענע אידען דאַמאָלס אָנגעהויבען צו חנפ'ענען, כדי זיי זאָלען זיין אויף זיין צד. און אָט אויף די האָזיגע אומשטענדען בע־ציהט זיך רבן גמליאל'ס אַזהרה, נישט צו גלויבען צו־פיעל די חניפות מצד דער רוימישער מאַכט, דען זי נוציגט זיך איצט אין אידען.

די הערשאַפט פון די סיריער און סיריערינס אין רוים איז אידען זעהר צו־נוצען געקומען. מען האָט אויפגעהערט צו קוקען אויף זיי מיט נאוה, גדלות און פעראַכטונג פאַר זייער אַבשטאַמונג און רעליגיע. ווי דזל־משוגע עס זענען נישט געווען דאָס אויסגעלאַסענע לעבען און שענדליכע הנהגות פון עלאַגאַבאַל אין רוים, איז דאָך דערין אָבער געווען אויך אַ געוויסע סיסטעם: ער האָט געוואָלט פערניכטען דעם רוימישען האַראַקטער, וועלכער איז איהם, אַלס סיריער, פערהאַסט געווען. אין דעם טעמפעל פונ'ם אַבגאָט פון דער זון, וואָס ער האָט געווידמעט דעם בעל, אָדער איינענטליך, זיין אייגענער פערזאָן, האָט ער אויך געוואָלט אריינברענגען דעם אידישען קולט, ווי אויך די קולטען פון די שומרונים און פון די קרים־טען. ער האָט זיך אפילו אויך צוליעב דעם מל געווען און אויפגעהערט צו עסען חזיר־פלייש. געטהון האָט ער עס אַלץ, צוליב דעם, כדי מבטל צו מאַכען דעם אַלטען רוימישען קולט. מצד די אידען האָט מען אויך דאַ־מאָלס אַרויסגעוויזען אַ נטיה צו נעהערען זיך צו די גוים. צוויי טאַלענט־פולע זיהן פונ'ם נשיא רבן גמליאל, יהודה און הלל, האָבען גרינדליך אויסגעלערנט די גריכישע שפראַך און ליטעראַטור, כדי צו קאָנען פיהרען בעקאַנטשאַפט מיט די רוימער. די פרומע אידען האָבען נעגען דעם נאַר־נישט אַנגעווענדעט, האָטש דאָס איז שטרענג פערבאָטען געוואָרען מיט אַ יאָהר הונדערט פאַר דעם.

נאָך רבן גמליאל'ן איז געוואָרען נשיא זיין זוהן, רבי יהודה דער צווייטער (225 ביז 260 לויט דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג). אין זיין צייט האָט מען נאָך מעהר דורכגעבראָכען די אייזערנע וואַנד, וועלכע מען האָט פריהער געהאַט אויפגעשטעלט צווישען די אידען און די גוים און דער נשיא אַליין האָט פיעל מיטגעווירקט מעגליך צו מאַכען די פריינדליכע בעציהונגען מיט די פעלקער. ער האָט דורכגעפיהרט אין סנהדרין אַ דין מבטל צו מאַכען דעם פערבאָט (איסור) אויף בוימאייל פון געצענדינער, וועלכע מען האָט געהאַט פערבאָטען צווישען די „אַכצעהן זאַכען" פאַר'ן חורבן צוזאַמען מיט זיין בית־דין האָט רבי יהודה אויך צוריק ערלויבט צו טראָגען די כלה אין אַ פראַכט־ביידעל (אפריון) דורכ'ן שטאָדט, האָטש מען האָט עס פערבאָ־טען נאָך אדריינוס'עס מלחמות. אויך דעם שטרענגען תענית תשעה־באב

האט רבי יהודה געוואלט מבטל מאכען איינגאנצען, אדער, לפחות, טייל־ווייז; זיין בית־דין האט אבער נישט געוואלט נעהמען אויף זיך אזא זאך, ווייל דער תענית האט געשטאמט נאך פון גלות בבל און איז אלזא פערהייליגט געווארען מיט א יאהר אכט הונדערט פריהער. עס איז דער ריבער אויך נישט געלונגען מבטל צו מאכען דעם פערבאט אויף גוי'אישע ברויט (די גזרה פון די „18 זאכען"), און ווען זיין תלמיד רבי שמלאי, דער דרשן פון לוד, האט פון איהם דורכאויס פערלאנגט, אז ער זאל דעם היתר דורכפיהרען, האט ער געענטפערט: „איך טאר דאס נישט טהון, דען מען וועט ארויסלאזען א קלאנג, אז מיר שטרעבען אלץ צו ערלויבען". — געגען דעם בעשלוס פון זיין זיידען, אז א קינד, וואס איז געבוירען געווארען אהן חופה און קדושין פון א אידישער פרוי מיט א געצענדיענער, אדער מיט א קנעכט, איז א ממזר, האט רבי יהודה דער צווייטער בעשלאסען, אז ער מעג חתונה האבען מיט א אידישער פרוי. אויך די הלכה, וואס זיין זיידע, רבי יהודה הנשיא דער ערשטער, האט ארייננעגומען אין דער משנה, אז אין די חגאות פון די געצענדיענער, ווי אויך אינ'ם טאג פונ'ם ארויפשטייגען אויפ'ן טראהן, אדער דעם טויט פון רוימישען קייזער, טאר מען נישט האנדלען מיט די געצענדיענער אדער אפילו אננעהמען פון זיי א מתנה, ווייל אזעלכע טעג זענען ענג פערבונדען מיט דער געצענדיענערייא, האט רבי יהודה דער צווייטער אויך האלב מבטל געמאכט, צוליעב העפליכקייט (דרכי שלום). די קריסטליכע גלחים פון יענער צייט בעקלאגען זיך דעריבער, אז אידען בעציהען זיך פריינדליכער צו די געצענדיענער, איידער צו די קריסטען, האטש די קריסטען פערהאסען די געצענדיענערייא אויך אזוי גלייך, ווי די אידען טהוען דאס. די אידען האבען אבער שוין דאמאלס פארויסגעזעהן, וואס פאר א רדיפות און ענוים זיי וועלען האבען אויסצושטעהן מיט דער צייט פון די קריסטען.

די התקרבות פון די אידען צו די רוימער האט זיך בעזונדערס פערשטארקט אין דער רעגירונג פון אלעקסאנדער סעווערוס, וועלכער האט זיך בעצויגען זעהר פריינדליך צום אידענטום און צו די אידען, און האט ארויסגעוויזען בעזונדערס שטארק זיין פריינדשאפט צום נשיא. דער דאזיגער צווייטער קייזער פון דער סירישער אבשטאמונג, א זוהן פון יוליא מאמעא, איז געווען איינער פון די איידעלסטע מענשען אויפ'ן טראהן פון די רוימישע קיסרים (224—234 נאך קריסטוס). פון זיין מוטער האט ער ערהאלטען זעהר א פרומע און גוטע ערציהונג און איז געווען גוט בעקענט מיט דער וויסענשאפט. פאר דער הויכער עטהיק פון אידענטום און קריסטענטום האט ער געהאט גרויס דרך ארץ, ווייל ער האט אין זיי געזעהען די לעהרע פון מדות טובות. אין זיין הויז־טעמפעל האט ער נעבען די רוימישע געטער געלאזט אויפשטעלען דאס בילד פון אברהם אבינו און אנדערע. אויף זיין פאלאץ און אין די עפענט

ליכע געבײדעם האָט ער געלאָזט אויסקריצען הלל'ס מאמר: „וואָס דו ווילסט נישט, אַז מען זאָל דיר טהון, זאָלסטו דעם אַנדערען נישט טהון". אין מלחמה פּלעגט ער דעם דאָזיגען מאמר לאָזען אויסרופֿען צווישען די רוימישע סאָלדאַטען, כדי אָבצוהאַלטען זיי פֿון רויבערײען און מערדערײען.

געהענדיג אין מלחמה געגען אַרדאַשיר, דעם גרינדער פֿון דער ניי-פּערסישער מלוכה (232—233), איז דער קייזער אַלעקסאַנדער סעווערוס, ווי עס שיינט, צוזאַמענגעקומען מיט'ן נשיא רבי יהודה און ער האָט דאַמאָלס געגעבען איהם און דער אידישער מדינה גרויסע הנחות. אין דער שוהל פֿון טבריה, וואוהין דער נשיא האָט זיך אַריבערגעצויגען פֿון צפורי, האָט דער קייזער געשאָנקען אַ גאָלדענע מנורה, און דעם נשיא האָט ער געגעבען אַ גרויסע שטיק לאַנד אין גולן Gaulanitis, וואָס אויף יענער זייט ירדן און ערלויבט איהם, צו משפט'ן שטראָף-משפטים צווישען אידען; די אידישע ריכטער האָבען ווידער בעקומען זייערע אַמאָליגע רעכטע, וועלכע מען האָט ביי זיי צוגענומען אונטער אַנטאָנינוס פיוס און מאַרק אורעליוס. דער נשיא האָט געמעגט האַלטען אַ לייב-וואַכע, כדי צו בעוואַכטען, אַז זיינע בעפֿעהלען און בעשטימונגען זאָלען ערפֿילט ווערען. אַלעקסאַנדער סעווערוס האָט בכלל אומגעקעהרט די אידען צוריק אַלע רעכטע, וועלכע אַדריאַנוס האָט ביי זיי צוגענומען. מען האָט זיי ווידער ערלויבט אַריינצוקומען אין ירושלים, און זיי האָבען דאָרט געקאָנט איצט אויסוויינען דאָס ביטערע האַרץ, זעהענדיג, ווי מען האָט מטמא געמאַכט דעם הר הבית דורכ'ן טעמפּעל אליא קאַפּיטאָלינאַ. אין יאָהר שביעית, ווען די אידען בעאַרבייטען נישט די ערד, האָט מען זיי בעפֿרייט פֿון צו געבען די אָבצאָהלען פֿאַר דער רוימישער מלוכה. עס שיינט, אַז אַלעקסאַנדער סעווערוס האָט געוואָלט, אַדער טאַקי געגעבען דער שטאָדט טבריה די גרויסע פֿריהייטען פֿון אַ רוימישער קאָלאָניע. דער דאָזיגער „מלך של חסד" ווערט גערופֿען אין די אַלטע אידישע ספרים אַנטאָנינוס, און וועגען די פֿריינדליכע בעציהונגען צווישען „אַנטאָנינוס און רבי" ווערען דערצעהלט זעהר פֿיעל שעהנע זאַכען. צום אומגליק פֿאַר די אידען אין ארץ ישראל, האָט ער געקעניגט נישט לאַנג: זיינע אייגענע סאָלדאַטען האָבען איהם דערהרג'עט אין דייטשלאַנד.

נאָך זיין טויט האָט די רוימישע מלוכה אָנגעהויבען צו פֿאַלען פֿון יאָהר צו יאָהר. אין אַ קורצער צייט, פֿון צוואַנציג יאָהר, האָט מען דערהרג'עט עטליכע רוימישע קיסרים, און נאָר איינינע פֿון זיי האָבען בעוויזען צו האַלטען זיך אויפֿ'ן טהראָן קוים פֿיער יאָהר. פֿיער קיסרים האָט מען דערהרג'עט אין אַ משך פֿון עטליכע חדשים איינעם נאָך דעם אַנדערען. אין יאָהר 248, האָט איינער פֿון אַזעלכע טאָג-קיסרים, פֿיליפּ דער אַראַבער, פֿון דער שטאָדט באָסטראַ אין הורן Hauran געפֿייערט די טויזענד-יעהריגע עקזיסטענץ פֿון דער רוימישער מלוכה (753 פֿאַר

קריסטוס ביז 248 נאך קריסטוס). די צייט איז אבער געווען איצט פאר רוים אזא טרויעריגע, אז מען האט געקאנט מיינען, דאס די פיערונג איז איינגעארדענט, כדי אבצושפאטען פון רוים'ס גאוה. רוים מיט איהר סענאט, מיט איהרע פאטריצען (די מיוחסים), איז איצט געווען א שפיעלצייג אין די הענד פון די סאלדאטען מיט זייערע הויפט-לייט און די רוימישע גרעניץ-לעגיאנער. בארבארישע פעלקער האבען שוין אנגעהויבען מאכען דעם אנלויף אויף רוים, כדי אראבצורייסען פון איהר קאפ איהר בלוט-בעפלעקטע קרוין.

און וואס איז פארגעקומען מיט די אידען אין חער דאזיגער צייט פון אנארכיע, ווען אויך די סירישע שטאטהאלטער פלעגען זיך אפט בייטען, און יעדער האט געפיהרט זיין מלחמה מיט ווילקיר? דער תנאי רבי ינאי, שילדערט דעם דאמאלדיגען צושטאנד אזוי: „מיר געניסען נישט דעם גליק, וואס די רשעים האבען, און ליידען נישט די יסורים פון די צדיקים". נאר א קורצע צייט האבען די אידען, ווי עס שיינט, געהאט צו ליידען אונטער דעם קייזער פיליפ דעם אראבער, דעם פויערישער זוהן פון הורן. ער איז מיט זיין גאנצער הויז-געזינד ערנסט אדער נאר לפנים איבערגעגאנגען צום קריסטענטום און האט געגלויבט, אז אויף איהם ליעגט א חוב צו רודפ'ן אידען, כדי דאדורך צו דערווייזען, אז ער איז א געטרייער קריסט. איין זאך ווייס מען זיכער: אין יענער צייט האבען אידען ווידער אין שביעית-יאהר געמוזט געבען דעם אבצאהל פון די תבואות, וואס זענען אויף די פעלדער נישט געזייעט געווארען און נישט געוואקסען. רבי ינאי האט דעריבער ערלויבט יענעם יאהר יא צו בעארבייטען די פעלדער, כדי צו קאנען געבען דעם אבצאהל.

בכלל איז אין דער עפאכע פון דער אנארכיע אין דער רוימישער מלוכה דאס אידישע פאלק אין ארץ ישראל זעהר פעראָרעמט געווארען, און אטייל פונ'ם אידישען לאנד איז פון די אידישע הענד איבערגעגאנגען צו די בעצענדיענער. די אידישע בעפעלקערונג האט מעהר נישט געהאט ביכולת אויסצוהאלטען די ישיבות און די תלמידים, וועלכע זענען דאדורך אזוי פעראָרעמט געווארען, אז זיי האבען אפילו נישט געקאנט איבערבייטען זייערע אָרעמע מלבושים אום שבת און יום טוב. כדי די ישיבות זאלען דאדורך נישט בלייבען אהן תלמידים, האט דער נשיא בעזארגט צו געפינען אנדערש וואו מיטלען אויף צו שטיצען זיי: ער האט פונאנדערגעשיקט משולחים צו די אויסלענדישע אידישע רייכערע קהלות, כדי צו זאמלען געלד פאר די ישיבות אין ארץ ישראל. איינער פון די אנגעזעהענע תנאים, רבי יהושע בן לוי, האט צו דעם צוועק געמאכט א רייזע קיין רוים, דען דארט האבען געוואוינט פיעל רייכע אידען. די אידען פלעגען אין אלע לענדער געבען די משולחים געלד מיט א פרייער האנד, ווייל דאס לערנען תורה אין ארץ ישראל איז אלעמען געווען גלייך טייער און לעבען. די אידישע שיפער און רייכע סוחרים אין איראפא, פלע

נעֶן אַפּשײדען מעשר פון זײער הכנסה (אַ צעהנט־חלק) פאר די ישיבות אין ארץ ישראל. אויסערדעם איז דער כבוד פונ'ם נשיא געשטאַנען אַזוי הויך, אַז אויף זײן אײנלאַדונג צו שטיצען זײנע ישיבות, האָבען זיך אַלע אָבגערופען זעהר גערן און געשיקט יאָהר־יעהרליך דעם נשיא־אָבצאָהל. רבי יהודה דער צװײטער האָט בכלל געהאַט גרויס כבוד און חן סײ אין אויסלאַנד, סײ אין ארץ ישראל דורך זײנע הויכע מדות און לומדות. מען פלעגט זיך בעציהען צו איהם, װי צו אַ מלך, אָבער נישט צוליעב מורא, נאָר—ליעבע. צוליעב דער װאַקסענדער אָרעמקײט אין לאַנד, איז איהם שװער געװאָרען, צו האַלטען אַזאַ גרויסאַרטיגע הנהגה װי זײן זײדע, דען עס האָבען איהם פערפעהלט די מיטלען דערצו; אויסערדעם פלעגט ער אָפט מוזען פון זײן פּריװאַטען פערמעגען געבען גרויסע סומען די רוימישע פּראָקוראַטאָרען, װעלכע זענען געװען גרויסע בלוט־זויגער און פלעגען אָנטהון אידען די גרעסטע ענוים, אויב מען האָט זײ קײן געלד נישט געגעבען.

אין די ישיבות און בתי מדרשים פלעגט מען מיט די תלמידים לערנען כמעט נאָר אײן זאַך: אײנ'חזר'ן זײ אויסװעניג די הלכות, לויט דער אָרדנונג, װי רבי יהודה דער ערשטער האָט זײ צוזאַמענגעשטעלט אין זײנע „משניות“. אַנדערע תנאים האָבען אַפילו אויך געמאַכט אײגענע זאַמלונגען פון הלכות, אָבער צוליעב דעם גרויסען כבוד פונ'ם נשיא, האָבען זײ פערנומען אַ װעניגער װיכטיגען אָרט אין לערנען, װי זײנע „משניות“. אַלענפאַלס זענען נאָך איצט פאַרהאַן אַלטע זאַמלונגען, װעלכע זענען בעװאוסט אַלס אַ בײלאַגע צו דער משנה און טראַגען טאַקע אויך אַזאַ נאָמען „תוספתא“; נאָך אַנדערע זאַמלונגען האָבען געמאַכט רבי'ס תלמידים חוץ דער משנה, און זײ הײסען דעריבער ברייתא (אַן אַראַמישער װאָרט, װאָס הײסט אַן „אויסענװעניגע“). עס זענען געװען נאָך זאַמלונגען פון הלכות פון רבי חייא און שפּעטער פון זײן תלמיד, רבי אושעיה, אָדער רבי הושעיה רבה, װעלכע זענען געװען זעהר גרויסע אָבער זײ זענען נישט אַלע געבליבען אינטאַקטען, און פיעל פון זײ זענען אַרײנגענומען געװאָרען אין דער תוספתא. פערשידענע זאַמלונגען האָבען אויך געמאַכט רבי חייא'ס צװײ זיהן, יהודה און חזקיה, די חכמים: בר קפרא, לוי בר פּיס און אבא אריכא אָדער רב. די אַלע דאָזיגע חכמים װערען גערופען: די לעצטע תנאים, אָדער די ערשטע אמוראים און אַלע זײערע זאַמלונגען װערען גערופען בכלל משניות גדולות *).

רבי'ס „משנה“ האָט בּיסלעכװײז פערנומען די אָנגעזעהענסטע שטע־

---

*) מיר גיבען דאָ אַ קורצע רשימה פון אַלע אַלטע זאַמלונגען פון דער תורה שבעל פה:

I) זעקס סדרים משנה, אָדער סתם: משניות, געזאַמעלט דורך רבי יהודה הנשיא I, אָדער סתם רבי, און אָבגעשלאָסען אין יאָהר 119 נאָכ'ן חורבן

=לע אין אידענטום נאָך דעם תנ"ך. מען האָט איהר אָנגעהויבען ערקלע=רען און אַנאַליזירען, פונקט ווי פריהער די תורה. די חכמים און זייערע תלמידים פלעגען איהר איינחזר'ן אויסווענינ. וויל מען האָט זיך נאָך אלץ געהאַלטען ביים כלל, אַז די „אויסווענינע לעהרע" טאָר מען נישט פערשרייבען. ווען עס פלעגט פאָרקומען אַ ספק אָדער אַ מחלוקת איבער אַ הלכה, פלעגט מען ברענגען בעווייזען „פאַר אָדער געגען", פון דער אָדער יענער משנה. די געטאָקטע און קורצע שפּראַך פון דער משנה האָט גע=בראַכט דערצו, אַז מען האָט געמוזט אָנווענדען פיעל שאַרפזיניגקייט, כדי צו קאָנען אויסטייטשען איהר, ווי געהעריג איז.

די ערקלערונג פון דער משנה סיי מצד איהר אינהאַלט, סיי מצד איה=רע אויסדריקען, אָדער שפּראַך, האָט מען גערופען תלמוד, אָדער גמרא. די ראשי ישיבות אין צפורי, טבריה, קיסרין און לוד, ווי אויך אין חוץ לארץ (אויסלאַנד), האָבען אַלזאָ איצט געהאַט פאַר זיך אַ נייעם ציעל אין לערנען: פערטיעפען זיך אין דער משנה און ערקלערען די סתירות, וועלכע שיינען צו זיין אין איהר. און אָט דערפאַר האָט מען זיי אָנגעהויבען רופען אמוראים, וואָס הייסט: ערקלערער. אין דער ער=

(189 נאָך קריסטוס). אין איהר זענען אַריינגענומען געוואָרען אַלע פריהערדיגע זאַמ=לונגען, ווי, למשל: עדיות, וועלכע איזגעמאַכט געוואָרען מיט אַ יאָהר 90 פריהער, די משניות פון רבי עקיבא און אַנד.

2) תוספתא — צולעצט געזאַמעלטדורך רבי חייא באַלד נאָך דער משנה. לויט די נייעסטע פאָרשונגען, איז די תוספתא צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען און געאָר=דענט ענדליך דורך די אַמוראי סבוראי אַרום 490 נאָך קריסטוס.

3) ברייתא, אָדער משנה חיצונה, פון פערשידענע תנאים, געאָרדענט און צו=זאַמענגעשטעלט געוואָרען ענדליך דורך רבי חייא און רבי אושיעה. אין דער ברייתא זענען אַריינגענומען געוואָרען פיעל הלכות, וועלכע רבי האָט נישט אַריינגענומען אין דער משנה.

4) מכילתא — בעציהט זיך אויפן צווייטען ספר פון דער תורה „שמות", זאָל שטאַמען פונ'ם תנא רבי ישמעאל (אין אָנפאַנג פון צווייטען יאָהרהונדערט). פיעל הלכות זענען אָבער געזאַמעלט געוואָרען אויך דורך שפּעטערדיגע תנאים.

5) ספרא — בעציהט זיך אויף ספר „ויקרא", ווערט אויך גערופען „תורת כהנים", זאָל שטאַמען לויט'ן רמב"ם פון רב (אמורא, געשטאָרבען אין סורא 248 נאָך קר.). לויט אַנ'אַנדער מיינונג שטאַמט די ספרא פון רבי חייא.

6) ספרי — בעציהט זיך אויף די ספרים „במדבר" און „דברים". זאָל שטאַמען אויך פון רב (אבא אריכא).

7) מגלת תענית. שטאַמט נאָך פון אלעזר בן חנניה, דער אָנפיהרער פון די קנאים בשעת'ן חורבן. שפּעטער אָבער האָט מען זי פיעל פערגרעסערט.

אויסער די דאָזיגע עלטערע זאַמלונגען, זענען נאָך פאַרהאַן פערשידענע מסכתות: 1) סופרים, 2) שמחות, 3) כלה, 4) דרך=ארץ (רבה און זוטא), 5) ספר=תורה, 6) מזוזה, 7) תפילין, 8) ציצית, 9) עבדים, 10) כותים, 11) גרים. לויט די נייעסטע פאָרשונגען, שטאַמען זיי אַלע פון גאַנץ אַלטע צייטען, נאָר געאָרדענט זענען זיי ענדליך געוואָרען ערשט אין 7=טען יאָהרהונדערט.

(איבערזעצער).

שפעטער צייט האבען די אמוראים נאך געהאט א געוויסע זעלבסטשטענדיגקייט אין בעציהונג צו דער משנה: שפעטער אבער, אין די ווייטערדיגע דורות, האט שוין קיין אמורא זיך נישט ערלויבט עטוואס צו ענדערן אין דער משנה. די ערשטע און בעדייטענדסטע תלמודיסטען, אדער אמוראים זיינען געווען: רבי יוחנן און רבי שמעון בן לקיש — ביידע, פערזענליכקייטען מיט זעלטענע מדות טובות; רבי יוחנן איז געווען זעהר א צארטע נאטור און האט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין זעלטענער שעהנהייט; רבי שמעון בן לקיש איז געווען א גרויסער גבור, וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט, אז ער זאל איינמאל, צוליעב דחקות, זיך האבען פערדונגען אין א צירק אלס קאמפף־שפיעלער. רבי שמעון בן לקיש איז געווען זעהר פרום און שטרענג און מיט זיין גראדער, עטוואס הארטער שפראך, פלעגט ער אפט בעליידיגען דעם נשיא; איינמאל איז עס געקומען אזוי ווייט, אז דער נשיא האט געשיקט זיינע קנעכט, איהם פעסט צו נעהמען, און ער האט געמוזט אנטלויפען. אויף צו מארגענס איז אבער דער נשיא אליין געקומען איהם אויפזוכען און רבי שמעון בן לקיש האט איהם דערויף בעמערקט, אז ער פיהרט זיך, ווי גאט אליין: נישט דורך א שליח וויל ער אויסלייזען א געפאנגענעם, נאר מיט זיין כבוד אליין. ווען דער נשיא רבי יהודה II האט ביי איהם געפרעגט, פארוואס ער האט איהם בעליידיגט, האט רבי שמעון בן לקיש געענטפערט: צי מיינסטו דען, אז, מורא האבענדיג פאר דיר, וועל איך זיך אפהאלטען צו לערנען גאט׳ס תורה? — א וויכטיגע מיינונג האט ארויסגעזאגט רבי שמעון בן לקיש אין א ליטעראַרישער פראגע: וועגען דעם ספר איוב האט ער ערקלערט, אז דער גאנצער ספור־המעשה איז נאר א דיכטונג און איוב אלס פערזאן, האט גאר קיינמאל נישט געלעבט.

רבי יוחנן דאגעגען איז פון דער נאטור געווען זעהר מילד און האט סימפאטיזירט אויך מיט דער אויסענוועלט, חוץ דעם בית־המדרש. ער האט געוואלט, אז די אידישע מעדלעך זאלען לערנען די גריכישע ליטעראטור, ווייל „דאס איז א צירונג פאר א פרוי". ער האט בכלל זעהר הויך געשעצט די גריכישע פילאזאפיע, שטעלענדיג איהר אויף א נ׳אנגעזעהענעם ארט נעבען דעם אידענטום: „ווייל שם און יפת האבען צוגעדעקט די נאקעטקייט פון זייער פאטער נח — פלעגט רבי יוחנן צו זאגען — דעריבער האט שם (דאס אידענטום) זוכה געווען צו א טלית מיט ציצית (צו תורה און מצוות) און יפת (דער העלעניזם) — צום פילאזאפישען מאנטעל (פאלא). ער האט אויך זעהר הויך געשעצט די גריכישע איבערזעצונג פון׳ם תנ״ך און האט אויף איהר אנגעווענדעט דעם פסוק „די שעהנהייט פון יפת (פון גריכען) זאל אין די געצעלטען פון שם (אידען) וואוינען".

## זיבענטער קאפיטעל.

# די אידען אין בבל און אין פרס.

(פון 240 ביז 300 נאך קריסטוס).

אויב דאס אידענטום וואלט זיך געהארפט האלטען נאר אויף די אידען אין ארץ ישראל, וואלט עס, לויט מענשליכער בערעכנונג, אונטער די דאמאלדיגע בעדינגונגען, געמוזט אונטערגעהן. די מאטעריעלע און גייסטיגע פעראָרעמקייט האט אנגעהויבען געשווינד זיך צו פערגרעסערן. נאכ'ן טויט פונ'ם נשיא יהודה דעם צווייטען, האט פערפעהלט א מענש, וועלכער זאל זארגען פאר'ן פאלק און זיינע גייסטיגע בעדערפעניש. צוליעב דער גרויסער ארימקייט, וועלכע האט געשטאמט פון די געוואלדיגע אבצאָהלונגען, וואס די אידען האבען געמוזט אבגעבען דער רוימישער מלוכה, ווי אויך צוליעב דעם, וואס אידען זענען ביסלעכווייז ארויסגעשטויסען געווארען פון זייערע גיטער, האבען די ישיבות אין לוד און קיסרין זיך געמוזט פערמאכען. אין גליל האט זיך נאך געהאלטען די ישיבה אין טבריה, אי דאס אויך נאר א דאנק דער שטיצע פון די אויסלענדישע אידען, און ווען נישט זיי, וואלט אויך די ישיבה אין טבריה זיך געמוזט פערמאכען.

די קרעפטיגונג פאר'ן אידישען פאלק איז אבער געקומען, ווי אין עזרא'ס צייטען, פון בבל און פרס. בבל איז פאר דער אידישער נאציאָן געווארען א צווייטע מוטער, נאכדעם ווי מען האט די ערשטע (ארץ ישראל) ביי איהר צוגענומען, און נאר זעלטען האט בבל בעהאנדעלט דאס אידישע פאלק, ווי א שטיעף-קינד. די פארטהישע מלכים, די הערשער פונ'ם לאנד, האבען געגעבען די אידען פרייע בעוועגונג. מען פלעגט דאמאלס זאגען ביי אידען, אז די געטליכע השגחה האט בכיון איבערגעלאזען א טייל אידען אין בבל, בשעת מען האט געבויט דעם צווייטען בית-המקדש, כדי דארט זאל זיך דערהאלטען די אידישע נאציאָן, אין דער צייט, ווען זי וועט אונמעגליך ווערען אין ארץ ישראל אין די שרעקליכע נעגעל פונ'ם מערדערישען רוימישען אדלער. דאס איטאליען פון די מזרח-לענדער, וואס איהר הויפט-שטאדט בבל איז אין דער אלטער צייט געווען אזא וועלט-הערשערין, ווי שפעטער רוים אין אייראפא, און שפעטער איז עס געווארען דער אורט, אויף וועלכע עס פלעגען מאכען אנפאלען די וואנדער-פעלקער — בבל, וועלכע איז שוין א געוויסע צייט געווען א דערוויילטיגע היים פאר די אידען, איז איצט אויף א גאנץ לאנגער צייט געווארען דער צענטער פאר'ן גייסטיגען אידישען לעבען. די גרויסע צאהל אידען, וואס האבען געוואוינט אין בבל און האבען זיך דארט געמעהרט אין א משך פון זיבען—אכט הונדערט יאהר, זייער זעלבסטשטענדיגקייט, אדער אויטאנאָמיע, וועלכע זיי האבען געהאט אונטער די פארטהישע מלכים, ווי אלע אנדערע איינ-

געוואנדערטע קאלאָניעס, דער ליכטיגער שיין, וואס האט זיך געגאסען אויף זיי פון זייער פאליטישען פארשטעהער, דעם ריש־גלותא, די אלטע אידישע קראפט פון די אמאליגע צייטען, נישט זעלטענדיג געבראכען דורך די מערדעריישע פון רוים און די היימישע מחלוקת, וועלכע האבען געשטאמט אויך פון זיי מייסטענס — אט דאס אלץ צוזאמען האט געגעבען די בבל'ישע און פערסישע אידען אן אייגענארטיגען האראקטער און ענטוויקעלט נייע אייגענשאפטען און ריכטונגען.

דער בעגריף בבל, אויף וויפיעל ער האט א שייכות צו די אידישע איינוואוינער, ווערט געברויכט אין אדרייפאכען זין. אין ווייטערן זין האט עס: מעסאפאטאמיען, אדער דאס גרויסע לאנד, וואס ליעגט ארום די פערא‌יינִיגטע טייכען עפראט און טיגרים (פרת און חדקל), ביז דעם פערסישען ים־אויסגוס. דערצו האבען אויך געהערט די מדינות אזראענע מיט דער הויפטשטאדט עדעסא, גאנץ מעסענע (דאס לאנד כשדים, א אינזעל אויפ'ן טיגרים). ווייטער, אין מזרח־זייט פון טיגרים — די מדינות אדיאבענע און סיסיניא (עילם אדער חוזיסטאן, אין תלמוד: די חוזאה (Elgmais oder Chusistan) אינ'ם דאזיגען גרויסען לאנד און נאך ווייטער איבער זיינע גרעניצען, האבען אידען זיך פערברייטעט אין משך פון פיעל הונדערטער יאהרען; אבער גוט איינגעארדענטע קהלות האבען געהאט נאר די אידען, וואס האבען געוואוינט אין צענטר פונ'ם לאנד, נישט גאנץ ווייט פון בבל.

אין אנ'ענגערן זין האט בבל געהייסען נאר דאס לאנד, צווישען די טייכען עפראט און טיגרים, דארט, וואו זיי געהערען זיך אלץ מעהר צום צוזאמענגיסען זיך, ביז'ן ארט, וואו זיי פעראייניגען זיך פאלקאמען און וואו דאס לאנד איז געווען דורכגעשניטען מיט פיעל קאנאלען צווישען ביידע טייכען, אלזא: דאס אלטע בבל און דאס פריהערדיגע כשדים, אדער כאלדייאיש לאנד. דאס דאזיגע בבל איז געווען מייסטענס בעוואוינט דורך אידען, און דערפאר האבען די איינוואוינער עס גערופען: „דאס לאנד ישראל". נאך אין ענגערן זין, ענדליך, איז בבל גערופען נאר א קליינער קאנט (Bezirk) אין מזרח־זייט פון עפראט, האבענדיג אין צפון די שטאדט נהרדעא און אין דרום — סורא, אדער מתא־מחסיא (לערך 127 קילאמעטער לאנג).

פיעל בבל'ישע שטעדט זענען אין פערשיעדענע צייטען געווען דער מיטעלפונקט פון אידישען גייסטיגען לעבען. די ערשטע שטעלע האט פערנומען נהרדעא — א בעפעסטיגטע שטאדט אויפ'ן טייך עפראט, וואו עס האט זיך אין איהם אריינגעגאסען דער קאנאל נארגא. די בעפעלקערונג איז אין נהרדעא געווען דורכאויס א אידישע, און א לאנגע צייט האט מען די שטאדט גערופען „די בבל'ישע ירושלים". בשעת דער בית המקדש איז נאך געשטאנען, פלעגט מען אין נהרדעא אריינברענגען אלע

נדבות־זאמלונגען פון גאנץ בבל, אבצושיקען קיין ירושלים אונטער א שטארקער בעגלייטונג פון בעוואפענטע אידען. — איניגע מייל וויים אין דרום־זייט פון נהרדעא איז געשטאנען די שטאדט פירוז שבור (Peroz Schabur) (אדער בי־שבור), א בעפעסטיגטע און רייך־בעפעלקערטע שטאדט; ניט וויים פון דארט איז געלעגען די בעריהמטע שטאדט פומבדיתא (Pumbadita) אויף איינעם פון די פיעל קוואלען צום פרת. די שטאדט איז געווען בעפוצט מיט פיעל שעהנע פאלאצען און בעוואוינט אויך כמעט בלויז דורך אידען. די איינוואוינער פון פומבדיתא האבען געשמ'ט מיט זייער שארפזיניגקייט און פערשפיצטקייט. מען פלעגט אבער אויף זיי אויך זאגען, אז זיי זענען חיטרע און גנבות'דיגע פאלש; וועגען זיי פלעגט געהן א שפריכווארט: „אויב א פומבדיתא'ער געהט מיט דיר אין וועג, בייט די אכסניא". 112 ווייארסט פון פומבדיתא, אין דרום־זייט, איז געווען די שטאדט סורא אדער מתא־מחסיא (Mata Mechasia) אויף דער גרויסער אזיערע סורא. די בעפעלקערונג איז דא געווען א געמישטע פון אידען און אראבער, פון שבט נביות. די אומגעגענד פון דער שטאדט איז געווען זעהר פרוכטבאר, און די איינוואוינער זענען געווען ארעמע פשוט'ע מענשען, ניט קיין איבערגעשפיצטע און עהרליכע. אין פערגלייך צו פומבדיתא פלעגט דאס שפריכווארט זאגען: עס איז בעסער צו וואוינען אויף די מיסט־קופעס פון סורא, איידער אין די פאלאצען פון פומבדיתא.— מיט די דאזיגע דריי הויפטשטעדט האט קאנקורירט די שטאדט מחוזא (Machuzo) אויפ'ן טיגריס־טייך דריי מייל וויים פון קטעסיפאן, די הויפט־שטאדט פון די פארטהער. מחוזא איז געשטאנען אויפ'ן קעניג־קאנאל (נהר־מלכא) און איז געווען בעפעסטיגט מיט הויכע מויערן און בעשיצט מיט טיעפע גראבענס ארום זיי. די דאזיגע שטאדט האט געדיענט פאר א פעסטונג בעשיצונג פאר דער פארטהישער הויפטשטאדט קטעסיפאן, אבער ניט קוקענדיג אויף איהר דאזיגער וויכטיגער מלוכה־בעדייטונג, איז זי געווען בעוואוינט מייסטענס דורך אידען, און דער אידישער געטרייהייט פאר דער מלוכה האט מען אויך אנגעטרויט אפילו די פעסטונג אקרא נעבען דער שטאדט. די אידען זענען דארט געווען אחוי היימיש, אז איינער א־נ'אמורא, אריינקומענדיג אין דער פעסטונג, האט זיך געוואונדערט, פארוואס עס זענען אויך נישטא קיין מזוזות אויף איהרע טהירען און טויערן. די אנגעזעהענסטע משפחות אין מחוזא האבען געשטאמט פון גרים און דעריבער האבען זיי זיך אויך אונטערשיידעט אין האראקטער פון די בבל'ישע אידען. זיי ווערען געשילדערט (אין תלמוד) אלס לייכטזיניגע מענשען, וואס האבען ליעב צו לעבען א גוטען טאג און זענען מעהר וועלט־מענשען, איידער פרומע. מען פלעגט זיי דריבער רופען „קאנדידאטען צום גיהנם"; זיי זענען אויך געווען זעהר פערצערטעלט און נוטה צו שכרות. זייערע פרויען האבען שטארק ליעב געהאט צו פוצען זיך אין טייערע קליידער און ציע־

רונגען. — אויך אין דער הויפט־שטאדט קטעסיפאן און אין דעה נעבער שטאדט ארדאשיר האבען געוואוינט זעהר פיעל אידען.

צווישען די צוויי גרויסע טייכען, עפראט און טיגריס, און די פיעל קאנאלען, וואס זענען געבויט צווישען זיי, איז דאס גאנצע לאנד געווען זעהר גוט בעוועסערט און האט זיך אויסגעצייכענט מיט אזא פרוכטבארקייט, אז זי האט אויסגעזעהן ווי א גרויסער פרוכט־גארטען. טייטעל־בוימער זענען געווען גאנצע וועלדער, און דאס שפריכווארט פלעגט דערביי זאגען: „א וואונדער, וואס מען לערנט תורה אין בבל, ווען א קויש טייטלען קאסט סך־הכל א פאר גראשען!" די בבל'ישע אידען פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט לאנד־ארבייט, מיט אלערליי מלאכות, ווי אויך מיט'ן גראבען און רייניגען קאנאלען, מיט האדעווען פיה, מסחר און שיפערייא. אויך אין דער ארמעע האבען זיך געפינען פיעל אידען. — צוליעב זייער גרויסער צאהל, האבען די אידען אין בבל געהאט א פאליטישע זעלבסט־שטענדיגקייט און זיי האבען זיך געשפירט דארט, ווי אין אן'אייגענער מלוכה. פון'ם קעניג זענען זיי גאנץ וועניג געשטערט געווארען, נאר א קליינעם אבצאהל פלעגט דארפען געבען יעדער איד (קאפ־שטייער) און צינז פון'ם באדען. אין יענער צייט איז דאס לאנד אויפ'ן טייך עפראט נאך געווען וועניג בעזעצט; דאס לאנד (דער באדען) האט קיינעם נישט געהערט: ווער עס פלעגט איהם פערנעהמען און בעארבייטען, יענער איז דער בעל־הבית געווען, נאר א קליינעם צינז פלעגט מען דערפון צאהלען דער מלוכה. אידען האבען דעריבער געהאט זעהר גרויסע גיטער. צוליעב זייער אויטאנאמיע, האבען די אידען אויך געהאט אן'אייגענעם פירשט (Exilarch) אדער „ראש הגולה" (ראש גלותא). אין דער פערסישער מלוכה האט דער ריש גלותא פערנומען א הויכע שטעלע, די פיערטע מדרגה (טושין) נאכ'ן קעניג. זיין בעציהונג צום קעניג איז געווען, ווי די בעציהונג פון הערצאגען צו די מלכים מיט טויזענד יאהר שפעטער אין אייראפא [illegible]s) אויסגעוועהלט פלעגט ער ווערען נישט דורכ'ן קעניג, נאר דורך די אידען, דער מלך פלעגט נאר זיין וואהל בעשטעטיגען. ער האט אויך געהאט אן'אייגענע פארמע: א זיידען־קלייד מיט א גאלדענעם גארטעל. די ראשי גלותא פלעגען אין די לעצטע צייטען האבען אן'אייגענע לייב־וואכע, וועלכע פלעגט פאראויס רייטען פאר זייער קארעטע און בעגלייטען זיי. ווען זיי פלעגען קומען אויף אן־אודיענץ צום קעניג, פלעגט מען זיי אין קעניגליכען פאלאץ אבגעבען גרויס כבוד. ביי זיך אין דערהיים, אין זייער פאלאץ, האבען זיי געפיהרט א קעניגליך לעבען.

די „ראשי גלותא" האבען געשטאמט פון די מלכים פון דוד'ס הויז, נעמליך, פון זרובבל'ן, און דעריבער פלעגט דאס פאלק זיי אבגעבען גרויס כבוד און גערן אונטערגעגעבען זיך זייער הערשאפט. די אלטע חראניק (סדר עולם זוטא) צעהלט א גאנצע ריהע פון ראשי גלותא פון זרובבל,

בן שאלתיאל, 15 דורות פאר די פערסישע מלכים, דאך אבער איז די עקזיסטענץ פון די ראשי גלותא היסטאריש זיכער ערשט אין דער צייט פון אדריאנוס-קיזער. איינער פון זיי, אחיה אדער נחוניה, האט, ווי שיינט, דערמאהנט, געשטיצט דעם זוהן פון רבי יהושע בן חנניה׳ס ברודער, ווען ער האט געגרינדעט א סנהדרין אין בבל. פון יענער צייט אן האבען מיר גענויע היסטארישע ידיעות וועגען די ראשי גלותא ביז׳ן עלפטען יאהר-הונדערט און מיר וויסען, ווי גרויס עס איז געווען זייער איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון אידישען לעבען אין בבל.

די ראשי גלותא זענען געווען די העכסטע ריכטער פאר די אידישע קהלות, ניט בלויז אין דיני ממונות, נאר אויך אין דיני נפשות, און זיי פלעגען אליין צו משפט׳ן אדער זיי פלעגען בעשטימען ריכטער, וועלכע זענען געשטאנען אין זייער רשות און אונטער זייער אויפזיכט. די מיטלען צו צווינגען די, וועלכע פלעגען זיי נישט פאלגען, זענען געווען, לויט׳ן מנהג פון די מזרח-לענדער—דאס שלאגען מיט א שטעקען אדער א רימען. זיי פלעגען אבער אויך האבען א פאליציאישע אויפזיכט אין די שטעדט. דען זיי פלעגען אכטונג געבען אויף די וואגען און מאסען, אויף די מערק, אויף די קאנאלען, אז זיי זאלען געהאלטען ווערען אין ארדנונג און אויף די וועגען און בריקען, ווי אויך אויף די עפענטליכע זיכערהייט. עפענטליך פלעגט מען זיי אפגעבען דעם זעלביגען כבוד, ווי די מלכים פון דוד׳ס הויז, פאר׳ן ערשטען בית-המקדש. אין די שוהלען איז געשטאנען פאר זיי א בעזונדערע בימה, וואוהין מען פלעגט זיי צוטראגען די תורה, כדי צו לייענען פון איהר, ווי דער מנהג איז געווען. זיי זענען געווען זעהר רייך און האבען געהאט פיעל שקלאווען און אנדערע דינערשאפטען; אפילו פרייע מענשען פלעגען זיך אליין שטעלען צו זיי אין דיענסט און פלעגען טראגען אויף די קליידער א סימן פון הכנעה צום ראש גלותא. די ראשי גלותא פלעגען זעהר מדקדק זיין אין אלע פרטים, וואס זענען נוגע צו זייער כבוד; פון די מענשען, וואס האבען צו זיי געהערט, אפילו די תלמידי חכמים, וואס זיי פלעגען מחזיק זיין, האבען זיי דורכאויס געפאדערט דעם דערמאנטען צייכען צו טראגען אויף זייערע קליידער עפענטליך. די ראשי גלותא האבען געהאט זעהר א גרויסע מאכט אין זייער האנד, און די מאכט איז נישט געווען בעגרענעצט דורך געזעצען און נישט רעגולירט, און דעריבער פלעגט אפט פארקומען פאלען, ווען זיי פלעגען זייער מאכט מיסברויכען. מען פלעגט זיך אפט קלאגען אויף זיי, אז זיי פלעגען זיך נעהמען א צו גרויסע מאכט, געברויכען ווילקיר און גוואלדטהעטיגקייטען, און דאס זעלבע פלעגט מען אויסווארפען אויך זייערע בעאמטע. זיי פלעגען אראבווארפען אדער בעשטימען גבאים און חזנים אין די שוהלען, ריכטער אין די קהלות און אפט פלעגען זיי אראבווארפען דוקא דעם בעסערען און בעשטימען אנ׳ערגערן—פאר געלד און צוליעב אנ׳אנדער סבה. ווי עס שיינט, האבען די ראשי גלותא אין די פריהערדיגע צייטען, [illegible]

אריכא—רב—איז געקומען פון ארץ־ישראל קיין בבל, זיך אויסגעצייכענט מיט זייער אונוויסענהייט אין דער תורה און אינדיפערענטיזם (גלייכגילטיגקייט) צו דער רעליגיע. ביי זיי אין שטאט פלעגט מען נישט אבהיטען די מצוות און אפילו די קיך איז נישט געווען קיין כשר'ה. אין דער גרויסער רייהע פון די ראשי גלותא, זענען אבער אויך געווען זעהר הויכע פערזענליכקייטען, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייערע מדות טובות און גרויסער לומדות און זענען געווען א צירונג פאר זייער פאלק.— אלע דאזיגע אומשטענדען צוזאמען: די גרויסע צאהל פון די אידען אין בבל, זייער אונאבהענגיגקייט און די גרויסע מאכט פון זייערע ראשי גלותא—האט געגעבען די אידען אין בבל א בעזונדערען כאראקטער און מהות. אין בבל האבען אידען געהאט גאר אנדערע בעדערפניסען, ווי אין יהודה, און דאס האט אויך געפאדערט אנדערע געזעצען; די תורה האט דעריבער אין בבל זיך געמוזט ענטוויקלען גאר אין נייע זייטען, און מיט די בבל'שע אידען הויבט זיך אן פאר איהר א נייע עפאכע.

שוין אין די גאנץ אלטע צייטען פלעגען קומען יונגע לייט פון בבל קיין ארץ־ישראל תורה לערנען. דער נשיא הלל, וועלכער איז אין דער יוגענד געקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל תורה צו לערנען, איז כלל נישט געווען קיין אויסנאהם אין דער הינזיכט. בעזונדערס שטארק האט זיך אבער פערגרעסערט די צאהל תלמידים, וואס האבען אנגעהויבען קומען פון בבל קיין ארץ־ישראל צו לערנען תורה אין דער צייט פון רבי יהודה הנשיא דעם ערשטען, ווי אין בבל האט מען, א שטייגער, געוואלט אויפזאמלען די לעצטע שטראהלען פון דער אונטערגעהענדער זון פון די תנאים, כדי צו בעלייכטען מיט זיי דערנאך דאס אידישע לעבען אין גלות. רבי חייא פון כפרי מיט זיינע צוויי זיהן, יהודה און חזקיה, אבא אריכא, רבה בר חנה, אבא און זיין זוהן מר שמואל זענען געווען די בעסטע תלמידים פון רבי יהודה הנשיא דעם ערשטען. זיי זענען געווען די דירעקטע, אדער אונדירעקטע שעפער פון'ם תלמוד אין בבל. רבי חייא מיט זיינע זיהן האבען זיך אפילו צוריק נישט אומגעקעהרט אין זייער מוטערלאנד בבל; זיי זענען געשטארבען און מקובר געווארען אין גליל, וואו מען האט פערהייליגט זייער אנדענקען און אנגעהויבען קומען צו זייערע קברים מתפלל זיין. צו קומען צו קבורה אין דער סביבה פון זייערע קברים, האט מען געהאלטען פאר א גרויסען זכות. אבער רבי חייא האט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער תורה אין בבל, דען ער האט איבערגעגעבען זיין גייסט און זיין תורה זיין שוועסטערס זוהן, אבא אריכא. בשעת אבא אריכא און מר שמואל זענען געקומען צוריק פון ארץ־ישראל קיין בבל, האבען זיי געפונען אין נהרדעא שוין אן איינגעארדענטע ישיבה מיט א ראש ישיבה רבי שילא; אבער די ישיבה האט בעקומען איהר גרויסע בעדייטונג ערשט אונטער די נייע אנגעקומענע תלמידי חכמים פון רבי יהודה הנשיא'ס בית המדרש. זיי האבען עס דערהויבען די תורה אין

בבל ביז דער זעלביגער הויך, ווי זי איז געשטאַנען אין יענער צייט אין ארץ-ישראל.

א ב א א ר י כ א אָדער ווי ער הייסט אין תלמוד רב (געבוירען אַרום 105 געשטאָרבען 177 נאָכ'ן חורבן, אָדער 175—247 לויט דער געוועהנליכער צייט-רעכנונג) האָט ערהאַלטען זיין נאָמען אריכא (Areka) ווי עס שיינט, פֿון דער שטאָדט, וואו ער איז געוועזען געבוירטיג. נאָכדעם, ווי זיין פֿאָטער א י ב ו איז געשטאָרבען איז ער, אויך אַזוי, ווי זיין פֿעטער רבי חייא, אויפֿגעגאַנגען קיין ארץ-ישראל צו לערנען דאָרט תורה. די מענשען פֿון זיין צייט פֿלעגען רעדען מיט דער גרעסטער התפעלות וועגען דעם הויכען גייסט פֿונ'ם געקומענעם בבלי'שען יונגען מאַן. רבי יוחנן פֿלעגט דער-צעהלען: „ווען עס האָט געזעהען ווי ר ב זיצט און לערנט תורה פֿאַר ר ב י'ן, האָט ער געקאָנט מיינען, אַז עס פֿליהען פֿונקען פֿייער אין דער לופֿטען. איך האָב זיך גוט איינגעהערט זייער לערנען, אָבער איך האָב נישט פֿערשטאַנען" (רבי יוחנן איז נאָך דאַמאָלס יונג געוועזען) און ווייטער דערצעהלט ער: „די גאַנצע צייט וואָס ר ב איז ג ע ז ע ס ע ן פֿאַר רבי'ן און געלערנט, בין איך ג ע ש ט א נ ע ן און געלערנט". ווען רבי חייא האָט דערהערט פֿון רב, דאָס ער וויל געהן צוריק קיין בבל, האָט ער געפּועל'ט ביי'ם נשיא, דאָס ער זאָל איהם געבען סמיכות. באַלד ווי רב איז געקומען אין בבל, האָט רבי שילא איהם אַנערקענט פֿאַר אַ הויכען אויטאָריטעט.

וועגען דעם ווי אַזוי רב האָט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר רבי שילא'ן, ווערט דערצעהלט פֿאָלגענדעס: קומענדיג פֿון ארץ ישראל, איז רב אַריינגע-קומען אין בית המדרש אין נהרדעא, וואו רבי שילא האָט געהאַלטען אַ ישיבה. רבי שילא איז געזעסען און געלערנט אַ משנה פֿאַר'ן עולם, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין „מ ת ו ר ג מ ן", דאָס הייסט: אַ מענש, וואָס זאָל איהר ערקלערען און מסביר זיין פֿאַר'ן עולם. דאַן איז רב צוגעגאַנגען צו רבי שילא און פֿאָרגעלעגט איהם צו זיין מתורגמן. רבי שילא האָט איהם אַלזאָ אין דער שטיל איבערגעגעבען, ווי אַזוי ער דאַרף די משנה ערקלע-רען, און רב האָט אָנגעהויבען צו ערקלערען פֿאַר'ן עולם די משנה, אָבער נאָר אויף אַנ'אַנדער שטייגער, ווי רבי שילא האָט איהם געהייסען. רבי שילא האָט דערויף פֿעראיבעל געהאַט, אָבער רב האָט איהם געענטפֿערט, „די שטימע פֿונ'ם פֿייפֿעל איז נישט אָנגענעהם פֿאַר'ן אויער, וואָס איז נישט געאיבט אין שענער מוזיק. פֿיעל מאָל האָב איך געלערנט און ער-קלערט משניות פֿאַר רבי ח י י א דעם ג ר ו י ס ע ן, און ער איז מיט מיי-נע ערקלערונגען צופֿרידען געווען, און דיר געפֿעלען זיי נישט". ווי רבי שילא האָט דאָס דערהערט, האָט ער פֿערשטאַנען, אַז פֿאַר איהם שטעהט אַבאַ אריכא, און געבעטען ביי איהם ענטשולדיגונג, ערקלערענדיג: „זען די זיך אויף מייז אָרט. דען איך בין נישט ווערט, אַז דו זאָלסט זיין מיין מתורגמן".

ווען רבי שילא איז געשטאָרבען, האָט מען געוואָלט בעשטימען רב'ן

פאר א ראש ישיבה, אבער רב האט זיך דערפון אפגעזאגט, ווייל זיין חבר און פריינד, מר שמואל, איז געווען געבוירטיג פון נהרדעא און פאר איהם האט די שטעלע בעסער געפאסט. אבער שמואל האט די שטעלע אויך נישט געוואלט אננעהמען, ווייל רב איז עלטער געווען פאר איהם. דאן איז רב ארויסגעגאנגען קיין סורא, און ערשט איז שמואל געבליבען ראש ישיבה אין נהרדעא.

דער ראש גלותא איז אין יענער צייט געווען, ווי עס שיינט ענן, וועלכער פלעגט שטרענג אכטונג געבען, אז קיין געלעהרטע שטעלע זאל נישט בעזעצט ווערען אהן זיין רשות. זיינעם א קרוב, מר אבא, האט ער בעשטימט פאר א הויפט־דיין אין כפרי; מר אבא איז געווען אי רייך, אי א תלמיד חכם, אי אנ'עניו א גרויסער, און די שטעלע האט פאר איהם ריכטיג געפאסט. א צווייטען געלעהרטען, קרנא, האט דער ראש גלותא בעשטימט פאר א דיין, און ווייל קרנא איז געווען ארעם, פלעגט ער נעהמען געהאלט, אבער בלויז פאר זיין צייט, וואס ער מוז ווידמען דער דיינות, און נישט פאר זיין ארבייט. דער זעלביגער ראש גלותא האט בעשטימט רב'ן פאר אנ'אויפזעהער איבער „מאס און געוויכט" אויף די מערק.

דערביי האט זיך אבער ארויסגעוויזען די ווילקירליכקייט פון ראש גלותא: ער האט געפאדערט פון רב'ן, אז ער זאל אויך אכטונג געבען, דאס מען זאל די פרייזען נישט העכערען אויף עסענווארג און, ווען רב האט די דאזיגע פאדערונג נישט געוואלט ערפילען, האט ער איהם געלאזט ארייננווארפען אין תפיסה, וואו מען האט איהם געהאלטען א לאנגע צייט, ביז קרנא האט ענדליך געפועל'ט דורך זיין השתדלות, אז מען זאל איהם בעפרייען, ווייל מען קאן נישט בעשטראפען א מענשען, וועלכער איז פיל מיט'ן בעסטען זאפט פון טייטלען (גייסט־רייך).— צוליעב זיין התמנות האט רב געדארפט מאכען אפטע נסיעות אין פערשידענע קאנטען אין בבל און דאדורך איז ער געווארען זעהר בעוואוסט אין לאנד. דער לעצטער פארטהישער קעניג ארטאבאן (216—226), מיט וועלכען רב האט, משמעות, זיך בעקענט אויף זיינע רייזען, איז מיט איהם זעהר בעפריינדעט געווארען און האט איהם געשעצט אזוי הויך, דאס ער האט איהם געשיקט א מתנה—א טייער שיינער פערל. אויף זיינע נסיעות האט רב זיך דערוואוסט, ווי אזוי עס זעהען די אידען, וואס וואהנען ווייט פון מיטעלפונקט פון לאנד. אזעלכע דינים וואס מען פלעגט אין ארץ ישראל אפהיטען מיט דער גרעסטער גענויאיגקייט, און וואס איבער זייערע פרטים פלעגט מען פיהרען אין די ישיבות שארפע מחלוקת, פלעגט מען דא גאר נישט אפהיטען, אדער מען האט פון זיי גאר נישט געוואוסט. כדי צו מאכען אנ'ענדע מיט אזא צושטאנד, האט רב פערבאטען זעהר שטרענג געוויסע זאכען, וועלכע מען פלעגט אין ארץ־ישראל יא מעגען טהון, און, א דאנק דעם גרויסען אבשיד, וואס מען האט געהאט פאר רב'ן, זענען זיינע פערבאטען אנגענומען געווארען, אלס שטרענגע דינים, און פערבליבען

געוואָרען בײ אידען אויף אײביג. בעזונדערס שטאַרק איז געװען די אָבּגע-
שטאַנענקײט פון דער תורה בײ אידען אין דער געגענד פון סורא, אָדער
מתא—מחסיא, און אַט דעריבּער האָט רב בעשלאָסען צו גרינדען דאָרט אַ
ישיבה, כדי צו פערשפּרייטען דאָרט די ידיעת התורה דורך די תלמידים,
װעלכע װעלען זיך צוזאַמענפאָהרען פון גאַנצען לאַנד און פערבּלײבּען
אין לאַנד, נאָכדעם, װי זײ װעלען זײער שטודיום ענדיגען. דער אָריגינעלער
געדאַנק איז רב'ן זעהר געלונגען. די פערשפּרייטונג פון דער תורה אין
בבל האָט פיעל געהאָט צו פערדאַנקען רב'ן און זײן ישיבה אין מתא
מחסיא. העכער זיבּען הונדערט יאָהר איז זײן ישיבה געשטאַנען, דיענענ-
דיג אַלס צענטער פאַר'ן לערנען תורה און ענטװיקלען דעם תלמוד און צו-
לעצט אויך אַלס צענטער פון דער פילאָסאָפישער װיסענשאַפט.

רב'ס ישיבה אין סורא האָט זיך געעפענט (אַרום 219 נאָך קריסטוס)
נאָך בײ'ם לעבּען פון רב'ס פריינד, דעם מלך אַרטאַבאַן. רב'ס גרויסער נאָ-
מען האָט בּאַלד אין אָנפאַנג צוגעצויגען צװעלף הונדערט תלמידים פון אַלע
געגענדען פון בבל. העכער הונדערט פון זײנע בערימטסטע געװאָרענע
תלמידים האָבּען דערנאָך פערשפּרייט זײנע הלכות. די צאָהל פון די אָנגע-
קומענע תלמידים האָט זיך געשװינד פערגרעסערט , און רב האָט דערי-
בער פערגרעסערט זײן ישיבה דורך אַ גרויסען גאָרטען, װעלכען ער האָט
בּעקומען אין הפקר נאָך אַגר, װאָס איז געשטאָרבּען אָהן יורשים. די
תלמידים האָבּען אַזוי שטאַרק געעהרט זײער רבי'ן, אַז זײ האָבּען איהם
נישט גערופען קײנמאָל מיט'ן נאָמען „אבא אריכא“, נאָר „רב“ אָדער
„רבינו“— ס'הײסט: „דער לעהרער“, „אונזער רבי“, פונקט אַזוי,
װי מען האָט גערופען אין ארץ־ישראל רבי יהודה הנשיא—„רבי“. זײן
שוהל האָט געהײסען „בי־רב“ (רב'ס הויז), און דער נאָמען איז שוין פון
דאַמאָלס אָן פערבּליבּען יעדער ישיבה; אַ תלמיד האָט געהײסען „בר־בי־
רב“. רב'ס אויטאָריטעט איז גרויס געװען אפילו אויך אין אַנדערע מדינות
אויסער בבל. זײנע תלמידים פלעגט רב אויסהאַלטען אויף אײגענעם
חשבון, אויב זײ זענען געװען אָרים, װײל רב איז געװען רײך און האָט גע-
האַט גרויסע פעלדער, װעלכע ער פלעגט אַלײן בעאַרבּײטען.— רב האָט
אַזוי גוט אײנגעאָרדענט די צײט פון לערנען תורה, אַז דאָס האָט קײנעם
נישט געשטערט, צו טהאָן אויך אַ מלאכה, כדי צו פערדינען אויף לעבּענס-
מיטעל. צװײ חדשים אין יאָהר, און אדר און אלול (פריהלינג און
הערבּסט) פלעגען די תלמידים זיך פערזאַמלען אין סורא. די דאָזיגע צװײ
חדשים, װעלכע מען פלעגט רופען פערזאַמלונגס־חדשים (ירחי
דכלא) פלעגט מען אין דער ישיבה לערנען אָהן אויפהער פון בעגינען ביז
שפּעט אין דער נאַכט; מען פלעגט זיך קוים פערגינען צײט צום עסען—
אַזוי גרויס איז געװען די התמדה. אויסער דעם פלעגט רב לערנען תורה
פאַר'ן גאַנצען פובּליקום אַ גאַנצע װאָך פאַר די גרויסע יום טובים. און דאַ-
מאָלס פלעגט עס פאָרקומען אַן'אמת'ער צוזאַמענפאָהר פון אַלע קאַנטען.

אפילו דער ראש גלותא פלעגט טײלמאל קומען הערען, ווי רב לערנט תורה פאר יום טוב. דער עולם איז אזוי גרויס געווען, אז די געקומענע געסט פלעגען נעכטיגען אונטער'ן פרייען הימעל אויפ'ן ברעג טײך סורא. אין יענער צייט זענען געווען פערמאכט אלע געריכטען, און א מלוה פלעגט מוזען אפווארטען מיט'ן איינמאהנען זיין חוב, ביז עס וועלען זיך ענדיגען די חדשים פון תורה־לערנען אין רב'ס ישיבה.

ווי געזאגט, האט רב פערבאטען פיעל זאכען, וועלען זיי האבען געהאט האטש די ווייטעסטע שייכות צו א דין אין איסור והיתר; מיט דער זעלביגער שטרענגקייט האט זיך בעצויגען רב אויך צו מנהגים און מדות טובות (זיטליכקייט), וועלכע זענען געשטאנען אויף זעהר א נידעריגען צו־שטאנד ביי אידען אין יענער צייט. דאס אמאליגע פאטריארכאלישע לעבען מיט איהר גאנצער איינפאכקייט, איז אין בבל אריבערגעגאנגען אלע גרענעצען פון צניעות. ווען א יונגער מאן פלעגט בעגעגענען א מיידעל, און זיי פלעגען איינע די אנדערע געפעלען ווערען, פלעגען זיי רופען די ערשטע בעסטע צוויי עדות, און זייער בונד איז געשלאסען געווארען. די עלטערן פלעגען אויסגעבען זייערע טעכטער, ווען זיי זענען נאך גאר קינדער געווען; מען פלעגט אויך פער'קנס'ן א מיידעל אונטער די אויגען, און דער חתן פלעגט איהר דערזעהן צום ערשטען מאל, ווען ער איז שוין געווען מיט איהר פערבונדען; דאגעגען פלעגט אויך טרעפען, אז דער חתן פלעגט וואהנען ביי די עלטערן פון זיין כלה א לאנגע צייט נאך פאר דער חתונה און שטעהן מיט איהר אין געוויסע בעציהונגען. רב'ס תקנות האבען אין דער הינזיכט געדארפט אויסבעסערען די מדות און זיי זענען מיט דער צייט פערהייליגט געווארען ביי אידען, ווי שטרענגע דינים. רב האט שטרענג פערבאטען צו שליסען א שדוך אהן א געהעריגער זעהעניש פריהער און דאס מיידעל מוז מען דורכאויס פרעגען, אויב זי שטימט איין אויפ'ן שידוך; יונגע חתונות האט ער גאר פערבאטען, ווי ער האט אויך פערבאטען דעם חתן צו וואהנען אין דעם הויז ביי זיין כלה—רב האט אויך דערהויבען דעם אויטאריטעט פון די דיינים און זייערע געריכטען; יעדער מענש איז געווען מחויב צו קומען אויף דער איינלאדונג פונ'ם דיין; די שמשים פון בית דין האבען בעקומען א געוויסע מאכט און פאר'ן נישט פאלגען זיי פלעגט מען ארייגעלעגט ווערען אין חרם. אין בבל האבען די אידען געהאט א פאלקאמע אויטאנאמיע, און דער חרם איז דאריבער געווען א גאנץ גענוגענדע בעשטראפונג, כדי צו צווינגען, אז מען זאל געהארכען.— רב'ס טעטיגקייט איז אלזא געווען א דאפעלטע: ער האט פערפיינערט די מדות און דערוועקט די אידען צו לערנען תורה אין א לאנד, וואס איז פריהער געווען, ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס, „נישט קיין בעארבייט פעלד“: „רב האט געפונען א פרייען טהאל און האט איהם ארומגעצוימט מיט א צוים; ער איז געווען פאר בבל דאס, וואס הלל הזקן—פאר'ן לאנד יהודה. דען אויך מיט זיינע פערזענליכע מדות איז רב

גלייך געווען צו הלל'ן. ווען אין די טעג, וואס ער פלעגט לערנען תורה פאר'ן עולם, פלעגט איהם בעגלייטען זעהר א גרויסער עולם, פלעגט ער זיך דערמאהנען איוב'ס רייה, כדי ניט צו ווערען שטאלץ: „ווען דעם מענשען'ס גדלות שטייגט ביז'ן הימעל, קאן עס אויך פלוצלונג אונטער־געהן"— רב האט געהאט דאס גליק איבערצולאזען נאך זיך א זוהן, א גרויסען למדן, חייא, און זיין טאכטער האט ער אויסגעגעבען פאר א זוהן פון'ם ראש גלותא; זיינע אייניקלעך פון דער דאזיגער טאכטער זע־נען געווען גרויסע, געלעהרטע נשיאים: רבנא עוקבא און רבנא נחמיה. זיין צווייטער זוהן איבו איז געווען ווייניג פעהיג צו לערנען תורה און רב פלעגט צו איהם זאגען: „איך האב מיך בעמיהט אומזיסט מיט דיר תורה צו לערנען; קום זשע, איך וועל דיר לערנען דרך ארץ: בעסער זאלסטו פערדינען ווייניג פון לאנד־ארבייט, איידער פיעל פון מסחר".— ווען רב איז געשטארבען, נאכדעם ווי ער איז געווען 24 יאהר ראש ישיבה, האבען איהם זיינע תלמידים מקבר געווען מיט גרויס כבוד, און געטראגען נאך איהם טרויער א יאהר נאכאנאנד.

רב'ס חבר און געגנער אין דער הלכה, איז געווען מר שמואל, אדער אויך אריוך, אדער שמואל ירחינאה. (געבוירען ארום 180, געשטארבען 257). די דאזיגע בעגאבטע פערזענליכקייט האט געמאכט אין אגעוויסער בעציהונג אנ'עפאכע אין דער ענטוויקלונג פון תלמוד. אויך ער האט, ווי רב, פיעל מיטגעווירקט צו דערהויבען די ידיעת התורה אין בבל. מר שמואל איז געווען א מענש מיט א קלארען פערשטאנד אהן גרויסע פאנ־טאזיעס און חלומות. וועהרענד אין זיין צייט פלעגט מען ערווארטען גרוי־סע מופתים או וואונדערליכע מעשיות, וועלכע דארפען פארקומען אין משיח'ס צייטען, פלעגט שמואל צו זאגען: „עס וועט אלץ פארקומען אויף א נאטירליכען אופן, נאר עס וועט אויפהערען די אונטערטעניגקייט פון אידען ביי די אומות העולם".— מר שמואל האט זיך געווידמעט דריי פאכען: דער ידיעת התורה, דער אסטראנאמיע, און דער מעדיצין. אין „איסור והיתר" איז רב געווען שטארקער פאר איהם, דאגעגען אין ציוויל־רעכט אדער אין „דיני ממונות", איז שמואל געווען מעהר אויטאריטעט, איידער רב. ער האט ענטוויקעלט זעהר שטארק די ציווילע געזעצען אין תלמוד, אבער פון אלע זיינע געזעצען איז, מעגליך, דאס וויכטיגסטע: „דינא דמלכותא דינא"—עס הייסט: „דאס געזעץ פון דער מלוכה איז פערפליכ־טעט פאר יעדען אידען". מיט זיין דאזיגען געזעץ האט מר שמואל ניט געמיינט צו זאגען, אז עס איז א יושר, דאס מען זאל געהארכען אויך דער מלוכה, נאר ער האט גאנץ ערנסט אנערקענט דאס געזעץ פון דער מלוכה פאר א נארמע, וועלכע א איד טאר ניט עובר זיין, דיען די רעג־ליגיע בעשטראפט איהם דערפאר, א שטייער, ווי פאר'ן ניט האלטען שבת, אדער ציצית און אנדערע געבאטען. די דאזיגע הלכה האט מיט דער צייט געהאט זעהר א וויכטיגע בעדייטונג פאר די אידען, ווען זיי זע־

נען אלץ מעהר צוזיהעט און צושפרייט געווארען אין אלע עקען וועלט,
דען עס האט זיי מעגליך געמאכט צוצופאסען זיך צו די נייע אומשטענדען,
און זייער רעליגיעזעס געוויסען האט זיך אויפגעהערט צו בונטעווען גע־
גען דער שטרענגקייט, מיט וועלכער דאס פרעמדע געזעץ פלעגט זיך מייס־
טענס בעגעהן מיט אידען. אויף שמואל'ס געזעץ האבען אידען תמיד זיך
געקאנט פערופען גענען די פיינד, וועלכע פלעגען אויף זיי אויסקלערען
בלבולים, אז צוליעב זייער רעליגיע זענען די אידען נישט געטריי דער
מלוכה און ממילא דארף מען זיי רודפ'ן. שמואל'ס געזעץ האט אויך גע־
האט די אייגענע בעדייטונג ווי דער אנזאג פון ירמיהו הנביא: „איהר
[illegible]ט ארבייטען פאר'ן גליק פונ'ם לאנד, וואוהין איהר זענט פערטריבען
געווארען“. מר שמואל האט בכלל פיעל מיטגעווירקט ביי דער מעגליכ־
קייט פון פריינדליכקייט צווישען די אידען און נישט־אידען. ער אליין
האט געלערנט חכמה ביי די פערסישע חכמים; מיט זיין פערזעהנליכען פריינד
אבלט (Ablaat) האט ער צוזאמען געמאכט פארשונגען און בע־
אבאכטונגען אין דער אסטראנאמיע. דער טיעפער טהאל צווישען די טיי־
כען עפראט און טיגרים, וואו דער האריזאנט, דאס הייסט: די ווייט
משופע'דיגקייט פון הימעל, איז נישט פערשטעלט דורך הויכע בערג, איז
געווען די וויעג פון דער אסטראנאמישער וויסענשאפט, וועלכע איז אבער
דארט אויך פערקריפעלט געווארען אין דער אסטראלאגיע מיט איהר
שטערענזעהערי, דורך וועלכער מען פלעגט זיך בעמיהען פאראויסצוזאגען
די צוקונפט פון מענשען און פעלקער. מר שמואל דאגעגען, שטארק הויך
דער אידישער וועלט־אנשויאונג, האט פון דעם פאראויסזאגען די צו־
קונפט דורך די שטערען גאר נישט געהאלטען, נאר ער האט גרינדליך גע־
לערנט די געזעצען פון דער בעוועגונג פון די שטערען אין הימעל, לויט ווי
מען האט עס פערשטאנען אין זיין צייט. ער פלעגט זיך בערימען מיט
דער דאזיגער וויסענשאפט, ערקלערענדיג: „די וועגען אין הימעל זענען
מיר אזוי גוט בעקאנט, ווי אין אונזער שטאדט נהרדעא, נאר די וואונדער־
ליכע בעוועגונגען פון די קאמעטען, זיינען מיר פרעמד, דען איך וויים נישט,
וואס דאס איז“. פון זיין אסטראנאמישער וויסענשאפט האט ער געמאכט
א פראקטישען געברויך; לויט אסטראנאמישער רעכנונג, האט ער איינגע־
ארדענט דעם לוח פון די ראשי חדשים און יום־טובים, כדי די אידען אין
בבל זאלען מעהר נישט דארפען זיין אפהענגיג אין דער הינזיכט פונ'ם
סנהדרין אין יהודה. ווי עס שיינט אבער, האט ער צוליעב דעם פיעטעט־
געפיהל (פרומע הכנעה) פאר'ן סנהדרין מיט זיין נשיא, ווי אויך כדי
אויפצוהאלטען די אחדות ביי אידען און נישט ברענגען הערצה, אז ווען
איינציגע אידען וועלען פייערן יום־טוב, זאלען ביי די אנדערע זיין וואכעדי־
גע טעג, האט מר שמואל זיין „לוח“ נישט פערעפענטליכט. אין לאנד יהודה
איז מען פונדעסטוועגען געווען שטארק אויפגערעגט גענען איהם, דער־
פאר, וואס ער האט זיך ערלויבט צוזאמענצושטעלען א לוח. מען פלעגט

דארט אבלאכען פון זיין אסטראנאמישער וויסענשאפט, און פארוואָרפען איהם, אז ער איז אונוויסענד, האטש ער האט אליין פעסטגעשטעלט א רעגעל, וועלכער דינט אלס הויפט־יסוד אין בערעכענען די חדשים און יום־טובים. ווען שמואל'ס טעכטער זיינען שפעטער גענומען געוואָרען געפאנגען, האט מען געזאגט, אז גאט האט עם איהם בעשטראפט דערפאר, וואס ער האט זיך אונטערגענומען צו בערעכענען פאראויס א לוח.— און דער מעדיצין האט שמואל זיך בעריהמט, אז ער קאן היילען אלע מחלות, אויסער דריי. ער האט ערפינדען א זאלב פאר די אויגען, וועלכען מען פלעגט איבעראל געברויכען, אלס א גרינדליכע רפואה.

צווישען מר שמואל און רב האט געהערשט א ברידערליכער שלום. און זיין גרויסער ענוות האט מר שמואל זיך מיט'ן אייגענעם ווילען געשטעלט אונטער רב'ן. נאך רב'ס טויט איז מר שמואל געבליבען דער איינציגער ראש ישיבה צווישען די אמוראים אין בבל, און אין דער דאזיגער אייגענשאפט איז ער פרבליבען צעהן יאהר. אין דער ערשטער צייט האט רבי יוחנן אין ארץ־ישראל נישט געוואלט איהם אנערקענען פאר אן אויטאריטעט אין דער הלכה, ווייל ער האט דאך קיין סמיכות נישט געהאט פון'ם נשיא און רבי יוחנן, ווי די איבעריגע תלמידי חכמים האבען נישט געגלויבט, אז ער איז א גרויסער למדן. ווען מר שמואל האט צוגעשיקט אין ארץ־ישראל א לוח, וואס ער האט אויסגערעכענט די ראשי חדשים און יום־טובים אויף א משך פון זעכציג יאהר פאראויס, האט רבי יוחנן א זאג געטהון: „נו, מילא, רעכענען קאן ער גוט“. דערמיט האט ער געוואלט זאגען, אז דער לוח קאן נישט דיענען פאר א בעווייז אויף שמואל'ס לומדות אויך אין דער הלכה. ערשט, ווען מר שמואל האט איהם צוגעשיקט א בינטעל כתבים פול מיט שאלות און תשובות אין די הלכות פון טרפות, האט רבי יוחנן איינגעזעהען, אז מר שמואל איז א גרויסער מאן אין דער הלכה, און רבי יוחנן צוזאמען מיט ר' שמעון בן לקיש האבען שוין געוואלט מאכען א רייזע קיין בבל, כדי צו בעקענען זיך מיט איהם. אבער דערווייל האבען זיי דערהאלטען א ידיעה, אז מר שמואל איז געשטארבען. קיין זיהן האט מר שמואל נישט איבערגעלאזען, נאר טעכטער; עס זיינען אבער געבליבען נאך איהם זעהר פיעל תלמידים, וועלכע האבען פעראייביגט זיין נאמען.

אין יענער צייט איז אין בבל אדער אין פארטהיען, פארגעקומען א גרויסע פאליטישע פערענדערונג, וועלכע האט אויך געהאט א וויכטיגע בעדייטונג פאר דער אידישער בעפעלקערונג. דאס פיערהונדערט־יעהריגע קעניגליכע הויז (דינאסטיע) פון די ארזאסידען, איז אראפגעשטויסען געווארען פון טראהן, און א נייע קעניגליכע הויז האט פערנומען די מאכט, ארויס־פענדיג דאדורך אויסערליכע איבערקעהרענישען. דער אויפטהוער פון דער דאזיגער איבערקעהרעניש איז געוועזען ארדאשיר, וועלכער האט געשטאמט פון אן אלטער פערסישער משפחה. פעראייניגט מיט די נאציא־

נאַך־געזונדע פערסען און בעזונדערס דערוועקט דערצו דורך די פריעס־טער (גלחים) פון אַלטען פערסישען גלויבען צענד־אוועסטא, וועלכע זענען שטאַרק נישט צופרידען געווען מיט די פריהערדיגע מלכים, וועלכע זײנען געווען פון האלב־גריכישער אַבשטאַמונג, און האבען נוטה געווען צו דער גריכישער רעליגיע מיט זײער גאַנצער וועלט־אַנשויאונג, בעזונדערס אָבער דערפאַר, וואָס די מלכים האָבען גאַרנישט אונטערגענומען געגען די רוימער און זײער אַרײנדרינגען אין פאַרטהיען,— האָט אַרדאשיר מיט זײנע לײט זיך פערשוואָרען געגען דעם פאַרטהישען קעניג אַרטאַבאַן און אין א מלחמה, וואָס ער האָט געהאט מיט איהם (226 נאָך קריסטיס) האט ער איהם געבראַכט א מפלה און געגרינדעט דאס נײ־פערסישע קעניגליכע הויז פון די ססאַנידען. דער פערסישער שבט, וועלכער האָט אָנגעהויבען איצט צו הערשען אין פאַרטהיען, איז בעוואוסט אין דער וועלט־געשיכטע אונטער׳ן נאָמען נײ־פערסער אָדער חברים (Chehre) וועלכע עס איז נאָך געבליבען ביז איצט א קלײנער רעשט אין אינדיען, מיט׳ן נאָמען גבר (Geber). די דאָזיגע איבערקעהרעניש האָט געהאט אויך אַזעלכע וויכטיגע רעזולטאַטען אין רעליגיעזען לעבען פון פאַרטהיען, ווי אין פאָליטישען. אַנשטאַט דער פריהערדיגער גלײכגילטיגקייט געגען דעם אַלטען פערסישען פײער־קולט, איז אַרדאַשיר געוואָרען זײנע א פאַנאַטישער פערעהרער; ער האָט זיך שטאָלץ גערופען דער פערעהרער פונ׳ם גאָט אורמוצד (הורמיז), דער מלך איבער די מלכים פון איראַן, וועלכער שטאַמט פון א הימלישער משפחה. איבעראַל אין פערסיען האָט מען איצט אײנגעפיהרט די רעליגיע פון צאַראַאַסטער וועגען דער דאָפּעלטער גאָטהייט פון ליכט און פינסטערניש (אורמוצד און אַהרימאַן). די פריעסטערליכע קאַסטע (שבט) פון דעם דאָזיגען קולט, די מאַגיער, האָבען בעקומען א גרויסען אײנפלוס און מאַכט. געגען די אָנהענגער פון די גריכען האָט מען געקעמפפט מיט פײער און שווערד. דער פאַנאַטיזם פון די מאַגייער האָט אָבער אויך נישט ווענינער געקעמפפט געגען די קריסטען, וועלכע האָבען געוואָהנט זעהר פיעל אין די אויבערשטע טיילען פון מעסאָפּאָטאַמיען און די פראָווינצען, וואָס די רוימער האָבען אײנגענומען און האבען דאָרט געהאט אין די פראָווינצען אַרום די שטעדט נציבין און עדעסאַ, גרויסע קהלות און פיעל קירכען.

דער האזיגער פאַנאַטיזם האָט אָבער נישט געשוינט די אידען אויך, און נאָר א דאַנק דעם, וואָס די צאָהל פון דער אידישער בעפעלקערונג איז זעהר גרויס געווען, און די אידען האָבען געוואָהנט כמעט אַלע צוזאַמען, זײענדיג דערצו אויך גוט בעוואָפענט, און בכלל פעהיג צו פערטײדיגען זיך, האָט די פערהאַנדלונג נישט אָנגעריהרט זיי אַזוי שטאַרק. און דער ערשטער שמחה מיט׳ן נצחון האָבען די פערסער בײ אידען צוגענומען דאס רעכט צו האָבען אײגענע געריכטען פאַר שטראָף־משפטים (דיני נפשות), נישט צוגעלאָזען די אידען צו קײן שטעלע אין דער מלוכה, אפילו נישט צו דער

אויפזיכט איבער די טייכען און קאנאלען. אפילו די רעליגיאנס-פריהייט האט מען ביי אידען צוגענומען אין א געוויסער מאס. אין יענע טעג, ווען די נייפערסען פלעגען דיענען צו זייער פייערגאט אין זייערע טעמפלען, פלעגען די אידען נישט טארען אנצינדען קיין ליכט, אדער מאכען פייער אויף דער קיך. די פערסער פלעגען זיך אריינרייסען אין די אידישע הייזער און, אויסלעשענדיג אלע ליכט, פלעגען זיי צונויפנעהמען אין קיך די גליהענדע קוילען און אוועקטראגען זיי מיט זיך אין זייער טעמפעל אלס א קרבן. וויל די מאגיער פלעגען אבער הייליג האלטען די ערד און דאס וואסער, פלעגט מען די דאזיגע זאכען נישט טארען פעראונרייניגען, און אט דעריבער פלעגען זיי נישט לאזען די אידען מקבר זיין די מתים, און געפאדערט, אז די אידען זאלען טהון ווי די נייפערסער, דאס הייסט: זיי זאלען די מתים ארויסשטעלען אויף אהויכען ארט, כדי די פליגען זאלען זיי דארט אויפפרעסען; אויך צו טובל'ען זיך אין קוואל-וואסער האבען זיי פערבאטען, וויל אליין פלעגען זיי זיך ריין מאכען מיט אורין פון א בהמה. ווען רב האט זיך דערוואוסט וועגען ארטאבאנ'ס טויט, איז ער געווארען זעהר טרויעריג און האט אויסגערופען: „עס האט זיך געענדיגט די פריינדשאפט". ווען רבי יוחנן האט זיך דערוואוסט, אז די סאסאנידען זענען אריינגעקומען אויך אין יענעם טייל פון בבל, וואו די אידען וואהנען, האט ער זיך זעהר דערשראקען און האט זיך בערוהיגט ערשט דאן, ווען מען האט איהם געזאגט, אז די סאסאנידען זענען זעהר ארעם אין נעהמען שוחד.

צוליעב דעם האלב ווילדען צושטאנד פון די סאסאנידען, האט רבי יוחנן געטרויערט, אז גאט האט איבערגעגעבען די אידישע קהלות אין בבל אין רשות פון א פ א ל ק א נ ב ל. ביסלעכוויז איז אבער דער פאנאטיזם פון די נייפערסער שוואכער געווארען, און די אידען זענען געווארען מיט זיי בעפריינדעט. זיי האבען אפילו אויך אנגעהויבען אנטייל צו נעהמען אין די פערסישע געזעלשאפטליכע פערוויילונגען אדער בעלער. די דאזיגע פריינדליכערע צייט האט זיך אנגעהויבען, בלי ספק, ערשט אין דער רעגירונג פון מלך שבור דעם ערשטען (Schabur I) (272—241), וועלכער איז געוועזען בעפריינדעט מיט מר שמואל'ן. דער דאזיגער מלך האט פערזיכערט מר שמואל'ן, אז אין די מלחמות, וועלכע ער האט געפיהרט געגען יענע רוימישע פראווינצען, וואו עס האבען געוואהנט פיעל אידען, האט ער קיין אידיש בלוט קיינמאל נישט פערגאסען, אויסער די פראווינץ קאפוטקיא (Kappadocien) וואו ער האט אויסגעהרג'ט צוועלף טויזענד אידען, וועלכע האבען זיך געשטעלט געגען איהם. — די איבערקעהרעניש אין פארטהיען האט פיעל מיטגעווירקט, צו ברענגען ניכער דעם אונטערגאנג פון דער גרויסער רוימישער מלוכה. די נייפערסען פון איין זייט, די גערמאנען און גאטען פון דער אנדערער, האבען זיך אריינגעריסען אין דער רוימישער מלוכה, אשטייגער, ווי כדי צו משפט'ן ענדליך רוים פאר איהרע גרויסע מערדערייען געגען דעם אידישען פאלק, און פערווירק-

ליכען די נבואה פון דער אידישער סיבילה. כמעט פון אלע פעלקער, וועלכע רוים האט אמאל איינגענומען, האבען זיך איצט געפונען מענשען, וואס האבען זיך ערקלערט פאר רוימישע קיסרים, כדי צו פערקנעכטען דאס איטאליענישע „בבל“ (רוים). פאר רוים האט זיך אנגעהויבען די צייט פון אויסצאהלען זיך פאר איהרע שווערע פערברעכענס געגען די פעלקער. די רוימישע מלוכה האט ענדליך אנגעהויבען צו פוילען, און רויב־פויגלען זענען זיך צונויפגעפלויגען דאס צופוילטע צו פרעסען.

רוים האט נאך דערלעבט אויך די חרפה, צו זעהען, ווי איינער פון איהרע קיסרים, וואלעריאנוס, וועלכער איז ארויסגעטראטען געגען פארטהיען, כדי אבצונעהמען צוריק איהרע פראווינצען, וועלכע דער מלך שבור האט פון איהר אבגעריסען, זאל האבען א שרעקליכע מפלה און גענומען ווערען געפאנגען, איבערלעבענדיג די גאנצע שפלות פון דער קנעכטשאפט. די געפאנגענשאפט פון'ם קייזער און די שוואכקייט פון זיין זוהן, גאליענוס, וואס האט געזאלט זיין קייזער נאך זיין פאטער, האט אריינגעבראכט א פאלקאמע אנארכיע אין רוים, און אין א משך פון צעהן יאהר זענען פארגעקומען אין רוים אזוי פיעל שענדליכע רציחות און קאמפפען, אז די מלוכה איז ענהליך געווארען צו אן ארענא (א צירק), וואו עס קעמפפען גלאדיאטארען. אין אלע עקען פון דער רוימישער מלוכה האבען זיך דערהויבען פערשידענע אוואנטוריסטען, וואס האבען אויסגעשטרעקט די האנד נאך רוים'ס קרוין. אין די פראווינצען פון די מזרח־לענדער, אין דער נאהנטקייט צו דער שטארק געווארענער פערסישער מלוכה, איז די אנארכיע געווען נאך גרעסער. א רייכער און א דרייסטער איינוואהנער פון פאלמירא (תדמור), מיט'ן נאמען אדענאט, וועלכער האט פערזאמעלט ארום זיך גרויסע מחנות פון רויבערישע ווילדע סאראצענען, האט אנגעהויבען צו מאכען גרויסע אנפאלען אויף סיריען, ארץ־ישראל, און אויך אויף דער געגענד פון עפראט, בערויבענדיג און אויסמארדעווענדיג די בעפעלקערונג אין אלע ערטער, וואו ער איז דורכגעגאנגען. אין דער דאמאלסדיגער צופאלעקייט פון דער רוימישער מלוכה, איז איהם געלונגען צו צווינגען דעם רוימישען סענאט אנצוערקענען איהם פאר „א קאנסול און א פעלדמארשאל פון די מזרח־לענדער“. פון'ם דאזיגען טיטול איז שוין געווען נישט ווייט צו טיטול פון א קייזער, און אט האט ער זיך געלאזט אויסרופען פאר א רוימישען קייזער. געגען די אידען האט ער זיך בעגאנגען העכסט פיינדליך אין זיין קרייז, און דעריבער האבען איהם אידען גערופען פפא בר נצר, אויסטייטשענדיג אויף איהם דניאל'ס זעהונג: „דער קלענערער הארן, וועלכער איז ארויסגעקומען פון גרעסערען מיט מענשען־אויגען און גרויסען שטאלץ“. געהענדיג אין דער מלחמה געגען דעם פערסישען מלך שבור, וועלכער האט נאר וואס אבגעהאלטען א נצחון איבער רוים, איז אדענאט אנגעפאלען אויף נהרדעא און חרוב געמאכט איהר (259 נאך קריסטוס), ווייל די אידישע איינוואהנער זענען געגען איהם. די

אמוראים, שמואל'ס תלמידים, וועלכע האבען נאך זיין טויט געלערנט אין נהרדעא ווייטער, זענען איצט ענטלאפען און זיך בעזעצט אין מחוזא, אדער אין אנדערע שטעדט אויפ'ן טיגרים. מר שמואל'ס טעכטער זענען געפאנגען געווארען און אבגעפיהרט קיין צפורי, דען דאמאלס האט מען שוין געוואוסט, אז ווען מען וועט ברענגען אידישע געפאנגענע אויפ'ן מארק צו פערקויפען פאר שקלאווען, וועלען אידען זיי אויסקויפען מיט גרויסע סומען געלד.— וועגען די געפאנגענע שמואל'ס טעכטער ווערט דערצעהלט פאלגענדעס: הערענדיג שטענדיג, ווי זייער פאטער מר שמואל פלעגט לערנען תורה, זענען זיי געווען בעהאוונט אין פיעל הלכות, און האבען געוואוסט, אז א אידישע טאכטער, וואס איז געווען אין געפאנגענשאפט, ווערט פסול צו דער כהונה, דאס הייסט, אז א כהן טאר מיט איהר נישט חתונה האבען. צוליעב דעם האבען זיי געלאזט שטעהן זייערע שומרים אויפ'ן גאס פאר'ן בית-המדרש און אליין זענען זיי אריינגעקומען אין בית המדרש און אויסגערופען: „מיר זענען געפאנגען געווארען דורך די פיינד, אבער מיר זענען טהור, קויפט אונז אויס“. מען האט דעריבער זיי מתיר געווען פאר דער כהונה. באלד אבער האט דער ראש ישיבה, רבי חנינא, זיך דערוואוסט, אז דאס זענען מר שמואל'ס טעכטער, און געבעטען איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים, דעם כהן רבי שמעון בר אבא, וועלכער איז אויך געווען שמואל'ס א קרוב, אז ער זאל חתונה האבען מיט איינער פון זיי. רבי שמעון בר אבא האט געפאלגט זיין רבי'ן און חתונה געהאט מיט דער עלטערער; אבער א קורצע צייט נאך דער חתונה איז זי געשטארבען, דאן האט ער חתונה געהאט מיט דער אינגערער. אזוי ארום האבען אלע געוואוסט, אז ביידע טעכטער מר שמואל'ס זענען נישט געשענדעט געווארען דורך די ערלים. ווען די צווייטע טאכטער איז אבער אויך באלד געשטארבען, האט מען געזאגט, אז גאט האט דאס געשטראפט זייער פאטער דערפאר, וואס ער האט בעשטימט די חדשים אין חוץ לארץ, ווי שוין דערמאהנט געווארען.

אדענאת, דער צושטערער פון נהרדעא, איז ביסלעכוויז אזוי שטארק געווארען, אז ער איז אין פאלמירא (תדמור), וועלכע שלמה המלך האט אויפגעבויט, געווארען כמעט א רוימישער קייזער. אזוי שוואך איז שוין דאמאלס געווען רוים, אז דער דאזיגער אונבעוואוסטער מענש האט גיך מיט ווערען איהר איינציגע שטיצע געגען פערסיען און געקאנט אויך טראכטען וועגען דער רוימישער קרוין. נישט לאנג אבער האט געדויערט זיין גדולה, דען זיינער א קרוב, מעאניוס, האט זיך מקנא געווען אין זיין גדלות און האט איהם דער'הרג'עט (267 נאך קר.) ווי מען האט דערצעהלט, איז דער מארד פארגעקומען דורך דער השתדלות פון אדענאת'ס פרוי זענאביא (Zenobia) וועלכע איז איהם בייז געווען דערפאר, וואס ער האט זיין זוהן פון דער ערשטער פרוי, הורדוס, בעשטימט פאר א קייזער נאך זיך. נאך אדענאת'ן איז קייזערין געווארען זענאביא. דאס איז

געוועזן אַ העכסט געבילדעטע און אַ גייסטרייכע פרוי, וועלכע האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט גרויסע פּלענער, און דעריבער האָט מען איהר געגעבען די „סעמיראַמיס פון פּאַלמירא“. אין ארץ־ישראל איז מען שטאַרק נישט צופרידען געווען מיט דער דאָזיגער מלוכה אין פּאַלמירא. און רבי יוחנן פלעגט זאָגען: „וואויל איז צו דעם, וועלכער וועט דערלעבען די מפלה פון תדמור!“ מערקווירדיג איז אויך, אַז די אידען האָבען דאַמאָלס איינגעאָרדענט פריי בעוואָפענטע מחנות, וועלכע פלעגען אָנפאַלען אויף די מחנות פון דער קייזערין זענאָביא. אַלס קייזערין האָט זענאָביא געהערשט נישט בלויז איבער סיריען און ארץ־ישראל, נאָר אויך איבער מצרים. איהר הויפּט־שטאָדט פּאַלמירא איז געווען אַ פיעל־בעפעלקערטע פרעהליכע שטאָדט. די שענסטע רוימישע קונסט־ווערק זענען דאָרט געווען אָנגעזאַמעלט, און די רייכסטע און גרעסטע רוימישע לייט האָבען זיך דאָרט בעזעצט. אָבער לאַנג האָט די נייע מלוכה נישט געדויערט; סך־הכל זעקס יאָהר האָט זענאָביא געקעניגט מיט גרויסער פּראַכט (267—273), ווען דער קייזער אורעליוס האָט איהר ענדליך מנצח געווען, און געבראַכט געפאַנגען, געשמידעט אין גאָלדענע קייטען קיין רוים. די שטאָדט פּאַלמירא האָט מען אַזוי שרעקליך חרוב געמאַכט, אַז ס'איז אנשטאָט איהר געבליבען אַ ווינסטער מדבר, און ערשט אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט האָט מען איהרע חורבות צוריק אָבגעגראָבען.

ארץ־ישראל האָט איבערגעלעבט די דאָזיגע קורצע מלוכה, ווי זי האָט איבערגעלעבט פיעל אַנדערע פעלקער און לענדער, אָבער אויך זי האָט דאַמאָלס אָנגעהויבען צו פאַלען. די נשיאות, וועלכע האָט אונטער רבי יהודה הנשיא נאָך געהאַט אַ געוויסע פּאָליטישע בעדייטונג, אַ דאַנק דער פריינדשאַפט צום נשיא מצד דעם רוימישען קייזער אַלעקסאַנדער סעווערוס, האָט נאָך רבי יהודה'ס טויט פערלאָרען איהר לעצטע בעדייטונג. בשעת ר' יהודה הנשיא II איז געשטאָרבען, איז דער טרויער ביי אידען געווען זעהר גרויס, און מען האָט אַפילו ערלויבט כהנים מטמא צו זיין אין דעם טויטען, הערווייזענדיג דערמיט, אַז די כהונה איז בטל געוואָרען מיט'ן טויט פונ'ם נשיא פון דער תורה. רבי יהודה איז געווען דער לעצטער גרויסער נשיא. זיין זוהן, גמליאל דער פיערטער האָט ניט געהאַט קיין גרויס אָנזעהען נישט דורך זיין פערזענליכקייט, נישט דורך זיין ידיעת התורה, און מען האָט איהם געגעבען כבוד נאָר פאַר זיין יחוס אבות, דען ער האָט געשטאַמט פון דוד המלך און פון הלל הזקן. אין שפּיץ פון דער ישיבה אין טבריה איז שוין מעהר נישט געשטאַנען דער נשיא, נאָר רבי יוחנן און מיט איהם זיין חבר רבי שמעון בן לקיש. די תלמידים פון בבל פלעגען אָבער נאָך אַלץ קומען אַהין זעהר פיעל, כדי צו לערנען די הלכות פון זייער מקור, וואו זיי זענען ענטשטאַנען. פיעל בבל'ישע תלמידי־חכמים האָבען פערלאָזען ווייב און קינדער, כדי אָבצולעבען גאַר זייערע יאָהרען אין ארץ־ישראל אין דער ישיבה. שטאַרק צופרידען איז מען אָבער אין

דער ישיבה מיט די בבל'ישע תלמידים נישט געווען, און ריש לקיש האט צו זיי איינמאל אויסגערופען: „געהט אייך געזונטערהייד! און דער צייט, ווען איהר האט געקאנט ווערען א פעסטע מויער פאר'ן לאנד יהודה, ווענט איהר זיך אין דערהיים געזעסען; וואס זשע ווילט איהר דא איצט?" די ליעבע צו ארץ־ישראל איז אבער איבעראל גרויס געווען: מען האט געהאלטען איהר באדען פאר הייליג, און פיעל רייכע אידען פלעגען דאמאלס לאזען צוואה, אז נאך זייער טויט זאל מען זיי אפפיהרען צו קבורה אין ארץ־ישראל, און גאנץ אפט פלעגט מען זעהען ברענגען קיין ארץ־ישראל געפוצטע ארונות מיט מתים פון אלעקסאנדריען מיט'ן שיף און פון בבל — אויף די רוקענס פון די קעמלען, כדי מקבר צו זיין זיי אין פריהער געקויפטע פאר מיליען־קבורים. די שטערבענדע האבען געהאפט, אז צו תחית המתים זאל זיי דאדורך נישט אויסקומען, צו וואנדערען אונטער דער ערד קיין ארץ־ישראל, ווי מען האט שוין דאמאלס געגלויבט.

די פעראכטונג, מיט וועלכער די ארץ ישראל־אידען פלעגען זיך בעציהען צו די בבל'ישע אידען, איז אבער געווען אנ'אומגערעכטע. און די אידען פון בבל האט געלעבט אבעזונדערע קראפט, דען זיי האבען נישט אריבערגעטראגען די גרויסע פערפאלגונגען מצד די רוימער און האבען נישט געהאט צו ארבייטען איבער די כחות, כדי צו קאנען צאהלען די אונמעגליך הויכע שטייערען פאר די רוימער. נאר איין וויכטיגען פעהלער האבען זיי געהאט: זיי האבען פערשלעפט קיין ארץ־ישראל די אמונה אין די איבערנאטירליכע אומריינע כחות און פיעל אבערגלויבישע מנהגים, ווי אזוי די רוחות און שדים צו פערטרייבען, לויט ווי זיי האבען דאס געזעהן ביי די מאגיער. רבי יוחנן האט זיי שטארק געשטראפט דערפאר און ער איז בעזונדערס נישט צופרידען געווען מיט זייער מנהג צו שלאגען מיט הושענות אום הושענה רבה, כדי צו פערטרייבען די שדים און רוחות. דערפאר האבען אבער די בבלישע תלמידי חכמים געבראכט מיט זיך שארפע קעפ, צו פערשטעהן גריגדליך די הלכות און געדענקען זיי. רבי יוחנן'ס בעסטער תלמיד איז געווען דער בבלי, רבי אלעזר בן פדת; וועלכער איז נאך רבי יוחנן'ס טויט געווארען דער „אויטאריטעט פונ'ם הייליגען לאנד", ווייטער דאס צווילינג־פאר: רבי אמי און רבי אסי, און די ברידער: רבי שמעון און רבי חייא, די זיהן פון אבא. פון זיינע ארץ־ישראל'דיגע תלמידים איז נאר איין רבי אבהו געווען א גרויסער מאן, אבער זיין גרויסקייט איז געווען נישט אזוי אין דער הלכה, ווי אין דער אגדה. אין בבל האט זיך בכלל געשטארקט דער חשק צו פערטיעפען זיך אין דער תורה נאך רב און מר שמואל; אין די בב'לישע ישיבות האט זיך די הלכה אזוי שטארק און טיעף איינגעווארצעלט, אז די דארטיגע תלמידי חכמים זענען אפילו אין ארץ־ישראל אויך געווען די גרעסטע; דען אלע קלאסען פון דער אידישער בעפעלקערונג אין בבל האבען געהאט חשק צו לערנען די הלכות און איינפיהרען זיי אלס א נארמען אין לעבען. דער גרעסטער כבוד איז געווע־

וועגען צו זיין א תלמיד חכם און די גרעסטע חרפה—צו זיין אנ'עם הארץ. די שמאליגע געמיינע מנהגים און מדות זענען פערשוואונדען געווארען צוזאמען מיט די עם הארצות, דען ביידע זאכען האבען אויסגעווארצעלט רב און מר שמואל. בבל איז שוין איצט אין פיעל הינזיכטען גלייך געוועזען צו ארץ ישראל, אפילו תרומות און מעשרות האט מען אנגעהויבען דארט אבצושיידען, נאר מען פלעגט עס אבגעבען נישט די כהנים, נאר פאר די תלמידי חכמים, ווייל מען האט די תורה געשטעלט העכער פאר דער כהונה. בבל איז פארמאליגע געווארען א אידישע מלוכה, איהר קאנסטיטוציע איז געוועזען די משנה און איהרע שרים און פארשטעהער—דער ראש גלותא און די ראשי ישיבות. די אלגעמיינע ענטוויקלונג האט אויך בערוהרט דעם ראש גלותא, וועלכער איז געווארען זייער גוט בעהאוועגט אין די הלכות.

דער דאזיגער שענער צושטאנד איז בעזונדערס געשטארקט געווארען דורך די תלמידים פון רב און שמואל. די וויכטיגסטע פון זיי זענען געוועזען: רב הונא, וועלכער איז געוועזען ראש ישיבה אין סורא און אויך זעהר אנגעזעהען אין ארץ־ישראל; ווייטער, רב יהודה בר יחזקאל, וועלכער האט נאכ'ן חורבן פון נהרדעא געגרינדעט א ישיבה אין פומבדיתא, און האט אויסגעפיהרט א נייע מעטאדע אין לערנען די הלכה—דעם פלפול; רב נחמן בר יעקב, דער איידעם פונ'ם ראש גלותא, וועלכער האט נאך נהרדעא'ער חורבן געעפענט א ישיבה אין שכנציב אויפ'ן טיגריס, דער רייכער רב חסדא און דער ארימער רב ששת און, ענדליך, רבה בר אבהו.

רב הונא איז געוועזען געבוירען (220—297 נאך קר.) אין דרוקרת (Lio—) און איז געווארען אין סורא ראש ישיבה נאך רב'ן. ער איז געווען דער גרעסטער אמורא אין זיין צייט און די אמוראים אין טבריה פלעגען איהם אויך געהארכען. רב הונא'ס לעבענס־געשיכטע גיעט אונז א ריכטיגען בעגריף וועגען די דאמאלסדיגע תלמידי חכמים. צוזאמען מיט'ן לערנען תורה האט יעדער פון זיי געהאט א בעשעפטיגונג אויף מפרנס צו זיין זיין משפחה, צי דורך לאנד־ארבייט, צי דורך א מלאכה אדער מסחר. רב הונא אליין איז אפילו געוועזען א קרוב פונ'ם ראש גלותא, אבער זיינע עלטערן זענען געוועזען זעהר ארים און ער אליין האט בעארבייט זיין קליין שטיקעל לאנד און האט זיך כלל נישט געשעמט דערמיט. ווען די צדדים, וואס פלעגען זיך ברויכען צו משפט'ן, פלעגען פערלאנגען, אז ער זאל זיין דער ריכטער צווישען זיי, פלעגט ער ערקלערן: „שטעלט מיר צו א מענשען, וואס זאל ארבייטען אנשטאט מיר אויף מיין פעלד דערווייל, וועל איך געהן אייך משפט'ן". גאנץ אפט פלעגט מען איהם בעגעגענען אין אווענד, קומענדיג פון פעלד צוריק אהיים מיט דעם אקער און דער לאפעטע אויף דער אקסעל. איין מאל האט איהם אזוי בעגעגענט דער רייכסטער בבל'ישער איד, רב חנא בר חנילאי, וועלכער איז אויך בעוואוסט געוועזען אלס א גרויסער בעל־צדקה. וועגען איהם פלעגט

מען זאגען, אז אין דער אידישער מדה, צו זיין א פאטער פאר ארימע לייט, האט ער דערגרייכט ביז צו דער מדרגה פון אברהם אבינו. אין זיין הויז פלעגט מען טאג און נאכט באקען ברויט פאר ארימע לייט, און אין אלע פיער ווענד פון הויז זענען געווען אפען די טהירען, כדי דער ארימאן זאל קאנען ארייגקומען און אבעסטענדיג ארויסגעהן ווייטער. ווען רב חנא פלעגט ארויסגעהן אין גאס, פלעגט ער די האנד האלטען תמיד אין קעשענע, כדי נישט צולאזען לאנג ווארטען דעם ארימאן אויף די צדקה. אין דער הונגער-צייט האט ער געלאזט אויסשטעלען זעק מיט ווייץ און גערשטען ארום זיין הויז, כדי ביינאכט זאלען קומען און נעהמען דערפון די אנשטענדיגע ארימע לייט, וואס וואלטען זיך געשעמט צו טהון דאס בייטאג. ווען מען פלעגט ברויכען געבען א גרויסען אבצאהל פאר דער מלוכה, פלעגט רב חנא נעהמען אויף זיך דעם גרעסטען טייל דערפון. דערביי איז רב חנא געווען א גרויסער עניו, און ווען ער האט דערזעהן רב הונא מיט'ן אקער אויף דער אקסעל, האט ער געוואלט אראבנעהמען ביי איהם דעם אקער און טראגען איהם אליין. רב הונא אבער האט איהם דערויף געענטפערט: „דו ביזט נישט געוואוינט ביי זיך אין דערהיים אויך צו טהון אזא זאך, דעריבער וועל איך עס דיר דא אויך נישט לאזען טהון".

שפעטער איז רב הונא געווארען אנ'עושר און האט געהאט פיעל פעלדער און וויינגארטענס, וועלכע ער פלעגט לאזען בעארבייטען דורך ארבייטער, אבגעבענדיג זיי דערפאר א העלפט פון דער הכנסה; ער האט אויך געהאט גרויסע טשערעדעס שעפסען, וועלכע פלעגען זיך פאשען אין די סטעפעס פון דרום-בבל. זיין עשירות האט ער אבער פערטהון אויפ'ן שענסטען אופן: נאך די טעג, ווען עס פלעגען בלאזען די שטורם-ווינטען פון די סירישע מדבריות און ברענגען גרויסע שאדענס, פלעגט ער זיך לאזען טראגען אין א בעדעל' (Säufte) און די גאסען פון סורא, כדי צו בעטראכטען די שאדענס; פלעגט ער ערגיץ דערזעהען א הויז, וואס האלט ביים איינפאלען, פלעגט ער זי באלד לאזען אראברייסען און אויפבויען א נייע אויף זיין רעכנונג. בשעת ער פלעגט עסען, פלעגט ער הייסען עפענען אלע טהירען און אפען מודיע זיין: „כל דצריך ייתי וייכול" — „ווער עס נויטיגט זיך, זאל קומען עסען".

אין זיין ישיבה האבען געלערנט אכט הונדערט תלמידים און אלע ארימע פון זיי פלעגט ער אויסהאלטען אויף זיין חשבון. דער גרויסער כבוד, וואס מען האט איהם געגעבען פאר זיין תורה און צדקות, ווי אויך זיין גרויסע עניוות, האבען פונדעסטוועגען נישט פערבלענדעט די אויגען זיינע פריינד, און ווען זיי פלעגען אין איהם דערזעהן א פעהלער, פלעגען זיי איהם שטראפען און ער פלעגט זיי פאלגען און זיין פעהלער אויסבעסערען.

און רב הונא'ס צייטען האט דאס געמיינדע-לעבען בעקומען יענע

פֿאָרמע און אָרדנונג, וועלכע עס האָט געהאַלטען הערנאָך אין אַ משך פֿון אַכט הונדערט יאָהר. בּיסלעכוויז און כּמעט אָהן אַ כּוונה האָט זיך איינגעשטעלט אַ רעגעלמעסיגע היעראַרכיע, פֿון ניעדעריגערע און העכערע בּעאַמטע, אַזוי ווי אין אַן אײַנגעאָרדענטער מלוכה. די פֿערזאַמלונג, וואו מען פֿלעגט לערנען תּורה, האָט געהייסען מתיבתא (אַ ישיבה), דער פֿאָרשטעהער ריש מתיבתא (ראש ישיבה); אונטער דעם „ריש מתיבתא“ זענען געשטאַנען די „ראשי כּלה“, וועלכע פֿלעגען אין די ערשטע דרײַ וואָכען פֿון די צוויי לעהר־מאָנאַטען (זעה אויבען זײַטע 47) געבּען צו ערקלערען די תּלמידים די סוגיות און הלכות, וועלכע דער ריש מתיבתא וועט לערנען פֿאַר זיי. אַ בּעזונדערע שטעלע האָבּען פֿערנומען די דיינים, וועלכע זענען געשטאַנען נישט אונטער דעם ריש מתיבתא, נור אונטער דעם ריש גלותא; ווײַל אָבּער דער לעצטער איז נישט תּמיד געווען גענוג בּעהאַוועגט אין דער תּורה און אויסער דעם האָט ער קיין צײַט נישט געהאַט אָבּצוגעבּען זיך מיט דער דיינות, פֿלעגט מען בּעשטימען דיינים פֿון די תּלמידי חכמים פֿון דער ישיבה, וועלכע פֿלעגען אָבּהאַלטען זייערע זיצונגען פֿאַר דער טהיר פֿונ'ם פּאַלאַץ פֿון ראש גלותא (לויט ווי אַנדערע זאָגען: אין די טהויערען פֿון שטאָדט) און פֿלעגען דערום הייסען טהויער־ריכטער (דייני דבבא).

פֿערציג יאָהר נאָכאַנאַנד איז רב הונא געווען ראש ישיבה און דורך זײַן גרויסער אויטאָריטעט איז בּבל געוואָרען אינגאַנצען אומאָבּהענגיג פֿון ארץ ישראל. דאָס, וואָס עס איז אין דער היזיכט נישט געלונגען רב'ן, איז געלונגען הונא'ן: „מיר בּעטראַכטען זיך דאָ אין בּבל גאַנץ גלײַך, ווי אין ארץ ישראל“ — פֿלעגט ער צו זאָגען; ער האָט איבּערגעריסען די לעצטע שנור, וואָס האָט געהאַלטען געבּונדען די גלות־אידען צו ארץ ישראל, אָדער בּעסער: ער האָט געגעבּען דעם געזעצליכען אויסדרוק די לעבּענס־פֿאַקטען, דען פּראַקטיש איז בּבל שוין געשטאַנען דאַמאָלס העכער פֿאַר יהודה מיט איהר צאָהל פֿון תּלמידי חכמים און מיט איהרע אויטאָריטעטען. נור כּדי אָבּצוגעבּען כּבוד ארץ ישראל פֿלעגט מען נאָך אַמאָל שיקען אַהין אַ וויכטיגע שאלה. אין רב הונא'ס צײַטען איז די גרעסטע און אָנגעזעהענסטע ישיבה אין בּבל געווען סורא, און ווען רב הונא איז פּלוצלונג געשטאָרבּען (אין יאָהר 297) אין אַן עלטער פֿון אַכציג יאָהר, האָט ער איבּערגעלאָזען בּירושה זײַן גרויסען נאָמען און זײַנע זעלטענע מדות טובות זײַן זוהן רבה. רב הונא'ן האָבּען זײַנע תּלמידים און פֿערעהרער אָבּגעגעבּען אַ גרויסען כּבוד בּיי זײַן טויט. לויט זײַן צוואה, האָט מען איהם אָבּגעפֿיהרט צו קבורה קיין ארץ ישראל, וואו עס זענען איהם אַרויסגעקומען אַנטקעגען אַלע אָנגעזעהענסטע אידען מיט רבּי אמי און רבּי אסי אין דער שפּיץ. אין ארץ ישראל האָט מען נאָך איהם זעהר שטאַרק געטרויערט און מען האָט געזאָגט: „ער איז ווערט געווען, אַז עס זאָל אויף איהם רוהען די שכינה, נור וואָס אין

בבל איז דאס אוממעגליך געווען". צו קבורה האט מען איהם געבראכט אין דער היכל פון רבי חייא מיט זיינע זיהן, וועלכע האבען אויך גע־שטאמט פון בבל. ארונטערצוקומען אין דער היכל האט זיך אבער קיי־נער נישט דערוואויגען, אויסער דעם אלטען רבי חגי, וועלכער האט דארט איינגעשטעלט רב הונא'ס ארון.

ארץ ישראל איז שוין דאמאלס בכלל געווען געגליכען צו א גרויסען בית הקברות: א לאנד, וואס איז פול געווען מיט הייליגע קברים. קיין לעבעדיג אידיש לעבען איז שוין דארט כמעט נישט געווען. אין פיעל גע־גענדען איז די צאהל פון די גוי'אישע איינוואוינער געווען גרעסער פאר דער אידישער, און פאר די אידען איז דאס לעבען כמעט געווארען דארט אוממעגליך. די רייכערע אידען פלעגען נור שטערבען צו קומען דארט צו קבר ישראל.

איינער פון די גרעסטע אמוראים אין יענער צייט, דער קאנטראסט פון רב הונא, וועלכער האט אבער געהאט אין זיך יענע גוטע מדות, וואס עס האבען רב הונא'ן געפעהלט, איז געווען רב יהודה בר יחזקאל (געבוירען 225, געשטארבען 295). האטש ער איז געווען רב'ס א תלמיד, פונדעסטוועגען איז ער מעהר נוטה געווען נאך מר שמואל'ן. רב יהודה איז געווען א שארף אויסגעגאסענער כאראקטער מיט זעהר א הויכען טאַ־לענט, אבער דאדורך וואס ער האט צו־שטארק ליעב געהאט דעם אמת, וועלכען ער פלעגט אלעמען ארויסזאגען, האט ער געהאט וועניג פריינד. רב יהודה האט געשטאמט פון א גאנץ אלטער משפחה, וועלכע האט זיך געצויגען ביז די נביאים, און דעריבער פלעגט ער זעהר שטארק מקפיד זיין אויפ'ן יחוס פון יעדען מענשען, און דאס פלעגט איהם ברענגען אין צוזאמענשטויס מיט דער ארומיגער סביבה. זייענדיג אליין א פריינד פון איינפאכקייט און פשטות אין יעדער הינזיכט, האט ער נישט געקאנט סובל זיין יענע לייט, וועלכע פלעגען זיך ליעב האבען צו פערפיינערען און גרויסהאלטען; זייענדיג א פערעהרער פונ'ם הייליגען לאנד, האט ער פונדעסטוועגען נישט געוואלט, אז די תלמידים זאלען פערלאזען בבל און געהן קיין ארץ ישראל לערנען תורה, און ער פלעגט עס גאר אפילו האלטען פאר א פערברעכען, ווען מען פערלאזט בבל, כדי צו געהן קיין ארץ ישראל. זיינע פריינד און תלמידים, וועלכע פלעגען וועלען געהן קיין ארץ ישראל, פלעגען זיך מוזען באהאלטען פון איהם. די ישיבה, וועלכע ער האט געגרינדעט אין פומבדיתא, האט דערגרייכט צו זעהר א הויכער מדרגה: זי איז געווען פאר די צפון־פראווינצען פון בבל דאס, וואס סורא איז געווען אין דרום.

אלס געטרייער זוהן פון זיין געבורטס־שטאדט פומבדיתא, האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שארפען פערשטאנד, וועלכער האט ביי איהם געהערשט איבער דאס געפיהל. ער פלעגט צוליעב דעם אויך וועניג עוסק זיין זיך אין תפלה, נור די גאנצע צייט לערנען תורה. נור איין מאָ

אין חודש פלעגט ער ווידמען דעם האותען, אלע איבריגע טעג האט ער נור געלערנט. מר שמואל האט איהם שוין געהאט בעצייכענט מיט'ן נאמען „דער שארפזינניגער“ (שאננא!) און דאס האט ער דער ערשטער בעך שאפען יענעם האר־שארפען פלפול, וועלכער איז אין לאנד יהודה געווען נור א צייטווייליגע ערשיינונג און אין בבל איז ער געוואָרען היימיש און לסוף איז ער פערקריפעלט געוואָרען און איבעריגער פערשפיצטקייט. יהודה'ס לעקציעס האבען זיך בעצויגען בעזונדערס אויף „דיני ממונות“ (ציווילע משפטים), ווייל דערביי האט מען געקאָנט מאכען זעהר שארפע פערגלייכונגען, געפינען סתירות און מאכען דריבנגענישען, און די טעאריע האט אויך געפונען באלד אנ'אנווענדונג אין דער פראקטיק.

פונ'ם רייכע מאטעריאל פון דער הלכה האט רבי יהודה אריינגעפיהרט אין זיין ישיבה נור יענע הלכות, וואס האבען אנ'אומיטעלבארע שייכות צום לעבען, און יענע הלכות, וואס זענען איצט נישט וויכטיג, ווייל זיי בעציהען זיך אויפ'ן לעבען אין ארץ ישראל בשעת דער בית־המקדש איז נאך געשטאנען, פלעגט ער נישט ליעב האבען צו דרש'נען פאר'ן עולם. די הלכות פלעגט ער תמיד איבערגעבען אינ'ם נאמען פונ'ם מענשען, וועלכער עם האט זיי אויפגעטהון, אדער פון וועמען ער האט זיי געהערט. פונדעסטוועגען פלעגט זיין ברודער רמי, אדער רב אמי, זאגען: „גלויבט נישט, וואס מיין ברודער יהודה לערנט מיט אייך אינ'ם נאמען פון רב און שמואל, דען אונז איז די זאך איבערגעגעבען געווארען אנדערש“.

אין די ענינים פון יחוס־משפחות פלעגט רבי יהודה אזוי שטארק מדקדק זיין, אז ער האט זיין זוהן לאנג נישט געקאָנט חתונה מאכען, דען ער האט מורא געהאט משדך צו זיין זיך מיט א משפחה, וועלכע איז קיין ריין אידישע, נור זי האט זיך צומישט מיט די אומות אין דער צייט פון חורבן. וויכטיג איז די בעמערקונג פון עולא, וועלכער האט געפרעגט איינמאל ביי רב יהודה'ן: „צי קאָנען מיר דען בכלל זיין זיכער, אז מיר שטאמען נישט אב פון די גוים? בשעת דער בעלאגערונג פון ירושלים האבען דאך די גוים געשענדעט פיעל אידישע פרויען!“ דאס ציטערן פאר זיין יחוס האט רב יהודה'ן געבראכט זעהר פיעל אונאנגענעהמליכקייטען. איינמאל איז געקומען קיין פומבדיתא א רייכער איד פון נהרדעא, וועלכער איז זעהר שטאלץ געווען מיט זיין יחוס, דען ער פלעגט זיך בערימען, אז ער שטאמט פון די חשמונאים, ווייל זינט דער אונגליקליכער אלטער קעניג הורקנוס איז געווען אין בבל, זענען האָרט פערבליבען זיינע קינדער. דער האזיגער נהרדעא'ער האט געטהון גרויסע יחוס־שדוכים, און, בעזעצענדיג זיך אין פומבדיתא, האט ער נישט געקאָנט סובל זיין, וואס מען האלט רב יהודה'ן פאר א גרויסען מיוחס און מען גיט איהם אב גרויס כבוד. ער פלעגט חעריבער אונטער די אויגען זידלען דעם ראש־ישיבה און רופען איהם יהודה בר שוויסקאל. ווען רב יהודה האט

זיך דערפון דערוואוסט, האט ער דערזעהן דערין א שענדונג פאר זיין תורה און ארייגעלעגט דעם אידען אין חרם. באלד נאכדעם האט רב יהודה זיך דערוואוסט, אז דער איד רופט אן אלע מענשען מיט'ן נאמען „שקלאור“, האט האט רב יהודה אויסגערופען, אז דער איד שטאמט פון שקלאווען, ווייל אזוי האט געזאגט מר שמואל: „ווער עס ווארפט ארויף אויף עמיצען א פסול, פסל'ט האדורך זיך אליין“. דאס האט שוין דער נהרדעא'ער נישט געקאנט פערטראגען און ווייל ער האט געהאט א גרויסע משפחה, האט ער דערוועקט אנ'אמת'ען אויפשטאנד געגען רב יהודה. ערשטענס האט ער זיך בעקלאגט אויף רב יהודה'ן פאר רב נחמן בר יעקב, דעם אידעם פון ראש גלותא, א שטייגער, ווי רב יהודה וואלט מחויב געווען אבצוגעבען א רעכנונג פאר זיינע מעשים פאר רב נחמן. דער לעצטער האט זיך אבער געפיהרט מעשה־שררה, און האט ארויסגע־פאדערט צו זיך רב יהודה'ן צום געריכט. רב יהודה האט געהאלטען די זאך פאר א חוצפה, דען רב נחמן איז נאך געווען א יונגער מאן, וועהרענד רב יהודה איז שוין געווען אנ'עלטערער מענש און בעוואוסט פאר א גדול הדור. דער מעסיגער רב הונא האט אבער געראטען רב יהודה'ן צו שטעלען זיך צום געריכט. ביים געריכט האט דער יונגערער רב נחמן זיך פערענטפערט פאר רב יהודה'ן, אז ער האט איהם געפאדערט פאר'ן געריכט דערפאר, כדי מען זאל נישט זאגען, אז די תלמידי חכמים חנפ'נען איינער דעם אנדערן און זענען גאר נישט פעראנטווארטליך פאר זייערע מעשים. ווען רב יהודה האט ארויסגעשטעלט זיינע טענות, איז ארויסגעטראטען איינער פון די איינוואוינער פון נהרדעא מיט א געשריי: „ס'טייטש! אויף מיר וועט מען זאגען, אז איך שטאם פון שקלאווען, איך קום דאך ארויס פון די חשמונאים, פון דער אידישער קעניגליכער משפחה!“ פאר רב יהודה'ן איז אט דער געשריי געווען בוים־איל אויפ'ן פייער און ער האט אויסגערופען: „אט דאס האט דאך טאקי געזאגט מר שמואל — ווער עס ערקלערט, אז ער שטאמט פון די חשמונאים, איז ער א קנעכט, ווייל די לעצטע חשמונאירין, מרים, הורדוס'עס פרוי, האט ערקלערט, בשעת מען האט איהר געפיהרט צו דער'הרג'ענען, לויט הורדוס'עס בעפעהל, אז ווער עס וועט נור זאגען, דאס ער קומט ארויס פון די חשמונאים, איז ער א קנעכט פון הורדוס'עס משפחה, דען מיט איהר איז אויסגעלאשען געווארען דער לעצטער נפש פון די חשמונאים“. — אינ'ם טאג פונ'ם משפט איז גראד געקומען קיין נהרדעא דער אמורא רב מתנה, וועלכער האט בעשטעטיגט רב יהודה'ס מימרא אין שמואל'ס נאמען. דעריבער האט רב נחמן געלאזט אויסרופען, אז אלע, וואס בערימען זיך, דאס זיי שטאמען פון די חשמונאים, שטאמען פון קנעכט. ערשט איז אויסגעבראכען אנ'אמת'ער אויפשטאנד, ווייל אין נהרדעא זענען געווען פיעל גרויסע משפחות, וואס האבען זיך מיחס געווען נאך די חשמונאים, און זיי האבען געוואלט פערשטיינערן

רב יהודה'ן. אָבער ער האָט זיך פאַר זיי נישט דערשראָקען און ערקלערט, אַז אויב זיי וועלען איהם נישט לאָזען צורוה, וועט ער ענטדעקען נאָך מעהר סודות וועגען די פסול'ע אידישע משפחות. דער עולם האָט זיך דערשראָקען און יעדער האָט זיין שטיין אַריינגעוואָרפען אין טייך. די שטיינער זענען געווען אַזוי פיעל, אַז דער „קעניג־קאַנאַל“ איז פערשטאָפּט געוואָרען. קומענדיג צוריק אַהיים קיין פומבדיתא, האָט רב יהודה זיך נישט געקאָנט בערוהיגען און אָנגעהויבען ענטדעקען די פסול'ע משפחות; אַזוי אַרום האָט ער אָנגערירט אויך איינעם פון די גרויסע תקיפים בטי בר טוביא, וועלכער איז פריהער געווען אַ קנעכט און האָט זיך דערהויבען צו אַ הויכען צושטאַנד און איז געוואָרען אַ חשוב ביי „שבור מלכא“ (ביים קעניג שבור). פיעל יחוס־משפחות האָבען זיך מיט איהם בעפריינדעט און געוואָלט משדך זיין, אָבער רב יהודה האָט בעלאַזט אויסרופען: „בטי בר טוביא האָט נאָך נישט גענומען קיין בע־פרייאונגס־בריעף (שטר־שחרור) פון זיין הערן און איהם איז, אַלס אַ קנעכט, פערבאָטען צו מישען זיך מיט אידען“. ס'פערשטעהט זיך, אַז מען האָט געברויכט צו האָבען אַ גאַנץ שטאַרקען כאַראַקטער, אַרויסצוטרעטען מיט אַזאַ ענערגיע געגען אַ שטאַרקע פערזאָן, וואָס איז געווען אויך אַ חשוב ביים מלכות.

נישט ווייניגער פעסטקייט האָט רב יהודה אַרויסגעוויזען אויך אין אַן אַנדער פאַל, ווען ער האָט אַריינגעלעגט אין חרם אַ מיטגליעד פון הויכען געריכט, דערפאַר, וואָס עס איז אַרויס אַ שם־רע אויף זיינע אויסגעלאַסענע הנהגות. אין דער הינזיכט האָט רב יהודה געזאָרגט פאַר'ן כבוד פון דער תורה, און ווען ער איז שפּעטער קראַנק געוואָרען און דער מוחרם איז געקומען צו איהם פאַר זיין טויט איהם מבקר־חולה זיין, האָט רב יהודה ערקלערט: „ווי גליקליך שפיר איך זיך, וואָס איך האָב אַפילו אויך אַזאַ גרויסען תלמיד־חכם, ווי דו ביזט, נישט געשוינט, זאָרגענדיג פאַר'ן כבוד פון דער תורה“. — צוליעב זיין גרויסער חריפות און לומדות, האָבען אָבער רב יהודה'ן די מענשען פון זיין צייט מוחל געווען אויף זיין העפטיגקייט און אונערביטערליכקייט. זיין אָנזעהען איז געווען זעהר גרויס נישט בלויז אין בבל, נור אויך אין ארץ ישראל און אין אַנדערע לענדער.

דער יונגסטער אין'ם דאָזיגען קרייז פון אמוראים איז געווען רב נחמן בר יעקב, דעם ראש גלותא'ס איידעם (געשטאָרבען 320); אין איהם זעהען מיר צו־ערשט דעם שטאָלצען בבל'ישען אידען, וועלכער איז זיכער מיט זיין עקזיסטענץ און וואוילשטאַנד; זיין פרוי ילתא האָט אין זיך געטראָגען די גאַנצע גדלות פון איהר פאָטער'ס הויז און זיין ליעבע צו אַ פראַכטפולען לעבען. זיין שוועהר האָט איהם בעשטימט אויף דער שטעלע פון אַנ'עלטסטען איבער אַלע דיינים און ער האָט זעהר הויך געטראָגען זיין דאָזיגע התמנות, פיהרענדיג זיך שטענדיג שטרענג

לויט'ן דין, אָהן קיין שום רחמנות. איינמאָל איז געקומען צו איהם אַן אַלטע פרוי קלאָגען זיך אויף די קנעכט פון ראש גלותא, זיין שוועהר, אַז זיי האָבען ביי איהר מיט געוואַלד צוגענומען געהילץ, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעגרייט צו בויען אַ הויז, און האָבען אויסגעבויעט אַ סוכּה פאַר'ן ראש גלותא און די תלמידי חכמים, וואָס זיצען ביי זיין טיש; דערביי האָט די פרוי אויסגערופען: „דער ראש גלותא און די תלמידי חכמים זיצען אין אַ גע'גזל'טע סוכּה". רב נחמן, וועלכער איז אויך דאַמאָלס אין סוכּה געזעסען, האָט איהר דערויף גאָר נישט געענטפערט. די פרוי אָבער האָט זיך נישט איינגענומען און אויסגערופען: „איך, די פרוי, וואָס שטעהט דאָ פאַר אייך, בין אַ טאָכטער פון אַשור, וועלכער איז פיעל גרעסער געוועזען פאַר אייך, דען דריי הונדערט מיט אַכטציהן קנעכט האָבען איהם בעדיענט (ס'הייסט: איך בין אברהם אבינו'ס טאָכטער) און איהר מיט אייער גדלות ווילט מיך נישט אויסהערען!" רב נחמן איז בייז געוואָרען און אויסגערופען: „זי איז אַ שרייערקע! עס קומט איהר נישט מעהר, ווי צו בעצאָהלען פאַר דאָס געהילץ!" אויך מיט זיינע קנעכט און דיענסטען האָט ער זיך בעגאַנגען זעהר שטרענג און רעדענדיג מיט די גדולים פון זיין צייט, האָט ער זיי גאַנץ אָפט פוגע בכבוד געוועזען, ווי ער האָט זיך אויך בעגאַנגען מיט'ן אַלטען ראש ישיבה, רב יהודה. בכלל איז רב נחמן, אין הינזיכט פון שטרענגקייט און גדלות, געוועזען אַן אויסנאַהמע צווישען די אידישע חכמים, וועלכע האָבען זיך אַלע אויסגעצייכענט מיט זייערע זעלטענע מדות־טובות און בעזונדערס מיט רחמנות.

ראש ישיבה אַנשטאָט רב יהודה'ן איז געוואָרען דער אַלטער רב חסדא פון כפרי (געבוירען 218, געשטאָרבען 310). רב חסדא איז געוועזען איינער פון די בעסטע רב'ס תלמידים און, ווען ער פלעגט דערמאָהנען רב'ן, פלעגט ער איהם רופען אונזער גרויסער רבי. אין זיין פאַמיליען־לעבען איז ער געוועזען זעהר גליקליך, דען ער האָט געהאַט פיעל געראָטענע זיהן און צוויי טעכטער, וועלכע ער האָט אויסגעגעבען פאַר די אמוראים, די ברידער רב מרי און רב עוקבא, די זיהן פון זמא. אין דער יוגענד איז ער אָרים געוועזען, אָבער דערנאָך איז ער אַזוי רייך געוואָרען, אַז זיין עשירות איז געוואָרען אַ שפּריכוואָרט. אַכציג חתונות האָט ער געשטעלט צווישען זיינע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. אין זיין אופן לערנען איז ער גלייך געוועזען צו רב יהודה'ן, דען אויך אַזוי, ווי ער, איז רב חסדא געוועזען אַ גרויסער מפולפל.

רב חסדא'ס חבר, רב ששת, אָדער מר ששת, איז געוועזען אַ בלינדער און האָט געהאַט אַ געוואַלדיגען זכּרון, דען ער איז געוועזען קלאָר אויסווענדיג אַלע משניות, ברייתות און תוספתות. דעם פלפול האָט ער פיינד געהאַט, און ווען ער פלעגט הערען, ווי עמיצער זאָגט פלפול, פלעגט ער איראָניש בעמערקען: „צי זעגט איהר אַמאָל אַ פומבדיתא'ער? **נישט**

אימזיסט ליעבט איהר צו לאזען געהן א העלפאנט דורך א לעכעל פון א נאדעל!"

אויך דער אמורא רבי זירא (זעירא) האט געהערט צו יענער צייט, אבער ער האט נישט געוואלט לעבען אין בבל און איז אויסגעוואנדערט קיין ארץ ישראל, וואו ער פלעגט גאט בעטען, אז ער זאל פערגעסען די תורה פון די בבלים מיט זייער פלפול. זיין תשוקה צו געהן קיין ארץ ישראל איז אזוי גרויס געוועזען, אז ער האט זיך בעהאלטען פון רב יהודה'ן, וועלכער וואלט איהם נישט געלאזען ארויסגעהן פון זיין פאטערלאנד בבל, און איז אנטלאפען. קומענדיג צום ברעג ירדן, האט ער נישט געפיר נען קיין שיפעל אריבערצוגעהן איהם און זיך געלאזט געהן איבער א שטריק מיט מסירות־נפש. ווען דאס האט דערזעהן א קריסט, האט ער פון איהם אנגעהויבען אבלאכען פאר זיין איילען זיך. רבי זירא האט איהם אבער געענטפערט: „ווי אזוי זאל איך זיך נישט איילען? משה און אהרן האבען דאך נישט געהאט די זכיה צו זעהען דאס לאנד ביים לעבען, טאמער וועל איך דאס אויך נישט זוכה זיין". אין ארץ ישראל האט מען איהם באלד געגעבען סמיכה און צוליעב דעם, וואס ער איז געוועזען נישט שען פון געשטאלט, האט מען צוליעב איהם געזונגען: „נישט געפארבען, נישט געפוצט, און דאך א שענהייט!" אין ארץ ישראל האט רבי זירא מאריך־ימים געוועזען און איז געשטאנען אין דער ערשטער רייהע פון די אמוראים צוזאמען מיט רבי אמי, רבי אסי און רבי אבהו. נאך זיין טויט האט מען איהם מספיד געוועזען אין פאלגענדע ווערטער:

גענשוואנגערט, געבוירען האט בבל,
יהודה האט ערצויגען איהר צירונג;
„אוי, וועה מיר, טהוט קלאגען איצט טבריה,
מיין שענהייט האב איך ערשט פערלוירען!"

---

## זיבענטעס קאפיטעל.

# די אידען אונטער דיאקלעטיאן און די ערשטע קריסטליכע קיסרים.

(פון 280 ביז 320).

בעגען סוף פון דריטען יאהרהונדערט האט מען געקאנט מיינען, אז רוים האלט שוין ביים אונטערגעהן, נאכדעם ווי מען האט דערהרג'עט א גאנצע רייהע פון קיסרים, א קורצע צייט נאכדעם, ווי מען האט זיי אויפ'ן טראהן געזעצט. די ארמעע, וועלכע האט אויסגערופען קיסרים אויף א טאג־צוויי איז שוין נישט געוועזען קיין רוימישע, נור פון די פרעמדע אדער בארבארישע פעלקער. עס האט זיך אנגעהויבען די וואנדערונג פון די פרעמדע פעלקער, וועלכע עס האט געצויגען צו רוים דאס גרויסן

דאָרטיגע עשירות און פּרעכטיגקייט. די באַלדיגע מפּלה פון דער רוימי־שער מלוכה איז נאָך אָבגעהאַלטען געוואָרען אויף אַ געוויסע צייט דורך דעם סאָלדאַטען־קייזער דיאָקלעטיאַן מיט זיינע געהילפען. דער גע־וואַלטיגער זוהן פון אַ קנעכט האָט נור דאַדורך נאָך געקאָנט ווי־עס־איז אָבהאַלטען די אַנאַרכיע אין רוים, וואָס ער האָט פערטיליגט די לעצטע שפּורען פון דער אַמאָליגער רוימישער פרייהייט און געמאַכט די גאַנצע רוימישע בירגערליכע בעפעלקערונג פאַר האַלב־שקלאַווען. אין ארץ ישראל האָט מען בעאָבאַכטעט די דאָזיגע געשעהענישען מיט גרויסער אויפמערקזאַמקייט און מען האָט געפונען, אַז אין תנ״ך זענען זיי שוין לאַנג פאָראויסגעזאָגט געוואָרען; אין דער פערטער חיה, וועגען וועל־כער עס רעדט דער ספר דניאל, האָט מען געזעהען די רוימישע מלוכה, „וועלכע האָט איהר טיראַנישע געזעצען צו שפּרען אַלע פעלקער". אוידער דיאָקלעטיאַן האָט געקאָנט קייזער ווערען, האָבען דריי קיסרים געמוזט געשטירצט ווערען: קאַרוס, קאַרינוס און קערוויזיעס. די דאָ־זיגע מערדערײַ האָבען די תלמידי־חכמים אין ארץ ישראל אויך געפונען פאָראויסגעזאָגט אין ספר דניאל: „דריי הערנער וועלען פאַר איהם צו־בראָכען ווערען". די געשעהענישען אין רוים האָבען אַזוי שטאַרק בע־שעפטיגט די אידישע תלמידי־חכמים אין ארץ ישראל, אַז זיי האָבען וועגען דעם געטראַכט נישט נור אויפ'ן וואַך, נור אויך אין חלום. אין דעם טאָג, ווען דיאָקלעטיאַן איז קייזער געוואָרען, האָט רבי אמי אין טבריה געזעהען אַ חלום, וועלכער איז איהם ערשיענען ווי אַ נבואה: „נאָך דיאָקלעטיאַן וועט נור איין קייזער נאָך זיין אין רוים". האַלב אויף האַלב איז דער דאָזיגער חלום מקוים געוואָרען, ווייל באמת האָט נאָך דיאָקלעטיאַן געקעניגט אין רוים נור איין געצעגדיענערישער קייזער.

וועהרענד דיאָקלעטיאַנס רעגירונג איז געווען נשיא אין טבריה רבי יהודה דער דריטער, דער זוהן פון רבי גמליאל דעם פערטען, וועלכער איז אַזוי ווענינ געווען בעהאַוועגט אין דער הלכה, דאָס ער פלעגט זיך ווענדען אַליין מיט שאלות צו די אמוראים, און אין דער ישיבה איז אויך געווען דער הויפּט־לעהרער נישט ער, נור רבי יוחנן. נאָך רבי יוחנן זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער ישיבה די אמוראים, וועלכע זענען געקומען פון בבל: רבי אמי, רבי אסי און רבי חייא בר אבא. דער ארץ־ישראל־געבירטיגער רבי אבהו איז געווען בעוואוסט אַלס אַ גרויסער בעל־אגדה, אָבער אין דער הלכה איז זיין אויטאָריטעט נישט גרויס געווען. פונדעסטוועגען האָט מען אָבער דעם נשיא נאָך אַלץ אָב־געגעבען דעם אַמאָליגען כבוד. די אנגעזעהענסטע משפחות פלעגען נאָך אַלץ קומען צו איהם אָבגעבען איהם אַ וויזיט, און דער נשיא, רבי יהודה, האָט, ווי פריהער זיינע גרויסע עלטערן, געזאָרגט פאַר די קהלות און די ישיבות. ער האָט בעפוילען די דערמאָהנטע דריי פאָרשטעהער פון דער ישיבה, אַז זיי זאָלען מאַכען אַ רייזע צו די פערשיעדענע אידישע

קהלות אין ארץ ישראל, כּדי צו בּעאָבּאַכטען דאָרט די הנהגות אין די בּתּי־כּנסיות און בּתּי־מדרשים; דאָרט, וואו זיי האָבּען געהאַלטען בּיים אומטערגעהן, האָבּען די שלוחים געדאַרפט זיך בּעמיהען איינצואָרדנען זיי פֿון דאָס נייע. אין איין שטאָדט האָבּען די שלוחים נישט געפֿונען נישט קיין דרשנים פֿאַר'ן פֿאָלק, נישט קיין מלמדים פֿאַר דער יוגענד און האָבּען געבּעטען די פֿאָרשטעהער פֿון דער קהלה, צו ווייזען די „היטער פֿון שטאָדט". ווען מען האָט זיי פֿאָרגעשטעלט די בּעוואָפֿענטע שטאָדט־שומרים, האָבּען זיי בּעמערקט: נישט זיי זענען די אמת'ע שומרים פֿון שטאָדט, זיי זענען נור די צושטערער; די אמת'ע שומרים אָבּער זענען די דרשנים פֿאַר'ן פֿאָלק און די מלמדים פֿון דער יוגענד, דען „ווען גאָט וועט דאָס הויז נישט היטען, וועט אומזיסט שטעהן אויף דער וואַך דער שומר".

דיאָקלעטיאַן איז געווען אין דער ערשטער צייט פֿון זיין רעגירונג אין אַנטיאָכיען, כּדי צו קעמפּפֿען געגען די אַנפֿאַלען פֿון די פּערסער. די שונאים און די ווהאָס האָבּען מקנא געווען דעם נשיא, האָבּען, ווי עס שיינט, דאָרט אַנגערעדט בּייז אויף איהם בּיי דיאָקלעטיאַן; זיי האָבּען איהם אויך דערצעהלט, אַז אין דעם קרייז פֿונ'ם נשיא לאַכט מען אָבּ פֿון זיין נידעריגער אָבּשטאַמונג און פֿון זיין בּיינאָמען אַפּער (ווילדער חזיר). דיאָקלעטיאַן האָט בּאַלד געשיקט אַ בּעפֿעהל צום נשיא רבּי יהודה צו קומען צו איהם קיין אַנטיאָכיען. ווי עס שיינט אָבּער, האָט דער נשיא בּעוויזען אָבּצווענדען דעם צאָרן פֿון קייזער דיאָקלעטיאַן, דען ער האָט זיך אַרויסגעוויזען גאַנץ פֿריינדליך געגען די אידען, מעגליך, אפֿשר דעהער פֿאַר, וואָס ער האָט זעהר געהאַסט די קריסטען, און וועלכע ער האָט געזעהן די איינציגע סבּה פֿון רוים'ס שוואַכקייט, ווייל די קריסטען האָבּען דורכ'ן פֿערשפּרייטען זייער אמונה אָבּגעשוואַכט דעם אַלטען רוימישען גייסט און די אַלטע רוימישע רעליגיע. די שטרענגע עדיקטען, וועלכע דיאָקלעטיאַן מיט זיינע מיט־קיסרים האָבּען אַרויסגעגעבּען געגען די קריסטען (303 נאָך קריסטוס), אַז מען זאָל זיי צווינגען צו דינען צו זיין בּילד, ווי צו אַ גאָט, און אַז מען זאָל פֿערשליסען זייערע קירכען און נישט לאָזען זיי ערפֿילען זייער גאָטעסדינסט — די דאָזיגע עדיקטען האָבּען צו די אידען קיין שייכות נישט געהאַט, דען אין עדיקט איז בּפירוש געשטאַנען, אַז די אידען דאַרף מען נישט צווינגען אָבּצוזאָגען זיך פֿון זייער רעליגיע. נור די שמרונים האָט מען אויך אַזוי, ווי די קריסטען, געצוואונגען צו ברענגען קרבּנות צו די אָבּגעטער. צי האָבּען די דאַמאָליגע קיסרים דערפֿאַר גערודפֿ'ט די שמרונים, ווייל זיי האָבּען זיי צוזאַמען מיט די קריסטען געהאַלטען פֿאַר אַ אידישע סעקטע? אָדער אפֿשר האָבּען די שמרונים בּעגאַנגען עפּעס אַ פֿערבּרעכען געגען דער מאַיעסטעט פֿון דער רוימישער מלוכה? פֿיעל שמרונים זענען דעם נסיון נישט בּיי־געשטאַנען און האָבּען געדינט צו די אָבּגעטער, ווי מען האָט פֿון זיי געפֿאָדערט. דעריבּער האָבּען די אידען אַנערקענט אַלע שמרונים פֿאַר

געצענדיענער און האבען ענדליך איבערגעריסען מיט זיי אלע בעציהונגען. דאס איז געווען אן׳איינביגער אונגליק פאר ביידע נאהענטע משפחות, די אידען און די שמרונים, אז זיי האבען קיינמאל נישט געקאנט פעראייניגען זיך אויף א לאנגע צייט און דוקא דאן, ווען אזא פעראייניגונג איז געווען גאנץ מעגליך, איז צווישען זיי דער פירוד געווארען נאך גרעסער. אין דער לעצטער צייט האבען די אידען מיט די שמרונים געלעבט אין גאנץ גוטע בעציהונגען. מען האט די שמרונים אנערקענט פאר גאנץ געטרייע אידען, און רבי מאיר׳ס פארשלאג, אנצוערקענען די שמרונים פאר געצענדיענער, האט מען נישט דורכגעפיהרט; דאס טעגליכע צוזאמענלעבען מיט זיי און די געשעפטליכע בעציהונגען האבען געוואוינט בעמאכט איינע צו די אנדערע. אפילו רבי יוחנן האט זיך נישט געשראקען צו ערלויבען צו קויפען פלייש ביי א שמרוני (כותי). די אמוראים נאך איהם האבען שוין געפאדערט, אז מען זאל זיך פון די שמרונים אבזונדערן, און דאדורך זענען אי די שמרונים, אי די אידען אבגעשוואכט געווארען. דאס קריסטענטום איז געווען אין דער הינזיכט פאליטישקלוגער און באלד נאך ביידענס אבשוואכונג האט עס דערגרייכט צו דער וועלט-הערשאפט. דאמאלס האט עס ביידען גלייך אנגעהויבען רודפ׳ן. די גאלגאתא 1) דערהויבען אויפ׳ן קאפיטאל אין רום האט מיט א דאפעלטער מאכט געדריקט אי דעם בארג ציון, אי דעם בארג גריזים.

מערקווירדיג איז עס, אז אפילו אין דער שווערער צייט האט זיך דאס יודענטום פערשטארקט דורך די פיעל גרים, וואס זענען צו איהם צוגעשטאנען פון די געצענדיענער. ווען די אידען וואלטען דאמאלס געוואלט זארגען וועגען דעם פערשפרייטען זייער רעליגיע צווישען די פעלקער, וואלטען זיי אפשר בעקומען מעהר גרים, ווי דאס קריסטענטום. דען אין רוים איז דאמאלס דאס פאלק געווען אין א בעזונדערס געדריקטען צושטאנד: דאס פערלירען די פרייהייט, דאס אריינדרינגען פון די ווילדע פעלקער האבען בילעכווייז אבגעשוואכט דעם גלויבען אין די אבגעטער און אין זייער בעשיצען די אלטע שטאדט רוים; דאס פאלק האט געגארט נאך א נייער אמונה, נאך א נייעם גאט; דער לעצטער געצענדיענערישער קייזער האט זיך פיעל אנגעהאלטען אן דעם אלטען רוימישען קולט, כדי נישט איינגענומען צו ווערען דורך דער נייער רעליגיעזער בעוועגונג, וועלכע האט זיך אנגעהויבען פונ׳ם לאנד יהודה. דאס יודענטום האט אבער קיין גרים נישט פערלאנגט, ווען עס האט מורא געהאט, דאס עס זאל דאדורך אליין נישט פערלירען זיין ריינעם כאראקטער און נישט אונטערגעהן. וועהרענד רבי אבהו האט זיך געפרעהט, וואס עס קומען צו נייע אידען, גרים, וועלכע אנערקענען דעם אידישען גאט, האבען די צופרומע אידען אין אנדערע ערטער אבגעשטויסען פון זיך די גרים. קיין

1) דער בארג, וואו מען האט ישו, לויט דער זאגע, געקרייצט.

גרויסע און וויכטיגע פערזענליכקייט האט אבער ארץ ישראל אין יענער צייט שוין נישט ארויסגעגעבען. דאס לאנד, וואס האט אין א משך פון פופציהן יאהרהונדערטע ארויסגעגעבען גרויסע מלכים, פעלד-הערען, דיכטער, פייערדיגע גבורים און פיעל גרויסע תנאים, האט איצט אויסגערויזען, ווי אפגע'חלש'ט און האט אויפגעהערט צו געבוירען גרויסע לייט. דער איינציגער בעדייטענדער מאן אין רבי יהודה הנשיא'ס צייטען, אדער אונטער דיאקלעטיאן, איז געווען רבי אבהו פון קסרין און זיין גרויסקייט איז בעשטאנען, ווי שוין דערמאהנט, אין דער אגדה. ער איז געווען זעהר בערעדעוודיג און אנ'אנגענעהמער פרעדיגער. ער האט עס פערשטאנען אויסגעצייכענט, ווי אזוי צו שעפען טרייסטרייד פאר דאס אונגליקליכע פאלק און איינצופלעכטען אין די ציטאטען פון תנ"ך. רבי אבהו האט גוט געקענט די גריכישע שפראך, און אין קסרין האט ער פיעל פערבראכט מיט די דארטיגע גוים. זיינע טעכטער האט ער געלאזט גוט אויסבילדען אין דער גריכישער ליטעראטור, ווייל ער האט דאס געהאלטען פאר א צירונג פאר די פרויען.

צוליעב זיין גוטער בעקאנטשאפט מיט דער גריכישער ליטעראטור, וועלכע פיעל האבען געהאלטען פאר אנ'עבירה, פלעגט ער צו זאגען צוזאמען מיט קהלת: „עס איז גוט, אז דו זאלסט דאס (די הלכה) פעסטהאלטען, אבער אויך יענץ (די גריכישע בילדונג) נישט פערנאכלעסיגען, ווייל דער פרומער מאן ווייס פון אלץ נוצען צו האבען". ביים רוימישען פראקאנסול איז ער געווען א גרויסער חשוב פאר זיין בילדונג, און, ווי עס שיינט, איז ער אויך געווען א מקורב ביים קייזער דיאקלעטיאן, און האדורך האט ער אבגעווענדעט אייניגע שטרענגע גזרות פון אידען. פאלגענדער אינטערעסאנטער פאל איז דאמאלס פארגעקומען, און מען קען פון איהם ארויסזעהען די אינערליכע בעציהונגען אין ארץ-ישראל: דער בית-דין פון רבי חייא בר אבא, רבי אמי און רבי אסי האט בעשטראפט שטרענג א געוויסע פרוי תמר פאר איהר אויסגעלאסענקייט. די זינדערין האט אנגעקלאגט די אידישע דיינים ביים פראקאנסול, אז זיי האבען גע'משפט דיני נפשות. די דיינים האבען זיך געווענדעט צו רבי אבהו'ן, אז ער זאל אויסנוצען זיין איינפלוס און משתדל זיין זיך פאר זיי. רבי אבהו האט אבער געענטפערט, אז געגען דעם נקמה-געפיהל פון דער שענער פרוי איז זיין איינפלוס צו שוואך. זיין ענטפער האט ער געשריבען אין א כאראקטעריסטישען סטיל, אז א זייטיגער מענש זאל נישט פערשטעהן דעם אינהאלט פון בריעף. אין זיין בריעף האט רבי אבהו, נעמליך, געשריבען פאלגענדעס: „מיר האבען שוין אלץ געבראכט אין ארדנונג (מפייס געווען) וועגען די דריי מוסרים אויטאקאס (טוב-ילד), אוימאטהעס (טוב-למד) און טהאלאסעאוס (תרשיש), אבער תמר שטעהט אין איהר ביטערקייט (תמר בתמרוריה עומדת) און מיר האבען

איהר אומזיסט געדואַלט זיס מאַכען". ווי מען זעהט, האט רבי אבהו זיך בעמיהט איבערזעצען די גריכישע נעמען אויף ריין העברעאיש און געשריבען האט ער דיפּלאמאַטיש, אַז נישט אַלע זאָלען פערשטעהן זיין מיין.

מפרנס געווען האט זיך רבי אבהו פון אַ מלאכה: ער פלעגט אויסארבייטען שלייערס פאַר פרויען. דערפון האט ער אנגעקליבען אַ גרויסען פערמעגען און האט זיך געקויפט פיעל גאטהישע שקלאַווען און מעבעל פון העלפאַנט-ביין. ער איז אָבער געווען אַליין אַ גרויסער עניו און אַ מיל-חער האַראַקטער און האט גאַנץ ווייניג געוואוסט פון זיין אייגענעם הויכען ווערט. איינמאָל האט ער געהאַלטען אין איין אָרט זיינע דרשות אין אגדה, אין דערזעלביגער צייט, וואָס רבי חייא בר אבא. דער עולם האט אָבער מעהר בעזוכט זיינע דרשות, ווייל זיי זענען געווען פאָפולערער, ווי רבי חייא'ס, און פיעל אנגענעהמער. ווען רבי חייא האט זיך דערפון דער-וואוסט, איז ער געוואָרען זעהר אומרוהיג; רבי אבהו האט איהם אָבער בערוהיגט, ערקלערענדיג: „דיין תורה איז גלייך צו בריליאַנטען, וואָס מען ברויך צו האָבען אויף זיי אַ גרויסען מבין. איך האַנדעל מיט שפּיעלצייג, און דוקא דאָס געפעלט יעדען."

בכלל איז דאָס טיעפע שטודיום פון דער הלכה שוין געווען זעהר אומבעליעבט אין די ארץ-ישראל'דיגע קהלות און מען פלעגט פיעל ליעבער געהן הערען די דרשות פון אגדה. די ישיבות, וואו מען פלעגט לערנען די הלכה, זענען לעדיג געוואָרען, דאַגעגען די שוהלען, וואו עס פלעגט רעדען אַ דרשן, זענען געווען געפאַקט. די תלמידי-חכמים האָבען זיך דעריבער איינגעטיילט אין צוויי קלאַסען, וועלכע זענען געווען כמעט אומפריינדליך איינער צו דער אַנדערער: אויף אמוראים און דרשנים. פון אַ דרשן האט מען פערלאַנגט, אַז ער זאָל האָבען אַ גוטע שטימע; די בעלי-הלכה פלעגען דערפון אָבלאַכען און זאָגען: „עס איז בעסער דאָס אָנשרייען פון אַ חכם, איידער דאָס ליעד פון אַ נאַרען". דאָס דאָזיגע אָבלאַכען האט נישט געמאַכט קיין רושם: מען פלעגט פאָרט בעסער געהן הערען די דרשנים, איידער די בעלי-הלכה. רבי אבהו איז געווען אי אַ בעל-הלכה, אי אַ גרויסער דרשן. זיין אמת'ע גדלות איז אָבער בעשטאַנען אין זיינע מדות-טובות, ענוות און מילדקייט. זיין גרויסע ענוות און מילדקייט קאָן מען אַרויסזעהען פון פאָלגענדעם: אין ארץ-ישראל איז איינמאָל געווען אַ גרויסע טרוקעניש, און מען האט גוזר-תענית געווען, אַרויסגעטראָגען די ספר-תורה אויפ'ן מאַרק מיט'ן עמוד, און, לויט'ן מנהג, האט דער אַנגעזעהענסטער מענש פון דער קהלה געדאַרפט אַרויסטרעטען פאַר אַ שליח-צבור (חזן) צו דער תפלה. און אָט האט מען פאָרגעשלאָגען פאַר'ן פּעסטען חזן איינעם אַ שענדליכען מענשען, וועלכער איז געווען בעוואוסט מיט זיין פענטעקאַקאַ (אויף גריכיש הייסט עס: דער „פיינקיינדיגער"). רבי אבהו האט געשיקט נאָך איהם, און ווען ער האט ביי איהם געפרעגט, מיט וואָס ער בעשעפטיגט זיך, האט דער מענש געענטפערט:

„איך בין אַ מעקלער ביי שאַנד־מעדלעך; איך פֿיר דאָס טעאַטער, טראָג נאָך פֿרעמדע קליידער און באָד אַריין און בין און באָד אַ בדחן, אויסער דעם שפּיעל איך אויף דער פֿלייט“. — „צי האָסטו עפּעס אַמאָל געטהון אַ מצוה אין דיין לעבען?“ — האָט רבי אבהו איהם געפֿרעגט. — „איינמאָל — האָט פּענטעקאַקאַ הערויף געענטפֿערט. — ווען איך האָב אויסגעקעהרט דאָס טעאַטער, האָב איך דערזעהן אַ פֿרוי, וואָס איז געשטאַנען צווישען די סלופּעס און האָט געוויינט. ווען איך האָב ביי איהר געפֿרעגט, פֿאַרוואָס זי וויינט, האָט זי מיר דערצעהלט, אַז איהר מאַן איז גענומען געוואָרען געפֿאַנגען, און כדי אויסצוקויפֿען איהם, האָט זי נישט קיין אַנדער מיטעל, ווי צו פֿערקויפֿען איהר ציכטיגקייט און עהרע. און ווען איך האָב דאָס דערהערט — האָט פּענטעקאַקאַ ווייטער דערצעהלט — האָב איך פֿערקויפֿט מיין בעט מיט מיין קאָלדרע מיט אַלץ, וואָס איך האָב פֿערמאָגט, און אָבגעגעבען דער פֿרוי, זאָגענדיג צו איהר: „נאַ, דאָ האָסטו דאָס געלד, וואָס דיר פֿעהלט; געה און קויף־אויס דיין מאַן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט און דיין עהרע און ציכטיגקייט זאָלסטו נישט פֿערקויפֿען“. ביי די דאָזיגע ווערטער האָט רבי אבהו אויסגערופֿען: „דו ביזט ווערט מתפּלל צו זיין פֿאַר אונז אין דער נויט“.

נישט קוקענדיג אויף זיין מילדקייט, פֿלעגט פֿונדעסטוועגען רבי אבהו זעהר שאַרף אָנפֿאַלען אין זיינע אגדה'שע דרשות אויף דאָס קריסטענטום, וועלכעס האָט אין יענער צייט אָנגעשטרענגט אַלע איהרע קרעפֿטען צו ווערען אַ וועלט־בעהערשערין און פֿלעגט אַרויסטרעטען מיט ויכוחים סיי געגען די געצענדיענער, סיי געגען די אידען, טענה'דיג, אַז נור דאָס קריסטענטום אַליין האָט דאָס רעכט צו עקזיסטירען. די פֿערטרעטער פֿון יודענטום קעמפּפֿען מיט זייער וואָרט געגען איהם, אונטערגראָבענדיג זיינע פֿונדאַמענטען און אויסנוצענדיג זייער גייסט און וואָרט, כל־זמן מען האָט נאָך זיי נישט פֿערשלאָסען דעם מויל מיט געוואַלד, ווי דאָס איז שפּעטער פֿאָרגעקומען. רבי אבהו האָט אין זיינע דרשות איבער'ן תנ"ך געקעמפּפֿט געגען אַלע יסודות פֿון דעם פּאַול'שען קריסטענטום. מיט אַ דור שפּעטער וואָלט ער פֿאַר אַזעלכע דרשות בעצאָהלט מיט'ן לעבען.

אָבער נישט דאָס געוועהר פֿון אידישען גייסט, נישט די געוואַלט פֿון דער וועלטליכער מאַכט, וואָס די רוימער האָבען געגען די קריסטען אָנגעווענדעט, האָבען נישט געקאָנט אָבהאַלטען דעם גרויסען פֿאָרטשריט פֿון דער קריסטליכער פּראָפּאַגאַנדאַ. דאָס יודענטום האָט אַודאי געקאָנט שטאָלץ זיין דערויף, וואָס איינער פֿון זיינע זיהן פֿונ'ם קליינעם שטעדטעל אין זיין לאַנד האָט מיט זיין גייסט געקאָנט איינגעהמען פֿעלקער און מלוכות און אַראָבזעצען אויך מלכים פֿון די גרעסטע טראָהנען, אַרויפֿזעצענדיג אָנשטאָט זיי זיינע אָנהענגער, די וועלכע אָנערקענען די הויפּט־יסודות פֿונ'ם יודענטום. אָבער דאָס קריסטענטום האָט זיך נישט אָבגעשטעלט ביי דער מילדקייט פֿון זיין גרינדער, און נאָכדעם ווי עס איז אַליין

געוועזען א לאנגע צייט געהאסט און גע'רודפ'ט, האט עס גענומען זיך רודפ'ן און פערראכטען זייגע געגנער, און, בעזונדערס, זיין אייגענע מוטער — דאס אידענטום. און אט דאס איז געוועזען די הויפט-סבה, פאר וואס די אידישע תלמידי-חכמים זענען אין יענער צייט ארויסגעטראטען שארף געגען דעם קריסטיענטום. דערווייל איז אבער די געצענדיענערישע רוים געפאלען אלץ נידעריגער, און די קריסטליכע רוים האט אנגעהויבען צו וואקסען; ירושלים האט שוין לאנג פערלוירען איהר בעדייטונג פאר אידען, איבערגעבענדיג איהר גרויסקייט פריהער יבנה, דערנאך טבריה; ווי נור אין רוים האט זיך אבער דערהויבען דאס קריסטענטום, האט אויך טבריה פערלוירען איהר גאנצע בעדייטונג. — די נשיאות האט בכלל געהאלטען אין שרעקליכען פאלען, האטש זי איז נאך לפנים געשטאנען אין דער שפיץ פון יודענטום. אין דער צייט, ווען דאס קריסטענטום איז געווארען אין רוים די מלוכה-רעליגיע, איז נשיא געווארען אין טבריה דער יונגער הלל דער צווייטער (געבוירען 310, געשטארבען 362). זיין פאטער, רבי יהודה הנשיא דער דריטער, האט איהם נאך אין פריהער יוגענד אבגעגעבען לערנען תורה צו צוויי מיטגליעדער פונ'ם בית דין פון דער נשיאות און דערביי אויך אנגעטרויט איהם די הנהגה פון דער נשיאות. איינער פון די דאזיגע אפוטרופסים איז געוועזען, ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען, א מענש אהן יושר און געטליכקייט, יוסף פון טבריה, וועלכער איז דערנאך איבערגעגאנגען צום קריסטענטום און אנגעטהון די אידען זעהר פיעל יסורים, ברענגענדיג אויף זיי פערשיעדענע רכילות. ער האט זיך אפילו נישט געשעמט ארויסצוטראכטען א שענדליכען ליגען, אז דער נשיא רבי יהודה האט פאר זיין טויט אנגענומען דאס קריסטענטום, און אויפ'ן יונגען נשיא הלל האט ער ארויסגעלאזען מיאוס'ע קלאנגען. דער נישטיגער מענש האט, אפילו נאך זייענדיג אפוטרופוס פון דעם יונגען הלל, שוין בעגאנגען זיך אומערליך, דען ער האט חאד מאלם אויך אנגעהויבען פערקויפען סמיכה פאר געלד. די אידישע תלמידי חכמים האבען, ווי עס שיינט, פאר איהם זעהר מורא געהאט, אז זיי האבען אפילו זיך נישט דערוואגט צו פראטעסטירען געגען דעם שענדליכען חילול התורה, וואס ער האט בעגאנגען, האנדלענדיג מיט דער סמיכה; די תלמידי חכמים האבען זיך נור בעגנוגט דערמיט, וואס זיי האבען זיך בעצויגען מיט פעראכטונג צו אזעלכע „מוסמכים". נור איין דרשן האט זיך ערלויבט אויף דער בימה אנצווענדען געגען איהם פאלגענדע ווערטער פונ'ם נביא: „וועה צו דעם, וועלכער זאגט צום האלץ: „חאפ זיך אויף", און צום שטיין: „דערהויב זיך!" אט דער זאל לערנען תורה! ער איז דאך נור אין זילבער און גאלד איינגעפאסט, אבער קיין גייסט פערמאגט ער דאך נישט!" — נישט אומזיסט איז מען אין יענער צייט שוין געוועזען אזוי שטארק ערביטערט געגען דעם נשיא, וועלכער האט גקאנט האבען ארום זיך אזעלכע מענשען, ווי יוסף איז געוועזען,

ביי דער געלעגענהייט פלעגט דאס פאלק ארויסטרעטען עפענטליך געגען דעם נשיא.

אויף א מערקווירדיגען אופן האט די נשיאות גראד אין דער לעצטער צייט פאר איהר פאלען בעקומען א גרויסע פאליטישע מאכט. די נשיאים האבען אינ'ם לעצטען יאהרהונדערט פון דער עקזיסטענץ פון דער נשיאות בעקומען פון די קיסרים די גרויסע טיטולען „דער ערלויכטער", „דער הויכאנגעזעהענער", „דער הויכבעריהמטער" — עהרען־טיטולען, וועלכע עס פלעגען טראגען אויך די הויכע מלוכה־בעאמטע און זיי זענען דעריבער, לפנים, אויך געוועזען הויכע בעאמטע. איין קייזערליך געזעץ האט ערקלערט: „ווער עס דערוואגט דעם ערלויכטען נשיא עפענטליך צו בעליידיגען, יענער דארף שווער בעשטראפט ווערען" — דאס געזעץ שטאמט, ווי עס שיינט, פונ'ם קייזער דיאקלעטיאן.

דער קייזער קאנסטאנטין, וועלכער האט די קריסטליכע רעליגיע גרוים געמאכט, אבער דערביי האט ער איהר געגעבען א נייע ברכה: „דורך דאס שווערד זאלסטו לעבען", האט תחלת גלייכע רעכטע געגעבען דעם אידענטום מיט די אנדערע רעליגיעס אין דער מלוכה. דאס איז אבער געוועזען נאר דאן, איידער ער האט זיך נאך איננאנצען אנערקענט פאר א קריסט. אין יענער צייט האט ער ארויסגעגעבען א טאלעראנץ־עדיקט, דאס הייסט א בעפעהל, אז יעדערער זאל זיך קאנען אויסקלייבען א רעליגיע, וועלכע וועט איהם געפעלען, נישט ווערענדיג דערפאר בעשטראפט (אין ווינטער 312—313). די אידען זענען אויך אריינגערעכענט געוועזען אין דיעזער רעליגיאנס־פרייהייט. די אידישע נשיאים, זקנים, ראשי ישיבות און חזנים פון שוהלען, האבען דאדורך בעקומען די זעלביגע רעכטע, ווי די גלחים פון קריסטענטום, אדער פון דער געצענדיענערי. דער דאזיגער עדיקט איז שפעטער געבליבען אין זיין קראפט און בעשטעטיגט געווארען דורך נייע געזעצען, אז יענע אידען, וועלכע ווידמען זיך דעם לערנען תורה, און די נשיאים, זקנים אדער אנדערע רעליגיאנס־בעאמטע דארפען זיין פריי פון דעם שווערען דיענסט אין דער מאגיסטראטור. לויט'ן מוסטער פון דער קאנסטיטוציע פון די רוימישע פריעסטער אדער פון די קריסטליכע בישאפען, איז אויך דער נשיא אנערקענט געווארען פאר א פארשטעהער פון אלע אידען אין דער רוימישער מלוכה. די דאזיגע אונפארטייאישע גערעכטיגקייט פון קאנסטאנטין האט אבער געדויערט נאר א קורצע צייט. וואס מעהר דער קריסטענטום האט אויף איהם בעקומען אנ'איינפלוס, אלץ ווייניגער טאלעראנט איז ער געווארען. אזעלכע קירכען־פארשטעהער, ווי ה א ד י ו ס, בישאף פון קארדובה, וועלכער האט צוזאמען מיט אנדערע גלחים אויף דער קירכען־פערזאמלונג אין עלווירא (320) בעשלאסען, אז פאר'ן שטעהן אין וועלכער ס'איז בעציהונג צו אידען דארף מען אריינגעלעגט ווערען אין חרם, ווי אויך דער ערשטער גלחי'שער געשיכטע־שרייבער און געשיכטע פעלשער איזעביוס פון קסרין האבען אנגערצעהלט דעם קייזער אלדאס

ביז אויף אידען און אויפגערייצט איהם געגען זיי. די בישאפען האבען געהאסט און גערודפ'ט איינער דעם אנדערען אויך פאר דער קלענסטער נישט-איינשטימיגקייט אין א רעליגיעזער פראגע, און עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אויב זיי האבען אזוי שטארק געהאסט דאס אידענטום און די אידען. פיעל יסודות פון דער קריסטליכער אמונה זענען געוועזען זעהר אומבעשטימט, און די מיינונגען - פערשידענהייט וועגען זיי איז געוועזען דאריבער זעהר גרויס; מען האט אנגעהויבען ביי די קריסטען צו רודפ'ן אפיקורסים און ממילא אויך אידען, וועלכע מען האט בעטראכט אלס אזעלכע.

דאס אידענטום האבען זיי אנגעהויבען רופען א שעדליכע, גאטלאזע, אומערליכע סעקטע, וועלכע עס איז נויטיג צו פערטיליגען פון דער ערד, אויב עס איז נאר מעגליך. און אט האבען זיי געפועל'ט ביי'ם קייזער, אז ער זאל ארויסגעבען אנ'עדיקט, דאס עס ווערט פערבאטען די אידען אנ-צונעהמען גרים, און סיי די גרים, סיי די וואס נעהמען זיי אויף, דארפען שטרענג בעשטראפט ווערען. דאגעגען די פראפאגאנדא פון קריסטענטום איז געשטיצט געווארען דורך דער מלוכה. יעדער איד, וואס וועט אויף א וועלכען ס'איז נישט אופן בעליידיגען א אידען, וואס האט אנגענומען דעם קריסטענטום, האט געדארפט בעשטראפט ווערען דורך פערברענען. און משומדים האט אין יענער צייט געווים נישט געפעהלט, דען די משומדים פלעגט מען בעלוינען דורך הויכע שטעלען און גרויס כבוד, דאגעגען די אידען האט מען אנגעהויבען צו בעגרענצען אויף אלע אופנים. און אט דאריבער פלעגן די אידישע דרשנים אין די שוהלען האלטען זייערע דרשות אויף די דאזיגע טהעמא'ס: „די פעלקער פרעגען ביי אונז: ווארום לאזט איהר זיך ממית זיין פאר אייער גאט? זעהט נאר וויפיעל שטראף, וויפיעל רויבערייען און שחיטות ער לאזט אראב אויף אייך! קומט בעסער צו אונז, מיר וועלען אייך מאכען פאר הערצאגען, פאר שטאטהאלטערס און פאר פעלדמארשאלען!— די זינדיגע רוימישע מלוכה! דער זוהן פון דיין מוטער וויל דיך מאכען אפטרוניג פון דיין גלויבען!“ קאנסטאנטין האט מבטל גע-מאכט די אלטע און גאראנטירטע אידישע פריווילעגיעס. אין דער אלטער געמיינדע קעלן (דייטשלאנד) האבען שוין אידען דאמאלס געוואהנט פון א גאנץ לאנגער צייט, און זייערע רעליגיעזע פארשטעהער זענען נאך פון פארצייטען בעפרייט געוועזען פון די שווערע דיענסטען פאר דער שטאדט. קאנסטאנטין דאגעגען האט בעפוילען, אז נאר מיט אויסנאהמע פון איי-נעם פון צוויי אדער פון דריי אידען, זאגען אלע מחויב צו טהון דעם שווער-סטען דיענסט פאר דער שטאדט, כדי זיי זאלען בעסער שפירען אויף זיך דעם פרעמדען יאך.

אין אין יענער צייט איז פארגעקומען אין דער קריסטליכער וועלט א זאך, וואס מען האט דאמאלס נאך גאנץ ווייניג געקאנט ערווארטען און וואס האט אבער געדארפט צו האבען זעהר שווערע און גרויסע פאלגען

אין דער צוקונפֿט; אין ניקעאַ (Nikaea) וואָס אין קליין אַזיע, איז פֿאָר־
געקומען דער ערשטער אַלגעמיינער צוזאַמענפֿאָהר פֿון די קריסטליכע
גלחים (אין יאָהר 325)—איינינע הונדערט בישאָפֿען און העכערע גלחים
מיט'ן קייזער קאָנסטאַנטין אין שפּיץ; דאָס קריסטענטום האָט אויפ'ן צו־
זאַמענפֿאָהר געהאַפּט אַפּצוהאַלטען אַ גרויסען טריאומף; אין דער ווירק־
ליכקייט אָבער האָט זיך דאַמאָלס אַרויסגעוויזען נאָר זיין שוואַכקייט, צו־
ליעב דעם פּירוד הדעות אין די וויכטיגסטע דאָגמאַטען פֿון זייער גלויבען.
דאָרט, וואו דאָס קריסטענטום איז צוערשט אַרויסגעטראָטען אָפֿיציעל פֿאַר
דער וועלט אינ'ם גלאַנץ פֿון זיין קירכליכער און וועלטליכער מאַכט, האָט
זיך ערשט אַרויסגעוויזען, אַז פֿון דער אַמאָליגער לעהרע, וועלכע איז חער
יסוד פֿון די ערשטע קריסטען, פֿון דער לעהרע פֿון עסייער וועגען עניוות,
וועגען ברידערליכקייט, וועגען שותפות'קייט פֿון פֿערמעגען אָדער פֿונ'ם
שטרעבען פֿון די אַלעקסאַנדרינישע גריכען צו דער וויסענשאַפֿטליכער
געלעהרטקייט—פֿון אַלעם דעם איז איצט קיין שפּור נישט געבליבען. די
געשיכטע פֿון דער קירכע, וועלכע האָט זיך אַרויפֿגעאַרבייט ביז דער
מדרגה פֿון דער וועלט־געשיכטע, האָט זיך איצט בעשעפֿטיגט הויפּטזעכ־
ליך מיט מחלוקת'ן וועגען אַזעלכע ענינים, וועלכע מען קאָן בשום אופֿן ניט
דערוויזען, ווי, למשל, צי איז קריסטוס, דער זוהן, מיט'ן פֿאָטער גלייך אָדער
נאָר עהנליך. דער ניקעאַישער צוזאַמענפֿאָהר האָט צוריסען די לעצטע פֿאַר־
דעם, וועלכע האָבען דאָס קריסטענטום נאָך פֿעסטגעהאַלטען ביי דעם אַל־
טען קוואַל. ביז יענער צייט, נעמליך, פֿלעגען די קריסטען פֿייערן זייער פּסחא
מיט די תעניתים, וועלכע קומען פֿאַר פֿאַר דעם, אין דער זעלביגער צייט,
ווען ביי אידען איז געווען פּסח, דאָס הייסט, אינ'ם טאָג ווען דער סנהדרין
אין יבנה, אָדער אין טבריה פֿלעגט עס בעשטימען; אין ניקעאַישען צוזאַ־
מענפֿאָהר האָט מען בעשלאָסען אָבצורייסען זיך אויך אין דער הינזיכט
פֿון אידען און נישט צו זיין מעהר אָבהענגיג פֿון אידישען סנהדרין, נאָר
איינצופֿיהרען אַנ'אייגענעם קאַלענדאַר. אין דער קריסטליכער וועלט איז
צוליעב דעם אויסגעבראָכען אַ העפֿטיגער שטרייט, דער פּסחא־שטרייט.
די רוימישע קירכע האָט ערקלערט, אַז מען דאַרף פֿייערן פּסחא שטענדיג
אום זונטאָג נאָך האַלב חדש אין פֿריהלינג; דאַגעגען די קריסטליכע געמיינ־
דעם פֿון קליין־אַזיען, סיריען און מעסאָפּאָטאַמיען האָבען ערקלערט, אַז פּסח
מוז מען אָנהויבען פֿייערן צוזאַמע מיט די אידען דעם 14־טען ניסן ביי
נאַכט. רוים האָט געסטראַשעט אַריינצולעגען זיי אין חרם פֿאַר אַזאַ
אַפּיקורסות. דער רוימישער קייזער קאָנסטאַנטין זאָל האָבען געטענה'ט:
„עס איז אַ חרפּה, אַז מיר זאָלען אין אונזערע חגאות דאַרפֿען זיין אָבהענ־
גיג פֿון די אידען. מיר האָבען מעהר מיט זיי קיין שום שייכות נישט, דען
מיר האָבען אונזער עולם הבא אויף אַנ'אַנדער אופֿן ערהאַלטען". דאָס ער־
שטע וואָרט, וואָס דאָס קריסטענטום האָט אַרויסגערעדט אינ'ם ערשטען
טאָג פֿון זיין טריאומף, איז געווען—די שנאה געגען די אידען; דערפֿון איז

ארויסגעקומען א בעציהונג, וועלכע האט געפיהרט צו בלוטיגע רדיפות אין די צוקונפטיגע יאהר הונדערטער.

דער קייזער קאנסטאנטין האט אויך בענייעט אדריינוס'עס געזעץ, אז קיין איד טאר נישט אריינקומען אין ירושלים. די הייליגע שטאדט האט צוריק בעדארפט בעקומען איהר אמאליגען נאמען, נאר איצט איז זי פון א געשעפטענעריששע געווארען א קריסטליכע, נאכדעם ווי דעם קייזער'ס מוטער העלענע האט בעזוכט די שטאדט און קאנסטאנטין האט דארט געלאזט אויסבויען א קירכע כלומרש'ט איבער'ן קבר פון ישו, וועהרענד זיין קבר האט דארט גארנישט געקאנט זיין. די אידען איז ערלויבט געווען אריינצוקומען אין ירושלים נאר אום תשעה באב, כדי צו טרויערן אויף איהר חורבן.— נאר אין איין זאך האט זיך קאנסטאנטין בעגאנגען מיט אידען לויט גערעכטיגקייט; ער האט פערבאטען די משומדים אנצופאלען אויף אידען אדער רודפ'ן זיי. א דאנק דעם דאזיגען איז עס אויך געלינגען די אידען צו בעשיצען זיך פון די שענדליכע שקרים מצד דעם משומד יוסף פון טבריה, ווי שוין דערמאהנט געווארען.

מיט'ן צווייטען קריסטליכען קייזער, דעם ברודער-מערדער קאנסטאנציוס (362—337) האט זיך ערשט רעכט אנגעהויבען דאס קריסטליכע בעל-הבתיווען אין רוים און דערמיט אויך דער שרעקליכער גורל פון די אידען. אויב די קריסטליכע פארשטעהער וואלטען דאמאלס נישט געווען פערבלענדעט דורך געפיהלען פון נקמה און גדלות, וואלטען זיי איינגעזעהען, אז דורכ'ן שטיצען זיך אויף דער מלוכה-געוואלד האבען זיי זיך אליין אונטערגעווארפען אהערן, וועלכער איז געווען פאר דער קירכע אויך העכסט געפעהרליך. דער קייזער קאנסטאנציוס האט זיך נים געשעמט צו ערקלערען: „מיין ווילען איז א געזעץ פאר דער קירכע, עס איז רעליגיאן“. און די וויכטיגע רעליגיאנס-פראגען האבען געגעבען דעם לעצטען ביעשלוס (פסק-דין) נישט די הויכע גלחים, נאר די הויכע הויף-לייט און דעם קייזער'ס חונפים. שוין אין דער ערשטער צייט פון זיין רעגירונג האט קאנסטאנציוס בעשטראפט פיעל תלמידי חכמים מיט'ן טויט. פיעל פון זיי זענען דעריבער ענטלאפען קיין בבל, און צווישען זיי זענען בעוואוסט די אמוראים רב דימי און רב יצחק בר יוסף, רב אבין און רב שמואל בר יהודה. דאדורך איז די ישיבה אין טבריה חרוב געווארען און די תורה איז זעהר אבגעשוואכט געווארען אין ארץ-ישראל. צי איז אין די דאזיגע רדיפות שולדיג געווען דער משומד יוסף, אדער אנ'אנדערער, איז שווער צו וויסען. פאר א שדוך צווישען א אידען און א קריסט האט קאנסטאנציוס בעפוילען צו בעשטראפען מיט'ן טויט (339). נאך שטרענגער איז געווען זיין געזעץ וועגען די שקלאווען. וועהרענד קאנסטאנטין האט בלויז פערבאטען מגייר צו זיין א שקלאוו, און דורך דעם מגייר זיין איהם איז ער בעפרייט געווארען פון דער שקלאפעריי, האט קאנסטאנציוס בעפוילען (339) צו בעשטראפען מיט'ן טויט פאר'ן מל'ה זיין א קריסטליכען שקלאפען

און קאָנפיסקירען דאס גאנצע פערמעגען פונ'ם בעל־הבית. דער מאָטיוו פאר'ן דאזיגען געזעץ איז געוועזען א דאָפּעלטער: ערשטענס, כדי די אידישע קהלה זאָל זיך נישט פערגרעסערען און, צווייטענס, כדי די קריסטען זאָלען נישט דיענען ביי די אידען, ביי די „גאָטעס־מערדער“. דאס איז געווען דאס ערשטע מאָל, ווי מען האָט די אידען בעצייכענט מיט'ן דאָזיגען נאָמען, און מיט דער צייט האָט דאָס געדאַרפט פערשאַפען אידען אימה'דיגע יסורים און שרעקליכע, גרויזאַמע רדיפות. געזעצליך איז די דאזיגע אידישע בעגרענצונג געווים נישט געווען, דען די אידען זענען געווען אין רוים פולבערעכטיגטע בירגער און, ממילא, האָט מען פאר זיי נישט געטאָרט ארויסגעבען קיין ספּעציעלע געזעצען. די נייע „קריסטליכע מלוכה“ האָט זיך אָבער וועניג וואָס געקימערט וועגען דער גערעכטיגקייט.

איינציגע פעלד־הערן פונ'ם קייזער קאָנסטאַנציוס האָבען בשעת זייער דורכגאַנג דורך ארץ־ישראל געפאָדערט פון די דאָרטיגע אידען, אז זיי זאָלען פאר זיי באַקען ברויט אום שבת און אום פּסח—פרישע זויערע ברויט. די צייט איז געווען אַזאַ גרויזאַמע, אז די פעלד־הערן האָבען געקאָנט שטעלען אַזאַ פאָדערונג און די תלמידי חכמים האָבען זיך געצוואונגען, צו ערלויבען די אידען, צו ערפילען חעם בעפעהל; דערביי האָבען די תלמידי חכמים בערוהיגט דאס טרויערנדע פאָלק דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך בעמיהט אלעמען איינצושמועסען, אז דער בעפעהל איז געגעבען געוואָרען נישט מיט דער כונה, צו צווינגען אידען עובר צו זיין אויף שבת און יום־טוב, נאָר כדי פּשוט צו האָבען ברויט פאר דער אַרמעע, ווען עס האָט איהר פערפעהלט. קאָנסטאַנציוס האָט אויך פערבאָטען אידען אָבצוהיטען יום־כפור, און די אידען האָבען געמוזט פאָלגען, און האָבען בשתיקה געמאַכט יום־כפור חעם שבת, וואָס איז געווען נאָך איהם. די קריסטליכע רוים איז געווען פיעל גרויזאַמער פאר אידען, ווי די געצענדינערישע; די לעצטע האָט פערקנעכטעט נאָר דעם גוף, און די ערשטע האָט אויך די נשמה פערקנעכטעט.

נאָך ווילדער און גרויזאַמער איז געווען דאָס פאָלגענדע בעגעהן זיך מיט אידען. נישט אָכטענדיג אויפ'ן בעשלוס פון ניקעאישען צוזאמענפאָהר, האָבען די קריסטען אין קליין־אזיען, סיריען און מעסאָפּאָטאַמיען נאָך אַלץ געפייערט פסחא, ווען דער סנהדרין האָט בעשטימט, און ווען דער סנהדרין פלעגט בעשטימען אַ צווייטען אָדר, פלעגען דאָרט די קריסטען אויך פייערען פסחא מיט אַ חדש שפּעטער. דעם קייזער האָט די זאַך געערגערט זעהר שטאַרק, אָבער טהון האָט ער געגען דעם גאָרנישט געקאָנט, ווייל די מזרח־קריסטען האָבען פאר'ן חרם פון רוים קיין מורא נישט געהאַט, דען זיי האָבען ערקלערט די רוימישע בעשלוסען פאר אַפּיקורסות. דער קייזער האָט געקאָנט ארויסטרעטען געגען די דאָרטיגע קריסטען נאָר מיט פייער און שווערד, אָבער זייער צאָהל איז געווען צו גרויס, אז ער זאָל זיך ערלויבען אַזאַ שריט. פאר דער „עבירה“ פון די קריסטען האָבען אַלזא גע־

דאַרפֿט בעצאָהלען די אידען. דעם נשיא איז שטרענג פערבאָטען געוואָרען „מעבר" צו זיין דאָס יאָהר, דאָס הייסט: צו בעשטימען אַנ'עדר שני און דאַדורך פערשפּעטיגען פסח אויף אַ חדש. דער נשיא האָט געמוזט פאָלגען, דען וואָס האָט ער געקאָנט טהון געגען דער אכזריות פֿונ'ם קייזער קאָנסטאַנציוס? די קהלות אין ארץ־ישראל האָט מען, מעגליך, בשתיקה מודיע געווען, אַז דאָס יאָהר איז אַנ'עבור־יאָהר, אָבער ווי אזוי האָט מען דאָס געקאָנט מודיע זיין די אידען אין אויסלאַנד? שיקען שלוחים מיט ציר־קוליאַרען, אפילו אין העברעאיש געשריבען, האָבען לייכט געקאָנט אי־בערגענומען ווערען דורך די משומדים, אָדער רעגירונגס־בעאַמטע און די אידען וואָלטען גרוידאַם בעשטראָפט געוואָרען פאַר'ן נישט פֿאָלגען דעם קייזער'ס בעפעהל. און אָט איז מען געפאַלען אויף אַ המצאה: מען האָט אָנגעהויבען מודיע צו זיין וועגען אַנ'עבור־יאָהר פון ארץ־ישראל צו די קהלות פֿון בבל דורך בריעף, וועלכע זענען געווען פֿערפאַסט אין קונציגע רעטעניסען. די משומדים האָבען זייער אינהאַלט נישט פערשטאַנען, וועה־רענד די תלמידי חכמים אין בבל האָבען זיי געלעזען גאַנץ לייכט.

די שרעקליכע נויט און די רדיפות, וועלכע די אידען האָבען געליטען האָט זיי געגעבען מוט צו מאַכען אַ נייַען פערצווייפעלטען אויפשטאַנד אין ארץ־ישראל. די מפּלות פון די רוימישע לעגיאָנען געגען די פערסער, דער אויפשטאַנד פֿון די סאַראַצענען און די שוואַכקייט פונ'ם נייען רוימישען שטאַטהאַלטער אין די מזרח־לענדער, צעזאַר גאַלוס, — דאָס אַלץ האָט צוגעגעבען די אידען מוט און האָפנונג, אַז דער אויפשטאַנד געגען רוים וועט אויך זיי געלינגען, די אידען, וועלכע האָבען דורכאויס געוואָלט דעם נישט גלייכען קאַמף אונטערנעהמען, האָבען געהאַט אַנ'אָנפיהרער אין דער פערזאָן פונ'ם אידען נאַטראָנאַ. אַ טייל אידען האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ משיח; איין דרשן אין צפורי האָט זיך בעמיהט צו דערוועקען דעם עולם צוצושטעהן צום אויפשטאַנד, פֿערזיכערענדיג, אַז גאָט וועט צושיקען זיין הילף און וועט די אידען שוין נישט פערלאָזען מעהר. די דאָזיגע רעדע איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט. זי איז אין דער פֿאָרמע פֿון אַ געשריי צווישען גאָט און כנסת ישראל און ווייזט אָן אויף אַלע מלוכות בבל, פרס, מדי, יון און רוים, וועלכע האָבען געקנעכטעט און ערנידעריגט די אידען. כנסת ישראל פֿרעגט ביי גאָט: „צי ווילסטו אונז איצט בעפרייען, כדי פֿון דאָס ניי אונז צו פֿערקנעכטען?" — „ניין!" — ענטפערט גאָט. ווער וועט משפטן די אומות העולם? ווער וועט אָבצאָהלען אדום — רוים?" — נאַטראָצאַ וועט עס טהון, אדום — רוים וועט נישט האַלב בעשטראָפט ווערען. נאָר אינגאַנצען מיט אַלע זיינע הערצאָגען, שטאַטהאַלטערס און הויפּט־לייט — און אויך יענע, וואָס האָבען זיך פון מיין בונט אָבגעזאָגט און זענען פון מיר אָבגעפאַלען, וועלען אויך מיט זיי אונטערגעהן".

דער אָנפאַנג פונ'ם אויפשטאַנד איז, ווי עס שיינט, געמאַכט געוואָרען אין צפורי. איינגעהמענדיג די דאָזיגע באַרג־שטאָדט, האָבען די בעוואָפענ־

טע אידען זיך דערוואוינגען אַרויסצוגעהן אין דער אומגעגענד, כדי ענדליך נקמה צו נעהמען פון זייערע פיינד, פון וועלכע זיי האָבען זיך אַזוי פיעל אָנגעליטען. אין דער זעלבער צייט זענען אָבער, משמעות, פאָרגעקומען עהנליכע מעשים אויך אין אַנדערע צוויי גרויסע שטעדט אין ארץ־ישראל = אין טבריה און אין לוד, ווי אויך אין נאָך פיעל אַנדערע פלעצער. דער אויפשטאַנד איז אַלזאָ געווען אַ גאַנץ בעדייטענדער. צעזאַר גאַלוס, אָדער זיין הויפטמאַן אורזיצינוס, האָט אים אָבער מנצח געווען פּאָלקאָם און, נאַטירליך, האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען נייע אכזריות און מערדערייען. פיעל טויזענדער אידען זענען אויסגעהרג'ט געוואָרען אינ'ם אויפשטאַנד, וועלכען מען האָט געמאַכט מעהר צוליעב פערצווייפלונג, איידער צוליעב קלוגשאַפט. צפורי איז אינגאַנצען חרוב געוואָרען, אַז עס איז פון איהר קיין שפור נישט געבליבען; טבריה, לוד און די איבעריגע שטעדט, זענען טיילוויַיז חרוב געוואָרען (352). ווי נאָך יעדען פריהערדיגען אויפשטאַנד, האָט מען איצט אונטערגענומען אַנ'אמת'ע יאַגד געגען די אידען, וועלכע האָבען אין איהם אָנטייל גענומען. כדי אויסצומיידען די פערפאָלגונג, האָבען פיעל אידען זיך אַרויפגעלעגט אַ פלאַסטער אויף דער נאָז, כדי מען זאָל זיי נישט דערקענען, אַז זיי זענען אידען, און אַ לאַנגע צייט זענען זיי אין דער ווירקליכקייט געבליבען אונערקענט. עס האָבען זיך אָבער געפינען פערדעטער, וועלכע האָבען זיי אַרויסגעגעבען צו די רוימער. די אונגליקליכע זענען געכאַפט געוואָרען און באַלד בעשטראָפט מיט'ן טויט. פיעל ענטלאָפענע האָבען זיך דערווייל בעהאַלטען אין די הייהלען אונטער דער ערד אַרום טבריה. איין אמורא, רב הונא דער צווייטער, דער־צעהלט: „ווען מיר האָבען זיך בעהאַלטען אין די הייהלען, האָבען מיר געהאַט ביי זיך ליכט, און ווען זיי פלעגען ברענען העל, האָבען מיר געוואוסט, אַז עס איז נאַכט, ווען זיי פלעגען טונקעל ברענען, האָבען מיר געוווסט, אַז עס איז טאָג". די אומגליקליכע האָבען פערבראַכט אין די הייהלען אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

די עלענדע צייט אין ארץ־ישראל איז אויך נישט פערענדערט געוואָרען, נאָכדעם ווי דער אכזר גאַלוס איז אויף קאָנסטאַנציוס'עס בעפעהל בעשטראָפט געוואָרען מיט'ן טויט, און אורזיצינוס איז אויך אַראָב פון זיין גדולה (354). אינ'ם קייזערליכען הויף אין קאָנסטאַנטינאָפאָל האָט מען בעטראַכט די אידען ווי גאָטעס־לייקענער, ווייל זיי האָבען נישט אָנערקענט ישו פאַר אַ גאָט. און אָט דערפון האָט זיך גענומען דאָס געזעץ, וואָס מען האָט אַרויסגעגעבען (אין יאָהר 357), אַז אויב אַ קריסט פעראייניקט זיך מיט די „גאָטעס לעסטערליכע" קהלות, דאַרף מען קאָנפיסקירען זיין פערמעגען. דאָס אידישע פערמעגען איז אין קאָנסטאַנטינאָפאָל געווען די הויפט־זאַך, נאָך וועלכער עס האָבען געגלוסט די הויף־קרעאַטורען פון קייזער קאָנסטאַנציוס. מען פלעגט אויף די אידען אַרויפלעגען אָבצאָהלונגען אָהן אַ שיעור און אָהן אַנ'ערך, ביז מען פלעגט זיי ברענגען צו אָרעמקייט

און דהקות און דאן פלעגען קומען די גלחים מיט'ן קרייץ און ברענגען זיי די „ברכה" דורכ'ן שמד, וועלכען מען פלעגט אויספיהרען מיט געוואלד. מען האט אויך איינגעפיהרט נייע „שעצונג-לוחות", לויט וועלכע מען האט כלומרש'ט געוואוסט, וויפיעל אבצאהלונגען און שטייערען מען קאן נעהמען ביי אידען; אין דער ווירקליכקייט אבער האט מען ביי זיי גענומען גאר אהן א חשבון, וויל, אלס „גאטעס-לייקענער", האבען אידען ניט געפונען פאר זיך קיין שום דין און משפט און געגען זיי איז אלץ ערלויבט געוועזען. די נדבות, וואס די אידען פלעגען געבען פאר'ן נשיא דורך די שלוחים (אפאסטאלען) זענען שוין פערבאטען געווען, אדער האבען געזאלט פערבאטען ווערען.— פון די אלע דאזיגע רדיפות זענען די אידען בעפרייט געווארען נאר אונערווארטעט דורך דעם קייזער יוליאן, וועלכער איז גאר ניט געווען גלייך צו זיין קרוב, דעם פריהערדיגען קייזער קאנסטאנציוס.

די דאמאלדיגע טרויעריגע בעציהונגען האבען בעוואויגען דעם נשיא הלל דעם צווייטען, אבצוזאגען זיך פון זיין רעכט צו בעשטימען ראש חדש און יום-טובים, ווי אויך מעבר זיין די יאהרען. צוליעב די גרויסע רדיפות איז שוין איצט אונמעגליך געווען פאר'ן סנהדרין צו פערזאמלען זיך אויפנעהמען די עדות, וועלכע האבען די לבנה אין אנפאנג חדש געזעהען, ווי פריהער, און דעריבער האט הלל איינגעפיהרט א „שטענדיגען לוח"; ער האט פערעפענטליכט דעם „סוד העבור"—די כללים, ווי אזוי מען דארף בערעכענען די ראשי חדשים. די דאזיגע כללים האבען די נשיאים געהאט בקבלה פון זייערע עלטערן, דערביי האט מען מודיע געווען די אידען אין אלע לענדער אין חוץ לארץ, אז חאטש פון איצט אן וועלען זיי שוין קאנען אליין אויסרעכענען, ווען עס געפאלט יום-טוב, פונדעסטוועגען דארפען זיי אויך אבהיטען ווי פריהער דעם צווייטען טאג „גלות יום-טוב", וועלכער איז איינגעפיהרט צוליעב דעם, וואס מען האט אין די ווייטע לענדער פון ארץ-ישראל געהאט א ספק, אויב מען הויבט אן צו פייערען יום-טוב אין דער ריכטיגער צייט. דער צווייטער טאג „גלות-יום-טוב" איז דעריבער נאך געבליבען ביי אידען עד היום אין אלע לענדער חוץ ארץ ישראל. דורך זיין דאזיגען שריט האט דער נשיא זיך ניט בלויז אבגעזאגט פון זיין רעכט, ער האט אויך בעפרייט אלע אידישע קהלות פון דער אבהענגיגקייט פון ארץ-ישראל און פון דער נשיאות. אין יענער צייט איז דאס געווען פון זיין זייט א געוואלדיגער קרבן; די ליעבע צום אידענטום איז אבער אזוי שטארק, אז דער נשיא האט דעם קרבן געבראכט מיט א לייכטע הארץ, וויל ער האט איינגעזעהען די נויטווענדיגקייט דערפון.

די בערעכנונג פונ'ם לוח, וועלכען הלל האט פערעפענטליכט, איז אזוי איינפאך און ריכטיג, אז נאך עד היום האט מען איהר ניט געברויכט אויסצובעסערען, חאטש עס איז שוין פון יענער צייט אריבערגעגאנגען כמעט זעכצעהן הונדערט יאהר. סיי די אידישע, סיי די ניט-אידישע מאטעמאטיקער און אסטראנאמען אנערקענען זיין חשבון פאר א פאלקאמען

זאַך. זי שטיצט זיך אויף איינפאַכע חשבונות און איז אַזוי לייכט, אַז מיט גאַנץ קנאַפּע ידיעות קאָן מען לייכט אויסרעכענען אַ לוח אויף הונדערט, אָדער טויזענד יאָהר פאָראויס.

דער שריט, וועלכען הלל האָט געמאַכט, ווי אויך די גרויסע רדיפות געגען אידען אין ארץ־ישראל, האָט ווידער דערהויבען די בעדייטונג און דעם איינפלוס פון די בבלי׳שע אידען, און אויב די קריסטען האָבען זיך געקאָנט בעריהמען, אַז זיי האָבען פערמאַכט אַלע ישיבות פון דער הלכה, איז די דאָזיגע פערמאַכונג געווען נאָר אַנ׳אָרטליכע; אין בבל האָט נעמליך דאָס שטודיום פון דער הלכה זיך אַזוי שטאַרק עטוויקעלט, אַז עס האָט אינגאַנצען פערדונקעלט די פריהערדיגע צייט. אין בבל האָט דאָס שטודיום פון די הלכות איצט געפייערט איהר אויפבליהונגס־צייט. די ישיבה פון פומבדיתא האָט געבראַכט דעם דאָזיגען שטודיום צו דער העכסטער מדרגה. די שאַרפזיניגע פומבדיתא׳ער זענען איצט געוואָרען די געזעץ־געבער פאַר אַלע אידישע קהלות. די הויפט־פאָרשטעהער פון דער ישיבה זענען דאָרט געווען אביי, רבא און רבה. די דאָזיגע דריי אמוראים האָבען פאָלשטענדיג אויפגעפיהרט די געבוידע פונ׳ם תלמוד, אָדער ריכטיגער: זיי האָבען ענטוויקעלט דאָס שטודיום פון דער הלכה ביז דער העכסטער מדרגה פון שאַרפזיניגקייט און אַנאַליז.

רבה בר נחמני (געבוירען270 געשטאָרבען 330) האָט צוריק דערהויבען די האַלב געפאַלענע ישיבה פון פומבדיתא און צוגעצויגען אַהין זעהר פיעל תלמידים. רבה איז געווען געבירטיג פון ממל — אַ שטעדטעל אין גליל, וואו אַלע איינוואָהנער זענען געווען כהנים און האָבען, לויט דער מסורה, געשטאַמט פון עלי הכהן, דעריבער איז אויף זיי געלעגען די אַלטע קללה, אַז זיי זאָלען יונג שטאַרבען און זיין עלענדע מענשען. רבה האָט געהאַט דריי ברודער: סייליל (דער פאָטער פונ׳ם בעריהמטען אמורא: אשי) רב חנינה און אושעיה דער (אינגערער). די לעצטע צוויי ברידער רבה׳ס האָבען זיך אומגעקעהרט פון בבל צוריק קיין ארץ־ישראל, וואו זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט שוסטעריי. צוליעב זייער גרויסער פרומקייט האָט מען זיי גערופען די רבנן פון ארץ־ישראל. זייער הויפט־לערנען איז געווען די אגדה. ווי אויך אַ געהיימע חכמה. זייער ברודער רבה דאַגעגען האָט עוסק געווען נאָר אין שטודיום פון דער הלכה און האָט בעשאַפען אין איהם אַ נייע עפּאָכע. אַ געוויסע צייט האָט אויך רבה פערבראַכט אין ארץ־ישראל, וואו ער האָט געלערנט תורה ביי ר׳ יוחנן 1). רבה האָט אָבער צו שטאַרק ליעב געהאַט דעם בבלי׳שען פלפול, אַז ער זאָל קאָנען לאַנג בלייבען אין ארץ־ישראל. ער איז צוריקגעקומען קיין

1) רב חסדא האָט צו איהם אַמאָל געזאָגט: „ווער איז מתויב צו פאָלגען דיר און דיין רבי׳ן ר׳ יוחנן". (איבערזעצער)

בבל, וואו ער האָט געלערנט ביי רב הונא'ן און רב חסדא'ן. אין דערהיים איז ער געוועזען א גרויסער אָרעמאַן.

נאָכדעם ווי רב יהודה איז געשטאָרבען, האָט מען געוואָלט בעשטימען רבה בר נחמני פאַר א ראש ישיבה אין פומבדיתא, אָבער רבה האָט זיך אָבגעזאָגט פונ'ם דאָזיגען כבוד צוליעב זיין גרויסער ענוות, און מען האָט דעריבער אויסגעקליבען רב הונא בר חייא, וועלכער איז געוועזען אזוי רייך, אז ער האָט געלאָזט פערגילדען די שטוהלען פאַר די תלמידים אין דער ישיבה. אויך רבה און רב יוסף פלעגען קומען צו זיינע שיעורים, כדי צו דערהויבען די ישיבה. באַלד אָבער האָט מען זיך דערוואוסט, אז רב הונא'ס עשירות שטאַמט דערפון, וואָס ער האָט געהאַלטען אין אָרענדע ביי'ם פערסישען קעניג דעם אָבצאָהל פון די שטייערען און אין דער ישיבה איז געוואָרען צו'אמת'ער אויפשטאַנד, און מען האָט געשיקט זאָגען רב הונא'ן אינים פון די צוויי — אָדער זיי א ראש ישיבה, אָדער אַן אָרענדאַר, דען עס איז א חלול התורה, וואָס דער ראש ישיבה איז אַן אָרענדאַר. רב הונא האָט זיך אָבגעזאָגט פון די אָרענדעס, און מען האָט איהם ווידער אנערקענט פאַר א ראש ישיבה. אָבער רב יוסף, וועלכער איז געווען מאָראַליש א העכסט שטרענגער פערזענליכקייט, האָט ערקלערט, אז די אָרענדאַרען קענען נישט מעהר בתשובה זיין. ער האָט דעריבער אויפגעהערט צו קומען אין דער ישיבה, און די איבעריגע צייט, וואָס רב הונא איז נאָך געוועזען ראש ישיבה, איז די ישיבה זעהר געפאַלען. נאָך רב הונא'ס טויט האָט מען נישט געוואוסט וועמען אויסצוקליבען: צו רבה'ן צו רב יוסף'ן. מען האָט געשיקט אַנפרעגען וועגען דעם אין ארץ ישראל: וועלכער איז מעהר חשוב צו זיין א ראש ישיבה: צו רבה דער שאַרפער מוח, צו רב יוסף דער גרויסער בקי. אין ארץ ישראל האָט מען דערויף געענטפערט: רב יוסף דער בקי, ווייל אַלע מוזען אַנקומען צו זיינע בעהאַווונטשאַפט אין די הלכות. אָבער רב יוסף האָט זיך אָבגעזאָגט אַנצונעהמען די התמנות, און ראש ישיבה איז געוואָרען רבה. איצט האָבען ווידער אָנגעהויבען צו קומען תלמידים פון אַלע מדינות קיין פומבדיתא. רבה האָט זיך נישט בעגרענעצט, ווי פריהער רב יהודה, נאָר מיט'ן לערנען די הלכ'ת פון דיני ממונות, נור ער האָט געלערנט אַלע משניות און זיך בעמיהט צו פערענטפערן די סתירות צווישען זיי און די ברייתות און תוספתות, און, בכלל, אריינצופיהרען א קלאָרען בעגריף אין דער הלכה. דורך זיין טיעפען פערשטעהן די הלכה און ערקלערען איהר, האָט ער זיינע שיעורים געמאַכט זעהר לעבהאַפטע און אינטערעסאַנטע פאַר די תלמידים; ווען דאָס טהעמע איז שוין געוועזען צו טרוקען, פלעגט ער פלוצלונג אריינפלעכטען אין זיינע רייד א שעהנעם וויץ, אָדער אַן אַנעקדאָט, כדי צו מאַכען דאָס לערנען אַנגענעהמער פאַר די תלמידים. דעריבער האָט ער אַרויסגעזאָגט א וויכטיגען פעדאַגאָגישען פרינציפ: מען מוז וועקען די נשמה פונ'ם תלמיד, אז ער זאָל קאָנען אויסהערען ערנסטע געדאַנקען, און דאָס דערגרייכט מען דאָדורך, וואָס מען האַלט איהם אין א [הויכע?]

שטימונג. פאר זיין מעטאדע, גרויסער שארפזיניגקייט און אלגעמיינע לומדות, האבען די תלמידי חכמים איהם אבגעגעבען גרויס כבוד, און גער שטעלט אויף איין הויך מיט רב און שמואל'ן. דערפאר איז ער אבער ביים פראסטען פאלק געווען זעהר נישט געליעבט. די פומבדיתא'ער שווינדלער האבען איהם נישט געקאנט מוחל זיין זיינע שטענדיגע שטראף־רייד געגען זייערע שווינדלעריען. ווען רבה האט איינמאל אין דער צייט פון טרוקעניש גוזר תענית געווען און מען האט תפלה געטהון אויף רעגען אהן ערפאלג, האט רבה בייז אויסגערופען: „וואס קאנען די פערטרעטער פון פאלק פועל זיין, ווען דער דור טויג נישט!"

אין רבה'ס צייט האבען די בבל'ישע אידען געהאט איבערגעלעבט רדיפות, וועלכע זענען אפילו, אין פערגלייך מיט די רוימישע, געווען גאנץ אונבעדייטענד, אבער דאך האבען זיי שטארק בעאונרוהיגט די אידען, וועלכע האבען זיך דארט שטענדיג געשפירט גאנץ זיכער. אונטער דעם נייעם קעניג פון די סאסאנידען, שבור דעם צווייטען, וועלכער האט געקעניגט גאנצע זיבעציג יאהר (פון 309 ביז 379), איז געשטערט געווארען די פריינדליכע בעציהונג צווישען דעם קעניגליכען הויף און די אידען, און עס האט מעגליך געקאנט קומען צו רדיפות, וואס וואלטען עהנליך געווען צו די רוימישע, ווען דעם קעניגס מוטער איפרא הורמיז, (Ifra Ormuzd) וואלט זיך נישט אנגענומען פאר די אידען. געגען רבה בר נחמני האט מען אנגעגעבען א שווערע אנקלאגע, אז ער שטערט די אידען צו צאהלען שטייער פאר דער קעניגליכער קאסע, דען ער ציהט צו אין זיין ישיבה ביז צוועלף הונדערט תלמידים, וועלכע קאנען דעריבער נישט ארבייטען און צאהלען קאפ־שטייערן. מען האט באלד געשיקט א קעניגליכען שליח פעסטצונעהמען דעם ראש ישיבה פון פומבדיתא. רבה'ן האט מען אבער מזהיר געווען בעצייטענס און ער איז ענטלאפען. א געוויסע צייט האט ער ארומגעבלאנדזשעט אין די וועלדער, בעהאלטענדיג זיך פאר זיינע פער־פאלגער און לערנענדיג די הלכות. איינמאל איז ער אבער אזוי שטארק אי־בערגעשראקען געווארען דורך א שטארקען ווינד, וועלכען ער האט אנגענו־מען פאר דער שטימע פון זיינע פיינד, אז ער איז געפאלען טויט אויף אן'ארט. זיינע בעסטע תלמידים, אביי, רבא און אנדערע, האבען איהם געפונען אין וואלד פערהילט דורך די פויגלען, וועלכע האבען איהם בעדעקט מיט זייערע פליגלען און זענען געזעסען נאך איהם שבעה (330). די אנקלאגע געגען רבה'ן איז בטל געווארען, און דעם קעניגס מוטער, איפרא הורמיז, האט געשיקט צום נייעם ראש ישיבה א מתנה א פולען ביטעל מיט גאלדענע רענדלעך, כדי צו פערטהון זיי אויף א צדקה־זאך; דער ראש־ישיבה האט עס פערטהון אויף פדיון־שבוים (אויסצוקויפען די געפאנגע־נענומענע אידען).

נאך רבה'ן איז געווארען ראש ישיבה אין פומבדיתא זיין חבר רב יוסף (געבוירען 270 געשטארבען 333). רב יוסף איז געווען א רייכער מאן

ער האט געהאט פיעל פעלדער און וויינגארטענס, פון וועלכע ער פלעגט בעקומען דעם בעסטען וויין, וויל ער פלעגט זיי בעסער, ווי אנ'אנדערער בעארבייטען. אויף דער עלטער איז ער בלינד געווארען און פלעגט זיך זעהר קלאגען, אז דאס שטערט איהם צו ערפילען פיעל מצוות. צווישען די פומבדיתא'ער אמוראים איז רב יוסף געוועזען אנ'אויסנאהמע, חען ער האט וועניג וואס געהאלטען פון דעם שארפזיניגען פלפול און איז געוועזען קלאר אין אלע הלכות, פון די עלטסטע ביז די נייעסטע — די תורה און די הפטרות פון די סדרות זענען שוין לאנג געוועזען איבערזעצט אין אראמייאיש, סיי אין כאלדייאישען, סיי אין סירישען דיאלעקט. די ערשטע — פאר די בבלי'שע אידען, און די אנדערע — פאר די אידען אין מעסאפאטאמיען, די כאלדייאי־שע איבערזעצונג איז געוועזען געמאכט לויט דער בעליעבטער גריכישער אי־בערזעצונג פון עקילאס, און האט געהייסען „תרגום אונקלוס“, די סירישע איבערזעצונג האט געטראגען דעם נאמען „פשיטא“. אויסער דער תורה און די הפטרות זענען נאך די נביאים און כתובים נישט געוועזען איבערזעצט. די דאזיגע איבערזעצונג האט צוזאמענגעשטעלט רב יוסף.

נאך רב יוסף'ס טויט איז מען ווידער געווען אין פערלעגענהייט, וועמען אויסצוקלויבען פאר א ראש ישיבה אין פומבדיתא. קאנדידאטען זענען גע־ווען פיער און אלע מיט גרויסע שאנסען: אביי, רבא, רב זירא דער צווייטער און רבה בר מתנה. מען האט דעריבער בעשטימט א קאנ־קורס: מען האט פארגעלעגט א הארבע שאלה און ווער פון זיי עם וועט גע־בען אזא בעגרינדעטע תשובה, אז געגען איהר וועט מען גאר נישט קאנען ארויסשטעלען קיין אנווענדונג, יענער וועט ראש ישיבה זיין. דעם נצחון אין קאנקורס האט אבגעהאלטען אביי און איז געווארען ראש ישיבה. אביי איז אייגענטליך געווען א ביי־נאמען, וואס עס האט איהם געגעבען רבה בר נחמני, דען ער איז געוועזען א זוהן פון רבה'ס ברודער כייליל, און האט גע־הייסען נחמני (געבוירען אין יאהר 280 געשטארבען 338), און וויל זיין פאטער איז פריה געשטארבען און ער האט זיך ערצויגען ביי זיין פע־טער רבה אין שטוב, פלעגט איהם רבה רופען מיט ליעבשאפט מיין פא־טער (אבי) דען רבה'ס פאטער האט אויך געהייסען נחמני. אט אזוי איז פון „אבי“ געווארען דער ביי־נאמען אביי. אויסער זיין רבי'ן רבה, האט אביי נאך פיעל צו פערדאנקען זיין אייגענער מוטער, וועלכע האט שטארק גע־זארגט פאר זיין ערציהונג, און ער פלעגט אפט דערמאהנען מיט ליעבשאפט איהר נאמען און די פערשידענע רפואות, וועלכע זי האט איהם איבערגעגע־בען פאר אייניגע חולאת'ן. ווי זיין חבר רבה האט אביי שוין אין זיין פרי־העסטער יוגענד דערוועקט די אויפמערקזאמקייט פון די תלמידי חכמים מיט זיין שארפען מוח און גוטען זכרון. „וואס פון אמעלאן הארף ווערען קאן מען זעהען שוין אין דער ערשטער ארויסשפראצונג פונ'ם זאמען“ — פלעגט מען וועגען איהם זאגען. ווי עס שיינט, האט אביי געהאט א מעסר־

גע פערמעגען. דאך האט ער, ווי די מייסטען בבלי'שע תלמידי חכמים, גער האט אן'אייגענעם פעלד, וועלכע ער פלעגט לאזען בעארבייטען דורך אנ'ארענדאר. פון כאראקטער איז ער געוועזען מילד און נאכגיעביג, און אזוי האט ער זיך נוהג געוועזען מיט די מענשען פון אלע קלאססען. ער פלעגט שטענדיג זאגען: „דער מענש דארף זיין קלוג אין דער גאטספורכטיגקייט; זיין שפראך דארף זיין אזוי מילד, אז זי זאל אבווענדען דעם צארן, און ער זאל לעבען בשלום מיט זיינע ברידער, קרובים און מיט דער גאנצער וועלט, אפילו אויך מיט די גוים, כדי ער זאל איבעראל געליעבט און געאכטעט ווערען ביי מענשען און האבען אויף זיי אנ'איינפלוס“. און ווי אביי פלעגט לערנען אנדערע צו זיין, אזוי איז ער אליין אויך געוועזען. אפילו די שומרונים, וועלכע האבען אין בבל געלעבט האבען אנערקענט זיין גערעכטיגקייט. אונטער אביי'ס הנהגה (333—338) איז די פומבדיתא'ער ישיבה זעהר ארעם געווארען אין תלמידים. סך הכל 200 תלמידים זענען דארט געבליבען, און ער פלעגט דעריבער אנרופען די ישיבה „א יתומה פון יתומים“. די סבה דערפון איז אבער געוועזען נישט דאס, וואס די תלמידים האבען פערלוירען דעם חשק צו געהן לערנען, נאר וואס א גרויסער טייל פון זיי איז אריבערגעגאנגען קיין מחוזא. וואו אביי האט געהאט א קאנקורענט, זיין חבר רבא, וועלכער האט דארט א ישיבה געעפענט. אין ביידע ישיבות האט דאס שטודיום פון די הלכות דערגרייכט ביז דער העכסטער ענטוויקלונג. די הארבע שאלות, וועלכע זענען נישט פערענטפערט געווארען פאר רבה בר נחמני און רב יוסף, זענען איצט פערענטפערט געווארען אין די שולען פון אביי און רבא.

נאך אביי'ס טויט איז ראש ישיבה געווארען, ווי זעלבסטפערשטענדליך, רבא בר יוסף בר חמא (געבוירען 219 געשטארבען 252). רבא איז געוועזען רייך, זעהר בעגאבט און שארפזיניג, ער האט אבער געהאט אויך שוואכע זייטען, און וועלכע ער איז געשטאנען נידעריגער פאר די חברים אמוראים. רבא פלעגט צו זאגען: „איך האב געבעטען ביי גאט דריי זאכען, האט ער צוויי מיר געגעבען. און די דריטע נישט. איך האב געבעטען רב הונא'ס תורה און רב חסדא'ס עשירות, האט עס מיר גאט געגעבען; איך האב אבער געבעטען אויך עניוות ווי רבה בר רב הונא, האט עס מיר גאט נישט געגעבען“. כאטש רבא איז געשטאנען פיעל העכער פאר די מענשען פון זיין שטאדט, האט ער דאך געהאט א געוויסע מדה פון די איינוואוינער פון מחוזא: ער האט ליעב געהאט צירונג און פרעכטיגקייט, פלעגט זיך האלטען מיט גדלות און פלעגט חנפ'ענען די מחוזא'ער, כאטש זיי זענען געשטאנען פיעל נידעריגער פאר אנדערע בבלי'שע אידען. ער האט זעהר געוואונשען נושא חן צו זיין ביי זיי: „ווען איך בין דיין געווארען—דערצעהלט ער—האב איך מורא געהאט, אז די איינוואוינער פון מחוזא וועלען מיך אויפהערען ליעב צו האבען; אבער איצט, ווען זיי האבען אבער דערזעהען די אונפארטייאישקייט פון מיינע פסקים און די משפטים, מוזען זיי

זיך אדער אלע האסען, אדער אלע ליעב האבען". ווי עס שיינט, האט אביי זעהר געשטראפט איהם פאר זיין גארען נאך דער פריינדשאפט פונ'ם פאלק, דען ער האט איהם איינמאל געזאגט: „ווען א תלמיד חכם איז צו־שטארק בעליעבט ביי זיינע מיטבירגער, איז די כבה דערפון נישט זיין הויכער פער־דיענסט, נאר דאס וואס ער גיעט ווייניג אכטונג אויף זייערע פעהלערען און שטראפט זיי נישט ערנסט".— די איינוואהנער פון מחוזא האבען געשטאמט צומייסט, ווי שוין אנגעוויזען געווארען, פון גרים, און דארום האבען די בבלי'שע מיוחסים מורא געהאט משדך צו זיין זיך מיט זיי. ווייל אבער אזוי ארים זענען די מחוזא'ער איינוואהנער געווען און פערלעגענהייט, פון וואנען זיי זאלען בעקומען פרויען פאר זייערע יונגע לייט, האט רב זירא דער שווי־גער זיי ערלויבט משדך צו זיין מיט פרויען, וועלכע זענען געבוירען געווא־רען נישט דורך חופה און קידושין. אבער די דאזיגע ערלויבניש האט אזוי אויפגערעגט און בעליידיגט די איינוואהנער פון מחוזא, אז זיי האבען איהם שיער נישט פערשטיינערט מיט זייערע אתרוגים (די זאך איז פארגעקומען אום סוכות), ווי פארצייטען דעם קעניג אלעקסאנדער ינאי' אין דער עזרה. רבא'ן איז אויך נישט געפעלען רב זירא'ס איינפאל: „ווי אזוי קאן מען דאס ערלויבען זיך צו לערנען אזא הלכה אין א שטאדט, וואס איז פול מיט גרים?" האט ער איהם פארגעווארפען, אליין האט רבא געדרש'נט פאר די איינ־וואהנער פון מחוזא אזוי: „א גר מעג חתונה האבען מיט א טאכטער פון א כהן!"— די איינוואהנער פון מחוזא זענען אזוי שטארק צופרידען געווען דערמיט, אז זיי האבען רבא'ן געטראגען אויף א זיידענעם בעט. באלד האט רבא געלערנט: „א גר מעג חתונה האבען מיט א ממזרת".— דא זענען די איינוואהנער געווארען זעהר טרויעריג. רבא אבער האט זיי ערקלערט דער־רויף: „טהוט אייך ווי איהר ווילט, איהר מעגט זיך אויסקלייבען פרויען, ווי אייך געפעלט".

נאך א פעהלער האט רבא געהאט: האטש ער איז געווען רייך, פונ־דעסטוועגען איז ער נישט געווען פריי פון אייגענוציגקייט, וועלכע מען פלעגט בעמערקען ביי פערשידענע געלעגענהייטען, ווי מען האט דאס גע־קאנט זעהען אין דער מעשה מיט איסור דעם גר, וועלכער האט איבערגע־געבען רבא'ן צוועלף טויזענד דינרין (לערך 6000 רובל), כדי איבערצוגעבען נאך זיין טויט זיין זוהן, דעם אמורא רב מרי. ווען איסור איז קראנק גע־ווארען האט רבא געוואלט מאכען א שפעקולאציע, אז ער זאל דאס געלד נישט ברויכען אבצוגעבען דעם יורש, ווייל דער גר האט געבוירען זיין זוהן, רב מרי, נאך איידער ער האט זיך מגייר געווען, און זיינע קדושין האבען נישט געהאט קיין ווערט און ממילא איז דער זוהן נישט געווען אנערקענט דורך דער הלכה פאר א זוהן און אויך נישט קיין יורש. רבה האט אלזא געקאנט זוכה זיין אין זיין געלד פון הפקר. אבער רבא'ס א תלמיד האט געגעבען איסור'ן אנ'עצה, צו ערקלערען פאר עדות, אז דאס געלד, וואס ער האט איינגעלעגט ביי רבא'ן, האט כלל נישט געהערט צו איהם,

נאר צו רב מרי'ן, זיין זוהן, וועלכער האט דאדורך געהאט די מעגליכקייט, צו פאדערן נאך זיין פאטערס טויט דאס געלד פון רבא'ן צוריק. ווען רבא האט זיך דערפון דערוואוסט, איז ער זעהר בייז געווארען.— רבא פלעגט אויך ארויסווייזען אפט א הארטהארציגקייט געגען ארעמע ארבייטער, וועלכע האט בשום אופן נישט געקאנט איינשטימען מיט דער מילדקייט און רחמנות, וועגען וועלכע עס ווערט פיעל מאל דערמאהנט אין חומש און אין דער גמרא. רבא'ס ברודער, רב סעורם איז געווען נאך א הארטערער מענש פאר איהם. ער האט זיך אנגעגעבען פאר א ריכטער איבער פרומקייט, און ווען ער פלעגט זעהען, אז אן ארעמאן איז נישט גענוג פרום, פלעגט ער איהם מאכען ביי זיך פאר א קנעכט און צווינגען צו טראגען איהם אין די גאסען אין זיין גאלדענער ביידעל. רבא'ן איז די זאך געפעלען געווארען, דען ער האט געפונען אן אלטע ברייתא: „אויב די זעהסט, אז א איד פיהרט זיך נישט אויף, ווי געהעריג איז, מעגסטו איהם פערקנעכטען".

בכלל זענען אין בבל אין יענער צייט, פון רב'ן און שפעטער, די אידישע מדות טובית געווען זעהר געפאלען; אנשטאט דער פריהערדיגער איינפאכקייט האבען איצט געהערשט לוקסוס, גאוה און גדלות, א שטרעבונג צו הערשאפט. צו שררות'שאפט און הארטהארציגקייט איז געווען א געוועהנליכע ערשיינונג. איניגע אמוראים פלעגען זיך אנטהון אין טייערע קליידער און לאזען זיך טראגען אין די גאסען אין פערגאלדעטע ביידלעך. זיי האבען זיך נישט געשפירט, ווי א טייל פונ'ם פאלק, פון וועמען זיי האבען געשטאמט, נאר זיי זענען געשטאנען אלס א העכערע אבגעזונדערטע קלאס איבער'ן פאלק, בעשיצענדיג זייערע אינטערעסען געגען די אינטערעסען פון פאלק, אויף וועלכען זיי האבען געקוקט מיט פעראכטונג און אויפגעבלאזענע גדלות. רבא האט זיך אליין מודה געווען, אז ווען עס איז פאר איהם פארגעקומען א דין תורה צווישען א תלמיד־חכם און א פאלקס־מענשען, האט ער נישט געקאנט איינשלאפען, ביז וואנען ער האט נישט געפונען קיין פשט'ל, אדער א המצאה, אז דער תלמיד זאל געווינען דעם פראצעס. ווען א תלמיד חכם פלעגט ארויסקומען מיט זיין סחורה אויפ'ן מארק צו פערקויפען, האט ער געהאט דאס פריווילעגיום, קיינעם נישט צו לאזען ליזען, איידער ער וועט זיין סחורה פערקויפען, כדי ער זאל בעקומען א גוטען פרייז.— ווען א תלמיד חכם פלעגט א משפט האבען, פלעגט מען זיין משפט בעטראכטען פריהער. פון אלערליי אבצאהלונגען פאר די קהלות איז דער תלמיד חכם געווען בעפרייט. דערין קאן מען זעהען דעם קאנטראסט צווישען די פריהערדיגע תלמידי חכמים, די תנאים און די איצטיגע: יענע פלעגען בשום אופן נישט וועלען האבען קיין שום טובת הנאה פון זייער תורה און שטענדיג מותר זיין אויף זייערס; אפילו כדי ארויסצוראטעווען זיך פון טויט האבען זיי נישט אויסגענוצט זייער תורה־נאמען! רבא האט אבער געגעבען די תלמידי חכמים גרויסע זכיות. ער האט זיי אפילו ער-

לויפט אנצוגעבען זיך פאר די גלחים פונ'ם פייערטאם, כדי דאדורך צו בעפרייען זיך פונ'ם מלוכה-אבצאהל.

אזא בעציהונג צום פאלק מצד די תלמידי חכמים האט געבראכט דערצו, אז דאס פאלק האט זיך אנגעהויבען בעציהען צו זיי זעהר אונפריינדליך. דאס פאלק פלעגט רעדען וועגען זיי מיט פעראכטונג: „אה, די רבנים דארט!" און ווי עס שיינט, איז אין די דאזיגע ווערטער געלעגען אזוי פיעל אבשפאטונג, אז די תלמידי חכמים האבען ערקלערט, דאס יעדערער ווער עס וועט אט די ווערטער זאגען איז אן אפיקורוס. דאס פאלק פלעגט אויך אפט זאגען: „וואס האבען מיר פאר א נוצען פון די תלמידי-חכמים? זיי לערנען נאר צוליעב דעם אייגענעם נוצען!"

דער חשק צום לערנען האט זיך אבער אלץ מעהר געשטארקט. די תלמידים האבען אנגעהויבען צו קומען אין רבא'ס ישיבה אין מחוזא נאך מעהר, ווי פריהער, פערנאכלעסיגענדיג דאדורך זייער פראפעסיע. רבא פלעגט זיי אפט מזהיר זיין נישט צו טהון דאס: „איך בעט אייך—פלעגט ער טענה'ן—קומט נישט אין דער ישיבה אין די חדשים, ווען מען ברויך צו ארבייטען אויפ'ן פעלד, כדי איהר זאלט קאנען האבען מזונות א גאנץ יאהר". רבא'ס דרשות זענען נאך מעהר געווען בעליעבט, ווי אביי'ס, ווייל ער פלעגט אריינטראגען קלארקייט אין זיין לערנען און שארפזיניגקייט אין זיין אנאליז. דער אייגענטליכער תלמוד—דאס אנציהענדע שפיעל פון גייסט, די איבערראשענדע שאלות מיט די נאך מעהר איבערראשענדע תשובות, דאס אריבערשפרינגען פון איין געגענשטאנד צום צווייטען, דאס אנשטרענגען דעם זכרון און ארויסווייזען חריפות און איינפאלען, מיט איין ווארט: די גאנצע דיאלעקטיק פון תלמוד איז א פראדוקט פון אביי און רבא'ס ישיבות. אביי, רבא און רבה זענען געווען די אמת'ע תלמודישע דיאלעקטיקער.

צוליעב זיין גרויסער לומדות און שארפזיניגקייט, מעגליך אבער אויך, צוליעב זיין עשירות, איז רבא געווען אין זיין צייט די איינציגע אויטאריטעט צווישען די תלמידי חכמים. צו איהם פלעגט מען זיך ווענדען מיט שאלות אפילו אויך פון ארץ-ישראל, אין דער צייט פון די גזירות פון קאנסטאנציוס און גאלוס.

פאר די אידען אין פערסיען איז די דאזיגע צייט אויך נישט געווען פון די גליקליכסטע. א פערסישע ארמעע איז געשטאנען אין מחוזא, און די איינוואהנער האבען זי געמוזט מחזיק זיין אויף זייערע הוצאות. פאר דער אידישער מאסע איז די זאך געווען זעהר שווער. דער מלך שבור דער צווייטער האט, ווי עס שיינט, ארויסגעגעבען אזעלכע שווערע גזרות, אז רבא איז געווען געצוואונגען אבצווענדען זיי דורך שוחד. ווען זיינע פריינד פלעגען מקנא זיין זיין גליק, דאס איהם לאזט די רעגירונג צורוה און מאנט ביי איהם נישט קיין גרויסע אבצאהלונגען, פלעגט רבא ענטפערען: „וואס ווייסט איהר, וויפיעל געלד איך האב געמוזט געבען בשתיקה די בעאמטע

פון שבור'ס קעניגליכען הויף!" רבא איז שיער נישט געשטאנען אין סכנת נפשות, אלס ראש ישיבה. ער האט נעמליך בעשטראפט א אידען מיט מלקות, פאר וואס ער האט געלעבט מיט א גוי'ע, און דער איד איז פון די מלקות געשטארבען. וועגען דער זאך האט זיך דערוואוסט דער מלך שבור, און מען האט רבא'ן געוואלט שטרענג בעשטראפען פאר'ן משפט'ן דיני נפשות. רבא האט זיך געראטעוועט דורכ'ן ענטלויפען, און די קעניגליכע בעאמטע האבען דערווייל בערויבט זיין גאנץ פערמעגען. רבא וואלט נאך שטרענגער בעשטראפט געווארען, ווען פאר איהם וואלט זיך נישט אנגענומען דעם קעניגס מוטער, איפרא הורמיז, וועלכע זאל האבען געזאגט צו איהר זוהן: „לאז די אידען צורוה, דען זייער גאט טהוט פאר זיי, אלץ וואס זיי פערלאנגען פון איהם". איפרא הורמיז איז בכלל געוועזען זעהר פריינדליך פאר די תלמידי חכמים און פלעגט זיי ענטדעקען אפילו איהרע געהיימע סודות. זי פלעגט זיי אפט געבען גרויסע נדבות אויף אויסצוטיילען די אריגע לייט. איינמאל איז איהר איינגעפאלען צו ברענגען א קרבן צום איינציגען גאט, און צוגעשיקט רבא'ן א בהמה מקריב צו זיין זי פאר א'עולה (א פייער־קרבן). רבא האט נישט געוואלט בעליידיגען די קעניגין און בעפוהלען זיינע צוויי ריינסטע תלמידים אנצוהאקען פריש האלץ און פערברענען דעם קרבן אויפ'ן טייך.

נאך רבא'ס טויט (352) האט די ישיבה אין מחוזא פערלוירען איהר בעדייטונג, און פומבדיתא האט זיך ווידער דערהויבען. איצט אבער זענען שוין קיין „גדולים" מעהר נישט געווען און מען האט געקאנט מיינען, אז דער גייסט פון די תלמידי חכמים איז מיעד געווארען נאך דער לאנגער אנשטרענגונג. קיין איינציגער פון רבא'ס תלמידים האט נישט געקאנט פערנעהמען זיין ארט, ווי געהעריג איז. די פערטרעטער פון די בבלי'שע ישיבות רב נחמן בר יצחק (געשטארבען 356) און רב פפא (געשטארבען 375) האבען נישט געהאט קיין בעזונדערס הויכע בעדייטונג. דער טלמוד גייסט פון אנאליזים און דיאלעקטיק האט געפונען בלויז אנהענגער, אבער נישט קיין שעפער. אין ארץ־ישראל האט דער זעלביגער צייט א פלעציאניק פון קייזער קאנסטאנציוס געגעבען די פערקנעכטעטע אידען א קורצע צייט ערלייכטערונג און זיי האבען געקאנט עטוואס אבעטעמען פון דער שווערער בעדריקונג. דאס איז געווען דער קייזער יוליאן, וועלכען די קירכע האט א נאמען געגעבען „דער אבגעפאלענער", א מענש מיט א בעוואוסטזיניגען ציעל אין לעבען און א שארפען כאראקטער, וועלכער וואלט געוויס איבערגעלאזען א גרויסען אנדענקען דער מענשהייט, ווען ער וואלט לענגער געלעבט. חאטש ער איז געווען פון דער קייזערליכער משפחה, פונדעסטוועגען איז זיין לעבען געשטאנען אין סכנה, ער האט געמוזט מורא האבען פאר א ברודער־מארד, און מען האט איהם געצוואונגען אנצונעהמען דעם קריסטענטום, וועלכע איז איהם געווען דערווידער. במעט דורך א וואונדער איז ער אנערקענט געווארען פאר א מיט־קייזער פאר זיין פעטער קאנסטאנציוס.

וועלכער האָט געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי איהם צו דערהרג'ענען. דורך אַ מיליטערישען אויפשטאַנד און דורך דעם אונערוואַרטעטען טויט פון זיין פעטער איז ער ענדליך געוואָרען אַליין־הערשער. און אַט ערשט האָט ער זיך בעשלאָסען צו פערווירקליכען די פילאָסאָפישע געדאַנקען פון זיינע לעהרער ליבאַניוס און מאַקסימוס, וועלכע ער האָט נאָך דערהויבען דורך זיין שענעם גייסט. זיין הויפּט־געדאַנק איז געווען, צו בעשיצען די אונטערגעדריקטע פון יעדער נאַציאָן, ווי אויך יעדע רעליגיעזע סעקטע, דער וואוילשטאַנד פון אַלע זיינע אונטערטאַנען דורך דעם ערלייכטערען די מלוכה־אָבצאָהלונגען און דאָס צוריקשטעלען דעם אַלטען רוימישען, אָדער גריכישען קולט. דערוויילטערענדיג אָבער דערביי די גאַנצע אויסגעלאַסענקייט און דעם אָבערגלויבען, וועלכע האָבען איהם געמאַכט פעראַכטליך און לעכערליך; ער האָט ענדליך געוואָלט אָביסעל אָבשוואַכען די קראַפט פון קריסטענטום, וועלכע האָט זיך אַזוי געשווינד פערשטאַרקט אין דער לעצטער צייט. דערביי האָט ער אָבער נישט פערגעסען די רדיפות, וועלכע ער האָט אַליין געמוזט אויסשטעהן מצד די פּאַרשטעהער פון דער קריסטליכער רעליגיע און האָט נישט געוואָלט צאָהלען מיט רדיפות פאַר רדיפות. דערפאַר איז ער אָבער געווען זעהר פריינדליך פאַר אידען. ער האָט אַליין אָנערקענט, אַז די רדיפות זענען איהם דערווידער און עס איז איהם העכסט נמאס געווען, וואָס מען האָט אונטער קאָנסטאַנציוס אָנערקענט די אידען פאַר גאָטעס־לעסטערער און גאָטס־לייקענער. נישט אַכטענדיג דערויף, וואָס ער איז אַליין דורך און דורך געווען איינגעזאַפּט מיט'ן גייסט פון דעם גריכישען קולט, האָט ער דאָך געהאַט דעם גרעסטען דרך־ארץ פאַר'ן אידישען קולט און פאַר די אידישע אידעאַלען. די אידישע מדה פון צדקה געבען און זאָרגען פאַר'ן אָרעמאַן, דאָס פערהיטען, אַז עס זאָלען ביי אידען קיין בעטלער און קיין עלענדע, פערלאָזענע, נישט זיין, האָט דערוועקט די בעוואונדערונג פונם קייזער יוליאַן. מעגליך, אַז ער האָט גאָר געוואָלט דורך זיינע בעזונדערע חסדים פאַר אידען, בלויז קרענקען די קריסטען, וועלכע האָבען תמיד געשטרעבט צו דערהויבען זייער רעליגיע דורך די רדיפות אויף אידען, אין וועלכע זיי האָבען דעמאָנסטרירט זייער מאַכט. יוליאַן איז געווען אַנ'אַנהענגער פון קרבנות און ער איז דעריבער געווען פול בעוואונדערונג פאַר'ן אידישען קולט פון בית־המקדש מיט די צערעמאָניעס ביי'ם ברענגען קרבנות. ענדליך איז אויך גאַנץ מעגליך, אַז מיט זיינע חסדים פאַר אידען האָט יוליאַן געהאַט אויך אַ פּאָליטישע כונה: ער האָט נעמליך געוואָלט פיהרען מלחמה געגען דער פּערסישער מלוכה, וואו אידען זענען געווען אַ גרויסע מאַכט, און אַט האָט ער געהאָפט, אַז דורך זיינע חסדים וועט עס איהם געלינגען אָבצושוואַכען די פיינדשאַפט פון די בבלי'שע אידען צו רוים, ווי זיי האָבען עס אַרויסגעוויזען בשעת די מלחמות פונ'ם קייזער טראַיאַנוס.

די קוים צוויי־יעהריגע רעגירונג פון יוליאַן (נאָוו. 361—יוני 363) איז געווען אַ גליקליכע צייט פאַר די אידען. מיט'ן נשיא הלל האָט דער קייזער

געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ און גערופען איהם: „מיין הויכגעעהרטער פריינד“. שוין דאָס אליין איז געווען אַ גרויסער חסד, וואָס ער האָט מבטל געמאַכט אַ טייל פון די פריהערדיגע גזירות און ערלויבט די אידען ווידער אריינצוקומען אין ירושלים.

אַ פרעהליכע איבעררעשונג האָט ער אָבער געמאַכט די אידען, ווען ער האָט זיי מודיע געווען זיין פערלאַנג אויפצובויען צוריק דעם בית־המקדש אין ירושלים אויף זיין חשבון. דעם דאָזיגען פּלאַן זיינעם האָט ער מודיע געווען צו אַלע אידישע קהלות אין אַ בריעף, וועלכען ער האָט געשריבען, זייענדיג אין אַנטיאָכיען אין הערבסט פונ'ם יאָהר 362. אין דאָזיגען בריעף האָט ער געשריבען פאָלגענדעס:

צו די אידישע קהלות!

„נאָך פיעל דריקענדער, ווי דער יאָך פון דער אָבהענגיגקייט (פון דער רוימישער מאַכט) אין דער פערגאַנגענער צייט, איז געווען פאַר אייך דער אומשטאַנד, דאָס מען פלעגט אויף אייך אַרויפלעגען נייע אָבצאָהלונגען, ניט מודיע זייענדיג אייך וועגען דעם, און איהר האָט געמוזט אַריינברענגען גרויסע סומעס געלד אין קייזערליכען אוצר. פיעל האָב איך געזעהען אליין, נאָכמעהר האָב איך זיך איבערצייגט, ווען איך האָב דורכגעקוקט די גרויסע חשבונות און רשימות פון די אָבצאָהלונגען, וואָס מען האָט אויף אייך אַרויפגעלעגט צו אייער שאָדען. איך אליין האָב מבטל געמאַכט איין אָבצאָהל, וואָס מען האָט שוין שיער ניט געהאַט אַרויפגעלעגט אויף אייך און האָב דאַדורך אָבגעשטעלט די רשעות געגען אייך און די חרפה, וואָס מען האָט אייך געוואָלט אָנטהון. איך האָב אליין אַריינגעוואָרפען אין פייער די חשבונות געגען אייך, וואָס איך האָב געפונען אין מיינע אַרחיווען, און פון איצט אָן וועט מען שוין אייך ניט זידלען מעהר מיט'ן שאַנד־נאָמען גאָטעס־לעסטערער. און אַלעם דעם איז שולדיג ניט מיין ברודער קאָנסטאַנציוס, נאָר די שלעכטע באַרבאַרען, וועלכע האָבען נישט קיין גאָט אין האַרצען און האָבען געמאַכט אַזעלכע הערכות אויף אייך. איך אליין האָב זיי געוואָרפען אין טיעפען פערדערבען, כדי עס זאָל אפילו נישט בלייבען קיין זכרון פון זייער מפלה,— און האָבענדיג בדעה, צו טהון מיט אייך נאָך גרעסערע חסדים, האָב איך בעוואויגען מיין ברודער, דער עהרענווערטען נשיא יוליוס (ס'הייסט: הלל) אַז ער זאָל נישט לאָזען מעהר מאָהנען ביי אייך דעם שליח־אָבצאָהל (Sendsteuer) 1) און אַז קיינער זאָל אייך מעהר נישט דריקען מיט'ן מאָהנען אָבצאָהלונגען, כדי אַז איהר זאָלט קאָנען לעבען אין מיין מלוכה אָהן זאָרג און קאָפּ־דרעהעניש. גע־ניסענדיג רוהיגקייט, וועט איהר קאָנען מיט'ן גאַנצען האַרצען [illegible]

1) מעגליך, אַז ער מיינט דאָ דעם אידישען אָבצאָהל, אָדער די נדבות דיזוך [illegible] שלוחי דרבנן אויף דער ישיבה, און דאָס איז שוין געווען פאַר אידען אַ קאָפּ־[illegible] (אַנמ. [illegible]).

טהון פאר דעם פרידען פון מיין מלוכה צום אלמעכטיגען וועלט-שעפער, וועלכער האט מיך געשטיצט מיט זיין רעכטער האנד. עס איז שוין שטענדיג אזוי, אז די וועלכע לעבען אין דאגות און דחקות, קאנען זיך נישט דערהויבען מיט זייער גייסט צו גאט און זייערע הענד צום הימעל תפלה צו טהון פאר דאס אלגעמיינע גליק. דאגעגען די, וועלכע זענען פריי פון יעדער זארג, פרעהען זיך מיט'ן גאנצען הארצען, און קאנען אויך פון טיעפען הארצען זיך דערהויבען מיט א תפלה צו גאט, וועלכער קאן אויפ'ן בעסטען אופן מיר העלפען אין מיין רעגירונג, צו פערווירקליכען אלעם גוטס, ווי איך האב עס בעשלאסען.— און אט דאס זאלט איהר טהון, כדי איך זאל קאנען בעזוכען די היילינע שטאדט, נאכדעם ווי איך וועל גליקליך ענדיגען די מלחמה געגען די פערסער, און בענייען איהר (ס'הייסט: ירושלים) אויף מיינע הוצאות, ווי איהר פערלאנגט איהר אבצובויען שוין פון כמה יאהרען. אין ירושלים וועל איך, פעראיינינט מיט אייך, לויבען און דאנקען דעם אלמעכטיגען גאט".

דער דאזיגער מילדער בריעף, וועלכער איז געווען געשריבען נאך אין א פריינדליכערען טאן, ווי פארציימטען כורש'עס בריעף, האט געמאכט אנ'איינדרוק אויף די אידישע געמיינדעס, ווי פרישע רעגענוואסער נאך א לאנגער טריקעניש אויף די פערשמאכטעטע פעלדער. די אידען האבען דעריבער אויסגעטייטשט אויף דעם קייזער יוליאן דעם פסוק פון ספר דניאל: „און ווען זיי וועלען געשטרויכעלט ווערען, וועלען זיי עטוואס געהאלפען ווערען".

יוליאן איז נישט געבליבען שטעהן ביי זיינע הבטחות. חאטש ער איז געווען שטארק פערנומען מיט'ן קריעג געגען פערסיען, פונדעסטוועגען האט ער דאך נישט פערגעסען זיין פלאן אויפצובויען צוריק דעם בית-המקדש. ער האט דערצו בעשטעלט א ספעציעלען משגיח, זיין בעסטען פריינד, דעם געלעהרטען און גוטען אליפיוס פון אנטיאכיען, און האט איהם בעפוילען נישט צו קארגען קיין געלד אויף דער נייער געבייד. די שטאטהאלטערס אין סיריען און ארץ-ישראל האט ער געגעבען א בעפעהל, צו שטיצען אליפיוס'ן מיט אלץ, וואס עס איז צום בנין פון בית המקדש נויטיג. מען האט שוין געהאט אנגעגרייט בוי-מאטעריאלען און ארבייטער זעהר פיעל און מען האט זיך גענומען אפרוימען די חורבות פון הר הבית, וועלכע זענען געלעגען דארט נאכ'ן חורבן אין א משך פון 300 יאהר.

ווי די קריסטליכע היסטאריקער דערצעהלען, האבען די ווייטעסטע אידישע קהלות געשיקט געלד צושטייער פאר'ן בנין, אידישע פרויען זאלען האבען פערקויפט זייער צירונג און מיט די אייגענע הענד געטראגען שטיינער צום בנין. דאס אלץ איז אבער נישט ריכטיג, דען דאס איז גארנישט נויטיג געווען, וויל דער קייזער יוליאן האט אליין געגעבען אלץ, וואס מען האט געברויכט מיט א רייכער האנד. די קריסטען

האבען אויך פערשפרייט א קלאנג, אז יוליאן האט געהאט בכונה צו פערשלעפען די אידען צו דער געצענדינערייע; זיי האבען אויך דערצעהלט, אז די אידען האבען חרוב געמאכט פיל קירכען אין לאנד יהודה און אין די ארומיגע לענדער, און האבען געשטראשעט די קריסטען אנצינדען זיי אזוי פיעל בייז, וויפיעל די אידען האבען זיך אנגעליטען פון די רוימישע קריסטליכע קיסרים. פיעל זיכערער קאן מען גלויבען, אז די קריסטען האבען אין יענער צייט געמאכט א שרעקליכע שחיטה צווישען די אידען אין עדעסא, דערפאר וואס דער קייזער האט זיי ארויסגעוויזען זיין פריינדשאפט. דורך דער דאזיגער נקמה האבען זיי געוואלט פערגאלען אידען זייער שמחה.

בכלל האבען די קריסטען געקוקט מיט קנאה אויפ'ן אפבויען ירושלים און דעם בית המקדש. בשעת מען האט אויפגעריסען די אלטע איינגעפאלענע ווענד פון בית-המקדש און גענומען אויפגראבען די פונדאמענטען, האבען פון דער ערד זיך ארויסגעריסען פלאמען פייער און עטליכע ארבייטער זענען דערביי דער'הרג'עט געווארען. בלתי ספק האבען די פלאמען אויסגעבראכען פון דער הונדערט-יעהריגער בעפרעסטער לופט אין די הייהלען אונטער דעם בית-המקדש. די ערשיינונג האט זיך ווידערהאלט עטליכע מאל און די ארבייטער זענען שטארק איבערגעשראקען געווארען, גלויבענדיג, אז גאט שטערט זיי אין דער ארבייט. ווי מען זאגט, האט יוליאן בעשולדיגט די קריסטען, אז זיי האבען די פלאמען בכיון ארויסגעבראכט און ער זאל זיי אויך האבען געשטראשעט אויסצובויען דארט פאר זיי א תפיסה, ווען ער וועט קומען צוריק פון דער מלחמה. די קריסטליכע היסטאריקער דערצעהלען אותות און מופתים, וואס עס זענען כלומרש'ט פארגעקומען ביי'ם דאזיגען בנין, וועלכער איז געווען געגען גאט'ס ווילען; די אלע דאזיגע ספורים האבען פאר זיי געדיענט אלס מיטעל פון פראפאגאנדא צווישען אידען פאר'ן קריסטליכען גלויבען.— דערווייל האט אליפיוס די ארבייט ביי'ם בויען דעם בית-המוקדש אבגעשטעלט און מען האט אבגעווארט ביז יוליאן וועט צוריק קומען פון דער פערסישער מלחמה.

די דאזיגע מלחמה האט זיך געענדיגט פאר יוליאן אומגליקליך, און ביי די אידען האט דאס צוגענומען זייער לעצטען טרייסט. די קריסטען אבער האבען דערין געזעהען א טריאומף פאר זייער רעליגיע. יוליאן האט קאנצענטרירט די גאנצע רוימישע מאכט און פערזאמעלט אלע זיינע לעגיאנען מיט זייערע מאשינען, כדי מנצח צו זיין דעם קעניג שבור דעם צווייטען, וועלכער האט פון זיין זייט אויך אנגעשטרענגט אלע זיינע כחות, כדי צו פערטרייבען די רוימישע מלוכה פון אזיען. אייראפא און אזיען זענען ווידער געשטאנען איינע געגען דער אנדערער אנגעווא-פענט צו מלחמה. די מלחמה איז פארגעקומען אין יענעם טייל פון בבל, וואו די אידען האבען געוואהנט. די שטאדט פירוז—שבור Pirysabora

וועלכע איז געווען איינגאנציגען בעזעצט מיט אידען, האט מען בעלאגערט און א משך פון דריי טעג און געצוואונגען ענדליך אונטערצוגעבען זיך. די שטאדט האבען די רוימער פערברענט. די שטאדט מחוזא, אין א געוויסער מאס די פארשטאדט פון דער רעזידענץ קטעסיפאן, וואס איהרע אידישע איינוואוינער האבען איהר אזוי שען בעפעסטיגט, אז זי האט קאנקורירט מיט דער הויפט-שטאדט, האט איצט ארויסגעשטעלט אזא הארטנעקיגען ווידערשטאנד, אז די רוימער האבען פערצווייפעלט אנגעהויבען איינצונעהמען איהר. אבער ענדליך האט דאך די פעסטונג ארום שטארט נישט אויסגעהאלטען דעם שטורם פון די רוימישע ברעך-מאשינען; די שטאדט איז געפאלען צעהן יאהר נאך רבא'ס טויט און איז פערוואנדעלט געווארען אין א הויפען אש און חורבות. ביי'ם גרויסען ערפאלג, וואס יוליאן האט געהאט אין דער מלחמה, איז איהם פונדעסטוועגען נישט געלונגען צוצוקומען צו דער רעזידענץ קטעסיפאן, דורך זיין גרויסער דרייסטקייט האט ער פערלארען די פרוכטען פון זיינע נצחונות און איז ענדליך אליין אויך געפאלען אין דער מלחמה. איהם האט געטראפען א פייל, וואס עס האט געשאסען אויף איהם זיינער אן אייגענער סאלדאט, א קריסט. געשטארבען איז יוליאן מיט דער רואיגקייט פון א פילאזאף.

זיין טויט (363) האט צוגענומען ביי די אידען דעם לעצטען שטראהל פון דער האפנונג אויף א רואיגען לעבען אין דער גרויסער רוימישער מלוכה. זיינע חסדים האבען פונדעסטוועגען געהאט א געוויסע ווירקונג; די גזירות פון די קיסרים: קאנסטאנטין און קאנסטאנציוס, האט מען אזוי גיך נישט בעניישט. יוליאנ'ס בעפעהלען, אויף וויפיעל זיי האבען נאר נישט געהאט דעם צוועק צו געבען די אידען בעזונדערס גרויסע רעכט, האט מען נישט מבטל געמאכט. נאך יוליאן איז געווארען קייזער יאוויאנוס, (levianus) וועלכער האט געקעניגט נאר זיבען חדשים (פון יוני 363 ביז פעברואר 364) און האט געשלאסען א שענדליכען שלום מיט'ן קעניג שבור. צוליעב דער קורצער צייט פון זיין מלוכה, האט ער נישט בעוויזען עטוואס צו טהון נישט פאר, נישט געגען די אידען.

ער האט אבער ארויסגעגעבען אן עדיקט וועגען רעליגיאנס-פרייהייט: יעדער האט זיך געקאנט אויסקלויבען יענע רעליגיע, וואס איז איהם געפעלען און ליעב געווען. — נאך זיין טויט האט די רוימישע מלוכה ווידער בעקומען צוויי קיסרים מיט אמאל: וואלענטיניאן דער ערשטער (375—364) און וואלענס (378—364). דער לעצטער האט געקעניגט איבער מזרח-טייל פון דער רוימישער מלוכה; ער איז געווען אריאנער (א בעזונדערע קריסטליכע קירכע) און האט געהאט צו פיהרען הארטע קאמפפען מיט דער פארטיי פון די קאטאליקען; א דאנק דעם, איז ער געווען זעהר דולדזאם אין רעליגיאנס-פראגען און פריינדליך פאר די אידען. זיין ברודער, וואלענטיניאן דער ערשטער, דער קייזער פונ'ם מערב-

טייל פון דער רוימישער מלוכה, האָט אין דעם קאַמפּף צווישען די אַריאַנער און די קאַטאָליקען אויסגעקליבען דעם וועג פון דער נייטראַליטעט און איז אויך געוועזען טאָלעראַנט אין רעליגיאָנס־פראַגען, ערלויבענדיג צו האָבען אַ רעליגיע, וועלכע מען וויל אָהן קיין שום פּאָליטישע פניות (371). פון דער דאָזיגער טאָלעראַנץ האָבען די אידען, נאַטירליך, געהאַט פיעל נוצען. די שוהלען און די ישיבות האָט וואַלענטיניאַן בעפרייט פון דער פליכט אויפצונעהמען די סאָלדאַטען אויף קוואַרטיר.

---

## אַכטעם קאַפּיטעל.

## דער אונטערגאַנג פון די נשיאות און דער אַבשלוס פון דעם תלמוד.

(600—370)

דאָס אָנהויבען צופאַלען פון דער רוימישער מלוכה ווערט בעטראַכט אין דער וועלט־געשיכטע ווי אַן עפּאָכע פון אַבשטאַרבען און ווידער־געבוירען ווערען, פונאַנדערפאַלען צוליעב אַלטקייט און פעריונגט ווערען מיט נייע, פרישע כחות, ווי אַן עפּאָכע פון חורבן און נייער אויפלעבונג. דער שטורם, וועלכער עס האָט אויסגעבראָכען פון די מויערן פון חינא, האָט געטריבען פאַר זיך צו אייראָפּאַ שוואַרצע וואָלקענס, וועלכע האָבען צושמעטערט דעם אַלטען בוים פון דער רוימישער מלוכה, וועלכער האָט שוין פערלוירען זיין קראַפט און זאַפט און איז געשטאַנען כמעט אָהן בלעטער און נור נאָך גרויסע, דאַרע צווייגען האָט ער געטראָגען, וועלכע זענען געוועזען אַ שפּיעל פאַר די ווינטען אין זייער צופעליגען אימפעט. נאָט'ס פעלקער־שטראָף, ווי מען האָט זיי גערופען, די ווילדע הונען, האָבען געטריבען פאַר זיך מחנות און פעלקער אָהן אַ שיעור, אָהן אַן ענדע און אָהן אַ צאָהל. די צייט פון דער פעלקערוואַנדערונג האָט אין זיך פערווירקליכט די שילדערונג פונ'ם אַלטען נביא: „עס וואַקעלט זיך די ערד, ווי אַ שכור'ע, דען זי קאָן שוין מעהר נישט טראָגען די שווערע משא פון איהרע פערברעכענס; זי פאַלט און קאָן נישט אויפשטעהן, און גאָט פיהרט מלחמה צווישען די גרויסע און די הויכע וועלטען און צווישען די מלכים פון דער ערד אויף דער ערד“. די דאַמאָליגע אידען האָבען גע־זעהן אין די גאָטהען, וועלכע האָבען די ערשטע פערפלייצט די רוימישע מלוכה די מלחמה פון גוג פון לאַנד מגוג, „וועלכער איז געקומען ווי אַ שטורם, ווי אַ געדיכטער וואָלקען, צו בעדעקען די ערד מיט אַלע איהרע פעלקער“. אין דעם דאָזיגען מערקווירדיגען פערשווינדען און געבוירען פון פעלקער איז דער אידישער געדאַנק געקומען צו דער איבערציינוגג, אַז די אידישע נאַציאָן איז צו די פעלקער נישט גלייך — זי איז איביג: „אַ פאָלק שטעהט אויף, אַ פאָלק געהט אונטער, ישראל בלייבט איביג“. אויף די חורבות פון דער רוימישער מלוכה האָבען זיך בעזעצט די באַר־

פארען, אלס א נקמה פאר די פערקנעכטעטע פעלקער — דאס איז געוועזען א ווילד געוויקס, וועלכע האט ערשט געדארפט אין אייראפא קולטיווירט און פערעדעלט ווערען, ווילדע מענשען, וועלכע האבען ערשט געמוזט אויסגעבעסערט ווערען דורכ'ן אננעהמען די אלטע יסודות פון דער אידישער תורה.

דאס לאנד יהודה, וועלכע איז דורך דער נשיאות נאך אלץ געוועזען פאר אלע אידישע קהלות אין דער רוימישער מלוכה די פארשטעהערין פון אידענטום, — דאס דאזיגע לאנד איז אין דער עפאכע פון דער פעלקערוואנדערונג געוועזען א בילד פון א פאלקאמען חורבן און אבשטארבען. די רדיפות פונ'ם פיינדליכען קריסטענטום זענען געלעגען, ווי א שווערע משא אויף די דארטיגע אידען און געלעהמט אין זיי יעדע שאפפונגסקראפט. מיט דעם טויט פונ'ם לעצטען געצענדיענערישען קייזער, יוליאן אפאסטאטוס, איז די געצענדיענערישע רוימישע מלוכה אינגאנצען אונטערגעגאנגען, און עס האט זיך אנגעהויבען די קריסטליכע רוימישע מלוכה. די בישאפען, מיט זייער גאנצער טויט-פיינדליכקייט אינער געגען דעם אנדערען, האבען בעהערשט אי קאנסטאנטינאפאל, אי רוים. דער רוימישער סענאט, וועלכער האט נאך געמאכט די לעצטע אנשטרענגונגען צו פערטיידיגען די געצענדיענעריי, האט זיך געמוזט צוגרייטען צום שטארבען. די געטין פון נצחון מיט איהר מזבח האט מען געמוזט ארויסווארפען פון זיצונגס-זאל. אין גרונד גענומען איז די מפלה פון דער פיעלגעטערייי געוועזען א נצחון פונ'ם אידענטום, אבער די אידען האבען אין דער דאזיגער שמחה נישט געקאנט טיילנעהמען, וויל געגען דעם אידישען פאלק האט זיך דערוועקט איצט א שנאה, נישט קיין שוואכערע, ווי די שנאה צו די געצענדיענער.

די אידען האבען נאך געהאט א צענטער, וועלכער האט זיי געדיענט פאר א סימבאל פון זייער אחדות — די נשיאות, וועלכע איז נאך געוועזען דער לעצטער רעשט פון דער אמאליגער גדולה. דריי נשיאים. זענען נאך בעוואוסט פון יענער צייט: רבן גמליאל דער פינפטער (נאך הלל דעם צווייטען), זיין זוהן, רבי יהודה דער פיערטער און רבן גמליאל דער לעצטער. אבער פון זייערע מעשים זענען קיין שפור נישט געבליבען. זיי האבען אפילו נאך אלץ געטראגען דעם טיטול „דורכלויכט“ (Ilustres) און האבען געהאט אלע פריווילעגיעס, וועלכע האבען געהערט הערצו; זיי פלעגען נאך אויך בעקומען דורך זייערע שלוחים נדבות פון אלע אידישע קהלות. אבער פאקטיש איז זייער מאכט געווען קליין. זייער איינציגער איינפלוס איז נור בעשטאנען דערין, וואס זיי האבען אויסגעשלאסען פון די אידישע קהלות יענע אידען, וועלכע זענען איבערגעגאנגען צום קריסטענטום פרייוויליג, אדער געצוואונגען דערצו. דאס שטאלץ-געווארענע קריסטענטום האט זיי אבער דאס דאזיגע רעכט אויך נישט פערגינען. די בישאפען האבען געצוואונגען די נשיאים

און די פֿאָרשטעהער פֿון די קהלות, וועלכע האָבען שוין איצט געטראָגען דעם נאָמען „פּרנסים“ (Primaten) אָבצוגעבען די אויסגעשלאָסענע משומדים יענע רעכטע, וועלכע זיי האָבען נאָך געהאַט אין דער אידישער קהלה פֿאַר'ן שמד. אַ געווּיסע שטיצע האָבען די אידען נאָך דאַמאָלס געהאַט אין דער פּערזאָן פֿון דעם קייזער טהעאָדאָזיוס דעם גרויסען (379—395), וועלכער האָט נאָך פֿערטיידיגט די אידען, נישט־אָבּ־קוקענדיג אויף דער פֿאָדערונג פֿון דער קאַטוילישער גלח'ישער וועלט, בעזונדערס אָבער, פֿון אַמבּראָזיוס פֿון מאַילאַנד. וועלכע האָבען דערבּאַוּים פֿערלאַנגט, אַז ער זאָל אויסוואָרצלען די אַריאַנער און אַלע אַנדערע אַפּיקורסית'שע סעקטעס, צו וועלכע די קריסטען האָבען אויך גערעכענט די אידען. טהעאָדאָזיוס האָט איבערגעלאָזען בּיי די נשיאים און פּרנסים דאָס רעכט אַריינצולעגען אין חרם (ס'הייסט: אויסשליסען פֿון דער אידישער קהלה) זייערע מיטגליעדער, און אַז די וועלטליכע מאַכט טאָר זיך נישט מישען אין די אינערליכע אידישע ענינים. ווען דער נשיא רבּן גמליאל דער פֿינפֿטער האָט איהם דערלאַנגט אַן אָנקלאַגע אויף דעם רוימישען קאָנסול העזיכיוס, אַז ער האָט בּיי איהם צוגענומען וויכטיגע דאָקומענטען, האָט טהעאָדאָזיוס פֿער'משפּט דערפֿאַר דעם קאָנסול צום טויט. וואָס פֿאַר דאָקומענטען דאָס זענען געווען, איז פֿאַר אונז געבּליבּען אומבּעוואוּסט. —

טהעאָדאָזיוס פֿלעגט אויך אָפֿט דאַרפֿען אָבּהאַלטען די קריסטליכע קנאים אין זייער שטרעבּונג צו בּערויבּען און פֿערבּרענען אידישע שוהלען, אָדער איבּערצומאַכען זיי פֿאַר קריסטליכע קירכען, האַלטענדיג דאָס פֿאַר אַ גרויסע מצוה. די הויפּט־פֿאַנאַטיקער פֿון יענער צייט, וועלכע פֿלעגען אַרויסטרעטען געגען די אידען, זענען געווען יאָהאַנעס כריזאָסטאָמאָס פֿון אַנטיאָכיען און דער „קדוש“ אַמבּראָזיוס פֿון מאַילאַנד.

דער ערשטער פֿון זיי, וועלכער איז פֿון אַן'אייניזאַמען מאָנאַך געוואָרען פּלוצלונג אַ גלח'ישער רעדנער, פֿלעגט אַרויסטרעטען אין די קירכען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַנטיאָכיען מיט געמיינע זידלערייען געגען די אידען, דען ער האָט געזעהן, אַז פֿיעל אַנטיאָכישע איינוואוינער זענען נוטה צום אידענטום, חאָטש און חער ווירקליכקייט האָבען די אידען זיי כלל חערצו נישט אַנגערעדט. אום שבּת און יום־טוב פֿלעגען פֿיעל קריסטען דאָרט קומען אין די אידישע שוהלען טיילצונעהמען אין דאַוונען. בּעזונדערס פֿלעגען דאָס טהון אַנגעזעהענע קריסטליכע פֿרויען. ווי אויך פֿרויען פֿון זעהר ניעדעריגען שטאַנד. מיט גרויס פֿרומקייט פֿלעגען זיי קומען הערען שופֿר־בּלאָזען אום ראש־השנה און צו די תּפלות אום יום־כּפּור; אויך אין סוכּות־יום־טוב פֿלעגען זיי שטאַרק טיילנעהמען. די קריסטען פֿלעגען קומען אָפֿט אויף אַ דין־תּורה, ווייל די אידישע שבועה איז אין זייערע אויגען געווען זעהר וויכטיג. כריזאָסטאָמאָס איז בּעגעגען

דעם ארויסגעטראטען זעהר שארף, זידלענדיג די שוהלען מיט די געמיינסטע נעמען, ווי: א שענדליך טעאטער, רויבער-היהלען און נאך עטוואס ערגערס.

נאך פיעל גיפטיגער איז געווען אמבראזיוס פון מאילאנד געגען די אידען. ווען די קריסטען האבען איינמאל פערברענט אין רוים א שוהל, און דער קייזער מאקסימוס (געקעניגט זעהר א קורצע צייט) האט בעפוילען דעם סענאט, אבצובויען די שוהל צוריק אויפ׳ן חשבון פון דער מלוכה, איז אמבראזיוס ארויסגעטראטען געגען איהם מיט דעם זידעלווארט: „איד“. א געוויסער בישאף האט געלאזט פערברענען דורך מאנאכען א שוהל אין צפון מעסאפאטאמיען. דער קייזער טהעאדאזיוס האט איהם בעפוילען, אז ער זאל די שוהל צוריק לאזען אבבויען אויף זיין חשבון. אבער אמבראזיוס האט אריינגעשיקט דעם קייזער א בריעף, אין וועלכען ער האט איהם אזוי שטארק בעליידיגט און געסטראשעט, אז דער קייזער האט געמוזט צוריקנעהמען זיין בעפעהל. צונעהמענדיג בייא אידען אלע רעכטע, האט אמבראזיוס פון זיי נאך חוזק געמאכט, ערקלערענדיג, אז די אידען זענען אזוי שפל, דאס זיי קאנען פון זיך נישט ארויסשטעלען קיין קייזער, קיין שטאטהאלטער, קיין סענאטאר, אפילו אין מיליטער קאנען זיי נישט דיענען אדער עסען צוזאמען בייא איין טיש מיט די שרים. אומזיסט האט דער קייזער טהעאדאזיוס דער גרויסער פיעל מאל בעטאנט, אז די אידען זענען גלייכבערעכטיגטע בירגער אין דער רוימישער מלוכה, און דאס אידענטום איז נישט קיין פערבאטענע רעליגיע; דער קייזער האט אויך בעפוילען (393) צו בעשטראפען די קריסטליכע רעליגיאנס-שטערער און שוהלען-שענדער; אבער דער קייזער איז געווען אונמעכטיג געגען זיין צייט, וועלכע איז בכלל געווען פיינדליך געגען די אידען און פלעגט ערקלערען אלץ, וואס האט נור נישט געהערט צו דער קאטוילישער קירכע, פאר אפיקורסות און גאטעסלעסטערונג. בעזונדערס בעקלאגען זיך האבען די אידען אויך נישט געקאנט, ווייל אין דערווירקליכקייט האבען זיי געהאט נישט ערגער, ווי פיעל קריסטליכע סעקטען, וועלכע מען האט גע׳רודפ׳ט אויך אזוי, ווי די אידען. די ווילדקייט, מיט וועלכער עס האבען זיך בעגאנגען אין דער דאמאליגער וועלטגעשיכטע די בארבארען, וועלכע זענען פון אלע זייטען אנגעפאלען אויף דער רוימישער מלוכה — אט די ווילדקייט איז אויך אריינגעטראגען געווארען אינ׳ם רעליגיאנס-קאמפף. דער וואנדאליזם האט געהערשט איבעראל: סיי אין דער מלוכה, סיי אין דער קירכע. דעם בעזונדערען צושטאנד פון די אידען אין דער רוימישער מלוכה האט טהעאדאזיוס פונדעסטוועגען דאך נישט פערענדערט פיעל. דאס פריהערדיגע געזעץ פון קאנסטאנציוס, אז מען זאל שטרענג בעשטראפען א אידישען שקלאווען-בעזיצער, ווען ער איז מגייר זיינע שקלאווען, איז נאך איצט אויך געבליבען פעסט. דאגעגען האט ער מבטל געמאכט דאס פריווילעגיום, וואס די אידען האבען

פריהער געהאט פריי צו זיין פון דער פליכט צו ערפילען געוויסע שווערע דיענסטען פאר די שטעדט.

איינטיילענדיג די רוימישע מלוכה צווישען זיינע צוויי זיהן, האט טהעאדאזיוס צוטיילט די גרויסע מאכט צווישען דעם מערב און דעם מזרח; אנשטאט דער פריהערדיגער פעראייניגטער רוים, זענען איצט אויסגעוואקסען צוויי מלוכות: רוים און קאנסטאנטינאפאל אדער ביזאנץ. די קאנקורענץ צווישען ביידע מלוכות האט מיטגעבראכט שנאה און נקמה, אכזריות און רדיפות. און די אידען, וועלכע האבען טייל געהערט צו רוים, טייל צו קאנסטאנטינאפאל, האבען אנגעהויבען צו ליידען דאפעלט. דער קאנסטאנטינאפאלער קייזער ארקאדיוס (395—408) איז געוועזען נור א שאטען פון א קייזער, און די ממשלה האבען געהאט די שרים רופינוס און אויטראפיוס, וועלכע זענען גראד געוועזען פריינדליך פאר די אידען. רופינוס האט זעהר ליעב געהאט געלד, און די אידען האבען שוין פון א געוויסער צייט אן געוואוסט פון דער טרויעריגער פראקטיק, אז נור מיט געלד קאנען זיי עטוואס פועל זיין. א דאנק דעם, איז ארויסגעגעבען געווארען א רייה פון געזעצען לטובת די אידען. איין געזעץ האט בעשטימט (396), אז די אידען האבען דאס רעכט צו בעשטימען אליין אנ׳אויפזעהער אויף די מערק (Agoranomen) און ווער עס וועט זיך דערוועגען צוצונעהמען ביי די אידען דאס דאזיגע רעכט, דארף בעשטראפט ווערען שטרענג דורך תפיסה. א צווייטעס געזעץ האט שטרענג פערבאטען צו בעליידיגען דעם „ערלויכטען נשיא". ווען דער המון איז בעפאלען אין איליריען אויף די שוהלען, האט דער קייזער ארקאדיוס, אדער ריכטיגער, זיין שר אויטראפיוס, בעפוילען, אז די שטאטהאלטערס זאלען אננעהמען געגען דעם שטרענגע מיטלען (397). ער האט אויך בענייט דאס געזעץ פונ׳ם קייזער קאנסטאנטין, אז די נשיאים און תלמידי־חכמים זאלען פריי זיין פון די שווערע דיענסטען אין שטאדט, גלייך מיט די קריסטליכע גלחים. אין ארקאדיוס׳עס רעגירונג איז אויך בעשטעטיגט געווארען (398) דאס אידישע רעכט צו משפט׳ן זיך ביי די רבנים לויט׳ן דין פון דער תורה, און אז די רעגירונגס־בעאמטע זענען מחויב צו פערווירקליכען זייער פסק־דין, האטש אין אלע ענינים, וואס האבען נישט קיין שייכות צו דער רעליגיע, זענען די אידען אינטערגעווארפען אונטער די אלגעמיינע מלוכה־געזעצען. ביים ביזאנטישען קייזערליכען הויף האט מען זיך אבער שטענדיג געקאנט ערווארטען נייע איבערראשענדע געזעצען; אזוי, למשל, איז באלד ארויס א ניי געזעץ (399), לויט וועלכע אלע אידען, און אויך די תלמידי־חכמים, זענען מחויב טיילצונעהמען אין די אבצאהלונג פאר דער שטאדט. מעגליך, אז דאס נייע געזעץ איז ארויסגעגעבען געווארען שוין דאן, ווען אויטראפיוס איז ארונטער פון זיין גדולה.

אין רוים האט אויך געקעניגט א שוואכזיניגער קייזער — האנאריוס, וועלכער האט זיך אינגאנצען געפונען אונטער׳ן איינפלוס פון זיין שר

סטיליכא; די אידישע לאגע איז דעריבער געווען זעהר נישט קיין זיכערע. אין די פראווינצען אפוליה און קאלאבריה האט מען מבטל געמאכט די קוריאל־פריהייט פון די אידישע קהלות; א צווייטע געזעץ (399) האט שטרענג פערבאטען ארויסצופיהרען פון דער גאנצער מדינה נדבות, וואס די אידישע קהלות פלעגען זאמלען פאר דער נשיאות אין ארץ־ישראל. דאס געזאמעלטע געלד האט מען געדארפט קאנפיסקירען און איבערגעבען דער קייזערליכער קאסע. פינף יאהר שפעטער (404) האט מען דאס דאזיגע געזעץ מבטל געמאכט, און ווידער ערלויבט די אידען אין דער מערב־רוימישער מלוכה צו זאמלען געלד פאר דער נשיאות אין ארץ־ישראל. פון איין זייט האט האנאריוס אויסגעשלאסען די אידען און שומרונים פון רוימישען מיליטער־דיענסט, און פון דער אנדער זייט האט ער געגעבען א בעפעהל, נישט צו דריקען די אידען און נישט צו פאדערן פון זיי צו שטעלען זיך שבת און יום־טוב אין געריכט (409).

ערשט מיט'ן גוטמוטיגען ביזאנטינישען קייזער טהעאדאזיוס דעם צווייטען (408—450), וועלכער האט זיך אבער אינגאנצען געפונען אונטער'ן איינפלוס פון די גלחים, הויבט זיך אן פאר די אידען דאס אייגענטליכע מיטעלאלטער מיט אלע איהרע גרויזאמע רדיפות. דורך די ערליקטען פונ'ם דאזיגען קייזער איז די אידען פערבאטען געווארען צו בויען נייע שוהלען, צו משפט'ן צווישען אידען און קריסטען, צו האלטען ביי אידען קריסטליכע שקלאווען און נאך פיעל אנדערע זאכען. אין דער רעגירונג פונ'ם דאזיגען קייזער איז אונטערגעגאנגען די נשיאות, האטש דער לעצטער נשיא רבן גמליאל האט געהאט פיעל מעהר כבוד אין קייזערליכען הויף, ווי די פריהערדיגע נשיאים, דען צו די פריהערדיגע טיטולען האט ער בעקומען דעם נאמען פרעפעקט מיט אנ'עהרען־דיפלאם; זיינע אלע טיטולען האבען איהם אפילו קיין נייע מאכט נישט געגעבען, אבער אין א צייט, ווען אלץ איז געווען אויסערליכער כבוד, האט דאס אויך געהאט א גרויסע בעדייטונג. מיט וואס רבן גמליאל האט פאר זיך פערדיענט אזא גרויסען כבוד, איז אונבעוואוסט, מעגליך, הערמיט, וואס ער איז געוועזן גער ניט אין דער מעדיצין, דען ער איז דערין געווען בעריהמט, און מען האט דערצעהלט, אז ער האט ערפינדען א מיטעל, ווי אזוי אויסצוהיילען די מילץ־קראנקהייטען. רבן גמליאל האט דורך זיין גרויסען אנגעזעהען גערעכענט, אז ער איז נישט מחויב צו רעכענען זיך מיט די גזרות פון קייזער געגען אידען און האט געלאזט בויען נייע שוהלען און געפיהרט משפטים צווישען אידען און קריסטען. דער קייזער האט איהם אבער שטרענג בעשטראפט, צונעהמענדיג ביי איהם אלע זיינע טיטולען און אויסצייכענונגען, איבערלאזענדיג איהם בלויז יענע רעכטע, וועלכע ער האט געהאט אלס נשיא (415). די נשיאות האט אבער דער קייזער ביי רבן גמליאל'ס לעבען נישט מבטל געמאכט, נור ערשט נאך זיין טויט, ווען ער איז, ווי עס שיינט, געשטארבען אהן א זוהן (425). אויף אזא אופן איז מיט רבן

גמליאל דעם לעצטען אונטערגעגאנגענען דער לעצטער צווייג פון הלל הזקן'ס הויז. פיער מיט א האלב יאהרהונדערטע 1) איז געשטאנען דאס דאזיגע הויז אין שפיץ פון די גייסטיגע אנגעלעגענהייטען פון יודענטום. פיעל פון זייערע מיטגליעדער האבען פערגרעסערט די תורה שבעל־פה און געטראגען הויך די פאהן פון דער אידישער פרייהייט און נאציאנאליטעט; זייער לעבענסגעשיכטע איז געווארען א וויכטיגער טייל פון דער געשיכטע פון אידישען פאלק. פופצעהן נשיאים זענען אין דער דאזיגער צייט אויפגענומען געווארען פון זיי; צוויי פון זיי האבען געהייסען הלל, דריי — שמעון, פיער — יהודה און זעקס — גמליאל.

אין דער רעגירונג פון טהעאדאזיוס דעם צווייטען אין קאנסטאנטינאפאל און האנאריוס אין רוים האט די אידען־פיינדליכקייט זיך זעהר פערשטארקט, און א בישאף אין אלעקסאנדריען (מצרים) האט זיך ערלויבט די אידען שרעקליך צו רודף'ן דארט און ענדליך ארויסצוטרייבען פון שטאדט. ער האט פערזאמעלט די קריסטליכע מאסען און געהאלטען פאר זיי העצרעדעס געגען די אידען, דערנאך איז ער אריינגעקומען אין זייערע שוהלען און פערנומען זיי פאר די קריסטען און די אידען האט ער געלאזט פערטרייבען פון שטאדט כמעט האלב נאקעט. דאס אידישע פערמעגען האט דער דאזיגער בישאף (קיריל) איבערגעלאזען דער קריסטליכער מאסע צו בערויבען (415). דער רוימישער ארעסטעס, האט געגען דער דאזיגער גרויזאמקייט גאר נישט געקאנט טהון. ער האט נור געקאנט דערויף בעקלאגען זיך אין קייזערליכען הויף, אבער דארט האט מען דעם בישאף געגעבען גערעכט. ווי גרויס עס איז געווען דער פאנאטיזם פון דעם דאזיגען בישאף, קאן מען זעהען פון דאס, וואס עס איז פארגעקומען, נאכדעם ווי מען האט פערטריבען די אידען פון אלעקסאנדריען: נישט ווייט פון אלעקסאנדריען, ביים בארג ניטרא, האבען געוואוינט מאנאכען, וועלכע האבען אזוי שטארק געגארט צו ווערען „קדושים", אז זיי זענען פעהיג געווען אבצוטהון צוליעב דעם די גרויזאמסטע מעשים. און אז האט קיריל זיי אנגערעדט, אז זיי זאלען מאכען אן'אנפאל אויפ'ן פרעפעקט אטעס, וועלכער האט פערטיידיגט די אידען און מיט א שטיין האבען זיי איהם שיעור נישט דער'הרג'עט. די בערימטע פרוי היפאטיא, וועלכע איז געווען בעוואוסט מיט איהר טיעפער קענטעניש אין דער פילאזאפיע, מיט איהר רעדנערישער קונסט און מיט איהר גרויסער צניעות און שענע מדות, האבען זיי אויסגעטהון נאקעט און דער'הרג'עט אויף א שענדליכען אופן. — וואס איז געווארען מיט די דאמאליגע ארויסגעטריבענע אידען, איז אונבעוואוסט. נור איין איינציגער איד, דער רופא אדא־

1) ביי גרעץ: „דריי און א האלב יאהרהונדערטע" — בלי ספק א דרוקפעהלער, ווען הלל הזקן איז געווארען נשיא ארום 31 יאהר פאר קריסטוס.

(איבערזעצער).

מאנטיום, האט זיך גע'שמד'ט, זייענדיג דערצו געצוואונגען; די איבריגע אידען זענען, צוליעב געטריהייט פאר זייער נאציאנאליטעט און אמונה, אוועקגעגאנגען אין גלות.

נישט אזוי פעסט האבען אבער אויסגעהאלטען די אידען אויף דער שפאנישער אינזעל מינארקא (מיטעללענדישער ים) אינ'ם קליינעם שטעדטעל מאגאנא; דארט האט דער בישאף סעווערוס אונטערגעצונדען די אידישע שוהל און אזוי לאנג גע'רודפ'ט די אידען, ביז זיי האבען אלע זיך געלאזט אב'שמד'ען. געוואוינט האבען דארט שוין אידען פון זעהר לאנג. ווען רוים איז נאך געווען א רעפובליק, זענען שוין דארט געווען אידען. די קריסטען האבען זיי אבער פערטיליגט אינגאנצען.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אז די פרעפעקטען און רעקטארען פון די פראווינצען האבען איבעראל פערטיידיגט די אידען געגען די אנפאלען מצד די גלחים. דער סירישער פרעפעקט האט מודיע געווען דעם קייזער, אז די קריסטען האבען געמאכט א רויב-אנפאל אויף די אידישע שוהלען אין אנטיאכיען. דערביי האט ער די אכזריות פון די קריסטען געשילדערט מיט אזעלכע פינסטערע פארבען, אז אפילו דער קייזער טהעאדאזיוס, וועלכער איז אינגאנצען געווען אונטער'ן איינפלוס פון די גלחים, האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל די גערויבטע זאכען צוריק אבגעבען. נעבען אנטיאכיען האט אבער געוואוינט דער „קדוש שימעאן", וועלכער איז שטרענג ארויסגעטראטען געגען דעם דאזיגען בעפעהל; ער האט געשריבען א בריעף צום קייזער, אין וועלכען ער האט ערקלערט, אז ער אנערקענט נור גאט אליין אלס קייזער און העכער און ווייטער קיינעם נישט. ער וויל דעריבער נישט פאלגען דעם קייזערליכען בעפעהל אבצוגעבען צוריק דאס גערויבטע גוטס די אידען. ביים קייזער טהעאדאזיוס האט מען אזעלכע טענות נישט געברויכט איבערצו'חזר'ן: ער האט זיין בעפעהל באלד צוריק אבגערופען און נאך דערצו דערווייטערט פון זיין שטעלע דעם סירישען פרעפעקט, וועלכער האט גערעדט פאר די אידען א גוט ווארט (423).

די נישט-טאלעראנטע, פינסטערע קירכליכקייט פונ'ם קאנסטאנטינאפאלער קייזער טהעאדאזיוס דעם צווייטען האט אויך געהאט א שטארקען איינפלוס אויף דעם רוימישען קייזער האנאריוס, און ביידע קיסרים האבען מורא'דיג דערניעדעריגט די אידען דורך די אויסנאהמס-געזעצען, וועלכע זיי האבען געגען זיי ארויסגעגעבען. פאר די אידען איז דאס אבער געבליבען אנ'אונגליק אויף פיעל הונדערטער יאהרען, ווען די אייראפעאישע מלוכות, וועלכע האבען זיך באלד נאך דעם איינגעארדענט, די דייטשע און פראנקישע, האבען געפונען די אידען שוין אינ'ם דאזיגען ניעדעריגען בירגער-שטאנד און זיי בעהאנדעלט כמעט ווי שקלאווען. מען האט די אידען נישט צוגעלאזען צו קיין מלוכה-שטעלע, מען האט זיי דערווייטערט פון מיליטער-דינסט, נור די בעשווערליכע און שענדליכע שטאדט-ארבייטען האט מען

זיי איבערגעלאזען. אבער נאך נישט בענגנוגענדיג זיך דערמיט, וואס ער האט ביי זיי צוגענומען די גלייכבערעכטיגונג, האט טהעאדאזיוס זיי אויך נישט ערלויבט צו פערנוצען זייער פערמעגען אויף רעליגיעזע בעדערפענישען, א שטייגער, ווי זייער פערמעגען וואלט געהערט דעם קייזער.... נאכדעם ווי די נשיאות האט אויפגעהערט אין ארץ-ישראל, האבען די אידען פונדעסטוועגען נאך אלץ געזאמעלט די נדבות פאר ארץ-ישראל, ווייל דאס איז זיי שוין געווארען א געוואוינהייט; די פרנסים פלעגען דאס געלד, ווי עס שיינט, פערטהון אויף אויסצוהאלטען די ישיבות. פלוצלונג איז אבער ערשינען א בעפעהל פון קייזער ארויסצוגעבען דאס געזאמעלטע געלד פאר דער קייזערליכער קאסע און אין דער צוקונפט דארפען די קייזערליכע בעאמטע אליין איינמאהנען ביי די אידישע קהלות דאס דאזיגע געלד לטובת דער קייזערליכער קאסע. אפילו דאס געלד, וועלכעס איז אנגעקומען פון די מערב-רוימישע אידישע קהלות, האט מען געמוזט אבגעבען דער קייזערליכער קאסע (30-סטער מאי 429). די נייע רום האט גע'ירש'ענט פון דער אלטער איהר חיטרע פאליטיק מיט איהר געלד-ליעבהאבעריי; ווי פריהער, האט דער געצענדיענערישער קייזער אספסינוס פערנומען די נדבות, וואס די אידען פלעגען געבען פאר'ן בית-המקדש (מחצית השקל), אזוי האט איצט די קריסטליכע רום פערנומען די נדבות, וועלכע די אידען האבען געזאמעלט פאר דער נשיאות; דערצו האט מען נאך צוגעלעגט די אכזריות, אז דאס, וואס די אידען האבען געגעבען מיט'ן פרומען געפיהל פאר זייער תורה, האט מען זיי געצוואונגען צו געבען אויף ענינים, וועלכע האבען געדארפט אויסגענוצט ווערען צו זייער רעה.

אבער נישט-קוקענדיג אויף דער שרעקליכער לאגע פון די אידען אין דער מזרח-רוימישער מלוכה און אין ארץ-ישראל, איז נאך דאס לערנען תורה נישט אויסגעלאשען געווארען דארט אינגאנצען. די ישיבות אין טבריה און אין לוד זענען נאך אלץ געווען בעזוכט און זיי האבען געדיענט אלס מוסטער פאר אנדערע. דער גלח היעראנימוס (331—420), וועלכען די קאטוילישע קירכע האט געמאכט פאר א קדוש, און וועלכער האט געגרינדעט אין בית-לחם א מאנאסטיר פאר פרויען, האט זעהר געהאט חשק צו קענען דעם תנ"ך אין זיין אריגינעלער שפראך. ער פלעגט דעריבער קומען אפט צו די אידישע תלמידי-חכמים פון די דאזיגע שטעדט תורה לערנען; די גרויסע קענטניש, וועלכע דער דאזיגער גלח האט געהאט אין העבראיש, דערוויזט, אז אין יענער צייט איז די דאזיגע קענטניש געווען זעהר ענטוויקעלט אין ארץ-ישראל. איינער פון זיינע לעהרער בר חנינא האט געמוזט צו איהם קומען בשתיקה, כדי צו לערנען מיט איהם תורה, ווייל צוליעב דעם, וואס די קריסטליכע גלחים פלעגען אויסנוצען זייער פערשטעהן די תורה אין אריגינאל אויף אנצוטהון די אידען יסורים איז פיהרען מיט זיי שטענדיג וכוחים, האבען די אידישע תלמידי חכמים פערבאטען צו לערנען מיט זיי. היעראנימוס האט אויסגעלערנט נישט בלויז צו קאנען איבער-

זעצען א פסוק, נאר ער האט זיך אויך גרינדליך בעקאנט מיט'ן אינהאלט פון דער תורה שבכתב און מיט דער תורה שבעל פה, לויט די כללים ווי מען דרינגט זיי ארויס פון דער געשריבענער תורה: מיט דער אגדה האט ער זיך אזוי גוט בעקענט געמאכט, אז ער פלעגט זי אפט אויסנוצען לויט זיין קריסטליכער וועלט-אנשויאונג און זיינע דרושות פאר'ן קריסטליכען פובליקום.

אין דער פראגע, וועלכע ספרים הארפען גערעכענט ווערען צום תנ"ך, און וועלכע זענען אפאקריפען, זענען די תלמידי-חכמים געווען פיעל מעהר קאמפעטענט ווי די דאמאלדיגע קריסטליכע געלעהרטע. אויף דעם ניקע־אישען גלחישען צוזאמענפאהר האט מען פיעל אפאקריפישע ספרים אריינ־גענומען אין תנ"ך (קאנאניזירט). די אידען, מיט וועלכע היעראנימוס האט וועגען דעם געהאט א'נאונטערעדונג, האבען איהם ארויסגעשטעלט געגען דעם אזעלכע וויכטיגע ראיות, אז אפילו נאך אין דער איצטיגער צייט, ווען די ביבעל-קריטיק האט שוין געמאכט גרויסע פארטשריטע, ווערען זיי אויך אנערקענט פאר ריכטיגע. פאר די אידען איז דער תנ"ך שוין דאמאלס געווען נישט בלויז א געגענשטאנד פון בלינדען גלויבען, נאר פון טיעפען שטודיום און אנאליזירען יעדעם ווארט, כדי אנצווועדען זיין זיין אלס א געזעץ אין לעבען, און דעריבער האבען די אידען געהאט א פיעל טיעפערען פערשטאנד אין תנ"ך, ווי די נישט-אידען. דאס לאנד יהודה איז שוין אין זיין גרייז-גרויען עלטער נאך אלץ געווען די איינציגע מוטער און ערציהע־רין פון דער העברעאישער שפראך, וועלכע זי האט איבערגעגעבען איהרע זיהן אין דער פרעמד אלס א'נאייביגע ירושה, וואס זאל זיי אלעמען פעראיי־ניגען אין די וויטעסטע לענדער. לשון הקדש איז געווארען די שפראך פון די תפלות, פון לערנען תורה—דער איינציגער אידישער אחדות-סימ־באל. פון דער אונטערגעהענדער זון אין לאנד יהודה האבען די קריסטען נאך איבערגענומען איינציגע שטראהלען, וועלכע די קירכע האט פערהייליגט אלס אהימעלס-ליכטיגקייט. די קענטעניש, וועלכע היעראנימוס האט גענומען ביי אידען אין העברעאיש האט איהם געהאלפען אויסצובעסערען פיעל פעה־לערען, וועלכע זענען אריינגעפאלען אין דער גריכישער איבערזעצונג פון דער תורה (סעפטואגינטא), ווען ער איז צוגעטראטען צום איבערזעצען דעם תנ"ך אויף לאטייניש (Vulgata) העכער טויזענד יאהר איז זיין איבערזע־צונג געווען דער איינציגער פערמיטלער צווישען דעם תנ"ך און די אייראָ־פעאישע פעלקער, און ערשט מיט דער רענעסאנס-עפאכע האט די דאזיגע איבערזעצונג אויפגעהערט צו שפיעלען איהר וויכטיגע ראָליע, ווען עס האָ־בען זיך בעוויזען נייע איבערזעצונגען גרעסערע און ריכטיגערע. אבער מיט יעדען שריט, וואס דאס קריסטענטום האט געטהון פאָרווערטס, האט עס זיך אלץ מעהר דערווייטערט פון יודענטום און לסוף איז עס געקומען אזוי וויט, אז פיעל יאהרהונדערטע האבען געמוזט אריבערגעהן, איידער מען האט איהם ווידער געקאנט דערווייזען, אז עס שטאמט אייגענטליך דאך נור פון

יודענטום. די קריסטליכע קנאים האבען אזוי שטארק געמאכט זיך פערגעססען, פון וואנען דאס קריסטענטום שטאמט, אז אפילו היעראנימוס, וועלכער איז אליין געוועזען א תלמיד פון די אידישע תלמידי־חכמים, וועלכער האט, ווי ער האט אליין ערקלערט, געפינען אין אידישען תנ"ך „די העברעאישע וואהרהייט", — אפילו ער האט זיך אויך נישט געקאנט אבזאגען אינגאנצען פון דער שנאה צו אידען. ווען זיינע שונאים פלעגען אויף איהם זאגען, אז ער איז אן'אפיקורוס, וויל ער פערברענגט מיט די אידען און לערנט ביי זיי תורה, פלעגט ער זיך פאר זיי פערענטפערן דערמיט, וואס ער האט גרינדליך פיינד אידען. אין דער הינזיכט איז ער נישט געוועזען קיין יחיד; די שנאה צו די אידען האט ביי די קריסטען אויפגעהערט צו זיין א פריוואט־זאך; דאס איז געווארען פאר זיי א גלויבענס־ארטיקעל, א יסוד פון דער אמונה. תחלת איז די דאזיגע שנאה געוועזען נור אן'אייגענטום פון די הויכע גלחים, שפעטער אבער האבען זי איבערגענומען די מלכים און דער המון, די שרים און די מאנאכען, די קרייצפאהרער און די נידעריגערע גלחים, און די דאזיגע שנאה האט זיי געמאכט ערפינדעריש: זי האט בעשאפען די אינקוויזיציע מיט אלע איהרע טייוועלס־מאשינען צו פייניגען מענשען און מיט די גרויסע קאסטרעס־פייער, וואו מען פלעגט פערברענען די אידען פאר א קרבן „צום גרויסען כבוד פון גאט".

---

מערקווירדיג איז עס, וואס נישט קוקענדיג אויף דעם דערווייטערן די אידען פון עפענטליכען לעבען מצד דער מלוכה, האבען פונדעסטוועגען די דאמאליגע אידען אין קיסרין, וואו עס האט געוואוינט דער פראקוראטאר, טיילגענומען אין די עפענטליכע שפיעלען אין צירק און אין היפאדראם. עס זענען צווישען די אידען געוועזען אזעלכע, וואס האבען טיילגענומען אין פערד־יאגענישען (ווישציגעס) סיי אין רייטען, סיי אין קארעטען; אויך זענען געוועזען צווישען זיי פארבען־פארטייען, גרינע און בלויע, ווי אין רוים, קאנסטאנטינאפאל, ראווענא און אנטיאכיען. אבער ווי די רעליגיע האט דאמאלס געלעגט אויף אלץ איהר שטעמפעל, אזוי האט זי אויך אין די עפענטליכע שפיעלען זיך אריינגעמישט. דער נצחון אדער די מפלה פון די אידישע, שומרונישע אדער קריסטליכע וואגען־פיהרער אדער רייטער, האט באלד מיטגעבראכט צו אן'אנפאל פון א רעליגיעזער געגנערישער פארטיי. אמת די גרויסע אידישע בעפעלקערונג אין קיסרין איז בכלל געוועזען פיעל וועלטליכער, ווי די אידען אין אנדערע שטעדט. קיין העבראיש האבען זיי גאר נישט פערשטאנען, און „שמע ישראל" פלעגען זיי זאגען אין גריכיש. אויך אין פיעל אנדערע שטעדט אין יהודה האבען די אידען שוין שוואך געקאנט העבראיש און דעם תנ"ך. די נישט־שענע און נישט־געפארמטע כאלדייאישע שפראך האט פערדארבען דעם גוטען געשמאק; די געפאלענקייט פון דער שפראך איז געווארען אן'אלגעמיינע. אפילו אויך די שענהייט פון דער גריכישער שפראך און די געטאקטקייט פון דער לאטיינישער איז

פערלוירען געגאנגען. דאס איז געווען דער אנפאנג פון דער מיטעלעלטערליכער פערווילדקייט. די תפלות אין העברעאיש, וועלכע שטאמען פון יענער צייט, צייכענען זיך נישט אויס מיט זייער טיעפען געפיהל; לויט זייער פארמע ציהען זיי זיך נאך אלף־בית, קיין פאעזיע אבער איז אין זיי נישטא.

אפילו אויך דער פארשענדער גייסט אין דער הלכה איז ווי געלעהמט געווארען אין לאנד יהודה. פון נאך רבי יהודה הנשיא'ס (דעם דריטען) טויט און ערשיינען נאך איניגע פעראיינצעלטע נעמען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט ערקלערען די הלכה. פון בבל קומען נאך אלץ אן אין דער ישיבה פון טבריה שאלות און וויכטיגע ספקות; אבער אפילו די נעמען פון די דאמאליגע תלמידי־חכמים זענען אונז נישט איבערגעבליבען, וועגען זייערע מעשים איז שוין געוויס קיין רייד נישט. די קריסטליכע קנאים פון קאנסטאנטינאפאלער קייזערליכען הויף האבען אבגעטויט דעם אידישען גייסט אין יהודה.

כדי אבער צו פערהיטען, אז דער אנגעזאמעלטער שטאף פון די הלכות זאל נישט פערגעסען ווערען, האט מען איהם צוזאמענגענומען און צונויפגעשטעלט אונטער דעם נאמען „דער תלמוד ירושלמי“ (ריכטיגער: דער טבריה'ער). קיין געהעריגע ארדנונג האט מען אבער אין איהם נישט אריינגעבראכט, נור צוזאמענגענומען אלץ אינאיינעם, ווי דער זכרון האט עס איינגעהאלטען. ווער זענען געווען די זאמלער? און אין וועלכער צייט האט מען די זאמלונג אבגעשלאסען? די זכרונות דערצעהלען וועגען דעם גאר נישט. דער „תלמוד־ירושלמי“ איז געקומען אויף דער וועלט אין אן אומגליקליכער צייט. מען האט איהם תמיד פערנאכלעסיגט, בעהאנדלענדיג, ווי א שטיעף־קינד. נור איין זייט פון דער תורה האט מען נאך איצט אויך גוט בעארבייט אין ארץ־ישראל — די אגדה, וועלכע האט געזאלט ברענגען טרייסט און האפנונג אין דער שווערער צייט. מען האט אין יענער צייט אויך אנגעהויבען זאמלען די אגדות (מדרשים), צוערשט פאר די יום־טובים און טרויער־טעג, ווי אויך פאר יענע שבתים, וועלכע האבען א בעזונדערע בעדייטונג. ביסלעכווייז אבער, ווען די רדיפות האבען זיך געשטארקט און דאס פאלק האט זיך אלץ מעהר אנגעהויבען צו נויטיגען אין טרייסט־רייד, האט מען אנגעהויבען יעדען שבת צו האלטען דרשות פאר'ן עולם און אזוי ארום זענען ענטשטאנען די מדרשים אויף אלע פרשיות פון דער תורה, וועלכע מען פלעגט יעדען שבת לערנען אין די שוהלען. אין די דאזיגע זאמלונג האט זיך גענוי אבגעשפיעגעלט דער געשמאק, אדער די געשמאק־לאזיגקייט פון דער צייט, ווי מען קאן עס בעמערקען אין די געדאנקען. וועלכע מען האט אריינגעבראכט אין די פסוקים פון דער תורה, אדער פון די נביאים און כתובים. די דאזיגע זאמלונגען האבען ערהאלטען דעם אלגעמיינעם נאמען מדרשים. אן אויטאריטעט און א מוסטער פאר שענע דרשות איז געווען רב תנחומא בר אבא. זיינע דרשות זענען שוין געהאלטען געווארען אין א געוויסער פארמע: זיי האבען געהאט א הקדמה,

אַדורכדרינגליכען געדאַנק און אַ שלום, און אין זיי בעמערקען מיר אויך די אַנווענדונג פון אַ געוויסער רעדנערישער קונסט. פון איינגענטליכער שענהייט און דער פאָרמע זענען זיי אָבער ווייט.

וואָס מעהר דאָס לאַנד יהודה האָט אויפגעהערט צו זיין דער צענטער פון דער אידישער וועלט דורך דעם אונטערגאַנג פון דער נשיאות און דער ירידה פון די ישיבות, אַלץ מעהר האָבען די אידען אַנגעהויבען צו ווענדען זיך צו בבל, וואו עס איז נאָך געווען אַ אידישער פאָליטישער פאָרשטעהער, דער ראש גלותא. און עס האָבען געבליהט די ישיבות מיט די תלמידי חכמים, וועלכע האָבען מיט זייער שאַרפקייט און לערנען די הלכות געוועקט דעם פערשטאַנד און דעם אַלגעמיינעם אינטערעס צו דער תורה. גראַד אין דער צייט, ווען די נשיאות האָט אויפגעהערט אין יהודה, האָט זיך אין בבל דערהויבען אַ בעזאָנדערע פערזענליכקייט, וואָס האָט צו זיך צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער אידישער וועלט. דאָס איז געווען רב אַשי, דער זוהן פון רב שימי פון סורא (געבוירען 352, געשטאָרבען 427). רב אַשי האָט פעראייניגט אין זיך די גרינדליכקייט פון די תלמידי חכמים פון סורא מיט דער שאַרפזיניגקייט און אַנאַליטישער פעהיגקייט פון די פומבדיתא'ער. האַדורך איז ער אַלגעמיין אַנערקענט געוואָרען פאַר אַנ' אויטאָריטעט און פיעל תלמידים זענען צו איהם געקומען פון אַלע זייטען. רב אַשי האָט דעריבער געמוזט איבערבויען און פערגרעסערן די ישיבה אין סורא, וועלכע איז שוין געשטאַנען צוויי הונדערט יאָהר לאַנג. זיינע שיעורים פאַר די תלמידים זענען זעהר געווען אַנציהענד און האָבען געוועקט דעם פערשטאַנד; די שווערסטע פראַגען פלעגט ער פערענטפערן שאַרפזיניג און איינפאַך. די מענשען פון זיין צייט האָבען איהם דערפאַר גערופען רבנא, ס'הייסט: אונזער לעהרער. וועהרענד זיין צוויי און פופציגיעהריגע ערפאָלגליכער טעטיגקייט אין סורא, האָבען אין פומבדיתא זיך געביטען זיבען ראשי ישיבות. אויך נהרדעא, וועלכע האָט, זינט דעם חורבן דורך אָדענאַט, נישט געשפיעלט קיין ראָליע, האָט זיך ווידער דערהויבען ביז אַ געוויסער הויכער מדרגה; סורא האָט אָבער פערנומען אין רב אַשי'ס צייטען דעם זעלביגען בעריהמטען אָרט, ווי פאַר רב'ן. די עלטסטע אמוראים האָבען זיך פריוויליג אונטערגעבויגען רב אַשי'ס אויטאָריטעט און געהאָלפען ווידער אויפצושטעלען די אַחדות אין די ישיבות. אַפילו די צוויי ראשי גלותא, וועלכע האָבען אין זיינע יאָהרען איינער נאָך דעם אַנדערען געקעניגט, מר כהנא און מר זוטרא, האָבען זיך אויך אונטערגעגעבען זיינע פעראָרדנונגען. וועהרענד ביז רב אַשי'ן פלעגען די פאָרשטעהער פון די בבל'ישע קהלות קומען בעגריסען דעם ראש גלותא אין'ם אָרט, וואו ער האָט געוואוינט, פלעגען זיי איצט קומען קיין סורא און דאָרט אויפגענומען ווערען פון'ם ראש גלותא. רב אַשי האָט אַלזאָ געמאַכט סורא פאַר אַ פאַקטישען מיטעלפונקט פון אַלע בבל'ישע אידען און דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע לעבען האָט זיך דאָרט קאָנצענטרירט. רב אַשי'ס טעטיגקייט איז אויסגע־

קומען אין דער רעגירונג פון'ם אידען־פריינדליכען קעניג יעזדיגערדט (399—420). די מאגיער, אדער די גלחים פון'ם פייער־קולט, האבען דעם דאזיגען קעניג א נאמען געגעבען אל־האטים (דער זינדיגער), ווייל ער האט זיך נישט געלאזען בעהערשען דורך זיי. פאר אידען איז ער אבער געווען זעהר גוט, ווי אויך פאר קריסטען. אין די פייערליכע טעג פלעגען איהם קומען בעגריסען רב אשי, אלס פארשטעהער פון סורא, מר זוטרא — פאר פומבדיתא און אמימר — פאר נהרדעא. געגען איין אנגעזעהענעם אידען, הונא בר נתן, וועלכער פלעגט אפט קומען אין קעניגליכען הויף, איז דער קעניג געווען אזוי פריינדליך, אז ער האט איהם אליין דעם גארטעל אונטערגעבונדען ניעדעריגער, בעמערקענדיג: „איהר, אידען, זענט דאך א פאלק פון כהנים און ברויכט דעריבער צו טראגען דעם גארטעל, ווי די כהנים". אזא כבוד מצד דעם פערסישען מלך, וועלכער האט זיך געהאלטען פאר א זוהן פון דער זון, א פערעהרער פון'ם גאט פון דער ליכטיגקייט, אורמוצד, און האט זיך גערופען „מלך המלכים", איז געווען א בעווייז פון א גרויסען חסד. און אט דער הונא האט זיך אליין גערען גע־שטעלט אונטער רב אשי'ן.

ווי שוין דערמאהנט, האבען די אידען אין יענער צייט געזעהען אין דער פעלקערוואנדערונג די התחלה פון די מלחמות פון גוג פון לאנד מגוג, וועלכע האבען געדארפט פארקומען אין משיח'ס צייטען. דאס פאלק האט אלזא אנגעהויבען ווארטען פון טאג צו טאג אויף משיח'ן. רב אשי האט אבער געוואוסט, אז פון אזא ווארטען פאלט דאס פאלק אריין אין נאך מעהר פערצווייפלונג. דאס פאלק האט שוין דאמאלס געמאכט חשבונות לויט אן אלטער סיבילה, אז משיח וועט קומען נאך פערלויף פון פינף אכציגסטען יובל (4200 זינט די וועלט איז בעשאפען געווארען אדער 440 נאך קריסטוס). רב אשי האט דעריבער געגעבען אזא ערקלערונג: פאר דער דאזיגער צייט קאן משיח געוויס נישט קומען, נאך דער דאזיגער צייט קאן מען איהם אנהויבען צו ערווארטען, אבער נישט פערלאזען זיך אויף זיכער, אז ער וועט שוין באלד קומען. אין דער ווירקליכקייט איז אין רב אשי'ס צייט ערשיענען אויף דער אינזעל קרעטא א פאנטאזיאר, וועלכער האט זיך אויס־געגעבען פאר א משיח. ער איז אין איין יאהר אויסגעווען ביי אלע אידישע קהלות אויף דער אינזעל און זיי אלע זענען געווארען זיינע ערגעבענע אנ־הענגער. דאן האט ער זיי צוגעזאגט צו ווייזען מופתים: ווי משה, האט ער געוואלט די אידען דורכפיהרען דורכ'ן ים אין דער טרוקעניש. פיעל אידען האבען זיך טאקי אויך געלאזט געהן מיט איהם אין ים און א טייל פון זיי זענען דערטרונקען געווארען, א טייל האבען די פישער ארויסגעראטעוועט. דער פאלשער משיח אליין איז פערשוואונדען געווארען.

א דאנק דעם, וואס דאס גאנצע גייסטיגע אידישע לעבען אין בבל האט זיך קאנצענטרירט ארום רב אשי, איז איהם מעגליך געווארען אונטערצו־נעהמען א ווערק, וועלכעס האט געדארפט שפיעלען א העכסטוויכטיגע

ראליע אין'ם לעבען און אין דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פון אידישען פאלק. ער האט אונטערגענומען די ריעזיגע ארבייט: די ערקלערונג, בעלייכטונג, ערווייטערונג און ארויסדרינגען פראקטישע בעשלוסען פון דער משנה, אדער, ווי מען רופט עס אן: די גמרא, אדער דעם תלמוד, האט ער אנגעהויבען זאמלען און ארדנען, לויט א געוויסען סדר. עס איז קיין ספק נישט, אז דער הויפט-מאטיוו פון דער ארבייט איז געווען די גרויסע עשירות פון'ם אנגעזאמעלטען שטאף, ווי אויך, כדי, אז די גייסטיגע ארבייט פון דריי דורות זאל נישט פערגעסען ווערען, ווען זי וועט דארפען לעבען בלויז אין'ם זכרון פון די מענשען און מען וועט נישט האבען קיין זיכערען קוואל, פון וואנען איבערצו'חזר'ן עס אינגאנצען. רב אשי אליין האט זיך שוין געקלאגט אויפ'ן שוואכען זכרון פון די אינגערע דורות, וועלכער שטעהט פיעל ניעדריגער פאר'ן זכרון פון די פריהערדיגע דורות; דערביי האט ער, פערשטעהט זיך, נישט גענומען אין אכט, אז די פריהערדיגע דורות האבען געהאט צו לערנען און געדענקען א פיעל קלענערען שטאף, ווי די שפעטערדיגע דורות, ביי וועלכע דער שטאף איז אויסגעוואקסען אום פיעל צעהנדליג מאל גרעסער. רב אשי האט אבער געהאט דאס זעלטענע גליק, דאס ער האט געקאנט ארבייטען אויף זיין געוואלדיג גרויסער און שווערער ארבייט העכער ווי פופציג יאהר.

די ארדנונג פון'ם מאסענהאפטען מאטעריאל פון תלמוד איז נאך אלץ נישט געווען געשריבען, ווייל מען האט זיך געהאלטען ביים כלל, אז פונקט ווי מען טאר די געשריבענע משה'ס תורה נישט לערנען אויסווייניג, אזוי טאר מען די תורה שבעל-פה נישט פערשרייבען, ווייל דאס וואלט געהייסען פערקעפערען דעם גייסט. בפרט נאך אין דער צייט, ווען די קריסטען האבען אנגענומען דעם תנ"ך פאר זייער אייגענטום און זיך אנערקענט פאר'ן אויסגעוועהלטען פאלק ישראל, האבען די אידען געהאלטען פאר א הייליגען חוב צו האלטען זיך ביי זייער אויסווענדיגער תורה, וועלכע נור זיי אליין האבען איבערגענומען פון משה'ן, וועלכער האט איהר דערהאלטען אויפ'ן בארג סיני. דעם דאזיגען האט מען אנגעקליידעט אין א פאעטישער פארמע: „משה האט געוואלט אויך פערשרייבען די משנה, אבער זעהענדיג פאראויס, אז די גריכען וועלען אמאל האבען די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה און זיי וועלען טענה'ן: מיר זענען דאס אמת'ע פאלק ישראל, מיר זענען גאט'ס קינדער, ווערהרענד דאס אידישע פאלק זאגט: מיר זענען גאט'ס קינדער — און אט דערפאר האט ער געמאכט א צייכען: ווער עס בעזיצט מיין געהיימניס (מיינע מיסטעריען), יענער איז מיין זוהן. דאס געהיימניס אבער איז די משנה און די ערקלערונג פון די געזעצען פון דער תורה. אוקדעריבער זאגט דער נביא הושע: „ווען איך וואלט אויפגעשריבען אלע מיינע געזעצען, וואלט ישראל בעטראכט געווארען, ווי א פרעמדער". — דורך זיין זאמלען דעם תלמוד האט רב אשי פערענדיגט דאס ווערק, וואס רבי יהודה הנשיא דער ערשטער האט אנגעהויבען מיט

צווײ הונדערט יאהר פריהער. די משנה גיט איבער נור די טרוקענע הלכה אין קורצע צוזאמענגעפרעסטע, כמעט אבגעטאקטע פאראגראפען, וועהרענד דער תלמוד גיט איבער דעם לעבעדיגען דיאלאג פון די ישיבות, זייערע גייסטיגען אינהאלט און דערצו נאך אין דער האר-געשפאלטענער שארפקייט. דער בבל'ישער תלמוד, וועלכער איז צוזאמענגעשטעלט געווארען כמעט אין איין צייט מיט'ן ירושלמי, האט אבער געהאט א פיעל ווייטערען איינפלוס, ווי יענער. גאנץ געענדיגט האט רב אשי זיין ארבייט נישט. דען חאטש ער האט געווידמעט זיין גאנצע ענערגיע דער זאמלונג, האט ער דאך אבער צוזאמען מיט זיינע חברים נאך אליין אויך פיעל געשאפען נייעס, וואס האט געפאדערט פיעל צייט.

רב אשי האט זיך געאיילט צו פערענדיגען די געבײדע פונ'ם תלמוד בבלי, ווי ער וואלט, א שטייגער, פאראויסגעזעהען, אז די אונגליקליכע צייטען זענען נאהענט אויף פאר די אידען אין בבל; אין דער ווירקליכקייט, פינף און צוואנציג יאהר נאך זיין טויט האבען זיך אין פערסיען אנגעהויבען רדיפות אויף די אידען, וועלכע זענען פאר זיי געווען גאר אונערווארטעט, ווייל זיי האבען דארט געלעבט אין פולער זיכערהייט און פריעדען. די ערשטע רעליגיאנס-רדיפות אין פערסיען האבען זיך אנגעהויבען מיט דער רעגירונג פונ'ם מלך יעזדיגערד דער צווייטער (456), וועלכער האט פלוצלונג ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז עס ווערט די אידען פערבאטען אבצוהיטען שבת. די אידען זענען אין בבל געווען שטענדיג געטרייע בירגער און האבען געלעבט מיט אלעמען בשלום, און עס איז דעריבער נישט געווען קיין שום מאטיוו פאר אזא גזירה, סיידען די אנרייצונגען פון די מאגיער, אדער פון די גלחים פון פייער-קולט, וועלכע האבען אין פערסיען געהאט אזא איינפלוס אויף איינציגע מלכים, ווי די גלחים אין דער רוימישער מלוכה איבער די קיסרים. די מאגיער האבען אין יענער צייט אויסגעלערנט זיך פון די קריסטען, ווי אזוי צופערשפרייטען זייער קולט דורך קנאים, פאנאטיזם און רעליגיעזע רדיפות. אין א געוויסער מאס האבען די מאגיער געמוזט פיהרען א פערטיידיגונגס-קאמפף געגען די קריסטען, וועלכע האבען צווישען די פערסען פראפאגאנדירט זייער אמונה. אין יענער צייט איז אין פערסיען אויך ענטשטאנען א נייע סעקטע, וואס איהר גרינדער איז געווען מאני (מני) און זיין לעהרע איז געווען א געמיש פון די אידישע, קריסטליכע און פערסישע אנשויאונגען. די סעקטע האט מען געהאלטען פאר אנ'אפיקורסות'ע, און אין פערסיען זענען, צוליעב איהר, ארויסגעבראכען שארפע סכסוכים. יעזדיגערד האט גע'רודפ'ט אי די דאזיגע סעקטע, אי די קריסטען. פריהער אדער שפעטער האט אויך געמוזט קומען די רייהע צו די אידען. ווי אזוי די אידען האבען זיך דאמאלס בעפרייט פון דער גזירה נישט צו היטען שבת, איז אונבעוואוסט; ס'איז אבער זיכער, אז דאס איז פאר זיי געווען פיעל לייכטער, איידער אין די רוימישע פראווינצען, דען אויף קדוש-השם דער'הרג'עט צו ווערען, איז

קיינעם נישט אויסגעקומען; אויסערדעם האָט די גזירה געדויערט נישט לאַנג, דען אַ יאָהר נאָכדעם איז יעזדיגערד דער'הרג'עט געוואָרען, און זיינע זיהן, חאָדאָר וואַרדאַ און פירוז, זענען געווען פערנומען מיט אַנ'אַנדערע זאַך: זיי האָבען געקעמפפט צווישען זיך איבער'ן טראָהן. — אַ לעגענדע דערצעהלט וועגען יעזדיגערד'ס טויט פאָלגענדעס: מר בר רב אשי און רב סמא האָבען צו גאָט תפלה געטהון, אַז ער זאָל זיי בעפרייען פון די גרויזאַמע גזירות פון אַכזריות'דיגען מלך; גאָט האָט צוגעהערט זייער תפלה, און אַ שלאַנג האָט איהם איינגעשלונגען, ווען ער איז אויף זיין בעט געלעגען — דאָס הייסט, מען האָט איהם דער'הרג'עט. — פון די צוויי ברידער, וואָס האָבען געקעמפפט פאַר'ן טראָהן, האָט מנצח געווען פירוז, וועלכער האָט אַרויסגעגעבען אַזעלכע שווערע גזירות אויף אידען, דאָס עס האָט זיי געדראָהט מיט'ן אונטערגאַנג. געדויערט האָבען די נייע גזירות צעהן יאָהר (474—484). די סבה פון די גזירות איז אונבעוואוסט. די מאַגיער האָבען פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז די אידען האָבען דער'הרג'עט אין איספאַהאַן צוויי מאַגיער און האָבען פון זיי די הויט אָבגעשונדען. פירוז האָט דערפאַר געלאָזט אויס'הרג'ענען אַ העלפט פון די דאָרטיגע אידישע איינוואוינער און די אידישע קינדער האָט ער מיט געוואַלט צוגענומען ביי זייערע עלטערן, כדי צו ערציהען זיי אין די טעמפלען פאַר'ן פייער־קולט. די רדיפות האָבען זיך אָבער פערשפרייט אויך איבער די בבל'ישע קהלות, און דאָ זענען זיי צום ערשטען מאָל געגאַנגען אין בבל אין טויט על־קידוש־השם. פירוז האָט פערלאַנגט נישט וועניגער, ווי אַז די אידען זאָלען איבערגעהן צום פייער־קולט. מיט די דערוואַקסענע אידען האָבען די פערסישע בעאַמטע נישט געקאָנט עטוואָס אויפטהון, דעריבער האָבען זיי אָבגעריסען די קליינע קינדער פון זייער מוטערס שויס און אָבגעגעבען זיי צו די מאַגיער, אַז זיי זאָלען זיי ערציהען פאַר'ן פייער־קולט. דאָס איז געווען אַ נייע המצאה, וועגען וועלכער אחרינום האָט נישט געטראַכט אין זיין צייט, און ערשט שפעטער האָבען די קריסטליכע גלחים אָנגעהויבען דאָס נאָכצוטהון. דעם ראש גלותא הונא מארי בר מר זוטרא און צוויי אמוראים, אמימר בר ינקא און משרשיא בר פקוד האָט מען אַריינגעוואָרפען אין תפיסה און שפעטער האָט מען זיי דער'הרג'עט דאָס זענען געווען די ערשטע „קדושים“ אין בבל. די נאָהענטסטע רעזולטאַטען פון די דאָזיגע רדיפות זענען געווען, אַז דאָס לערנען תורה האָט זיך אָבגעשטעלט; די פערזאַמלונגען צו הערען תורה האָבען אויפגעהערט, די ישיבות זענען לעדיג געוואָרען, אָדער מען האָט זיי גאָר פערוויסטעט. ווער עס האָט זיך געקאָנט אַרויסראַטעווען דורכ'ן ענטלויפען, איז ענטלאָפען, און דעריבער האָבען זיך אָנגעהויבען מאַסענהאַפטע אויסוואַנדערונגען אין די דרום־לענדער ביז אַראַביען און צום מזרח ביז אינדיען. איין אַנגעזעהענער און רייכער מאַן, יוסף רבן, איז געקומען מיט פיעל אידישע משפחות (490) קיין אינדיען און האָט פרובטבאַרע געגענד מאַלאַבאַר,

וואס ביים ברעג ים, וואו דער מסחר איז אויך געווען שטארק ענטוויקעלט. דער בראהמאנישער קעניג אירב (Airvi) פון דער מדינה קראנגאנאר האט זיי אויפגענומען זעהר פריינדליך, געשאנקען זיי אנ'ארט אויף צו וואוינען אין פולער פרייהייט, לויט זייער רעליגיע און אונטער זייער אייגענעם נשיא. דער ערשטער נשיא איז געווען יוסף רבן, וועלכען דער קעניג האט געגעבען באזונדערע רעכטע און א קעניגליכען כבוד; די נשיאות האט געדארפט איבערבלייבען אין זיין משפחה בירושה פון דור צו דור. גלייך, ווי די אינדישע מלכים, האט ער געהאט דאס רעכט צו רייטען אויף א העלפאנט מיט מוזיק-בעגלייטונג, מיט א לויפער פארויס (Herold): ווי מען האט דערצעהלט שפעטער, איז די נשיאות געבליבען אין יוסף רבנ'ס משפחה צוויי און זיבציג דורות לאנג. און די דאזיגע נשיאים האבען רעגירט איבער די אינדיש-אידישע קאלאניסטען. די פריווילעגיען, וועלכע דער אינדישער קעניג האט געגעבען די אידען, האט מען געלאזט אויסקריצען אין קופערנע טאוועלן אין דער אלט-אינדישער שפראך און זיי זענען נאך איצט אויך אינגאנצען 1). אויף די טאוועלן איז אויסגעקריצט פאלגענדעס: „סבסטרי-סרי, דער מלך המלכים, האט בעפוילען: מיר נעהמען אן פון יוסף רבן און זיין פאלק די מתנות, וואס עס געהערען אונז און ווערען אונז צוגעטראגען מיט'ן געהעריגען קעניגליכען כבוד, און גיבען איהם די פאלגענדע זכיות: צו טראגען קליידער פון פינף פערשיעדענע פארבען, צו נוצען א ליכט אויך ביי טאג, אנצוטהון לאנגע קליידער, צו לאזען זיך טראגען אין א בײדעל, צו בענוצען זיך מיט א פאראסאל און א רעגען-שירם, צו נוצען קופערנע כלים, פויקען, בלומענקרענץ, מיט וועלכע זיי מעגען אויך בעפוצען זייערע מערק. מיר בעפרייען זיי פון אלערליי אבצאהלונגען פון די וואוינונגען, ווי אויך פון די שוהלען. די אלע זכיות גיבען מיר זיי אויף א משך פון פינף דורות, ס'הייסט: יוסף רבן וועט איבערגעבען בירושה זיין גדולה צו זיינע זוהן און איינקלעך ביז'ן פינפטען דור, סיי צו מאנסבילן סיי צו פרויען, כל-זמן עס וועט שטעהן די ערד און די לבנה“.

אונטערגעשריבען איז אויפ'ן כתב געווען דער קעניג סבסטרי-סרי און נאך אנדערע פירשטען. ווי עס שיינט, האט יוסף רבן שוין געפונען דארט אידישע משפחות, וועלכע זענען אהין געקומען נאך פריהער פון פערסיען; אין יענער צייט האט זיך, ווי עס שיינט, אויך אנגעהויבען דער אידישער ישוב אין כינא.

צום גליק פאר די בבל'ישע אידען האט פירוז געקעניגט נישט לאנג און נאך זיין טויט האבען די רדיפות געגען אידען זיך אבגעשטעלט (ארום 495). די מלכים, וואס האבען געקעניגט נאך איהם, באלאש און

1) אנ'אבבילדונג פון זיי (פאקסימיליע) געפינט זיך אין דער אקספארדער ביבליאטעק.

קאַוואַד, האָבען נישט גע'רודפ'ט די אידען, און די אַלטע אָרדנונג האָט זיך צוריק אײַנגעהויבען. מען האָט צוריק געעפענט די ישיבות און בעשטימט ראשי ישיבות; אין סורא און אין פומבדיתא זענען געווען די ראשי ישיבות די לעצטע צוויי אמוראים: רבינא — אין סורא — און רב יוסי — אין פומבדיתא. די דאָזיגע צוויי ראשי ישיבות מיט זייערע חברים און תלמידים האָבען נישט געוואָלט וויסען פון קיין אַנדער נויטיגער טעטיגקייט, ווי פערווירקליכען די גרויסע אויפגאַבע, וועלכע רב אַשי האָט זיך געשטעלט — צו ענדיגען די זאַמלונג און אַבצושליסען דעם תלמוד בבלי. די איבערגעלעבטע רדיפות און די אַבשוואַכונג פון לערנען תורה אין דער לעצטער צייט האָט געוויזען די חכמים, אַז מען מוז זיך צואײַלען מיט דער אַרבייט, ווייל אַנדערש קאָן די בבל'ישע תורה גאָר פערגעסען ווערען. רבינא (488—499) און רב יוסי (471—520) ווערען גערעכענט פאַר די לעצטע תלמידי חכמים פון דער עפּאָכע פון די אמוראים. עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז אין זייער אַרבייט האָבען טיילגענומען נאָך פיעל אַנדערע חברים זייערע אין ביידע ישיבות, וואָס זייער נאָמען ווערט דערמאָהנט אין תלמוד. מיט זיי צוזאַמען האָבען רבינא און רבי יוסי גע'חתמ'עט דעם תלמוד, דאָס הייסט: זיי האָבען בעשטעטיגט אַלע פריהערדיגע זאַמלונגען זיינע און די פסקים מיט די וכוחים אין די ישיבות, וואָס זענען אין איהם אַריינגענומען געוואָרען און פערענדיגט עס אַלס אַ פאַרטיגע זאַך, צו וועלכע מען דאַרף מעהר נישט צוגעבען. דער ענדליכער אַבשלוס פון תלמוד בבלי 1) קומט אויס גראַד צום ענדע פון פינפטען יאָהרהונדערט, — אין דער צייט, ווען די אידען האָבען אויף דער אַראַבישער האַלב־אינזעל אויסגעוויזען די ערשטע זאַמען פאַר אַ נייער וועלט־רעליגיאָן, און אין אייראָפּאַ זענען אויף די חורבות פון דער איינגעפאַלענער רוימישער מלוכה ענטשטאַנען די גאָטהישע און פראַנקישע מלוכות.

דער תלמוד איז נישט קיין געוועהנליכער ספר פון צוועלף בענדער, ווי מען פערשטעהט אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור; ער האָט בכלל נישט קיין עהנליכקייט צו אַלע אַנדערע ספרים פון דער אַלטער, אָדער דער נייער צייט; ער איז אַן איינציגע וועלט פאַר זיך, וועלכע מען קאָן נישט בעשטימען דורך אַוועלכען עס איז ליטעראַרישען טערמין און אויף וועלכען מען קאָן נישט אַנווענדען קיין געוועהנליכען ליטעראַרישען קריטעריום. ער האָט זיך זיין איינציגע קריטיק מיט זיינע געזעצען. עס איז דער ריכטער זעהר שווער צו געבען וועגען איהם אַ כאַראַקטעריסטיק, דען עס פעהלען דערצו אַלערליי מאַסשטאַבען. מען האָט געפּרובט דעם תלמוד פערגלייכען מיט דער גלח'ישער ליטעראַטור, וועלכע איז ענטשטאַנען

1) לויט דער מסורה: י"ג כסלו, ד' אלפים ר"ס — דאָס הייסט: דעם 2־טען דעצעמבער 499, לויט דער געוועהנליכער צייט־רעכנונג.

אויך אין דער זעלביגער צייט ווי ער; אבער א גענויערע בעטראכטונג דערווייזט אונז, אז די זאך איז נישט ריכטיג, עס איז צווישען זיי קיין פערגלייך נישט מעגליך צו מאכען. מען האט אויך געפרובט זוכען אין איהם פעהלערען, חאטש דאס איז שוין געווים אנ׳איבעריגע זאך, דען וועלכעס פראדוקט פון מענשליכען גייסט איז עס ריין פון פעהלערען, בפרט נאך, ווען עס איז א פראדוקט פון איין זייט פון גייסט, פון א געוויסער בעשטימטער ריכטונג. אין תלמוד געפינען זיך געווים נעבען די העכסט-וויכטיגע עניינים, אויך נישט וויכטיגע קליינליכע; מען געפינט אין איהם אויך נישט ווייניג אבערגלויבישע עניינים, וועלכע די אידען האבען איבערגענומען אין דער ארומיגער פערסישער סביבה, ווי, למשל, די אמונה אין שדים, לחשים, פתרון חלומות, מאגישע רפואות צו חולאת׳ן און פיעל ענליכע זאכען, וועלכע זענען בכלל צו ווידער דעם גייסט פון משה׳ס תורה; מען געפינט אין איהם אויך אייניגע שטעלען נישט טאלעראנטע געגען א טייל אומות העולם און אמונות; אויך די פירושים וועלכע ער גיט צו פיעל ערטער פון תנ״ך, זענען נישט גאנץ געזונדע, מאנכע גאר געשמאקלאז, און לערנענדיג זיי מוז מען פערגעסען אן דעם הויכען גייסט פון דער פאעזיע, מיט וועלכען דער תנ״ך איז איינגעזאפט, די לעבנספולע בערעדעוודיגקייט פון די נביאים און די הויכע התלהבות׳דיגע דערהויבונג פון די תהלים׳ס. אבער פאר אט די אלע פעהלערען קאן מען נאך דעם תלמוד נישט פערורטיילען. דער תלמוד איז נישט קיין ווערק פון איין פערזאן, וועלכע מוז זיין פעראנטווארטליך פאר אלץ, וואס אין איהם געפינט זיך. העכער זעקס יאהרהונדערטע ליגען אין איהם פערשטיינערט אין זייער לעבעדיגער געשטאלט, מיט זייער אייגענעם דענקען, רעדען געשמאק, פארמע און געדאנקענגאנג; ער איז אין א געוויסער מאס גלייך צו די אלטע שטעדט הערקולאנום און פאמפעי, וועלכע זענען פערשטיינערט געווארען אין דער ברענענדיגער לאווא פון ווולקאן וועזוף, און וועלכע מען האט איצט צוריק אינגאנצען אבגעגראבען און מען זעהט זיי, ווי זיי האבען דאמאלס אויסגעזעהן. דער אונטערשייד איז נור, וואס דער תלמוד האט די גאנצע צייט געלעבט און איז געבליבען לעבען אין זיין גאנצער גרויסקייט מיט זיין חאראקטער פון דער גאנצער אלטער וועלט. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואס מען געפינט אין דער דאזיגער וועלט אי ערהאבענעס, אי געמיינעס, אי גרויסעס, אי קליינעס, אי ערנסטע זאכען, אי לייכטע און שפיעלענדע, אי דעם מזבח, אי דעם אש, וואס אויף איהם, אי ריין אידישעס, אי פרעמדארטיגעס, וואס איז דעם ריינעם יודענטום העכסט צווידער. טיילמאל, אין די ביטערע צייטען פון אומזיסטע רדיפות האט זיך איינער פון די תלמידים ארויסגעזאגט פיינזעליג געגען די פעלקער, וועלכע האבען די אידען גערודפ׳ט. די שפעטערדיגע דורות האבען אבער נישט געוואלט, אז אויך אנ׳איינציג ווארט פון די פריהערדיגע דורות פון די תלמידי חכמים זאל געהן לאבוד און אט

האבען זיי עס אריינגענומען אין תלמוד, נישט קריטיקירענדיג, אויב עס איז גוט, אדער שלעכט, נור צוליעב זייער פיעטיזם געגען די עלטערע צייטען. נעבען אט די געצעהלטע מיינונגען, אדער שפריכען פון יחידים געפינען מיר אבער א גאנצען אוצר פון הויכער מענשען־ליעבע צו אלעמען, פון רחמנות, פון מיטגעפיהל צו יעדען מענשען, נישט אכטענדיג אויף זיין רעליגיאן אדער אבשטאמונג. אבער די דאזיגע פערלען זענען זעהר צווארפען אין תלמוד, און מען ברויך צו האבען א גאנץ געניט אויג זיי אויפצוזוכען, ווייל דער הויפט־צוועק פון תלמוד איז דאך די הלכה, די בעטראכטונג פון די פיעל דינים פון משה'ס תורה. אויב אין תלמוד בעגעגענט מען אבערגלויבישע מיינונגען, וועלכע האבען אין דער אלטער צייט געהערשט אין פערסיען, געפינען מיר אבער אויך אין איהם דאגעגען בעשטימטע געזעצען, וועלכע מען האט בכיון מתקן געווען אבצוהיטען דאס אידישע פאלק אין לעבען פון אט די אבערגלויבענס.

וואס עס חאראקטעריזירט בעזונדערס דעם בבל'ישען תלמוד און אינטערשיידעט איהם פונ'ם ירושלמי'שען, איז דאס הויכע פליהען פונ'ם געדאנק, די חריפות, דער טיעפער בליק און דאס פלוצלונגע אויפבליצען פון נייע רעיונות. דער גאנצער געדאנקען־רייכטום פונ'ם תלמוד ליגט אבער נישט אויבען־אויף, אז מען זאל עס קאנען איבערנעהמען לייכט, ווי עפעס א פערטיגע זאך, בשעת מען האלט אין דרעמלען, נור ווי עטוואס, וואס האלט ערשט אין געבוירען ווערען מיט זיין גאנצער פרישקייט און לעבעדיגקייט, צו וועלכע מען מוז דעריבער גוט אנשטרענגען דעם מוח, כדי צו קאנען עס ריכטיג בעגרייפען. דער תלמוד פיהרט אונז אריין, אזוי צו זאגען, אינ'ם פארצייטיגען ווערקשטאט פון דענקען, און מען קאן אין איהם בעאבאכטען דעם גאנצען גאנג פונ'ם געדאנק פונ'ם ערשטען מאמענט ביז'ן לעצטען, סיי ווען ער דערהויבט זיך גאנץ הויך, סיי ווען ער לאזט זיך ארונטער נידעריג. און אט צוליעב דעם איז דער בבל'ישער תלמוד געווארען פיעל בעליעבטער ביי'ם אידישען פאלק, ווי דער ירושלמי'שער. פאר די שפעטערדיגע דורות איז ער געווארען א פאמיליען־געשיכטע, אין וועלכער זיי האבען זיך געשפירט היימיש; זיי האבען אין איהם געלעבט און געוועבט: דער דענקער — אינ'ם געדאנקען־שטאף, דער פיהלענדער מענש — אין דעם הויכען אידעאליזם. די גאנצע אויסען וועלט — די נאטור, די מענשען, די געוואלד־טעטיגקייטען, די גרויסע היסטארישע געשעהענישען — דאס אלץ איז פאר די אידען אין א משך פון העכער טויזענד יאהר, געווען נישט וויכטיג, צופעליג, א פערביי־געהענדע ערשיינונג, פיעלייכט גאר א חלום; די וואהרהייט און די ווירקליכקייט איז געווען פאר זיי נור דער תלמוד. יעדע נייע וואהרהייט האט אין זייערע אויגען ערשט דאן בעקומען איהר ריכטיגען ווערט, ווען מען האט געקאנט געפינען אין תלמוד א בעשטעטיגונג, אדער, לפחות, אנ'אנווייזונג אויף איהר. אפילו דער תנ"ך אליין, די עלטערע געשיכטע פון פאלק, די

פייערדיגע רייד פון זיינע נביאים, די הויכע ליריק פונ'ם תהלים — אפילו אָט דאָס אַלץ האָט דאָס פאָלק אויך געקענט נור אינ'ם ליכט פון תלמוד. ווייל אָבער דאָס יודענטום איז פון זיין ערשטען ענטשטעהן און לויט זיינע יסודות געבויט נור אויפ'ן ווירקליכען לעבען און דער תלמוד האָט דעריבער געמוזט בעשעפטיגען זיך נור מיט ענינים, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער וועלט, דערפאַר איז אין איהם נישטאָ קיין אָרט פאַר יענע טרוימערייען, פאַר יענער וועלט-פעראַכטונג און האַס געגען דער ווירקליכקייט, וועלכע די מאָנאַכען האָבען איינגעפיהרט און פערהייליגט אינ'ם מיטעלעלטער אין די איינזאַמע קלויסטערס. אמת, דאָס שטודיום פונ'ם בבל'ישען תלמוד איז טיילמאָל פערקריפּעלט געוואָרען ביז פערשפּיצטקייט און האָט געבוירען דעם פּלפּול און די שכאָלאַסטיק, ווי עס איז בכלל אונמעגליך אַ היסטאָרישע ערשיינונג אָהן שאָטענזייטען; אָבער אויך אָט דער פעהלער האָט אין זיך געהאַט אַ געוויסע מעלה: ער האָט געשאַרפט דעם אידישען פערשטאַנד און פעהיג געמאַכט איהם צום שטודיום פון דער וויסענשאַפט. די בבל'ישע תלמודיסטען האָבען בעשאַפען יענעם האָרשאַרפען אידישען גייסט, וועלכער האָט בעשיצט דאָס צושפּרייטע פאָלק אין אַלע עקען וועלט פון דער אָבגעשטומפּקייט און פערנאַרישטקייט. ער איז געוועזען דער שטאַרקער וויין-גייסט, וועלכער האָט זיי אָבגעהיט פון פערפוילט ווערען, ווי אויך, די שטענדיג לעבענדע קראַפט, וואָס האָט זיי געיאָגט און געטריבען פאָרווערטס צום לערנען און דענקען. דער תלמוד איז, מיט איין וואָרט, געוועזען דער ערציהער פון אידישען פאָלק און נור ער האָט זיי אָבגעהיט פון פערלירען זייערע מדות טובות און פערווילדעוועט ווערען אין די שרעקליכסטע צייטען פון די רדיפות און שחיטות: ער האָט זיי, ענדליך, געגעבען אַ פּאָהן, וועלכע האָט זיי אָבגעהאַלטען פון צופאַלען ווערען אין פערשיעדענע סעקטעס און די גאַר שפּעטערדיגע דורות האָט ער גאַנץ דערהאַלטען די אַלטע געשיכטע פון זייער פאָלק.

---

דער תלמוד איז נאָר וואָס אָבגעשלאָסען געוואָרען, עס האָבען נאָך געלעבט פיעל פון זיינע מיטאַרבייטער און זאַמלער אין די ישיבות פון סורא און פומבדיתא, ביי די אידען אין בבל און פערסיען זענען נאָך געווען פריש אין אָנדענקען די גרויסע רדיפות, וואָס זיי האָבען געליטען פון קעניג פירוז, ווען אויף זיי איז פּלוצלונג אויסגעבראָכען אַ נייער שטורם, וועלכע זיי האָבען שוין אָבער איצט בעגעגענט נישט מיט צוזאַמענגעלעגטע הענד נאָר מיט אַנ'ענערגישען ווידערשטאַנד. דער צווייטער מלך נאָך פירוז'ן, קאַוואַד (488—531) איז געווען אַ שוואַכער קעניג, אָבער מיט איינער גוטע איינגענשאַפטען; נאָר ווען אַ פאַנאַטיקער האָט איהם געברויכט אַלס אַ ווערקצייג, איז ער געוואָרען אַ רעליגיאָנס-פערפאָלגער. אין פערסיען איז דאַמאָלס אַרויסגעטראָטען אַ מענש, וועלכער האָט געוואָלט רעפאָרמירען דעם פייער-קולט פון די מאַגיער און מאַכען איהם פאַר אַ וועלטרעליגיאָן;

דער נייער רעפארמאטאר האט געהייסען מאזדאק, און ער איז ארויסגעגאנגען פונ'ם שטאנדפונקט, אז דער קוואל פון קנאה און שנאה, רציחות און אלערליי פערברעכענס איז די תאוה צו געלד און פרעמדע פרויען; בכן האט מאזדאק געוואלט בעזייטיגען אט די סבה, וואס פיהרט די וועלט צום אונגליק, און פארגעלעגט, אז די גיטער און די פרויען זאלען געהערען דער גאנצער מענשהייט בשותפות. אויפ'ן באדען פון דער קאמוניסטישער גלייכהייט האט ער געגלויבט צו דערגרייכען דעם ציעל, וואס עס האט געשטעלט דער אלטער פערסישער רעליגיאנס־גרינדער צאראאסטער. אליין איז דער רעפארמאטאר באמת נישט געווען קיין געלד־ליעבהאבער און פון פרויען איז ער אויך ווייט געווען, דען ער האט געפיהרט אנ'אייגזאם לעבען; מען האט איהם דעריבער געגלויבט, און פיעל אנהענגער האבען זיך פערזאמעלט ארום איהם, וועלכע האבען אנגעהויבען צו פערווירקליכען און לעבען די נייע פרייהייט (501).

די אנהענגער פון מאזדאק האבען זיך גערופען צענדיק, אלס ריכטיגע אנערקענער פון צענד, פון דער רעליגיאן פונ'ם הייליגען ווארט. דער מלך קאוואד איז אויך געווארען זיינער א תלמיד און האט בעגינסטיגט זיין נייע רעפארמע. ער האט ארויסגעלאזען א בעפעהל צו אלע איינוואהנער פון דער פערסישער מלוכה, אז זיי זאלען די נייע לעהרע אננעהמען און פערווירקליכען אין לעבען. די נידעריגע פאלקס־קלאסען, וועלכע האבען דערביי נישט געהאט צו פערליערען און די עהרע פון זייערע פרויען האט ביי זיי אויך נישט געשפיעלט קיין גרויסע ראליע, האבען זיך באלד פעראייניגט ארום דער נייער רעליגיע צענדיק: זיי האבען פערנומען די עשירות און די שענע פרויען פונ'ם הויכען אדעל. אין פערסיען האט זיך אנגעהויבען אנ'אמת'ע מהומה: רעכט און אונרעכט, צניעות און אונציכטיגקייט האבען פערלוירען זייער ווערט, ווי דאס איז נאך קיינמאל אין דער וועלט־געשיכטע נישט פארגעקומען. די פערסישע שרים און רייכע לייט האבען אפילו דעם קעניג קאוואד באלד דערויף אראבגעשטויסען פון טראהן און אריינגעווארפען אין תפיסה; מען האט איהם אבער באלד נאכדעם צוריק בעפרייט, און מיט דער הילף פון די הונען 1) איז ער צוריק ארויפגעשטיגען אויפ'ן טראהן, בעגנייענדיג מאזדאק'ס רעפארמע. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז אין דער צייט פון זיין רעגירונג האבען די געבוירענע קינדער קיינער נישט געוואוסט, ווער זייער פאטער איז, און מיט זיין פערמעגען איז קיינער נישט געווען זיכער.

די אידען און די קריסטען האט מען, נאטירליך, אויך נישט פערשוינט מיט דער נייער רעפארמע. און אויב עס האבען מאטעריעל געליטען פון דער געזעצליכער רויבעריי נאר די רייכערע מענשען, האט דאך אבער די

---

1) א פאלק, וואס איז בעוואוסט אין דער עפאכע פון די פעלקער־וואנדערונג. פון זיי שטאמען די אונגארען, פינען און אנדערע.

שוהפות'דיגקייט פון פרויען געמוזט אויפ'ן שטארקסטען אופן אנריהרען די אידען, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער צניעות'דיגען פאמיליען-לעבען. די אידען האבען דאך נישט געקאנט מפקיר זיין זייערע פרויען און יונג-פרויען צו זנות און לאזען פערשמוצען זייער פאמיליען-לעבען. ווי עס שיינט, האבען די אידען אנגעהויבען ענערגיש צו פערטיידיגען זייער ציכטיגקייט. אנ'אויפשטאנד, וואס איז אין יענער צייט אויסגעבראכען צווישען די בבל'ישע אידען, איז בלי ספק געווען געמאכט מיט'ן צוועק צו פערטיידיגען זיך געגען מאזדאקס קאמוניזם. אין שפיץ פונ'ם אויפשטאנד איז געשטאנען דער ראש-גלותא, מר-זוטרא דער צווייטער, וועלכער איז, ווי עס שיינט, געווען א גאנץ אונגעווערהנליכע פערזענליכקייט, דען די לעגענדע האט בעפוצט זיין געבורט און זיינע מעשים אויף א וואונדערבארען אופן.— מר זוטרא איז געווען דער זוהן פון יענעם ראש גלותא, דעם תלמיד חכם מר הונא, וועלכער איז געווארען ראש גלותא נאכ'ן טויט פונ'ם טיראן פירוז (488—508). ווען זיין פאטער איז געשטארבען, איז מר זוטרא נאך געווען גאר יונג. ווען ער איז אויסגעוואקסען, איז ער מיט'ן געווער אין דער האנד ארויסגעטראטען צו פערטיידיגען די אידישע פאמיליען-עהרע און דאס לעבען פון זיינע ברידער. ער האט פערזאמעלט ארום זיך א לייב-וואך פון פיער הונדערט גוט בעוואפענטע יונגע אידען, מיט וועלכע ער האט, ווי עס שיינט, פערטריבען מאזדאק'ס רויבערישע מחנות פון די בבל'ישע געגענדען, וואו די אידען האבען געוואהנט. ער האט, ווי מען האט דערצעהלט, אבגעהאלטען אזעלכע גלענצענדע נצחונות, אז עס האבען איהם אויך נישט געקאנט בייקומען די מחנות פון דעם קעניג, וועלכע מען האט געגען איהם ארויסגעשיקט. זיין רעזידענץ האט מר זוטרא געהאט אין מחוזא, נישט ווייט פון דער הויפט-שטאדט פון דער בבלישער מלוכה, קטעסיפאן, און דארט האט מר זוטרא געלעבט, ווי אנ'אמת'ער קעניג.

כמעט זיבען יאהר האט געדויערט די אונאבהענגיגקייט, וועלכע מר זוטרא האט זיך אויסגעקעמפט. לסוף האט מען אבער ארויסגעשיקט געגען איהם זעהר גרויסע מחנות פון דער פערסישער ארמעע, וועלכע האבען איהם מנצח געווען און געפאנגען גענומען. מר זוטרא און זיין גרייז-גרויער זיידע, מר חנינא זענען בעשטראפט געווארען דורכ'ן טויט און מען האט זיי אויפגעהאנגען אויף דער בריק פון מחוזא (ארום 520). די איינוואהנער פון דער שטאדט האט מען בערויבט און אבגעפיהרט אין געפענגנישאפט. די מיטגליעדער פון ראש גלותא'ס משפחה האבען זיך געראטעוועט דורכ'ן ענטלויפען און האבען געבראכט דעם יורש פון דער נשיאות, מר זוטרא'ס זוהן, וועלכער איז געבוירען געווארען באלד נאך זיין טויט און האט אויך געהייסען מר זוטרא, קיין לאנד יהודה, וואו ער האט זיך ערצויגען און איז געווארען א גרויסער תלמיד חכם. אין בבל איז אלזא אויף א געוויסע צייט אין קאוואד'ס רעגירונג אויסגעלאשען געוואר-

ווארען די נשואות. אויך די דארטיגע ישיבות זענען געשלאסען געווארען, ווייל מען האט די תלמידים פערפאלגט, און זיי האבען זיך געמוזט בעהאלטען. קאוואד'ס נקמה פאר'ן אויפשטאנד, האט געבראכט דעם אידישען רוהיגען לעבען אין בבל אזא הארטען קלאפ, אז די אידען האבען זיך לאנג נישט גקאנט דערהאלטען נאך איהם. ווי עס שיינט אבער, האבען די רדיפות זיך נישט פערשפרייט איבער גאנץ פערסיען, ווייל אין קאוואד'ס ארמעע, וועלכע האט געפיהרט מלחמה געגען דעם ביזאנטינישען פעלד־הערר, בעליזאר, האבען אויך געדיענט אידישע סאלדאטען, וועלכע דער פערסישער פעלד־הערר האט אזוי שטארק געשעצט, אז ער האט געבעטען ביי זיין געגנער אויף איין וואך אפצושטעלען די מלחמה, כדי די אידען זאלען קאנען פייערען דעם יום־טוב פסח

נאך קאוואד'ס טויט האבען די רדיפות געגען די אידען פון זיך אליין אויפגעהערט. אין דער רעגירונג פון'ם קעניג חאזראעס נושירוואן (531—579), וועלכער האט געקעניגט נאך איהם, האבען די רדיפות זיך אליין אפגעשטעלט, און די אידען זענען ווידער געקומען צום וואוילשטאנד. ווי נאר די בבל'ישע אידען האבען ליכטער אפגעאטעמט, האבען זיי זיך געאיילט צוריק צו עפענען די ישיבות און צונויפצורופען די תלמידי חכמים פון די ערטער, וואו זיי זענען געווען בעהאלטען. מען האט גערופען צוריק דעם אנטלאפענעם רב עינא (אדער: רב גיזא, אדער אויך גדא) פאר א ראש ישיבה אין סורא און רב סימונא — קיין פומבדיתא 1). די דאזיגע תלמידי חכמים, אדער רבנן סבוראי, האבען זיך אינגאנצען געווידמעט דעם שטודיום פון תלמוד, צוזאמען מיט זייערע חברים און תלמידים. די איבערגעליטענע רדיפות האט אין זייערע אויגען דערהויבען די בעדייטונג פון תלמוד, און ער איז געווארען זייער איינציגער טרייסט.

די תלמידים פון די לעצטע אמוראים האט אבער פערפעהלט שעפפערישע כחות צו פיהרען ווייטער דעם פריהערדיגען אופן לערנען; אויסער דעם איז דער תלמודישער שטאף—די ערקלערונג פון די משניות און ברייתות, תוספתות און די איבריגע א לטע זאמלונגען, שוין געווען אלזייטיג דורכגעפיהרט אין תלמוד, וועלכער איז דערצו אויך געווען געשלאסען: מען האט דעריבער איצט געטראכט נישט וועגען הערווייטערען די תורה שבעל פה, נאר צו לערנען מיט די תלמידים און בעקאנט מאכען זיי גוט מיט דעם, וואס מען האט פריהער געלערנט אין די ישיבות. די רבנן סבוראי האבען אבער אויך אויסגעארבייט פיעל הלכות זעלבסטשטענדיג, בעזונדערס אין פראקטישע פראגען, סיי אין ריטואל, סיי אין דיני ממונות און ענינים פון גיטין און קדושין, וועלכע זענען ביז דאמאלס גארנישט בעטראכט געווארען, אדער עס איז וועגען זיי נישט אנגענומען געווארען

1) רב עינא און רב סימונא זענען געווען די לעצטע פון די אזוי גערופענע רבנן סבוראי.
(איבערזעצער)

קיין בעשלום. אין תלמוד גופא האבען זיך נאך געפונען פיעל ענינים, וועגען וועלכע עס איז איבערגעגעבען געווארען בלויז די דיסקוסיע, אבער אהן א בעשלום; איצט האט מען געדארפט דאס בעלייכטען און ציפאסען צו דער אנווענדונג אין פראקטישען לעבען. די אידישע דיינים האבען געמוזט האבען א פעסטע נארמע, נאך וועלכער זיי האבען געזאלט משפט'ן אין פערשיידענע פארקומענדע פאלען, דער פריוואטער מענש האט געברויכט א קורצע אנווייזונג, ווי אזוי ער זאל זיך נוהג זיין אין רעליגיעזען לעבען. און אט דערפון שטאמט דער נאמען רבנן סבוראי: זיי האבען פעסטגעשטעלט די רעליגיעזע און ריכטערליכע פראקטיק, נאכדעם ווי זיי האבען בעטראכט די פראגען אלזייטיג פאר און געגען, און ארויסגעגעבען די ענדגילטיגע פסקים לויט זייער פערשטאנד און סברא. זייער ציעל איז אלזא געווען מעהר א פראקטישער, איידער א טעארעטישער. קיין אייגענע מיינונג צו האבען, וואס זאל זיין געגען דער מיינונג פון די אמוראים, האבען זיי זיך נישט ערלויבט.

אין דער עפאכע פון די רבנן סבוראי איז איינגעפיהרט געווארען א נייע וויסענשאפט, אהן וועלכער דער תנ"ך ליעגט פאר אונז, ווי א פערחתמ'עטער ספר, אהן מעגליכקייט אין איהם אליין צו לייענען,— עס איז די נקודות, וועלכע זענען ביז דאמאלס אין תנ"ך נישט געווען 1) דער טעקסט פון תנ"ך איז בעשטאנען בלויז פון די בעוועגליכע אותיות, וועלכע מען האט געקאנט לייענען אויף עטליכע אופנים (ווי למשל: טָמֵא אדער טַמָּא). נאר די תלמידי חכמים און זייערע תלמידים האבען, לויט דער איבערגעבונג פון די פריהערדיגע דורות געוואוסט, ווי אזוי מען ברויך צו לעזען, אבער אפטמאל איז צווישען זיי אויך געווען א פראגע, אויב מען ברויך דאס ווארט צו לעזען אזוי אדער אנדערש, ווי מען זעהט עס פיעל מאל אין תלמוד. דער אידישער המון אבער, וועלכער האט אין דער יוגענד ביי א רבי'ן לאנג נישט געלערנט, האט גארנישט געוואוסט, ווי אזוי צו לייענען דעם תנ"ך, אפילו די תורה אליין איז פאר איהם געווען א פערשלאסען בוך, ווייל עס האבען געפעהלט די נקודות. מען האט שוין אפילו אין דער פריהערדיגער צייט עטוואס געהאלפען געגען דעם הערמיט, וואס מען האט אנגעוויזען די בעדייטונג אין לעזען פון די דריי אותיות א. ו. י. אבער פאר'ן פשוט'ען לעזער איז דאס געווען גאנץ ווייניג. אפילו די לומדים האבען גאנץ אפט געהאט א ספק, ווי אזוי מען ברויך צו לעזען ריכטיג א נ'אנדער ווארט. ביי אזעלכע בעדינגונגען, ווי אזוי איז מעג-

1) וועגען דער פראגע, אויב די נקודות זענען געווען אין דער צייט פון די תנאים און אמוראים, אדער נאך פריהער, אדער נייז, איז פארהאן א גאנץ גרויסע ליטעראטור. עס איז אבער וויכטיג איבערצוגעבען פראפעסאר גרעטץ'ס מיינונג וועגען דעם אינגאנצען. (איבערזעצער).

ליך געווען צו פערשטעהן גענוי דעם תנ"ך, אליין פאר א פשוט'ן מענשען?

אבער אט האט א פלאז געטהון א ליכטער ווינטעל פון וויסענשאפטליכער דערוועקונג, און די אידען האבען זיך גענומען אריינפרעגען א פעסטע אָרדנונג אינ'ם לעזען דעם תנ"ך. די וויסענשאפט איז געקומען קיין פערסיען מיט די גריכען, וועלכע מען האט פערטריבען פון זייער פאטערלאנד. דער פאנאטיזם פונ'ם קייזער יוסטיניאן, האט איהם געבראכט דערצו, אז ער זאל פערשליסען די פילאזאפישע שול אין אטען, און אנשטאט די גריכישע פילאזאפען, האט ער געגעבען אלערליי פריווילעגיעס די אונוויסענדע מאנאכען. די לעצטע „זיבען חכמים" פון גריכענלאנד, האבען אויסגעוואנדערט קיין פערסיען, וואו עס האט דאמאלס געקעניגט דער קעניג נורשיוואן, וועלכער האט ליעב געהאט די חכמים און זייער וויסענשאפט. דערוועקט דורך דעם גריכישען גייסט, האבען די אידען געעפענט א שולע פאר מעדיצין און נאטור-וויסענשאפטען. צווישען די סירישע קריסטען אויפ'ן טייך עפראט און אויף יענער זייט טיגריס, האט מען זיך אויך בעשעפטיגט מיט דער שפראכען-וויסענשאפט. דארט האט געלעבט די נעסטאריאנישע סעקטע, וועלכע האט צוליעב דאגמאטישע מחלוקה, אבגעזונדערט זיך פון די איבריגע קריסטען און האט זיי זעהר געהאסט. זייענדיג פערהאסט אויך דורך זיי. די נעסטאריאנער זענען געשטאנען נעהנטער צו די אידען, און זייערע גלחים אין געלעהרטע האבען בלל נישט גערהאסט די אידען, אזוי ווי די מערב-קריסטען (די קאטוילען), וועלכע האבען זיך אנגערופען די רעכט-גלויביגע, אמת'ע קריסטען. די נעסטאריאנער פלעגען אפט קומען אין בעציהונג מיט די אידען. די דאזיגע סירישע קריסטען—מען ווייסט נישט אין וועלכער צייט—האבען איינגעפיהרט אין די טעקסטען פון זייערע קירכליכע שריפטען א מיטעל, ווי אזוי דורכצוקומען מיט'ן לעזען זיי, און דערצו האט מען געברויכט צו האבען איניגע גראמאטיקאלישע ידיעות. אט די אלע אומשטענדען האבען בעוואויגען די אידען אבצוטיילען א געוויסען טייל פון זייער צייט, וועלכע איז דורכאוים געווען געווידמעט דעם שטודיום פון די הלכות, אויך דער שפראך-פארשונג אין תנ"ך. קודם אבער האבען זיי געמוזט זארגען ליכטער צו מאכען דאס לעזען פון די ספרים פון תנ"ך, און אט האט איינער אנ'אונבעוואוסטער אידישער געלעהרטער אין יענער צייט ערפינדען די נקודות, אדער ער האט זיי צוזאמענגעשטעלט, לויט ווי די אידען האבען זיי געהאט בקבלה פון די פריהערדיגע דורות. די ערפינדונג וויזט היינט אונז אויס קינדיש-ליכט, אבער דערין ליעגט איהר גרויסקייט. א טייל פון די אותיות האבען דורך צייכענס (נקודות) בעקומען די בעדייטונג פון וואקאלען, וועלכע מען פלעגט אין בבל שטעלען איבער די אותיות. פינף אדער זעקס צייי-

כענם 1) איז געווען, כדי אריינצוברענגען לעבען אין די טויטע אותיות און מאכען, אז יעדערער זאל זיי קאנען לעזען. ווער איז געוועזען דער יערפינדער? נישט מען ווייס עס, נישט מען וועט עס א מאל נאך ווי־סען. מעגליך, אז דער קרי-מלמד, וועלכער האט דאדורך געוואלט לייכטער מאכען פאר די קליינע קינדער דאס אויסלערנען לעזען (זאגען עברי). זיין פערדיענסט איז אבער געווען זעהר גרויס. ווען די קריסטליכע וועלט האט מיט טויזענד יאהר שפעטער (אין דער רענעסאנס-עפאכע) זיך אויפגע־כאפט פון טיעפען מיטעלעלטערליכען שלאף מיט אלע זיינע שגעונות, האט זי זיך געכאפט פאר'ן תנ"ך, זוכענדיג דארט אבפרישונג פאר זיך. אבער ווען נישט די נקודות, וואלט דער תנ"ך געבליבען פאר איהר פערשלאסען נאך אויף לאנג. א דאנק דער דאזיגער ערפינדונג, האט מען זיך אויך אנ־געהויבען אבגעבען מיט'ן שטודיום פון דער העבראישער גראמאטיק, וועלכע האט מיט דער צייט געעפענט א נייע פערספעקטיווע אינ'ם שטו־דיום פון תנ"ך.

אינ'ם זעקסטען יאהרהונדערט האט דער פאנאטיזם זיך פערשטארקט אי אין קריסטענטום, אי אין מאגיערטום (דאס הייסט: ביי די פיהרער פון פייער-קולט), און ביידע האבען געהאסט און געטרודפ'ט דאס אידענטום. די ערשטע, אינ'ם נאמען פון מענשען-ליעבע, די אנדערע—אינ'ם נאמען פון נצחון פון דער ליכטיגקייט. חאזראעס נושירוואנס זוהן, הארמיז־דאס דער פיערטער (געקעניגט פון 579 ביז 589) איז אין קיין הינזיכט נישט געווען גלייך צו זיין גרויסען פאטער. כל זמן עס האט נאך געלעבט זיין לעהרער, דער פילאזאף בוצורג מיהיר, (וועלכער זאל פאר זיין שוואכען שילער האבען ערפינדען דאס שאכמאט-שפיעל, כדי דאדורך צו דערוויזען איהם, ווי אזוי דער קעניג איז אבהענגיג פון זיין ארמעע און פאלק), האט הארמיזדאס נאך מורא געהאט ארויסצווייזען זיין אמת'ען כאראקטער. נאך זיין לעהרערס טויט אבער, האט זיך ארויסגעוויזען די גאנצע אכזריות און אויסגעלאסענקייט פונ'ם פערסישען קעניג. די מאַ־גיער האבען שוין דאמאלס אינסטינקטיוו געשפירט, אז זייער רעליגיאן האלט ביי'ם אונטערגעהן, און האבען דעריבער אנגעשטרענגט אלע זייערע כחות אויפצוהאלטען איהר; דערגרייכען האבען זיי דאס געוואלט דורך רדיפות געגען די אידען און קריסטען, און אט האבען זיי אנגערעדט דעם שוואכען קעניג, און ער האט זיי ערלויבט צו טהון, וואס זיי ווילען. די ישיבות אין סורא און פומבדיתא האט מען ווידער פערמאכט. און די

---

1) אנשטאט א קורצען פתח, פלעגט מען שטעלען איבער'ן אות א עין (ע), אנשטאט א חיריק—א קליינעם יוד, אדער א פונקט, אנשטאט א קמץ—א קליינעם אלף (א), אנשטאט א צירה—צוויי קליינע יוד'ן (יי), אנשטאט א שורק—דריי שטריכען, עהנליך צו א וואו (ו) א. א. וו. אלץ איבער די אותיות.

תלמידי חכמים זענען, ווי פריהער, אונטער פירוז, געווען געצוואונגען אויסצוואנדערען מאסענהאפט (ארום 581). זיי האבען זיך בעזעצט אין פירוזשבור, נישט ווייט פון נהרדעא, ווייל אונטער אן'אראבישען מושל, וואס האט דארט געוועלטיגט. האט מען זיך מיט זיי בעגאנגען עטוואס בעסער. אין פירוזשבור איז אזוי ארום ענטשטאנען א נייע ישיבה. צום גליק פאר די בבל'ישע אידען, האט די גרויזאמע רעגירונג פון הארמיזדאס געדויערט נישט לאנג; די פערסער אליין זענען אויך געווארען אונצופרידען מיט איהם; די פאליטישע פיינד פון פערסיען האבען אנגעהויבען מאכען אנפאלען אויף דער מלוכה און אבריסען פון איהר שטיקערווייז; די פערסישע מלוכה וואלט שוין דאמאלס צופאלען, ווען נישט דער העלדישער פעלדהערר באהראם טשובין, וואלט זיי אבגעראטעוועט פון אונטערגאנג. ווען אבער דער אונבעדאכטער מלך הארמיזדאס האט בעגאנגען די נישט־קלוגע גרויזאמקייט און דערווייטערט דעם דאזיגען העלד פון דער ארמעע, האט ער געמאכט געגען איהם אן'אויפשטאנד (589) און האט איהם אריינגעווארפען אין תפיסה, וואו מען האט איהם שפעטער דער'הרג'עט. תחלת האט באהראם רעגירט אין'ם נאמען פון'ם אראבגעווארפענעם קעניג'ס זוהן, באלד אבער האט ער זיך אליין געלאזט אויסרופען פאר א מלך. די אידען אין בבל און אין פערסיען האבען איהם בעגריסט אלס בעפרייער; ער איז געווען פאר זיי דאס איינציגע, וואס דער קייזער יוליאן צוויי הונדערט יאהר פאר דעם, פאר די אידען פון דער רוימישער מלוכה. ער האט זיי בעפרייט פון די רדיפות און געלאזט זיי לעבען און לערנען רוהיג. די אידען זענען איהם דערפאר געווען העכסט ערגעבען און האבען געשטיצט מיט געלד און מענשען זיין טראהן. אהן דער אידישער הילף וואלט ער זיך אויפ'ן טראהן נישט געקאנט האלטען אפילו אויך א קורצע צייט, ווייל דאס פערסישע פאלק האט סימפאטיזירט מיט זיין געזעצליכען פרינץ; נאר די ארמעע איז באהראמ'ן געבליבען געטריי און די אידען האבען געגעבען דאס געלד, וואס ער האט געברויכט צו האבען, כדי די ארמעע אויסצוהאלטען. — דאס עפענען צוריק די ישיבות פון סורא און פומבדיתא (589) איז געשטאנען אין צוזאמענהאנג מיט דער בעציהונג פון די אידען צום נייעם פערסישען הערשער. מר רב חנן פון אישקיא (Iskiwan) וועלכער האט דער ערשטער אנגענומען דעם טיטול גאון, איז געקומען מיט זיינע תלמידים און חברים פון פירוזשבור, וואו ער האט געגרינדעט א ישיבה, צוריק קיין פומבדיתא און האט צוריקגעשטעלט די פריהערדיגע סדרים.

נישט לאנג אבער האט געדויערט באהראם'ס רעגירונג. דער ביזאנטינישער קייזער מוריטיוס, צו וועלכען עס איז ענטלאפען דעם פריהערדיגען פערסישען קעניג'ס זוהן, דער פרינץ חאזרו, האט איהם געגעבען צו הילף אן'ארמעע, מיט וועלכער עס האבען זיך אויך פעראייניגט די פערסען, וואס זענען איהם געבליבען געטריי. פיעל האבען בעצאהלט

מיט'ן טויט פאַר זייער הילף, וואָס זיי האָבען געגעבען באַהראַמ'ן. דער פערסישער פעלד-הערר מעבאָד עס האָט איינגענומען מחוזא, וואו דאָס רוב פון דער בעפעלקערונג איז געוועזען אַ אידישע, און האָט מעהר ווי העלפט פון זיי אויסגעה'רג'עט. נישט בעסער איז עס אויך געוועזען אין אַנדערע ערטער, וואוהין חאָזרוס אַרמעע איז געקומען. באַהראַם איז געפאַלען און געוועזען געצוואונגען צו ענטלויפען צו די הונען, און חאָזרוי דער צווייטער מיט'ן בייגאָמען פירוז איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טהראָן פון פערסיען. דאָס איז געוועזען אַ קעניג אַ גערעכטער און אַ מילדער. ער אַליין האָט קיין אַנטייל נישט געהאַט אין די ערשטע אַנפאַלען אויף די אידען און בכלל האָט ער פון די אידען קיין נקמה נישט גענומען פאַר זייער הילף באַהראַמ'ן. אין זיין לאַנגער רעגירונג (590—628) זענען די אידישע ישיבות געווען אָפען. אין סורא איז דאַמאָלס געוועזען ראש ישיבה מר בר רב הונא (609—620), אין פומבדיתא רב מארי בר מר, וועלכער איז געוועזען נאָך מר רב חנן פון אישקיא. אין זייער צייט האָבען די אידען אין ארץ-ישראל געהאַט נייע נצחונות, אָבער אויך נייע מפלות.

---

## ניינטעס קאַפּיטעל.

# די אידען און די אייראָפּעאישע פעלקער.

(פון 500 ביז 640).

פאַר די אידען אין פערסיען זענען אין יענער צייט געוועזען שלעכטע, אָבער דאָך אויך גוטע צייטען. אין דער ביזאַנטינישער מלוכה בכלל און אין ארץ-ישראל בפרט, האָבען אָבער די אידען קיין איינציגע רוהיגע מינוט נישט געהאַט. צו דער אלט-רוימישער גאוה האָבען די ביזאַנטינער נאָך צוגעגעבען די גריכישע פאַלשקייט און גיפטיגקייט, וועלכע די קריסטען האָבען אויסגעגאָסען איבערגאַנצען אויף די אידען. אין ביזאַנץ (קאָנסטאַנטינאָפּעל) האָט מען צוערשט ערפינדען דאָס וואָרט, וועלכעס מען האָט די אידען פאָרגעוואָרפען אלס דאָס שווערסטע פערברעכען: מען האָט זיי אָנגעהויבען רופען די „גאָטעס-מערדער“. אויסגעה'רג'עט האָט מען די אידען נישט, נאָר מען האָט זיי געלאָזט לעבען, אָבער ערנידריגט און געשענדעט, געפייניגט און געמאַכט פאַר עלענדע, כדי זיי זאָלען דינען פאַר אַ שרעקליכען ביישפּיעל פון דער שטראָף פאַר דער גאָטעס-מערדעריי.

לויט די געזעצען פון טהעאָדאָזיוס דעם איינגערען, האָט מען די אידען אין דער ביזאַנטינישער מלוכה אויסגעשלאָסען פון אלע מלוכה-שטעלען, און זיי איז פערבאָטען געוואָרען צו בויען שוהלען. די שפּעטערדיגע קיסרים, וועלכע האָבען זיך אלע אויסגעצייכענט דורך זייער פאַנאַטיזם, האָבען די דאָזיגע געזעצען אָבגעהיט מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. וואָס די אידען האָבען געקאָנט ערוואַרטען פון די ביזאַנטינישע קיסרים, קאָן

מען זעהען פון פאלגענדען: אין אנטיאכיען האבען די קריסטען איינמאל געמאכט אן'אנפאל אויף די אידען און אויסגעהרג'ט זעהר פיעל פון זיי. דערנאך האבען זיי פערברענט די שוהלען און די דערהרג'עטע אידען אריינגעווארפען אין פייער. ווען מען האט וועגען דעם דערצעהלט דעם קייזער, האט ער זיך ארויסגעזאגט אזוי: „די קריסטען קאן מען בעשטראפען נאר דערפאר, וואס זיי האבען בלויז די טויטע אידען אין פייער געווארפען און נישט אויך די לעבעדיגע!“ און אזא בעציהונג צו די אידען מצד דעם קייזער האבען די צווילדעוועטע קריסטליכע מאסען געזעהן בלויז א דערוועקונג צו נייע אכזריות און רציחות.

ביז יוסטיניאנ'ס צייט האבן די אידען אין ארץ-ישראל און אין דער ביזאנטינישער מלוכה, ווייניגסטענס געהאט רעליגיאנס-פרייהייט. די קיסרים האבען זיך נישט געמישט אין זייערע אינערליכע אנגעלעגענהייטען. דער ערשטער, וועלכער האט בעגרענעצט זייערע בירגערליכע רעכט און נאך אנגעווענדעט געגען זיי רעליגיאנס-בעצווינגונג, איז געווען דער קייזער יוסטיניא (527—565). פון איהם שטאמט דאס שענדליכע געזעץ, אז עדות פון אידען געגען קריסטען, דארפען נישט אנגענומען ווערען, נאר פון אידען געגען אידען. פונדעסטוועגען האבען די אידען נאך געהאט עפעס א חשיבות געגען די שומרונים, דען פון זיי פלעגט מען קיין עדות גארנישט אננעהמען און אפילו זייער פערמעגען האבן זיי דורך א צואה נישט געקאנט איבערלאזען, וועמען זיי האבען געוואלט. דאס איז געווען א נקמה געגען די שומרונים פאר די אויפשטאנדען, וואס זיי האבען געמאכט געגען די קיסרים און זיך איינמאל אויך אויסגעקליבען אן'אייגענעם קייזער. יוליאן בר-סאבאר. ווייל די אידען האבען אין דעם אויפשטאנד קיין אנטייל נישט גענומען, זענען די געזעצען געגען זיי געווען ווייניגער גרויזאם, ווי געגען די שומרונים. אין פיעל אנדערע בעציהונגען האט יוסטיניאנ'ן געשטעלט די אידען און די שומרונים גלייך. נישט דערלאזענדיג זיי צו קיין מלוכה-שטעלע, אדער צו אן'אנגעזעהענער התמנות אין די שטאדט-פערוואלטונגען, האבען זיי פונדעסטוועגען געמוזט ערפילען די שווערע שטאדטישע ארבייט, נישט האבענדיג דערפאר אפילו די דערצו געהעריגע זכיות—דאס רעכט, נישט בעשטראפט צו ווערען דורך מלקות און ארויסגעטריבען צו ווערען פון שטאדט: „דעם יאך זאלען זיי טראגען און ביטערליך זיפצען, אבער קיין שום עהרענצייכען וועלען זיי נישט ווערט זיין“— אזוי האט דער קייזער יוסטיניאן ערקלערט. ער האט אויך פערבאטען די אידען אונטער שטרענגער בעשטראפונג, צו פייערען פסח און עסען מצה. די דאזיגע גזירה האט געשטאמט דערפון, וואס ביי די קריסטען איז געווען א סעקטע מיט'ן נאמען „די פיערצעהנטאגיגע“, דען זיי האבען נישט געוואלט אבהיטען דעם בעשלוס פון ניקעאישען צוזאמענפאהר, און פלעגען פייערען פסח אין דער זעלביגער צייט, ווי אידען, אנהויבענדיג פון פערצעהנטען ניסן אין אווענד. אנשטאט אלזא צו בעשטראפען די סעק-

טע, האט יוסטיניאן בעסער פערבאטען די אידען צו פייערען פסח, אזוי דיהרענדיג דאדורך אויפ'ן ביטערסטען אופן דאס אידישע רעליגיעזע לעבען. ווי נאר דער אידישער פסח פלעגט אויסקומען אין איין צייט מיט'ן קריסטליכען, האבען די אידען בכלל נישט געדארפט פייערען קיין פסח, כדי עס זאל נישט אויסזעהען, אז די קריסטען פייערען פסח אין איין צייט מיט אידען. יוסטיניאן האט זיך אריינגעמישט אין נאך א פונקט אינ'ם אידישען גאטעסדיענסט. אין יענער צייט איז אין דער אידישער קהלה אין קיסרין אדער קאנסטאנטינאפאל, אויסגעבראכען א מחלוקת: א טייל אידען האבען פערלאנגט, אז מען זאל בשעת קריאת התורה פארלעזען אויך פאר די עם הארצים און די פרויען, די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה. א טייל אידען זענען אבער ארויסגעטרעטען געגען דעם, צוליעב פיעל טעמים: ערשטענס איז פאר זיי געוועזען פערהאסט די שפראך פון זייערע בעדריקער, צווייטענס פלעגט מען באלד נאך קריאת התורה האלטען א דרשה וועגען דעם געלייענטען, און אויב מען וואלט ברויכען לעזען אויך די איבערזעצונג, וואלט נישט געבליבען קיין צייט פאר דער דרשה. די זאך האט מען איבערגעטראגען צום קייזער יוסטיניאן, וועלכער האט דעם ענין אנגעהויבען בעטראכטען גאר אנדערש. די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה, די סעפטואגינטא, איז שוין דאמאלס געוועזען זעהר פיעל איבערגעאנדערשט, כדי מען זאל קאנען פון איהר דערוויזען די ריכטיגקייט פון דער קריסטליכער אמונה. און אט האט יוסטיניאן בעפוהלען, אז מען זאל אין די שוהלען, אנשטאט קריאת התורה, לעזען נאר די גריכישע אדער איהר לאטיינישע איבערזעצונג, דען אזוי ארום האט ער געהאפט, אז די אידען וועלען אין די שוהלען גופא צוגעגרייט ווערען צום איבערגאנג אין קריסטענטום. זיין מיניסטער ארעאבינדוס האט ער בעפוהלען אם שטרענגסטען אכטונג צו געבען, אז דער נייער בעפעהל זאל גענוי אבגעהיט ווערען. (553) די דרשות פון דער אגדה זענען דערביי אינגאנצען פערבאטען געווארען.

דער דאזיגער בעפעהל האט אבער געהאט וועניג ערפאלג. די צאהל אידען, וועלכע האבען פערלאנגט דוקא א גריכישע איבערזעצונג, איז געוועזען נישט גרויס, און ווען זיי האבען איצט געזעהען, צו וואס זייער פערלאנג האט געבראכט, האבען זיי זיך אליין אבגעזאגט פון איהם. זייער גאטעסדיענסט אין די שוהלען איז זיך דעריבער פארגעקומען אזוי ווי פריהער און אויך די דרשות פלעגען געהאלטען ווערען „געגען עשו"—דאס הייסט, געגען דער ביזאנטינישער מלוכה, „וואס מען זעהט נישט זייערע פייעלען, בשעת זיי פליהען, נאר מען שפירט זיי בשעת זיי פערוואונדען פלוצלונג שטערבליך". דער דרשן האט דערמיט געמיינט צו זאגען, אז אויף יוסטיניאנ'ס בעפעהל האט זיך קיינער נישט געריכט, נאר ערשט ווען ער איז ערהאלטען געווארן, האט מען זיך געכאפט, ווי שווער ער קאן פערוואונדען. דער ביזאנטינישער הויף האט ארויסגעגעבען אויך אנדערע

בעפעהלען, וועלכע האבען געדארפט אבוועדען אידען פון אידענטום: אונד־
שוהלען איז פערבאטען געווארען צו זאגען „שמע ישראל", א שטיגער, ווי
דאס אנערקענען, אז גאט איז איינציג, וואלט געווען א פראטעסט געגען
דער קריסטליכער דריי־איינצקייט; זיי האבען נישט געטארט זאגען „קדוש,
קדוש, קדוש ד' צבאות", ווייל די קריסטען פלעגען דעם פסוק אנוועדען
אלס זייער זיכערסטען בעווייז פאר דער דריי־איינציגקייט און די אידען הא־
בען דערצו צוגעגעבען אנ'ערקלערונג פאר דער איינציגקייט פון גאט. ענדליך
האט מען זיי פערבאטען צו לעזען יענע הפטרות פון ישעיה, וועלכע רע־
דען וועגען טרייסט פאר דאס עלענדע אויסגעמאטערטע אידישע פאלק, און
כדי מען זאל אט די אלע בעפעהלען אפהיטען, פלעגען קומען בעאמטע אין
שוהל אריין בשעת'ן דאווענען און צוהערען זיך ווי אזוי און וואס מען דאוו־
ענט. די בעשטראפונגען פאר'ן עובר זיין אויף די בעפעהלען, זענען גע־
ווען זעהר שטרענג און די אידען האבען זיך געמוזט אונטערגעבען. א טייל
תפלות פלעגען זיי זאגען אין דער שטיל, אדער זיי פלעגען גאר איינארדנען
„תפלה בצבור" אין אנ'אנדער צייט און ארט, וואו די בעאמטע זענען דער־
ביי נישט געוועזען.

גאר אין אנטיאכיען, וואו עס איז געווען א גרויסע אידישע קהלה, הא־
בען די אידען, ערביטערט דורך אזא דעספאטיזם און אזוי פיעל רדיפות,
דערהויבען זיך מיט'ן געוועהר אין די הענד געגען זייערע בעדריקער. דאס
איז געווען אונטער דער רעגירונג פון פאקאס (602—610), דעם מיט פוהר־
פיר בעלקיידעטען מערדער. די אידען זענען בעפאלען אויף זייערע פיינד,
האבען זיי מנצח געווען און גענומען א גרויסע נקמה פאר אלע יסורים,
וואס זיי האבען געמוזט אויסליידען פאר דעם. דער אויפשטאנד האט אנ־
גענומען אזא ערנסטען כאראקטער, אז דער קייזער האט געשיקט צוויי
גרויסע מיליטערישע אנפיהרער מיט זייערע מחנות, כדי צו קעמפפען גע־
גען די אידען. אבער די אידען האבען זיך געהאלטען אזוי העלדיש, אז די
געשיקטע ארמעען האבען זיי נישט געקאנט בייקומען. ערשט, ווען מען
האט צוזאמענגענומען א גרויסע ארמעע פון די ארומיגע פראווינצען, הא־
בען די אידען זיך געמוזט אונטערגעבען און פיעל פון זיי זענען אויסגע־
הרג'עט געווארען און פיעל צוקאליעטשעט.

גאר אונערווארטעט האבע די אידען געפונען די געלעגענהייט צו בעד
פרייען זיך פון זייערע פיינד טאקי דורך דער גרויזאמקייט פונ'ם קייזער
פאקאס. דער דאזיגער קייזער האט געראובט דעם ביזאנטינישען טראהן
ביי'ם מוריציוס, וועלכער איז געווען א שוועהר פונ'ם קעניג חאזרו דעם
צווייטען, וועלכער האט דעריבער בעשלאסען צו פערנעהמען א טייל פון
די רוימישע פראווינצען אין די מזרח־לענדער. א פערסישע ארמעע האט
פערפלייצט קליין־אזיען און סיריען, נישט קוקענדיג דערויף, וואס דערוויל
איז אין קאנסטאנטינאפאל געווארען קייזער הערקליוס. און ער האט
מודיע געווען דעם פערסישען קעניג, אז ער האט שוין בעשטראפט דעם

פריהערדיגען קייזער פאקאס, און ממילא קאן מען שוין שליסען שלום. אנ'אבטיילונג פון דער פערסישער ארמעע, אונטער'ן אנפיהרען פונ'ם פעלדהערר שארבארזא, האט זיך אראבגעלאזען פון די בערג לבנון אין ארץ-ישראל, כדי אבצורייסען איהר ביי דער ביזאנטינישער מלוכה. דערוויסענדיג זיך, ווי שוואך עס איז די קריסטליכע ארמעע געגען די פערסען, האבען די אידען אין ארץ-ישראל דערשפירט א שטארקען חשק אנטייל צונעהמען אין דער מלחמה. עס האט געשלאגען די שעה, ווען די אידען האבען ענדליך געקאנט נעהמען נקמה פאר דער ערנידעריגונג און די רדיפות, וואס זיי האבען געהאט אויסצושטעהן אין א משך פון פיעל הונדערטער יאהרען פונ'ם דאפעלטען פיינד: פון די רוימער און פון די קריסטען. דער צענטר פון דער אידישער מלחמה-בעוועגונג איז געוועזען טבריה. דארט האט געוואהנט א געוויסער איד בנימין, וועלכער איז געוועזען זעהר רייך און זיין עשירות האט ער פערנוצט אויף צו דינגען אידישע מחנות און בעוואפענען זיי. פון טבריה האבען די אידען ארויסגעלאזען אנ'אויפרוף צו אלע אידען אין ארץ-ישראל, צו פערזאמלען זיך און פעראייניגען זיך מיט די פערסער, כדי צו קעמפפען געגען דעם אלטען אידישען פיינד — געגען רוים. די קרעפטיגע אידישע איינוואהנער פון טבריה, נצרת און פון די בארג-שטעדט אין גליל, האבען זיך באלד פערזאמעלט ארום די פערסישע פאהנען. לויט'ן פאלקס-צארן, וואס האט געברענט ביי די אידישע מחנות אין הארצען געגען די אונמענשליכע בעדריקער, איז זיכער, אז זיי האבען נישט געשוינט די קריסטליכע קירכען אין טבריה און דער אומגעגענד. אונטער שארבארזא'ס אנפיהרען, האבען זיי זיך געלאזט געהן אויף ירושלים, כדי אבצורייסען איהר פון דער מזרח-רוימישער מלוכה. אין דרום פון ארץ-ישראל האבען זיך מיט זיי פעראייניגט פיעל אידען, וועלכע זענען צוזאמען מיט די סאראצענער אנגעפאלען אויף ירושלים, און גענומען איהר אין שטורם (614) ניינציג קריסטען זענען, ווי מען זאגט, דאמאלס אויסגעהרג'עט געווארען אין ירושלים. די קריסטען האבען אבער שפעטער אויסגעטראכט אויך א מעשה'לע, א שטייגער, אז די אידען האבען ביי די פערסער אויסגעקויפט די געפאנגענע קריסטען און קאלטבלוטיג דער'שחט'ן זיי.

געגען די קריסטליכע קירכען און קלויסטערס האבען די אידען, בלי ספק, זיך בעגאנגען אהן שוינונג. צי איז דען ירושלים נישט געוועזען די אלטע אידישע שטאדט, וועלכע מען האט ביי זיי צוגענומען דורך רציחה, געוואלדטהאט און אונגערעכטיגקייט? צי האבען זיי דען נישט געטארט בעטראכטען זייער מוטער-שטאדט, זייער הייליגקייט אלס טמא געווארען דורך די פרעמדע טעמפלען, ווי דאס איז אויך פריהער פארגעקומען אין דער צייט פון אנטיוכוס עפיפאנעס? דעריבער האבען דאך די אידען געהאט די האפנונג, אז די פערסער וועלען זיי אבגעבען ירושלים מיט א טייל לאנד ארום איהר צו גרינדען דארט א זעלבסטשטענדיג לעבען.— צוזאמען מיט די פערסער האבען די אידען זיך געלאזט געהן אין אלע שטעדט אין ארץ-

ישראל, וואו זיי האבען חרוב געמאכט די קירכען און די קלויסטערס. א מחנה אידען פון טבריה, גליל, דמשק, אפילו אויך פון ציפערן, האט זיך געלאזט געהן קיין צור, וואוהין עס האבען זיי גערופען די אידישע איינוואוינער פון יענער שטאדט, כדי אנצופאלען אויף די קריסטען אין דער נאכט פון פסחא. די מחנה איז, ווי מען זאגט, בעשטאנען פון צוואנציג טויזענד מאן. פון דער אונטערנעהמונג איז אבער נישט געווארען וויל עמיץ האט פאראויס ענטדעקט די קריסטען אין צור, אז עס פלאנט זיך געגען זיי א אנפאל.

אנגעפיהרט פערצעהן יאהר זענען די אידען פריי געווען אין ארץ־ישראל פון זייערע קריסטליכע ביזאנטינישע פיינד. דער ערפאלג פון דעם אויפשטאנד האט זיי ערפילט מיט פרייד. א טייל קריסטען האבען זיך דערשראקען, אז מען זאל איצט נישט אונטערנעהמען קיין רדיפות געגען זיי, און אויך פערצווייפעלט בכלל אינ'ם ערפאלג פון קריסטענטום, זענען זיי איבערגעגאנגען צום אידענטום. א בעזונדערע בעפרידיגונג איז געווען פאר די אידען דאס, וואס א פאנאטישער מאנאך האט זיך מגייר געווען. ער האט פיעל יאהרען פערבראכט אינ'ם קלויסטער אויפ'ן בארג סיני אין תפלות און תעניתים, אבער פלוצלונג האט ער בעקומען ספקות אין דער ריכטיגקייט פון קריסטענטום. ער האט דערצעהלט, דאס ער האט אין חלומות געזעהען וואונדערליכע בילדער; משה און די נביאים זענען איהם ערשיענען, און זייער פנים האט געשטראהלט פון ליכטיגקייט. ער האט אויך געזעהען אין חלום די אפאסטאלען א. א. וו. די ספקות האבען איהם ענדליך אזוי מיעד געמאכט, אז ער איז ארונטערגעשטיגען פון בארג סיני און דורכ'ן גרויסען מדבר געקומען קיין ארץ־ישראל; ענדליך איז ער געקומען אין טבריה, וואו ער האט ערקלערט דער אידישער קהלה זיין פעסטען ווילען מגייר צו זיין זיך. מען האט איהם מל'ה געווען און א נאמען געגעבען אברהם; דערנאך האט ער חתונה געהאט מיט א אידישער טאכטער און איז געווארען איינער פון די הייסעסטע אידען און א העפטיגער געגנער פון קריסטענטום.

אבער די האפנונג, וואס די אידען האבען געהאט אויף די פערסער, האט זיך נישט ערפילט. די שטאדט ירושלים האבען זיי די אידען נישט אבגעגעבען, קיין לאנד אויף איינצוארדנען א זעלבסטשטענדיג לעבען, האבען זיי זיי נישט געגעבען, נאר זיי האבען זיי ארויפגעלעגט גרויסע אבצאהלונגען. צווישען די אידען און די פערסער האט דעריבער זיך פערשטארקט די שנאה. דער פערסישער פעלד־הערר האט גענומען געפאנגען פיעל אידען און אבגעשיקט זיי אין גלות, אין פערסיען. צוליעב דעם האבען די אידען זיך מישב געווען אבצופאלען פון פערסיען און צושטעהן צוריק צום ביזאנטינישען קייזער העראקליוס. דער דאזיגער קייזער זאל האבען געשלאסען מיט די אידען א בונד און צוגעזאגט נישט צו בעשטראפען זיי פאר די אנפאלען אויף די קריסטען, געגעבענדיג זיי הערביי נאך אנדערע הנחות (627).

דער פערסישער קעניג האָזרו איז געווען גאַנץ פערבלענדעט, נישט צו זעהען, אז מען גרייט איהם צו א מפלה; אויסער דעם האט זיין זוהן ז י ר אָ ע ם געמאַכט אין יענער צייט געגען איהם אַנ'אויפשטאַנד. ביזאַנץ האט אויסגענוצט די דאָזיגע אומשטענדען און האט ביי איהם צוריק אָבגענומען אַלע פּראָווינצען, וועלכע ער האט פריהער איינגענומען. זיראָעם האט דערווייטערט פון טראָהן זיין אַלטען פאטער, און דערנאָך איהם דער'הרג'עט, ווערענדיג אַליין פערסישער קעניג. מיט'ן קייזער הערַאקליוס האט ער געשלאָסען א בונד, לויט וועלכען די פערסער האבען פערלאָזען ארץ־ישראל, און דאס הייליגע לאַנד איז ווידער אַריינגעקומען אין רשות פון דער ביזאַנטינישער מלוכה. ווען הערַאקליוס איז דורכגעגאַנגען די שטאָדט טבריה, האט ער זיך אָבגעשטעלט דאָרט ביי'ם רייכען אידען בנימין, וועלכער האט געגעבען איהם צו עהרען גרויסע מאָהלצייטען, און אויך לעבענס־מיטעל פאַר דער ביזאַנטינישער אַרמעע. אין א געשפּרעך האט הערַאקליוס געפרעגט ביי איהם, וואָס האט איהם בעוואויגען ארויסצווייזען זיך אַזוי פיינדליך געגען די קריסטען? בנימין האט דערויף געענטפערט אָפען: „ווייל זיי זיינען די פיינד פון מיין אמונה".— ווען הערַאקליוס איז אַריינגעקומען אין ירושלים, האבען די מאָנאַכען און דער פּאַטריאַרך מ אָ ד ע ס ט ו ס דורכאויס געפאָדערט פון איהם, אז ער זאָל פערטיליגען די אידען פון ארץ־ישראל און נעהמען פון זיי נקמה פאַר זייער בעציהען זיך בשעת דער מלחמה צו די קריסטען, ווי אויך צוליעב פאַרזיכטיגקייט, כדי די אידען זאָלען אַמאָל ווידער נישט אַרויסטרעטען געגען די קריסטען. דער קייזער האט אָבער ערקלערט, אז ער קאָן דאָס נישט טהון, ווייל ער האט די אידען צוגעזאָגט, דאס ער וועט פון זיי קיין נקמה נישט נעהמען, און ער קאָן איצט נישט בלייבען אומגעטריי געגען גאָט און לייט. דערויף האבען איהם די מאָנאַכען ערקלערט, אז דאָס אויס'הרג'ענען אידען קאָן בשום אופן נישט גערעכענט ווערען פאַר א פערברעכען, פיעל מעהר איז עס א טהאַט, וועלכער גאָט אַליין פערלאַנגט, דאָס איז א גוטער קרבן. אויב דער קייזער האלט עס פאַר אַנ'עבירה, נעהמען זיי די עבירה אויף זיך און וועלען עטליכע וואָכען פאַסטען פאַר איהם. די דאָזיגע רייד האבען געהאַט זייער ווירקונג אויף'ן פרומען קייזער; זיין געוויסען האט זיך בערוהיגט און געגען די אידען האט זיך אָנגעהויבען א מערדערישע יאַגד. אַלע אידען, וועלכע האבען נישט בעוויזען צו ענטלויפען קיין מצרים אָדער צו בעהאַלטען זיך ערגיץ וואו צווישען די בערג, האט מען אויסגעהרג'עט.

צום אָנדענקען פון הערַאקליוס'עס שענדליכער טהאַט און זיין פאַלשקייט געגען זיין אייגען וואָרט, האבען די מזרח־קריסטען נאָך א לאַנגע צייט אָבגעהיט די תעניתים, וועלכע זיי האבען איהם מבטיח געווען צו בעשטימען פאַר זיין פערברעכען. עטליכע הונדערט יאָהר האט מען די תעניתים שטרענג אָבגעהיטען, כדי מתפלל צו זיין פאַר'ן קייזער, וועלכער האט זיין וואָרט געבראָכען. צוליעב דעם די תפלות האט מען פערגעסען אידיש בלוט

מיט אנ'אומה'דיגער אכזריות.

ביי דער האזיגער געלעגענהייט האט הערקליוס בענייט דאס אלטע געזעץ פון אדריינוס און קאנסטאנטין: די אידען איז ווידער פערבאטען געווארען אריינצוקומען אין ירושלים, אפילו אין די אומגעגענדען פון שטאדט האבען זיי זיך נישט געטארט בעוויזען. ער האט עס אבער נאך דערלעבט צו זעהען, ווי די שטאדט ירושלים, גאנץ ארץ־ישראל, און נאך דערצו סיריען און מצרים, זענען ענדליך ארויסגעריסען געווארען ביי די קריסטען, און אריינגעקומען אין דער הערשאפט פונ'ם נביא פון מעקא. די קריסטען, וועלכע זענען ביז יענער צייט געווען דורכגעזאפט מיט'ן חשק צו רודפ'ן אנדערע, האבען ערשט פערזוכט אליין דעם טעם פון רדיפות. אבער דער מחמדאנישער גלויבען איז וויט נישט געווען אזא פערפאלגער אנדערע, ווי דער קריסטליכער.

אונטער דער הערשאפט פון די קריסטען זענען געשטאנען די אידען אין אייראפא. ווער וואלט עס געקאנט איבערגעבען אלע זייערע שפורען אין אלע ווינקלען פון דער ערד, וואהין עס האט זיי פעריאגט דער ביטערער גורל, אדער זיי זענען אליין אוועקגעגאנגען, נאכדעם ווי זיי האבען בייסלעכווייז איבערגענומען דעם חשק צו וואנדערען? א דאמאלסדיגער בערימטער בעאבאכטער שרייבט וועגען די אידען: „דורך דער גאנצער וועלט צושפרייט און צוטיילט, זענען די אידען אונטערגעווארפען אונטער'ן רוימישען יאך און פונדעסטוועגען לעבען זיי נאך מיט זייערע אייגענע געזעצען". דאס רוימישע יאך האבען זיי און אט דער צייט דוקא נישט געטראגען, ווייל רוים אליין איז געווען אונטעריאכט און פערקנעכטעט ביי בארבארישע, ווילדע פעלקערשאפטען, וועלכע האבען זיי אבגעצאהלט מיט פראצענט פאר אלע פערברעכענס, וואס זיי זענען בעגאנגען געגען פעלקער און לענדער אין א משך פון צוועלף הונדערט יאהר. די וועסט־און אסט־גאטהען, די געפידען, די הערולער און די לאנגאבארדען, האבען ארונטערגעריסען די קרוין פון דעם קאפ פון דער רוימישער בוהלערין און צוטרעטען איהר אין שטויב. רוים איז געווען פיעל אונגליקליכער, ווי ירושלים, דען זי האט אפילו נישט איבערגעלאזען קיין קינדער, וואס זאלען איהר טרויעריגען גורל בעקלאגען און דיכטעריש דערהויבען איהם. די רוימער זענען דורך א פוילען לעבען, דורך שפיעל און אויסגעלאסענהייט—בעטלער געווארען. און רוים איז נאר איבערגעבליבען נאך די תאוה צו הערשען, אבער אויך דאס האט איבערגענומען בירושה די אמאליגע פיינדין פון רוים—די קירכע.

די אידען אין אייראפא האבען א לאנגע צייט נישט געהאט קיין געשיכטע; זי הויבט זיך אן ערשט דאן, ווען עס האבען זיך צוזאמענגעטראפען גינסטיגע אומשטענדען פאר די אידען, און זיי האבען געקאנט ענטוויקלען זייערע פעהיגקייטען און דאדורך אויפטהון גאנץ בעדייטענדע מעשים. א געוויסען אינטערעס האט נאך דער אופן, ווי אזוי די אידען

האבען זיך בעזעצט אין די איראפעאישע מלוכות, און זיי זיינען געלעבט מיט די דארטיגע בעוואוינער פריינדליך, ביז עס איז אריינגעדרונגען אהין די קריסטליכע קירכע מיט איהרע נצחונות און האט אבגעשניטען ביי די אידען יעדען חשק צו לעבען און הנאה האבען פון עולם הזה.

אין איטאליען האבען די אידען נאך געוואהנט דאמאלס, ווען רוים איז געוועזען א רעפובליק, און האבען אזוי לאנג געהאט פאלקאמע גלייכבערעכטיגונג, ביז די קריסטליכע קיסרים האבען דאס ביי זיי צוגענומען. די איטאליענישע אידען האבען געמעגט מיט פולער צופריעדענהייט זעהען ווי די וועלט-הערשענדע ראמא, (רוים) איז געווארען א רויב פאר די בארבארען און צו שפאט פאר דער וועלט, אזוי אז מען האט געקאנט אויף איהר אנווענדען בוכשטעבליך די ווערטער פון „איכה“:

„די הערין פון די פעלקער,
„די פירשטין פון די לענדער
„א קנעכט איז זי געווארען!“

אין די נייע מלוכות, וועלכע זענען אויסגעבויט געווארען אויף רוים'ס חורבות און פון איהרע גליעדער, זענען איבעראל געווען שוין אידען. אין ראווענא און ווערונא, וועלכע זענען איינע נאך דער אנדערער געווען רעזידענץ-שטעדט, זענען אידען שוין געווען וועניגסטענס אין זעקסטען יאהרהונדערט. אין אונטער-איטאליען זענען אידען געווען אין אן אנגעזעהענער צאהל אין דער שעהנער שטאדט נעאפאל, און אין איהר בליהענדער אומגעגענד ביי ווענוסיא, וואו עס איז געבוירען געווארען דער רוימישער דיכטער האראץ, זענען נאך איצט אויך פערהאנען מצבות אויף קברים מיט גריכישע, לאטיינישע און העברעאישע אויפשריפטען, וועלכע דערווייזען, אז אין דער עפאכע פון די רוימישע קיסרים איז דארט געווען אן אנגעזעהענע אידישע קהלה. אויך אויף דער אינזעל סיציליען, אין די שטעדט: פאלערמא, מעסינא און אגריגענט, זענען געווען אידישע קהלות נאך פון גאנץ אלטע צייטען.

א בעזונדערע שטעלע האבען די אידען פערנומען אין איטאליען, ווען זי איז געווארען אסטגאטהיש אונטער דעם קעניג טהעאדאריך. פיינדשאפטען געגען די אידען פלעגען דאמאלס פארקומען נישט זעלטען, זיי זענען אבער אין גרונד געווען נישט געגען די אידען, נאר געגען דעם פערהאסטען קעניג, וועלכער איז געווען אן ארויאנער, דאס הייסט: ער האט געהערט צו דער קריסטליכער סעקטע, וועלכע לערנט, אז דער זוהן פון גאט איז נישט גלייך צום פאטער, נאר עהנליך צו איהם. פאר די אידען איז טהעאדאריך אין קיין פאל נישט געווען פריינדליך, ער האט געוואלט זיי צופיהרען צום קריסטענטום. ביי דער געלעגענהייט האט ער דורך זיין סעקרעטאר קאסיאדאר געשריבען צו דער אידישער קהלה אין מיילאנד פאלגענדעס: „וואס זוכסטו, אה, איד, מנוחה אויף דער וועלט, ווען דו קאנסט נישט האבען צוליעב דיין עקשנות קיין מנוחה אין עולם הבא“. נאר א קורצע צייט

אין ערשט פאראיבער, זינט דער אסטגאטהע טהעאדאריך, האט אנגענומען דאס קריסטענטום, אבער צו גיך האט ער אויסגעלערנט די שפראך פון די גלחים און זייערע הנהגות. ווען די אידען אין גענוא האבען זיך ביי איהם משתדל געווען, אז ער זאל זיי ערלויבען צו פערריכטען די אלטע שוהלען, האט ער זיי געענטפערט: „צו וואס פערלאנגט איהר אויסצובעסערען בנינים, פון וועלכע איהר דארפט בעסער ענטלויפען? מיר גיבען אייך די פערלאנגטע ערלויבניש, אבער אונז געפעלט נישט אייער פערלאנג, ווייל איהר לעבט אין טעות. מיר קאנען אבער נישט קיינעם בעפעהלען, צו גלויבען אנדערש, ווי זיין יושר זאגט איהם". ער האט נישט ערלויבט די אידען צו בויען נייע שוהלען, אדער בעפוצען די אלטע, נאר אויסצובעסערען די שוהלען, וואו זיי האבען געהאלטען ביי'ם איינפאלען.

דער אסטגאטהישער הערשער איז אבער געווען גאנץ גערעכט געגען די אידען, ווען מען האט זיי געטהון שלעכטס אהן זייער שולד. דער האס פון די קאטאליקען געגען די אריאנער אויפ'ן טראהן, האט געבראכט דערצו, אז זיי פלעגען איהם ברענגען שאדען וואו זיי האבען נאר געקאנט. ווען אין רוים האבען איניגע שקלאווען געמאכט א בונט געגען זייערע אידישע הערען, האט זיך פערזאמעלט דער המון און פערברענט די אידישע שוהל און געמאכט א פאגראם אויף אידען, כדי צו טהון להכעיס דעם קעניג טהעאדאריך. ווען דער קעניג האט זיך דערפון דערוואוסט, האט ער געמאכט א ביטערען פארוואורף דעם רוימישען סענאט, וועלכער איז שוין איצט געווען בלויז א שאטען פון דעם, וואס עס איז געווען א מאל. דערביי האט דער קעניג בעפוהלען, אז די פאגראמשציקעס זאלען אומקעהרען די אידען אלע שאדענס, וואס זיי האבען זיי געמאכט. ווייל אבער מען האט נישט געקאנט ענטדעקען, ווער עס האט אנטייל גענומען אין פאגראם, האט דער קעניג בעפוילען, אז די רוימישע געמיינדע זאל די אידען דעם שאדען אבגעבען.

צום כבוד פון די איטאליענישע אידען פון יענער צייט, מוז מען בעמערקען, אז נישט אכטענדיג אויף דער שרעקליכער דאמאלדיגער אלגעמיינער פערווילדונג און דער גרויסער אויסגעלאסענהייט, האט די פאליטישע און קירכליכע ליטעראטור נישט געפונען קיין שום פערברעכען ביי אידען, און זידעלט זיי בלויז דערמיט, וואס זיי זענען פערבלענדעט און זייער עקשנות געגען דעם קריסטענטום. דאס אידענטום האט זיי, משמעות, בעשיצט פון אלע מדות רעות און נישט דערלאזען זיי צו קיין פערברעכען. דעם קעניג'ס סעקרעטאר און ראטגעבער (יועץ) קאסיאדאר, וועלכער האט זיך אבגעזאגט פון עולם הזה און איז געווארען א מאנאך, פלעגט אויך ארויסטרעטען אלס גלחיש'ער רעדנער, נעהמענדיג פאר א טעמע די פסוקים פון תהלים. צו די אידען פלעגט ער אין זיינע רעדעס זיך אפט ווענדען מיט מוסר, אהער שטראף-רייד, פארוואס זיי גלויבען נישט אין קריסטענטום. ער פלעגט די אידען גאנץ אפט זידלען, אבער קיין פערברעכענס האט ער ביי

זיי נישט געקאנט אגוויזען. דער דאזיגער כמעט איינציג פילאסאפיש-דענקענדער גלח פון זעקסטען יאהרהונדערט האט די אידען אנגערופען מיט אזעלכע זידעל-נעמען, אז מען האט פון זיי געקאנט מאכען א גאנצען ווערטערבוך: „סקארפיאנען", „לייבען", „ווילדע חמורים". „הינט", „איינהערנער" און אנדערע, זענען די שטענדיגע זידעל-נעמען, מיט וועלכע ער פלעגט באצייכענען די אידען.

נישט אכטענדיג אויף דער דאזיגער אנטיפאטיע פון די טאן-געבער, האבען פונדעסטוועגען די אידען אין איטאליען נאך געהאט פיעל בעסער, ווי אין דער ביזאנטינישער מלוכה. נאך טהעאדאריכען האט געקעניגט זיין געבילדעטע און שעהנע טאכטער אמאלאזונטהא (Amalasunta און שפעטער, איהר מאן און מערדער טהעאדאט, א פילאסאפישער שוואכער מאן, וועלכער איז אויך ווי זיין פרוי געגאנגען אין טהעאדאריכ'ס דרכים. די אידען זענען איהם געווען געטריי ערגעבען, און נעאפאל האבען זיי זיך אפילו מוסר נפש געווען פון זיינעטוועגען, אבי נישט אריינצופאלען צוריק אונטער דער ביימש פון יוסטיניאן. בעליזאר, דער מנצח איבער דער וואנדאלישער מלוכה, דער געקרוינטער העלד, וועלכער האט אבער געציטערט פאר יוסטיניאנ'ס כעס און איז געווארען א בלינד ווערקצייג פון זיין טיראניע, האט איינגענומען גאנץ איטאליען און געקומען נעהנטער צו דער שעהנער שטאדט נעאפאל. אויף זיין פאדערונג זיך אונטערצוגעבען, האבען די איינוואהנער זיך צוטיילט אין צוויי פארטייען. אפילו די קריעגס-פארטיי האט אויך נישט געוואלט מוסר נפש זיין זיך פאר די אסטגאטהען, וועלכע זענען בכלל געווען פערהאסט אין איטאליען. נאר די אידען און צוויי אדוואקאטען פאסטאר און אסקלעפיאדארוס, וועלכע די אסטגאטהישע מלכים האבען זעהר דערהויבען, האבען זיך געשטעלט געגען דעם, אז מען זאל די שטאדט אבגעבען דעם ביזאנטינישען מנצח. די אידען רייך און פאטריאטיש האבען ערקלערט, אז זיי וועלען אליין קעמפפען און זייער גאנצען פערמעגען אבגעבען, אבי נאר די שטאדט צו פערטיידיגען. די איינוואהנער, וועלכע האבען מורא געהאט, אז עס וועט אויסקומען צו ליידען הונגער וועהרענד דער בעלאגערונג, האבען זיי צוגעזאגט צו פערזארגען מיט אלעם נויטיגען. די אידען האבען גאנץ אליין פערטיידיגט די שטאדט מצד דעם ים און האבען געקעמפפט מיט אזא העלדישקייט, אז דער פיינד האט זיך נישט דערוואויגען דארט אנצופאלען. ווען די פיינד זענען אין איין נאכט דורך אבנארען די שומרים אריינגעקומען אין שטאדט און איינגענומען איהר, האבען די אידען געפיהרט דעם קאמפף ווייטער מיט גוואלדיגער גבורה און מוט. ערשט מיט'ן טאג, ווען די פיינד האבען דורך זייער גרויסער צאהל אויסגעהרג'עט פיעל פון זיי, האבען זיי זייער ארט פערלאזען. די איבערגעבליבענע אידישע קעמפפער האבען עס אבער געהאט נישט בעסער, ווי זייער פערבינדעטער פאסטאר און אסקלעפיאדארוס, וועלכע דאס פאלק האט צעריסען אויף שטיקער. דאס, פארוואס עס האבען געציטערט

די איטאליענישע אידען, האט זיך אויסגעלאזען: זיי זענען ארונטערגעפאלען אונטער דער מאכט פון יוסטיניאן. די וועלט-הערשערין איטאליען איז געווארען א פראווינץ פון דער ביזאנטינישער מלוכה, און די אידען פון איטאליען האבען זיך געפינען אונטער דער שווערער האנד פון'ם עקזארך פון ראווענא.

נישט לאנג האט אבער געדויערט דער דאזיגער צושטאנד. נאך יוסטיניאנ'ען האט מען געמוזט אבגעבען צוריק א גרויסען טייל פון איטאליען צו די שטארקע, ווילדע לאנגאבארדען (589), וועלכע זענען געווען האלב געצענדינער, האלב אריאנער, און האבען זיך ווייניג וואס געקימערט וועגען די אידען. ווייניגסטענס געפינט מען נישט קיין אויסנאהמס-געזעצען פאר די אידען אין די לאנגאבארדישע געזעצען. אבער אויך, ווען די לאנגאבארדען זענען צום קאטוילישען גלויבען איבערגעגאנגען, האבען די אידען עס נאך נישט גאנץ שלעכט געהאט, ווייל דאס רוימישע פויפסטהום איז נאך דאמאלס געווען פריי פון אינטאלעראנץ. דער פויפסט גריגאר דער ערשטער (590—604), וועלכען די קירכע האט גערופען „דער הייליגער און „דער גרויסער", דען ער האט געלעגט דעם גרונדשטיין פון דער קאטוילישער קירכע און הערשאפט אין רוים, האט ארויסגעזאגט פאלגענדען פרינציפ: „די אידען ברויכט מען איבערצורעדען און טהון מיט זיי חסדים, כדי זיי זאלען איבערגעהן צום קריסטענטום, אבער מען דארף דערביי נישט אנווענדען קיין געוואלד".

אויב אבער איהם איז געווען צווידער דאס צווינגען די אידען צום שמד, פלעגט ער אנווענדען אנדערע מיטלען, כדי צו פערפיהרען זיי צום שמד. ער האט זיך אפילו נישט געשעמט אונטערצוקויפען אידען דערמיט, וואס ער האט זיי צוגעזאגט צו בעפרייען פון די אבצאהלונגען, אויב זיי וועלען זיך שמד'ן. ער האט אפילו גאנץ גוט פערשטאנען, אז אזא קריסטענטום איז נישט פיעל ווערט, ער פלעגט אבער צו זאגען פאר זיינע מקורבים אזוי: „אויב מיר וועלען אין זיי נישט האבען קיין גוטע קריסטען, וועלען מיר זיי האבען אין זייערע קינדער". — וועהרענד אין דער ביזאנטינישער מלוכה און אין איטאליען איז דאס קריסטענטום ארויסגעטראטען מיט פיינדשאפט געגען דעם אידענטום און געגען די אידען, האבען די אידען אין די פראנקישע מלוכות און אין שפאניען נאך געהאט לערך נישט שלעכט, ווייל דארט האט דאס קריסטענטום זיך נאך נישט איינגעווארצעלט. דורך די אנפאלען פון די בארבארען זענען די דאזיגע מלוכות אונטערגעבראכען געווארען אין זייערע פונדאמענטען. די אלטע אינסטיטוציעס, פאליטישע ווי רעליגיעזע, זענען פערניכטעט געווארען, און דאס נייע האט זיך נאך נישט איינגעפונדעוועט. עס האט געדויערט זעהר לאנג, ביז דער קאטאליציזם האט זיך בעפעסטיגט און אנגעהויבען הערשען, און דערווייל האבען די אידען געלעבט רוהיג, ביז דער קאטאליציזם האט זיי געשטעלט זיינע פיס אויפ'ן נאקען.

די אידישע איינוואנדערונג אין די דאזיגע וויכטיגע און רייכע פראָווינצען האט זיך אנגעהויבען נאך אין דער צייט פון דער רוימישער רעפובליק, אדער אין יוליוס צעזאר'ס צייטען. די אידישע סוחרים, וועלכע דאס געשעפט האט געבראכט פון אלעקסאנדריען, אדער פון קליין-אזיען קיין איטאליען, האבען פון דארט געמאכט א רייזע אויך אין די גאלישע פראווינצען, אדער קיין שפאניען, וואו זיי האבען זיך אנגעהויבען בעזעצען. פערשטארקט האט זיך אבער דער אידישער ישוב אין יענע לענדער באלד נאכ'ן חורבן, ווען טיטוס און אספסינוס האבען אהין געלאזט אבשיקען טויזענדער טויזענדער אידישע געפאנגענע פון לאנד יהודה. אבער ווי אזוי די אידען זענען אהין נישט געקומען—צי אלס פרייע סוחרים, צי אלס געפאנגענע—דארט זענען זיי באלד געווארען פרייע בירגער מיט פאלקאמע בירגערעכט. די פראנקען און בורגונדען האבען זיך בעגאנגען מיט זיי, ווי מיט פרייע רוימער. די עלטסטע פראנקישע געזעצגעבונג בעטראכט די אידען נישט, ווי א נידעריגע מענשען-קלאס, וועלכע מוז האבען בעגרענעצטע רעכטע. אין דער פראנקישער מלוכה, וועלכע כלאדוויג האט געגרינדעט, האבען געוואוינט די אידען אין אווערן, אין קאראקאזאן, אין ארלעאן און אזש ביז פאריז און בעלגיען. זעהר גרויס איז געווען די אידישע קהלה אין דער אלט-גריכישער האפען-שטאדט מארסייל, וועלכע מען האט גערופען „די העברייאישע שטאדט" און אין ארל, וואו זיי האבען ביז'ן זעקסטען יאהרהונדערט גערעדט גריכיש. אין בעציער און אין די נארבאנישע פראווינצען איז געווען אזוי פיעל אידישע גרויסע קהלות, אז איין בארג נעבען נארבאנא, האט געטראגען א אידישען נאמען (דער אידישער בארג (Mons judaicus) דער קאנט נארבאנא האט געהערט א געוויסע צייט צום וועסטגאטישען שפאניען, און דעריבער האבען די דארטיגע אידען אנטייל גענומען אין אלע געשיכטליכע פערענדערונגען, וואס זענען פארגעקומען אויף יענער זייט פון די פירענייאישע בערג.

די אידען אין דער פראנקישער און בורגונדישער מלוכה, האבען זיך בעשעפטיגט אהן בעגרענעצונגען מיט לאנד-ארבייט, מלאכה און מסחר. זיי האבען געהאט אייגענע שיפען, אויף וועלכע זיי פלעגען מאכען די רייזען איבער די טייכען און אויך אויפ'ן ים. אויך מיט דער מעדיצין פלעגען זיי זיך פיעל אבגעבען, און די אידישע רופאים פלעגט מען אפט איינלאדען אויך צו די הויכע גלחים, וועלכע פלעגען זיך נישט וועלען פערלאזען בלויז אויף די מופתים און לחשים פון די קדושים. די אידען זענען אויך געווען געניטע קעמפפער, און זיי האבען אנטייל גענומען אין דער מלחמה צווישען כלאדוויג און די פעלד-הערן פון טהעאדאריך, ווען זיי האבען בעלאגערט די שטאדט ארל. די אידען אין גאליען האבען געהאט אלטע אידישע נעמען פון תנ"ך, אבער פיעל פון זיי האבען זיך אויך אנגערופען מיט די ארטיגע נעמען, ווי למשל: ארמענטאריוס, גאזאלאס, פריס-

קום, סידעריום. מיט דער ארטיגער בעפעלקערונג האבען זיי געלעבט זעהר פריינדליך, און שידוכים מיט זיי זענען אויך נישט געווען קיין זעלטענע זאך. אפילו קריסטליכע גלחים פלעגען אפט איינגעלאדען ווערען אויף א אידישע סעודה און פלעגען פון זייער צד איינלאדען צו זיך אויך די אידען. ווען עס איז געשטארבען דער בעליעבטער בישאף הילאריוס פון ארל, וועלכער פלעגט ארויסטרעטען זעלבסטשטענדיג געגען דעם רוימישען בישאף, האבען די אידען געטרויערט צוגלייך מיט די קריסטען ביי זיין קבר, וואו מען האט געקאנט הערען העברעאישע תפלות צוזאמען מיט לאטיינישע. אנדערע בישאפען איז אפילו דער ענין קשה'דיג געווען, וואס די אידען האלטען זיך אב פון עסען, ווען זיי קומען אלס איינגעלאדענע, אויף א קריסטליכע סעודה, דען די רעליגיע פערבאט זיי צו עסען טרפות. דאריבער האט מען אויפ'ן קאנסיליום אין וואן (Vannes) פערבאטען (אין יאהר 465) די גלחים אנצונעהמען די איינלאדונג צו א אידישער סעודה, ווייל „וועהרענד די קריסטען עסען ביי די אידען, ווילען די אידען ביי די קריסטען נישט עסען, און עס קומט פאר, ווי די קריסטען וואלטען געשטאנען נידעריגער פאר די אידען“.

דער דאזיגער בעשלוס פון קאנסיליום האט אבער קיין ווירקונג נישט געהאט, ווייל די פריינדשאפט צווישען די אידען און דער ארטיגער בעפעלקערונג איז שוין טיעף איינגעווארצעלט געווען אין דער געוואוהנהייט, און האט זיך געשטיצט אויף די געגענזייטיגע אינטערעסען. אפילו אויך דאן, ווען כלאדוויג איז איבערגאנגען צום קאטוילישען גלויבען און דער קאטאליציזם האט בעקומען א הערשענדע שטעלע אין דער מלוכה, איז די געגענזייטיגע בעציהונג צווישען אידען און קריסטען נאך לאנג געבליבען א פריינדליכע, ווייל כלאדוויג איז ביי זיין גאנצער מערדערישקייט נישט געווען קיין פאנאטיקער. ווען ער איז פון דער געצענדינעריי איבערגעגאנגען צום קריסטענטום, איז די גלחישע וועלט איהם געווען דאנקבאר דערפאר און, ממילא, האט זי פון איהם נישט פערלאנגט קיין בעזונדערען איינפלוס אדער אנ'איבערמאכט אין דער מלוכה. פאר זיין טויט האט ער זיינע יורשים איבערגעגעבען א פעסטע מלוכה בירושה, און זיי האבען נישט נאך ברויכט ערשט אויסגעקליבען צו ווערען, ווי די וועסטגאטישע מלכים; זיי זענען דעריבער נישט געווען פון שמיצען אפהענגיג און האבען זיך נישט גענויטיגט, אז די קירכע זאל זיי ערשט אנערקענען פאר געזעצליכע מלכים, נאכדעם ווי זיי וועלען זיי פון זייער זייט געבען הבטחות צו ערפילען אלע פאדערונגען פון די גלחים. די געצענדינערישע מנהגים זענען דערפאר נאך איבערגעבליבען א גאנץ לאנגע צייט, און אויך די אידען האבען זיך געקאנט גאנץ רוהיג לעבען, נישט ווערענדיג גע'רודפ'ט דורך שמיצען.

נאטירליך, האבען זיך די פאנאטישע גלחים בעמיהט אויף אלע אופנים צו פיהרען די אידען צום שמד, און האבען וועגען דעם אנגענומען אויך זעהר הארטע בעשלוסען אויף זייערע קאנסיליען. אבער די רדיפות האבען

פֿרשט געטראגען קיין אלגעמיינעם כאראקטער, אפילו אויך אינ'ם פאל, ווען דער אדער יענער מעראווינגישער מלך האט אליין בעשטעטיגט די בעשלוסען פון די גלחים, אדער ער פלעגט זיי שטיצען מיט זיין וועלטליכער מאכט. נאר בורגונדיען איז שטענדיג געוועזען אידען-פיינדליכער פאר דאס אייגענטליכע פראנקרייך, זינט דער בורגונדישער קעניג סיגיזמונד האט אנגענומען דעם קאטוילישען גלויבען (516) און געהאלטען פאר זיין הייליגען חוב צו רודפ'ן די אריאנער און די אידען. דער האזיגער מלך האט דער ערשטער אויפגעשטעלט אנ'אייזערנע וואנד צווישען די אידען און די קריסטען, און די רדיפות געגען די אידען האט ער געמאכט פאר א מלוכה-געזעץ. ער האט בעשטעטיגט דעם בעשלוס, וואס איז אנגענומען געווארען אויפ'ן קאנסיליום פון עפאן (Epaone) אונטער פרעזידיום פונ'ם אידען-פיינד, בישאף אוויטוס, לויט וועלכען נישט בלויז גלחים, נאר אויך קריסטליכע בעלי-בתים טארען נישט אננעהמען די איינלאדונג פון א אידען, צו א אידישער סעודה (517).

ביזלעכווייז האט די פיינדשאפט געגען אידען זיך פערשפרייט פון בורגונדיען אויך אין די איבריגע פראנקישע לענדער. דאס דריטע און פיערטע קאנסיליען 1) אין ארלעאן (538 און 545) האבען שוין אנגענומען שטרענגע בעשלוסען געגען די אידען. זיי האבען נישט בלויז פערבאטען די קריסטען צו קומען אויף אידישע מאהלצייטען, און די אידען—אויפצונעהמען גרים; די אידען האבען זיך אויך נישט געטארט בעווייזען אויף די גאסען אין די טעג פון דער קריסטליכער פאסחא, „ווייל זייער ערשיינען איז א בעליידיגונג פאר'ן קריסטענטום". כילדעבערט דער ערשטער פון פאריז, האט שוין אריינגענומען דעם לעצטען פונקט אין זיין קאנסטיטוציע (554), און דאדורך האט ער די שנאה צו אידען דערהויבען צו דער מדרגה פון א מלוכה-געזעץ. זיין פיינדשאפט צו אידען איז אפילו נאך געווען קיין געזעץ פאר זיינע מיטרעגענטען; א דאנק דער צוטיילטקייט פון דער פראנקישער מלוכה, האט אזא געזעץ זיך נישט פערשפרייט אין אלע פראווינצען און איז געבליבען פערפליכטענד נאר אין איין געגענד. אפילו גאנץ הויכע גלחים האבען נאך געלעבט פריינדליך מיט די אידען, נישט זעהענדיג דערין קיין סכנה פאר דער קירכע. אבער דער פאנאטיזם ווירקט אנשטעקענד, און אויב ער ווערט פערשלעפט אין א לאנד, הויבט ער אן איינצונעהמען די געמיטער און איז מנצח אפילו אויך די בעסטע און רוהיגסטע פון זיי. אין דער פראנקישער מלוכה האט פערשפרייט די שנאה צו אידען דער שוין דערמאנטער בישאף אוויטוס, וועלכע האט געהאט זיין רעזידענץ אין קלערמאן (Clermont) פאר די פראנקישע אידען איז ער געוועזען דאס, וואס קיריל פאר די אידען אין אלעקסאנדריען. די אידישע בעפעלקע-

1) קאנסיליום הייסט געווענליך א צוזאמענפאהר פון גלחים, וואו מען פלעגט אננעהמען בעשלוסען וועגען דער רעליגיע און קירכע.

רונג איז איהם געווען ווי א דארען אין אויג. פעל מאל האט ער געפאדערט פון די אידען, אז זיי זאלען זיך שמד'ן, און ווען ער האט דערזעהען, אז די אידען ווילען איהם נישט הערען, האט ער אנגערייצט די קריסטען אנ־צופאלען אויף די אידישע שוהלען און חרוב מאכען זיי. דאס איז אבער דעם פאנאטיקער וועניג געווען; ער האט אידען אין קלערמאן ערקלערט, אז אויב זיי ווילען זיך נישט שמד'ן, זאלען זיי די שטאדט פערלאזען. אבער נאר איין איינציגער איד האט זיך געשמד'ט, און דערפאר איז ער געווארען אנ'אבשוי פאר דער גאנצע אידישער קהלה. ווען ער איז אום שבועות גע־גאנגען אנגעטהון אין ווייסע קליידער אין די גאסען, האט איהם איין איד אבגעגאסען מיט פערשטונקענעם בוימאייל. די קריסטען האבען דערין דערזעהען א פראוואקאציע און זיי האבען געמאכט אנ'אנפאל אויף די אי־דען. ווייל די אידען האבען זיך באלד פערשלאסען אין זייערע הייזער, האט מען פיעל פון זיי דארט אויסגעהרג'עט. דער אנבליק פונ'ם פערגאסענעם בלוט האט שרעקליך געווירקט אויף פיעל שוואכע אידען, און פינף הונ־דערט אידען זענען געקומען צום בישאף און געבעטען איהם, אז מען זאל די שחיטה אבשטעלען, דען זיי ווילען זיך שמד'ן. די געטריי געבליבענע אידען זענען אנטלאפען קיין מארסייל (576). די קריסטליכע בעפעלקערונג האט געפייערט מיט גרויס פאראד דעם שמד פון די פינף הונדערט אידען, האלטענדיג דאס פאר א גרויסען נצחון פון דער אמונה, כאטש אין דער ווירקליכקייט איז עס געווען א נצחון פונ'ם שווערד און נישט פון גלויבען. ווען די ידיעה וועגען דער דאזיגער געשעהעניש האט זיך פערשפרייט אין אנדערע פראנקישע שטעדט, האבען דארט די קריסטליכע פאנאטיקער גע־האט א גרויסע שמחה, און דער בישאף גרעגאר פון טור האט געהיי־סען דעם פאנאטישען דיכטער ווענאנציוס (Venantius) אז ער זאל דעם נצחון בעזינגען אין א ליעד.

די ווירקונג פונ'ם פאנאטיזם האט זיך אין גיכען ארויסגעוויזען אין פיעל טיילען פון פראנקרייך. דער קאנסיליום פון מאקאן (Macon) האט אנ־גענומען (581) פיעל בעשלוסען, ווי אזוי צו דערניעדריגען די אידען. מען האט זיי פערבאטען צו זיין ריכטער, ארענדארען פונ'ם מלוכה־אבצאהל, „כדי עס זאל נישט אויסזעהען, אז די קריסטליכע בעפעלקערונג איז זיי אונטער־געגעבען". אויף די אידען ווידער האט מען געלעגט א חוב טיעף צו פער־עהרען די גלחים און אין זייער געגענווארט נישט צו זעצען זיך אהן א ספעציעלער ערלויבניש דערויף. די, וועלכע עס וועלען עובר זיין אויפ'ן בע־פעהל, האבען געדארפט שטרענג בעשטראפט ווערען. דעם בעפעהל, אז די אידען זאלען זיך נישט ווייזען אויף די גאסען אום פסחא, האט דאס קאנ־סיליום אנגענומען נאך א מאל. אפילו דער קעניג כילפעריך, וועלכער איז בכלל געווען נישט קיין שטארקער פריינד פון די קאטוילישע גלחים, האט אנגענומען די נייע בעציהונג צו אידען. ער האט אויך אנגעהויבען אין זיין מלוכה צו צווינגען די אידען צום שמד, און ער פלעגט אליין ארויסהיי־

בײַ די אידען פון וואסער, בשעת דער טבילה. ער האט זיך אבער צופרידענגעשטעלט אויך מיט'ן שמד לפנים, און ווען די גע'שמד'טע אידען פלעגען ווײַטער אויך אבהיטען שבת און אלע אנדערע אידישע מצוות האט איהם די זאך ווענינ וואס געקימערט.

די לעצטע מעראווינגישע מלכים זענען אלין מעהר ארונטערגעפאלען אונטער'ן אײַנפלוס פון די גלחים און, ממילא, געווארען אידען־פײַנדליך. כלאטאר דער צווייטער, וועלכער האט אליין דער'הרג'עט זײַן מוטער און איז פונדעסטוועגען בעטראכט געווען אלס א מוסטער פון א פרומען מענשען אין דער קירכע, און איז אויך אנערקענט געווארען אלס אײנציגער מלך פון דער פראנקישער מלוכה (613), האט בעשטעטיגט אלע בעשלוסען פון די גלחים אויפ'ן פאריזער קאנסיליום (615), לויט וועלכע די אידען האבען נישט געטארט מעהר צוגעלאזען ווערען נישט צו א מלוכה'שע שטעלע נישט אין מיליטער־דיענסט. זײַן זוהן דאגאבערט ווערט אין דער אידישער געשיכטע גערעכענט צו די העכסט אינדערפײַנדליכע מלכים. אין דער רעגירונג פונ'ם פאנאטישען וועסטגאטהישען קעניג זיזיבוט, זענען פיעל טויזענדער אידען ענטלאפען פון זײַן לאנד קיין שפאניען. דאגאבערט האט זיך מקנא געווען אין זײַער פאנאטיזם, און האט זיך אויך גענומען רודפ'ן די אידען. ער האט ארויסגעלאזט א בעפעהל, אז אלע אידען אין פראנקרײַך זאלען זיך אדער אויס'שמד'ען, אדער אויסגע'הרג'עט ווערען אלס פײַנד (629).

וואס מעהר עס איז געפאלען די מאכט פון די מעראווינגישע מלכים, און עס איז געשטיגען די מאכט פון פיפינ'ס יורשים, אלץ מעהר האבען זיך די אידען געקאנט בערוהיגען. די מלכים, וואס זענען געווען פאר קארל דעם גרויסען, האבען, ווי עס שײַנט, אײַנגעזעהען, אז די אידען ברענגען נוצען דער מלוכה דורך זײַער רוהיגער און פרידליכער טעטיגקײַט, ווי אויך דורך זײַער ריהרעוודיגקײַט און קלארען פערשטאנד.

די אידען אין דײַטשלאנד האבען, בלי ספק, בײַ טראכט ווערען אלס אײַנגעוואנדערטע פון די פראנקישע פראווינצען. לויט אן'אלטער כראניק, זאלען די עלטסטע אידען פון דער רהײַן־געגענד האבען געשטאמט פון יענע רוימישע לעגיאנען, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין פערברענען דעם בית־המקדש. די לעגיאנערען האבען זיך אויסגעקליבען פיעל שענע אידישע פרויען צווישען די געפאנגענע און געבראכט מיט זיך אין די געגענדען פון רהײַן און פון מאָזעל, דארט האבען זיי מיט די פרויען קינדער געהאט, וועגען וועלכע זיי האבען זיך ווענינ וואס געקימערט. די אידישע פרויען זאלען זײַערע קינדער האבען ערצויגען אין אידענטום און אזוי ארום זענען די ערשטע גרינדער פון די אידישע קהלות אין ווירמײַזא (Vorms) און אין מאַינץ, געווען א געמיש פון אידיש און דײַטשעם בלוט. זיכער איז עס אז אין דער רוימישער קאלאניע פון דער שטאדט קעלן, איז געווען א אי־

דישע קהלה נאָך פיעל פריהער, איידער דאס קריסטענטום האָט דאָרט בעקומען א גרויסע מאַכט דורך דעם קייזער קאָנסטאַנטין; די פאָרשטעהער פון דער קהלה און די אָנגעזעהענסטע מיטגליעדער האָבען געהאַט נאָך אַנאַלטע פריווילעגיע פון די קיסרים פריי צו זיין פון די בעשווערליכע אַרבייטען פאַר די שטעדט. דער ערשטער קריסטליכער קייזער האָט זיי דערין בעגרענעצט און בעפרייט דערפון נאָר אַ פּאָר משפחות. די קעלנישע אידען האָבען אויך געהאַט אַ פריווילעגיע צו האָבען איינענע געריכטען, וועלכע זענען אין דער ווירקליכקייט ביי זיי געווען ביז׳ן מיטעלאַלטער. א נישט-אידישער אַנקלאַגער געגען אַ אידען, אפילו אויך אַ גלח, האָט געמוזט אָנגעבען זיין אַנקלאַגע צום אידישען ריכטער.

איבער די דאַמאָלסדיגע געשיכטע פון די אידען אין ביזאַנץ, איטאַליען און פראַנקרייך, האָט נאָר אַ קליינינקע אינטערעס, דערהויבט זיך די אידישע געשיכטע אויף דער פּירענעאישער האַלב-אינזעל צו זעהר אַ הויכער בעדייטונג. די אידישע איינוואָהנער פון דער דאָזיגער גליקליכער האַלב-אינזעל, האָבען זייער געבורטס-לאַנד געליעבט, ווי מען קאָן נאָר ליעב האָבען אַ פאָטערלאַנד, און האָבען אַנטייל גענומען אין איהר ענטוויקלונג און גרויסקייט אין דער וועלט-געשיכטע. פאַר דער ענטוויקלונג פון אידענטום האָט דאָס אידישע שפּאַניען אויך אַזוי פיעל מיטגעווירקט, ווי דאָס לאַנד יהודה אין בבל; פּונקט ווי אין די לעצטע לענדער, אַזוי איז אויך אין שפּאַניען כמעט יעדער פּוסטריט פון אידישען פאָלק דאָרט פערבונדען מיט גרויסע זכרונות. קאָרדאָבאַ, גראַנאַדע און טאָלעדאָ, זענען פאַר די אידען געוואָרען כמעט אַזוי היימיש, ווי ירושלים און טבריה; און כמעט נאָכמעהר, ווי נהרדעא און סורא. נאָכדעם ווי דאָס אידענטום איז אין די מזרח-לענדער אַלט-שוואַך געוואָרען, האָט עס אין שפּאַניען צוריק דערגרייכט אַ פרישקייט פון דער יוגענד און האָט אָנגעהויבען צו ווירקען פרוכטבאַר פאַר אַ גאַנץ ווייטען אידישען קרייז. שפּאַניען האָט געדאַרפט ווערען אַ נייער מיטעל-פּונקט פאַר די ווייט צוּוואָרפענע אידען; אין שפּאַניען האָבען זיי זיך געקאָנט גייסטיג צוריק פערזאַמלען.

די ערשטע בעזעצונג פון די אידען אין שפּאַניען, פערליערט זיך אין גאַנץ ווייטען אַלטערטום. זיכער איז עס, אַז די אידען זענען אהין געקומען אַלס פרייע מענשען, כדי אויסצונוצען די עשירות פון לאַנד, נאָך אין דער צייט, ווען רוים איז געווען אַ רעפּובליק. פון די אונגליקליכע גע׳רודפ׳טע אידען אין ארץ-ישראל, אין די צייטען פון אַספּאַזיאַנוס, טיטוס און אַדריאַנוס, זענען אויך פיעל געקומען קיין שפּאַניען. ווי עס ווערט דערצעהלט בוזמאוּת׳דיג, זאָל מען האָבען געבראַכט קיין שפּאַניען אַכציג טויזענד געפאַנגען גענומענע אידען. לאַנג זענען זיי דאָרט נישט געבליבען ווי שקלאַווען. די דאָרטיגע אידען האָבען זיי בלי-ספק אויסגעקויפט פון זייער קנעכטשאַפט, ווען די מצוה פון פדיון שבוים ווערט אין תלמוד גערעכענט צו איינער פון די גרעסטע מצוות, וועלכע עס ליגט אַ חוב אויף יעדען אידען.

צו ערפֿילען. ווי גרויס עס זענען געווען די אידישע קהלות און פֿערשידענע שטעדט אין שפאַניען, קאָן מען זעהן דערפֿון, וואָס פֿיעל פֿון זיי האָבען געטראָגען אידישע בּיינעמען: די גרויסע שטאָדט גראַנאַדאַ האָט פֿריהר געהייסען די „אידענשטאָדט“, ווייל אַלע איהרע איינוואָהנער זענען געווען אידען; אויך די אַלטע שטאָדט טאַראַקאָנאַ, וועלכע די פֿעניקיער האָבען אויסגעבּויט, איז געווען איינגאַנצען דורך אידען בּעזעצט. נאָך איידער די אַראַבּער זענען אהין אריינגעקומען, און דריבּער האָט מען איהר גערופֿען „די אידישע שטאָדט“. אין קאָרדאָבאַ, איז אין אוראַלטע צייטען געווען אַ אידישער שטאָדט-טהויער, און בּיי סאַראַגאָסאַ איז געווען אַ פֿעסטונג, וועלכעס האָט אין דער אַראַבּישער עפּאָכע געהייסען „די אידישע“, (Ruta al Jahud) די אידישע איינוואַנדערונג אין אַלט-שפאַניען בּיז'ן ווייטען צפֿון, בּעווייזט אַ געפֿונענע מצבה מיט אויפֿשריפֿטען אין דריי שפּראַכען: העבּרייאיש, גריכיש און לאַטייניש. די מצבה איז געשטאַנען אויף אַ קבר פֿון אַ אידישער פֿרוי, וועלכע האָט געהייסען אין דער לאַנד-שפּראַך בּעליאַזאַ און אין העבּרעאיש מרים. פֿון דער דאָזיגער מצבה זעהען מיר אַרויס, אַז פֿיעל שפּאַנישע אידען האָבען געשטאַמט פֿון יענע לענדער, וואו די אידען האָבען גערעדט גריכיש, און אונטער דער רוימישער הערשאַפֿט האָבען זיי אויסגעלערנט לאַטייניש, דערבּיי האָבען זיי אָבער נישט פֿערלאָזען זייערע אייגענע אַלטע העבּרייאישע שפּראַך.

דער שטאַלץ פֿון די שפּאַנישע אידען מיט זייער יחוס, האָט זיך נישט פּעגנגעגענט דערמיט, וואָס די אידישע קאָלאָניע האָט דאָרט געהאַט בּירגער-רעכט, נאָך איידער די וועסטגאָטהען און אַנדערע פֿעלקער-שאַפֿט זענען אהין אריינגעקומען מיט אַן אייזערנעם פֿוס; זיי האָבען נאָך געוואָלט פֿיהרען זייער אַלטקייט אין לאַנד בּיז אַ פֿריהערדיגער צייט. די שפּאַנישע אידען פֿלעגען דערצעהלען, אַז בּאַלד נאָכ'ן ערשטען חורבן, האָבען זיי שוין אויסגעוואַנדערט קיין שפּאַניען. אייניגע אַלטע אידישע משפּחות, ווי למשל, איבּן דאַויד (אבן דוד) און אבּרבּנאל, האָבען זיך בּערימט, אַז זיי שטאַמען פֿון דוד המלך'ס הויז.

חאָטש דאָס קריסטענטום איז אַזוי פֿריה אַריינגעקומען אין שפּאַניען, אַז נאָך איידער דער קייזער קאָנסטאַנטין האָט דאָס קריסטענטום אָנגענומען, האָבען בּישאָפֿען און אַנדערע נידעריגע גלחים שוין געהאַט איינגעאָרדענט קירכליכע פֿערזאַמלונגען אין עלווירע, נעבען גראַנאַדאַ, פֿונדעסטוועגען האָבען די אידען זיך נישט געהאַט צו קלאָגען, אַז מען זאָל האָבען בּעגרענעצט זייערע רעכט; בּירגערליך זענען זיי געשטאַנען אויף איין מדרגה מיט דער קריסטליכער, ווי פֿריהער מיט דער געצענדיענערישער בּעפֿעלקערונג. די ערשטע גוים, וועלכע האָבען דאָס קריסטענטום אָנגענומען, האָבען נאָך נישט געזעהען אין די אידען אַ פֿאָלק, וואָס גאָט זאָל האָבען פֿערוואָרפֿען און וואָס מען זאָל מוזען אויסמיידען צו האָבען מיט איהם אַ מגע ומשא. די ניי-געטויפֿטע לאַנד-איינוואָהנער, וועלכע האָבען געהערט,

ווי זייערע גלחים האָבען פיעל גערעדט וועגען די-אידען און דעם אידענ־טום, און נישט געהאַט קיין שום בעגריף וועגען דעם תהום צווישען דעם אידענטום און דעם קריסטענטום, פלעגען רופען בענשען זייערע פעלדער אַפט אַ אידישען געלעהרטען (אַ רב) אַנשטאַט אַ גלח. שדוכים צווישען אידען און קריסטען פלעגען דאַמאָלס אין שפאַניען פאָרקומען אויך אַזוי, ווי אין גאַליען.

די העכערע קאַטוילישע גלחים האָבען אָבער נישט געוואָלט ליידען די דאָזיגע פריינדליכע בעציהונג צווישען אידען און קריסטען אין שפאַניען, ווי אין גאַליען. זיי האָבען דערין געזעהען אַ סכנה פאַר'ן קריסטענטום, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס בעפעסטיגט דאָרט. די פערטרעטער פון דער קאַטוילישער קירכע אין שפאַניען, האָבען די ערשטע אויפגעשטעלט די אייזערנע וואַנד צווישען אידען און קריסטען. די קירכען-פערזאַמלונג אין עלווירע, וואָס אין איהר שפיץ איז געשטאַנען אָזיוס, דער קאָרדאָבאַ'דער בישאָף, דער פערטרויעטער פריינד פונ'ם קייזער קאָנסטאַנטין, האָט שטרענג פערבאָטען די קריסטען צו שטעהען אין פריינדליכער בעציהונג מיט די אידען, צו שליסען מיט זיי שידוכים, אָדער לאָזען דורך זיי בענשען די פרוכ־טען פון די פעלדער. ווער עס האָט עובר געווען אויפ'ן דאָזיגען פערבאָט, איז אַריינגעלעגט געוואָרען אין קירכליכען חרם. ווען די גערמאַנישע וויל־דע מחנות — די סועווען, באַנדאַלען און וועסטגאָטהען, האָבען בשעת דער פעלקער - וואַנדערונג צוערשט געמאַכט אַ וויסטען חורבן אינ'ם שע־נעם שפאַנישען לאַנד, און דערנאָך האָבען זיי זיך דאָרט בעזעצט, האָבען די אָרטיגע קאַטאָליקען געמוזט טראָגן דעם פרעמדען פאָליטישען יאָך און זיין אָבהענגיג אויך אין די קירכליכע ענינים פון די פרעמדע פעלקער. די וועסטגאָטהען זענען על פי סבה געווען נישט קיין קאַטוילען, נאָר אַריאַנער. אמת, די טעאָלאָגישע פראַגען פון קריסטענטום האָבען זיי אינטערעסירט גאַנץ ווייניג, אָבער די שנאה צווישען די אַריאַנער און די קאַטוילען איז גע־ווען זעהר גרויס.

די גינסטיגע לאַגע פון די אידען אין שפאַניען האָט געדויערט העכער הונדערט יאָהר אין דער צייט, ווען דאָס לאַנד איז געוואָרען אַ פראָווינץ פון דער וועסטגאָטישער מלוכה, ווי אויך שפעטער, ווען זי איז געוואָרען אונטער תעאָדעס (531) דער צענטער פון דער מלוכה. די אידען, וועלכע האָבען געוואָהנט אין דער נאַרבאָנישער פראָווינץ, ווי אויך אין יענעם טייל פון צפון-אַפריקאַ, וואָס האָט געהערט צו די וועסטגאָטען, האָבען געלעבט אין פאָלקאָמער רוהיגקייט, האָבענדיג אַלע בירגערליכע רעכטע. אייניגע אידען האָבען דאַמאָלס אויפגעטהון זעהר וויכטיגע מעשים פאַר די וועסט־גאָטישע מלכים; די אידען, וואָס האָבען געוואָהנט אונטער די פירענייען, נעמליך, האָבען פערטיידיגט די דורכגאַנגען צווישען די בערג געגען די פראַנקען און נישט דערלאָזען זיי אַריינצוקומען אין שפאַניען. די דאָרטיגע אידען האָבען גע'שמ'ט אַלס די בעסטע גרענעץ-שומרים, און פאַר זייער גרוי־

סען מוט און גבורה האבען זיי בעקומען א בעזונדערע אויסצייכנונג.

אבער פונ'ם אויגענבליק אן, ווי די קאטוילישע קירכע האט בעהערשט שפאניען, און מען האט אנגעהויבען רודפ'ן די אריאנער, האט זיך אנגע-הויבען פאר די אידען די אונגליקליכע צייט. דער קעניג רעקארעד (Re-ccared) וועלכער האט זיך אבגעזאגט פון אריאנישען קריסטענטום, האט, צוזאמען מיט'ן סינאד, דער ערשטער איינגעפיהרט בעגרענצונגען געגען די אידען. מען האט זיי פערבאטען צו שליסען שדוכים מיט קריסטען, און די קינדער, וועלכע זענען שוין געוועזען געבוירען פון אזעלכע שידוכים, האט מען מיט געוואלד אבגענומען ביי די עלטערן און אבגעשמד'ט (589); מען האט די אידען פערבאטען צו האבען קריסטליכע שקלאווען און צו פער-נעהמען מלוכה-שטעלען. אלע רייכע מענשען אין לאנד האבען געהאלטען שקלאווען, וועלכע פלעגען ביי זיי בעארבייטען די פעלדער און טהון אנ-דערע ארבייט אין שטוב, נאר די אידען האבען אזעלכע שקלאווען נישט געטארט האלטען. עס פערשטעהט זיך, אז די רייכע אידען, וועלכע האבען געהאט שקלאווען, האבען זיך בעמיהט, ווי עס איז מבטל צו מאכען רע-קארד'ס געזעץ. זיי האבען געשיקט שלוחים צום קעניג און אנגעבאטען איהם א גרויסע סומע געלד, אבער ער האט זייער געלד נישט אנגענומען און זייער בקשה נישט ערפילט. דערפאר האט איהם שטארק געלויבט דער פויפסט גרעגאר (599), וועלכער האט איהם פערגליכען מיט'ן אידישען קעניג דוד, „וואס האט נישט געוואלט טרינקען פונ'ם וואסער, וועלכע די גבורים הא-בען איהם געבראכט מיט מסירת נפש, און האט עס אויסגעגאסען פאר גאט". פונקט אזוי האט אויך רעקארד געבראכט צו גאט א קרבן, דאס געלד, וואס די אידען האבען איהם אנגעבאטען. אין דער זעלבער צייט האט רע-קארד אויך בעשטעטיגט א געזעץ פון נארבאנער גלחישען צוזאמענפאהר, וועלכער האט פערבאטען די אידען צו זינגען קאפיטלעך תהלים ביי'ם מקבר זיין די מתים—א מנהג, וואס די אידען האבען, משמעות, איבערגע-נומען ביי די קריסטען.

נאר אויב אפילו רעקארד האט שטרענג געפאדערט, אז מען זאל זיינע געזעצען אבהיטען, איז דאך די שפאנישע אידען נישט געווען שווער אויס-צומיידען די געזעצען, ווייל לויט די גרונד-געזעצען פון וועסטגאטישען שפאנ-יען, איז דער קעניג נישט געווען דער מעכטיגסטער הערשער אין לאנד; די וועסטגאטישע שרים, וועלכע האבען געהאט דאס רעכט א קעניג אויס-צוקלייבען, זענען אין זייערע גיטער געווען די אומבעגרענצטע אליינהער-שער, און נישט זיי נישט דאס פאלק האבען איינגעשטימט מיט די פאנא-טישע בעפעהלען פון דער קירכע געגען די אידען. זיי האבען איבערגעלא-זען די פרייהייט נאך ווי פריהער צו האלטען שקלאווען און פלעגען זיי אויך געבען עפענטליכע שטעלעס. אין א משך פון א יאהר צוואנציג האט מען אויף רעקארד'ס געזעצען כמעט גאר פערגעסען. די מלכים, וואס האבען געקעניגט נאך איהם, האבען זיך ווייניג וואס געקימערט וועגען אט די

געזעצען און זענען בכלל געהיטען נישט שלעכט פאַר די אידען. — אָבער אַט האָט מען אויסגעקליבען אַ נייען וועסטגאָטישען קעניג, אַ מענש, וועלכער איז געווען גאַנץ מולד און נישט אָהן בילדונג, נאָר פאַר די אידען איז ער געוואָרען אַן אמת'ע שטראָף פון גאָט. דאָס איז געווען זיזעבוט, וועלכער האָט געקעניגט אין דער צייט פון הערקליוס, און איז געווען אויך אַזוי פאַנאַטיש און אידענפערפאָלגער, ווי יענער. אָבער וועהרענד הערקליוס האָט געהאַט אַ כעס געגען אידען, פאַר זייער שטיצען די פערסער אין ארץ ישראל, און, אויסער דעם, איז ער געווען געגען זיי אָנגערייצט דורך די מאַנאַכען, איז זיזעבוט אַרויסגעטראָטען געגען די אידען, לויט דער אייגענער איניציאַטיווע, כמעט געגען דעם ווילען פון די גלחים. גלייך אין אָנפאַנג פון זיין רעגירונג (612) האָט ער זיך שוין גענומען שטאַרק אינטערעסירען מיט די אידען. ער האָט בענייט דאָס געזעץ וועגען די שקלאַווען און בעפוילען זיינע ריכטער שטרענג אַכטונג צו געבען נישט בלויז, אַז די אידען זאָלען נישט קויפען קיין נייע שקלאַווען, נאָר אַז זיי זאָלען אויך פריי לאָזען זייערע אַלטע שקלאַווען. נאָר יענער איד, וואָס וועט זיך שמד'ן, וועט קאָנען האַלטען שקלאַווען און אפילו אויך בעקומען אַ טייל פון די שקלאַווען פון זייערע קרובים, וואָס מען וועט לויט'ן נייען געזעץ דאַרפען צונעהמען ביי די אידען. די קומעדיגע מלכים האָט זיזעבוט בעשוואָרען שטרענג אָבצוהיטען דאָס דאָזיגע געזעץ. ער האָט ערקלערט, אַז דער קעניג, וואָס וועט זיך אָבזאָגען צו היטען דאָס דאָזיגע געזעץ, וועט „אין עולם הזה שרבען חרפות און זלזולים און אויף יענער וועלט ברענען אין אייביגען פייער אין גיהנם". אָבער נישט אַכטענדיג דערויף, איז דאָך דאָס געזעץ וועגען די שקלאַווען פאָרט נישט אָבגעהיט געוואָרען. די אונאָבהענגיגע פירשטען אין לאַנד האָבען געשיצט די אידען צוליעב זייער אייגענעם נוצען. אפילו איינִיגע גלחים און בישאָפען האָבען, ווי עס שיינט, אין דער הינזיכט געשטיצט די אידען. כדי אַלזאָ צו מאַכען אַן ענדע מיט אַזאַ צושטאַנד, האָט זיזעבוט אַרויסגעגעבען אַ נייען בעפעהל, אַז די אידען זאָלען אין אַ קורצע צייט אָדער זיך אַלע אויס'שמד'ען, אָדער פערלאָזען דאָס לאַנד. דער דאָזיגער בעפעהל איז שטרענג אויסגעפיהרט געוואָרען. די שוואַכע אידען, וועלכע האָבען זיך נישט געקאָנט בעשליסען צו פערלאָזען דאָס לאַנד, וואו זיי האָבען געוואוינט פון גאַנץ אַלטע צייטען, ווי אויך זייער האָב און גוטס, האָבען זיך גע'שמד'ט; די שטאַרקערע אידען דאַגעגען האָבען אויסגעוואַנדערט קיין פראַנקרייך, אָדער אין אַפריקא (612—613). מיט דער דאָזיגער גרויזאַמקייט זענען אפילו די גלחים נישט געווען צופרידען, און זיי האָבען פאַרגעוואָרפען דעם קעניג, אַז ער בעגעהט זיך נישט, לויט'ן יושר, כאָטש ער איז זעהר פרום. דורך דיעזער פאַנאַטישער פערפאָלגונג פון די אידען, האָט זיזעבוט געמאַכט די התחלה צום חורבן פון דער וועסטגאָטישער מלוכה.

זיין שטרענגקייט געגען די אידען האָט אָבער געדויערט נישט לענגער ווי זיין מלוכה, נאָך איהם האָט געקעניגט סווינטילא, וועלכער איז גע־

זוען א מילדער און גערעכטער מענש, „א פאטער פון פאטערלאנד", ווי מען פלעגט איהם צו רופען. ער האט מבטל געמאכט אלע אידישע בעגרענצונגען. די ארויסגעטריבענע אידען האבען זיך צוריק אומגעקעהרט אהיים און די גע'שמד'טע זענען מיט גוואלד צוריק געווארען אידען (621—631). אבער די שרים און די גלחים האבען געמאכט געגען איהם א פערשווערונג און ארונטערגעשטויסען איהם פון טראהן, מאכענדיג פאר א קעניג אנשטאט איהם זיזענאנד — א מענש, וועלכער האט צוגעזאגט צו ערפילען אלץ, וואס די גלחים און די שרים וועלען פון איהם פערלאנגען. איצט האבען די גלחים בעקומען די גאנצע ממשלה אין זייערע הענד. נאך איינמאל האט מען בעטראכט די „אידענפראגע" אויפ'ן גלח'ישען צוזאמענפאהר פון טאלעדא (633), וואו דער פארזיצענדער איז געוועזען דער ארציבישאף פון סעווילא, איזידאר פון היספאליש, וועלכער איז אפילו געוועזען נישט קיין שלעכטער מענש, אבער צו פאנאטיש, אז ער זאל קאנען זיין גוט פאר אידען. די דאזיגע פערזאמלונג האט ארויסגעזאגט אזא פרינציפ: צווינגען די אידען צום שמד ברויכט מען נישט, אבער די געזעצען פון רעקארד מוז מען אפהיטען. די גאנצע שטרענגקייט אבער דארף אנגעווענדעט ווערען געגען יענע אידען, וועלכע האבען אונטער זיזעבוט אנגענומען דעם קריסטליכען גלויבען און דערנאך זענען זיי צוריק געווארען אידען. האטש די גלחים האבען נישט איינגעשטימט מיט'ן געצוואונגענעם שמד, פון דעסטוועגען האבען זיי ערקלערט, אז א איד, וועלכער האט זיך שוין א גע'שמד'ט, מוז בלייבען א קריסט, „כדי די קריסטליכע טבילה זאל נישט ווערען צושאנד". די קינדער פון די מיט-גוואלד גע'שמד'טע אידען האט מען דעריבער בעי זיי צוגענומען, כדי צו ערציהען זיי אין די קלויסטערס און די עלטערן האט מען שטרענג פערבאטען צו האבען וועלכע עס איז בעציהונגען מיט די אידען און צו ערפילען די געבאטען פון דער אידישער תורה. די גע'שמד'טע אידען, וועלכע מען האט געהאפט, אז זיי היטען אב שבת, אדער שטעלען חופה מיט קידושין לויט'ן אידישען ריטוס, און זיי האלטען זיך אב פון עסען טרפות, האט מען אריינגעווארפען אין תפיסה און געמאכט פאר שקלאווען, כדי פערשאנקען צו ווערען „די כשר'ע קריסטען". נישט די דאזיגע גע'שמד'טע אידען, נישט זייערע קינדער האבען געקאנט צוגעלאזען ווערען פאר עדות, ווייל „די, וועלכע זענען אומגעטריי געווארען געגען גאט, קאנען אויך נישט זיין קיין געטריינע עדות געגען מענשען". — פערגלייכט מען דאס בעהאנדלען די נישט-גע'שמד'טע אידען, זעהט מען, אז מען האט מיט די לעצטע בעגאנגען זיך פיעל מילדער, איידער ווי מיט די משומדים.

אבער די גלחים האבען געוואלט אב'שמד'ען אלע אידען. איזידאר פון סעווילא האט פערפאסט צוויי ביכער געגען די אידען, אין וועלכער ער ווייזט אויף די ריכטיגקייט פון קריסטענטום אויפ'ן סמך פון תנ"ך, דערביי בענוצט ער זיך מיט יענע געשמאקלאזע דרשות, וועלכע די גלחים

פלענען בכלל געברויכען. אין די אלטע צייטען אין זייער פאלעמיק געגען דעם אידענטום, די געבילדעטע אידען האבען אבער אבגעענטפערט מיט אנדערע פאלעמישע שריפטען, ווי עס שיינט, אין לאטייניש. די טיעפע אידישע קענטניש אינ'ם תנ"ך, מדרשים און בכלל אין די אלטע ספרים, האט זיי גאנץ לייכט געמאכט די אויפגאבע צו צושלאגען אלע טענות פון די גלחים. דער שפאנישער אדעל האט אויך איצט בעשיצט די אידען, נישט קוקענדיג אויפן בעשלוס פון גלח'ישען קאנסיליום; די קעניגליכע מאכט דאגעגען איז געווען זעהר שוואך עפעס וואס אויפצוטהון געגען די שרים. אבער אט איז אויפ'ן וועסטגאטישען טראהן ארויפגעשטיגען א פערזאן, וועלכער איז געווען עהנליך צו זיזעבוט; דאס איז געווען כינ־טילא, וועלכער האט צוזאמענגערופען א גלח'ישען קאנסיליום און האט נישט בלויז בעשטעטיגט אלע פריהערדיגע גזרות געגען די אידען, נור ער האט נאך ארויסגעגעבען א נייען בעפעהל, דאס קיין איינציגער מענש טאר נישט בלייבען אין דער וועסטגאטישער מלוכה, וועלכער וועט נישט אננעהמען דעם קאטוילישען גלויבען. די גלחים האבען דאס דאזיגע געזעץ בעגעגענט מיט גרויס שמחה, און ערקלערט, אז ענדליך האט זיך געפונען א פרומער קעניג, וועלכער פערשטעהט עס, ווי אזוי צו ברעכען די אידי־שע עקשנות און זייער אונגלויבען. די אידען האבען געמוזט צום צווייטען מאל נעהמען דעם וואנדערשטעקען אין די הענד און די גע'שמד'טע אידען, וועלכע זענען אבער אין הארצען געבליבען געטריי דעם אידענטום, האבען געמוזט אונטערשרייבען א פארמאלנע ערקלערונג, אז זיי וועלען בלייבען געטריי דעם קאטוילישען גלויבען און ערפילען אלע זיינע בעפעהלען. די טיעף געקרענקטע אידען האבען אבער נישט געקאנט האלטען זייער הבטחה, וועלכע מען האט ביי זיי בעקומען געצוואונגענערהייד. זיי האבען נור געהאפט אויף בעסערע צייטען, כדי צו קאנען אראבווארפען פון זיך די מאסקע און ווערען צוריק אידען. ביי דער דאמאליגער קאנסטיטוציע, ווען מען פלעגט א מלך אויסקלויבען, האבען זיי געקאנט האפען, אז מען וועט אמאל אויסקלויבען א מענשליכערען קעניג, ביי וועלכען דאס וועט פאר זיי לייכט זיין צו פערווירקליכען. דער דאזיגער צושטאנד האט גע־דויערט נור פיער יאהר, אין דער רעגירונג פון כינטילא (638—642).

---

## דאס צעהנטע קאפיטעל.

# די אידען אין אראביען און מחמד.

(פון 500 ביז 640)

ערמיעדעט פון דער בעטראכטונג פון דער יאמערליכער אידישער לאגע אין זייער אלטען פאטערלאנד, ווי אויך אין די אייראפעאישע לענ־דער, וואו די פאנאטישע רדיפות הא'ן זיך איבער שטענדיק אין דער

זעלבער פארמע מצד דער קריסטליכער וועלט, רוהט אב דאס אויג מיט צו־פריעדענהייט, בעטראכטענדיג דעם אידישען צושטאנד אויף דער אראבי־שער האלב־אינזעל. דא האבען די אידען נישט געברויכט שטענדיג ארומ־צוקוקען זיך מיט אימה, אויב די גלחים האבען נישט בדעה אויסצוגיסען אויף זיי זייער צארן און אויב די וועלטליכע מאכט דערהויבט אויף זיי איהר אייזערנע פויסט. דא האבען די אידען זיך געלעבט פריי אונטער א פריי, פרישער און בעגאבטער בעפעלקערונג; זיי האבען געקאנט ענטוויק־לען זייערע כחות אי די גייסטיגע, אי די פיזישע. מיט׳ן שווערד אין דער האנד האבען זיי זיך געקאנט פערטיידיגען געגען זייערע געגנער. גאנץ ווייט פון טראגען א פרעמדען יאך, זענען די אראבישע אידען טיילמאל נאך אליין געווען אנפיהרער פון די אראבישע שבטים. דורך זייער גייסטי־גער מאכט, איבערשטייגענדיג די אראבער, פלעגען די אידען אפט שליסען א בונד צו פערטיידיגען די אלגעמיינע אינטערעסען, אדער אויך אנצופא־לען אויף עמיצען, און זענען אויך ביסלעכוויז געווארען די לעהרער פון דעם אראבישען פאלק. די אידישע געשיכטע אין אראביען אין דעם יאהר־הונדערט, ווען עס איז ענטשטאנען דער מחמד׳אנישער גלויבען (דער איס־לאמיזמוס), איז זעהר א שעהנע בלאט אין דער אידישער געשיכטע.

די ערשטע איינוואנדערונג פון די אידען אין די פרייע און קראפט־דערוועקענדע אראבישע האלב־אינזעל איז היסטאריש נישט בעוואוסט; אנשטאט דעם זענען פערהאן פיעל פערנעבעלטע לעגענדעם. מען דערצעהלט: די אידען, וועלכע יהושע האט געשיקט צו קעמפפען געגען די עמלקים, זאלען זיך האבען בעזעצט אין דער שטאדט יאתריב (שפעטער: מעדינא) און אינ׳ם לאנד כאיבאר; אנדערע דערצעהלען: אין דער רעגי־רונג פון דוד המלך האט זיך געגרינדעט א אידישע קאלאניע אין צפון־קאנט פון דער אראבישער האלב־אינזעל. עס איז מעגליך, אז אין דער רעגירונג פון די מעכטיגע מלכים אין יהודה, ווען דער אידישער פלאט פלעגט געהן איבער׳ן רויטען ים קיין אופיר, האבען זיך אידישע סוחרים בעזעצט אין תימן (יעמען — דרום־אראביען), אדער אין צנעא און מאריבא, כדי דארט צו פיהרען דעם טויש־האנדעל מיט אינדיען. די שפעטערדיגע אראבישע אי־דען האבען אבער דערצעהלט, אז זיי האבען געהאט בקבלה פון זייערע עלטערען, דאס זיי האבען זיך דארט בעזעצט באלד נאכ׳ן ערשטען חורבן פון בית המקדש דורך נבוכדנצר׳ן. איין זאך איז אבער געוויס זיכער: אין דער צייט פון די מלחמות צווישען די אידען און די רוימער זענען קיין אראביען געקומען פיעל אידען, וואס זענען ענטלאפען געווארען פון ארץ־ישראל. און בשעת פיעל פון די אידישע קנאים זענען נאכ׳ן חורבן ענטלאפען קיין מצרים און קירענאיקא, כדי צו דערוועקען דארט די אידען צו אנ׳אויפשטאנד געגען רוים, זענען אנדערע קנאים ענטלאפען, בלי־ספק, קיין אראביען, כדי דארט צו לעבען אין פרייהייט און נישט צו דארפען זיך שיידען מיט זייער געוועהר. אויך אינ׳ם משך פונ׳ם זיבענטען צעהנדליג יאהר

נאָכ׳ן חורבן, בשעת אנדרינוס׳עס מלחמות און גזרות, זענען נעוויס געקומען פיעל אידען קיין אַראַביען. פון די דאָזיגע עמלאָפענע אידען האָבען געשטאַמט די משפחות בני נאַדהיר, בני קוראַיזאַ און די בני ביחדאַל, פון וועלכע די ערשטע צוויי זענען געווען כהנים (Alkahinani נאָך אַנ׳אַנדער אידישער שבט האָט זיך בעזעצט אין צפון־אַראַביען. די בני קאַינוקאַא, וועלכע האָבען געלעבט גאָר אויף אַנ׳אַנדער אופן, װי די ערשטע. די דאָזיגע שבטים מיט נאָך איינינע אַנדערע, ווענינ דערמאָהנטע און ווענינ בעדייטענדע, האָבען זיך בעזעצט הויפּטזעכליך אין יאַתריב, וועלכע איז געלעגען אין אַ געגענד, וואָס איז געווען פֿערפֿלאַנצט מיט פּאַלמען און איז געווען דורכגעשניטען דורך אַ קליינעם טייכעל. ווייל די וואַנדערענדע אַראַבער פלעגען אָפט מאַכען אָנפאַלען אויף די אידען, דעריבער האָבען די אידען אויפגעבויט איינענע פֿעסטונגען אין שטאָדט און אין איהר אומגעגענד אויף העכערע ערטער. אויב פון אָנפאַנג זענען די אידען געווען די איינציגע הערשער פונ׳ם לאַנד, האָבען זיי דערנאָך געמוזט טיילען זייער הערשאַפט מיט די אַראַבישע שבטים בני אַוים און האַזראַג (וועלכע הייסען צוזאַמען קאַילאַ), מיט וועלכע די אידען זענען געשטאַנען טיילמאָל אין פֿיינדליכער, טיילמאָל אין פריינדליכער בעציהונג. — אין צפון פון יאַתריב איז געווען די געגענד כאַיבאַר (Ch-ibar) וועלכע איז כמעט אינגאַנצען געווען בעזעצט מיט אידען, וואָס האָבען דאָרט געהאַט אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע און, ווי מען זאָגט, האָבען זיי געזאָלט שטאַמען פון דער אַלטער אידישער משפחה יונדב בן רכב, וועלכע זענען געקומען אַהין נאָכ׳ן חורבן פון ערשטען בית המקדש. די דאָזיגע אידען האָבען געהאַט אַ גאַנצע רייהע פעסטונגען, עהנליך צו די ריטערליכע שלעסער פון מיטעלעלטער. די שטאַרקסטע פעסטונג איז געווען קאַמוס, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ הויכען באַרג, צו וועלכען עס איז אונמעגליך געווען צוצוטרעטען. די דאָזיגע פֿעסטונגען האָבען זיי געשיצט פון די וואַנדערענדע אַראַבישע שבטים (בעדואינען) און האָבען זיי אויך געגעבען די מעגליכקייט צו בעשיצען דאָרט די נע׳רודפ׳טע אידען, וואָס האָבען געזוכט, ביי זיי הילף. אויך אינ׳ם „דאָרפס־טהאָל" ( Wadilkora, ) וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פרוכטבאַרקייט און איז געלעגען אַ טאָג־רייזע פון כאַיבאַר, איז געווען אַ אידישער ישוב. דאַנענען אין דער שטאָדט מעקאַ, וואו די אַראַבער האָבען געהאַט זייער הייליגטום, האָבען אידען געוואוינט זעהר ווענינ.

דאַנענען זענען געווען זעהר פיעל אידען אין דרום־אַראַביען, אין תימן, אָדער „יעמען", וועלכע איז געווען אַ געבענשט לאַנד, וועגען וועלכער די אַראַבער פלעגען זינגען:

„דער שמוּב איז דאָרטען גאָלד,
„די מענשען העלדען, פיין;
„די פֿרויען זענען האָלד,

„געבוירען ליכט, אהן פיין".

די אידען האבען אבער דארט געלעבט נישט אזוי רוהיג־גליקליך, ווי אין צפון־אראביען (העדזשאס); קיין איינענע פאליטישע פעראייניגונג האבען זיי נישט געהאט, נור זענען געווען צושטרייט צווישען די אראבער. פונדעסטוועגען האבען זיי דערגרייכט צו אזא איינפלוס אויף די אראבער און זייערע מלכים, אז זיי האבען געשטערט דעם קריסטענטום דארט צו פערשפרייטען זיך. ערשט צו ענדע פון פינפטען, אדער אין אנפאנג פון זעקסטען יאהרהונדערט איז עס געלונגען די קריסטליכע שלוחים איבערצורעדען אנ'אראבישען שבט אין נאדזשראן איבערצוגעהן צום קריסטענטום.

א דאנק זייער סעמיטישער אבשטאמונג איז צווישען די אידען און די אראבער געווען א געוויסע פערוואנדשאפט, וועלכע איז קענטיג געווען אין די שפראכען, העברעאיש און אראביש, אינ'ם חאראקטער, געוואוינהייטען און געזעלשאפטליכע (נישט רעליגיעזע) מנהגים. די אידען האבען זיך אזוי שטארק אראביזירט, אז מען האט זיי געקאנט אונטערשיידען פון די אראבער, נור דורך דער רעליגיע. די אפטע שידוכים צווישען די אידען און די אראבער האבען נאך מעהר מיטגעווירקט צו דער פעראייניגונג פון ביידע פעלקער אין חער אויסגלייכונג פון זייער חאראקטער. די דרום־אראבישע אידען האבען זיך בעשעפטיגט מייסטענס מיט'ן וועלטהאנדעל צווישען אינדיען, דער ביזאנטינישער מלוכה און פערסיען, וועהרענד די אידען אין צפון־אראביען האבען געפיהרט מייסטענס א וואנדער־לעבען, ווי די ארומיגע בעדואינען: זיי פלעגען עטוואס די ערד בעארבייטען, פיטערן בהמות, פיהרען א קאראוואנען־האנדעל און מאכען אויך רויבערישע אנפאלען, ווי עכטע אראבער.

די אראבישע אידען האבען, ווי די אראבער, געפיהרט א פאטריארכאלישען לעבען: פיעל משפחות פלעגען זיך פעראייניגען אונטער איין נשיא (שייך), וועלכער פלעגט בעזארגען אלע ענינים פונ'ם שבט, סיי אין שלום, סיי אין מלחמה און פלעגט אויך אבשליסען א בונד מיט די ארומיגע שבטים. פונקט ווי די אראבער, זענען די אידען אויך געווען גרויסע מכניסי אורחים, און יעדער, וואס איז אריינגעקומען צו זיי אין שטוב, איז פאר זיי געווען הייליג; זיי פלעגען הייליג אבהיטען געטרייהייט צו יענעם שבט, מיט וועלכע זיי האבען געשלאסען א בונד. זיי האבען אבער אויך איבערגענומען די פעהלערן פון די אראבער: פאר'ן טויט פון זייערע מיטגלידער פלעגען זיי נעהמען א גרויזאמע נקמה, בעהאלטענדיג זיך הינטער זייערע פיינד און אנפאלענדיג אויף זיי פלוצלונג, כדי צו פערניכטען זיי. עס פלעגט אויך טרעפען, אז א אידישער שבט פלעגט שליסען א בונד מיט אנ'אראבישען, און דאן פלעגט ער ארויסטרעטען מיט איהם צוזאמען געגען אנ'אנדער אידישען שבט, וועלכער איז געווען פיינדליך דעם אראבישען. אבער אויב די אידען פלעגען אמאל פיהרען מלחמה אויף אזא אופן איינע געגען די אנדערע, פלעגט זיך דאך דערביי תמיד

אַרויסווייזען די נאַטירליכע אידישע רחמנות: דעם איינגענומענעם אידישען פיינד פלעגען זיי שוין נישט בעהאַנדלען מיט דער געוועהנליכער אכזריות פון די בעדואינען. די געפאַנגענע אידען פלעגען זיי אויסקויפען, אָבהיטענדיג שטרענג די מצוה פון פדיון־שבוים, כדי נישט צו דערלאָזען, אַז דער איד זאָל אַ שקלאַוו ווערען און ממילא אויך געצוואונגען זיין צו געצענדיענעריי.—ווען די אידען זענען נישט געשטאַנען נידעריגער פאַר די אַראַבער אין גבורה און מוטהיגקייט און מלחמה, אַזוי האָבען זיי אויך אין דער דיכטונגס־קונסט אַרויסגעוויזען גלייכע טאַלענטען, ווי זיי, דען דער ציערונג פון אַן'אַראַבער איז געווען נישט בלויז די גבירה, נאָר אויך די פאָעזיע.

די רעליגיעזע אַנשויאונגען, וועלכע די אידען האָבען מיט זיך געבראַכט פון זייער היים ארץ־ישראל, ווי אויך די תורה, וועלכע מען פלעגט זיי אָפט ברענגען פון די ישיבות, האָבען געבראַכט דערצו, אַז די אידען זענען גייסטיג געווען בעסער ענטוויקעלט פאַר די אַראַבער, ווערענד, ביי די אַראַבער האָבען ביז'ן זיבעטען יאָהרהונדערט נור נישט פיעל פון זיי געקאָנט שרייבען, האָבען די אידען כמעט אַלע געקאָנט שרייבען און לעזען. און די אַראַבער פלעגען זיי דערפאַר רופען „דאָס פאָלק פון בוך“ (עם הספר—אַהול אלכיתא)· דאָס יודענטום איז די אַראַבישע אידען געווען העכסט היילינ און געקענט האָבען זיי נישט בלויז די תורה שבכתב נאָר אויך די תורה שבעל־פה, לויט ווי עס האָבען זיי געלערנט די תנאים, און אמוראים. זיי פלעגען שטרענג אָבהיטען יום־טובים, תעניתים און כשר־עסענס. שבת פלעגען זיי אַזוי שטרענג אָבהיטען, נישט אַבטענדיג דערויף, וואָס זיי זענען געווען ליידענשאַפטליכע קריגער, פלעגען זיי אום שבת קיין מלחמה נישט פיהרען, אפילו ווען די אומשטענדען זענען דערפאַר געווען זעהר גינסטיג, האָטש זיי האָבען בכלל זיך נישט געהאַט וואָס צו קלאָגען אויף זייער צוזייטע פאַטערלאַנד אַראַביען. פונדעסטוועגען האָבען זיי דאָך געגאַרט נאָך ארץ־ישראל און טאָג־טעגליך פלעגען זיי אָבוואַרטען, אַז משיח זאָל שוין קומען און אָבפיהרען זיי צוריק „אַהיים“. ביים דאַווענען פלעגען זיי גלייך ווי אַלע אידען, זיך ווענדען צו ירושלים. מיט די אידען אין ארץ־ישראל זענען זיי געשטאַנען אין פערבינדונג און די תלמידי־חכמים אין טבריה פלעגען זיי געהאָרכען אויך אפילו דאַן, ווען די נשיאות איז שוין אונטערגעגאַנגען דאָרט. די אידישע תלמידי חכמים אין אַראַביע פלעגען זיך אויפהאַלטען מייסטענס אין יאַתריב. דאָרט האָבען זיך געפונען די מורי הוראה (אל אַחבר), וועלכע זענען געזעסען אין אַ „מחרש“ (אַ ישיבה) און פלעגען לערנען תורה פאַר תלמידים. קיין בעדייטענדע תלמידי־חכמים זענען אָבער צווישען זיי נישט געווען. דעם תנ"ך האָבען זיי געקענט מייסטענס נאָר פון די אַגדתות, וועלכע זענען זיי בעקאַנט געוואָרען אָדער אויף זייערע רייזען, אָדער דורך איינגעוואַנדערטע אידען. די אַמאָליגע גלענצענדע עפּאָכע פון דער אידישער געשיכטע האָבען זיי איבערגענומען

אויף אזא לעגענדארישען אופן און פערפוצט מיט אזעלכע גוזמאות, אז קיין ריכטיגען בעגריף האבען זיי וועגען איהר נישט געהאט. א דאנק זייער דיכטערישער פאנטאזיע פלעגען זיי אויך די ערצעהלונגען פון תנ״ך בעפוצען מיט א אינטערעסאנטער פאעטישער לעגענדארישער־פארמע און איבערגעבען זיי זייערע תלמידים אלס אמת׳ע פאקטען און געשעהענישען. אזוי ארום איז צווישען זיי ענטשטאנען די שענע דראמע וועגען יוסף און פוטיפר׳ס ווייב, ווי אויך פיעל אנדערע.

לעבענדיג אין פאלקאמער פרייהייט, האבען די אראבישע אידען גע־קאנט בעקאנט מאכען אויך זייערע שכנים מיט דער תורה און מיט די אידישע לעגענדעס, אגדתות און מדרשים. דער פאעטישער אראבישער גייסט האט געפונען פיעל געשמאק אין די ערצעהלונגען פון דער תורה און אין די אידישע לעגענדעס און מאמרים, וועלכע זענען דעריבער געווא־רען גאנץ היימיש אין אראביען. די אראבישע אידען האבען אויך געגעבען די אראבער זייער צייט־רעכנונג, אדער זייער קאלענדאר, אהן וועלכען די אראבער וואלטען זיך גארנישט געקאנט אייגקעהרען. די תלמידי חכמים פון יאתריב האבען געלערנט די אראבער, וועלכען יאהר מען דארף צוגעבען א חדש, כדי נישט אבצושטעהן מיט די לבנה־חדשים פון די זון־יאהרען. זיי האבען זיי בעקאנט געמאכט מיט׳ן 19־יעהריגען ציקל 1) (ארום 420) און די אראבער האבען א נאמען געגעבען דעם עבור־חדש „נשיא“, ווי עס שיינט, צוליעב דעם, וואס דעם האזיגען חודש פלעגט צולעגען דער אידישער נשיא אין ארץ־ישראל.

עס איז די אידען אויך געלונגען צו בעקענען די אראבער מיט׳ן אנפאנג פון זייער געשיכטע און צו בעקענען זיי, אז זיי שטאמען אויך פון אברהמ׳ן. פאר די אידען איז, נאטירליך, געווען זעהר גינסטיג, אז די אראבער זאלען וויסען, דאס זיי שטאמען מיט זיי פון איין פאטער. דער מיטעלפונקט פון אראביע, די הייליגע שטאדט מעקא, וואו עס איז פערהאן אנ׳אויסגעבוי־עטער טעמפעל (קאאבא, אדער דער פירקאנטיגער) ארום א הייליגען שטיין, איז געווען פאר די אראבער אויך א שוץ־טעמפעל (א מקום מקלט), וואו עס האט זיך געקאנט בעהאלטען יעדער מענש, דען דארט איז זיין פערזאן געווען הייליג און מען האט איהם נישט געטארט אנריהרען. אהין פלעגען זיך אויך צוזאמענקומען אלע שבטים. די פינף ירידען אין יאהר און צווישען זיי דער גרעסטער, עכאז, האבען געקאנט פארקומען נאר אין די פיער הייליגע חדשים פון יאהר, אין וועלכע עס הערשט דער געטליכער שלום. ווער עס האט געוואלט אויך געניסען דאס רעכט. אז מען זאל איהם

---

1) ד. ה. אויב מען זאל אין א משך פון 19 יאהר צוגעבען 7 איבריגע חדשים, אדער רעכענען 7 יאהר צו 13 חדשים, וועלען די יאהרען פון דער זון, וועלכע האל־טען עטוואס מעהר פון 365 טעג, מיט די יאהרען פון דער לבנה, וועלכע האלטען 354 טעג, שטימען כמעט גענוי. (איבערזעצער).

לאָזען צורוה אין די דאזיגע פיער חדשים, האט גערופט דערוויזען, אז
ער איז פון דער זעלביגער אבשטאממונג, ווי די אראבער. פאר די אידען איז
דעריבער געווען זעהר וויכטיג איבערצייגען די אראבער, אז זיי זיינען
נאָהנטע קרובים, כדי צו קאָנען קומען האנדלען אויף די ירידען אין מעקא.
צו זייער גליק פאר די אראבישע אידען, האבען זיי זיך דערמאהנט, אז אין
דער תורה ווערט דערצעהלט דאָס עבר האָט געהאט צוויי זיהן: פלג און
יקטן, און אַז דער יקטן איז זעהר בעוואוסט געווען אין די אראבישע לע-
גענדען. עס הייסט אלזא, אז די אידען און די אראבער האבען געהאט איין
פאטער. אויסערדעם האבען אבער די אידען זיי דערצעהלט, אז זיי שטא-
מען פון אברהם׳ן, און ישמעאל איז זייער פאטער. די אראבער האבען אזוי
ארום זיך צוטיילט אויף צוויי הויפּט־שבטים: די עכטע אראבער, וועלכע
האבען געשטאמט פון יקטן און די נישט־עכטע, וועלכע האבען געשטאמט
פון ישמעאל. דערוויל אבער האבען די אידען דערוויזען זייערע
קרובות׳שאפט מיט די אראבער וועלכע האבען זיי גערן אנערקענט פאר
פריינד און געגעבען זיי פולע רוהיגקייט אין די פיער הייליגע חדשים, ווען
די ירידען קומען פאר אין מעקא.

די נאָהנטע און פריינדליכע בעציהונגען צווישען די אידען און אראבער
אין די שענע פּאָעטישע ערצעהלונגען פון דער תורה, וועלכע זיינען אזוי
נאָהנט געווען דעם לעבען פון די איינוואָהנער פון דעם מדבר, האבען ני-
מוזט ברענגען דערצו, אז ביי די אראבער זאל זיך דערוועקען א חשק נאָכ-
צונעהמען דעם אידענטום; און וויל די אראבער פלעגען אויך נאָך זייער-
דיג געצעלדיגער אבהיטען מילה, איז פאר זיי דאס איבערגעהן צום אידענ-
טום געווען זעהר א לייכטע זאך. ביי דער גרויסער הכנעה, וואָס אלע מיט-
גלידער פון שבט פלעגען האבען פאר זייער עלטסטען, אדער שייך, איז
עס געווען גאנץ נאטירליך, אז ווען דער שייך האט אנגענומען דאָס איר-
דענטום, האט דאס אויך געטהון דער גאנצער שבט. אט אזוי איז עס פאר-
געקומען, דאס פיעל אראבער האבען אנגענומען דעם אידישען גלויבען:
די בני קינה, וועלכע זענען געווען בעוואוסט מיט זייער העלדיש-
קייט אין קאמפּפס־לוסטיגקייט, און אויך פערוואנדטע מיט די אנגעזעהע-
נע קאראישיטען אין מעקא, פיעל משפּחות פונ׳ם שבט אוס און חאזראג
אין יאתריב און ענדליך דער גהאסאנידישער שבט, פון וועלכען עס איז
שפעטער ארויסגעקומען דער בעוואוסטער אידיש־אראבישער דיכטער
שמואל בן עדיה, האבען אלע זיך מגייר געווען. א וויכטיגע עפּאָכע
אין דער אראבישער געשיכטע איז אבער דאָס מגייר זיין זיך פון איינעם
פון די שטארקסטע אראבישע מלכים אין תימן.

איינער פון די מלכים פון תימן מיט׳ן נאמען טאבא (Tobba) וועלכע
האבען אפט געהערשט איבער גאנץ אראביען מיט׳ן לאנגען נאמען אבו
כאריבא אסאד טאבאן איז געווען זעהר א בעגאבטער מענש, האט
געליעבט מלחמות און נצחונות. ער האט אונטערגענומען א מלחמה געגען

פערסיען (אין יאהר 500) אין דער צייט פון׳ם קעניג קאוואד און אויך גע־גען די אראבישע פראווינצען און דער ביזאנטינישער מלוכה. געהענדיג אויף דער מלחמה, איז ער אויך אריינגעקומען אין יאתריב און בעשטימט האַרט זיין זוהן פאר א שטאטהאלטער, ווייל ער האט פון די דארטיגע איינוואוינער קיין שום שלעכטס נישט ערווארטעט. אבער ווי נאר ער האט די שטאדט פערלאזען, האט ער דערהאלטען א ידיעה, אז די יאתריבער איינוואוינער האבען זיין זוהן דער׳הרג׳עט. אין גרוים צארן האט ער זיך באלד אומגע־קעהרט צוריק און בעלאגערט די שטאדט מיט זיינע גרויסע מחנות, אויס־האקענדיג ארום איהם אלע פאלמען־וועלדער, וואו די איינוואוינער האבען גענומען פאר זיך די פרוכטען צו שפייזען זיך מיט זיי. די אידען האבען צו־זאמען מיט די דארטיגע אראבער געקעמפפט געגען אבוכאריבא און הא־בען זעהר מיעד געמאכט איהם און זיינע מחנות. וועהרענד דער בעלאגע־רונג איז דער קעניג אבו כאריבא קראנק געווארען, און מען האט ניט גע־פינען קיין פריש וואסער אין דער אומגעגענד זיין דורשט צו שטילען. דאן האבען צוויי אידישע געלעהרטע קאאב און אסאד, אויסגענוצט די שווע־רע לאגע, אין וועלכער ס׳האט זיך געפינען אבו כאריבא, און, ארויסקו־מענדיג צו איהם אין לאגער, האבען זיי ביי איהם אנגעהויבען צו בעטען, אז ער זאל מוחל זיין דאס פערברעכען פון די יאתריבער איינוואוינער. דערביי האבען זיי איהם אויך פיעל דערצעהלט וועגען דער אידישער תורה. די אראבער האבען שפעטער דערצעהלט וועגען דעם האמאלדי־גען וויזיט פון די אידען ביי׳ם קעניג גאנצע לעגענדעס. זיכער איז אבער איין זאך: דער קעניג האט בעשלאסען אנצונעהמען דעם אידישען גלוי־בען און האט דאס אויך געפועל׳ט ביי זיין ארמעע.

לויט זיין פערלאנג, האבען די צוויי אידישע תלמידי חכמים איהם בעגלייט באלד פון יאתריב קיין תימן, כדי מגייר צו זיין דארט די אראבער און לערנען מיט זיי תורה. די זאך איז אבער כלל נישט געווען אזוי לייכט, דען א פאלק לאזט זיך נישט אזוי גיך איבערמאכען זיינע געוואוינהייטען און זיין אמונה, זיינע מנהגים און זיין דענקען. און לאנד זענען דאריבער געבליבען מעהר געצענדיענער אלס גרים. בכלל האט דאס אידענטום דארט קיין טיעפעווארצלען נישט געלאזען, נאר אויבערפלעכליך האבען די אראַ־בער אין תימן אנגענומען די אידישע תורה. איין שייך פון׳ם אראבישען יהום־שבט בני כנדה, חרית אבן עמרו, וועלכער איז געווען א זוהן פון׳ם קעניג׳ס א שוועסטער, און האט זיך מגייר געווען, האט דער קעניג אבו כאריבא געמאכט פאר א משנה למלך איבער׳ן שבט מעד אויפ׳ן ברעג פון רויטען ים, און האט איהם אויך בעשטימט פאר א שטאטהאלטער איי־בער יאתריב און מעקא. דאמאלס איז אויך א טייל פון די אראבער פון שבט מעד איבערגעגאנגען צום אידענטום. די ידיעה וועגען א אידישען מלך און א אידישער מלוכה אין דער שענסטער געגענד פון אראביען, האט זיך באלד פערשפרייט דורך די דורכפאהרענדע סוחרים, און האט דערגרייכט

צו די אידען אין די ווייטעסטע מדינות. אָבער ערשט אַבו מאַריכאַ'ס אייניקעל, דער יונגער קעניג זרועה דהו נואס (520—530) האָט ערנסט אָנגענומען דאָס אידענטום, צולעגענדיג צו זיין אַראַבישען נאָמען אויך אַ אידישען יוסף אָדער יוסוף. אָבער אַרויסטרעטענדיג אַלס קנאי פֿאַר'ן אידענטום איז ער פֿערוויקעלט געוואָרען אין אַ זעהר אונאַנגענעהמער לאַגע. ער האָט נעמליך זיך דערוואוסט, וואָס פֿאַר אַ שרעקליכע רדיפות די אידען האָבען אויסצושטעהן אין דער ביזאַנטינישער מלוכה, און האָט דעריבער געוואָלט צווינגען די ביזאַנטינישע מלכים, אַז זיי זאָלען זיך בעגעהן מיט די אידען מיט גערעכטיגקייט. ווען איינמאָל זענען ביזאַנטינישע סוחרים דורכגעפאָהרען דורך דאָס אַראַבישע לאַנד חימיאַר, האָט ער זיי געלאָזט נעהמען געפאַנגען און בעשטראָפט מיטן טויט. די דאָזיגע טהאַט האָט פֿערשפרייט אַנ'אימה צווישען די קריסטליכע סוחרים, וועלכע זענען געשטאַנען אין פֿערבינדונג מיט אינדיען. און האָבען געמוזט פֿאָהרען דורך אַראַביען; דער אינדיש־אַראַבישער מסחר האָט זיך דאַדורך גאָר אָבגעשטעלט. דהו נואס האָט אויך דאַדורך געבראַכט אַ מלחמה אין זיין לאַנד, ווען זיינע קריסטליכע אונטערטאַנען האָבען געמאַכט געגען איהם אַנ'אויפשטאַנד, דאַן האָט ער בעלאַגערט די שטאָדט נאַדזשראַן אין תימן און, נעהמענדיג איהר אין שטורם. האָט ער זיך זיכער נישט בעגאַנגען מילד מיט די איינוואָהנער. די קריסטען האָבען באַלד פֿערשפרייט גרויסע גוזמאות וועגען דער געשעהעניש. מען האָט דערצעהלט וועגען פֿיעל קריסטליכע קדושים, וועגען אַ פֿערפֿאָלגונג פֿון קריסטען דורך "אַ אידישען קעניג", און מען האָט גערופֿען די קריסטען צו אַ „הייליגער מלחמה" געגען די אידען. בעזונדערס שטאַרק האָט דערוועקט די קריסטען געגען דעם אידישען קעניג דער סירישער בישאָף שמעון פֿון בית אַרשאַם, וועלכער האָט גראָד אין יענער צייט געמאַכט אַ רייזע אין צפֿון־אַראַביען און האָט געגלויבט אין אַלע גוזמאות, וואָס מען האָט איהם דערצעהלט, דער דאָזיגער בישאָף האָט געשיקט אַ בריעף צו אַנ'אַנדער בישאָף, וועלכער האָט געוואָהנט נעבען אַראַביען און האָט איהם בעשוואָרען, צו דערוועקען דאָרט די קריסטען צו אַ בונט געגען דעם אידישען קעניג און דעם עטיאָפּישען קעניג, (דעם נעגוס פֿון אַבעסיניען) צו הערהויבען אויף אַ מלחמה געגען די אידען אין אַראַביען און זייער דאָרטיגען קעניג. ער האָט אויך פֿאָרגעלעגט, אַז מען זאָל אַריינוואַרפֿען אין תפֿיסה די תלמידי חכמים אין טבריה און פֿאָדערען פֿון זיי, אַז זיי זאָלען שרייבען צום קעניג דהו נואס, אַז ער זאָל אויפֿהערען צו פֿערפֿאָלגען די קריסטען פֿון זייערטוועגען. אויך ביים ביזאַנטישען קייזער האָבען די בישאָפֿען געפֿאָדערט, אַז ער זאָל נעהמען נקמה אָן דעם אידיש־אַראַבישען קעניג. אָבער דער קייזער יוסטין דער ערשטער איז געוועזען אַ שוואַכער מענש און דערצו שוין זעהר אַלט און פֿערוויקעלט אין אַ מלחמה מיט פּערסיען. ער האָט אָבער געענטפֿערט דעם בישאָף, אַז דאָס לאַנד הימיאַראַ איז צו ווייט און ער קאָן קיין מיליטער ניט

שיקען אין אַזעלכע ווייטע זאַמדיגע מדבריות. אָנשטאָט דעם האָט ער צוגעזאָגט צו שרייבען צום אַביסינישען נעגוס, וועלכער איז שוין אויך געוועזען אַ קריסט, און ער איז געוועזען נישט וויט צו אַראַביען. ויין הבטחה האָט יוסטין אין דער ווירקליכקייט מקיים געוועזען, ער האָט אָנגערייצט דעם אַביסינישען נעגוס צו פיהרען מלחמה מיט'ן אידיש־אַראַבישען קעניג.

אָט אַזוי האָבען זיך פערשוואָרען פיעל פריינד צו נעמען נקמה פון אַ קעניג, וועלכער האָט זיך דערוואויגען אָנצונעהמען זיך פאַר די אידען. דער מעכטיגסטער פיינד פון דהו נואס איז געוועזען דער עטיאָפּישער קעניג, דער נעגוס עלעסבאַאַ, זעהר אַ קנאַי'שער קריסט, וועלכער האָט געקוקט מיט גרויס אונצופרידענהייט אויף דער קעניגליכער קרוין, וואָס אַ איד האָט געטראָגען. עס איז גאָרנישט נויטיג געוועזען, אַז מען זאָל איהם אַזוי שטאַרק אויפרייצע, פון אַלע זייטען. איהם איז שוין דער אידישער קעניג פון לאַנג אָן געוועזען אַ דאָרן אין אויג. ער האָט דעריבער באַלד צוזאַמענגעשטעלט אַ פלאָט, וועלכען דער ביזאַנטינישער קייזער, אָדער בעסער זיין מיט רעגענט, יוסטיניאַן, האָט פערשטאַרקט דורך זיינע שיפען, וועלכע ער האָט געשיקט פון מצרים. אַ גרויסע אַרמעע האָט גערדאַרפט אַריבערגעפיהרט ווערען איבער'ן רויטען ים, און זעהר פיעל קריסטען האָבען זיך מיט איהר פעראייניגט, כדי צו נעהמען נקמה פון די אידען. דער אידיש־הימיאַריטישער קעניג האָט נאָר געקאָנט האָפען אויף זיין געטרייע אַרמעע און איהר שטאַרקען מוט, די מלחמה האָט זיך אין ערשטען צוזאַמענשטויס געענדיגט אונגינסטיג פאַר דהו נואס. די אַראַבישע הויפּטשטאָדט זאַפאַראַ (צופר) איז געפאַלען פאַר די פיינד, וועלכע האָבען איהר בערויבט און אַוועקגעפיהרט די קעניגין געפאַנגען. ווען יוסף דהו נואס האָט דערזעהען, אַז ער איז פאַרלאָרען געגאַנגען, האָט ער באַשלאָסען נישט אַריינפאַלען צו די פיינד אין די הענד און בעסער שטאַרבען אַלס אַ גבור. ער איז רייטענדיג אויף זיין פערד אַרויפגעשטיגען אויף אַ שפּיץ באַרג און זיך אַראָבגעוואָרפען פון דאָרט אין ים אַריין, די כוואַליעס האָבען זיין קערפער אַוועקגעטראָגען גאַנץ וויט ביז ער איז פערשוואונדען געוואָרען (530). די מנצחים—די עטיאָפּיער, האָבען גערויבט און געברענט אין'ם לאַנד אַלץ, וואָס זיי האָבען נאָר געטראָפען אויף זייער וועג, און פיעל איינוואָהנער האָבען זיי אָבגעפיהרט געפאַנגען. מיט דער גרעסטער אכזריות אָבער האָבען זיי זיך בעגאַנגען מיט די אידען: טויזענדער אידען האָבען געמוזט בעצאָהלען מיט זייער לעבען פאַר נוזמאות, וועלכע עס האָבען פערשפּרייט איינגע בישאָפען וועגען יוסף'ס מלחמה אין נאַדושראַן, און אָט דאָס איז געוועזען דער סוף פון דער אידיש־אַראַבישער מלוכה, וועלכע איז איבער נאַכט ענטשטאַנען און איבערנאַכט זיך געענדיגט.

אונגעפער אַרום דער זעלביגער צייט זענען אויך פאָרגעקומען העפטיגע צוזאַמענשטויסען צווישען די אידען אין יאַתריב און די דאָרטיגע

אַראַבער. די דאָרטיגע געגענד האָט אויך געהערט צום אידישען קעניג. און דעריבער האָבען די אידען דאָרט געהאַט די הערשאַפֿט איבער די אַראַבער. אַ אידישער שייך אַל־נימאַן איז געוועזען דער פערוואַלטער איבער׳ן לאַנד. אָבער די אַראַבער פֿון די שבטים אַוס און חאַזראַג האָבען נישט געוואָלט זיין אַבהענגיג פֿון די אידען. און איצט האָבען זיי אויסגענוצט די געלעגענהייט אָנצופֿאַלען אויף די אידען און אַראָבצוואַרפֿען פֿון זייער הער־שאַפֿט. איין אָנפֿיהרער פֿונ׳ם שבט גהאַסאַן, ח אַ ר י ת ־ א ב ן ־ א ב ו ש מ י ר, וועלכער איז געוועזען פֿערוואַנדעט מיט די אַראַבישע שבטים פֿון יאַתריב. איז אַרויסגעטראָטען מיט זיינע מחנות, כּדי אָנצופֿאַלען אויף די אידען אין יאתריב. בשתיקה איז ער געוועזען אונטערגעקויפֿט פֿון קייזערליכען הויף אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און די אידען האָבען דערפֿון נישט געוואוסט. כּדי אָב־צונאַרען די אידען. האָט ער זיי ערקלערט, דאָס ער גערט העלפֿען דעם אידישען קעניג יוסף. דערביי האָט ער איינגעלאַדען די אי־דישע אָנפֿיהרער, אַז זיי זאָלען אַרויסגעהן צו איהם אין לאַגער נעבען יאתריב. ווען די אידען זענען צו איהם אַרויסגעקומען, האָט ער געלאָזט פֿיעל פֿון זיי אויס׳הרג׳ענען, דערביי האָט ער ערקלערט די אַראַבער אין יאַתריב: „איך האָב אייך בעפֿרייט פֿון אַ גרויסען טייל פֿון אייערע שונאים. איצט וועט עס לייכט זיין פֿון די איבריגע אַליין זיך צו בעפֿרייען, אויב איהר וועט נאָר אַרויסווייזען גענוג מוט און קראַפֿט”, די אַראַבישע שבטים האָבען זיך אָבער נישט דערוואויגען אָפֿען אָנצופֿאַלען אויף די אידען, און דעריבער האָבען זיי זיך אויסגעקליבען אַנ׳אַנדער וועג: זיי האָבען איינגע־לאַדען אויף אַ סעודה אַלע אידישע אָנפֿירער, און פּלוצלונג זענען זיי אויף זיי אָנגעפֿאַלען און אויסגע׳הרג׳עט זיי. נאָכדעם ווי זיי האָבען די אידישע אָנפֿיהרער אויסגע׳הרג׳עט, איז זיי שוין געוועזען לייכט צורעכט צו ווערען מיט די איבריגע אידען אין יאתריב. די אידען זענען געוועזען געצוואונגען אָבצוגעבען די אַראַבער זייערע בעסטע פּאַלאַצען און פֿעסטונגען (530) אַזוי אַרום האָבען זיי זייערע רעכט און פֿרייהייט פֿערלוירען. פֿאַר די אי־דען איז עס געוועזען אַ שטאַרקער קלאַפּ, דען זיי האָבען איצט געמוזט גע־הערען צו יענע, וועלכע זענען ביז איצט געוועזען ביי זיי אונטערטעניג, אָבער די אידישע לאַגע איז אָבער געוואָרען אַזוי אונגינסטיג, אַז זיי האָבען נאָרנישט געקאָנט אונטערנעהמען געגען די אַראַבער און אפֿילו זייער בי־טערען צאָרן און שנאה האָבען זיי געמוזט פֿערבאָרגען, די אידען האָבען זיך געמוזט בעגנוגען מיט׳ן שטעהן אונטער׳ן שוץ פֿון די אַראַבישע שבטים פֿון די בני אוים און האַזראַג, וועלכע זענען פֿריהער געווען זייערע פֿער־בונדעטע און האָבען אָנגעהויבען צו גלויבען, אַז משיח וועט קומען און זיי בעפֿרייען פֿון זייערע בעדריקער, נעהמענדיג נקמה פֿאַר אַלדאָס שלעכטס וואָס מען האָט זיי געטהון.

דער אַראַבישער נשיא אַבו־שמיר, וועלכער האָט אָבגעשוואַכט די אידישע שבטים אין יאַתריב, האָט אויך געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט׳ן

אידישען דיכטער שמואל בן עדיה, (געבוירען ארום 500 געשטארבען ארום 560) וועלכער איז דאדורך געווארען זעהר בערימט ביי די אראבער. זיין פאטער עדיה האט געוואהנט פריהער אין יאתריב, שפעטער אבער האט ער זיך אויסגעבויט א פעסטונג אין דער געגענד פון תימא, אכט טעג גאנג ווייט פון יאתריב צום דרום-קאנט. די פעסטונג איז געשטאנען אויף א הויכען בארג, און געווען געבויט פון פערשיעדענפארביגע שטיינער; די אראבער האבען איהר דערפאר אנגערופען אלבלאק אלפארדד, דאס הייסט, די פערשיעדענפארביגע, און האבען איהר בעזונגען אין זייערע ליעדער. עדיה איז געווען דער נשיא פון א קליינעם שבט, און ביי די אראבער אזוי אנגעזעהען, אז פיעל פון זיי זענען געקומען זיך בעשיצען אונטער איהם. נאך זיין טויט איז די פעסטונג איבערגעגאנגען צו זיין זוהן שמואל, ביי וועלכען עס פלעגען געפינען שוץ און פערטיידיגונג אלע פערפאלגטע און גע'רודפ'טע. ווען דער קעניג-דיכטער פון די אראבער אמרו-אלקיש האט געמוזט ענטלויפען פאר זיינע פערפאלגער און נישט געקאנט געפינען אין ערגעץ קיין ארט, איז ער געקומען צו שמואל'ן אין זיין פעסטונג, וועלכער האט איהם גענומען אונטער זיין זיכערען שוץ. דער אידישער דיכטער שמואל איז געווען גאנץ שטאלץ דערויף, וואס ער האט געקאנט נעהמען אונטער זיין שוץ דעם ערשטען בערימטען אראבישען דיכטער. ער האט איהם אריינגענומען צו זיך אין שלאס מיט זיין טאכטער און אלע זיינע מענשען און בעהאלטען ביי זיך א לאנגע צייט. דער דיכטער אמרו-אלקיש איז געווען דער זוהן פון'ם קענדיטישען קעניג (פון די בני כנדה), וועלכען זיינע פיינד האבען דער'הרג'עט, און, זייענדיג ביי שמואל'ן אין דער פעסטונג, האט ער זיך בעמיהט צו בעקומען פריינד, וואס זאלען איהם שטיצען און העלפען נקמה-נעהמען פאר'ן טויט פון זיין פאטער, ווי אויך כדי צו בעקומען צוריק זיין טראהן. ווען ער האט אבער איינגעזעהען, אז ער וועט קיין הילף ביי די ארומיגע אראבישע שבטים נישט בעקומען, האט ער איבערגעלאזען זיינע פאנציערען און נאר זיין געוועהר ביי שמואל'ן און זיך געלאזט אין וועג צום קייזער יוסטיניאן, כדי צו זוכען ביי איהם הילף. באלד נאך אמרו-אלקיש'עס אבפאהרען איז געקומען צו שמואל'ם פעסטונג דער אראבישער פירשט חרית אבן-אבו-שמיר, וועלכער איז געוועזען אנ'ערביטערטער פיינד פון אמרו-אלקיש און געפאדערט ביי שמואל'ן, אז ער זאל איהם אבגעבען גאר דאס געוועהר, וואס אמרו-אלקיש האט איבערגעלאזען ביי איהם. ווייל שמואל האט אבער געוואלט בלייבען געטריי זיין ווארט, וואס ער האט געגעבען אמרו-אלקיש צו היטען זיין געוועהר, האט ער נישט געוואלט ערפילען אבו-שמיר'ס פאדערונג. אבו-שמיר האט דעריבער אונטערגענומען א פארמאלנע בעלאגערונג ארום שמואל'ס פעסטונג. נעהמען די פעסטונג דורכ'ן שטורם האט ער נישט געקאנט און האט דעריבער אנגעווענדעט א גרויזאמען מיטעל: ער האט גענומען געפאנגען שמואל'ס יונגען זוהן, וועלכער

איז געגאנגען שפאצירען מיט זיין אם אויסער דער פעסטונג, און האט געטראשעט איהם צו דער'הרג'ענען, אויב שמואל וועט איהם נישט ארויסגעבען דאס פרעמדע געוועהר. איין אויגענבליק איז דער אידישער פאטער מבולבל געווארען: עס איז איהם געווען שווער פאלש צו ווערען געגען זיין פריינד און ארויסגעבען די זאכען, וועלכע יענער האט איהם אנגעטרויט, אבער די ליעבע צו זיין יונגען זוהן איז ביי שמואל'ן געווען נאך שטארקער, און ער האט נישט געקאנט צו זעהען, ווי מען וועט איהם דער'הרג'ענען. ענדליך אבער האט ביים פאטער מנצח געווען דאס געפיהל פון געטריייהייט פאר זיין געגעבענעם ווארט, און ער האט ערקלערט דעם אראבישען פירשט: „טהו, וואס דו ווילסט. פערראט איז א האלזבאנד, וואס דערשטיקט דעם מענשען, און מיין קינד האט ברידער, וועלכע וועלען פאר איהם נקמה נעהמען. מיין ווארט האב איך קיינמאל נישט געבראכען“. דער אונמענש איז נישט גערירט געווארען דורך אזא הויכען אידעאלען גייסט, און האט דאס קינד דער'שחט'ען פאר שמואל'ס אויגען. זיין פערלאנג האט ער אבער נישט אויסגעפיהרט און האט זיך געמוזט צוריקציהען פון דער פעסטונג. ביי די אראבער איז פון דעמאלט אן געבליבען א שפריכווארט: „געטריי, ווי שמואל“ — ווען זיי פלעגען וועלען ריהמען עמיצענס געטרייהייט און עהרליכקייט. אבו־שמיר האט זיך אומגעקעהרט צוריק אין זיין לאנד און אויסגעלאזען זיין כעס צו די אידישע איינוואוינער פון כייבאר, פון וועלכע ער האט פיעל אויסגע'הרג'עט און פיעל גענומען געפאנגען.

שמואל'ס זוהן שריה Schoriach איז אויך געגאנגען אין זיין פאטערס דרכים. אין יענער צייט איז צווישען די אראבער געווען א דיכטער מיימון אשה, וועלכער האט, צוליעב זיין בעזאנדער שפראך, געהאט זעהר פיעל פיינד. ענדליך איז אויף איהם אנגעפאלען איינער פון זיינע שונאים און גענומען איהם געפאנגען. צוזאמען מיט אנדערע געפאנגענע האט מען דעם דיכטער געבראכט אין שריה'ס פעסטונג תימה. כדי זיך צו ראטעווען, האט דער דיכטער זיך געווענדעט צו שריה'ן מיט א ליעד וועגען זיין פאטער שמואל:

זיי ווי שמואל, ווען געצוואונגען
האט א פירשט איהם א רוצח:
„ווערסט נישט פאלש, איך שעכט דיין קינד,
קלויב דיר אויס און באלד, געשווינד!“
שמואל האט נישט לאנג געטראכט:
„מארדען קאנסטו מיר מיין קינד,
געגען געסט טהו איך קיין זינד!“

ווען שריה האט דערהערט דאס ליעד, האט ער פערשטאנען, ווער דער דיכטער איז, און בעפרייט איהם פון געפאנגענשאפט.

ארום סוף דעם זעקסטען יאהרהונדערט האבען די אידען אין יאתריב

ווידער זיך דערהויבען נאך די גרויסע קלעפ, וואס זיי האבען בעקומען אין די לעצטע יאהרען. די שבטים אוים און חאזראג, ביי וועלכע זיי זענען געוואָרען אונטערטעניג, האבען אין א משך פון צוואנציג יאהר געפיהרט בלוטיגע מלחמות צווישען זיך און זענען זעהר אפגעשוואכט געווארען, וועהרענד די אידען, אלס אונטערטעניגע, זענען זיך געזעסען גאנץ רוהיג און האבען זייערע כחות נישט פערשוועדעט אין אומזיסטע מחלוקת. ווען צווישען די דערמאהנטע שבטים האט דערנאך ווידער אויסגעבראכען א מלחמה, האבען די אידען שוין פערנומען א פעסטע שטעלע אין יאתריב.

דאס יודענטום האט נישט בלויז בעקענט געמאכט איניגע אראבישע שבטים מיט די הויכע פרינציפען פון דער תורה, ווי אויך מיט איניגע אינסטיטוציעס, וואס זענען נויטיג פאר יעדער גוט־איינגעארדענטער מדינה; זי האט אויך דערוועקט צווישען זיי א נייען רעליגיאנס־גרינדער, וועלכער איז אריינגעטראטען בימלעכווייז אין זעהר גרויסע קרייזען און דער וועלט־געשיכטע און ווירקט נאך עד־היום צווישען הונדערטער מיליאנען פעלקער. מחמד, דער „נביא פון מעקא און יאתריב", איז אפילו נישט געווען קיין איד, אבער ער איז אויסגעוואקסען אונטער דער איינציגער השפעה פון יודענטום, וועלכע האט איהם דערוועקט צו ברענגען אויף דער וועלט א נייע רעליגיאנס־פארמע מיט נייע מלוכה־יסודות, וואס מען רופט איסלאם. פון זיין זייט ווידער האט דער איסלאם אויך געהאט שפעטער א גרויסען איינפלוס אויפ'ן יודענטום און זיין ענטוויקלונג, ווי אויך אויף דער אידישער געשיכטע.

צוזאמענקומענדיג אפט אין זיין געבורטס־שטאדט, אין מעקא, אויף די יריד'ען און אויף זיינע נסיעות מיט די אידען אדער אראבער, וועלכע זענען געשטאנען נאהענט צו אידען, האט עבודאלה'ס זוהן (Abuallah) מחמד, אנגעהערט זיך פיעל פון דער אידישער רעליגיע, וועלכע שטעלט איבער דער גאנצער וועלט דעם איינציגען גאט און בעשעפער, ווי אויך פון אברהם'ן, וועלכער האט זיך געווידמעט דעם דינסט פונ'ם דאזיגען גאט; ער האט אויך געהערט וועגען די רעליגיעזע און זיטליכע אינסטיטוציעס, וועלכע מען קאן געפינען נור ביי די אידען און נישט ביי די געצען־דינער, און זיין גייסט איז שטארק איינגענומען געווארען דורך דער דאזיגער רעליגיאן. א'אנגעזעהענער איינוואוינער פון מעקא, באראקה אבן נאופאל, פון דער יחוס־משפחה פון די קארייִשיטען, א פעטער פון מחמד'ס פרוי חאדידשא, וועלכער האט זיך מגייר געווען און האט פערשטאנען העבריאיש, האט בלי־ספק איינגעפלאנצט אין מחמד'ן די ליעבע פאר אברהם'ס אמונה.

די ערשטע לעהרען פון מחמד, וועלכע ער האט אויפגענומען, זייענדיג אינ'ם צושטאנד פון א שווערער מחלה (Epilepsie), און האט זיי איבערגעגעבען א נאהענטען קרייז פון תלמידים, אלס א נבואה, וואס ער האט געהאט פון מלאך גבריאל, האבען איינגאנצען געטראגען דעם כאראקטער פון

דער אידישער אמונה. קודם־כל האט ער דעם איינפאכען, אבער נאך אלץ נישט גענוג אנערקענטען און בעהערציגטען פרינציפּ פון יודענטום: „עס איז נישטא קיין אנדער גאט, אויסער אלה“; ערשט שפּעטער האט ער מיט גרויס גאוה צוגעגעבען צו דער דאזיגער רעליגיאנס־פארמולע: „און מחמד איז זיין נביא“. ווען מחמד פלעגט װעגען דעם דאזיגען גאט זאגען, אז ער האט נישט קײנע חברים און איז איינציג און אליין דער בעשעפער פון הימעל און ערד; ווען ער פלעגט ערקלערען, דאס גאט קאן נישט פארגעשטעלט ווערען אין א בילד און בכלל נישט פערזאנשוילכט ווערען פאר'ן מענשען; ווען מחמד פלעגט ארויסטרעטען אין זיינע רעדעס געגען דער וויסטער געצענדיענערײ און די דרײ הונדערט געטער, צו וועלכע מען פלעגט אין דער קאאבא דיענען; ווען ער פלעגט מוסר'ן די אראבער געגען דער זנות, וואס איז צווישען זײ געווען פערשפרייט, געגען דעם גרויזאמען מנהג, ארײנצוווארפען געבוירענע טעכטער אין וואסער, כדי נישט צו דארפען זײ ערציהען, און, ענדליך, ווען ער פלעגט עפענטליך ערקלערען, אז דאס אלץ איז כלל נישט קיין נייעס, נור דאס זענען די יסודות פון אברהם'ס רעליגיע — האט דאס יודענטום געקאנט, נאטירליך, דערין זעהען איהר נצחון און טריאומף און די אידען האבען דערין געזעהען די ערפילונג פון דער נבואה, אז „גאט וועט געבען אלע פעלקער איין קלארע שפּראך, דאס זיי זאלען אלע רופען אין'ם נאמען פונ'ם איינציגען, איינציגען גאט, וואס אין איהם מוזען אלע שווערען און פאר איהם מוזען זיך אלע בוקען“. דאס איז געווען פונקט דאס אייגענע, ווי אין דער צייט, ווען שאול פון תרסוס (דער אפּאסטאל פאול) איז צום ערשטען מאל ארויסגעטראטען פאר די גריכען און האט זײ ערקלערט די הויפּט־יסודות פון דער אידישער רעליגיע. דאס בעסטע, וואס דער אלקאראן ענטהאלט, אלס גרונד־בוך פון דער מחמד'אנישער רעליגיע, איז גענומען געווארען אדער פון תנ"ך, אדער פון תלמוד.

ווען מחמד האט אין זיין געבורטס־שטאדט מעקא, וועלכע איז געווען דער צענטער פון דער אראבישער געצענדיענערײ, נישט געפונען קיין אפענע אויערען פאר זיין נייער לעהרע און עס האבען זיך דארט דערהויבען געגען איהם פיעל פיינד, אזוי, אז זיין לעבען איז געשטאנען אין סכנה, האט ער זיך געווענדעט צו די איינוואוינער פון יאטריב און געפאדערט פון זיי, אז זײ זאלען זיין לעהרע אננעהמען. די יאטריבער אנגעזעהענע איינוואוינער, וועלכע זענען בעסער בעקענט געווען מיט דער אידישער תורה, ווי די מעקא'ער, און האבען אין מחמד'ס לעהרע געזעהען פיעל ענליכעס צום יודענטום, האבען איהם איינגעלאדען צו קומען קיין יאטריב אין דער האפנונג, אז ער וועט דארט געפינען פיעל אנהענגער. ווי נור מחמד איז

געקומען קיין יאתריב (דאס הייסט: אין מעדינא[1]), האט ער אײנגע־ליידען די ארטיגע איינוואוינער צו געווינען די אידען פאר זיין אמונה און פארשטעלען זיי די זאך אזוי, ווי ער וואלט געשטרעבט צו פערשפרייטען דאס יודענטום אין גאנץ אראביען. אין שטאדט איז ער אריינגעקומען גראדע אום יום־כפור, ווען די אידען פאסטען און זענען מתפלל צו גאט. — „אונז אראבער — האט מחמד געזאגט, — פאסט נאך מעהר, ווי די אידען, צו פאסטען אינ'ם דאזיגען טאג“, און האט בעשטימט דעם טאג פאר אן'אייבי־גען תענית, אנרופענדיג איהם אשורה (דעם צעהענטען). מחמד האט געשלאסען מיט די אידישע שבטים א פארמאלנעם בונד צו העלפען איינער דעם אנדערען געגענזייטיג, און זיי צוליעב האט ער בעשטימט, אז בשעת'ן תפלה־טהון (קיבלאה) דארף מען זיך ווענדען מיט'ן פנים צו ירושלים. ווען עס פלעגט אויסברעכען א מחלוקת צווישען די אידען און זיינע מאמינים (מושלימים), פלעגט מחמד שטעהן אויפ'ן צד פון די אידען, ווען זיי פלעגען זיך פאר איהם משפט'ן. — מחמד האט ביי זיך געהאלטען א לאנגע צייט א אידישען סעקרעטאר, וועלכער פלעגט בעזארגען זיין גאנצע קארעספאנ־דענץ, ווייל ער אליין האט נישט געקאנט שרייבען. פאר די אידען אין מעדינא (יאתריב) האט די פריינדשאפט פון אזא פערזאן געהאט א גאנץ גרויסע בעדייטונג. זיי האבען בעטראכט מחמד'ן כמעט פאר א גר־צדק און האבען געהאפט, אז דורך איהם וועט דאס יודענטום אנערקענט ווערען אין גאנץ אראביען. אייניגע אידען האבען זיך מיט איהם אינגאנצען פער־אייניגט און זענען געווארען זיינע מיטהעלפער, (אנסאר); צווישען זיי איז געוועזען דער אידישער געלעהרטער עבד־אלה אבן סלם פונ'ם שבט קאינוקאא. דער דאזיגער איד, צוזאמען מיט אנדערע אידען, האבען איהם געהאלפען, ווען ער פלעגט ערקלערען זיין אלקאראן, ווייל די אראבער האבען אין איהם נישט געהאט קיין אמונה און פלעגען זאגען, אז „נישט דער מלאך גבריאל ערקלערט איהם זיינע סודות, נור איינער א מענש לערענט מיט איהם די נייע תורה“.

אבער נור גאנץ ווייניג זענען צו איהם צוגעשטאנען אין מעדינא, ווייל די דארטיגע אידען האבען באלד איינגעזעהען, אז מחמד שטרעבט אי־בערהויפט צו ערפילען זיינע פערזענליכע תאוות, און איז זעהר שטאלץ און פערנומען שטארק מיט פרויען. די אידען האבען געהאט אזא שענעם און הויכען אידעאל וועגען דער פערזאן פון א נביא, אז זיי האבען נישט גע־קאנט גלויבען, דאס דער דאזיגער בעל־תאוה, וועלכער לויפט נאך יעדער שענער פרוי, זאל זיך קאנען פערגלייכען מיט א נביא, און האבען מיט איהם עטוואס געמיינזאמעס. „קוקט איהם נור אן — פלעגען די אידען זא־

1) דאס יאהר, ווען מחמד איז געקומען קיין יאתריב־מעדינא הייסט ביי די מחמדאנער „דאס יאהר פון אנטלויפען“: העדזשרא. דאס איז געווען אין יאהר 622 נאך קריסטוס.

גען, — ער ווערט מיט קיין שפּייז נישט זאַט און האָט קיין אַנדער דאגה נישט, ווי צו בעקומען אַ שענע פרוי. אויב ער איז אַ נביא, טאָ זאָל ער זיך ווידמען דער נבואה און נישט דער תאוה צו פרויען". אַדער זיי פלעגען אַזוי זאָגען: „אויב ער איז אַ נביא, טאָ זאָל ער אַרויסטרעטען אין ארץ־ישראל, דען נור דאָרט ענטפּלעקט זיך די שכינה פאַר אַ מענשען". אַנדערע אידען פלעגען ערקלערען זיך געגען איהם אַזוי: „ער בערימט זיך, דאָס ער האַלט פון אברהם'ס אמונה; אָבער אברהם פלעגט נישט עסען קיין פלייש פון קעמלען, אָדער קיין קעמעל־קעז, ווי מחמד". דער הויפּטגעגנער פון מחמד צווישען די אידען איז געווען פּנחס אבן עזורה, אַ מענש מיט אַ בייסענדער איראָניע, וועלכער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט מאַכען מחמד'ן לעכערליך, ווייטער: קאַאַב אבן אשרף, וואָס זיין פאָטער איז געווען אַן אַראַבער און זיין מוטער אַ אידישע טאָכטער, און אויך דער איבער הונדערט יאָהר אַלטער אידישער דיכטער אין אַראַביש אבו־אַפאַק, וועלכער האָט געשטרעבט צו מאַכען פערהאַסט מחמד'ס נאָמען צווישען די אונוויסענדע אַראַבער, און, ענדליך, דער איד עבד־אַלה, דער זוהן פון סוירה, וועלכער איז געווען בעוואוסט אַלס דער גרעסטער אידישער מלומד אין גאַנץ צפון־אַראַביען. מחמד'ס אידישע געגנער פלעגען אויסלאַכען זיינע „נבואות" און שפּריכווערטער, און וועלכע זיי פלעגען אַריינגעבען אַ לעכערליכען זין, נישט־זעהענדיג פאַראויס, אַז דער מענש, וועלכער איז געקומען קיין מעדינאַ זוכען פאַר זיך הילף, וועט מיט דערצייט געוועלטיגען איבער אַ גרויסען טייל פון אידישען פאָלק ביז אין די שפּעטיגסטע צייטען און קאָנען זיך אַרויסזאָגען איבער לעבען און טויט פון די אידען. צופיעל האָבע זיך יענע אידען פערלאָזען אויף זייער מוט און שטאַרקייט!

מחמד האָט תחלת אויפגענומען גאַנץ גלייכגילטיג די גריגגשעצונג מצד די אידען. צו זיינע מאמינים פלעגט ער צו זאָגען: מיט'ן „עם הספר" זאָלט איהר קעמפּפען נור אויף אַן'אַנשטענדיגען אופן; זאָגט צו זיי אַזוי: „מיר גלויבען אין דאָס, וואָס איז פאַר אונז און פאַר אייך נתגלה געוואָרען. אונזער גאָט און אייער גאָט איז נור איינער און מיר זענען איהם איבערגעגעבען". אויף לאַנג האָט אָבער אַזאַ טאָלעראַנטע בעציהונג נישט געקאָנט בלייבען. פון איין זייט האָבען די אידען זיך בעמיהט אָבצורעדען פון מחמד'ן זיינע מאמינים און עס איז זיי אויך געלונגען אָבצורעדען פון איהם דעם ערשטען מענשען פון מעדינאַ, עבד־אַלאַ—אבן אוביה פונ'ם שבט חאַזראַג, וועלכער האָט געוואָלט ווערען קעניג אין מעדינאַ און דורך מחמד'ס אַריינקומען אין שטאָדט איז ער כמעט פערגעסען געוואָרען. די אידען האָבען איהם אַזוי שטאַרק אָנגערייצט געגען מחמד, אַז ער איז ביז'ן טויט געבליבען זיינער אַ פערביסענער געגנער. פון דער אַנדער זייט ווידער האָבען מחמד'ס מאמינים געפאָדערט פון איהם דורכאויס, אַז ער זאָל זיך אַרויסזאָגען קלאָרער וועגען זיין בעציהונג צום

יודענטום. זיי האבען געזעהן, אז מחמד'ס אנהענגער צווישען די אידען פלעגען נאך אלץ אבהיטען זייער תורה און אבהאלטען זיך פון צו עסען קעמעל־פלייש און זיי פלעגען צו איהם דעריבער זאגען: „אויב די תורה איז א געטליך בוך, טא לא'מיר לעבען, לויט איהרע געזעצען". ווייל אבער מחמד איז צופיעל געווען דורך און דורך אנ'אראבער, אז ער זאל זיך איינגאנצען קאנען פעראייניגען מיט'ן יודענטום, און ער האט אויך פאראויסגעזעהען, אז די אראבער וועלען גאר נישט קאנען אננעהמען אלע געזעצען פון דער תורה, ווייל פיעל פון זיי זענען געגען זייער נאציאנאלען כאראקטער, דעריבער האט ער זיך ענדליך ענטשלאסען איבערצורייסען זיינע בעציהונגען צו די אידען און צום יודענטום. דערויף האט ער ענטדעקט די אראבער א לאנגע נבואה, אחער סורה (וועלכע האט געהייסען: די סורה פון דער בהמה), וואס איז פול מיט זידלערייען און אויסלאכונגען פון די אידען. ער האט מבטל געמאכט זיין פריהערדיגע תקנה, אז מען זאל זיך ווענדען בשעת דער תפלה צו ירושלים, און בעפוהלען, אז מען זאל זיך ווענדען צו מעקא און דעם טעמפעל קאאבא (624). דעם תענית אשורה, ווען ביי אידען איז יום־כפור, האט ער אויך מבטל געמאכט, און, אנשטאט דעם, האט ער בעפוהלען אבצוהיטען א תענית אינ'ם חודש ראמאדהאן, וועלכער איז פון אייביג אן געווען הייליג ביי די אראבער. ער האט איצט געמוזט אבזאגען זיך פון פיעל זאכען, וועלכע ער האט פריהער ארויסגעגעבען אלס א געטליכע נבואה. מחמד האט אויך ערקלערט, אז אין דער תורה איז געווען פיעל פאראויסגעזאגט וועגען זיין צוקינפטיגער ערשיינונג, אבער די אידען האבען עס אלץ אויסגעמעקט. וועהרענד ער פלעגט פריהער ערקלערען, אז די אמת'ע אמונה געפינט זיך ביי די אידען, האט ער שפעטער פערשפרייט א קלאנג, אז די אידען האלטען עזרא הסופר פאר א גאטעס־זוהן, ווי די קריסטען ישו, און דעריבער דארף מען די אידען בעטראכטען פאר כופרים, דאס הייסט, פאר אנ'אומה, וואס לייקענט אין גאט. זיין גרויסער צארן געגען די אידען, וועלכע פלעגען אבלייקענען אין זיינע נבואות, האט געפיהרט מחמד'ן צו בעגעהן פיעל אונגערעכטיגקייטען געגען די אידען.

ווי אבער עס האט זיך אין זיין הארצען נישט פערשטארקט די שנאה צו די אידען, האט ער זיך דאך נישט דערוואויגען באלד אויפצורייצען זיי דורך מעשים. זיין אנזעהען איז נאך דערצו נישט גענוג שטארק און גרויס געווען ביי די אראבער, אז ער האט זיך געזאלט ערלויבען עפענטליך אונטערצונעהמען עטוואס געגען די אידען, וועלכע זענען אין אראביען געווען זעהר פיעל און האבען געהאט פיעל פערבונדעטע צווישען די אראבישע שבטים. ערשט נאך דער מלחמה נעבען בעדר (Bedz) אין ווינטער (624), ווען די קליינע מחנה פון מחמד'ן האט אבגעהאלטען א נצחון איבער די קאריישיטען, איז זיין בעציהונג צו אידען געווארען גאר אנ'אנדערע. מחמד איז נאך דעם דאזיגען נצחון געווארען זעהר שטאלץ און האט זיך

אָבגעזאָגט פון דער בּיזאיצטיגער ראָליע פון אַ נביא אַנ'עניו; ער איז גע־וואָרען פיעל מעהר אַ שטרענגער מושל, אַ טיראַן, פאַר וועלכען אלע מיטלען זענען גוט, אבי זיך צו בּעפרייען פון זיינע פיינד. פונדעסטוועגען איז ער דאָך געווען צוריקלוג צו רייצען זיך מיט די מעכטיגע אידישע שבטים. ער האָט דעריבּער געמאַכט די התחלה מיט די שוואַכערע, מיט די קאינוקאַא. דער מאָטיוו דערצו איז געווען דוקא נישט קיין וויכטיגער. אַ אידישע דיכ־טערין, אסמה, די טאָכטער פון מערבּאַן, וועלכע האָט געשטאַמט פון דעם שבט און איז געווען פערהייראַטעט מיט אַנ'אַראַבּער, האָט פערפאַסט איי־ניגע עפּיגראַמען, אין וועלכע זי האָט אָבגעשפּאָטעט פון מחמד און זיין תורה. מחמד'ן האָט די זאַך פערדראָסען, און ער האָט אונטערגעשיקט אַ מערדער, וועלכער האָט די פרוי דער'הרג'עט אין איהר שלאָף־צימער. די אידען האָבּען נקמה גענומען פאַר'ן דאָזיגען מאָרד און דער'הרג'עט דעם מערדער. דאַן האָבען די אַראַבּער דער'הרג'עט דעם אַלטען אידישען דיכטער אַבּו־אַפאַק. דאַן האָט מחמד געשיקט זאָגען דעם שבט קאינוקאַא: „אויב איהר וועט אָננעהמען דעם איסלאַם, איז גוט, און אויב נישט, גרייט זיך צו צו מלחמה“. די קאינוקאַא האָבען דערויף געענטפערט: „מיר ליעבּען אפילו דעם שלום און ווילען האַלטען מיט דיר אַ בּונד פון פריינדשאַפט; אויב אָבּער דו פערלאַנגסט דורכאויס מלחמה, וועלען מיר דיר ווייזען, אַז עס פעהלט אונז נישט קיין מוט דערצו“. געהאָפט האָבּען די בּני קאינוקאַא, אַז די אידישע שבטים בּני נאַדהיר און בּני קוראַיזה וועלען זיי נישט פערלאָזען און קומען זיי צו הילף, דעריבּער האָבען זיי זיך פערשלאָ־סען אין זייערע פעסטונגען און שלעסער אַרום מעדינאַ (יאַתריב). מחמד האָט דערווייל פערזאַמעלט גרויסע מחנות און זיי בּעלאַגערט. ווען די אידען פון צפון־אַראַבּיען וואָלטען געקאָנט פאָראויסזעהען, אַז זיי אַליין ערוואַר־טעט אויך אין דער צוקונפט אַזאַ מלחמה און אויב זיי וואָלטען איצט גע־שלאָסען אַ בּונד מיט מחמד'ס געגנער, ווי זיי האָבּען דאָס ערשט געטהון שפּעטער, וואָלטען זיי גאַנץ לייכט געקאָנט דערדריקען מחמד'ן מיט זיינע אַנהענגער, וועלכע זענען נאָך געווען זעהר קליין אין דער צאָהל. אָבּער צווישען די אידען איז אויך אַזוי וועניג געווען אחדות, ווי צווישען די אַראַבּער און זיי זענען שטענדיג געווען פערנומען מיט אייגענע מחלוקת, האָבּען זיי דעריבּער נישט געטראַכט וועגען געבּען הילף זייערע בּרידער אין דער נויט. פופצעהן טעג האָבען געקעמפט די בּני קאינוקאַא העלדיש געגען זייער בּעלאַגערער מחמד מיט זיינע מחנות און אַלץ געהאָפט, אַז די אידען וועלען זיי קומען צו הילף. ווען זיי האָבּען אָבּער דערזעהען, אַז די דאָזיגע הילף קומט נישט אָן, האָבּען זיי געעפענט די טויערען פון זייערע פעסטונגען פאַר'ן פיינד. מחמד האָט געלאָזט שמיעדען אין קייטען אַלע דאָרטיגע אידען און געוואָלט שוין אויס'שחט'ען אַלעמען. אָבּער עבד־אַלה־אבן־אובּאַה, וועלכער איז געווען צווישען זיינע מאמינים, איז צו איהם צוגעטראָטען אין צאָרן און אויסגערופען: „איך וועל דיך נישט אָבּלאָזען,

ביז דו ווערסט בעפרייען די דאזיגע אידען, דען זיי זענען מיט מיר פערבונדען. און האבען מיר געשטיצט אין מיינע מלחמות געגען די שווארצע און די רויטע". מחמד האט זיך דערשראקען און ערקלערט: „לאזט זיי פריי, גאט זאל זיי פער'משפט'ען און איהם (עבד־אלה) מיט זיי צוזאמען". די אידען פון די בני קאינוקאא האבען געמוזט לאזען פאלען זייער האב־אונ־גוטס און זענען אויסגעוואנדערט אלע קיין ארץ־ישראל (זיעבען הונדערט מאן) מוטער־נאקעט, וואו זיי האבען זיך בעזעצט אויף יענער זייט ירדן אין לאנד בשן, נעבען אדרעי (Adraat) וואו די דארטיגע אידען האבען זיי, ווי עס שיינט, אויפגענומען זעהר פריינדליך (624). און יענער צייט האבען די אידען אין יענער געגענד געלעבט גאנץ פריי נישט אונטער'ן יאך פון דער ביזאנטינישער מלוכה און זענען א געוויסע צייט געווען די פאלקאמע בעלי־בתים אינ'ם לאנד פון זייערע עלטערן אויף יענער זייט ירדן.

נאכ'ן נצחון איבער די בני קאינוקאא האט מחמד פארגעטראגען זיינע מאמינים א נבואה געגען די אידען, וועלכע האט פערבאטען די אראבער צו שליסען וויטער א בונד מיט די אידען. און דער דאזיגער נבואה ווערט געזאגט: „אה, מאמינים! שליסט נישט קיין בונד מיט די אידען, אדער מיט די קריסטען. זאלען זיי זיך אליין בעשיצען; ווער עס ווערט מיט זיי א פריינד, ווערט צו זיי גלייך, גאט קאן נישט סובל זיין קיין זינדיג פאלק". פאר די קריסטען איז דער דאזיגער „חרם" נישט געווען וויכטיג, וויל זיי האבען אין צפון־אראביען געלעבט אין א גאנץ קליינער צאהל און האבען זיך געוועהנט צו זיין אונטערטעניג. די אידען אבער, וועלכע זענען אין אראביען געוועהנט געווען צו א פרייען אונאפהענגיגען לעבען, האט אזא חרם געדארפט ווערען זעהר געפעהרליך, וויל ער האט ביי זיי צוגענומען די מעגליכקייט צו געפינען פריינד ארום זיך. זייערע אמאליגע פערבינדעטע האבען זיך מיישטענס פון זיי אבגעזאגט און האבען בשתיקה אנגעהויבען צו נעהמען פון זיי נקמה, לויט ווי מחמד האט בעפוילען.

ביי דער דאזיגער שנאה צווישען מחמד און די אידען, קאן מען גלויבען די געשיכטע, וואס עס ווערט דערצעהלט. אז די אידען פונ'ם שבט בני נאדהיר האבען איינמאל איינגעלאדען צו זיך מחמד'ן אין זייער פעסטונג, זוהארא (Zulhaara) כדי איהם דארט צו ערמארדען. דער נשיא פון די בני נאדהיר איז דעמאלט געווען חויה אבן אחטייב, און מחמד איז אויף זיין איינלאדונג געקומען, כדי צו נעהמען אויסקויף־געלד פאר די דער'הרג'עטע אראבער. ווען מחמד איז אבער אריינגעקומען אין שטאדט, האט ער בעמערקט פון דער בעוועגונג צווישען די אידען, אז זיי שטרעבען איהם צו דער'הרג'ענען. ער איז דעריבער באלד אבגעגאנגען צוריק קיין מעדינא. די אידען בני נאדהיר האבען געהארפט שווער בעצאהלען פאר זייער פלאן איהם צו דער'הרג'ענען. מחמד האט זיי געשטעלט די וואהל איינס פון די צוויי: אדער אין א משך פון צעהן טעג אויסצעוואנדערן פונ'ם לאנד, אדער צו זיין גרייט צום טויט. תחילת הא־

בען די אידען געוואָלט אויסוואַנדערן, אָבער עבד אלה אבן אוביה פון די בני חאזראג האָט זיי צוגעזאָגט שטיצע און הילף אין זייער מלחמה, און זיי האָבען זיך דעריבער בעשלאָסען אויפצונעהמען דעם קאַמפף געגען מחמד. אומזיסט האָבען אָבער די אידען געוואַרט אין זייערע פעסטונגען אויף דער צוגעזאָגטער הילף. מחמד האָט אָנגעהויבען די מלחמה געגען זיי דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט אַלע זייערע וועלדער פון טייטעלבוימער, פון וועלכע זיי האָבען בעקומען זייער גאַנצע חיונה. נאָך אַ לאַנגער בעלאַגערונג האָבען די בני נאַדהיר געמוזט זיך אונטערגעבען אונטער דער בעדינגונג אַרויסצוגעהן אָהן זייערע געווער און נעהמען מיט זיך נאָר אַזוי פיעל, וויפיעל אַ קעמעל האָט געקאָנט טראָגען. אַזוי האָבען אויסגעוואַנדערט זעקס הונדערט אידען מיט זייערע פרויען און קינדער, געהענדיג פרעהליך מיט געזאַנג און מוזיק. אַ טייל פון זיי האָט זיך בעזעצט ביי די אידען אין כאיבאר (חבור), און דער אַנדערער — געבען יריחו און אדרעי, אויף יענער זייט ירדן (זומער 625).

יענע בני נאַדהיר, וועלכע האָבען זיך בעזעצט ביי די חבור (אין כאיבאר) האָבען נישט געקאָנט אַזוי לייכט פערגעסען זייער אונגליק און האָבען ערשט אָנגעהויבען צו אַרבייטען צווישען מחמד'ס געגנער אויפצוהויבען געגען איהם אַ גאַנצע קאָאַליציע און קעמפפען מיט איהם מיט פעראייניגטע כחות. דריי אָנגעזעהענע אידען פון די בני נאַדהיר: חויית, קינאנה אבן אול-רביה און סאלאם-אבן-משכן, האָבען אָנגערייצט די קאַרייש׳יטען אין מעקאַ, ווי אויך אַנדערע אַראַבישע שבטים געגען דעם טיראַנישען נביא, וועלכער איז מיט יעדען טאָג געוואָרען מעכטיגער און גרויזאַמער. די קאַרייש׳יטען זענען אפילו אויך געווען ערפילט מיט האַס געגען מחמד, אָבער אָהן דער אויפרייצונג פון די אידען וואָלטען זיי זיך נישט בעשלאָסען אָנצוהויבען מיט איהם פיהרען מלחמה. ענדליך האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט די קאָאַליציע פון די אַראַבער געגען מחמד דורך דער גרויסער בעמיהונג פון די בני נאַדהיר. שווערער איז אָבער געווען די בני נאַדהיר צו דערוועקען די אידישע שבטים, די בני קוראיזאַ, צו דערוועקען, אַז זיי זאָלען טיילנעהמען אין דער מלחמה. זייער נשיא קאַאַב-אבן-אַסאַד, האָט אפילו גאָר ניט געוואָלט אַריינלאָזען צו זיך אין שטוב דעם שליח פון די בני נאַדהיר, ווייל זיין שבט האָט געהאַט געשלאָסען אַ בונד מיט מחמד און זיינע מאמינים, און ער איז געווען גענוג פערבלענדעט צו גלויבען, אַז מחמד וועט געגען איהם האַלטען וואָרט און געטריישאַפט. דער שליח האָט אָבער אַזוי לאַנג מיט איהם גע׳טענה׳ט, ביז ער האָט איהם דערוויזען, אַז מחמד איז אַ שרעקליכער שונא די אידען און דאָס פריהער אָדער שפּעטער וועלען אויך זיי, די בני קוראיזאַ, מוזען ליידען פון איהם און זיין אַכזריות; דערחביי האָט דער שליח אָנגעוויזען, אַז דער מאָמענט איז זעהר גינסטיג מלחמה צו-

פיהרען געגען מחמד, ווייל אלע זיינע פיינד האבען זיך געגען איהם מיט אמאל פעראייניגט. די בני קוראיזא האבען ענדליך איינגעשטימט און זענען אויך צוגעשטאנען צום בונד געגען מחמד. — אזוי ארום זענען ארויסגעטרעטען צעהן טויזענד מאן פערבינדעטע, וועלכע האבען געהאפט אנצופאלען אויף מעדינא פלוצלונג. עס האבען זיך אבער געפונען צווישען די פערבינדעטע פעררעטער, וועלכע האבען מחמד'ן מודיע געווען און באצייטענס די סכנה, וואס ס'שטעהט איהם פאר, און נישט דערווארטענדיג זיך ארויסצוטרעטען געגען אזא גרויסען שונא אין אפענעם פעלד, האט מחמד געלאזט ארומגראבען מעדינא מיט טיפע גראבענס און גוט באפעסטיגען איהר. די אראבער, וועלכע זענען גרויסע גבורים אין אפענעם פעלד, ווען זיי קעמפפען רייטענדיג אויף זייערע פערד איינער געגען דעם אנדערן, האבען נישט געהאט קיין מיטעל, ווי אזוי איינצונעהמען א פעסטונג. אומזיסט האבען זיי געשאסען מיט זייערע פיילען אין שטאדט אריין, די מויערן זענען דאדורך נישט איינגעפאלען און מחמד האט זיך געקאנט זיצען הינטער זיי גאנץ רוהיג. גאר אהן ארבייט אבער איז ער נישט געזעסען. דורך זיינע שלוחים איז איהם געלונגען צו פיהרען אינטריגען צווישען זיינע בעלאגערער און פערשפרייטען צווישען זיי שנאה און קנאה. די גראבען-מלחמה, ווי מען האט זי שפעטער א נאמען געגעבען, האט זיך געענדיגט גליקליך פאר מחמד'ן און איז געווארען העכסט פערדערבליך פאר די אידען, וועלכע האבען געדארפט זיין פעראנטווארטליך פאר'ן גרויסען צארן פון מחמד'ן. באלד נאכדעם, ווי די פערבינדעטע שבטים האבען ארונטערגענומען די בעלאגערונג פון שטאדט, האט מחמד ערקלערט פאר זיינע מאמינים אז ער האט ערהאלטען א באפעהל דורך דער נבואה, צו געהן באלד האלטען מלחמה מיט די בני קוראיזא. מיט דריי טויזענד מאן איז ער געגאנגען די אידען תיכף ארומגעטראטען און האט זיינע לייט עלעקטריזירט מיט א שרעקליכען פאנאטישען פייער. „ווער עס איז געהארכזאם גאט — האט מחמד אויסגערופען — יענער זאל תפלה טהון נעבען די בני קוראיזא (דאס הייסט: ער זאל באפאלען אויף זיי מיט'ן גרעסטען אימפעט)“. זייענדיג צושוואך אויפצונעהמען די מלחמה אין אפענעם פעלד, האבען די אידען זיך איינגעצויגען אין זייערע פעסטונגען און ארומגעגראבען זיך מיט טיפע גראבענס און הויכע בערג. מחמד האט זיי בעלאגערט אין א משך פון פינף און צוואנציג טעג (ווינטער 627). ביי די אידען האט ענדליך פערפעהלט לעבענסמיטעל, און זיי האבען זיך געמוזט אונטערגעבען דעם פיינד. פון מחמד'ן האבען זיי פערלאנגט, אז ער זאל זיך מיט זיי באגעהן אויך אזוי, ווי מיט די בני נאדהיר. דאס הייסט: ער זאל זיי לאזען ארויסציהען זיך פריי מיט די ווייבער און קינדער, נעהמענדיג מיט זיך נור דאס, וואס זיי קאנען טראגען. מחמד האט אבער געטראכט נור וועגען נקמה, און ער האט דעריבער געפאדערט, אז זיי זאלען זיך אונטערגעבען אהן קיין שום

בעדינגונגען, נור אינגאנצען אונטערציהען זיך זיין ווילען. זיעבען הונדערט אידען, צווישען זיי אויך די אנפיהרער קאאב או חוייה, זענען באלד נאכדעם אויסגע'שחט'ן געווארען אויף אנ'עפענטליכען פלאץ אין מעדינא און אריינגעווארפען געווארען אלע אין איין גרוב. דער פלאץ האט בעקומען דעם נאמען „דער מארק פון קוראיזא“. דער דאזיגער שענדליכער טהאט איז אבגעטהון געווארען אין גאט'ס נאמען. אין אלקאראן איז פאראן וועגען דעם א פסוק: „גאט האט פערטריבען יענע פון די שריפטקענער (די אידען), וועלכע האבען זיך פערבונדען מיט די אראבער, און, פעריאגענדיג זיי פון זייערע בעפעסטיגטע ערטער, האט ער געווארפען אויף זיי אנ'אימה. א טייל פון זיי האט איהר דער'הרג'עט, אנדערע האט איהר גענומען געפאנגען. זייער לאנד מיט זייערע וואוינונגען און גיטער, אין וועלכע איהר האט קיינמאל נישט אריינגעטרעטען, האט איהר גע'ירש'ענט. גאט איז אלמעכטיג“. די אידישע פרויען האבען די אראבער צווישען זיך אויסגעטיילט געגען פערד און געוועהר, און איין שיינע מיידעל, ריחנא (Rihäna) האט מחמד איבערגעלאזען פאר זיך פאר א קעבסווייב. אבער דאס מיידעל האט איהם שטאלץ בעגעגענט מיט אבשוי און נישט געוואלט צו איהם געהערען. צווישען די פעראורטיילטע צום דער'הרג'ענען איז אויך געווען דער איד זביר אבן בטה, וועלכער האט אמאל ארויסגעראטעוועט דעם אראבער תבית פון טויט און קנעכטשאפט. איצט האט תבית זיך געווארפען צו די פיס פאר מחמד'ן, בעטענדיג, אז ער זאל שענקען דעם אידען דאס לעבען. מחמד האט דערויף איינגעשטימט און געשאנקען דעם אראבער דעם איד זביר מיט זיין משפחה און גאנצען פערמעגען. דער איד זביר האט אבער זיך געווענדעט צום אראבער תבית מיט די פאלגענדע פראגען: „וואס איז געווארען מיט אונזער קצין קאאב? — מען האט איהם דער'הרג'עט. — „און וואו איז אונזער נשיא חוייה?“ — ער איז טויט. — „און אונזער גבור עוזיאל בן שמואל?“, האט זביר ווייטער געפרעגט. — דער'שחט'ן. — „אויב אזוי האט זביר אויסגערופען — טא צו וואס טויג מיר דאס לעבען? טהו מיט מיר דעם חסד און דער'הרג'עט מיך אליין, אידער דאס זאלען טהון מחמד'ס אכזרים“. — דער אראבער האט איהם דעם חסד געטהון.

א יאהר שפעטער איז אויך געקומען די ריהע פאר די אידען פון כאיבאר (חבור), וועלכע האבען געלעבט איינגעטיילט אין קליינע פרייע רעפובליקען. די מלחמה געגען כאיבאר איז אבער נישט געווען קיין לייכטע און זי האט זיך פערצויגען גאנץ לאנג. די דארטיגע אידען האבען געהאט זעהר פיעל גוטע פעסטונגען און אליין זענען זיי געווען גרויסע גבורים און האבען געהאלטען פאר א לעבעדיגע פעסטונג. די ארויסגעטריבענע פאי נאדהיר האבען דערוועקט זייערע ברידער אין כאיבאר צו א מוטיגען קאמפף. די אראבישע שבטים גהאטאפאן און פעזארא האבען זיי אויך צוגעזאגט הילף. די נשמה פונ'ם

ניעם בונד געגען מחמד איז געוועזען דער אידישער נשיא פון די בני
נאָדהיר קיטאָמאַ אַבּן־אַבּו לאַרבּיָה, אַ מענש, וועלכער איז געוועזען אַ
גרויסער קנאי און אַ גבור, וועלכען די אַראַבער פלעגען רופען „דער אי־
דישער קעניג“. צוזאַמען מיט איהם איז געשטאַנען דער אידישער
ריעז מאַרהאַב, וועלכער איז געוועזען בעוואוסט אין גאַנץ אַראַביען מיט
זיין גבורה. מחמד האָט זיך דעריבער געווענדעט צו גאָט מיט אַ היימער
תפלה פאַר דער מלחמה, אַז ער זאָל איהם געבען דעם נצחון איבער די
אידען פון כאַיבאַר. צו דער מלחמה האָט מחמד פערזאַמעלט פיערצעהן
טויזענד מאַן, און געדויערט האָט די מלחמות צוויי חדשים (628). אָנגע־
הויבען האָט מחמד די מלחמה אויף זיין געוועהנליכען שטייגער: ער האָט
אויסגעהאַקט די פאַלמען־וועלדער, פון וועלכע די אידישע בעפעלקערונג
האָט געהאַט איהר חיונה. די קלענערע פעסטונגען האָט ער אונטערגע־
צוואונגען און איינגענומען. שווערער איז געוועזען די מלחמה פאַר דער פעסטונג
קאַמוס, וועלכע איז געשטאַנען אויף אַ הויכען באַרג און איז געווען שווער
איינצונעהמען. פיעל מאָל האָבען די האַרטיגע אידען אָבגעוואָרפען דעם
שטורם צוריק. אַבּו־בכר און אָמאַר, די צוויי גרעסטע פעלד־הערען פון
מחמד, וועלכע זענען שפּעטער געוועזען די ערשטע מחמד'אַנישע כאַליפען,
האָבען פאַר דער דאָזיגער פעסטונג פערלוירען זייער בערימטקייט אַלס
גבורים, דען זיי האָבען געהאַט גרויסע מפלות; דער אידישער גבור מאַר־
האַב האָט בעוויזען אמת'ע וואונדערליכע מעשים מיט זיין גבורה, בע־
זונדערס, ווען ער האָט גענומען נקמה פאַר'ן טויט פון זיין ברודער
האַריט, וועלכער איז אין דער מלחמה געפאַלען. ווען מחמד האָט דער־
נאָך אַרויסגעשיקט געגען איהם זיין גרויסען גבור עלי, דעם שפּעטער־
דיגען כאַליף, האָט דער אידישער גבור מאַרהאַב אויסגערופען שטאָלץ:
„גאַנץ כאַיבאַר קען מיך אַלס אַ גרויסען גבור, איך בין גוט בעוואָפענט
און אויסגעפּרובּירט אין שלאַכט־פעלד, אַדרבה, קום אַרויס, לאָמיר זיך
פערמעסטען“, אָבער אויך זיין שעה האָט געשלאָגען. אין קאַמפף מיט אַנ־
אַראַבּישען גרויסען גבור איז ער ענדליך געפאַלען טויט. — נאָך פיעל
אַנשטרענגונגען איז מחמד'ן ענדליך געלונגען איינצונעהמען אויך די פע־
סטונג קאַמוס; ווי אַזוי ער האָט זיך בעגאַנגען מיט די געפאַנגענע איז
אונבעוואוסט. דעם אידישען אָנפיהרער, איבּן־אַבּו לאַרביָה, האָט מען
לאַנג געפּייניגט מיט מורא'דיגע יסורים, אַז ער זאָל ענטדעקען, וואו עס
געפינען זיך די אידישע אוצרות בעגראָבען, אָבער ווי די אַמאָליגע
קנאים האָט ער בעסער געוואָלט שטאַרבען, איידער צו ענטדעקען דעם
פיינד, וואָס ער האָט פון איהם געפאָדערט. נאָכ'ן איינגעהמען פון דער
גרויסער פעסטונג קאַמוס, האָבען די איבריגע אידישע פעסטונגען זיך
אונטערגעגעבען, נאָכדעם ווי מען האָט זיי צוגעזאָגט, צו לאָזען אָבציהען
פריי מיט זייער געוועהר. שפּעטער זענען זיי געבליבען צוריק וואוינען אין
זייער לאַנד, נור זיי האָבען געמוזט געבען אַנ'אָבצאָהל — די העלפט פון

זייערע הכנסות יעהרליך. דאס אידישע פערמעגען האבען מחמד'ס לייט געראובט, און זענען צוריקגעקומען אין מעדינע מיט גרויסער אידישער עשירות. אויך די גרויסע פעסטונגען פאדאק, וואדילקורא און תימה האבען זיך אונטערגעגעבען מחמד'ן, און אויף די איינוואוינער האט מען ארויפגעלעגט א גרויסען אפצאהל. — דאס יאהר 628 איז בכלל פאר די אידען געוועזען זעהר אן'אונגליקליכער: מחמד האט אבגעהאלטען גרויסע נצחונות איבער די אידען פון כאיבאר, און אין אראביען האבען די אידען פערלוירען זייער לעצטע אונאבהענגיגקייט און מאכט; אין ארץ ישראל האבען אין יענעם יאהר די אידען געליטען גרויסע רדיפות דורכ'ן קייזער הערקליוס, וועלכער האט דאמאלס ווידער אבגענומען סיריען און פאלעסטינא פון פערסיען. דאס שווערד פון די חשמונאים, וועלכע איז איבערגעגאנגען פריהער בירושה צו די קנאים אין ארץ ישראל און דערנאך צו די אידען אין כאיבאר און אנדערע געגענדען אין אראביען, וואו די אידען האבען מיט גבורה פערטיידיגט זייער פרייהייט און כבוד, איז ענדליך ארויסגעריסען געווארען פון זייערע הענד און פון איצט אן האבען די אידען שוין מעהר קיין מלחמות נישט געפיהרט. אנשטאט דעם שווערד האבען זיי זיך גענומען פאר'ן ספר און זייער כבוד האבען זיי בעשיצט, פערטיידיגענדיג זייער תורה, וועלכע איז ענדליך געבליבען זייער איינציג היילינטום.

מחמד האט פון זיינע מלחמות מיט זיך געבראכט צוויי שענע אידישע פרויען פון כאיבאר: די פרוי ספיה, די טאכטער פון זיין בלוטפיינד חוייה, פון די בני נאדהיר, וועלכען ער האט געלאזט דער'הרג'ענען אין מעדינא, און מארהאב'ס שוועסטער, די שענע זיינאב. די דאזיגע מוטיגע פרוי האט אויסגעזוכט א מיטעל, ווי אזוי נקמה צו נעהמען פונ'ם מערדער פון איהרע ברידער און איהר פאלק. זי האט זיך פערשטעלט, אז זי ליעבט איהם און האט איהם מכבד געווען מיט געסמ'טען פלייש. איינער פון מחמד'ס לייט האט דאס פלייש געגעסען און געפאלען טויט. מחמד'ן אבער איז דער טעם פונ'ם פלייש פארגעקומען וואונדערליך, און ער האט איהם אויסגעשפיגען. זיין לעבען האט ער אבגעראטעוועט, אבער דער סם האט איהם איבערגעלאזען א מחלה, פון וועלכער ער האט געליטען זיין גאנצען לעבען. ווען מחמד האט געפרעגט ביי זיינאב'ן, פאר וואס זי האט איהם געוואלט פער'סמ'ן, האט זי געענטפערט קאלטבלוטיג: „דו האסט געבראכט אויף מיין פאלק גרויסע אונגליקען, און איך האב דעריבער געטראכט: אויב דו ביזט נישט מעהר ווי א געוועהנליכער קעמפפער, וויל איך דיך פער'סמ'ן און בעפרייען מיין פאלק פון א רוצח; אויב אבער דו ביזט א נביא, וועט דיר גאט מזהיר זיין, אז דו זאלסט קיין פערדערבליכע זאך נישט עסען און עס וועט דיר, ממילא, נישט שאדען". מחמד האט איהר באלד געלאזט בעשטראפען מיט'ן טויט. — די אידען אין אראביען האבען אבער נאך אלץ נישט

פערלוירען די האפנונג צו בעפרייען זיך פון זייער שרעקליכען פיינד. זיי האבען אנגערייצט די אראבער, וועלכע זענען געוועזען זיינע געגנער און געקעמפפט מיט זיי צוזאמען געגען איהם. דאס הויז פון אידען אין מעדינא, סובאילים, איז געווען דער צענטער, וואו עס פלעגען זיך פערזאמלען די אונצופריעדענע מיט מחמד'ן, וועלכע פלעגען איהם מיט זיינע מהנות רופען: „די פאלשע שווינדלער". מען האט איהם אבער פערראטען, און מחמד האט געלאזט זיין הויז פערברענען.

ווען מחמד איז געשטארבען (632), האבען די אידען און אראביען געשפירט א גרויסע שמחה, דען זיי האבען געגלויבט, אז די אראבער וועלען זיך איצט אויסהיילען פון זייער פאנאטישען גלויבען אין איהם, אז ער איז אן'אונשטערבליך איבערנאטירליכע בעשעפעניש. אבער דער פאנאטיזם האט זיך שוין ביי די אראבער פעראייניגט מיט זייער חשק בלוט צו פערגיסען און מאכען נצחונות. די העסליכע מענשענפיינדליכע בלעטער פון אלקאראן האבען זיי אנגענומען גלייך מיט די גרויסע וואהרהייטען, וועלכע מחמד האט ביי די אידען איבערגענומען; אלץ צוזאמען פערהייליגענדיג, אלס א געטליך בעפעהל. דאס אידענטום האט בעקומען אינ'ם איסלאם, וועלכער האט זיין יניקה פון איהם געהאט, א נייעם שונא. דער אלקאראן איז געווארען דאס רעליגיעזע גרונדבוך פאר א גרויסען טייל פון דער מענשהייט אין דריי ערד-טיילען: אזיען, אפריקא און איירופא, און וויל אין איהם געפינען זיך זעהר פיעלע שטעלען, וועלכע אטעמען מיט שנאה געגען די אידען, האבען די אידען בעקומען נייע שונאים, אויסער די קריסטען: די מחמד'אנישע פעלקער. דער פאנאטיזם פונ'ם צווייטען כאליף עמאר, וועלכער האט איבערגענומען די ממשלה באלד נאך מחמד'ס טויט, איז אזוי גרוים געווען, אז ער האט געבראכען דעם שלום-בונד, וואס מחמד האט געשלאסען מיט די אידען פון כאיבאר און האט זיי פערטריבען פון זייער לאנד. אזוי האט ער אויך געטהון מיט די קריסטען פון נאדזשראן, כדי „דער הייליגער באדען פון אראביען זאל נישט ווערען טמא דורך די אידען און קריסטען". די לענדער, וועלכע האבען געהערט צו די אידען, האט עמאר אפגעגעבען די מחמד'אנישע קעמפפער, און די פערטריבענע אידען האט ער אנגעוויזען א געגענד אויף צו בעזעצען זיך אין דער געגענד פון דער שטאדט קופא, אויף דעם טייך עפריט (640). פון אזא ווילדער נאטור, ווי עמאר איז געווען, איז נאך דאס אויך געווען א גרויסער חסד.

אבער ווי אין דער געשיכטע איז בכלל נישטא קיין אבסאלוטע אונגליקען, אזוי איז אויך דאס ענטשטעהן פונ'ם איסלאם, אדער פון מחמד'אנישען גלויבען, געווארען מיט דער צייט א גליק פאר'ן אידענטום, דען עס האט איהם דערהויבען פון זיין שפלות און געשטעלט איהם צוריק אויף א הויכער מדרגה.